STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10506

DER LEBNSVEG FUN B. DOBRYANSKI

M. Senderey

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. שענדעריי

דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי



ה פייגענבלום.

מ. שענדערײ

לידיד יקר ונכבד מר א. שאט
ספר שני והוא [illegible]
באהבה והוקרה
המחבר
מ. שנדרי[illegible]

דער לעבנסװעג פֿון ב. דאָבריאַנסקי

פֿאַרלאַג
פּועלי ציון-התאחדות

בוענאָס אײרעס, התשכ״ב — 1962

הקדמה פון מחבר

צווישן די ייִדישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע וואָס זענען פּאַרטיקולאַר געוואָרן אין זייער פיל גרעסטן טייל און האַלטן דאָך אַן אַ גרעאַנגל פאַר זייער ייִדישן קיום, איז כמעט פאַרזען געוואָרן דער ישוב פון דרום־רוסלאַנד, צווישן אוקראַיִנע און דעם שוואַרצן ים, דער געביט פון די ייִדישע קאָלאָניעס געגרינדעט פון די צאַרן, וואָס האָבן געדינט ווי דער יסוד פאַר אַ גרויסן אַקטיוון ישוב, וועלכער האָט געהאַט זיין קולטור־צענטער אין אָדעס. דער דאָזיקער ישוב איז אויך אין די גוטע צייטן פאַרשוויגן געוואָרן; ער איז געווען דער ייִנגסטער פון אַלע ייִדישע ישובים אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט מען אים נישט גערעכנט פאַר קיין באַזונדער איינס אין דער אַלגעמיינער פּאַנאָראַמע פון די פיל עלטערע ישובים: פּוילן, ליטע, רייסן, באַלטיק, אוקראַיִנע אאַז״וו. אָפטער פלעגט ער איינגעשלונגען ווערן אין חשבון פון דעם אוקראַיִנער ישוב, צו וועלכן ער איז טאַקע געווען געאָגראַפיש נאָענט אָבער פון וועלכן ער איז געווען גאַנץ פאַרשידן. אין דרום־רוסלאַנד זענען כמעט נישט געווען קיין חסידישע הויפן, געווען ווייניק ישיבות און כמעט גאָרנישט קיין בתי־מדרשים. בלויז שילן. דערפאַר איז דאָרט געווען אַ סך פאַלקסטימלעכע האַרציקייט, אַ סך גרונטלעכע פעסטקייט, אַ פּועל־יוצא פון דער השפּעה פון די קאָלאָניעס, וואָס האָבן פאַרבונדן דעם ישוב מיט מאַמע־ערד, און וואָס זענען חרוב געוואָרן ערשט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה דורך די נאַצי־האָרדעס. עס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער ישוב, וואָס פאַרדינט אַז מען זאָל זיך מיט אים נענטער באַקענען.

דער ייִדישער ישוב פון דרום־רוסלאַנד האָט אַ שטאַרקע ענלעכקייט מיטן ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע, וואָס איז אויך אויפגעקומען אויפן יסוד פון קאָלאָניזאַציע, און נישט אומזיסט האָט די ייִקאָ געבראַכט אַ סך קאָלאָניסטן פאַר אירע קאָלאָניעס, פון די ייִדישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד. אין היפּש הינזיכטן איז אַרגענטינע אין משך פון יאָרצענדליקער געווען ווי אַ מין המשך פון דרום־רוסלאַנד.

אויף אָפּצושפּיגלען דעם מהות פון דעם דאָזיקן אַזוי אינטערעסאַנטן און אייגנאַרטיקן ישוב האָט דער מחבר קאָנצענטרירט זיין ווערק אַרום א יי ן פערזאָן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דרום־רוסלאַנד און האָט שפּעטער

עמיגרירט קײן אַרגענטינע, אין בײדע פֿאַלן איז ער געװען אַקטיװ אין ייִדישן לעבן, און זײַן לעבנסװעג שפּיגלט אָפּ ביז אַ געװיסער מאָס דעם מהות פֿון בײדע ישובים, בעיקר פֿון די געביטן פֿון די ערדאַרבעטער־קאָלאָניעס, װאָס זענען אין זײ געשאַפֿן געװאָרן.

דאָס בוך איז דערפֿאַר אײנגעטײלט אין צװײ טײלן: „װי װילדגראָז אין סטעפּ", װאָס שפּיגלט אָפּ דאָס דרום־רוסישע ייִדישע לעבן, און „זכרונות פֿון אַ ייִקאָ־לערער", װאָס שפּיגלט אָפּ דאָס ייִדישע לעבן אין אַרגענטינע. אין בײדע פֿאַלן זענען באַשריבן געװאָרן די געגנטן פֿון די קאָלאָניעס דאָ און דאָרט, און די שטעט און שטעטלעך אַרום זײ. פֿאַראַן אַ געװיסער המשך צװישן בײדע געביטן.

מ. דאָבריאַנסקי, די צענטראַלע פֿיגור פֿון װערק איז נישט קײן אױסגעטראַכטע געשטאַלט. אַזױ אױך די אַלע אַנדערע געשטאַלטן װאָס קומען אין װערק, װאָס איז פֿון ביאָגראַפֿישן כאַראַקטער נאָר אױף אַזױ פֿיל אױף װיפֿל די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ יחיד קען אָפּשפּיגלען די פּראָבלעמען פֿון אַ כּלל. די רײן־פּערזענלעכע מאָמענטן אין לעבן פֿון מ. דאָבריאַנסקי זענען מיט אַ כּיװן דורכגעלאָזט געװאָרן אין אַלע פֿאַלן װען זײ שפּיגלען נישט אָפּ קײן אַלגעמײנע שטריכן פֿון ישוב. זײַן ביאָגראַפֿיע איז בלױז דער פּענזל מיט װעלכן עס װערט געמאָלט די ייִדישע סביבה פֿון די צװײ ישובים, װאָס זענען געאָגראַפֿיש אַזױ װײַט און זעליש אַזױ נאָענט אײנער צום צװײטן אין זײער מהות.

זאָל דאָס װערק דינען װי אַן אַנדענק פֿאַרן ישוב פֿון דרום־רוסלאַנד, װאָס האָט נישט זוכה געװען צו דערגרייכן זײַן פֿולע ייִדישע אַנטװיקלונג און װי אַן אָנרעגונג פֿאַר אונדזער ישוב אין אַרגענטינע, װאָס זאָל באַקרעפֿטיקן זײַן שטרעבונג צו אַ פֿולקאָם ייִדיש לעבן אין אַלע הינזיכטן.

דער מחבר

ערשטע טייל

ווילדגראָז אין סטעפּ

קאַפּיטל 1

יידישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד

אויך אין דער אַלטער וועלט זענען געווען רעלאַטיוו נייע יידישע היי־מען, בעיקר אין רוסלאַנד, וואָס האָט אויסער דעם הויפּן יידן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין מזרח־אוקראַינע נאָך איר אָנשליסונג אונטערן רוסישן פּראָ־טעקטאָראַט אין 1654 נישט געהאַט קיין וויכטיקע יידישע ישובים, ביז דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אין 1772.

מיט די געוועזענע פּוילישע געביטן האָט רוסלאַנד איבערגענומען די איינגעפונדעוועטע יידישע ישובים מיט אַ קיום פון יאָרהונדערטער, מיט אַ טראַדיציע פון תורה, בתי־מדרשים און ישיבות. אָבער כמעט איינצייטיק מיט דער צעטיילונג פון פּוילן האָט רוסלאַנד דעראָבערט דעם געביט פון די דרום־סטעפּעס, וואָס לויפן ביזן שווארצן ים. אין די דאָזיקע סטעפּעס האָבן די צאַרן אַלעקסאַנדער דער ערשטער און ניקאָלײַ דער ערשטער געגרינדעט, אין דער ערשטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט יידישע ערד־אַרבעטער־קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך זייער פּיין אַנטוויקלט. די קינדער פון די ערשטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן אין קאָלאָניע זיך נישט געקענט איינאָרדענען צוליבן כלל, אַז „מענטשן ווערן געבוירן, אָבער ערד נישט", האָבן נישט געקענט אָפּגעבן זיך מיט ערד־אַרבעט, וואָס איז די יידן אויסער די דאָזיקע געציילטע קאָלאָניעס געווען פאַרבאָטן, האָבן זיי געמוזט אַוועק אין די שטעט און שטעטלעך פון דעם געביט, ווו זיי האָבן אויפגעבויט יונגע יידישע ישובים, מיטווירקנדיק גלייכצייטיק צו דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע מקומות.

דאָס זענען געווען נייע קהילות, אָן איינגעוואָרצלטקייט, אָן לאָקאַלער טראַדיציע, אָפילו אָן יחוס. דער עלעמענט איז געווען אַ „צונויפגעפאָרענער", שוואַך איז אויך געווען דער ענין פון תורה־לערנען. כמעט אין דער גאַנצער געגנט וואָס האָט זיך גערופן „סטיעפּנאָי קראַי" — דער געביט פון די סטעפּ־פּעס, זענען קיין ישיבות נישט געווען. קיין בתי־מדרשים ווו מען לערנט תורה יומם ולילה — אויך נישט; די ישובים האָבן אויסגעאַרבעט ספּעציעלע אייגנשאַפטן פאַר זייער יידישער דערהאַלטונג: פאַלקסטימלעכקייט, האַרצי־קייט, יידיש לשון, כאָטש שטאַרק געמישט מיט רוסישע און אוקראַינישע עלעמענטן. מען האָט אָפּגעהיט שבת און יום־טוב, אַוודאי ימים־נוראים, אָבער פון תורה־לערנען איז מען געווען ווייט. בלויז אין חדרים האָט מען איינגע־

זאַפּט אַביסל וויסן פון ייִדישקייט. ווער עס האָט געקענט אַ פּרשה חומש מיט רש״י, איז שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ וויללערנער; קענען תנ״ך איז געווען אַ הויכע מדרגה, לומדים אין תלמוד זענען כמעט נישט געווען, סיידן פון צווישן די אָנגעקומענע פון ליטע. אויך דער אַלגעמיינער קולטור־ניוואָ איז נישט געווען איבעריק הויך. רבנים און אַנדערע כלי־קודש האָט מען מערסטנס באַצויגן פון אַנדערע מקומות; מלמדים פלעגן אַליין קומען פון ליטע, ווײַסרוסלאַנד און פּוילן. דער מאָדערנער העברעיִשער לערער האָט זיך באַוויזן העט שפּעטער. עס איז געווען אַ ישוב פון ייִדן פּראָסטאַקעס, אָבער גוטע, האַרציקע מענטשן.

און ווען עס האָבן זיך, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן די פּאָגראָמען און רדיפות, האָט די ייִדישע יוגנט וואָס האָט שוין געלערנט אין מיטל־ און הויך־שולן, אָדער געווען „עקסטערנעס״, זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָבער דער „בונד״ איז געווען שוואַך אויסער רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. אין יענע ווייטע קאַנטן איז ער כמעט נישט ניכר געווען, זענען ייִדישע יונגעלײַט אַרײַן מערסטנטייל אין רוסישע און אוקראַיִנישע פּאַרטייען. פון יענער געגנט שטאַמט לעאָן בראָנשטיין — טראָצקי; אויף פּראָסט ייִדיש: „לייבל״ — „אויף קיין גוטן אָרט זאָל ער נישט שטיין״, ווי ווײַבער פלעגן זאָגן.

דערציִען קינדער אין ייִדישער און אַלגעמיינער קולטור איז אויך שפּעטער געווען אין יענע מקומות אַ גאַנץ האַרב לייעניש. געווען זענען געווען חדרים, אַפילו גמרא־מלמדים, שפּעטער אויך לערער פון רוסיש און אַלגעמיינע לימודים. אָבער דאָס אַלץ צוזאַמען איז נישט גענוג געווען אויף צו שאַפן אַ קולטור־סביבה; דאָך האָט דער געגנט געגעבן צוויי גרויסע ייִדישע פּאָעטן; שמעון שמואל פרוג אין רוסיש און ייִדיש, שאול טשערניכאָווסקי אין העברעיִש.

אָבער בכדי צו דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה האָבן נישט אַלע געהאַט טאַלאַנט און מעגלעכקייטן: דער אויסנאַם באַשטעטיקט בלויז דעם כלל, אָבער ער ענדערט אים נישט, און נישט איין ייִדישער טאַלאַנט איז טאַקע פאַרלוירן געגאַנגען אין דער סביבה פון פּראָסטאַקעס.

איז כדאַי צו מאָלן אָט די סביבה, ווען וועלכער מען ווייסט רעלאַטיוו ווייניק אין דער גרויסער ייִדישער וועלט; דערציילן וועגן אַ ווייניק באַקאַנטן ייִדישן לעבן, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן פריִער פון רוסישן בירגער־קריג, שפּעטער פון די נאַציס ימ״ש, נאָך שפּעטער פון די קאָמוניסטן. בכדי צו געבן דער באַשרייבונג אַ געוויסע איינהייטלעכקייט, ווערט איר געגעבן אַן אויטאָביאָגראַפישער כאַראַקטער. דער לעבנס־וועג פון אַ געראָטן בחורל פון יענע מקור־

מות, וואָס האָט פיל געליטן, היפּש געוואַנדערט, איינגעשאַפּט זיך אַ היפּשע קולטור, אַן אַלגעמיינע ווי אַ יידישע. אָבער אַלץ ווי אַן אויטאָדידאַקט, אַן אַ געהעריקער סביבה, סיסטעמלאָז, אָנגעכאַפּט פון דאַנען און פון דאָרטן, אויס־געוואַקסן ווי ווילדגראָז אין פעלד.

ברייט און ווייט ציִען זיך די אומענדלעכע סטעפּעס. גלאַט און פלאַך איז דער באָדן. זעלטן ווו אַביסל געפאַלדעוועט, געכוואַליעט, טראָגן זיך אי־בער די אומענדלעכקייטן בייזע ווינטן — הייסע אין זומער, ביטער־קאַלטע אין ווינטער. נישטאָ קיין בערג וואָס זאָלן זיי אָפּהאַלטן, פאַרשטעלן דעם וועג, אָדער וועלדער וואָס זאָלן צוימען זייער ווּט. יעדער געוויקס איז אויס־געשטעלט צו זייערע קאַפּריזן. הויך־שטאַמיקעביימער זענען זעלטן, בלויז נידעריקע קוסטעס און העכערע גראָזן, מוזן זיך בייגן ביז דער סאַמע ערד בכדי די ווינטן זאָלן זיי נישט אויסרייסן מיטן וואָרצל.

ווי־נישט־ווו ווערט די מאָנאָטאָניקייט פון געפאַלדעוועטן סטעפּ איבער־געריסן פון אַן איינזאַם, גאַנץ הויך, קיילעכדיק בערגל, אַ „קורגאַן" רופט מען עס אין יענע מקומות, אָדער „מאָהילע" —קבר. דאָס זענען טאַקע קברים פון די הויפּטן פון די נאָמאַדן־שבטים, סלאַווישע און מאָנגאָלישע, וואָס האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק געוואַנדערט איבער יענע סטעפּעס. ביי אַ סך פון די שבטים איז געווען דער מנהג צו באַגראָבן זייערע טויטע פירער צוזאַ־מען מיט זייערע רייט־פערד, יאַגד־הינט, רויב־פייגל, ווייבער, און כלים וואָס זיי האָבן גענוצט. אַמאָל פלעגט מען אויך טויטן עטלעכע דינער, זיי זאָלן באַדינען זייער האַר אויף זיין וועג און אין זיין לעבן אויף יענער וועלט. דאָס אַלץ פלעגט באַגראָבן ווערן אין אַ גרויסן גרוב, וואָס מען פלעגט פאַרשיטן אין אָנהורבען אַ היפּש בערגל, אַ מין מצבה, אין אַ געגנט וואָס האָט ווייניק שטיינער: אַן אָנדענק פאַר די צוקונפטיקע דורות, אַ שטומער עדות פון דעם ווייטן עבר.

טראָגט זיך פון די איינזאַמע טויטן־בערגלעך אַן אַן אומעט פון דורות, אַ טרויער און אַן אומבאַשטימטע בענקשאַפט וואָס פילט אָן דעם געמיט פון די סטעפּעס־איינוווינער. זענען טרויעריק זייערע לידער, קלינגט עלנטער אומעט אין זייערע געזאַנגען. אַפילו זייערע חתונה־ניגונים זענען דורכגעזאַפּט מיט עפּעס אַ מין וויי.

און די עמפּינדלעכע נשמה פון אַ יידישן יוגנטלעכן, וואָס איז אין יענע מקומות אויסגעוואַקסן, האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן פון דעם אַרומיקן פּייזאַזש, די רחבותדיקייט פון די פעלדער, זייערע גרינע לעבעדי־קייט אין פרילינג און זומער, און זייער ווייסע טויטקייט אין ווינטער, אונ־טער אַ געדיכטער שניי־דעק. די גלי פון די פרימאָרגן־אויפגאַנגען און פון די

פֿאַרנאַכטיקע דעמערונגען, די שטילע בענקשאַפֿט פֿון פֿאַרחלומטע נעכט און דעם ווינט פֿון צעיאַכמערטע שניי־שטורעמס. נישט אומזיסט זאָגט אַ ייִדישער פּאָעט, אַז „דער מענטש איז גענומען פֿון ערד", אָבער זיין נשמה שטאַמט פֿון דעם פּייזאַזש אין וועלכן ער איז אויפֿגעוואַקסן און וועמענס אייגנאַרטי־קייטן ער האָט איינגעזויגן אין זיין פּריסטער יוגנט.

עס האָט אויך געווירקט די השפּעה פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, וואָס איז אויך געווען אַ ניי־באַזעצטע און פֿאַרשידנאַרטיקע: פּעסטע, גיריקע „קאַצאַפּעס" (גרויס־רוסן), זשוואָווע, טרויעריקע אוקראַינער (כאָכלעס), פֿלינ־קע, ממזרישע ציגיינער, און ייִדן פֿון כל־המינים — ליטוואַקעס, פּוילישע, פּאָ־דאָליער, אוקראַינער און פֿון ווייסרוסלאַנד. צו יענעם געגנט געהערט אויך אָדעס, אַ מישלינג־שטאָט מיט אַ גריכישן נאָמען און פֿאַרביקער באַפֿעלקע־רונג, מיט אַן אייגענעם אָטעם און אייגנאַרטיקן לעבנס־סטיל, וואָס האָט גע־בראַכט צום כלל, אַז „אָדעס איז נישט רוסלאַנד, אָדעס איז אָדעס". אַן „אָדע־סיט" איז געווען אַ שם דבר, דער נאָמען אַליין — אַ מין וויזיט־קאַרטל. די דאָזיקע אַזוי פֿאַרשידענע באַפֿעלקערונג האָט פֿאַראייניקט די רוסישע שפּראַך, וואָס האָט אויך באַאיינפֿלוסט דעם ייִדיש פֿון יענע מקומות, וועלכער האָט אין זיך אַ סך רוסישע עלעמענטן. טאָ זאָל זיך דער לייענער נישט חידושן ווען ער וועט אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען אָפֿט אָנטרעפֿן רוסישע אויסדרוקן, ווערטלעך — דאָס געהערט צום קאָלאָריט פֿון דאָרטיקן ייִדישן ישוב, אַ קאָ־לאָריט וואָס מוז אָנגעהאַלטן ווערן בכדי דאָס בילד זאָל אַרויס פֿולקאָם.

די דערציילונג איז אַן אמתע, נישט קיין אויסגעטראַכטע. זי מאָלט אַ ווייניק באַקאַנט ייִדיש לעבן און אין דער הינזיכט איז זי כמעט אַ היסטאָ־רישער דאָקומענט. האָפֿט דער מחבר אַז ייִדן וועלן לייענען און נישט נאָר הנאה האָבן, נאָר אויך באַקענען זיך מיט אַן אַספּעקט פֿון אַמאָליקן ייִדישן לעבן.

קאַפּיטל 2

„דאָלגאָזשדאַניק״*

בן־ציון איז געווען אַ „דאָלגאָזשדאַניק״. לאַנג האָבן זיינע פרומע טאַטע־מאַמע אַרויסגעקוקט אויפן חסד פון הימל, וואָס זאָל זיי בענטשן מיט אַ בן־זכר אַ בר־קימא. דאָס ערשטע קינד זייערס איז טאַקע געווען אַ יינגל — יעקבקע — ער האָט אָבער נישט אויסגעלעבט דעם ערשטן לעבנס־יאָר און איז שטיל אויסגעגאַנגען אין דעם אָרעמען לעבן פון ווייסרוסישן דאָרף, ווו טאַטע־מאַמע האָבן דאַן געלעבט.

נאָכן בחור האָבן אָנגעהויבן קומען טעכטער — זעקס אין צאָל — פון וועלכע איינע איז אַוועק פון דער וועלט אין די גאָר פריע קינדער־יאָרן; די אַנדערע פינף זענען געוואַקסן קרעפטיקע, מוטיקע, מונטערע און ענערגישע בהורטעס, וואָס האָבן דערפרייט דאָס האַרץ פון טאַטע־מאַמע, דערצו כשרע יידישע טעכטער, וואָס האָבן געטאָן ווי אין דער מיידלשער „מודה אַני״ האָט זיך געזאָגט: „איך וועל טאָן וואָס מ'הייסט, וואָס טאַטע־מאַמע און אַלע גוטע, פרומע לייט הייסן מיר צו גוטן טאָן״.

מעגלעך אַז אויפן געזונט פון די קינדער האָט געווירקט די גוטע לופט און די זאַטקייט פון לעבן אין דער יידישער קאָלאָניע פון דרום־רוסלאַנד, וווהין די קליינע פאַמיליע האָט אימיגרירט פון ווייסרוסלאַנד, און ווו די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער משפחה האָט ביי דער היפשער אָרעמקייט דאָך געקענט באַטראַכט ווערן ווי אַ נישקשהדיקע אין פאַרגלייך מיטן דלות ביי די אָרעמע פאַמיליעס פון ווייסרוסלאַנד.

אין גאַנץ אוקראַינע האָט מען שוין דאַן געגעסן ווייסע חלה „אין מיטן מיטוואָך״, קאַרטאָפל האָט מען געקויפט אויפן זאַק, טאָמאַטן און פּרוכטן אויפן עמער, גרינסן און קרויט אויפן קויש און די באַרימטע כערסאָנער קאַווענעס אויפן וואָגן. לויטן ווייסרוסישן מנהג האָט די משפחה שטענדיק געהאַט אַ בהמהלע ביים שטוב — איז מילך און פּראָדוקטן פון מילך געווען אַפילו צו פאַרקויפן, און פיש, פלייש און עוף זענען געווען נאָר אַ מותרות וואָס מען האָט זיך פאַרט געקענט פאַרגינען לכבוד שבת און יום־טוב.

וואָלט אַהרן־מלמד און זיין ווייב ראָסיע גאָרנישט געפעלט, ווען נישט דאָס וואָס דער בכור איז פרי געשטאָרבן און קיין אַנדער יינגל איז נישט

* אַ קינד אויף וועלכן מען האָט לאַנג געוואַרט.

געבוירן געוואָרן. און וואָס וועט זיין מיט אַ קדיש, נאָך הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר? אַ מענטש לעבט דאָך נישט אייביק.

מיט אמונה, בטחון און ליטווישער עקשנות האָט מען געוואָרט אַז גאָט וועט רחמנות האָבן. און גרויס איז געווען דאָס גליק, ווען נאָך פינף מייד־לעך איז דאָס זיבעטע קינד געווען אַ יינגל, אַ קרעפטיקער שרייערל, וואָס האָט זיך מיט זיין קולכל געלאָזט הערן גאַנץ ווייט איבער די ברייטע פעל־דער פון דער קאָלאָניע.

אָבער דאָס גרויסע גליק איז היפּש פאַרטונקלט געוואָרן פון נאָך גרעסע־רע פּחדים. אין דרום־רוסלאַנד איז שוין דאַן מיט יידישקייט נישט געווען אַזוי פוילגלדיק. דער נייער לעבנס־שטייגער האָט שוין געריסן שטיקער פון דער אַלטער טראַדיציע, וואָס איז נאָך אַוודאי געווען גענוג פעסט ביים רוב יידן, אָבער ביי יחידים האָט זיך שוין דער אַמאָליקער דרך אָנגעהויבן צו קרישלען. שוין געווען געגאָלטע מאָרדעס ביי יידן, ווייניק טאָקע — אָבער געווען. מען האָט געמורמלט, אַז דער און דער איז אַ מחלל־שבתניק ביי דער באַן־סטאַנציע ווו ער אַרבעט אַלס עקספּעדיטאָר. מען האָט אַפילו חושד גע־ווען, אַז פאַראַן ווער עס כאַפּט אַריין אַ טריפהנעם ביסן אין בופעט פון דער סטאַנציע. הכלל — נישט גוט...

האָבן בן־ציונס טאַטע־מאַמע שטאַרק געליטן פון דער מורא, טאָמער וואַקסט אויס זייער בן־יחיד און „דאָלגאָזשדאַניק" אַן אַפּיקורס, חס־ושלום. האָט יעדער איינער פון די עלטערן געקעמפט קעגן דער סכנה, מלחמה גע־האַלטן מיט די דרכים וואָס זייערע פאַרשידענע כאַראַקטערן האָבן דיקטירט.

די קורץ־געוויקסיקע גוט־האַרציקע מאַמעלע פלעגט אין מיטן וויגן איר אוצר, זיך באַגיסן מיט טרערן ביים געדאַנק אַז טאָמער וויגט זי גאָר אַ צור־קונפטיקן „גוי" חס־ושלום, און פלעגט זיך ווינטשן אַז בעסער זאָל דאָס קינד שטאַרבן, איידער זי זאָל ח"ו דערלעבן אַזאַ אומגליק. בן־ציון האָט אָפט גע־זויגן זיין מוטערס מילך געמישט מיט אַזעלכע טרערן, און דאָס האָט אים „פאַרסמט" מיט יידישקייט אויף זיין גאַנצן לעבן.

דער הויך־געוויקסיקער, קרעפטיקער און כאַראַקטער־שטאַרקער פאָטער האָט געהאָפט אַז ער וועט אַרום זיין הויזגעזינד אויפשטעלן אַ וואַנט, וואָס וועט זי אָפּגרענעצן פון דער אַרומיקער סביבה; אַז מעגן ל ײ ט ן טאָן ווי זיי ווילן, — ער און זיין פאַמיליע וועלן בלייבן טריי דעם יידישן לעבנס־שטייגער, דינים און מנהגים פון קדמונים, ווי זיי זענען פּראַקטיצירט גע־וואָרן אין דער פרומער גאָטס־פאַרכטיקער ווייסרוסישער שטעטעלע פון וואַ־נען ביידע — פאָטער און מוטער— האָבן געשטאַמט. אַזוי איז אַרום בן־ציונס וויגעלע אויסגעפאָכטן געוואָרן דער גרויסער געראַנגל צווישן אַלטער

און נייער ייִדישקייט. דער גערעגנגל איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין זיין נשמה כל ימיו.

פאַרשטייט זיך אַז ווי נאָר בן־ציון האָט אָנגעהויבן פלאַפּלען, האָט דער פרומער טאַטע מקיים געווען די גמרא, וואָס זאָגט: „תינוק שיכול לדבר, חייב אביו ללמדו תורה. מאי תורה? תורה צווה לנו משה" — ס'הייסט, אַז אַ קינד וואָס קען שוין רעדן, איז דער פאָטער מחוייב צו לערנען אים תורה. וואָס קען ביי אַזאַ פאַל הייסן תורה? די פראַזע: „תורה צווה לנו משה" — אַ לערע האָט אונדז פאַרזאָגט משה רבינו. דאָס זענען געווען פון די ערשטע ווערטער וואָס בן־ציון האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין קינדיש מיילעכל, כמעט גלייך מיט „טאַטע", „מאַמע".

און די פרומע מאַמעלע האָט איר בן־יחיד געלערנט: „מודה אני", ברכות און אַפילו דאָס קורצע בענטשן וואָס די פאַרצייטיקע עם־הארצים פלעגן זאָגן אויף אַראַמיש, זייער מוטער־שפּראַך: „בריך רחמנא מרא מלכא דהאי פתא" — געלויבט איז דער דערבאַרעמדיקער האַר, דער קעניג פון דעם ברויט...

ווען בן־ציון איז אַלט געווען אַ יאָר דריי, איז געבוירן געוואָרן אַ צווייטער ייִנגל — וועלוועלע. און די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער משפּחה איז שוין געווען אַזוי גוט, אַז די מאַמע מיט איר ניי־געבוירענעם ייִנגעלע האָבן געקענט מאַכן אַ לענגערן באַזוך אין „דער היים", ס'הייסט אין קליינעם שטעטעלע פון מאָהילעווער גובערניע, פון וואַנען די משפּחה האָט געשטאַמט.

פאַר די עטלעכע וואָכן וואָס די נסיעה הין און צוריק האָט געדויערט, האָט אהרן־מלמד צוגעגרייט פאַר זיין ווייבל אַ גאָר גרויסן סורפּריז. ער האָט אויסגעלערנט בן־ציונען דעם ערשטן דף פון דער גמרא „בבא מציעא". די סוגיה פון „שנים אוחזים בטלית", אויסנווייניק, דעם טעקסט מיט די מפרשים. און בן־ציון האָט דעם גאַנצן ענין גאַנץ גוט פאַרשטאַנען מיט זיין קינדערישן שכל. און וואָס איז דאָ פאַראַן נישט צו פאַרשטיין? צוויי ייִדן האָבן געפונען אַ קלייד און קריגן זיך, ווען דער מלבוש געהערט. וויפל מאָל קריגט ער זיך אַליין מיט זיינע קליינע חברימלעך איבער אַ קנעפּל, אַ קאָלירט שטיקל גלאָז, צי אַן אַנדער קלייניקייט, וואָס דינט ווי אַ שפּילעכל? מער נישט וואָס אין דער מחלוקת אַרום דעם טלית מישן זיך אַריין תנאים און אמוראים, אַזעלכע גרויסע, שטרענגע ייִדן ווי דער טאַטע, למשל, און אין זיינע מחלוקתן מיטן קליינוואַרג, גלייכט מען זיך ווי עס איז אַליין אויס. אָבער קיין רבותא איז אין דעם אַלעמען נישטאָ...

נאָר אין שטעטל, וווהין די משפּחה האָט זיך דערווייל אַריבערגעצויגן, האָט מען פון דעם געמאַכט אַ גאַנצן צימעס. ייִדן און ייִדענעס, קלייטניקעס און מאַרק־הענדלערס פלעגן כאַפּן דעם קליינעם גמרא־בחור און פלעגן רופן

אויסהערן דעם חידוש פון אַ קלײן ליטוואַקל וואָס קען שוין גמרא... עס פאַר־שטײט זיך, אַז אומזיסט האָט קײנער נישט פאַרלאַנגט בן־ציון זאָל זאָגן „זײַן" „שנים אוחזים בטלית", און בן־ציון פלעגט קריגן באַצאָלט מיט אַ פּרוכט, אַ נאַשערײ און אַמאָל אַ מזומענע פאַר קאָפּיקעס. מען האָט אים דער־מאָלט אַזוי צעבאַלעוועט, אַז ער איז שוין געבליבן אַ נאַשער אויף שטענדיק.

און ווען די מאַמע איז צוריקגעקומען פון איר נסיעה, האָט זי שויז גע־טראָפן איר „דאָלגאָזשדאַניק" אַ גאַנצע באַרימטקײט, מיט וועלכן ייִדן האָבן זיך געבענטשט און פאַר וועלכן אַנדערע פלעגן איר אונטערטראָגן די גרעס־טע שבחים און די האַרציקסטע ברכות: אַשרי ילדתו — ווײַל איז דער מאַ־מען וואָס האָט אַזעלכן געבוירן.

אָבער די מאַמעלע האָט פון דעם אַלעמען ווײניק נחת געהאַט. געוווּסט האָט זי, אַז דער בעל־דבר האָט אַ באַזונדערן חשק אָראָפּצופירן פון דרך־הישר דווקא די „אַנטיקלעך", די געראָטענע בחורים, און די סכנה פאַר איר קינד איז צוליב זײַנע פּריצײַטיק אַרויסגעוויזענע פעיִקײטן געוואָרן נאָך גרעסער. און דערצו קען אַזאַ „באַרימטקײט" אַרויסרופן בײַ איר קינד אַ געפיל פון גאַווה, און דאָס האָט זי נישט געקענט פאַרטראָגן. זי וויל נישט קײן אַפּי־קורסישן גאון אַ בעל־גאווה, חס־ושלום, זי וויל איר קינד אַ פּשוטן, נאָר אַ גוטן פרומען ייִד. עס זאָל אים נאָר קײן גוט אויג נישט שאַטן.

קאַפּיטל 3

מעשה לאַנדע

פון דער פריסטעטער קינדהייט — ער האָט דאָן געמוזט זיין קנאַפּע פיר יאָר, ווייל ער איז נאָך נישט געגאַנגען אין חדר — האָט זיך אין בן־ציונס געדעכעניש איינגעקריצט דער אָנדענק פון עפּעס אַ יום־טובדיקן ווינטער־אָוונט אין זיין הויז. עס איז געווען נישט חנוכה נישט פּורים, נאָר גלאַט אַזוי עפּעס אַ שמחה. די שטוב איז פיין אָנגעהייצט, עס ברענען ליכט און לאָמפּן, אַ טיש איז געגרייט, מענטשן זענען פאַראַן, עס איז פריילעך, אַלע וואַרטן אויף עמיצן, אַן ווען די שמחה קען זיך נישט אָנהייבן. בן־ציון וויל נישט גיין שלאָפן. טאַטע־מאַמע שיקן אים גאָרנישט שלאָפן, אדרבא, זיי זענען צופרידן וואָס ער איז וואַך, וועט קענען זען דעם גאַסט און אפשר אויך נעמען פון אים אַ ברכה.

אַט עפנט זיך די טיר. עס קומט אַריין אַ הויכער שטאַלטנער מאַן, אָנגעטאָן אין אַ פיינעם טולופּ. אין שטוב ווערט אַ געמורמל: שוין, שוין געקומען... דער גאַסט טוט אויס די טיפע קאַלאָשן, דעם פוטער, דעם הוט און בלייבט בלויז אין דער יאַרמלקע. ער באַגריסט זיך מיטן עולם. עס איז אַ שיינער מענטש, מיט אַ קלאָר ווייסן געזיכט, אַ געדיכטע לאַנגע פעך־שוואַרצע באָרד, אַזעלכע האָר, קויל־שוואַרצע אויגן. אַט דערזעט ער בן־ציונען, וואָס טוליעט זיך אַ דערשראָקענער.

דער גאַסט נעמט אים פעסט אונטער די אָרעמס, הויבט אים אויף אין דער לופטן, איבער אַלעמענס קעפּ. בן־ציון צעוויינט זיך פון שרעק. דער גאַסט לאָזט אים אַראָפּ אויף דער ערד, צעפרעגט זיך ווי דאָס קינד הייסט, עס געפעלט אים גאָר דער נאָמען בן־ציון, ער ווינטשט דעם קינד ער זאָל טאַקע זיין אַ געטרייער זון צו ציון, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן במהרה בימינו.

מער ווי דאָס געדענקט נישט בן־ציון. דאָס איבעריקע אַרום דעם סודות־פולן מאַן האָט ער זיך דערוווסט שפּעטער פון דערציילונגען אין שטוב און אין שיל. פון זיי אַלע קען ער היינט צונויפשטעלן אַ מעשה־לאַנדע, וואָס איז כדאי צו דערציילן.

אין אַ פרי־ווינטערדיקן פאַרנאַכט איז אין שיל געקומען זונדל בעל־אַכסניה און האָט דערציילט, אַז צו אים איז פאַרפאָרן עפּעס אַ מאָדנער פאַרשוין. אַ יונגערמאַן שיין ווי די וועלט, פיין געקליידעט, נאָר אָן קיין שום

טשעמאָדאַן מיט זיך, אַן אַ גראַשן ביי דער נשמה און שטאַרק פאַרקילט, ווייל עס האָבן אַ כאַפּ געטאָן פּריִע קעלטן און ער האָט נישט קיין ווינטערדיקן מאַנטל. וואָס און ווער ער איז, וויל דער יונגערמאַן נישט זאָגן. ער האָט נאָר געבעטן דעם בעל־אַכסניה ער זאָל רופן אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים, ווייל ער האָט עפּעס צו איבערריידן אַ וויכטיקן ענין, וואָס דאַרף בלייבן בסוד.

זונדל בעל־אַכסניה איז געווען באַקאַנט פאַר אַ ייִד אַ שקרן, וואָס אויף זיינע רייד „מעג מען שטעלן אַ קלויסטער", דאָך זענען אַ פּאָר באַלעבאַטים אַוועק צו דער אַכסניה, צעפרעגן זיך ביים יונגנמאַן, ווייל ווי באַלד ער איז קראַנק, איז דאָך עס אַ מצווה פון ביקור־חולים, איז וואָס איז שייך אָפּצוזאָגן זיך?...

דער יונגערמאַן האָט דערציילט אַ מעשה נורא. ער איז אַ „פּאָדריאַ־טשיק" ביי דער רעגירונג, בויט פּאַר אירטווענגן בריקן, געביידעס. צוליב אַ מסירה־בילבול האָט ער געמוזט אַוועק פון דער היים, אָט, ווי ער שטייט און גייט. אַפילו קיין וואַרעמע בגדים נישט געקענט מיטנעמען. ער מוז זיך אויסבאַהאַלטן ביז וואַנען זיינע אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן שוין די „דיעלאַ" (פּראָצעס) אין זייערע הענט, וועלן דערוויזן זיין אומשולד און געווינען פּאַר אים אַ פּראָצעס אין וועלכן עס שטייט אים פאַר אָפּצונעמען ביי דער רעגי־רונג אַ מטמון מיט געלט. אין וועג איז ער געבליבן אָן אַ גראַשן, דערצו פאַרקילט, איז ער קוים דערפאָרן אין שטעטל אַריין, און ער האָפט אַז ייִדן וועלן אים אַרויסהעלפן אין זיין נויט. ער וועט זיך מיט זיי אי״ה ברייט צע־צאָלן ווען ער וועט געווינען דעם פּראָצעס; דערווייל בעט ער אַז אַלץ זאָל גע־האַלטן ווערן בסוד, ווייל עס קען זיין סכנת־נפשות. ווי בדרך־אַגב האָט דער יונגערמאַן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז ער איז אַ שוואָגער פון הרב ר' חיים בערלין, וואָס האָט געעשמט אין יענער געגנט, ווו ער איז געווען רב אין אַ גרויסער שטאָט.

די באַלעבאַטים האָבן געזען אַז „ניכרים דברי אמת" — ריכטיקע רייד דערקענט מען — האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצוהעלפן דעם יונגנמאַן מיט וויפל ער וועט באַדאַרפן און האַלטן דעם ענין בסוד, וועלן זיין ווייניקער שותפים ווען דער יונגערמאַן וועט זיך אי״ה קענען צעצאָלן. האָט מען געהייסן זונדל בעל־אַכסניה, ער זאָל געבן דעם יונגנמאַן אַלץ וואָס ער וועט נאָר פאַרלאַנ־גען, — זיי זענען ערוב פאַר אַלץ.

אָבער מיט איין ייִדן האָט מען געמוזט טיילן די נייעס — מיט בן־ציונס פאָטער. ווייל זיין שווער, בן־ציונס זיידע, אַברהמקע, איז געווען אַ חבר און ווייטער קרוב פון ר' חיים בערלין, איז דאָך עס אַ משפחה־ענין, דאַרף עס דערי ליטווישער מלמד וויסן. ווען בן־ציונס פאָטער האָט אָפּגעשטאָט אַ באַ־

זוך דעם יונגנמאַן, האָט אים יענער פריינדלעך אויפגענומען, און בכדי צו דערקוונדיקן זיך אין דער קרובהשאַפט האָט מען געזוכט און געפונען געמיינ־זאַמע נעמען איןביידע צדדים, אַ סימן מובהק פון קרובהשאַפט. איז דאָך ברור כשמש אַז דער יונגערמאַן זאָגט דעם אמת. פאַר אַ קרוב האָט שוין דער יונגערמאַן מגלה געווען, אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז לאַנדע, פון די באַרימ־טע לאַנדעס.

ביסלעכווייז האָט זיך אַרום לאַנדען אָנגעהויבן רודערן. אויף געהיימע דרכים פלעגט ער כלומרשט דערהאַלטן ידיעות וועגן גאַנג פון פּראָצעס — אַלץ גייט מיט הצלחה און אי״ה גאָר אין גיכן וועט ער באַצאָלן ביד רחבה פאַר אַלע טובות. לאַנדע האָט אָנגעהויבן קומען אין שיל צום דאַוונען. מען האָט אים געמוזט קויפן טלית און תפילין, ווייל אַפילו דאָס האָט ער נישט באַוויזן צו נעמען מיט זיך בשעת בריחה...

מען האָט אים געגעבן אַן אָרט נעבן רב, וואָס האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס אין לערנען. דער יונגערמאַן איז טאַקע אַ היפשער למדן: זעט מען דאָך בחוש אַז עס איז אַלץ אמת. צוליב זיינע מסחרים מיט דער רעגירונג, האָט ער דאָך באַדאַרפט קענען „רוס״, האָט מען אונטערגעשיקט דעם אַפּטיי־קער, אַז ער זאָל מיט אים פאַרפירן אַ שמועס בלע״ז. דער יונגערמאַן רעדט רוסיש ווי אַ וואַסער. הכלל, לאַנדע איז געוואָרן דאָס שיינדל פון שטעטל.

אויף איינצוקויפן זיך ביי לאַנדען אין לאָסקע, האָט אַ ייִד אַ גביר גע־מאַכט ביי זיך אין שטוב אַ קערמעשל, לכבוד אַזאַ גאַסט, און עס איז אַוועק אַ גאַנג; אָט ביי דעם נגיד, אָט ביי יענעם באַלעבאָס, פלעגט מען זיך צונויפ־קומען לכבוד לאַנדען, פאַרברענגען, זיך משמח זיין, בעיקר מיט די ידיעות אַז גאָר אינגיכן וועט דער פּראָצעס פאַרענדיקט ווערן און לאַנדע מיט זיינע מקורבים וועלן אויפגעריכט ווערן. האָט אים איינער אַ גביר געגעבן במתנה אַ פיינעם טולופּ, אַ צווייטער האָט אים געקויפט אַ גאָלדענעם זייגער: וואָסי? ער וועט חס וחלילה נישט אָפּגעבן כפל־כפלים? די שמחה אין הויז פון בן־ציונס עלטערן איז געווען איינס פון די קערמעשלעך. טאַקע נישט מער ווי אַן אָרעמער מלמד, אָבער אַ קרוב, דאַרף מען קנייפּן די באַקן די פאַרב זאָל שטיין.

אויף איינעם פון די קערמעשלעך איז פאַרגאַנגען אַ שמועס וועגן קבלה. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז לאַנדע איז אַ מקובל און אַ בקי אין קבלה מעשית, מיט וועלכע מען קאָן באַוויזן מופתים. ער ווייסט אַפילו דעם קץ, דאָס הייסט ווען משיח וועט קומען, אָבער דאָס טאָר מען נישט מגלה זיין, סיידן פאַר מקובלים... לאַנדע האָט זיך אַרויסגערופן צו ווייזן בפועל־ממש וואָס ער קאָן. אָט זאָל דער רב זאָל לעבן אַרויפגיין מיט אים בשעת שקיעה

אויפֿן בית־עלמין, וועט ער זיך איבערצייגן אַז וואָס לאַנדע זאָגט איז ריינער אמת... דער רבֿ, ר׳ אליהו ז״ל, איז געווען באַקאַנט פֿאַר אַ שאַרפֿן מתנגד, דאָך האָט מען געפֿועלט ביי אים אַז ער זאָל אַרויפֿגיין מיט לאַנדען אויפֿן בית־עלמין, און, אדרבא, זאָל מען זען. לאַנדע האָט געוואָרנט אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן זיי נאָכצוגיין אָדער נאָכקוקן, ווייל עס איז סכנת־נפשות. דאָך האָבן אַ פּאָר יונגעלייט איינגעשטעלט, זיי האָבן אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ דאַך פֿון וועלכן מען האָט געקאָנט פֿון ווייטן זען דעם בית־עלמין ווי אויף דער דלאָניע. איז טאַקע איינער פֿון זיי ביים אַראָפּקריכן פֿון דאַך שיעור נישט גיזוק געוואָרן. דער אַנדערער האָט געשוואָרן אַז ער האָט געזען ווי לאַנדע האָט מיט אַ שטעקן אָנגעקלאַפּט אין אַ מצבה און עס איז אַרויס אַ פֿייער... דער רבֿ אַליין האָט גאָרנישט דערציילט, ער האָט אָבער פֿאַרזיכערט אַז „ער איז גרויס, גרויס!״.

האָט שוין לאַנדע זיך געקאָנט פֿאַרגינען אויף איינעם פֿון די קערמעש־לעך צוזינגען זיך: „קיינער זעט נישט, נאָר איך זע״. און אַזוי לאַנג זינגען ביז אויפֿן עולם איז געפֿאַלן אַן אימה. בסוד האָט ער שפּעטער מגלה געווען אַז ער האָט געזען די אָבות: אברהם, יצחק ויעקב, וואָס זענען בייגעווען דעם קערמעשל, נאָר קיינער, חוץ אים, האָט זיי נישט געקענט זען... די מקורבים פֿון לאַנדע זענען אַריינגעפֿאַלן אין אַ מין קאָלעקטיוון היפּנאָז; יידן חכמים, פּראַקטישע מענטשן, האָבן געזאָגט און נאָכגעזאָגט שטותים און געגלייבט אין לאַנדען ווי, להבדיל, אין תורת משה. האָט זיך שוין לאַנדע געקאָנט פֿאַר־גינען אויף אַ צווייטן קערמעשל, אָננעמען דעם באַלעבאָס פֿון הויז פֿאַר דער נאָז, אַרומפֿירן אים איבער אַלע צימערן און לסוף אַריינוואָרפֿן: „אי פּראַים, פּראַים, איך פֿיר אייך אין באָד אַריין, און איר ווייסט נישט״. אַפֿילו אַזאַ שפּיצל איז לאַנדען אָפּגעלאָפֿן גלאַט.

אָבער אויפֿן קערמעשל אין הויז פֿון בן־ציונס עלטערן האָט מיט לאַנדען געטראָפֿן אַ שטיקל מכשול. ווי אַ מאָדערנער מענטש, כאָטש אַ מקובל, האָט ער געגעבן די האַנט אויך פֿרויען, האָט בן־ציונס עלטערע שוועסטער, אַ ווייבל אַ חכמה און אַ קאָזאַק דערצו, פֿאַרזיכערט, אַז אַזאַ האַנטדרוק קאָן בשום־אופֿן נישט קומען פֿון קיין פֿרומען מקובל, אַז לאַנדע איז גאָרנישט דאָס פֿאַר וועמען ער פֿאַרשטעלט זיך. ער מוז זיין אַ היינטוועלטיקער אַפּעריסט...

דאָס ווייבל האָט אַזוי לאַנג געטענהט מיט איר פֿאָטער, אַז יענער האָט פֿאַררופֿן אַ פּאָר נאָענטע מענטשן פֿאַר וועמען די טאָכטער האָט נאָכאַמאָל פֿאָרגעבראַכט אירע אַרגומענטן. ערשט דאַן, נאָך אַ היפּשע פּאָר חדשים פֿון לאַנדעס היפּנאָז, האָט מען זיך געכאַפּט אַז פֿאַרוואָס האָט מען וועגן דעם גאַנצן ענין נישט אָנגעפֿרעגט ביי ר׳ חיים בערלין? ער וואָלט דאָך געזאָגט

צו ער האָט אַ שוואָגער לאַנדע, צי יענער האָט געדאַרפט מאַכן פליטה, און ר׳ חיים בערלין האָט דאָך געווינט אין אַ שטאָט בלויז עטלעכע שעה מיטן צוג פון שטעטל ווו די מעשה־לאַנדע איז זיך פאַרלאָפן... האָט מען באַשטימט אַ דעלעגאַציע וואָס זאָל בשתיקה צופאָרן צו ר׳ חיים בערלין, ווייל שרייבן וועגן אַזאַ ענין איז דאָך נישט כדאי. ר׳ חיים בערלין האָט געזאָגט דער דעלעגאַציע אַז קיינער פון זיינע שוואָגערס איז נישט פאַרוויקלט אין קיין שום בלבול, און אַז לאַנדע איז מסתמא אַ שווינדלער. פאַרשעמטע און פאַרביטערטע זענען די דעלעגאַטן געפאָרן צוריק, אָבער אויף דער באַן־סטאַנציע האָט מען זיי צוגעטראָגן אַ טעלעגראַמע כלומרשט פון ר׳ חיים בערלין, אַז וואָס ער האָט זיי געזאָגט האָט ער אַזוי געמוזט זאָגן משום כמה טעמים, אָבער אַז דער יונגערמאַן זאָגט דעם אמת... איז מען ווייטער געבליבן נישט אַהער און נישט אַהין. דער ווינטער איז שוין געשטאַנען ביים סוף. לאַנדע האָט פאַרזיכערט אַז אָט־אָט ענדיקט זיך דער פראָצעס. האָט מען באַשלאָסן: „עט, מילא, זאָל מען נאָך צוואַרטן, וועט מען זען“...

אַ פּאָר וואָכן נאָך פּורים, אינדערפרי אין שיל, ווען לאַנדע איז געשטאַנען און געלייגט תפילין, איז אַריינגעקומען אַן אומבאַקאַנטער. דערזען לאַנדען האָט ער זיך גענומען צעפרעגן וועגן אים. די שול איז געווען גענוג גרויס, דער מענטש האָט גערעדט שטיל, אָבער לאַנדע האָט הפנים עפּעס דערפילט. ער האָט גלייך אָפּגעלייגט די תפילין, אויסגעטאָן דעם טלית, איז אַן אַ מאַנטל אַרויס אויפן הויף און איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין...

האָט מען זיך אַ צייט געחקירהט ווער און וואָס לאַנדע איז געווען. אַן אַפּעריסט? האָט ער דאָך חוץ קליידונג און מתנות ביי קיינעם גאָרנישט אויסגענאַרט, בלויז גענומען אויף הצטרכותן און וואָס מען האָט אים גוטוויליק געגעבן. עס האָט זיך געשאַפן אַ מיינונג אַז לאַנדע איז אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געמוזט פאַרשווינדן און קאָנספּיראַטיוו אָנפירן זיין טעטיקייט; מען האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אַז מען האָט אים אַמאָל געזען שפּאַצירן מיט שילער פון לערער־סעמינאַר פון דער רעגירונג וואָס איז געווען אין שטעטל, חברה וואָס זענען געווען חשוד אויף רעוואָלוציע. אַנדערע האָבן טאַקע דערפון געדרונגען, אַז לאַנדע איז געווען אַ שפּיאָן. ווייל, פאַרוואָס האָט אים די פּאָליציי נישט באַרירט? הכלל, מען האָט זיך נאָך לאַנג געחקירהט אַרום מעשה־לאַנדע, ביז מ׳האָט פאַרגעסן.

אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום איז דאָס שטעטל ווידער אויפגערודערט געוואָרן צוליב לאַנדען. בצלאל מאיר דעם שניטקרעמערס, אַ רייכער ליובאַוויטשער חסיד, איז פאַרנדיק געשעפטלעך קיין מאָסקווע, אַראָפּגעפאָרן קיין ליובאַוויטש צום רבין זאָל לעבן. ער האָט געהאַט דעם כבוד איינגעלאַדן צו

ווערן צום רבינס טיש. און ווי גרויס איז געווען זיין איבעראַשונג, ווען ער האָט ביי נטילת־ידים געטראָפן לאַנדען מיט דער קוואָרט אין האַנט, זיך וואַשנדיק צום עסן. בצלאל האָט זיך געמאַכט כלא ידע, אין דער האָפענונג אַז לאַנדע האָט אים נישט באַמערקט, און ביים טיש, ווען ער קענען אויפדעקן זיין אַפּערע, אָבער לאַנדע איז צום טיש מער נישט געקומען... ער איז אויך דאָרט נעלם געוואָרן. אויף דער פראַגע ווער עס איז געווען דער ייִד, האָט מען בצלאלן געענטפערט, אַז אַ גרויסער סוחר, אַ הייסער חסיד, אַ מקובל און אַ פּאָדריאַדטשיק ביי דער רעגירונג, וואָס האָט זיך אַ פּאָר וואָכן אויפגעהאַלטן ביים רבין צוליב אַ סכסוך מיט זיין פרוי וואָס האָט צעשטערט דעם שלום־בית...

ווער, פאָרט, איז געווען לאַנדע, איז געבליבן אַ רעטעניש עד היום הזה.

קאַפּיטל 4

חדר־יאָרן

פיר טעג נאָך שבועות האָט בן־ציון געדאַרפט ווערן פיר יאָר, אָבער שוין ראש־חודש אייר איז ער אַוועק אין חדר, טאַקע צו זיין אייגענעם טאַטן, אהרן מלמד. „בישקשה, דער גוטער יאָר וועט אים נישט נעמען, וועט ער אַביסל וויניקער „וואַיעווען" (שטיפן); דאָס איז געווען די איינציקע דערקלערונג פאַרוואָס מען האָט דעם „בחור" אַזוי פּריצייטיק איינגעשפּאַנט אין עול־התורה.

דער טאַטע איז געווען אַ מלמד פון אַן איבערגאַנגס־תקופה, ווען אין ייִדישן דערציִונגס־וועזן האָט מען שוין גערעדט, ווען אַפילו בלחש, וועגן אַ רעפאָרם אין חדר, אַ חדר־מתוקן (אויסגעבעסערטער) האָט עס שפּעטער גע־הייסן, ייִדן פרומאַקעס האָבן עס גערופן חדר־מסוכן (אַ געפערלעכער)... דער־ווייל האָט זיך דער טאַטע געהאַלטן ביי דער שיטה וואָס דער ווילנער גאון ז"ל האָט געזוכט איינפירן אין פאַרוואָרלאָזטן, אַלטמאָדישן ייִדישן חדר: מן הקל אל הכבד, פון לייכטן צום שווערן, ס'הייסט, סיסטעמאַטיש: עברי, חומש, פּסוק, משנה, גמרא. און לויט דער תלמודישער פאָרמולע פינף יאָר צו חומש, צען יאָר צו משנה, פופצן יאָר צו גמרא. ביי געוויינלעכע פעִיקייטן.

בן־ציון האָט לייכט געכאַפּט דעם שניט. דעם „מקרא מפורש" אַ „מאָ־דערנע" קלאַנג־סיסטעם צו לערנען מעכאַניש לייענען העברעיִש אָן צו וויסן דעם פּירוש המלות, האָט ער דורכגעמאַכט אין אַ געציילטע פאַר וואָכן, באַלד געזאָגט עברי ווי אַ וואַסער, און אַרום סוף פון ערשטן זמן איז ער שוין געזעסן מיט די חומש־ייִנגלעך.

אויך אין לערנען חומש האָט אהרן־מלמד געהאַט זיין אייגענעם, האַלב־מאָדערנעם דרך, וואָס האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר די סיפּורי־המקרא (דערציילונגען פון חומש). פון בראשית האָט ער געלערנט דעם פולן טעקסט ביז נאָך יציאת מצרים און מעמד הר סיני, דאַן איבערגעהיפּט די דינים פון משפּטים, די אַרכיטעקטור פון משכן, די דינים פון קרבנות, בלויז געלערנט די פּרשה פון מעשה־העגל, און אַריבער צו דער פּרשה „שלח לך אנשים" — שיק מענטשן, די אויסשפּירער וואָס אונדזערע אבות־אבותינו האָבן געשיקט קיין כנען, איידער זיי האָבן אַהין אַריינגעדרונגען. נאָכהער נביאים ראשונים און אַזוי גאַנץ תנ"ך. די דורכגעלאָזטע פּרשיות חומש פלעגן געלערנט ווערן

שפּעטער, ווען לשון קודש איז שוין געווען פאַרשטענדלעך פאַר די פּסוק־בחורים; געלערנט ווי די פרשה פון דער וואָך, פריִער מיט רש״י, שפּעטער מיט אַנדערע מפרשים. ביי בן־ציונען איז עס אַוועק ווי אַ מזמור, נביאים ראשונים, נביאים אחרונים, כתובים (אויסער דעם ספר איוב)), אינגאַנצן, אָן בלויזן, און טאַקע געוווּסט, פאַרשטאַנען און געפילט.

בן־ציון האָט דעם תנ״ך ממש דורכגעלעבט. צוזאַמען מיט אברהם־אבינו האָט ער געשפּרייזט אויף די וועגן פון אור־כשדים דורך חרן קיין באר־שבע, פון דאָרט קיין מצרים אַהין און צוריק. צוזאַמען מיט יעקבן אַנטלאָפן פון זיין ברודער עשו, געגנעבעטיקט אין געוויסן אָרט, געזען דעם לייטער וואָס גרייכט אין הימל אַריין און פאַרנומען דעם צוזאָג אַז „דאָס לאַנד אויף וועלכן דו ליגסט וועל איך געבן צו דיר און צו דיינע קינדער״. דער גרונט־יסוד פון זיין ציוניזם עד היום הזה. ער האָט דעם פאָטער יעקב געהאָלפן פּאַשן די שאָף ביי לבונען, געטאַנצט אויף די חתונות פון די באַבעס לאה און רחל, צוריק־וועגס אַהיים געהאָלפן יעקבן קעמפן מיטן מענטשן וואָס איז גאָר געווען אַ מלאך... בייגעווען ווי די ברידער יעקב און עשו האָבן זיך איבערגעבעטן. צו־זאַמען מיט יוספן איז בן־ציון פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט קיין מצרים, צוזאַמען מיט משהן האָט ער אַרויסגעפירט די ייִדן פון מצרים און זיין נשמה האָט געפלאַטערט ביים מעמד הר סיני.

שוין אַלס פּסוק־בחור האָט ער מיט יהושע און ברק ודבורה איינגענומען כנען, צוזאַמען מיט גדעון און יפתח פאַרטיידיקט עס, איבערגעלעבט די טראַ־געדיע פון ערשטן מלך שאול, געפיבערט איבער די נצחונות פון דוד מלך ישראל חי וקים, געקוואָלן פון דער חכמה און געשפּיגלט זיך אין דער גלאָריע פון שלמה המלך, זיין בית־המקדש און כסא־מלכות, ווי עס איז באַשריבן אין תרגום־שני.

בן־ציון האָט געהאַט פאַרדרוס פון דער נאַרישער גאווה פון רחבעם דעם זון פון שלמה, וואָס האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג אין דער ייִדישער מלוכה. צוזאַמען מיט עמוס און ישעיהו האָט ער געריסן פאַסן פון זינדיקן פאָלק, צו־זאַמען מיט הושע און ירמיהו האָט ער אויף די בעל־עבירהניקעס רחמנות גע־האָט און באַוויינט מיט ביטערע טרערן דעם חורבן פריִער פון מלכות ישראל און שפּעטער פון מלכות יהודה.

צוזאַמען מיט חנניה, מישאל ועזריה האָט זיך בן־ציון געלאָזט וואַרפן אין קאַלך־אויוון, אַבי נישט דינען צום אָפּגאָט; צוזאַמען מיט דניאלן איז ער געווען אין לייבן־גרוב; מיט זרובבל און יהושע האָט ער געבויט דעם צווייטן בית־המקדש, מיט עזרא און נחמיה פאַרגעלייענט די תורה אין דער פון דאָס־ניי באַפעסטיקטער ירושלים. אַלץ איז געלערנט געוואָרן מיט אַ ניגון, אַ באַ־

זונדערן פאַר יעדער סיטואַציע. עפּיש רויִק ביי די חומש־דערציילונגען, שטור־עמדיק אויפגעקאָכט ביי די שטראָף־רייד פון די נביאים, זאַנפט און האַרציק ביי זייערע טרייסט־רייד, אבלדיק ביי איכה, האָפערדיק ביי „נחמו, נחמו עמי". וואָס פאַר אַ ברייטקייט און אַלזייטיקייט פון איבערלעבונגען! נישט אומזיסט ווערט דער תנ"ך באַטראַכט ווי אַ גוט לייען־בוך פאַר מענטשן־קינדער פון זעקס ביז זעקס־און־זעכציק יאָר.

צו 8 יאָר איז בן־ציון געווען קלאָר אין תנ"ך ווי אַ וואַסער. „אויפן קאַפּיטל", און פון דער פריסטער יוגנט ביז דער טיפער עלטער האָט ער געהאַט אין תנ"ך זיין קוואַל פון אינספּיראַציע און טרייסט. איז געווען שווער אויפן קינדערשן געמיט, איז געווען „אַנגעזאָליעט" אויפן האַרצן, האָט ער געהאַט אַ סגולה. מיטן קינדערשן קעפּל אויף אַ קישעלע פון דער אַלטער „קאַנאַפּקע", די פּיס פאַרריסן אויפן דערבייאיקן טיש, אין דער האַלב־טונקלקייט פון אַ מיטוואָכעדיקן פאַרנאַכט, ווען דער אומעט פון דער שקיעה דריקט אַזוי אויפן געמיט, פלעגט בן־ציון קאָנען אָפּקלאַפּן אויסנווייניק אַ צען־פופצן קאַפּיטלעך תנ"ך, די ערשטע וואָס זענען אים געקומען אויפן געדאַנק און טאַקע מיטן גע־העריקן ניגון און פולן העברעיִשן טעקסט איבערגעזעצט אויף ייִדיש. און די ווערטער פון ביידע ייִדישע שפּראַכן באַווירצט מיטן עכטן ייִדישן ניגון פלעגן ווירקן ווי אַ באַלזאַם אויפן קינדערשן געמיט, אויפן האַרצן פלעגט לייכטער ווערן, אין דער נשמה פלעגט אויפגיין אַ שיין.

שפּעטער האָט ער ביסלעכווייז פאַרלוירן זיין בקיאות אין תנ"ך, אָבער דער ספר איז געבליבן זיין לעבנס־באַגלייטער עד־היום, און אין גוטע און שווערע צייטן, פּערזענלעכע ווי נאַציאָנאַלע, האָט ער געזוכט און געפונען טרייסט און באַרויִקונג און אויפמונטערונג אין ספר הספרים.

ביי דער פריִער גרענעץ פון 8 יאָר, שטייט דער סוף פסוק פון בן־ציונס גליקלעכע קינדער־יאָרן. ער האָט אָנגעהויבן לערנען גמרא. ער האָט געמוזט אַריבער צו אַ גרעסערן מלמד, און דאָ זיך אָנטרעפן מיט אַ קלאַסן־צעטיילונג, אין אַ וועלט וועגן וועלכער ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט. ער וועט אי־בערלעבן אַ טיפע קינדערשע טראַגעדיע, וואָס וועט לייגן איר חותם אויף זיין ווייטערדיקן לעבן.

קאַפּיטל 5

איינער צום „איבעריקן"

דער גמרא־מלמד צו וועלכן בן־ציון האָט געדאַרפט אַריבער אויף זיין ניינטן לעבנסיאָר, איז נישט געווען קיין פרעמדער, נאָר טאַקע זיין אייגענער שוואָגער, משהל מלמד, זיין עלטסטער שוועסטער חיה־רבקהס מאַן; און אין דעם איז טאַקע באַשטאַנען די טראַגעדיע, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף זיין געמיט אויף זיין גאַנצן לעבן.

משהל מלמד איז געווען אַ זייער באַרימטער, אַ שם־דבר, שטעטלעך האָבן זיך ממש געשלאָגן איבער אים. יעדן בין־הזמנים פלעגט ער באַקומען גאַנץ לאַקנדיקע אָנבאָטן פון אַרומיקע מקומות. אָבער די אָרטיקע גבירים און נגידים האָבן אַזאַ אבן־טוב בשום־אופן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן און אַ גאַנץ בין הזמנים פלעגן זיך ציִען אונטערהאַנדלונגען וועגן דער הוספה אויפן קומענדיקן זמן. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז דער גמרא־מלמד האָט געהאַט זעקס הונדערט רובל אַ זמן, אַן אומדערהערטע זאַך אין יענע אַלטע גוטע צייטן און אין יענע מקומות. דערפאַר אָבער פלעגן די באַלעבאַטים אויסנע־מען אַ בפירושן תנאי: 12 תלמידים און נישט מער.

נאָר די אומשטענדן האָבן שוין געפירט אַזוי, אַז כמעט אַלעמאָל איז געווען אַ דרייצנטער תלמיד, וועמען מען פלעגט שוין ביי די פאַרהאַנדלונ־גען באַצייכענען אַלס „דער איבעריקער".

די מעשה איז געווען, וואָס שיקן אַ קינד צו משהל מלמד אין חדר אַריין איז געווען אַ גאַנצע עליה אין דער סאָציאַלער לייטער פון דער מדרגה פון סתם באַלעבאָס אַז ער איז אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון גבירים און נגי־דים. האָבן נישט געפעלט קיין אויפגעאַרבעטע און אויפגעקומענע גבירים, וואָס האָבן זיך געריסן אָנערקענט צו ווערן פונעם „העכערן קלאַס" און אַ סגולה צו דעם איז געווען דאָס קאָנען זאָגן: „מיין יינגל לערנט ביי משהל מלמד". דאָס האָט געמיינט אַזוי ווי — ווייסט איר ווער איך בין!

פאַרשפּאָרט צו זאָגן, אַז די אָנערקענטע גבירים און נגידים האָבן זיך מיט אַלע כוחות געווערט קעגן די אַריינדרינגער, וואָס מען פלעגט באַציי־כענען מיטן רוסישן וואָרט „וויסקאָטשקאַ", און ביי יעדן אָפּשליסן מיט משהל מלמד דעם אָפּמאַך אויפן נייעם זמן, האָט מען בפירוש אויסגערעדט, אַז, מילא, וואָס געווען איז געווען. פאַריקן זמן האָט איר געהאַט 13 תלמידים.

אָבער אויפן נייעם זמן האָבן מיר דאָך אייך געגעבן די הוספה, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט. מוז עס בלייבן ביי צוועלף תלמידים, נישט מער.

משהל מלמד פלעגט אַלע מאָל צוזאָגן „בהן צדק״, אַז ס׳וועט קיין „איבעריקער״ נישט זיין. אָבער דער יצר־הרע איז גרויס, און אַז אַן אויפגעקומענער נאָך נישט אָנערקענטער גביר, קומט און באַט־אָן שכר־לימוד פאַר זיין יינגל טאָפּלט און אַמאָל נאָך מער, איז שווער, זייער שווער, ביינצושטיין דעם נסיון, און אַ דרייצנטער תלמיד פלעגט אַריינגענומען ווערן פון דעם מלמד און ער האָט געמוזט טאָלערירט ווערן פון די באַלעבאַטים.

מיט דער צייט האָט מען דעם „איבעריקן״, דרייצנטן תלמיד אָנגענומען ווי אַ מין אומפאַרמיידלעך בייז און עס האָבן זיך אַפילו געפונען בעלנים, וואָס האָבן דערפון געוואָלט ציִען פּראָפיטן. אויב עס לערנט שוין יאָ אַ דרייצנטער, טאָ זאָל מען דעם שכר־לימוד זיינעם אַראָפּרעכענען אינגאַנצן אָדער לכל־הפחות אַ העלפט פון דער אַלגעמיינער סומע. וועלן די באַלעבאַטים אויך עפּעס נהנה זיין.

דער מלמד פלעגט זיך ווערן מיט דער טענה, אַז ער דאַרף דאָך צאָלן דעם לערער פון רוסיש, וואָס איז שוין געוואָרן אַ מוז־זאַך אין די חדרים. האָבן אָבער די באַלעבאַטים געטענהט, אַז אין דער צייט וואָס דער לערער פון רוסיש לערנט אינעם חדר, האָט דאָך דער מלמד אַן „אוראָק״, ס׳הייסט אַ שיעור אין גמרא מיט אַ פּאָר עלטערע בחורים, וואָס צאָלן מער וויפל ער צאָלט דעם לערער פון רוסיש...

אָבער דאָ פלעגט אונטערקומען דעם מלמדס אשת־חיל, טאַקע בן־ציונס שוועסטער חיה־רבקה, אַ פרוי אַ קלוגע, אַן אינטעליגענטע, אַ באַלעזענע, וואָס האָט שוין געלייענט רוסיש און געוווּסט דעם חילוק פון גרויפּן אין טאָפּ ביז „גרופּעס״ אין שולע; זי פלעגט מאַכן אַ סוף צום וויכוח מיט אַן עכט ווייבערישער טענה, אַז זי בעט קיינעם נישט, מען זאָל איר ציילן די גרויפּן אין טאָפּ, און אויב די באַלעבאַטים זענען נישט מסכים, האָבן זיי די ברירה זיך זוכן אַן אַנדער מלמד... דאָס איז אָבער געווען אַ זאַך, וואָס לייגט זיך גאָרנישט אויפן שכל. פלעגט מען אָפּהאַקן דעם וויכוח און מנהג איז געבליבן מנהג: משהל מלמדס חדר האָט געהאַט 12 תלמידים און איינעם אַן „איבעריקן״...

אָט אין דעם געראַנגל אַרום דעם „איבעריקן״ איז אַריינגעפאַלן דער ענין פון בן־ציונס אַריבערגיין צו גמרא ווי אַ שטיין אין וואַסער, וואָס קיין חכמים קאָנען נישט אַרויסנעמען. ווייל צאָלן פּופּציק קאַרבן שכר־לימוד איז בן־ציונס אָרעמער טאַטע נישט געווען בכוח. דערצו וואָלט דאָך דער איידעם גאָר קיינמאָל נישט מסכים געווען צו נעמען שכר־לימוד. אָבער אַרויסשיקן

אַ תלמיד און אָנווערן שכר־לימוד איז ער אויך נישט געווען בכוח. וואָס־זשע לאָזט זיך דאָ טאָן?

האָבן די באַלעבאַטים געטענהט, אַז נאָך איינעם צו דעם „איבעריקן״ וועלן זיי נישט דערלאָזן. אַזוי אַז בן־ציון קאָן אין חדר בשום־אופן נישט אַריינקומען. אָבער משהל מלמדס ווייבל האָט אַרויסגעשטעלט אַ נאָך האַר־בערע טענה: וואָס הייסט איר וועט פאַרבאָטן מיין ברודערל אַריינקומען צו מיר אין שטוב? — דער חדר איז געווען צוזאַמען מיט דער וווינונג. איז עס שוין געווען אַ ביז גאָר שאַרפע טענה.

נאָך לאַנגע דינגענישן איז מען געקומען צו אַ הסכם. בן־ציון קאָן הערן דעם שיעור; דאָס קאָן אים קיינער נישט פאַרווערן. אָבער זאָגן טאָר ער נישט, ווייל ער נעמט דאָך דערמיט צו צייט ביי די תלמידים, וואָס צאָלן, און דאָס איז דאָך פשוט גזילה...

אַזוי איז בן־ציון געוואָרן אַ „צוהערער״, אפשר דער ערשטער פרייער צוהערער ביי ייִדן. ווי אַזאַ מצב האָט זיך אָפגערופן אויף זיין קינדיש געמיט איז פאַרשפאַרט צו זאָגן. פילן זיך ווי אַן איבעריקער, אַ מחוץ־למחנהדיקער, אַזאַ איינער, וואָס לעבט פון חסדים, דערצו געפינען זיך אַ גאַנצן טאָג אין דער סביבה פון גביריש־נגידישע קינדער, וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט ביטול און אים אָנגעטאָן אַלע נגישות, וואָס עס קאָן צוטראַכטן קינדערשע אכזריות, בפרט פון „פאַנסקע צאַפּעקלעך״, ווי מ׳האָט די רייכע קינדער גע־רופן אין שטעטל, איז אויך געווען נישט פון די לייכטע זאַכן. פאַר די צוויי־דריי זמנים, וואָס ער איז געווען אַ פרייער צוהערער, האָט בן־ציון אויסגע־לערנט היפשע עטלעכע צענדליק בלאַט גמרא, אָבער מער פון אַלץ האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט אַ שנאה צו גאווה, וואָס איז שוין אויף שטענדיק פאַר־בליבן אַ פעסטער שטריך פון זיין כאַראַקטער.

קאַפּיטל 6

דאָס פאַרהערן

פון קיין רעגלמעסיקע עקזאַמענס האָט מען אין אַמאַליקן ייִדישן חדר נישט געוווסט. אין דעם שטעטל, ווו בן־ציון איז אויפגעוואַקסן האָט מען אַפילו נישט געהאַלטן פון דעם מנהג, אַז שבת דאַרף דער מלמד קומען פאַר־הערן די תּלמידים. ס׳רוב זענען די באַלעבאַטים געווען ייִדן פּראָסטאַקעס, וואָס האָבן זיך אויף די דראַבנע אותיות וויִיניק פאַרשטאַנען. איז צו וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פון פאַרהערן?

פאַרהערן די תּלמידים פון משהל מלמד פלעגט מען ביי אַ געלעגנהייט, ווען אַ רב אָדער אַ למדן פלעגט צוליב דער אָדער יענער סיבה באַזוכן דאָס שטעטל. איז עס געקומען צו אַזאַ פאַרהערעניש אין אַ טאָג, ווען איינע פון די רייכסטע משפּחות אין שטאָט, וועמענס קינדער האָבן געלערנט ביי משהל מלמד, האָט געהאַט צוגאַסט אירן אַ קרוב, אַ רב און אַ משׂכּיל צוגלייך. האָבן זיך אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים מיטן נאָך חשובערן גאַסט אין אַ שיינעם זומער־טאָג אַריינגעשטעלט אין חדר־אריין און געמאַכט אַ פאַרהערעניש מיט די תּלמידים. אַלס משׂכּיל, און האָבנדיק צו טאָן מיט יונגע קינדער, האָט זיך דער רב אינטערעסירט מער מיט תּנ״ך ווי מיט גמרא. דער רב האָט געפרעגט און די תּלמידים האָבן געענטפערט. דער מלמד מיט די באַלעבאַטים האָבן געשיינט פון נחת.

אָבער כּפי תּנ״ך האָט משהל מלמד געלערנט מיטן פּירוש פון מלבים, אַ שטיק מאָדערניזם אין די ערשטע יאָרן פונעם לויפנדיקן יאָרהונדערט, איז דעם רב איינגעפאַלן צו פאַרהערן דעם מלמד גופא אין אַזאַ נייעם אופן פון לערנען. האָט ער געבעטן, אַז דער מלמד זאָל אין זיין אַנוועזנהייט, מסביר זיין אַ נייעם קאַפּיטל תּנ״ך, כּדי ער זאָל קאָנען האָבן אַ באַגריף וועגן דער תּפיסה פון די תּלמידים, זעענדיק, אויף ווי וויט זיי נעמען־אויף „אויפן אָרט״ די דערקלערונגען פון זייער רבין.

האָט דער מלמד מסביר געווען אַ קאַפּיטל ישעיהו. בן־ציון איז ווי אַ פרייער צוהערער געזעסן ביי דער טיר, וואָס האָט געפירט פון חדר אין די וווין־צימערן, און האָט זיך גוט איינגעהערט אין די „אויפטוען״ פון מלבי״ם; דעם טעקסט מיט דעם פּשוטן פּשט האָט ער שוין געוווסט פון פריער, האָט ער גאָר לייכט תּופס געווען און פאַרגעדענקט די פּאָר נייעסן.

ווען דער מלמד האָט פאַרענדיקט זיין הסבר, האָט דער רב אַרויסגערופן עמעצן פון די תלמידים, אַז ער זאָל איבערזאָגן דאָס קאַפּיטל „אויפן אָרט". דאָס איז נישט געווען אַזוי גרינג. אַ קאַפּיטל תנ"ך מיטן מלבי"ם האָט מען אין חדר געלערנט אַ האַלבע וואָך, און דאָ וויל מען, אַז מען זאָל עס גלייך קענען. איז אין חדר געפאַלן אַ שווערע שטילקייט, וואָס דער רב האָט גע־מונטערט מיט אַ „נו, קינדערלעך, ווער וויל זאָגן?".

בן־ציונען האָט אָנגענומען אַ יצר־הרע פון אַביסל אויספּיינען זיך. אַז ער געדענקט גוט די פּאָר נייע אויפטוען, טאָ פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט אַרויסשטעלן? אַ שעמעוודיקער פון נאַטור, האָט ער קוים אַרויסגעפּליסטערט: „איך!". דער רב, וואָס איז געשטאַנען צו אים מיט דער פּלייצע, האָט דאָך דערהערט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און פאַרחידושט באַטראַכט דאָס באָר־ווערסע נפשל, וואָס וויל גלייך איבערזאָגן אַ קאַפּיטל תנ"ך מיט מלבי"ם.

די באַלעבאַטים האָבן פאַרדרייט מיט דער נאָז, געפּרווט דערקלערן דעם רב, אַז „אָט־דער־אָ דאַרטן" איז נאָר אַ צוהערער. זאָגן טאָר ער נישט. אַזוי איז דער הסכם. דער רב איז אָבער געוואָרן נייגעריק. האָט ער גענומען אַ תנ"ך אין האַנט מיט די ווערטער: — „עט עס מאַכט נישט", זיך געלאָזט גיין צום בחורל. בן־ציון איז שוין אַריין אין אַמביציע, ווי באַלד די באַלעבאַטים ווילן נישט, וועט ער זיי דווקא ווייזן... האָט ער אַ צווייטן מאָל אויסגעפּישטשעט: „איכל זאָגן אויסנווייניק". אַ פאַרחידושטער האָט דער רב מסכים געווען: „נו, אדרבא". און בן־ציון האָט אָפּגעקלאַפּט דאָס קאַפּיטל תנ"ך מיט אַלע פּי־טשעווקעס. די ווערטער פון נביא, די פּשטלעך פון מלבי"ם און אַלץ אויסנ־ווייניק...

דערפאַר האָט ער געקראָגן פונעם גאַסט אַ קניפּ אין בעקל מיט אַ זיל־בערנעם האַלבן רובל, אַ צופרידענעם שמייכל פון זיין שוואָגער און רבי און די פולע קנאה און שנאה מצד די תלמידים, די רעאַקציע פון וועמען האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

עס איז געווען זומערלעב, עס איז וואַרעם און טרוקן. אַלץ גרינט, בליט און דופטעט. בן־ציון האָט זיך געקאָנט פאַרגינען דעם אַרעמאַנסקען פאַרגעניגן צו גיין באָרוועס, פּטור ווערן פון די שווערע ווינטערדיקע שטיוואַלעס, פון די צופיל פאַרצירעוועטע זאָקן, וואָס „מוליען" די פיס. מען איז פריי ווי אַ פויגל אין פעלד. עס איז חי־געלעבט... אַי וואָס מען צעקלאַפּט זיך אַמאָל אַ פינגער אָן אַ שאַרפן שטיין, איז מה רעש? מען דאַרף טאַקע אַביסל אונטער־הינקען, עס איז אָבער אַ כשרער אויסרייד צו קאָנען אונטערשפּרינגען אויף איין פוס.

פאַרשפּאַרט צו זאָגן, אַז די נגידיש־גבירישע תלמידים האָבן זיך נישט

געחברט מיט אַ באָרוועסן. און הערשעלע משה־חיימס, אַ נגידיש יינגל מיט אַ קרענקלעך איבערגעטריבענער אייגנליבע האָט געפּאָדערט, אַז דער „באָרוועסער" זאָל אַפילו נישט גיין אַהיים מיטן זעלביקן וועג וואָס אַלע תּלמידים.

און אין יענעם גרויסן טאָג פון בן־ציונס נצחון, ווען מ'איז געגאַנגען אַהיים עסן וואַרעמס, איז הערשעלע משה־חיימס חברלעך צוגעגאַנגען צו בן־ציונען, און גייענדיק מיטן זעלביקן וועג, פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. בן־ציון האָט זיך דערפילט אין זיבעטן הימל, געמיינט, אַז זיין „לומדות" האָט ווייכער געמאַכט די גבירישע הערצער פון זיינע חברים. אָבער הערשעלע האָט געהאַט דערביי גאָר אַן אַנדערע כּוונה; אינמיטן שמועס האָט ער מיטן אָפּצאָס פון זיינע פיין־געפוצטע שטיוועלעך שטאַרק אָנגעטראָטן אויף אַ צע־האַקטן פינגער, וואָס האָט זיך ביי בן־ציונען אָנגעהויבן פאַרהיילן...

בן־ציון האָט געענטפערט ווי אַ פּרא־אָדם. ער האָט געוואָרפן הערשעלען אַ קליינעם שטיין וואָס האָט אים אַביסל צעקראַצט די הויט פון שטערן. דאָ איז שוין געווען כּלו כּל הקצין. די נגידיש־גבירישע ווייבער האָבן אָנגעזאָגט זייערע מענער מיטן האַרבן וואָרט, אַז אויב דער „באָרוועסער אויסוווּרף" וועט אַריינשמעקן נאָכאַמאָל אין חדר, ווען זייערע קינדער זענען דאָרט, וועלן זיי די קינדער מער אין חדר נישט שיקן. עס איז דאָך סכּנות נפשות...

אָט אַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט בן־ציונס חדר־יאָרן. ער איז געוואָרן אויס פרייער צוהערער, אַ הולך בטל, וואָס „וואַקסט אויפן וואַלד" און די פראַגע „וואָס וועט זיין דער תּכלית פון אים" איז געוואָרן נאָך שאַרפער. מען האָט שוין אין די שמועסן אַפילו נישט געדאַרפט זאָגן ווען מען מיינט מיטן „אים", מען האָט שוין אַליין געוווּסט...

אַ צווייטער פועל־יוצא פון דעם אינצידענט איז געווען דאָס, וואָס משהל מלמד האָט סוף זמן פאַרלאָזט דאָס שטעטל און זיך אַריבערגעצויגן אין אַ נאָענטער גרעסערער שטאָט, וווּהין די באַלעבאַטים האָבן אים ממש געריפן.

קאַפּיטל 7

„זינגער"

די שטוב ווו בן־ציון איז אויפגעקומען איז געווען געבענטשט מיט אַ סך פרייד און געלעכטער. דאָס געזינד פון ליטווישן מלמד איז געווען אַ פריילעכע חבריא. דער טאַטע אַליין טאַקע שטענדיק אַן ערנסטער און אָפט־מאָל אַ פאַרזאָרגטער; די מאַמע אַלעמאָל אַ פאַרצערטע. און אַפילו ביי אַ פריי־לעכן מאָמענט, ווי פּסח צום סדר, אָדער פּורים צו דער סעודה, פלעגט זי פון שמחה גיסן מיט טרערן: „עס זאָל נאָר נישט פאַרשטערט ווערן"... אָבער „חברה קליינוואַרג" פון דער עלטערער חתונה געהאַטער טאָכטער, ביז דעם קלענסטן זונעלע וואָס מען האָט מיט רעכט געמיינט אַז ער וועט זיין אַ מוזיניקל, זענען אַלע געווען געזונטע אין קערפּער און לוסטיקע אין גייסט, רק מען האָט „געגאַגאַטשעט", געלאַכט, געשפּאַסט, געזאָגט וויצן און געזונגען, שכנים אַרום האָבן מקנא געווען: פריילעכע קבצנים.

אָבער אויב אין שטוב איז געווען אַ סך לעבנס־פרייד, איז אין איר גע־ווען בצמצום פּרנסה און גאַנץ היפּש דאָס דחקות. בן־ציון געדענקט נישט ער זאָל אַמאָל האָבן געליטן הונגער ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב; מען האָט גע־געסן ליטוויש, פּשוטע מאכלים, נאָר צו דער זעט; אָבער ער געדענקט יאָ אַ פּאָר ווינטער־טעג אָן הייצונג, קוים אויף אָפּצוקאָכן דעם קרופּניק; אין שטוב איז געווען קאַלט „כאָטש טרייב אַרום וועלף", ווייל דרויסן האָט געקנאַקט אַ פראָסט אַז נאָר „ער זאָל זיך מרחם זיין". מען האָט געמוזט אָפּלאָזן די תל־מידים אַהיים, זיי זאָלן זיך חס ושלום נישט פאַרקילן. דאָך איז דאָס פריילעכע געזינדל נישט געווען געפאַלן ביי זיך. אין אָוונט, ווען דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, איז מען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען אין איין קליין צימערל, אָנ־געצונדן אַ פּאָר לאָמפּן, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויף טרינקען טיי (אַ ביסל קעראָסען און האָלץ־קוילן איז נאָך געווען), איז געוואָרן וואַרעם. האָט זיך דער טאַטע געזעצט שפּילן אַ שאַך מיטן חתן פון זיין צווייטער טאָכטער. די חברה האָבן „געוואָיעוועט" גאָר קיין מעשה נישט און אין שטוב איז געווען ליהודים. שפּעטער האָט מען זיך אַרונטערגערוקט אונטער די וואַרעמע קאָל־דרעס, צווישן פּערענעס פון פעדערן וואָס די מאַמע מיט די מיידלעך פלעגן פּליקן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט. מען האָט זיך דערוואָרעמט פון אייגענער וואַרעמקייט און מען איז אַפּגעשלאָפן די נאַכט „ווי די גראַפן". אויף מאָרגן

האָט אַ באַלעבאָס גראָד אַריינגעשיקט אַ פּאָר רובל שכר־לימוד, האָט מען גע־קויפט אַ פּאָר וועגעלעך „קוראַי" אַ שטעכיקער האַרטער פעלד־געוויקס וואָס גיט אַ סך היץ ווען מען פאַרברענט עס אין „הרובע", איז ווידער געוואָרן לינד אויף דער נשמה.

אָבער אין אַ ליטווישן מוח פּיקט אַלעמאָל דער שאַרפער געדאַנק פון איין וואָרט: „תכלית". וואָס וועט זיין דער תכלית פון די קינדער? מילא, די יינגלעך וועלן גיין אין חדר, פון חדר אין ישיבה און פון דאָרט: „איז וואָס ג' וועט געבן". אָבער דריי מיידלעך זיצן אין שטוב און גייען אַרום „שלינג און שלאַנג" אָן אַ טועכץ, און זיי דאַרפן דאָך האָבן אַ קלייד, אַ שוך, די צווייטע, שוין אַ כלה־מיידל דאַרף טאַקע האָבן אַ זאַנטיקל, הענטשקעס, אַנ־דערע שאַלעמויזן, ווו נעמט מען עס?

נאָך לאַנגע טראַכטענישן און באַראַטונגען איז מען געקומען אויף אַ שטיקל דרך: „טאַנדעט", אין שטעטל זענען געווען יידן וואָס האָבן געהאַנדלט מיט פאַרטיקע קליידער, געבראַכטע פון שטאָט אָדער גענייטע אויפן אָרט. דער טאַנדעטניק פלעג צושניידן די בגדים: רעקלעך, זשילעטן, הויזן, העמדער, רובאַשקעס און פלעגט עס אַוועקגעבן נייען צו נייטאָרינס אין דער היים. וואָלט מען אפשר אַוועקגעזעצט די מיידלעך צו דער „קאַלקע", ווי מען האָט עס גערופן? מילא די סתרי־תורה פון אָפּשטעפּן אַ נאָט וועט מען זיך ווי עס איז אויסלערנען — אָבער ווו נעמט מען אַ ניי־מאַשין? אמת, פאַראַן אויף דער וועלט אַ לאַנד, אַמעריקע. אין ניי־ראָק (ניו־יאָרק) איז פאַראַן אַ געוויסער זינגער (מסתמא אַ ייד) וואָס פאַבריצירט ניי־מאַשינען און פאַרקויפט אויף אויסצאָלן... אָבער אַ מאַשין קאָסט אַ גאַנצן הונדערטער, אַ פאַרמעגן! עס איז טאַקע אויף אויסצאָלן, אָבער מען דאַרף האָבן אַ „זשירע" (גאַראַנטיע), איז ווער וועט עס געבן?

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז ווען דער עלטערער איידעם, דער באַרימ־טער מלמד איז אַריבערגעפאָרן פון שטעטל אין אַ נאָענטער גרעסערער שטאָט, האָט ער זיך דאָרט באַפריינדעט מיטן סאַמע אַגענט פון די זינגער־מאַשינען, און יענער נעמט אָן זיין „זשירע", וועט מען צו קיינעם נישט דאַרפן אָנקו־מען... איז שוין דאָ אַ מאַשין. איז אין שטוב געוואָרן יום־טוב און בן־ציונען איז געוואָרן נאָך פרייליכער אויף דער נשמה. דער טאַטע וועט דאָך פאָרן ברענ־גען די מאַשין און מן־הסתם וועט ער אים מיטנעמען, ס'הייסט ער וועט אים מוזן מיט נעמען, בכדי ער זאָל דאָ אין דער היים נישט „איבערקערן די וועלט", ווען דער טאַטע וועט נישט זיין... און כך הווה, אַ דאָנערשטיק אָוונט איז דער טאַטע אַרויסגעפאָרן קיין ב. און בן־ציון מיט אים...

פאָרן האָט מען געדאַרפט אַ וויאָרסט פערציק, אַ גאַנצע רייזע. אַרויס־

געפֿאָרן איז מען מיט זון זעצן זיך, ווייל עס איז געווען זומער און באַלעגאָ־לעס פֿלעגן פֿאָרן ביינאַכט בכדי די היץ זאָל נישט מאַטערן די פֿערד, ווי נאָר דאָס שטעטל איז פֿאַרשוווּנדן פֿון אויג, דער וואָגן איז פֿאַרשלונגען געוואָרן אין די ווייטקייטן פֿון אומענדלעכע פֿעלדער און די נאַכט האָט אַלץ פֿאַר־וויקלט אין חשכות, האָט בן־ציון אַוועקגעשוועבט אין אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט. אַ ייִנגל אַ פֿאַנטאַזיאָר איז ער געווען און מעשׂיות פֿון נסיעות און מרחקים האָט ער זיך אָנגעהערט אַ סך. איז ער געפֿאָרן לויט זיין פֿאַנטאַזיע. ערשטנס פֿאָרט ער נישט קיין ב., נאָר קיין ארץ־ישׂראל: דאָס שמאָלע טייכל וואָס מען איז ערשט אַריבערגעפֿאָרן מוז זיין דער יבוק, אויף די ברעגן פֿון וועלכן יעקב אָבינו האָט זיך געראַנגלט מיט אַ מענטש, וואָס איז גאָר געווען אַ מלאך; עס זאָל כאָטשבי איצט נישט טרעפֿן אַזאַ פֿאַרפֿאַל... און נאָכן יבוק וועט מען דאָך דאַרפֿן אַריבער דעם ירדן, טאַקע ממש ווי יהושע בן נון אין זיינע צייטן. און אָט יענץ שטיק חשכות וואָס הויערט דאָרט אין אַ זייט, אונטער דעם אָביסל אָנגעברוגזטן שטיק הימל, ווו עס שימערן נישט קיין שטערנדלעך ווי דאָ איבערן וואָגן, מוז עס זיין דער באַרג מוריה, אָדער אפשר גאָר דער באַרג סיני. אין מיטן פֿון זיינע פֿריידיק־פּחדימדיקע פֿאַנטאַזיעס איז בן־ציון פֿעסט איינ־געשלאָפֿן.

אויפֿגעוועקט האָט אים דער שטויס פֿון וואָגן ווען ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. מען איז געקומען צו אַ קרעטשמע אויף „פּאַפּאַס" (אונטערצופֿי־טערן די פֿערד) און אָפּרוּ. מען איז אַריין אין אַ באַלויכטענער שטוב, פֿול מיט מענטשן — ייִדן און גויים. מער גויים ווי ייִדן. וואָס זאָל באַדייטן דאָס געזעמל? זאָל עס נישט זיין די באַגעגעניש מיטן ברודער עשׂו און די פֿיר הונדערט מאַן וואָס מיט אים? עס זעט טאַקע אויס אַזוי. ייִדן מיט גויים שמועסן געמיטלעך, מען טרינקט צוזאַמען „מאָנאָפּאָלקע" (בראָנפֿן), מען בייסט צו, יעדערער פֿון זיין פֿעקל, אָבער פֿאָרט צוזאַמען... איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן דער פּסוק פֿון ישעיהו הנביא, אַז „אַ פֿאָלק אויף אַ פֿאָלק וועט נישט הייבן קיין שווערד"? בן־ציון האָט געוווּסט אַז ער איז אין אַן אַכ־סניה, אַז דאָס טרינקען און עסן פּשוט ייִדישע באַלעגאָלעס מיט גוייִשע איז־וואָזשטשיקעס, אַז ער איז אויפֿן וועג קיין ב. נישט קיין באר־שבע, אָבער ער האָט זיין פֿאַנטאַזיע נישט געוואָלט אויפֿגעבן. דאָ איז ער באַלעבאָס, ער קען טראַכטן און פֿאַנטאַזירן ווי עס ווילגעפֿעלט אין זיינע אויגן, וואָס האָבן זיך אַגב אָנגעהויבן צו קלעפּן פֿון מידקייט און יונגן, געזונטן שלאָף.

מיטן טאָג גלייך איז מען אַריינגעפֿאָרן אין ב. בן־ציון האָט זיך אויפֿגע־כאַפּט, ווייל עס האָט גענומען גרילצן מיט סכנות־נפשות. דער וואָגן האָט זיך געוואָרפֿן ווי אין אַ קדחת, דאָס איז מען אַרויף אויף די שלעכט־ברוקירטע

גאַסן פון פאָרשטאָט. האָט זיך בן־ציון געמוזט אָנהאַלטן אין טאַטעס פּאָלע, ער זאָל אינגאַנצן נישט אַראָפּפאַלן. נאָר אָט איז מען שוין אין צענטער פון שטאָט. דער ברוק אויף די גאַסן ווערט גלייכער, דער וואָגן שלײדערט נישט און גרילצט נישט. די הייזער זענען שענערע ווי אין שטעטל, כמעט אַלע מיט דעכער פון בלעך. מען זעט לאַמטערנעס וואָס באַלייכטן די גאַסן בײנאַכט, מענטשן גייען אויף די טראָטואַרן, פיין אויסגעפּוצטע. עס איז אַלץ אַ סך ריי־נער און שענער ווי אין שטעטל, און נאָך איידער בן־ציון האָט צייט געהאַט זיך רעכט אַריינצוטראַכטן אין שטאָט, „איר רעש און געטומל", ווי עס זאָגט זיך אין תנ"ך, איז די פור צוגעפאָרן צו אַ שיינער דירה מיט אַ סעדל פון פאָרנט און אין סעדל האָט ער דערזען זיין שוועסטער און שוואָגער, וואָס האָבן שוין אַרויסגעקוקט אויף די געסט.

ביז האַלבן טאָג איז בן־ציון אָפּגעשלאָפן, אויסגערוט זיך פון וועג, אָבער די שוועסטער האָט אים אויפגעוועקט, איידער איר מאַנס תלמידים וועלן אַוועק אַהיים, וויל זיי ווילן זיך באַקענען מיטן גאַסט. ווען בן־ציון איז אַרויס אויפן הויף האָבן אים אַרומגערינגלט אַ כאָפּטע יאַטלעך, אַ פּאָר על־טערע, די רעשט אין זיינע יאָרן. מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, זיך אָנגערופן ביי די נעמען, און בן־ציון איז גלייך אַריינגעפאַלן אין אַ ספק, צי זענען עס ייִדישע קינדער: מישאַ, פּעטיאַ, קאָליאַ, ליאָוואַ אאַ"וו. — ווי קומען אַזעלכע צו זיין ייִדן? חברה האָט גלייך פאַרפירט אַ „ראַזגאָוואָר" (שמועס) אויף רו־סיש, פון וועלכן בן־ציון האָט קיין איינציק וואָרט נישט פאַרשטאַנען. איז מען אַריבער אויף ייִדיש, מיט אַביסל האַרטערע רישן. און עס איז אַוועק אַ גאַנג — מען איז געוואָרן „טאָוואַרישטשעס", אַ ניי וואָרט, וואָס בן־ציון האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס מוז מיינען חברים. דעם גאַנצן נאָכמיטיק, בשעת דער טאַטע מיטן שוואָגער האָבן זיך געטומלט וועגן דער ניי־מאַשין, איז בן־ציון אַרומגעגאַנגען מיט דער חברה איבערן שטאָט, געווען אַפילו אין דער „פּראָ־וואַליאַ" — אַ שמאָלער טאָל אַזאַ, וואָס האָט ווי אַ טיפער גראָבן צעטיילט אַ געוויסן שטאָט־פּערטל אין צוויי טיילן.

געווען איז עס פרייטיק, איז מען פאַרנאַכט געגאַנגען אין שיל צו קבלת־שבת. בן־ציון איז נישט איבערראַשט געוואָרן — נישט שענער ווי די שיל אין שטעטל, דער חזן, דאָס דאַוונען. אַלץ פּונקט דאָס זעלביקע, פּונקט ווי אין דער היים. הפּנים אומעטום די זעלבע ייִדן. אויב בן־ציון איז נישט איבער־ראַשט געוואָרן פון דער שיל, האָט ער אויף מאָרגן איבערראַשט די גאַנצע שיל מיט מתפּללים. געווען איז עס אַזוי: צו קריאת־התורה איז בן־ציון אַרויס אויפן הויף מיט זיינע חברים, מערסטנטייל נגידישע און באַלעבאַטישע קינ־דער, מיט שיינע גאַרניטורלעך און געפּוצטע שטיוועלעך, לגבי וועלכע זיינע

בגדים האָבן אים היפּש פאַרשעמט; ער האָט עס געפילט מיט זיין יונג הערצל און האָט איינגענומען היפּשע יסורים. מיטאַמאָל קומט דער שמש און רופט בן־ציונען אין שיל אַריין: — דער רב רופט אים. וואָס האָט אַזאַ שנעק צו טאָן מיטן רב אַליין? ווערט שוין חברה נייגעריק און מען גייט מיט מיטן נייעם חברל. אַריינגעגאַנגען אין שיל, צוגעגאַנגען ביזן סאַמע אויבנאָן וווּ דער רב זיצט, גיט אים יענער אָפּ שלום־עליכם, ווי אַ גרויסן, און בן־ציון ווערט רויט ביז איבער זיינע קליינע אויערן. — „הער־זשע זיך איין, בחורל, — זאָגט דער רב. און דאָס האַרץ ביי בן־ציונען טוט אַ טיאָכקע פון וואָרט „בחורל", און פון דער וואַרעמקייט וואָס ער דערפילט אין קול. —„ אָט האָט מיר דיין שוואָגער געזאָגט, אַז דו ביסט קלאָר אין גאַנץ תנ״ך, קענסטו מיר זאָגן וואָס טייטשט דאָס וואָרט „מסח"; בן־ציון ענטפערט: „אָן אויפהער". און ווּו געפינט זיך דאָס וואָרט אין תנ״ך און וויפל מאָל? — פרעגט ווייטער דער רב. און בן־ציון ענטפערט מיט אַ ציטער אין קינדערישן קולכל: איין מאָל אין מלכים ב', קאַפּיטל י״א... די מתפללים ווערן נתפעל, אַ מורמל טראָגט זיך איבער דער שיל. דער רב פרעגט מער נישט קיין טייטש־ווערטער, נאָר פּסוקים, ווּו זיי געפינען זיך אין תנ״ך. און בן־ציון ענטפערט פעסט און זיכער, און „טרעפט"... מיטאַמאָל פרעגט דער רב אַ פּסוק, וואָס איז בן־ציונען אינגאַנצן נישט באַקאַנט, אָבער ער ענטפערט דאָך: — מיר דאַכט זיך אַז אין איוב געפינט זיך דער פּסוק. פאַרוואָס עפּעס דאַכט זיך דיר אַזוי? — פרעגט ווידער דער רב. און בן־ציון ענטפערט: „ווייל אויב איך ווייס נישט ווּו עס געפינט זיך אַ פּסוק אין תנ״ך, מוז עס זיין אין איוב, דער איינציקער ספר וואָס איך האָב נאָך נישט געלערנט"... אין שיל איז געוואָרן אַ קאָכע־ניש, זי איז „געגאַנגען „כאַדראַם": — סטייטש און סטייטש, אַזאַ שנעק און גאַנץ תנ״ך אויפן ספר און קאַפּיטל. האָט שוין בן־ציון געהאַט אַ שבת, וואָס ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

שבת־אָוונט איז אין אַנדער באַלעגאָלע געקומען נעמען דעם טאַטן מיט דער „זינגער"־מאַשין אַהיים. בן־ציון איז נישט מיטגעפאָרן. ער איז פאַר־בליבן אויף אַ פּאָר וואָכן צוגאַסט ביי דער שוועסטער. און ווען ער איז שפּע־טער צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער געהאַט צו דערציילן פון דער שטאָט אויף וואָכן און חדשים — וואונדיירים איבער וואונדיירים.

קאַפּיטל 8

געזאַנגען

די „זינגער״־מאַשין האָט גורם געווען אַז אין שטוב זאָל זיך אָנהויבן הערן מער געזאַנג. מען האָט דער נייער פּרנסה־געבערין אָפּגעטיילט אַ באַזונדער צימערל, פֿיין אויסגעקאַלכט, אַ ליכטיקס, ווו עס האָבן געאַרבעט דריי טעכטער. די עלטערע — טאַקע ביים נייען, די קלענערע צוויי האָבן צוגעהאָלפן שלייפן לעכלעך, צונייען קנעפּלעך, פּרעסן. אין אַרבעט איז נישט געווען קיין דוחק, האָט מען פאַרדינט צוביסלעך, קיין גליקן האָט מען נישט געמאַכט, ווייל די פּרייזן זענען געווען קליינע. אָבער עס איז דאָך געוואָרן אַביסל פרייער דאָס דחקות. די מיידלעך האָבן פאַרדינט פאַר זייער אויסקרעמעניש, איז דער עול פרנסה געוואָרן לייכטער. די באַשפּייזונג האָט געמוזט ווערן בעסער — די קינדער האָרעווען דאָך נעבעך אַזוי ביטער! און אַז מען עסט אַביסל זאַטער, ווערט מען ווי פון זיך אַליין אַביסל אויפגעלייגטער. די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן זינגען ביי דער אַרבעט.

פון גאַנץ פרי ביזן אָוונט האָבן זיך פון שטיבל פון ליטווישן מלמד געטראָגן געזאַנגען, לידער און ניגונים פון פאַרשידענע מינים, אַבי געזונגען: העברעיִשע שירים און ייִדישע לידער, חזנישע שטיקלעך, חסידישע ניגונים, טעאַטער־לידלעך, רוסישע און אוקראַיִנישע „פּעסניעס״. אַלץ איז געווען סחורה, אַלץ איז געזונגען געוואָרן. דער טאַטע, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל בייגונג צו חקירה, האָט רק געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ כישוף שטעקט אין דעם טרעטער פון דער „זינגער״־מאַשין, אַז ווי נאָר די פיס הייבן אָן צו דרייען, הויבט אָן דאָס מויל צו זינגען?...

האָט ער זיך טאַקע צו קיין ענטפער נישט דערטראַכט. אָבער, סיי־ווי־סיי, דאָס געזינדל פון די פריילעכע קבצנים האָט זיך צעזונגען גאָר קיין מעשה נישט, און בן־ציון האָט פאַרלייגט דעם יסוד פון עפּעס וואָס ער האַלט פאַר אַ וויכטיקן טייל פון זיין גייסטיקן פאַרמעגן: הונדערטער, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן אַ פּאָר טויזנט לידער אויף פאַרשידענע לשונות, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען אַלס קינד אין טאַטנס הויז, און האָט עס נישט אויפגעהערט ביז אין דער טיפער עלטער אַריין. אין זיינע ווייטע נסיעות אויף לאַנגזאַמע צוגן, אָדער איינזאַמע שיפן, האָט ער שפּעטער געקענט פאַרטרייבן דעם לאַנגווייל, אונטערזינגענדיק לידער וואָס ער האָט אויסגעלערנט אין זיין

לעבן. ער האָט אַפילו אַמאָל געפּרוווט מאַכן פאַר זיך אַ שטיקל סכעמע פון זײַן גײַסטיקער אַנטוויקלונג, לויט די לידער וואָס ער האָט זיך אויסגעקלערט און פאַרגעדענקט, און וואָס האָבן משפּיע געווען אויף זײַן געדאַנק און געפיל.

כדאי צו ברענגען אַ מוסטער, אַ לידל געמישט פון העברעיִש מיט ייִדיש, דורכגעדרונגען מיט פאָלקסטימלעכקייט וואָס קומט פון גאָר, גאָר ווײַט: „אַ פאַסטוכל", וואָס זינגט זיך אַזוי:

יעקב אָבינו, מטל השמים
איז דאָך נאָר אַ פאַסטוך געווען.
יוסף בנו — מלך מצרים
איז דאָך אויך נאָר אַ פאַסטוכל געווען
נו, פאַרוואָס זשע, זאָל איך זיך שעמען,
אַז איך בין אַ פאַסטוכל אַליין?
אַז אונדזערע אָבות, ווער עס ווייסט די נעמען,
זענען אַלע נישט מער ווי פאַסטוכער געווען.

און אַזוי ווײַטער.

משה רבינו — מאור החיים...
דוד — מלך חי וקים...

מיטן זעלביקן צוגאָב פון ייִדישן טעקסט. דער ניגון איז געווען „אַ וואַלאַכל" — וואָס האָט זיך דערקייקלט פון דער נאָענטער בעסאַראַביע. און האָט דערמאָנט אין ארץ־ישראל, ווו עס וואַקסן דאָך אויך ווײַנשטאָקן און עס פּיטערן זיך שעפּסן...

ארץ־ישראל איז אין יענע צעשטורעמטע יאָרן געווען מער ווי אַן אַבסטראַקציע. די ייִדישע וועלט האָט געפּיבערט מיט די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, מיט דער רעוויזיע פון דרייפוס־פּראָצעס, מיט דער קאָלאָניזאַציע פון באַראָן הירש; געווען באַצויבערט פון הערצל־כישוף, פון זײַנע נסיעות, פון זײַן „ולפני מלכים יתיצב". האָט זיך טאַקע געטומלט אַרום שקלים און אַקציעס, אַרום עמיל זאָלאַ און לאַבאָרי מיט זייערע שריפטן און רעדעס. מען האָט געשמאַק גערעדט, אַז „דער טערק וועט מוזן נאָכגעבן". גלײַכצײַטיק האָט זיך מער ווי איינער אַראָפּגעכאַפּט אין דער נאָענטער קאָלאָניע צום פאָרשטייער פון „באַראָן", ווענן „אַ קאָלאָניע אין אַרגענטינע"... דערווײַל האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין דעם אָנדענק פון די אַמאָליקע אָבות, וואָס זענען דאָך נאָר פאַסטוכער געווען. ביי שמחות האָט מען געזונגען אליקום צונזערס „סאָכע", זײַן „וואָס זע איך אין די שויבן"... אאַ"וו.

אַז מען וועט ערגעץ מוזן פאָרן איז קיין ספק נישט געווען. עס זענען געווען די טרויעריקע יאָרן צווישן דעם גירוש מאָסקווע און דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו, וואָס האָט זיך ממש געפילט אין דער לופטן. וועט מען מוזן עוקר זיין. די פראַגע איז נאָר געווען וווהין: קיין „פּאַלעסטינע", אָדער „אַגראַטי־נע", ווי די ליטוואַקעס פלעגן זאָגן. פלעגט מען פאָרן זיך באַראַטן מיט פריינד צו גוטע פריינד, צו סתם ייִדן חכמים. דער „דאביו" — דבר אל בני ישראל ויסעו" — זאָג די קינדער פון ישראל אַז זיי זאָלן זיך רירן פון אָרט, איז געווען פיל מער ווי אַ פּסוק.

און די יוגנט? זי האָט זיך מיט התלהבות אַריינגעוואָרפן אין שאַפן קרייזלעך („קרוזשאָקעס", אויף ייִדיש־רוסיש), לערנען תנ"ך און העברעיש, זינגען ציון־שירים און פאָלקס־לידער און צעטראָגן אירע בענקשאַפטן נאָך אַ בעסערער וועלט איבער די שפּאַציר־פּלעצער און הייזער פון שטעטל.

איז געקומען דער ליבער פאַרנאַכט, פלעגן בן־ציונס שוועסטערס אָוועק־לייגן די אַרבעט, האָט די „ספּיעשקאַ" — געאײַלטקייט — געמעגט זיין ווי גרויס, מען וועט שוין בעסער צואַרבעטן אין אָוונט. אַרומגעוואַשן זיך מיט שמעקעוודיקן זייף, במקום פּאַרפום, אָנגעטאָן אַ פּראָסט, נאָר טשאַקענדיק קליידל, אַ ציצענס צי אַ וואָלנס, למאי נפקא־מינה, און אַרויס אויפן שפּאַציר צו חברטעס, און: וויי, וויי, שוין אויך חברים! נאָכן שפּאַציר — אויף קלאַסן פון עברית, תנ"ך. אַלץ איז געווען העכסט דעמאָקראַטיש. אָרעם און רייך — אַלע גלייך. פון סאָציאַליזם האָט מען נאָך ווייניק געהערט און נאָך ווייניקער געוווּסט. קיין אינדוסטריע איז אין שטעטל נישט געווען. דעם טייטש פון „פּראָלעטאַריאַט" האָט מען נאָך נישט געוווּסט. קיין צו גרויסע אָרעמקייט איז אויך נישט געווען. עס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע שוואַלבן: גימנאַזיסטן, סטודענטן און קורסיסטקעס, וואָס האָבן שוין יאָ עפּעס געוווּסט דערפון. אָבער זייער צאָל איז געווען קליין און די השפּעה נאָך קלע־נער. האָט מען זיך געלעבט אין אידילישער, קליינשטעטלדיקער נאַטירלעכער פּשטות. נעסל, די טאָכטער פון גרעסטן שטעטלשן נגיד, האָט זיך געקענט חברן מיט לאהקען — די צווייטע טאָכטער פון ליטווישן מלמד. די ייִדישע פאָלקסטימלעכקייט האָט אויסגעגלייכט סאָציאַלע דיפערענצן — אַפילו ווען פון נעסל איז שוין געוואָרן „נאַסטיאַ". און לאהקע האָט נישט געוואָלט ווערן קיין „ליזע", איז נאָך די פריינדשאַפט געבליבן די זעלביקע.

אָבער אָט איז געקומען אַ ביטערער הונגער־יאָר. נישט געווען קיין „אור־ראַזשאַי" (גערעטעניש). די געגנט, וואָס האָט בעיקר געלעבט פון תבואה, האָט דערפילט די שלעכטע צייט; די געגנט, וואָס האָט געשיקט מיליאָנען פּודן תבואה קיין אויסלאַנד דורך די דאַרדאַנעלן און קיין טיף רוסלאַנד (אויף

„סיעווער״ — צפון, האָט עס געהייסן), האָט גאָר אַליין געדאַרפט קויפן ווייץ. ייִדן, וואָס האָבן מערסטנטייל געצויגן חיונה פֿונעם תבואה־האַנדל, זענען געבליבן אָן פּרנסה.

ביים ליטווישן מלמד אין שטוב האָט מען ווי עס איז, מיט ליטווישער אויסגערעכנטקייט, דורכגעשטופּט דאָס שלעכטע שטיקל צייט. נידעריקער ווי אויף „ניזשע פּיאַטע״ — ס׳הייסט מעל עטוואָס נידעריקער פֿון דער פֿינפֿ־טער קוואַליטעט איז מען נישט אַראָפּ. אָבער אין אָרעמערע הייזער האָט מען געגעסן „שאָסטקע״ (זעקסטע קוואַליטעט), אַפילו „סיאָמקע״ (זיבעטע קוואַ־ליטעט), וואָס מען פֿלעגט אין געוויינלעכע יאָרן אַריינגעבן אינעם עסן פֿון די בהמות.

אָבער אין די שלעכטע צייטן קויפֿט מען אויך ווייניקער קליידונג — איז אין שטוב אַריין אַ סך ווייניקער געניי, האָט מען שווערער געקענט אויס־צאָלן די קליינע קוואָטעס פֿאַר דער מאַשין. טאַקע קליינע קוואָטעס — אַ רובל אַ חודש, אָבער... נישט געווען דער רובל.

איז געקומען דער אָרטיקער „זינגער״־אַגענט, האָט געמאָנט דעם חוב און דערמאָנט דעם בפֿירושן פּונקט פֿון קאָנטראַקט, אַז אויב מען לאָזט אַדורך כך וכך „קוואָטעס״, קען זינגער צונעמען די מאַשין און דאָס איינגע־צאָלטע געלט איז פֿאַרפֿאַלן. און ס׳זענען שוין געווען דורכגעלאָזטע קוואָ־טעס אויף פֿון פֿריִער. אַוודאי האָט מען געזען אַז ער איז גערעכט, אָבער וואָס האָט מען געקענט טאָן? נישט געווען ווו צו לייען, נישט געווען ביי וועמען צו באָרגן!

בן־ציון געדענקט ביז היינט און וועט געדענקען זיין גאַנץ לעבן יענעם קילן, זוניקן פֿרימאָרגן פֿון שפּעטן האַרבסט, ווען דער אַגענט איז געקומען מיטן אוריאַדניק, איגנאַץ איוואַנאָוויטש, אַ גוי אַ חרוץ, וואָס איז געווען מיט ייִדן אויסגעבונדן, אויף צוצונעמען די מאַשין. עס האָט זיך געדאַכט אַז די זון איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין מיטן העלן טאָג, אַזוי פֿינצטער איז גע־וואָרן פֿאַר די אויגן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן טענות. דער מלמד וואָס האָט גע־קענט אַביסל רוסיש, האָט זיך אויסגעטענהט מיטן אוריאַדניק, און האָט אויף ייִדיש איינגעטענהט מיטן אַגענט, אַז עס איז ממש אַ רציחה, און אַ ייִד דאַרף דאָך האָבן ג׳ אין האַרצן. פֿון דעם אַנדערן צימער האָט זיך געהערט אַ שטילע בכיה פֿון די דריי מיידלעך נייטאָרינס, וואָס האָבן אין דער מאַשין געזען אַ מין קליינע, שטומע נאָר רוישיקע שוועסטערל. די קליינע מאַמעלע האָט גע־שוויגן, בלויז געבראָכן די הענט און געקוקט שטאַר, גלייך פֿאַר זיך אין רוים אַריין...

די טענות האָבן נישט געהאָלפֿן. דער אוריאַדניק האָט זיך אַ לאָז גע־

טאָן צו דער מאַשין, נעמען זי מיט כוח. ווי אַ בער, ביי ווען מען וויל אָוועקרויבן זיינע בערעלעך, האָט זיך דער ליטווישער מלמד אַ וואָרף געטאָן, אָפּגעשטופּט דעם אוריאַדניק פון דער מאַשין, מיט אַזאַ געשריי: „ניע וואַז־מיאָש!״ — וועסט נישט נעמען! — אַז אַלע זענען געבליבן דערשיטערט. פון דעם שטויס איז דער אוריאַדניק שיעור נישט געפאַלן פון די פיס. דער אַגענט האָט אים אונטערגעכאַפּט. ביידע זענען געשטאַנען נישט טויט נישט לעבעדיק, נישט ווייניקער צעשראָקן פון דער גאַנצער משפחה. עס איז דאָך געווען „אַנגרייפן פאָליציי בשעתן דערפילן אירע פליכטן״ — דאָס האָט גע־שמעקט מיט תפיסה, קאַטאָרגע, אַרעסטאַנטסקע ראָטע...

אַ ווייל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מען האָט זיך אַלע שטום אָנגעקוקט: וואָס וועט איצט זיין? דער מלמד האָט מיט זיין קערפּער פאַר־שטעלט די מאַשין, גרייט אויף אַלץ, אויב מען וועט פאָרט וועלן אַוועקנעמען די „שפּייזערין״... דער אוריאַדניק האָט טיף געאָטעמט. לויט דעם ווי ער האָט זיך געשפּילט מיטן קוטאַס פון שווערדל, האָט מען געזען אַז ער פירט מיט זיך אַ שטאַרקן געראַנגל. דער אַגענט איז געווען בלייך ווי די וואַנט און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אוריאַדניק. מען האָט געזען אַז ער פילט זיך ווי אַ מיטשולדיקער אין דער טראַגעדיע וואָס קען פון דעם אַלעמען אַרויסקומען. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן.

ענדלעך האָט דער אוריאַדניק אויסגעשטרעקט די האַנט צום ליטווישן מלמד און געזאָגט איין וואָרט: „פּראָשטשאַיו״ — איך בין דיר מוחל. איך ביז אויך אַ פאָטער, איך האָב אויך קינדער, און וואָלט זיך אויך פאַר גאָר־נישט אָפּגעשטעלט צו פאַרטיידיקן זייער ברויט... נאָר זע, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן. דאָס מוז בלייבן בסוד. טאָ־מער נישט, וועט זיין שלעכט... אָפּגעזאָגט, אויסגעדרייט זיך און אַרויס מיטן אַגענט פון שטוב.

בן־ציון געדענקט שוין נישט, ווו מען האָט פאָרט באַקומען געלט און באַ־צאָלט אַ טייל פון די היגטערשטעליקע קוואָטעס. אין די שמועסן וועגן דעם אין שטוב, האָט ער געהערט די טענה, אַז „אויפן אַגענט איז דאָך אויך אַ רחמנות. ער טוט עס נישט פון נחת, ער מוז דאָך ענטפערן אין קאַנטאָר. ער האָט דאָך אויך אַ ווייב מיט קינדער״... נאָר דעם פאָטערס אויסגעשריי: — „ניע וואַז־מיאָש!״ — וועסט נישט נעמען! און דעם אוריאַדניקס אויספּליסטערן: „פּראָ־שטשאַיו״ — איך בין דיר מוחל, קלינגען ביז היינט אין זיין געדעכעניש, ווי די שענסטע מענטשלעכע געזאַנגען...

קאַפּיטל 9

אין ישיבה אַריין

ווען שוין טאַקע פון „אים" גאָר קיין לייט נישט זיין?... אָבער אַ שטיקל תכלית מוז מען דאָך פאַר דעם בחורעץ זוכן. ער איז דאָך שוין אין עלפטן יאָר. איז געבליבן מען זאָל ביידע יינגלעך אַוועקשיקן אין דער ישיבה, וואָס האָט זיך אַ דאַנק די באַמיונגען פון דעם גרויסן ישיבות־גרינדער אויף דער אוקראַי־נע, ר' הערש שלעז ז"ל, געעפנט אין דער יידישער קאָלאָניע וווּ די משפחה האָט פריער געלעבט און וווּ זיי האָבן געהאַט קרובים, מחותנים און גוטע פריינד. וועלן די קינדער דאָרט נישט זיין אַזוי עלנט. די מלמדים פון דער ישיבה זע־נען דעם פאָטערס ידידים — מענדל דעם רבס און מאיר־לייב מלמד. טעג וועט מען עסן ביים טאַטנס חברים און דער מאַמעס פריינדינס. אויף קוואַר־טיר וועלן זיי זיין ביי דער מחותנתטע דוואָשע, און שבת וועט מען זיין ביים פאָטערס ברודער — דער פעטער לאָזער, וועט עס זיין כמעט ווי אין דער היים.

דערווייל מאַכט זיך אַ גוטע געלעגנהייט. דער קאָלאָניסט דוד חיה־לאהס, דעם טאַטנס אַ תלמיד און אַ זון פון דער מאַמעס אַ פריינדין, איז גראָד גע־קומען אין שטעטל, ווהין ער האָט געבראַכט אַביסל תבואה צו פאַרקויפן, וועט ער מיטנעמען די קליינע חברה־לייט אויף זיין פור. מען וועט פאַרשפּאָרן הוצאות, מען וועט נישט דאַרפן די קינדער אָפּפירן — זיי זענען דאָך אין געטרייע הענט פון אַן אייגענעם. האָט מען אין איילעניש צונויפגענומען די סאַמע נויטיקע זאַכן: בגדים, אַביסל וועש, עפּעס איבערצוקייען אויפן וועג, און געוואָרט ביז דוד חיה־לאהס איז אַרונטערגעפאָרן מיט זיין פורל. האָבן זיך די ברידערלעך געזעגנט מיט די שוועסטערס, וואָס האָבן גאַנץ פיין גע־בראָכן פיסקעס און אונטערגעכליפּעט. און טאַטע־מאַמע האָבן באַשלאָסן אַרויסצובאַגלייטן די פור ביז העט ווייט הינטערן שטעטל.

עס איז געווען אַ מילדער פרילינג פאַרנאַכט. די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, און האָט מיט אירע מילדע שטראַלן באַלויכטן די קליינע גרופּע וואָס איז נאָכגעגאַנגען די פור איבער די געסלעך פון שטעטל. בן־ציונען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אויך די זון אַרויס אָפּגעזעגענען אים מיט וועלוולען אויף זייער ערשטער נסיעה פון דער היים, און די וואַרעמקייט פון אירע צאַר־טע שטראַלן זענען די געזעגענונגס־קושן וואָס די זון שיקט זיי. די פאַרנאַכ־

טיקע שעה איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ צאַרטן אומעט. נישט נאָר טאַטע־מאַמע געזעגענען אַרויס זייערע פּיצעלעך אין דער גרויסער וועלט אַריין, נאָר די זון געזעגנט זיך מיט דער ערד אויף אַ גאַנצער נאַכט, ביז מאָרגן פרי, ווען די קינדער וועלן שוין נישט זיין אין שטעטל, נאָר ערגעץ ווייט אין דער פרעמד. פון הינטער די הייזער און ביימער פויזשען אַרויס לאַנגע שאָטנס, צעשפּרייטן זיך איבער דער ערד, וואַרפן זיך אַריבער איבער די געסלעך, ווי זיי וואָלטן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן אָפּצוגעזעגענען די יאַטלעך, וועמען זיי האָבן געקילט די צעהיצטע פנימער אין הייסע פאַרנאַכטן...

ביז הינטערן שטעטל איז מען געגאַנגען צופוס. דער הויכער, שטרענגער טאַטע האָט געשפּרייזט אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, ווייניק גערעדט, ווי איינער וואָס האָט זיך איינמאָל איבער אַלעמאָל אויף עפּעס באַשלאָסן, און זאָל זיין וואָס עס וויל זיך. די קליינוווּקסיקע מאַמעלע האָט אויך ווייניק גערעדט, נאָר פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער און מיט די הענט אַ גלעט געטאָן דאָס קעפּל, אָט פון איינעם, אָט פון אַ צווייטן פון די זין. ווען מען איז אַרויס פון שטעטל, האָט מען די קינדער געראָטן זיך זעצן אויפן וואָגן, עס איז פאַר זיי שווער צו גיין. האָבן זיך טאַטע־מאַמע צעקושט מיט זייערע קינדערלעך, וועלכע האָבן דערפילט אַז דאָס געזעגנט מען זיך מיט זיי אויף לאַנג... האָבן די הערצלעך גענומען פלאַטערן, ווי ביי פייגעלעך ווען זיי פאַלן אַריין אין אַ נעץ, אָבער טאַטע־מאַמע האָבן זיי באַרויִקט. זיי גייען נאָך נישט אַוועק, און נאָך אַ היפּשע שטרעקע זענען זיי נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן.

מיטאַמאָל האָט דוד אַ שמיץ געטאָן די פערדלעך. דער וואָגן האָט זיך אָנגעהויבן קייקלען שנעלער. טאַטע־מאַמע האָבן אויסגעשריגן: „זייט געזונט, קינדערלעך!" און די דיסטאַנץ צווישן זיי און די יונגע רייזנדע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן. די קינדער האָבן מיט פאַרשטאַרטע בליקן נאָכגעקוקט ביז די צוויי איינזאַמע פיגורן אין מיטן פעלד זענען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן...

שפּעטער, ווען מען איז אויף אַ יום־טוב געקומען אַהיים צו גאַסט, האָט די דראָבנע מאַמעלע דערציילט, אַז אויף צוריקוועגס איז דער פאָטער גע־גאַנגען טרויעריק, ווי פון אַ לוויה ר"ל, און געהאַלטן אין איין טענהן צו זיך אַליין: „ארויסגעפלויגן די שוואַלבן פון נעסט, אַוועקגעשיקט מיינע עופה־לעך... ווער ווייסט ווען און ווי אַזוי זיי וועלן צוריקקומען..." און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער דעם פון זאָרג צעאַקערטן פנים פון דעם מלמד, וואָס האָט געשמט פאַר אַ האַרטן ליטוואַק.

גראָד די אויף טרערן לייכטע מאַמעלע איז דאָס מאָל געווען געפּאַסט און האָט נאָך געזוכט צו באַרויִקן איר מאַן. זי האָט געהאַט פעסטע צוויי

טענות: ערשטנס, פֿאָרן זײ דאָך אין דער ישיבה לערנען תורה, און צװײטנס, האָט דאָך מסתמא „ער" געװאָלט אַזױ, און מען טאָר נישט נאָכטראַכטן נאָך די דרכים פֿון זײן ליבן נאָמען.

כל־זמן דאָס שטעטל האָט זיך נאָך געזען פֿון דערװײטנס, כל־זמן מען איז נאָך געפֿאָרן מיט די שטעטלשע פֿעלדער, װוּהין מען פֿלעגט אַמאָל אַרױספֿאָרן אױף „פּראַװען" ל"ג־בעומר, אָדער אין די פּאָר פּסח־טעג, װי אַ שמירה צום גױישן װאַסער־פּירער, װאָס פֿלעגט ברענגען פּסחדיקן װאַסער פֿון אַ װײטן ברונעם אין פֿעלד, זענען די בחורימלעך געװען הײטער און טאַקע אױך אַביסל צופֿרידן מיט דער נסיעה. אָבער אַז די זון איז פֿאַרגאַנגען און די נאַכט־פֿינצטערניש איז געדיכטער געװאָרן, און דער װאָגן האָט אױסגעזען װי פֿאַרלױרן אין די אומענדלעכע פֿעלדער — האָט קלײנװאַרג שטאַרקער דערפֿילט דעם גאַנצן עלנט פֿון דער פֿרעמד. האָט מען אַפֿילו פֿאַרגעסן אין אָװנט־ברױט װאָס מען האָט מיטגענומען פֿון דער הײם. מען האָט זיך טיפֿער אײנגעגראָבן אין דעם הײ, מיט װעלכן דער װאָגן איז געװען אױסגעבעט. מען האָט אין דער פֿינצטערניש אָפּגעזוכט אײנער דעם צװײטן, זיך שטאַרק אַרומגענומען און כליפּענדיק שטיל, בכדי דוד זאָל נישט הערן װי זײ װײנען, איז מען סוף־כל־סוף אײנגעשלאָפֿן. און דער געזונטער קינדערשער שלאָף אױף דער פֿרײער פֿעלד־לופֿט האָט געמאַכט פֿאַרגעסן אַלע איבערלעבונגען.

אַרום האַלבער נאַכט האָבן זיך די קינדער אױפֿגעכאַפּט אין פּאַנישער שרעק. איבערן פֿעלד האָט זיך געטראָגן אַ גרילצנדיקער רעש מיט אַ פּײפֿערײ, װאָס האָבן געמאַכט פֿאַרגליװערן דאָס בלוט אין די אָדערן. װער זאָל עס זײן? לכתחילה האָבן זײ אין דער אַרומיקער פֿינצטערניש גאָרנישט באַמערקט. מיטאַמאָל איז אָבער װי פֿון אונטער דער ערד אַרױסגעקראָכן אַ מאָדנע באַשעפֿעניש, װי אַ לאַנגע שלאַנג, אײנגאַנצן אײנגעטונקען אין פֿײערלעך און מיט דרײ ברענענדיקע אױגן, װאָס האָבן בלוטיק געשימערט אין אַרומיקן חשכות. דאָס פֿאַרזעעניש האָט הילכיק געררעװעט און געטראָגן זיך גלײך אױפֿן װאָגן מיט אַזאַ אימפּעט און רציחה, װי עס װאָלט געהאַט בדעה אײנצושלינגען דעם װאָגן מיט די פֿערד, מיט די פּאַרשױנען, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער.

אַן אַנגסט־געשרײ האָט זיך אַרױסגעריסן פֿון די קינדערשע העלדזער, און אױפֿגעװעקט דודן װאָס האָט געכאַפּט אַ דרימל. אַ צעשראָקענער האָט ער געפֿרעגט: — „װאָס איז דאָרט?" און חברה האָבן געפּליסטערט: — „זעסט נישט, אָן, דאָרט! דער פּיפּערנאָטער! ער לױפֿט גלײך אױף אונדז!

גוואַלד!" די יונגע הערצלעך האָבן שיעור נישט געפּלאַצט פון שרעק. דוד האָט אויסגעבייטלט אַלע בייזע חלומות:

— פּראַים! קליינשטעטלדיקע יאָלדן! דאָס איז נישט קיין פּיפּערנאָטער. דאָס איז דער ביינאַכטיקער פּאַיעזד (צוג) וואָס גייט דאָ פאַרביי. די פייער־לעך זענען פון די ליכט וואָס ברענען אין די וואַגאָנעס און די „אויגן" זענען די לאָמטערנעס ביים לאָקאָמאָטיוו, וואָס באַלייכטן די באַן־ליניע אויף אַ שטיק וועג פאָרויס... דערווייל האָט זיך דער צוג פאַרבייגעטראָגן מיט אַ געקלימ־פּעריי און פּייפּעריי. מען האָט געקענט טויב ווערן, און די קינדער האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

די רעשט נאַכט איז מען שוין נישט געשלאָפן. דאָס געמיט האָט געגלי־ווערט אין אַ פּחד. די שרעק איז נישט אָפּגעטראָטן. טאַקע אַ „פּאַיעזד" נישט קיין פּיפּערנאָטער, אָבער... אַזוי ווייט פון דער היים! אין מיטן פון דער פרעמד! און וואָס טוט זיך דאָרט? וואָס טוט איצט דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטערלעך? שלאָפן זיי, אָדער זיי זענען אויך וואַך? קנוילט זיך אַ קנויל אין די יונגע הערצעלעך, קייקלט זיך דורך דער קעל, דערקייקלט זיך ביז די אויגן... אָבער די אויגן זענען שוין טרוקן, שוין אויסגעוויינט אַלע טרערן, און וואָס העלפט עס? איז מען געזעסן פאַרשטאַרטע אין דער געדיכטער חש־כות.

ביסלעכווייז הייבט אָן די נאַכט צו ווערן העלער. אָט איז זי שוין אַזוי גרוי ווי אַ פאַרוואָלקנטער טאָג. ערגעץ־ווו ביים ראַנד פון הימל, טוט אומ־זיכער אַ בלינצל די זון, דער הימל גליט אין מאָרגן־רויט, פון דערווייטן באַ־ווייזן זיך ווייסע הייזקעס מיט שטרויענע דעכער, וואָס זינקען אין גרינס פון פעלדער, פלאַנצן אוןביימער.

— דאָס איז שוין? — ניין, עס איז ערשט אַ קליין דערפל, אַ פּאָר וויאָרסט פאַר דער קאָלאָניע. און אָט איז טאַקע די קאָלאָניע אַליין. די פור פאַרפאַרט אי־ן אַ גרויסן הויף. מען הערט מרוקען פון קי, מעקען פון קעלבלעך. קאָלאָ־ניסטן מעלקן די פרישע שמעקעוודיקע מילך. שוין... אָנגעקומען...

קאַפּיטל 10

אין קאָלאָניע

די קאָלאָניע איז געווען אַ גאַנץ גרויסע און איינע פון די ערשטע וואָס די רוסישע צאַרן, אַלעקסאַנדער דער ערשטער (דער געבענטשטער) און ניקאָלײַ דער ערשטער (פּאַלקין) האָבן געגרינדעט און אַנטוויקלט מיטן צוועק צוצוציִען ייִדן צו ערד־אַרבעט און אַזוי אַרום אויך צו פולער אידענטיפיקאַציע מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אייניקע קאָלאָניעס האָבן געטראָגן, לכתחילה, ייִדישע און אַפילו העברעיִשע נעמען: „יפה־נהר“ (שיינער טייך), „נהר־טוב“ (גוטער טייך), „איזראַיִלאָווקאַ“ (ישראלדיקע); די שפּעטערדיקע קאָלאָניעס האָבן שוין געטראָגן מער רוסישע נעמען: דאָבראָיע, נאָוואָפּאָלטאַווקאַ, שיראָקאַיאַ, טאַטאַרקאַ, נעווועל, באָבראָווי־קוט אאַ״וו.

די קאָלאָניע וווּהין די יונגע רייזנדיקע זענען אָנגעקומען אין דער ישיבה, האָט אָנפאַנג יאָרהונדערט פאַרמאָגט אַ פּאָר הונדערט קאָלאָניסטישע הויפן, וואָס זענען געווען צעטיילט אין צוויי נישט־גלייכע טיילן, אויף ביידע זייטן פון אַ שמאָלן טאָל, וווּהין עס פלעגן אין פרילינג אַראָפּפליסן די וואַסערן פון די צעגאַנגענע שנייען, און אין האַרבסט — די וואַסערן פון די שלאַקס־רעגנס וואָס האָבן געבילדעט אַ מין שטייענדיק טייכל (סטאָוואָק), וואָס פלעגט אין די זומערדיקע חדשים אויסטריקענען.

אין דאָזיקן טייכל פלעגט מען אָנטרינקען די טשערעדעס פי, די טאַבונעס פערד, די סטאַדעס שאָף פון דער קאָלאָניע. ווען דאָס טייכל פלעגט אויסטריקענען, פלעגט מען ציִען וואַסער פון דער „באַדיאַ“, אַ טיפער ברונעם ביים ברעג פון טאָל, מיט אַ געשטעל אויף אַרויסצוציִען וואַסער, איין פעסל אַרויף, איין פעסל אַראָפּ, און וואָס יודעי־חן האָבן געוווּסט אַז דאָס וואַסער איז ברונעם וועט קיינמאָל נישט אויסטריקענען, ווייל עס איז אַן אָדער פון ים; דערפאַר טאַקע איז דאָס וואַסער געווען אַביסל געזאַלצן...

די צוויי זייטן פון דער קאָלאָניע זענען געווען באַצייכנט, די גרעסערע — ווי די פּוילישע, די קלענערע ווי די ליטווישע, לויט די געגנטן פון וואַנען די גרינדער פון דער קאָלאָניע זענען געקומען. און כאָטש עס איז שוין געווען כמעט אַ הונדערט יאָר זינט די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן, איז דאָך די צעטיילונג געבליבן, און נישט בלויז אין נאָמען, ווען אַפילו די „געמיש־

טע״ חתונות האָבן דורכגעריסן טיפע און ברייטע בלויזן אין דער אָפּגע־פרעמדקייט וואָס האָט לכתחילה צעטיילט ייִדן פון פאַרשידענע געגנטן.

אין אַ דריטן ווינקל פון דער קאָלאָניע זענען געזעסן „דייטשן״, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט באַזעצט, בכדי ייִדן זאָלן זיך פון זיי לערנען ווי צו פירן באַלעבאַטישקייט. זיי האָט מען קאָלאָניזירט אויף בעסערע באַדינ־גונגען: מער באָדן, בעסערע הייזער און מאַשינעריע. איז טאַקע זייער ווינקל: „די קליינע דאַטשע״ און די „גרויסע דאַטשע״ געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַ מאָדעל פון אַ יוסטער באַלעבאַטישקייט וואָס גאָר אַ סך ייִדן האָבן נאָכ־געטאָן.

די קאָלאָניע האָט געהאַט איר דאָרפישע זעלבסטפאַרוואַלטונג (פּריקאַז); איר אייגענעם דאָרפס־עלטסטן (שולץ), איר אייגענעם געריכט, דער דאָרפס־עלטסטער מיט צוויי בייזיצער, אויך אַן אָנפאַנג־שולע, מיט אַ ייִדישער פּאָ־ליציי, אַ „סאָטסקי״ און „דעסיאַטניקעס״, אַפילו דער שרייבער אין פּריקאַז און די לערער אין שולע זענען געווען ייִדן. קורץ, אַ פּיצינקע ייִדישע אויטאָ־נאָמיע.

פאַרשטייט זיך אַז די געשעפטס־פירונג איז אומעטום געווען אויף רו־סיש, פּונקט ווי דער לימוד אין שולע איז געווען אין רוסיש, ווייל די רוסי־פיקאַציע פון ייִדן איז דאָך געווען דער יסוד און צוועק פון דער גאַנצער רו־סישער קאָלאָניזאַציע. די רוסישע צאַרן און זייערע יועצים זענען געווען זי־כער, אַז ווען מען וועט אַרויסנעמען ייִדן פון זייער סביבה און פּרנסה, ווען מ׳וועט זיי אַרומרינגלען מיט גויִשע דערפער, וועלן זיי פריִער־שפּעטער פאַר־פויערט און רוסיפיצירט ווערן.

האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט דער ליובאַוויטשער הויף... ער האָט אַריינ־געשיקט אין די קאָלאָניעס אַ באַאַמטן אָן שליפעס און אָן אַ שווערדל, וועל־כער איז געוואָרן דער גייסטיקער מדריך (אינסטרוקטאָר) פון די קאָלאָניסטן. ר׳ הלל פּאַריצער ז״ל, האָט ער געהייסן, אַ ייִד אַ למדן און אַ פּיקח, אַן אי־דעאַליסט, אַ ייִדישער „נאַראָדניק״, וואָס איז געגאַנגען אין פאָלק, געלעבט מיט אים, געלערנט מיט אים, משפיע געווען אויף אים, און מיט זיין פאָלקס־טימלעכער פּשטות און לומדישער איבערגעגעבנקייט, זיך קעגנגעשטעלט דער צאַרישער רוסיפיקאַציע, און האָט גובר געווען. ייִדישע קאָלאָניסטן זענען ביז דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע געבליבן ייִדן, כאָטש פון יענער געגנט און פון אַ קאָלאָניסטישער משפחה האָט געשטאַמט לייבל בראָנשטיין, דער שפּע־טערדיקער רעוואָלוציאָנער „טראָצקי״, וואָס האָט פאַרלאָזט ייִדישקייט, און איז דאָך אַוועק פון דער וועלט ווי אַ מאַרטירער, אַ הרוג־מלכות.

בן־ציון האָט זיך אָנגעהערט אַ וועלט מיט מעשיות וועגן דעם וווּנדער־

באַרן ייִדן, וועלכער האָט געראַטעוועט ייִדן פון גוייִשקייט, און אָפטמאָל האָט ער זיך שטילערהייט באַשווירן צו גיין אין זיינע דרכים; אויך ראַטעווען ייִדן פון גוייִשקייט; אַ נדר, וואָס ער האָט דערפילט ווי ווייט זיינע כוחות האָבן געטראָגן.

און ווען דער ליובאַוויטשער אַליין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין יענע מקו־מות און איז נאָך אַ ווייטער נסיעה געקומען געוואָר וועגן וואָס ס׳מאַכן עפּעס די „ייִדישע מוזשיקעס״, האָט ער געזען אַז דער שליח, ר׳ הלל, האָט געטאָן זיין שליחות בשלימות.

דעם רבינס באַזוך האָט אויפגערודערט די קאָלאָניסטן. פון אַלע זייטן איז מען געפאָרן צום רבין, הערן זיינע עצות, באַקומען זיין הדרכה, אויסרעדן פאַר אים דאָס ביטער האַרץ. איינע פון די הויפּט־סטאַנציעס פון ליובאַוויטשער רבין איז געווען די קליינע קאָלאָניע „ראָמאַנאָווקאַ״, וואָס ייִדן, און אויך אַ סך גויִים וואָס האָבן געהאַט עסקים מיט ייִדן און זענען געפאָרן צום רבין, האָבן נאָכן באַזוך פונעם רבין גערופן די קאָלאָניע „ראַבאַנאָווקאַ״, ס׳הייסט דעם רבינס קאָלאָניע.

אַלס פּועל־יוצא פון רבינס באַזוך, האָט מען אין אייניקע קאָלאָניעס אָנ־געהויבן צו אַנטוויקלען דעם לימוד התורה. שפּעטער האָט אויך מיטגעווירקט די טעטיקייט פון ר׳ הערש שלעז ז״ל און פון זיינע משולחים, און עס זענען געגרינדעט געוואָרן ישיבות, אין איינער פון וועלכע עס איז אָנגעקומען בן־ציון מיט זיין ייִנגערן ברודער וועלוול.

דער ייִנגערער ברודער איז אַריין אין דעם „טיש״ (קלאַס) פון אָנפאַנ־גער, אָבער בן־ציון איז שוין אַריין אין העכערן „טיש״, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מענדל דעם רבס. אין יענעם זמן האָט מען גראָד געלערנט די גמרא חולין, אַ מסכתא מיט ווייניק אגדתא, מיט טרוקענע ענינים פון סימנים, רי־אות און אונאס, וועלכע זענען בן־ציונען נישט געקראָכן אַפילו אין דער לינ־קער פּיאה.

איז דער עיקר געוואָרן נישט דאָס לערנען, נאָר דאָס חברן זיך מיט חברים, סיי מיט די קינדער פון קאָלאָניסטן, סיי מיט די ישיבה־בחורים וואָס זענען געקומען פון דער פרעמד, פון וועלכע מען האָט זיך געקענט עפּעס אָפּ־לערנען. האָט יהושע סאָפּאָנאָווער אויסגעלערנט רויכערן ציגאַרן, און מאָטקע — אַ קאָלאָניסטישער בחור — האָט אויסגעלערנט קלעטערן אויף ביימער, פייפן ווי פעלד־פייגל און נאָך אַזעלכע חפציות; אַ צווייטער מאָטקע האָט אויסגעלערנט נאָכצומאַכן יהושע סאָפּאָנאָווער, ווי אַזוי ער פּאַרהיקעט זיך, און מענדל דעם רבס, — ווי ער בייזערט זיך ווען ער ווערט אין כעס.

די יונגע „רביים״ זענען הפּנים געווען גאַנץ גוטע פּעדאַגאָגן. בן־ציון

איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ פיינער אימיטאַטאָר. נאָכמאַכן און איבערקרימען האָט ער געקענט ווי זוויניקע, האָט ער געהאַט אַ פּעולה...

דערווייל איז אין דער ישיבה געווען „אַ לעבן ווי אַ לעקעך". דעם עמוד גמרא האָט מען ווי עס איז „אָפּגעדראָפּעט"; צו די קלעפּ פון רבינס יאַמשאָוון שטעקן האָט מען זיך צוגעוווינט, איז ווי נאָר מען האָט געקענט, האָט מען זיך מיט נאָך חברים אַרויסגעגנבעט פון דער ישיבה, און — היידאַ אין פעלד אַריין! און טאַקע איבער דער „מעזשע" (אַ גראָבן, וואָס גרענעצט אָפּ פעלדער), אין אַ פּריצישן גוט, און געלאָפן ווי די יונגע לאָשעקלעך, געקייקלט זיך אין פרישן גראָז, געשפּילט אין כלערליי שפּילערייען, זיך אַפילו געבאָדן אין דעם שטייענדיקן וואַסער — האַלב־ברונעם, האַלב־זומפּ, מיט מער בלאָטע ווי וואַסער.

פון דעם באָדן זיך איז טאַקע געקומען אַ צרה. אין אַ פאַרנאַכט איז בן־ציון געקומען פון באָדן זיך מיט אַ שאַרפן קאָפּ־ווייטיק, נישט געקענט עסן, געפּילט אַ ברעכעניש אין אַלע ביינער און קוים מיט צרות געקענט איינשלאָפן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז זיין לייב געווען באַדעקט מיט אַזעלכע ווייסע בלאָטערלעך, די ליפּן זענען געווען געשוואָלן, די אויגן האָבן געטערערט, פון דער נאָז האָט געראָנען... היינטיקע צייטן וואָלט מען עס אָנגערופן ווי „אורטיקאַריאַ" און מען וואָלט עס אויסגעהיילט אין עטלעכע טעג. אָבער רויזמאַן דער פעלדשער, אַ ייִד אַ פּיקח און אַ גרויסער מומחה, האָט עס גענומען היילן מיט זאַלבן און שמירעכצן און האָט עס אַזוי „פאַרהיילט", אַז בן־ציון האָט אין מיטן זמן געדאַרפט צוריקפאָרן אַהיים און האַלטן זיך מיט די בלאָטערלעך היפּשע עטלעכע חדשים, ביז וואַנען זיי זענען פאַרשוווּנדן. און טאַטע־מאַמע האָבן ווידער געקענט נעמען טראַכטן די האַרבע פראַגע: „וואָס וועט זיין דער תכלית?..."

פון ישיבה האָט בן־ציון מיטגעבראַכט אַ לידל, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט ביז היינט און וואָס באַווייזט דעם גורל פון אַ ישיבה־בחור. עס איז נישט ווי א. רייזענס „מאי קא משמע לן", נאָר עפּעס קומט עס אויך צו לאָזן הערן. אָט איז דער ערשטער פערז מיטן רעפריין:

אַלע באַלעבאַטים טוען זאָגן:
וואָס ווילן פון אונדז די ישיבה־בחורים האָבן,
אַז אָך און אַז ווײ, צום שענסטן קינד,
ער קומט אין דער ישיבה ווערט ער ווי אַ הונט...

קאַפּיטל 11

ערשטע פּאַרדינסטן

דערווייל איז בן־ציון געבליבן אַ היימישער און אַ ליידיקגייער. קיין מלמד איז שוין פאַר אים אין שטעטל נישט געווען, קיין בית־מדרש, ווו אַזאַ בחורל זאָל קענען לערנען אַליין פאַר זיך, האָט דאָס שטעטל נישט געהאַט. געווען אַפילו אין שטעטל צוויי פיינע שילן, שיינע צוויי־גאָרנדיקע בנינים, אָבער זיי האָבן געדינט בלויז צום דאַווענען; לערנען, האָט דאָס שטעטל פון פשוטע חי־וקימס נישט גורס געווען. די פּאָר לומדים, מערסטנטייל עלטערע יידן, האָבן געלערנט ביי זיך אין דער היים, און ווער וועט עס וועלן צונעמען פאַר אַ תלמיד־חבר אַזאַ שנעק? איז בן־ציון געבליבן ווי אויפן וואַסער, פאַר־לאָזט פון ג׳ און פון לייט.

גראָד אין יענע שווערע צייטן האָט ער אָנגעהויבן צופאַרדינען פון שבת צו שבת אַ פּאָר גראָשנס, גאַנצע דריי אָדער פינף קאָפּיקעס פאַר אַמאָל, מיט אַ צוגאָב פון פיינעם שבת־אויבסט און אַנדערע נאַשערייען; הכלל — אַ גאַנץ פאַרמעגן. דער מקור פון דעם „דאַברע־מזל״ איז געווען אַ שכניש הויז, ווו עס האָט געוווינט אַ קינדערלאָז פּאָרפאָלק, משהלע סטאָליאַר, אַ קליינוווק־סיקער, שוואַכינקער מענטשעלע, מיט אַ קורצן אָטעם און אַ דין קולכל וואָס האָט געקלונגען קינדיש, אָבער אָן דער קינדערישער הילכיקייט, און זיין ווייבל ביילקע, אַ הויך־וווקסיקע און גאַנץ שיינע, כמעט אַ יפת־תואר. דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך ליב געהאַט אהבת־נפש, אָבער ווי בן־ציון האָט געדענקט פון חומש — ג׳ האָט פאַרשלאָסן ביילקעס טראַכט — זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט.

דעם שידוך צווישן משהלען און ביילקען האָט דורכגעפירט חברה „יד אחת״, אַן אייגנאַרטיקע שטעטלשע אינסטיטוציע, וואָס פאַרדינט באַשריבן צו ווערן. דער האָלץ־מסחר, איז כנהוג, געלעגן אין יידישע הענט. ביים אַריינ־פאָר אין שטעטל, אויפן גרויסן יאַריד־פּלאַץ, זענען געשטאַנען די האָלץ־געשעפטן „ליעסנאַיעס״, ווו די באַפעלקערונג פון אַ גאַנצן געגנט האָט געמוזט איינקויפן געהילץ.

דער מנהג איז געווען, אַז די האָלץ־סוחרים פלעגן אַרויסשיקן „אַריינ־רופער״, וואָס פלעגן דעם קונה ממש שלעפּן פאַר די פּאָלעס און כמעט אויף כוח אין דעם אָדער יענעם געשעפט. פלעגט עס אָפט קומען צווישן די „אַריינ־

רופער" צו בזיונות און אַפילו צו פעטש; ווער עס איז געווען אַ גרעסערער חצוף און אַ שטאַרקערער „איינרייסער" און האָט לייכטער געקענט אַרייַנ־שלעפּן אַ קונה, דער האָט פאַרדינט אַ בעסערן געהאַלט.

אָבער די קריגערייען האָבן אָנגעהאַלטן נאָר ביי דער אַרבעט. נאָך דעם „פדיון", האָבן חברה „אַריינרופער" און אַנדערע אָנגעשטעלטע דווקא גע־לעבט צווישן זיך בשלום, אַפילו שטאַרק חברלעך. און אַט צווישן זיי איז אויפגעקומען די חברה „יד אחת".

דער אויפטו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויב אַ קונה איז שוין גע־ווען אַ צו גרויסער „מאַרודניק", האָט זיך צופיל געדונגען און האָט דורכגע־מאַכט אַ הקפה איבער אַלע האַלץ־געשעפטן און נישט געקויפט, פלעגט מען אויף אים גלייך אויסרופן אַ „יד אחת", און ביי וועמען ער זאָל סוף־כל־סוף נישט האָבן געקויפט — און קויפן האָט ער געמוזט, ווייל קיין אַנדערע האַלץ־געשעפטן זענען אין געגנט נישט געווען — האָט ער געמוזט באַצאָלן מיט צען פראָצענט טייערער, און אַט די צען פּראָצענט פלעגן אַריינפליסן אין דער קאַסע פון חברה „יד אחת".

דאָס געלט פלעגט פאַרטאָן ווערן אויף צדקה: מאַכן אַ פרנסה פאַר אַ יידן אַן אָרעמאַן, חתונה מאַכן אַ אָרעמע כלה, קויפן שטיוועלעך פאַר די תל־מוד־תורה־יינגלעך, מעות־חיטים וכו'. אין די קאַלטע ווינטער־חדשים, ווען דער פדיון איז געווען שוואַך, און חברה פלעגט זיך נודיען פון לאַנגווייל, פלעגט מען טאָן צדקה מיט זיך אַליין און אייַנאָרדענען דריי קערמעשלעך: חנוכה־לאַטקעס, חמשה עשר־פּרוכט, פורים — אַ לחיים. פאַר יעדער קער־מעשל פלעגט דער פאָטער פון בן־ציונען, וועמענס בני־בית האָבן געהאַלטן ביי די „ליעסנאַיעס" אַ שפּייז־קרעמל, אָפּלערנען מיט „כל המסובים בכאן" אַ פרשה חומש, אַביסל אגדתא, בכדי אַ יידישע מסיבה זאָל נישט דורכגיין אָן אַ דבר־תורה. נאָכהער האָט זיך חברה לוסטיק געמאַכט, און געווען צווישן זיי אמתע טאַלאַנטן אויף צו מאַכן פריילעך אַן עולם.

אַט די חברה „יד אחת" האָט עס געשטעלט אויף די פיס ביילקעס טאַטן, אַ ייד אַן אָרעמאַן; אַברהם איציע, אַ מטופל מיט אַ היפשער משפחה, וואָס האָט געליטן נויט און דחקות, ביז הונגער ממש. האָט מען פון די „יד אחת"־געלטער געקויפט פאַר אַברהם־איציען אַ פיר־רעדער געשטעל מיט אַ פאָר פערד, און ער האָט אָנגעהויבן פירן געהילץ פון דער באַן־סטאַנציע וואָס איז געלעגן אַ פינף וויאָרסט פון שטעטל. אַזוי האָט מען פאַרטריבן דעם הונגער פון אַ יידישער שטוב. ווען אַברהם־איציעס עלטערער בחורל איז אונטערגע־וואַקסן, האָט מען אויך אייַנגעשאַפט אַ צווייטע פור, אַן אַ קאַסטן, בלויז מיט די פיר רעדער, און ער האָט צוגעהאָלפן זיין פאָטער. פרנסה איז געוואָרן

בשפע, קיין דוחק אין האַלץ צו פירן איז נישט געווען, געפוילט האָט מען זיך נישט, איז מען אַרויף אויף אַ דרך.

אָבער אַברהם־איציע האָט פאַרמאָגט אין זיין פאַמיליע דריי דערוואַקסענע בתולות. די עלטערע — ביילקע — איז טאַקע געווען אַ יפת־תואר, אָבער, „הויל־נאַקעט־באָרוועס" — ווי מען האָט עס געזאָגט אין שטעטל; ווער וועט איר נעמען? האָט חברה „יד אחת" באַשלאָסן חתונה צו מאַכן ביילקען פאַר משהלע סטאָליאַר, וועמען זיי האָבן גוט געקענט, ווייל ער פלעגט דאָך קומען איינהאַנדלען געהילץ פאַר זיין וואַרשטאַט אין וועלכן ער איז געווען דער איינציקער אַרבעטער, מער קינסטלער ווי בעל־מלאָכה, יואָס האָט געקענט אויסאַרבעטן אַ מעבל־שטיק, אַז מען זאָל עס גיין אָנקוקן אויף חידושים, עס האָט אַפילו געמעגט דויערן חדשים; און מבינים פון צווישן די רייכע פריצים, ווי אויך רייכע יידן האָבן עס געקענט אָפּשאַצן און באַצאָלן דערפאַר גוט געלט.

האָט משהלע סטאָליאַר למזל חתונה געהאַט מיט ביילקען, זיך אַריינגעצויגן אין „קוטאַק" (ווינקל) ווו עס האָט געווינט בן־ציונס משפחה, איז אַ זייער קליינע, נידעריקע הייזקע, וואָס ביילקע האָט געהאַלטן ריין, ציכטיק און פאַרפוצט, אַז נאָר „פערל צו ציילן", וואָס איז גיך געוואָרן אַ צענטער פאַר דער יוגנט און יינגערע פאַרלעך פון „קוטאַק" — אַ „סטאָליצע", ווי מען האָט עס גערופן. די צוציִונגס־קראַפט איז, חוץ די געשמאַקע טיי מיט געבעקס וואָס ביילקע פלעגט אונטערטראָגן מיט דער ברייטער האַנט, געווען דער זשורנאַל „דער איד", וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן, און משהלע סטאָליאַר האָט עס אויסגעשריבן פאַר גוט געלט.

אָבער משהלע סטאָליאַר האָט נעבעך נישט געקענט לייענען, האָט ער אויסגעזוכט בן־ציונען פאַר זיין בעל־קריאה, ער זאָל פאַרלייענען בקול רם וואָס אין „בלאַט" שטייט געשריבן. און אַז מען לייענט הויך קענען דאָך הערן נאָך מענטשן. האָבן עס משהלע מיט ביילקען געהאַלטן פאַר אַ גאַנצע זכיה וואָס זייער הויז איז געוואָרן אַ מין קולטור־צענטער פאַר די אַרומיקע יידישע גאַסן און געסלעך.

אין די שפּעטע נאָכמיטיקן, זומער, באַלד נאָך דער שבת־סעודה, ווינטער, פלעגט מען זיך צונויפקלייבן הערן דעם „איד". האָט מען פריִער געקנאַקט באַניקערן, געשמועסט, געוויצלט זיך, ביז דער גאַנצער עולם איז זיך צונויפגעקומען. דעמאָלט פלעגט בן־ציון אַרויסנעמען דעם „איד" און פאַרלייענען. די לייט־אַרטיקלען און אַנדערע אָפּהאַנדלונגען זענען צוליב זייער האַרבלעכער עברי געווען אַביסל שווערלעך, דאָך האָט מען געהערט מיט קאָפּ. מער האָט שוין פאַרכאַפּט די נייעס פון דער יידישער וועלט. אָבער די

אמתע צוציִונגס־קראַפט זענען געווען די שאַפונגען פון יידישע שרייבער, בעי־קר פון שלום־עליכמען, וואָס האָט זיך דאַן געדרוקט אין „דער איד". בן־ציון האָט געלייענט, יידן האָבן געהערט. עס פלעגט זיין אַן אמתער עונג־שבת און פאַר משהלען מיט ביילקען — די גליקלעכסטע מאָמענטן פון זייער לעבן.

פאַר יעדן פאַרלייענען האָט בן־ציון געקראָגן באַצאָלט. אַמאָל דריי קאָ־פּיקעס, אַמאָל אַ פּיטאַקל, און ווען נישט ווען גאַנצע צען קאָפּיקעס. ביילקע, אָבער, פלעגט זיך נישט באַגנוגענען מיט דעם וואָס משהלע באַצאָלט במזומן, זי פלעגט נאָך דערצו אָנשטאָפּן בן־ציונס קעשענעס מיט געבעקס ווינטער, מיט שבתאויבסט — זומער, פון צייט צו צייט אַפילו מיט אַזאַ זעלטענע פרי ווי אַ מאַראַנץ. פאַר אַ יינגל אַ ליידיקגייער און אַ היפשער נאַשער דערצו, איז עס געווען אַ מקור פון הכנסה און אַ קוואַל פון צעשטרייונג אין דעם גרויען אומעט וואָס האָט אָנגעפילט זיין לעבן אָן אַ תכלית.

און ווער ווייסט אויב נישט פון דאַנען שטאַמט זיין צוגעבונדנקייט צו ליטעראַטור בכלל, צו יידישער ליטעראַטור בפרט. דאָס ערשטע וואָס בן־ציון האָט אָנגעהויבן לייענען איז געווען יידיש. אויף העברעיִש זענען געווען ספרים וואָס מען האָט געדאַרפט לערנען. קיין העברעיִשע ביכער זענען נאָך דאַן אין שטעטל כמעט ווי נישט געווען. אין טאַטנס שטוב האָט בן־ציון יאָ געהאַט דעם „יוסיפון", דעם „שבט יהודה", דעם „סדר הדורות", אָבער דאָס אַלץ איז געווען היסטאָריע, נישט קיין לעבעדיק לעבן. קיין רוסיש האָט נאָך בן־ציון דאַן נישט געקענט, האָט ער זיך געקוויקט מיט יידיש, און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק. אַפילו אין די צייטן ווען בן־ציון איז שוין געווען אַ שפּראַכן־קענער, האָט גערעדט און געשריבן פריי אויף פיר שפּראַכן און געלייענט אויף נאָך אַמאָל אַזוי פיל — איז דאָך יידיש געבליבן דאָס סאַמע אייגענע און אינטימע. ווי זאָגן די פראַנצויזן? — די ערשטע ליבע איז די סאַמע שטאַרקסטע.

קאַפּיטל 12

חורבן בית-המקדש און חנוכת-הבית

דער יידישער ישוב פון דעם שטעטל ווו בן־ציון האָט פאַרבראַכט זיין קינדהייט, איז געווען גאָר אַ יונגער. אָנפאַנג 20סטן יאָרהונדערט האָט ער געציילט קוים אַ 30—40 יאָר קיום. אַ היפשער טייל פון ישוב איז באַשטאַנען פון קאָלאָניסטישע קינדער פון די אַרומיקע קאָלאָניעס, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן די ערד־אַרבעט, ווייל די פאַמיליעס זענען געוואַקסן און די צאַרישע רעגירונג האָט קיין נייעם באָדן נישט צוגעטיילט, נאָר אַדרבא, געשניטן דעם שוין באַשטימטן שטח, אונטערן אויסרייד אַז יידן זענען נישט בכוח צו באַאַרבעטן אַזוי פיל לאַנד. האָבן די אונטערוואַקסנדיקע דורות געמוזט זוכן אַנדערע מקורות פון פרנסה. אַריבערפאָרן אין די גרעסערע שטעט פונעם געגנט איז געווען שווער, ווייל אייניקע זענען געלעגן צו ווייט, און אין די נאָענטסטע איז יידן געווען פאַרבאָטן צו וווינען, ווייל מען האָט דאָרט פּראָיעקטירט אויפצובויען אַ מיליטערישן האַפן. דערווייל האָט מען נאָך נישט אָנגעהויבן די בוי־אַרבעטן, אָבער דער פאַרבאָט פאַר יידן זיך צו באַזעצן איז שוין געווען באַצייטנס אין קראַפט. האָבן זיך יידן באַזעצט אין די אַרומיקע גרעסערע דערפער, וואָס האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין שטעטלעך (מיעסטיעטשקאַ).

שוין אין די קאָלאָניעס האָט מען געהאַט ווייניק צייט פאַר לערנען. אָבער פאַר דאַוונען האָט מען נאָך ווי עס איז אָפּגעריסן צייט: אין די וואָכן־טעג — מער ביחידות, אין די שבתים און יום־טובים — בציבור. זענען אין דעם געגנט געווען מער שילן ווי בתי־מדרשים, און אַז דער ישוב אין שטעטל איז אויסגעוואַקסן, האָבן יידן באַשלאָסן אויפצובויען אַ שיל, און, צוליב די פריער דערמאָנטע סיבות, די ראַל, וואָס דער ליובאַוויטשער רבי האָט געשפּילט אין לעבן פון די קאָלאָניעס, האָט מען געדאַוונט נוסח חב״ד.

עס איז שוין געווען פאַריבער פופצן יאָרהונדערט זינט די קריסטלעכע אימפּעראַטאָרן פון ביזאַנץ, די יורשטע פון רוים, האָבן פאַרבאָטן יידן צו בויען נייע שילן און אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. רוסלאַנד האָט זיך געהאַלטן פאַר דער יורשטע פון ביזאַנץ, — די דריטע רוים — האָט זי זיך אַליין טיטולירט, האָט זי אָנגעהאַלטן די שנאה צו יידן און דעם פאַרבאָט פאַר זיי צו בויען נייע שילן אָן אַ דערלויבעניש. די יידן אין דעם נייעם ישוב האָבן דער־

פון נישט געוווסט, פאַרקערט, זיי זענען דאָך מערסטנטייל געקומען פון די קאַלאָניעס, וווּ די צאַרישע רעגירונג האָט געבויט שילן און שולעס אויף איר חשבון, האָט מען אויפגעבויט אין שטעטל אַ יידישן מקום קדוש, אַ צוויי־גאָרנדיקן בנין פון ווייסן שטיין, געדעקט מיט בלעך. די אָרטיקע „נאַטשאַל־סטוואָ" האָט נישט געשטערט; אַדרבא, זי איז געווען צופרידן וואָס פון איר דערפל ווערט אַ שטעטל — עס קומט צו אַ נייער פיינער בנין און דעם דאָרף קאָסט עס נישט קיין גראָשן געלט. אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז אַראָפּ־געקומען אַ העכערער באַאַמטער פון דער גובערניע, און ער האָט שוין דעם געזעץ יאָ געוווסט. האָט מען דעם חב״ד פאַרחתמעט און פאַר קיין געלט נישט געוואָלט דערעפענען. מען האָט געפּאָדערט אַ באַשלוס פון דער פויערים־„אָפּ־שטשעסטוואָ" (גמינע), און די פויערים האָבן די צושטימונג נישט געגעבן.

בלית ברירה האָבן יידן אויפגעבויט אַ צווייטע שיל. אויף דעם האָט מען יאָ באַקומען אַ דערלויבעניש; אויך אַ צוויי־גאָרנדיקער שיינער בנין, מיט אַ בלעכענעם דאַך, נאָר פון ציגל, נישט פון שטיין. און בכדי דער ערשטער בנין זאָל נישט בלייבן אינגאַנצן פאַרלאָזט, האָט מען אין זיין חדר שני איינ־געקוואַרטירט די תלמוד־תורה. דער גרויסער בנין גופא איז טאַקע געשטאַנען פעסט, אָבער חרוב. פענצטער מיט אויסגעשלאָגענע שויבן, פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, די טינק פון אינעווייניק אַראָפּגעפאַלן, דער דיל צעפוילט; הכלל, חורבן. מלמדים, ווען זיי האָבן געלערנט מיט זייערע תלמידים וועגן חורבן בית־המקדש, פלעגן זיי ברענגען אַ ביישפּיל פון חרובן חב״ד, נאָר דער בית־המקדש איז דאָך פאַרברענט געוואָרן און אין חב״ד איז קיין שריפה נישט געווען...

מיט דער צייט האָבן זיך אַרום דעם חרובן בנין אָנגעהויבן וועבן לע־גענדעס: מען זאָל דורך די צעבראָכענע פענצטער האָבן געזען פייערלעך, וואָס טוקן זיך, פאַרשווינדן און קומען ווידער אויף, מסתמא נישט־גוטע. ווער עס האָט אין דער צעהיצטער פאַנטאַזיע געזען אַ רויטע צונג אַרויסגעשטעקט פון אַ פענצטער־לאָך. דער חב״ד איז געוואָרן אַ מקום סכנה, וואָס מען האָט ביי־נאַכט מורא געהאַט פאַרבייצוגיין. יינגלעך איינשטעלער, און בן־ציון צווישן זיי, פלעגן תשעה־באָב נאָך קינות אַוועקגיין צום חב״ד, ווי צו אַן אָרטיקן כותל־מערבי, זיך אַרומדרייען אַרום דער חרובער שיל. עפּעס האָט זיך זיי גע־דאַכט, אַז אין אַזאַ נאַכט דאַרף זיך אַרום און אין דער חרובער שיל עפּעס אָפּטאָן. גענוי האָבן זיי נישט געוווסט וואָס... בייטאָג פלעגט דער פּחד פאַר־שווינדן. ערשטנס, איז דאָך מגין דער זכות התורה פון די תלמוד־תורה־יינגלעך, און צווייטנס, האָבן דאָך בייטאָג יענע לייט סתם קיין שליטה נישט.

דאָך האָט אַמאָל געטראָפן אַז יידן, חשובע באַלעבאַטים, האָבן זיך אין

אַ בײנאַכט פאַרזאַמלט אין חב״ד, טאַקע אין חדר שני. דאָס איז געװען אַרום אַ יאָר נאָך דער גרינדונג פון קרן־קימת, װען אַ לערנײנגל בײם שוחט — שפּעטער אַ לערער אין ישראל — װאָס האָט דאַן געדינט אין די זעלנער, איז מיט זײן עשאַלאָן פאַרבײגעפאָרן דאָס שטעטל און ער האָט זיך אָפּגעבעטן בײם אָפיציר, ער זאָל אים דערלויבן צו פאָרן זיך זען מיט קרובים — ער װעט דעריאָגן דעם עשאַלאָן מיט אַ שנעל־צוג. געקומען אין שטעטל, האָט דער שוחט־סאָלדאַט פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג און דווקא אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, און דווקא אין חב״ד. אָבער דאָס מאָל האָט מען שוין יאָ געדאַרפט שמירה, נישט אַזוי פאַר די נישט־גוטע פון אינעװײניק, װי פאַר די שדים פון דרויסן — די פּאָליצײ, טאָמער טראָגט דער רוח אָן עמיצן פון זײ. האָט מען אויסגעשטעלט װאַכן פון יונגװאַרג, מען זאָל סיגנאַליזירן אין פאַל פון אַ סכנה. בן־ציון איז געװען צװישן זײ. און כאָטש עס איז גראָד אויסגעפאַלן אַ שנײ, האָט חברה נישט פאַרלאָזט די פּאָסטנס ביז נאָך דער פאַרזאַמלונג, פון װעלכן מען איז זיך צעגאַנגען אײנציקװײז. בן־ציון האַלט די דאָזיקע נאַכט אַלס זײן ערשטע דינסט־דערפילונג אין די חיילות פון קרן־קימת.

יאָרן זענען פאַרלאָפן. דער ישוב איז געװאַקסן. די גרויסע שיל איז געװאָרן קלײן. יום־כיפור צו כל־נדרי פלעגט זײן אויף דערשטיקט צו װערן. מען האָט געמוזט בויען אַ צװײטן מקום קדוש. אָבער, װי זאָל מען עס טאָן, װען עס שטײט אַזאַ בנין חרוב?

האָט אָבער פּלוצלינג געטראָפן אַ נס. דער שרײבער פון װאָלאָסט (גמינע) האָט נויטיק װי דאָס לעבן געדאַרפט האָבן אַ גאַנצן הונדערטער, אויף אויסצוקויפן זײן זינד מיט אַ יונגער שיקסל... האָט ער צו װיסן געטאָן, אַז פאַר אַ הונדערטער קען ער דורכפירן אַ „פּריגאָװאָר״ (אָפּשטימונג) פון דער פּויערים־פאַרזאַמלונג, אַז מען זאָל דערלויבן עפּענען דעם חב״ד. פאַרשטײט זיך, אַז אין קײן געלט איז קײן מניעה נישט געװען. דער שרײבער האָט געהאַלטן װאָרט. דער „פּריגאָװאָר״ איז אַװעק אין גובערניע, פון דאָרט איז אָנגעקומען אַ דערלויבעניש. מען האָט דעם בנין אָפּגעפרישט, אַרײנגעשטעלט נײע טירן, פענצטער, געלײגט אַ נײעם דיל מיט אַ נײעם דאַך, אויסגעאַרבעט פון אינעװײניק, אַרומגעצוימט דעם גרויסן הויף, װאָס איז בין דאַן געשטאַנען אויף הפקר. און גרויס איז געװען די שמחה, װען ייִדן האָבן װידער געדאַװנט אין זײער מקום קדוש, װאָס איז יאָרן געשטאַנען אַ פאַרשעמטער און פאַרשװעכטער. ייִדן האָבן זיך געװוּנטשן צו דערלעבן די באַנײונג פון בית־המקדש אין ירושלים, און דעם סוף פון דער מלכות הרשעה, װאָס מען האָט פאַרגליכן מיט אַנטיוכוסן, און דעם חנוכת־הבית פון חב״ד מיט

חנוכה. אין אַ סך הייזער האָט מען אַפּילו געפּראַוועט קערמעשלעך מיט בראָנפן און לאַטקעס — ממש ווי אין חנוכה.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן די שמחה וואָס איז געווען אין די ימים־נוראים, ווען מ׳האָט געדאַוונט בהרחבה אין צוויי שילן. מען איז געגאַנגען אויף באַזוך פון איין שיל אין דער צווייטער, הערן די חזנים און בעלי־תפילות. מען האָט זיך געפילט דערהויבן, אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון אַ גרעסערן ישוב. צוויי שילן...

און אַ וואָך פאַר חנוכה, י״ט כסלו, האָט מען אין חב״ד צום ערשטן מאָל געפּראַוועט דעם יאָרטאָג ווען דער רב, דער בעל־התניא, ר׳ שניאור־זלמן מליאַדי, איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה אין דער פעסטונג פון פעטראָ־פּאַוולאָווסק. האָט מען געדעקט טישן, געגרייט פון כל־טוב, אַן אמתע סעודת שלימה, מיט פיש און פלייש, מיט משקה און מיט אַ סך דברי־תורה. מאָטל שמש האָט אויסדערציילט די געשיכטע פון אַרעסט און באַפרייונג פון רב. עס איז געווען אין די צייטן פון דער גרויסער מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים. מען האָט אויף אַ מסירה אַרעסטירט דעם רב, איינגעזעצט אין פעסטונג, ווו עס זענען געזעסן די גרעסטע פאַרברעכער קעגן דער מלוכה און בלויז די חכמה פון רב און „סיעתא דשמיא״ (הילף פון הימל), האָט גע־בראַכט צו דער באַפרייונג פון חסידישן גדול.

ביים טיש זענען געזעסן חסידים מיט מתנגדים צוזאַמען: דאָס מחלוקת האָט שוין לאַנג אויפגעהערט. בפרט צווישן יידן פּראָסטאַקעס, וואָס האָבן זיך בכלל שווער געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין דעם תוך פון דער מחלוקת. האָט איינער אַ ליטוואַק, אַ מתנגד, דערציילט אַ מופת פון דעם רבין, וואָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו זיין באַפרייונג. אויך אין תפיסה האָט דער רב באַ־קומען כשר עסן; האָט ער אַמאָל אין ליידיקן טעפּל וואָס מען האָט צוריקגענו־מען, אַריינגעלייגט אַ קליין צעטעלע מיט בלויז פיר ווערטער: „אומרים צדקתך צדק במנחה״. פּראָסט פשוט מיינט עס אַז מען דאַרף שבת פאַרנאַכט ביי מנחה זאָגן די תפילה „צדקתך צדק״. אָבער חסידים, שאַרפע קעפּ, האָבן געכאַפּט דעם רמז, דעם געהיימען געדאַנק פון די ווערטער, וואָס קאָנען אויך מיינען אַז אַפילו ווען מען איז „צדקתך צדק״ — צוויי מאָל גערעכט, מוז מען עס דאָך זאָגן מיט אַ „מנחה״, ס׳הייסט מיט מתנות, וווהין מען דאַרף... מען האָט פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף שמירן. מען האָט אַזוי געטאָן און... עס האָט געהאָלפן.

האָבן חסידים נישט געוווסט צי דאַרפן זיי זיך מתרעם זיין דערפאַר וואָס מען וואַרפט אַ חשד אַז דער רב איז באַפרייט געווען דורך שוחד (כאַבאַר) אָדער מען זאָל אָנקוועלן פון דער המצאה, האָט מען געטאָן ביידע זאַכן פאַר־

אַמאָל, און מען האָט פאָרגעזעצט די סעודה, מיט אַ זמירל, דברי תורה, חסי־דישע מעשיות, וויצן און ווערטלעך, עסן און טרינקען און טאַקע אַ ריקודל ביזן ווייסן טאָג אַריין.

ביי אַ באַזונדער טיש האָט מען געזעצט די יוגנטלעכע, די „פרחי כהונה", ווי מען האָט זיי מיט ליבע גערופן, און דווקא צווישן אָט דער חבריה האָט זיך שפּעטער אַריינגעזעצט מאָטל שמש, דער ארי שבחבורה צווישן די חבדניקעס. ער האָט געטענהט, אַז מען דאַרף ביי דער יונגער חבריה צעבלאָזן דעם פּונק פון חסידות וואָס טליעט אין יעדער ייִדישער נשמה, וועלן זיי מיט דער צייט אויסוואַקסן פייערדיקע חסידים. האָט מאָטל שמש זיך געפירט מיטן קליינ־וואַרג מעשה קונדס, געפּראַוועט שטיק, געוויזן קונצן. פאַר איינוועגס פאַר־וואָרפן אַ דבר תורה, אויסגעלערנט אַ זמירל. ער האָט זיך גאָר משמח געווען מיטן קלענסטן פון די יאַטן, בן־ציון, וואָס איז אַריין אין חבריה, כאָטש ער איז נאָך געווען כמעט אַ קינד. מאָטל שמש האָט אויך געלערנט דאָס קליינ־וואַרג נעמען אַ טרונק בראָנפן; ער האָט עס געדרונגען פון אַ סאָלדאַטסקע תורה: „טרעבאַ פריוויקאַטי ק'סלוזשביע" — מען דאַרף זיך צוגעוווינען צום דינסט, און וואָס פאַר אַ חסיד איז מען ווען מען קאָן קיין טרונק בראָנפן נישט נעמען? האָבן חבריה געפאָלגט און אַ פּאָר פון זיי האָבן זיך פיין פאַר־שנאַשקעט, בן־ציון האָט זיך פשוט אָנגעשיכורט...

די דערפאַרונג האָט אים געהאָלפן שפּעטער מיט יאָרן; כאָטש ער איז קיין חסיד נישט געוואָרן, האָט ער אָבער געקאָנט נעמען אַ טרונק בראָנפן. און ווען צום שלייער וואַרמעס ביי זיין חתונה האָבן אים דער כלהס פעטערס, ייִדן יוסטע קאָלאָניסטן, טייערע עמך'ניקעס, פאַרהערט צי ער קען מאַכן אַ שנאַפּס, האָבן זיי בן־ציונס שווער אָפּגעגעבן מזל־טוב. ער האָט געטראָפן מיטן שידוך... „דער בחור טרינקט בראָנפן ווי אַ קעלבל וואַסער" — די לעקציע פון מאָטל שמש ז"ל איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען.

קאַפּיטל 13

זיידע אברעמקע (אברהם)

קיין קרובים פון ווייטערע דורות, ווי פעטערס, מומעס און שוועסטער־קינדער האָט בן־ציון נישט „דאַזנאַיעט". ער האָט געוווּסט, אַז אין דעם ווייס־רוסישן שטעטעלע, פון וואַנען זיין משפחה שטאַמט, לעבן נאָך די זיידע־באָבעס, אָבער געזען האָט ער קיינעם נישט. ער האָט געדענקט, אַז ווען די מוטער מיטן קלענערן ברודערל זענען געפאָרן אַהין צו־גאַסט, האָבן זיי נאָך געזען ביידע זיידעס און ביידע באָבעס. דערנאָך איז אַמאָל דער פאָטער אַוועק־געפאָרן אינמיטן פון די סאַמע ביטערע ווינטערדיקע פרעסט, ווייל ער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע, אַז די מוטער זיינע איז שטאַרק קראַנק. אויסגע־לאָזט האָט זיך, אַז עס איז געווען אַן אויסרייד, ווייל די באָבע האָט שטאַרק געוואָלט זען איר קינד. דער פאָטער האָט נאָכדעם געהאַט פיל צו דערציילן פון דער נסיעה: מען האָט אַ גרויסע שטרעקע געדאַרפט פאָרן מיט אַ „דיליזשאַנס", אַ פערציק וויאָרסט מיט אַ שליטן; מ'איז אָרענטלעך אויסגעריסן געוואָרן, ביז מען איז געקומען אין שטעטעלע, וואָס מען האָט גערופן „היים"...

דער פאָטער איז געקומען אַ פאַרמאַטערטער, אָבער אַ צופרידענער און דערהויבענער פון דעם, וואָס ער האָט געזען זיין טאַטע־מאַמע און שוועסטער. די ברידער האָבן שוין געלעבט אין דרום־רוסלאַנד. שפּעטער זענען געשטאָרבן ביידע באָבעס, דערנאָך דעם פאָטערס פאָטער. אין שטעטעלע איז געבליבן דער מוטערס פאָטער, דער זיידע אַורעמקע. בן־ציון האָט געפילט, אַז דאָס נישט האָבן געקענט אַפילו קיין איין זיידע־באָבע, רייסט אים אָפּ פון אַמאָליקע דורות; ער האָט נישט קיין יחוס; קיינער ווייסט נישט פון וועמען ער שטאַמט; פלעגט ער מקנא זיין זיינע חברים, וואָס האָבן יאָ געהאַט זיידעס מיט באָבעס.

דער ענין יחוס איז פאַר בן־ציונען געווען אַ שטיקל רעטעניש. אין זיין שטעטל האָט געוווינט מיט איר משפחה דער מוטערס אַ יינגערע שוועסטער, איטקע. די מומע איז געווען אַ גאַנץ קלוגע פרוי, אָבער געכאַפּט אויפן ענין יחוס. נישט געווען כמעט קיין פאַמיליע־צוזאַמענקונפט, אַ שמחה, אַ סעודת־פּורים, וואָס די מומע זאָל נישט פאַרשטערן מיט איר איבערגעטריבענער באַציִונג צו יחוס: עס האָט זיך איר רק געדאַכט, אַז מען איז קעגן איר נישט יוצא און זי פלעגט זעלטן־ווען פאַרפעלן צו דערמאָנען, אַז זי איז אַ טאָכטער פון דער און דער משפחה און אַז איר פאָטער, ר' אַורעמקע, איז אַ „פּער".

בן־ציון האָט אַמאָל געפרעגט זײַן מוטער: װי קומט עס, װאָס זי. אַ לײב־לעבע שװעסטער פון דער מומע איטקע, האָט אירע קינדער קײנמאָל נישט דערצײלט פון דעם יחוס, מיט װעלכן יענע שטאָלצירט אַזױ? די מוטער האָט געענטפערט, אַז שטאָלצירן בכלל, מעג אַפילו זײַן מיט אמת־גרױסן יחוס איז גאװה און גאװה האָט זי פײַנט. „װען דו װאָלסט געקענט זײַן זײדע אַװרעמקע, װאָלסטו געװוּסט, װאָס עס הײסט פײַנט האָבן גאװה".

איז דער זײדע אַװרעמקע געװאָרן פאַר בן־ציונען אַן אידעאַלע פיגור, װאָס ער האָט זיך געזוכט פאַרצושטעלן אין זײַן פאַנטאַזיע, אָבער קײנמאָל נישט געקאָנט פאַרשטעלן זיך אין דמיון װי אַן ערך דער זײדע אַװרעמקע זעט־אױס.

עס זענען אַריבער אַ פּאָר יאָר: בן־ציון איז שױן געװען אַ בחור, װאָס לערנט גמרא, װען בײדע משפחות צוזאַמען האָבן געקאָנט אַראָפּברענגען דעם זײדן אַװרעמקע פון שטעטעלע, װוּ ער האָט געלעבט אײנזאַם און אַלײן. בן־ציון האָט פאַר זיך דערזען אַ קורץ־װוּקסיקן, נאָר פעסט־געבױטן ייִדן, מיט אַ גרױ־װײַסלעך קורצן בערדל, מיט מילדע אױגן, אַ שטענדיקן שמײכל אױף די ליפּן, װאָס רעדט װײניק מיט זײַן שטילער, זאַנפטער שטימע.

פרום און גוט איז געװען דער זײדע אַװרעמקע, מיט װעמען די אײניקלעך האָבן זיך דערפרײט און דאָס שטעטל האָט שטאָלצירט. װײל געװען, װער עס האָט געװוּסט די פאַמיליע פון זײדע אַװרעמקע און דאָס אָרט, װאָס זי האָט פאַרנומען אין ייִדישן לעבן. הײנט יחוס עצמו! אַז לערנען קען אַװרעמקע אפשר מער װי דער רב און אין פרומקײט װעט אים קײנער נישט איבער־שטײַגן. טאָ מי לנו גדול?...

פאַרן זײדן אַװרעמקע האָט מען אין דער קלײנער מלמדישער שטוב אָפּ־געטײלט אַ קלײן ציכטיק צימערל, װוּ ער איז געזעסן איבער די ספרים, װאָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אָדער געקראָגן דאָ אױפן אָרט. בן־ציון פלעגט באַ־מערקן, אַז צײַטנװײַז זיצט דער זײדע מיט פאַרמאַכטע אױגן און ער מורמלט עפּעס שטילערהײט צו זיך, אַרײַנקוקנדיק פון צײַט צו צײַט אין אַ ספר. שפּע־טער האָט זיך בן־ציון דערװוּסט דעם גאַנצן באַטײַט דערפון.

מיט די אײניקלעך, װי מיט סתם קינדער, האָט זיך דער זײדע אַװרעמקע באַנומען טאַקע װי אַ זײדע דאַרף זיך באַנעמען: מילד, שטענדיק מיט אַ שמײכל, מיט אַ גלעט איבערן קעפּל און אַ קניפּ אין בעקל. בן־ציון, װאָס איז געװען אַ קינד אַ שטיפער, פלעגט אַרײַנכאַפּן אַ קניפּ אין באַק מיט אַ צוגאָב: „אַך דו, שקאָץ אײנער דו!".

בן־ציון האָט זיך רק געװאָלט דערװיסן פון זײדן װעגן דעם ענין משפּחה־יחוס. דער זײדע אַװרעמקע האָט לכתחילה עס אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט:

אַלע ייִדן זענען פון איין יחוס: בני אברהם, יצחק ויעקב. אויב ס'איז דאָ אַ שטיקל חילוק איז עס יחוס עצמו, ס'הייסט פּערזענלעכע נאָבלקייט, ווי אַ מענטש באַציט זיך צו זיינע נאָענטע, צו מענטשן, צו זיך גופא, אַפילו צו גויים. ווער עס איז באַליבט ביי מענטשן, איז באַליבט ביי גאָט און עס קומט־אָן נישט שווער, בכדי צו זיין באַליבט ביי מענטשן, דאַרף מען זיי ליב האָבן. דאָס איז דער עיקר פון יחוס.

בן־ציון האָט גאַנץ גוט באַגריפן דעם זיידנס רייד, אין אַ סך פון זיי האָט ער דערקענט מאמרים פון פּרק. אָבער דאָס אַלץ ווייסט ער שוין. עס איז נישט קיין נייעס פאַר אים; ער וויל בעיקר וויסן זיין יחוס, דעם יחוס פון זיידן, מיט וועלכן די מומע שטאָלצירט אַזוי. האָט אַמאָל דער זיידע געמוזט נאָכ־געבן דעם שקאָצישן אייניקל און אים דערציילן וועגן זיין אָפּשטאַם. אָט, למשל, טראָגט בן־ציון אין זיין צווייטן נאָמען דעם נאָמען פון זיין עלטער־זיידן, דעם פאָטער פון זיידע אורעמקע, וואָס איז געווען אַ פּרנס־חודש אין ווילנע... און וואָס איז אַ פּרנס־חודש? — האָט בן־ציון געפרעגט. אַ פּרנס־חודש איז אַ ראש, אַ פירער פון אַ ייִדישן קהל, וואָס זאָרגט פאַר ייִדישע ארע־מעלייט, איז זיך אויך משתדל פאַר ייִדן ביי מלכות, האַלט צוזאַמען „שה פזורה ישראל״. בן־ציון, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט די פיגורן פון תנ״ך, האָט אַ פרעג־געטאָן: אַ פּרנס־חודש איז ווי אַ שופט פאַרצייטנס, איאָ? ניין, האָט דער זיידע געענטפערט; אַ שופט איז געווען אַ נביא און אַ גיבור, ווען ייִדן זענען געזעסן אין זייער לאַנד, געהאַט כוח און געפירט מלחמות; אַ פּרנס־חודש איז אַ ייִדישער מנהיג אין גלות; ער קאָן נאָר ווירקן מיט גוטן, מיט בקשות אין נאָמען פון יושר. קיין כוח צו פירן מלחמות האָט ער נישט... אָבער ער איז אין דעם כלל פון ייִדישע מנהיגים, וועגן וועלכע די תורה זאָגט: „לא יסור שבט מיהודה״ (עס וועט נישט אויפהערן קיין פירערשאַפט ביי ייִדן).

האָט בן־ציון זיך אָנגעשטרענגט זיך פאַרצושטעלן דעם עלטער־זיידן, דעם פּרנס־חודש פון ווילנע, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען. וואָס ווילנע איז האָט ער געוווּסט: אַ שטאָט, וואָס איז געדרוקט אויף סידורים, חומשים, שוואַרבעס, משניותן און גמרות. אָבער ווי האָט אויסגעזען אַ פּרנס־חודש אין ווילנע? וועגן דעם האָט ער קיין אַנונג נישט געהאַט. לסוף האָט ער באַשלאָסן, אַז זיין עלטערזיידע האָט געמוזט אויסזען פּונקט אַזוי ווי זיין זיידע אורעמ־קע. קיין דערהויבענערע פיגור האָט ער זיך גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן.

בן־ציון פלעגט נישט אָפּטרעטן פון זיין זיידן, ווען יענער האָט געפירט מיט עמעצן אַ שמועס: עפּעס האָט זיך אים געדוכט, אַז מיט יעדן וואָרט, וואָס דער זיידע רעדט־אַרויס, ווערט די לופט מילדער, פיינער, ווייכער. אַמאָל האָט ער אונטערגעהערט אַ שמועס פון זיידע אורעמקע מיט נאָך אַ זקן. יע־

נער האָט זיך געהידושט ווי קומט עס, וואָס אַזאַ למדן ווי דער זיידע אַוורעמקע זאָל חזרן אויף אויסנווייניק משניות און אפילו סוגיות גמרא. (דאָס זענען געווען די געמורמלערייען פון זיידן, וואָס בן־ציון האָט באַמערקט). אין דער ליטע איז מען זיך אַזוי נישט נוהג. דער זיידע אַוורעמקע האָט אַ שמייכל־געטאָן און ליבלעך געענטפערט: דאָס טוט ער ווי אַ באַוואָרעניש קעגן אַ נאַרישעוואַטער לאַגע, וואָס קיין מענטש קאָן נישט אויסמיידן. אויפן פאַרוווּנדערטן קוק פון זיין מיטשמועסער האָט דער זיידע אַוורעמקע פאַרגעזעצט: עס איז דאָך ידוע, אַז ווען אַ מענטש שטאַרבט, הערט ער אַלץ, וואָס אַרום אים טוט זיך, ביז מען שיט אויף אים אַרויף די לעצטע לאָפּעטע ערד. נו, ער וועט דאָך אויך אַמאָל שטאַרבן. וועט ער ליגן אויף דער ערד, הערן ווי מען באַוויינט אים, ווי מען דינגט זיך מיט חברה קדישא, ווי מען טוט אים זיין רעכט, ווי מען איז אים מספּיד, מען זאָגט אים נאָך שבחים, דאָס אַלעס וועט פאַרנעמען לאַנגע שעהן און וואָס זאָל ער טאָן אין דער צייט? אָבער אַז ער וועט געדענקען אויסנווייניק אַביסל משניות, אַ פּאָר סוגיות גמרא, הערט ער די וועלט פאַר אַ פּיאַטאַק. ליגט ער זיך ווי אַ מאַנאַרך און לערנט עפּעס פאַר זיך, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט...

ביידע זקנים האָבן זיך צעלאַכט. אָבער בן־ציונען איז אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב: וואָס הייסט זיידע אַוורעמקע וועט שטאַרבן? אַזעלכע ווי ער שטאַרבן דען אויך?

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט בן־ציון פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע האָט נישט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין. דער איינפּיר איז געווען, אַז אַ גאַנצע וואָך האַלט זיך אויף דער זיידע ביי זיין עלטערער טאָכטער און אויף שבת גייט ער אַוועק צו דער יינגערער, וואָס האָט נאָר געהאַט צוויי קינדער, מאיר און טשערקע, שטילע קינדער וואָס האָבן דאָך אויך געוואָלט האָבן דעם זיידן ביי זיך. נו, האָט אַמאָל געטראָפן אַז דער זיידע אַוורעמקע איז אַ זונטיק נישט געקומען צוריק אין שטוב אַריין. ער האָט זיך פאַרקילט און ליגט צו־בעט. עס וועט נעמען עטלעכע טעג. אָבער דינסטיק האָט מען אַלאַרמירט די גאַנצע משפּחה: דער זיידע וויל זיך געזעגענען און בענטשן די אייניקלעך. בן־ציון האָט געוווּסט אַז דער זיידע בענטשט די אייניקלעך ערב יום־כפּור נאָך דער סעודת המפסקת, ער לייגט אַרויף די הענט אויף זייערע קעפּ, מורמלט עפּעס פּסוקים פון תנ״ך, און נישט איינמאָל האָט בן־ציון געפילט אַ זודיקע טרער וואָס פאַלט פון זיידנס ליכטיקע אויגן אויף זיין קאָפּ. אָבער יום כפּור איז דאָך שוין געווען, איז וואָס פאַר אַ בענטשן אינמיטן דרינען? אָבער די משפּחה האָט אַוועקגעלייגט אַלע אַרבעטן און מען איז אַוועק אין דער הויז פון דער מומע איטקע, ווו דער זיידע איז געלעגן צו־בעט. בלויז

בן־ציונס פאָטער איז געבליבן לערנען מיט זיין חדר, וויל ביטול תורה איז אַ גרויסע עבירה. ער וועט קומען שפעטער אין אָוונט, נאָך דער פריוואַטער לעקציע, וואָס ער האָט געהאַט צו געבן.

די משפחה האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער קאַנאַפּקע אויף וועלכער דער זיידע אַברהמקע איז געלעגן. אויף די פּראַגן, ווי ער פילט זיך, האָט ער געענטפערט מיט אַ שוואַכן קול: נישקשה. בן־ציונען, דעם גרעסטן שטיפער פון אַלע אייניקלעך, האָט דער זיידע געגעבן אַ באַזונדערן קניפּ אין בעקל און געפרעגט, וואָס ער האָט היינט געלערנט. דעם חתן פון בן־ציונס צווייטער שוועסטער האָט ער אָנגעוויזן, אַז ער האָט אויסגעשמירט דעם אַרבל מיט עפּעס אַ ווייסער פאַרב. יענער האָט עס באַלד אָפּגערייניקט, ווייל דער זיידע האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם קלענסטן פלעק אויף אַ בגד. מען האָט עטלעכע מינוט געשמועסט, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט. אָבער ווען דער זיידע האָט אָנגעהויבן צורופן צו זיך די אייניקלעך איינציקווייז, פון עלטער צו יינגער, יעדן אַרויפגעלייגט די הענט אויפן קאָפּ, געזאָגט די געהעריקע פסוקים, דערנאָך אַ קוש געטאָן און אָפּגעלאָזט מיט אַ „זיי געזונט מיין קינד", האָט זיך בן־ציון דערמאָנט אין דער חומש־דערציילונג, ווי יעקב אָבינו בענטשט זיינע אייניקלעך אפרים און מנשה, און ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. אַ שטאַרקער ווייטיק האָט פאַרקלעמט זיין יונג הערצל. אויך די אַנדערע אייניקלעך האָבן גענומען „ברעכן פיסקעס", אָבער די מאַמעס האָבן געוווּנקען אַז מען זאָל נישט וויינען... שטילשווייגנדיק איז דאָס קליינוואַרג אַרויס פון צימער.

די זעלבע נאַכט איז דער זיידע אַברהמקע נפטר געוואָרן. בן־ציונס מאַמע האָט שפּעטער דערציילט ווי ער איז געווען ביי זיינע גדאַנקען ביז כמעט דער לעצטער רגע. ער האָט געוואָרט אומגעדולדיק אויף בן־ציונס פאָטער, וואָס האָט זיך גראָד פאַרשפּעטיקט אויף זיין לעקציע, און פילנדיק אַז די מי־נוטן זענען געציילטע, האָט ער צוגערופן בן־ציונס מאַמען און איר אָנגע־זאָגט, אַז טאַמער פאַרשפּעטיקט זיך איר מאַן און איר שוואָגער וועט דאַך דאַרפן אַרויס פון צימער, ווייל ער איז דאָך אַ כהן, זאָל זי נישט מאַכן קיין גוואַלדן... אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער עלטערער איידעם האַסטיק אַריין אין צימער, באַלד געהייסן זיין שוואָגער אַרויסגיין... ער האָט באַוויזן אויפצונעמען דעם פאַרלאָשענעם בליק פון שווער און האָט שנעל אָנגעצונדן אַ ליכט, וואָס דאַרף פאַרבייטן די נשמה וואָס איז פאַרלאָשן געוואָרן: „נר ד' נשמת אָדם" — די נשמה איז גאָטס ליכט אין מענטשן, און אַז דאָס געטלע־כע ווערט אויסגעלאָשן, צינדן יידן אָן מענטשלעכע ליכט, דאָס חשכות זאָל נישט איינגאַנצן באַהערשן...

דאָס שטעטל האָט געררודערט מיטן זיידע אַברהמקעס לוויה. מען האָט אים אָפּגעגעבן דאָס שענסטע פּלאַץ אויפן בית־עלמין. די חשובסטע באַלע־באַטים און לומדים האָבן זיך מתעסק געווען מיט זיין טהרה. מען האָט גע־שלאָסן די געשעפטן צו דער לוויה. קיין הספדים זענען נישט געווען — אַזוי האָט דער זיידע אַברהמקע פאַרזאָגט — בלויז דער רב ר' אליהו האָט אין קורצע ווערטער, מיט אַ פּאָר פּאַסיקע פסוקים דערקלערט פאַר זיין עדה די אבידה וואָס זי האָט געליטן.

אויף בן־ציונען האָט עס אַלץ געווירקט דערדריקנדיק. אַ שטיק צייט איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער. ווען ער האָט צוריק באַקומען זיין גלייכגעוויכט, און האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַוועקגעלאָזט אין שטיפערייען מיט אַלע אַנדערע ווייסע־חברהניקעס, איז ביי דערוואַקסענע צו־געקומען נאָך אַ מאָטיוו אין זייער מוסר זאָגן: — אַ בחורל וואָס האָט גע־האָט אַזאַ זיידן, וואָלט געמעגט אַוועקלייגן דאָס „וואַיעווען" (שטיפן). בן־ציון האָט פאַרשטאַנען, אַז יחוס לייגט אַרויף התחייבותן.

קאַפּיטל 14

דער רב ר׳ אליהו

פון די שטעטלשע פיגורן, וואָס בן־ציון האָט פאַרגעדענקט אויף זיין גאַנץ לעבן, פאַרנעמט דעם אויבנאָן דער רב ר׳ אליהו. וואָס האָט געהאַט צו טאָן אַ רב אין אַזאַ פּשוט עמכדיק שטעטל? קיין ישיבה, וווּ צו זאָגן אַ שיעור איז נישט געווען; קיין בית־מדרש, וווּ זיך צו פּילפּלען מיט לומדים — אויך נישט; איז געבליבן בלויז צו פּסקענען שאַלות און ווען נישט ווען צו נעמען שטעלונג צו אַ קהלשן ענין, אָבער שוין אין גאַר עקסטרעמע סיטואַציעס, ווען עס איז ממש געווען „באו מים עד נפש״. אָט פון די זעלטענע פאַלן האָבן זיך אין בן־ציונס זכרון איינגעקריצט אַ פּאָר עפּיזאָדן, וואָס ס׳איז כדאי צו דער־ציילן. זאָל מען וויסן וואָס ס׳האָט אַמאָל געמיינט אַ שטעטלשער רב ביי ייִדן.

געדענקט זיך אַ קורצער ווינטערדיקער פרייטיק, ווען די מוטער האָט גע־נומען „מאַכן שבת״ און האָט דערזען, אַז אויפן געקויפטן פלייש זענען פאַ־ראַן עפּעס מאָדנע, ווייסע בלאָטערלעך: אַ „שאַלה״ שיקט מען בן־ציונען צום רב פרעגן און מען זאָגט אים אָן, ער זאָל עס מאַכן שנעל, ווייל עס איז ערב שבת און דער טאָג איז קורץ. דער רב האָט געוווינט ווייטלעך. בן־ציון איז געווען אַ בחורל, וואָס האָט געהאַט די טבע זיך צו פאַרטראַכטן אין עולמות צי גאָר זיך פאַרשפּילן מיט חברים. איז די־אַ רעקאָמענדאַציע נישט געווען גאָר איבעריק.

געקומען צום רב און אַריינגעשיקט די שאַלה דורך דער רביצין, איז בן־ציון אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַריינגערופן געוואָרן אין בית־דין־שטוב, וווּ דער רב איז געזעסן ביי אַ טיש פאַרלייגט מיט ספרים. דער רב, וואָס איז געווען אַ ידיד מיט בן־ציונס פאָטער, האָט דעם בחורל צוגערופן צו זיך, ליבלעך אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און אים געפרעגט:

— דו ביסט דאָך שוין אַ גמרא־בחור, האָסטו שוין געלערנט די סוגיא פון הפסד מרובה?

— ניין, רבי, נישט געלערנט — האָט בן־ציון געענטפערט, נישט פאַר־שטייענדיק וואָס אָט־די פראַגע האָט צו טאָן מיט דער „שאַלה״, וואָס ער האָט געבראַכט.

— נו, — האָט ר׳ אליהו געזאָגט, — זעץ דיך אָט־אָ־דאָ, וועלן מיר דורכלערנען די סוגיא.

ר׳ אליהו האָט געעפנט אַ גמרא, אָנגעוויזן דעם דף און געהייסן זאָגן. בן־ציון האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רב וויל אים פאַרהערן, צי ער קען מאַכן אַ „לייעניש״. האָט ער אָנגעהויבן לאַנגזאַם צו זאָגן די האַרבע עברי. ר׳ אליהו האָט צוגעהאָלפן. ביסלעכווייז איז בן־ציון אַריין אין ענין, פאַרשטאַנען, אַז עס גייט אין דעם, אַז בשעת עס שטייט פאַר אַ גאָר גרויסן היזק, האָט דער דין איינזעעניש, ווייל „התורה חסה על ממונם של ישראל״ — די תורה האָט איינזעעניש מיט ייִדיש געלט... אָפּגעלערנט אַזוי אַ מינוט צוואַנציק, האָט דער רב אָפּגעלאָזט בן־ציונען מיט אַ צווייטן קניפּ אין בעקל. אָבער בן־ציון האָט געפרעגט:

— יאָ, רבי, און וואָס איז מיט דער „שאלה״?

ר׳ אליהו האָט געענטפערט:

— גיי אַהיים געזונטערהייט. וועסט דערציילן דעם פאָטער, וואָס פאַר אַ סוגיא איך האָב מיט דיר געלערנט.

געקומען אַהיים, האָט בן־ציון אַריינגעכאַפּט די אמתע גאַב. ווו איז ער עס אַזוי לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן?!

דער רב האָט מיט מיר געלערנט גמרא, — האָט בן־ציון געענטפערט. דאָ איז שוין די מוטער אַרויס פון געדולד:

— מען זעט דאָך קלאָר, אַז עס איז אַ ליגן. איז לאַ־דאַי וואָס ער האָט זיך ערגעץ פאַרשפּילט מיט חברים, זאָגט דער „דאָלגאָזשדאַניק״ אַ ליגן!

זי האָט אויף בן־ציונען גאָר שטאַרק אָנגעשריגן: — אַ ליגן איז אַ גרויסע עבירה!

אויפן געשריי איז פון צווייטן חדר אַרויסגעקומען דער פאָטער. דערוויסנדיק זיך וועגן וואָס עס גייט, האָט ער בן־ציונען אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דער רב מיט דיר געלערנט?

— די סוגיא פון „הפסד מרובה״ — האָט בן־ציון געענטפערט.

— וואַרף אַרויס דאָס פלייש! — האָט דער פאָטער באַפוילן דער מוטער.

— מ׳וועט שוין האָבן אַ שבת אָן פלייש...

בן־ציונען האָט דער פאָטער דערקלערט, אַז די „שאלה״ איז געווען טריפה, אָבער ווען דער רב זאָגט אַרויס אַזאַ פסק, דאַן וואָלטן די כלים פון גאַנצן שטעטל טריפה געוואָרן, ווייל מען האָט דאָך נישט געקענט וויסן, ווער עס האָט גענומען פלייש פון דער טריפהער קו — מען האָט דאָך נישט געהאַט קיין צייט אָנצוזאָגן דעם גאַנצן שטעטל מיט ייִדן, אַז מען זאָל דאָס פלייש אַרויסוואַרפן. נו, וואָלט מען דעריבער געדאַרפט אַרויסוואַרפן דאָס געשיר פון גאַנצן שטעטל; עס וואָלט געווען אַ גאָר גרויסער שאָדן: הפסד מרובה; האָט דער רב

קיין פסק נישט אַרויסגעטראָגן, נאָר דורכן לערנען די סוגיא מיט בן־ציונען, געגעבן אַ ווונק דעם פּאָטער ווי עס האַלט...

האָט זיך בן־ציון געפילט דערהויבן, וואָס דורך אים און זיין פּאָטער האָט דער רב געקענט אָנווינקען אַזאַ וויכטיקן ענין; ער האָט זיך דערפילט ווי אַ שותף צו די גרויסע, אָבער באַרימען זיך דערמיט האָט מען נישט געטאָרט; עס האָט געדאַרפט זיין פּתח שין — שאַ.

און נאָך אַן עפּיזאָד געדענקט בן־ציון. אין שטעטל זענען, כּנהוג, געווען צדדים. קנאה־שנאה צווישן כּלל־טוער, קאָנפליקטן. טרעפט אַ מעשה, אַז דער גרעסטער גביר און עסקן פון שטעטל פאַרקריגט זיך מיט אַנדערע גבירים, און ווען ס׳איז אונטערגעקומען דער „סראָק״ (טערמין) אויפצוהייבן די היפּאָטעק פון באָד, האָבן זיי אים נישט געוואָלט אַרויסהעלפן מיט קיין געלט, אַפילו נישט לייען, און דער גוי, וואָס האָט געהאַט די היפּאָטעק, האָט געלאָזט פאַר־חתמענען די באָד. גייט אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי, — דאָס שטעטל איז אָן אַ באָד. נשים האָבן נישט קיין מקווה צו גיין טבילה. פאָרט מען אין דער נאָענטער יידישער קאָלאָניע, אַ וועג פון אַ וויאָרסט 12. נשים פאַרקילן זיך. עס איז ווינטער און עס האָט שוין געטראָפן, אַז אַ שליטן האָט זיך איבערגע־קערט אויף אַ גליטשיקן בערגל־אַראָפּ. מען איז געראַטעוועט געוואָרן ממש מיט ניסים, אָבער אַ פּאָר ווייבער האָבן זיך גוט צעקלאַפּט. דער רב האָט שוין גערופן די עטלעכע נגידים אויף אַן אַסיפה, — קומען זיי נישט. הכּלל, עס איז שלעכט.

האָט זיך ר׳ אליהו אָנטשלאָסן אויף אַ שריט, וואָס האָט געשמעקט מיט מסירת־נפש... פאַרקריגן זיך מיט די גבירים... און ער איז דאָך געווען אָפּהענ־גיק פון קהל!

אַ גאַנצע וואָך האָט מען מודיע געווען, אַז דעם קומענדיקן שבת וועט מען נישט דאַוונען אין „חדר־שני״, אויך נישט אין קיין מנינים, נאָר דער גאַנצער עולם זאָל קומען דאַוונען אין דער גרויסער שיל; גזירת הרב. האָט זיך דער עולם געחידושט: וואָס איז די מעשה? אָבער געקומען איז מען. די שיל איז געווען געפּאַקט. ווען ס׳איז געקומען צו הוצאת־הספר, האָט דער רב געגעבן אַ ווונק צו מאָטל שמש, ער זאָל אים מכבד זיין מיט אַרויסנעמען די ספר־תורה. דער אָרון־קודש איז געווען הויך אייגגעמויערט אין דער מזרח־וואַנט; מען האָט געדאַרפט אַרויפגיין אויף טרעפּ. ווען דער רב האָט אַרויסגענומען די ספר־תורה, איז ער געשטאַנען מיטן חזן הויך איבער די קעפּ פונעם גאַנצן עולם. האָט ער פאַרן איבערגעבן דאָס ספר צום חזן געהאַלטן אַ רעדע פון גע־ציילטע ווערטער:

„רבותי, איר ווייסט אַלע, אַז די באָד איז געשלאָסן. די נשים דאַרפן

פאָרן צו טבילה אַ מרחק פון װיאָרסטן. עס איז װינטער, עס איז סכנת־נפשות.
איך האָב גערופן באַלעבאַטים, זענען זײ נישט געקומען... בין איך גוזר מיטן
כוח פון דער הײליקער תורה, װאָס איך האַלט אין מײנע הענט, אַז שױן הײנט
אָװנט, אי״ה, נאָך הבדלה זאָלן די גערופענע קומען צו מיר אַהײם אויף אַן
אַסיפה. און שױן מאָרגן זאָל דאָס באָד געעפנט װערן. און טאָמער װעלן זײ
בלײבן פאַרעקשנט און נישט קומען, װעט אויף זײ ח״ו פאַלן די גאַנצע תוכחה,
װאָס איז פאַרשריבן אין דער ספר־תורה. חזן, זאָגט „שמע ישראל!״

מאַיעסטעטיש איז געװען די פיגור פון אַלטן רב, אײנגעהילט אין טלית.
זײן בלאַס פנים אײנגערעמט אין אַ לאַנגער װײסער באָרד, האָט געשײנט מיט
אַ העכערן שימער, מיטן גלי פון מסירת־נפש. עס איז דאָך געװען אַן אײנ־
שטעלניש זיך צו פאַרקריגן מיט די תקיפים. אָבער פאַר זײן עדה איז ער גע־
גאַנגען אויף מסירת־נפש.

אַ פּאָר מינוט האָט אין דער שיל געהערשט אַ טױטע שטילקײט. דער
עולם איז געבליבן געפּלעפּט. דעם חזנס שטימע פון דער הױך בײם אָרון־קודש
האָט געקלונגען װי פון אַנדערע װעלטן. מיט אַ פעסטן טראָט איז דער רב
אַראָפּ פון באַלעמער און רוּק זיך געזעצט אויף זײן אָרט. פון עזרת־נשים האָבן
זיך דערהערט געװײנען און שלוכצערײען...

אַ גאַנצן טאָג האָט דאָס שטעטל געקאָכט װי אַ קעסל. תקיפים האָבן גע־
שטורעמט; באַלעבאַטים האָבן זיך אַרײנגעלײגט אין אַ שלום; ייִדן האָבן גע־
האַט אַ פאַרשטערטן שבת. אָבער באַלד נאָך הבדלה איז געװען די אַסיפה בײם
רב אין הױז און עס איז גלײך געשאַפן געװאָרן די נױטיקע סומע. די זעלבע
נאַכט האָט מען זי אָפּגעפירט צום גױ, װאָס האָט געהאַט די היפּאָטעק. דאָס
באָד איז געעפנט געװאָרן.

װען ייִדן לומדים האָבן אין גוטן מוט אױסגערעדט דעם רב, פאַרװאָס ער
האָט זיך אַזױ באַנוצט מיטן כוח התורה, האָט ר׳ אליהו תמימותדיק געענט־
פערט: „איך װײס, אַז עס שמעקט מיט סכנה, אָבער עס איז נישט געװען קײן
ברירה. פאַר ייִדן דאַרף אַ רב זיך מוסר־נפש זײן; דערױף איז ער אַ רב בײ
ייִדן״...

און אַ דריטן עפּיזאָד געדענקט בן־ציון, װען דער רב האָט זיך אײנגע־
שטעלט פאַר זײנע ייִדן, טאַקע אין אַ גאָר „געפערלעכן״ ענין.

עס איז געװען יום־כיפור. דער טאָג איז געװען אַ פאַרװאָלקנטער, אַ רעגנ־
דיקער. צו נעילה האָט מען נישט געװוּסט גענױ װי מען האַלט מיטן טאָג. דער
שיל־זײגער איז געשטאַנען, קײן זײגער מיט זיך האָט דאָך קײנער נישט גע־
האַט. האָט מען אָפּגעדאַװנט לױט אַן השערה, אַז עס איז שױן נאַכט. מען האָט
געבלאָזן שופר און די זיך מער אײלנדיקע זענען אַװעק פון דער שיל. אָבער

איידער דער גאַנצער עולם איז אַוועק פון שיל, האָט זיך דער מעריב אויסגע־לייטערט; עס האָט נאָך געפעלט אַ גוטע פערטל שעה צו דער שקיעה. איז גע־וואָרן אַ טומל. דער עולם האָט זיך געלאָזט צוריק אין שיל אַריין. עס איז גע־וואָרן אַ פראַגע: וואָס טוט מען מיט די, וואָס זענען אַוועק אַהיים? ר׳ אליהו האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער איז אַרויף אויף דער בימה און מיט אַ פעסטער שטימע אויסגערופן: „רבותי, האָט נישט קיין זאָרג, ס׳איז שוין נאָך יום־כיפור, נאָך תקיעת־שופר, נאָך סילוק־שכינה. גייט בשלום אַהיים זיך אָפּפאַסטן און פאַרגעסט נישט אין דער היים צו דאַוונען מעריב. אַ גוטע וואָך, ייִדן, אַ גוט יאָר אויף אַלעמען"...

ווען מען האָט זיך שפּעטער מפלפל געווען מיט ר׳ אליהון, צי האָט ער געמעגט אַזוי האַנדלען, האָט ער געענטפערט:

„די ייִדן, וואָס זענען די ערשטע אַרויס פון שיל, האָבן שוין געוויס באַ־וויזן צו קומען אַהיים, אפשר אַפילו צו צינדן פייער, מאַכן הבדלה, עפּעס אָנבייסן. ווען זיי האָבן שפּעטער דערזען, אַז זיי האָבן מחלל געווען יום־כיפור, האָבן זיי געוויס געהאַט שברון־לב, און מיט וואָס וואָלטן זיי זיך געקענט באַרעכטיקן אין זייערע אייגענע אויגן? עס וואָלט געקענט ווערן אַ קנאה־שנאה צווישן די, וואָס האָבן משלים געווען און די, וואָס האָבן נישט משלים געווען דעם תענית. און דאָס וועל איך צווישן ייִדן נישט דערלאָזן. איך האָב אַלץ גענומען אויף זיך"...

אַזוי האָט ר׳ אליהו ז״ל געפירט זיין עדה און דערפילט זיינע פליכטן אַלס רב, וואָס האָט געהאַלטן פאַר זיין ערשטע אויפגאַבע אַכטונג צו געבן אויף אָרעמע־לייט און נויטבאַדערפטיקע: „מיט מיינע אָרעמע־לייט זאָל מען בעסער נישט אָנהייבן" — איז געווען זיין וואָרט צו אַביסל ענגהאַרציקע תקיפים, ווען זיי פלעגן אַמאָל וועלן פאַרקוקן די נויט פון די אָרעמערע משפּ־חות... אַזאַ איז געווען ר׳ אליהו ז״ל.

קאַפּיטל 15

אַ קאָפּיקע אַ הער — אַ קאָפּיקע אַ קוק

בן־ציון איז געווען אַ בחור־ל אין צוועלפטן יאָר, ווען אין שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן עפּעס מאָדנע פּאַרשוינען. צום ערשטן איז געקומען עפּעס אַ „גלות" מיט אַ געדיכטער „טשופּרינע", מיט אַ מאָדנעם הילוך. מען האָט געזאָגט אַז עס איז אַן אַקטיאָר.

אין מיטן מאַרק האָט ער אָפּגעדונגען אַ קלייטל, עס אויסגעשטעלט מיט עטלעכע בענקלעך, אין מיטן אַ קליין טישעלע אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ מאָדנע קעסטעלע, אַ קעסטעלע וואָס רעדט... פון קעסטעלע האָבן זיך געצויגן אַזעלכע גומי־לאַסטיקענע „קישקעס" — רערלעך הייסט עס, מיט שפּיצן פון שוואַרצן ביין, וואָס מען האָט געדאַרפט אַריינלייגן אין די אויערן בכדי צו הערן וואָס דאָס קעסטעלע האָט צו דערציילן.

האָט מען וועגן דעם מאָדנעם פּאַרשוין מיט דער מאָדנער כלי נישט אויפגעהערט צו רעדן. ווער עס האָט געזאָגט, אַז עס איז מסתמא אַ שווינדלער, אַ בויך־רעדנער וואָס וויל נאַרן דעם עולם, מען זאָל מיינען אַז עס רעדט דאָס קעסטעלע; ווער עס האָט געדרונגען, אַז אַזאַ איינער מוז זיך מסתמא קענען מיט „יענע לייט", און ווער ווייסט וועמענס זינדיקע נשמה עס רעדט אַרויס פון יענעם קעסטעלע? פרומע יִדן האָבן גלייך דערשנאַפּט אַז דאָס מוז זיין פון די מיסיאָנערן... בלויז גויִים איינשטעלער זענען געווען די ערשטע צו באַצאָלן די פּאָר גראָשנס און הערן דאָס קעסטעלע, האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז אינעווייניק זיצט נישט קיין אַנדערער ווי דער טייוול אַליין; זיי פאַרשטייען נאָר נישט, צו וואָס דאַרף דער פּאַרשוין יעדעס מאָל בייטן עפּעס אַ מין „וואַל", אַ גלאָז אַזאַ אַן אַ דעק, פון וועלכן, — ער זאָגט, — עס קומט אַרויס די שטימע; נאָר מסתמא איז עס אַן אָנשטעל, באמת רעדט עס די „ניעטשיסטאַ סילאַ" — די קראַפט פון טומאָה.

קינדער האָט מען פאַרזאָגט, אַז „הזהר והזהר" פון צוגיין אַפילו נאָענט צום קלייטל מיטן רעדנדיקן קעסטעלע, און ווער שמועסט פון אַריינגיין אינעווייניק, ווייל, ווער ווייסט צי זיי וועלן גאָר פון דאָרט אַרויסקומען... אַזאַ איינער מוז אַוודאי זיין פון די וואָס כאַפּן קינדער...

אָבער, אַז די טעג זענען פאַרלאָפן, איז דער פּחד קלענער געוואָרן. אין די זונטיק־טעג פלעגט דאָס קלייטעלע זיין פול מיט גויִים און גויעס, שקצים

אין שיקסעס, וואָס פלעגן הערן דעם „דיוואָ״ (וווּנדער), און ביסלעכווייז האָבן אויך ייִדן — אַוודאי פון די נחות־דרגאַדיקע — אָנגעהויבן אַרייַנצושמעקן אין קלייטעלע. שפּעטער האָבן זיך אויך אַ פּאָר יוסטע באַלעבאַטים אַראָפּ־געלאָזט צו הערן דאָס קעסטעלע, און איינער פון זיי האָט אַפילו מיטגענומען זיין ייִנגל, וועלכער האָט שיער נישט געחלשט ווען ער האָט דערהערט, אַז פון קעסטעלע קומט אַרויס טאַקע אַ מענטשלעך קול.

דער נייַגיר איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו ר׳ אליהו, דער רב, האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג צו גיין הערן דאָס קעסטעלע, וואָס איז דאָך סוף־כל־סוף איינער פון „זיינע״ וווּנדער, וואָס „ער״, ברוך־הוא, האָט באַשאַפן דורך מענטשלעכע הענט מיטן קאָפּע־לע שכל, דער „חלק אלוקי ממעל״, וואָס „ער״ יתברך, האָט אַרייַנגעגעבן אין נאַרישן מענטשן. און כפי ער וועט דאָך נישט גיין אַליין, זענען מיטגע־גאַנגען אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים, און דער סודותפולער פּאַרשוין האָט דער־קלערט, אַז ביי אַזעלכע חשובים וועט ער קיין געצאָלט נישט נעמען. עס איז פאַר אים געגנוג דער כבוד צו האָבן ביי זיך אַזעלכע חשובע געסט. בן־ציונען האָט צוגעשפּילט דאָס גליק, דעם רבס אַ מקורב האָט אים מיטגענומען צום „סעאַנס״, לכבוד וועלכן דער פּאַרשוין האָט ספּעציעל צוגעפּוצט זיין קרעמל און זיין חדרל דערביי.

האָט מען זיך געהאַט וואָס אָנצודערציילן פון דעם כישוף־קעסטעלע, וואָס רעדט און זינגט אויף פאַרשידענע שפּראַכן. נאָך מער האָט מען דער־ציילט וועגן דעם מאָדנעם יונגנמאַן, וואָס ציט פון אַזאַ קעסטעלע זיין חיונה. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער איז ווייט נישט קיין עם־הארץ, נאָר אדרבא, אַ היפּשער בן־תורה, וואָס ווייסט אַפילו וואָס חז״ל זאָגן. האָט ער טאַקע אונטערגעהאַלטן די חשובע געסט מיט רבנישע ווערטלעך און חסידישע מעשיות. איז עס טאַקע געווען נאָר צו באַוווּנדערן „זיינע״ דרכים, ווען אַזאַ איינער לאָזט זיך אַוועק אויף אַ הפקר־לעבן מיט אַ פּרנסה פון עפּעס אַ שפּיל־קעסטעלע, מעשה „קאַטערינשטשיק״ — מסתמא מוז עפּעס זיין דערביי... בפרט אַז פאַרן אויסהערן דאָס קעסטעלע האָט ער גענומען פון יעדן צוהערער בלויז איין קאָפּיקע.

וואָכן און וואָכן האָט מען אין שטעטל געהאַט צו שמועסן סיי וועגן פּאַרשוין, סיי וועגן קעסטעלע, אַפילו נאָכדעם ווי ביידע זענען אַוועק פון דאָרט אין דער ווייטער וועלט אַריין. מ׳האָט גערעדט אַזוי לאַנג, ביז עס איז אויפגעקומען נאָך אַ גרעסערער וווּנדער. דער נאָטאַריוס, איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, אַ גוי אַ חריף, אַן עושר און אַן אַלטער בחור דערצו, האָט געבראַכט אין שטעטל אַריין דעם ערשטן גראַמאָפאָן, אויך אַ קעסטעלע, נאָר אַן רערלעך,

בלויז מיט אַ גרויסע טרובע, וואָס לאָזט זיך הערן ווייט, ווייט. אין זומער־דיקע פרייטיק־צו־נאַכטן, ווען ייִדן פלעגן זיך אַרויסלאָזן אויפן שפּאַציר, פלעגט דער נאָטאַריוס אַרויסשטעלן דאָס וווּנדער־קעסטעלע — דעם „גראַ־מאָפאָן״ — אין אַ ברייט צעעפנטן פענצטער פון זיין שטוב און פלעגט מכבד זיין ייִדן מיט חזנישע „שטיקלעך״, ייִדישע און רוסישע לידער, אַמאָל אַפילו גאָר גוטע מוזיק, — אַז דער גראַמאָפאָן שפּילט אַלץ.

עס איז שוין מער נישט געווען קיין חידוש: „פאָנאָגראַף״, „גראַמאָפאָן״. עס איז היינו הך, אַלץ גייט דאָך פון „ספּרונדזשינקעלע״, איז וואָס איז זיך ־יאָ צו חידושן? געווען אַפילו ווען עס האָט פאַרדראָסן אויף די פּאָר קאָ־פּיקעס וואָס ער האָט אַמאָל באַצאָלט פאַרן הערן דעם „פאָנאָגראַף״. ער וואָלט עס דאָך געקענט איינשפּאָרן און איצט הערן דאָס זעלביקע אויפן „גראַמאָ־פאָן״. אָן עבירה די פּאָר גראָשנס. גערעכט איז דאָס ווערטל, אַז פון איילע־נישט קומט קיין גוטס נישט אַרויס...

דערווייל איז אָנגעקומען אין שטעטל אַ צווייטער ייִד, טאָקע אַ ייִד פון ייִדנלאַנד, מיט באָרד און פּיאות און קאַפּאָטע, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט אויך געדונגען אַ קרעמל אין מאַרק און דאָרטן אויסגעשטעלט עפּעס מאָדנע קוק־שפּאַקטיוון, דורך וועלכע מען האָט געקענט זען וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט: פּאַריז און פּעטערבורג, בערלין און ווילנע, און ירושלים מיטן כותל־מערבי, און נאָך אַזעלכע וווּנדיירים. פּאָר יחידי סגולה און פּאָר גוט באַצאָלט האָט מען געקענט אין אַ באַזונדערן חדרל זען דורך שפּאַקטיוון „פּאַריזער קראַסאַוויצעס״ אין דער מוטער חווהס בגדים... אָבער „שטאָט״ האָט זיך קעגנגעשטעלט און מען האָט געמוזט דאָס חדרל פאַרמאַכן.

פאַרשטייט זיך אַז בן־ציון האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ פּאָר קאָפּיקעס און איז אַוועק זען דעם נייעם וווּנדער. אָבער דער פאַרגעניגן וואָס ער האָט גע־האַט פון קוקן אין די שפּאַקטיוון איז אים „אויסגעפּאַלן באַקאָם״. שוין ביים סאַמע סוף האָט ער אַריינגעקוקט אין אַ פּאָר שפּאַקטיוון מיט מאָדנע ביל־דער: הרוגים וואָס וואַלגערן זיך אין גאַס, מתים פאַרוויקלטע אין טליתים, גרויסע לוויות מיט אַ סך, אַ סך מיטות... קינדערלעך וואָס וויינען פאַריתומט. האָט אים דער ייִד דערקלערט אַז דאָס זענען בילדער פון קעשענעווער פּאָ־גראָם. האָט שוין בן־ציון געקוקט ווייטער. און דאָס וואָס ער האָט געזען וועט ער קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן: אויגן מיט אַריינגעקלאַפּטע צוויעקעס, צעבראָכענע שאַרבנס און גלידער, שטיקער פון מענטשלעך פלייש און שטי־קער פון צעריסענע ספרי־תורה, אייניקע פון זיי איינגעשמירט אין קויט און שמוץ; סימנים פון בלוט אומעטום; אויף די שטיינער פון גאַס, אויף ווענט פון הייזער, אויף שטיקער מעבל, קלאָניצעס, האַמערס און העק מיט וואָס מען האָט

געמאָרדעט, און דאָס בלוט טאָר מען נישט אָפּוואַשן... אַפילו די גופים פון די קדושים האָט מען נישט געטאָרט מטהר זיין, דאָס בלוט איז געבליבן פאַר־גליווערט, ווי אַ צייכן וואָס מאָנט און רופט און וואָרנט.

האָט זיך בן־ציון דערמאָנט אין דעם ערשטן פאַרגאָסענעם בלוט, ווען קין האָט דערהרגעט זיין ברודער הבל, און דאָס בלוט פון נביא זכריה, וואָס האָט געזאָטן ביז נבוזראדן האָט עס איינגעשטילט מיטן בלוט פון אַלט און יונג... האָט בן־ציון דערפילט אַז דאָס אייגענע בלוט הויבט אָן גליווערן אין זיינע אָדערן, און שפּעטער, ווען ער האָט געלייענט און געקענט אויף אויסנווייניק „די שחיטה־שטאָט" פון ח. נ. ביאַליק, סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש, פלעגט ער אָפט דעקלאַמירן פאַר זיך אַליין דאָס ליד פון צער און צאָרן, אַרויסרופן אין זיין פאַרשטעלונג די געשפּענסטער פון יענע גרויל־בילדער, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט אויף זיין גאַנץ לעבן. די פּאָר קאָפּיקעס פון קוק, האָבן אים טייער געקאָסט.

קאַפּיטל 16

שרעק און פּחדנים

עס איז געווען דאָס יאָר נאָך קעשענעווער פּאָגראָם, פּסח־צייט. דער פרילינג האָט זיך גראָד געשטעלט אַ פריִער. צו די פּסח־טעג איז שוין די בלאָטע אויף די גאַסן געווען אינגאַנצן אויסגעטריקנט — אַ זעלטענע דערשיינונג אין יענע מקומות פון טיפע שנייען און געדיכטע בלאָטעס.

נאָך פון פאַר פּסח האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן אומרויִקע קלאַנגען, אַז מען גייט דאָ איבערחזרן די מעשה קעשענעוו. אַ גוי איז געקומען צו דעם און דעם און געזאָגט: „ציט־אָפּ, ייִדעלעך, ווייל מען וועט אייך מאַכן „כיק", ווי אין קעשענעוו"... און די דינסט פון יענעם און יענעם האָט געזאָגט איר באַלעבאָסטע, אַז זי וועט שוין מער קיין דינסט נישט זיין, ווייל איר „כלאָפּיעץ" (בחור) האָט איר געזאָגט, אַז מען וועט די ייִדן אויסקוילען, זייער פאַרמעגן צונעמען און אַלץ וואָס איז פאַראַן אין שטוב, וועט זיין זייערס.

די קלאַנגען האָבן זיך געשטאַרקט נישט פון טאָג צו טאָג, נאָר פון שעה צו שעה. די אומגלויבלעכע „פּאָטשטן" זענען געפלויגן שנעלער פון טעלעגראַמעס. האָט זיך אין מיטן פון די וואַרעמע און זוניקע טעג פאַרשפּרייט איבערן שטעטל אַ געדיכטער וואָלקן, נישט אויף די הייזער, גאַסן אוןביימער, וואָס האָבן פרילינגדיק געלויכטן, נאָר אין די הערצער און געמיטער פון ייִדישע טאַטעס און מאַמעס. פון די געמיטער איז די כמאַרע אַריין אין די אויגן, זיך צעלייגט אויף די פּנימער. מיט אַ שווער האַרץ האָט מען זיך געגרייט צו די סדרים. האָבן זיך ייִדן געבריהט, געשטיקט דעם פּחד אין זיך. רעדן וועגן אַ זעלבסטשוץ איז געווען אוממעגלעך, ווייל דאָס דאָרף האָט געהאַט אַ 12.000 נפשות, און ייִדישע משפּחות זענען געווען אַ פיר־פינף הונדערט. צי וועט מען זיך דען קענען פאַרטיידיקן?...

כאָטש דער ערשטער סדר איז אַריבער בשלום, האָבן אָבער אַ פּאָר נערוועזע דאַמען נישט געקענט מער אויסהאַלטן. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, אַז מען זאָל אַנטלויפן, אַוועקגיין איבער פּסח אין די נאָענטע קאָלאָניעס. ווו צווישן ייִדן וועט מען פאָרט זיין זיכערער. זאָל זיין וואָס עס וויל מיטן פאַרמעגן, אַבי דאָס לעבן צו ראַטעווען.

האָבן זיך שוין אין דער נאַכט פון צווייטן סדר גענומען גנבענען צו דער באַן־סטאַנציע פורלעך און בריטשקעס מיט ייִדישע מאַמעס, קינדער און בע־

בעכעס. ווער מיטן ביינאַכטיקן און ווער מיטן בייטאָגיקן צוג, — מען איז געפאָרן. די בהלה איז געוואַקסן. שרעק איז אַנשטעקנדיק. שבת חול־המועד איז געקומען אין שול אַריין דער נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַנציע, אַ ליי־בעראַל, וועמען מ'האָט חושד געווען אין האָבן אַ שייכות צו רעוואָלוציאָנערן, און ממש געבעטן זיך ביי ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך נישט שרעקן — דאָ וועט גאָרנישט פּאַסירן, מען זאָל אויפהערן לויפן; מ'טאָר נישט לאָזן אַ ישוב אויף הפקר. און ביי אים זענען דערווייל אויסגעגאַנגען אַלע בילעטן צו די נאָענטע צוויי סטאַנציעס, וואָס געהערן צו די ייִדישע קאָלאָניעס.

אויף מאָרגן, זונטיק, אין מאַרק־טאָג, זענען עלטערע גויִים אַרומגעגאַנ־גען איבער ייִדישע קלייטן און געבעטן זיך ביי די „בראַטיאַ יעווריעי״ — די ברידער ייִדן: טוט אונדז נישט אָן קיין חרפּות, שוין יאָר־צענדליקער ווי מיר לעבן בשלום. מיר וועלן אייך נישט אָנרירן און אייך אויך פאַרטיידיקן פון אַנדערע. פאַרשאַפט אונדז נישט קיין בזיונות! האָבן ייִדן אויסגעהערט, גע־דאַנקט, נאָר גיי און גלייב עשון... און אין שיל בין מנחה למעריב פלעגן זיך די פּאָליטיקער און פּאַטשטן־טרעגער צעיאַכמערן. דעם האָט געזאָגט פיאָדאָר דודניק, אַ גוי אַ רוצח, און דעם צווייטן האָט געזאָגט פיליפּ טשאַכוואַנאַוו, אַ גוי אַ באַלעבאָס, נאָר אַ גרויסער שיכור, און אויך אַנדערע גויִים האָבן פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיין פריילעך...

ייִדן, סטאַלע באַלעבאַטים, האָבן באַרויִקט די געמיטער, זיך געהאַלטן אין דער מעלה. דאָס וואָרט, אַז זיי רירן זיך נישט פון אָרט, האָבן זיי טאַקע געהאַלטן, אַליין געבליבן אין שטעטל, אָבער די ווייבער און קינדער האָט מען אַרויסגעשיקט ווייט פון דער סכנה. די פּאַניק איז געוואַקסן. שביעי של פּסח האָבן ייִדן אַרעמעלייט מעכב הקריאות געווען: סטייטש, די נגידים צעלויפן זיך און זיי לאָזט מען אויף הפקר! זייער בלוט איז קיין בלוט נישט? זייערע ווייבער און קינדער זענען קיין ייִדן נישט? זאָל מען שיקן אַ דעלעגאַציע צום גובערנאַטאָר! זאָל מען ברענגען קאָזאַקן!...

גלייך נאָכמיטיק איז געווען אַן אַסיפה; מען האָט באַשלאָסן בעטן קאָ־זאַקן. די געמיינדע וועט זיי אויסהאַלטן. דער רב האָט מתיר געווען צו פאָרן אום יום־טוב: פּיקוח־נפש! חשש סכנה! ווען די דעלעגאַציע איז שוין געווען אויסגעקליבן, איז אַרויפגעשווומען אַ האַרבע פראַגע: וויפל קאָזאַקן זאָל מען בעטן?... האָט אַ ייִד אַ פּשוטער, וואָס האָט געוווינט העט אויפן דאָרף און האָט גוט געקענט די שטימונג פון די פּויערים, געבעטן דאָס וואָרט, אפשר דאָס איינציקע מאָל אין זיין לעבן, און געזאָגט האָט ער אַזוי: „כפי די בהלה האָבן אָנגעמאַכט די ווייבער, זאָל מען בעטן אַזויפיל קאָזאַקן, אַז מען זאָל ביי יעדן פּרויען־בעט אַוועקשטעלן אַ קאָזאַק, און אַ צווייטן קאָזאַק, וואָס

זאָל היטן דעם ערשטן"... אוודאי האָט מען פאַרשטאַנען דעם „קיבעץ"; מען האָט אַפילו כלומרשט געלאַכט פון דער המצאה, אָבער די דעלעגאַציע איז גלייך אַפּגעפאָרן...

אויף מאָרגן, אַחרון של פּסח, איז די גרויסע שיל געווען כמעט ליידיק. דער מזרח האָט „געשיינט" מיט זיין פּוסטקייט. אַלע גבירים כמעט זענען אַוועק. עס איז געבליבן דער רב ר' אליהו ז"ל, וועלכער האָט געטענהט, אַז ער בלייבט מיט זיין קהילה, פון וועלכער ער וויל נישט און טאָר זיך נישט פּורש זיין בשעת סכנה. אַ פּאָר פּרימערע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אָנגעווענדט דעם „אל תפרוש מן הציבור" — זאָלסט זיך נישט אָפּזונדערן פון קהל, און קהל זענען די, וואָס בלייבן אויפן אָרט. עס זענען אויך פאַרבליבן אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן, און העלדישע עמכני־קעס, וואָס האָבן געטענהט, אַז „וואָס באַשערט דאָס באַוועט" — פון טויט קען מען נישט אַנטלויפן.

צו הזכרת נשמות איז אין שיל געווען ממש יום־כיפור. מ'האָט פאַרגאָסן טייכן טרערן, ווי זיך געזעגנט מיטן לעבן. נאָך דעם דאַוונען האָט מען באַשלאָסן, אַז די משפּחות זאָל מען אָפּשיקן אין די קאָלאָניעס, ווייל מעז מוז ראַטעווען די קינדער, נאָר די מענער וועלן זיך קאָנצענטרירן מיט אַלע ספרי־תורה, בכדי זיי צו פאַרטיידיקן, טאָמער טרעפט ח"ו טאַקע עפּעס. אַ צווייטע גרופּע וועט זיך באַפעסטיקן אויפן בית־עלמין און נישט דערלאָזן שענדן די קברים ח"ו. צווישן די פאַרבליבענע זענען געווען אַ פּאָר באַלעגאָלעס, אייניקע קצבים מיט העקער־יונגען, אַ פּאָר טרעגער און „רעשעטניקעס"; אויך באַלעבאַטים, וואָס האָבן געקענט „רירן מיט די הענט", און די פּאָר פּרימערע גבירים מיט דעם רב בראש.

איז מוצאי יום־טוב פאַרפאָרן אַ פור צו דער שטוב און אויך בן־ציונס משפּחה איז אַפּגעפאָרן צו דער באַן, אָבער בלויז די קינדער. דאָס קליינע מאַמעלע האָט בשום אופן נישט געוואָלט מיטפאָרן. זי בלייבט מיט איר באַשערטן... צוזאַמען געלעבט, איז ביזן סוף, ווי עס זאָל נישט זיין באַשערט.

קען מען פאַרשטיין מיט וואָס פאַר אַ געמיט חברה איז אַפּגעפאָרן. אָבער ווען מען האָט איבערגענעכטיקט ביי דער מחותנתטע דוואַשע און אויף מאָרגן דערזען די באַקאַנטע גרינע פעלדער פון דער קאָלאָניע, ווו כמעט די גאַנצע חברה איז געבוירן געוואָרן, האָט מען זיך אַביסל אויפגעמונטערט. די יונגערע קינדער האָבן גאַנץ פיין געשטיפט און געשפּילט זיך מיט אַנדערע קינדער פון די אָרטיקע און אָנגעפאָרענע.

אַחרון של פּסח איז געווען אַ דאָנערשטיק. אין קאָלאָניע איז מען אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט, מוצאי יום־טוב. די „חתונה" האָט זיך געזאָלט אָנ־

הייבן זונטיק, דעם ערשטן טאָג פון זייער „קייסאָך" (אַזוי האָבן ייִדן גערופן די קריסטלעכע פּאַסכאַ), איז געווען אַ צוויי טעג צו וואַרטן, אַ מין שטיל־שטאַנד פאַרן שטורעם...

אין קאָלאָניע איז אויך נישט געווען אינגאַנצן רויִק. מען האָט גע־שמועסט, אַז די שכנים פון אַ נאָענטן דאָרף קלייבן זיך איבערצופאַלן די קאָ־לאָניע. ייִדן האָבן געלאַכט דערפון: זאָלן „זיי" נאָר פּרווון, מ'וועט פון זיי מאַכן אַש; מיר זענען „כליעבאָראָבן" (ערד־אַרבעטער) גלייך מיט זיי, גלייכע „מיוחסים" און אין כוחות וועלן מיר זיי איבערשטייגן. היציקער פון אַלעמען האָט זיך געקאָכט בן־ציונס פעטער לאָזער, דעם פאָטערס אַ ברודער, אַ ייִד אַ מלמד, נאָר אַ גבר בגבורין; כאָטש אַ גאָר שטאַרק פרומער, ביז פאַנאַ־טיזם, האָט ער גערעדט אַ פּרעכטיקן רוסיש, און קריגן פון אים אַ מתנת־יד איז ממש געווען אַ סכנה. ער האָט געדרונגען פון פסוקים, אַז „אל תירא עבדי יעקב" — ייִדן דאַרפן זיך נישט שרעקן; ייִדן האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל און געזונטע ידים אויף דער ערד. אַ צעקאָכטער פון די אייגענע רייד, פלעגט ער האַלטן זיינע מעכטיקע קולאַקעס און פון די פאַרקריצטע ציין פלעגט זיך ביי אים דורכזיפן אַן עכט פאָנישער „ראסשיבו" — איך וועל צעקלאַפּן! „ווּפראָך" — אין שטויב. דער פעטער לאָזער האָט ביי אַ צווייטער געלעגנ־הייט דערוויזן, אַז ער האָט נישט גערעדט קיין פּוסטע דיבורים...

אַ גאַנצן שבת האָט חברה פאַרבראַכט גאַנץ אויפגעלייגט, נאָר אַרום מנחה־צייט, ווען עס האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון אַ גלאָק, וואָס האָט גערופן די גויִים פון נאָענטן דערפל צו תפילה, האָט די שטימונג אָנגעהויבן צו פאַלן; מ'האָט זיך דערמאָנט, אַז עס דערנענטערט זיך די שעה...

דערווייל האָט עפּעס אַ יונגערמאַן דערציילט, אַז שוין, אַז ד אָ ר ט האָט זיך עס שוין אָנגעהויבן. פּרייטיק ביינאַכט האָט מען אונטערגעצונדן די שיל; פון די מענטשן, וואָס זענען געווען אינעווייניק, האָט מען געוויס דערהרגעט די און די; די רעשט איז זיך צעלאָפן. דער אַלטער פּריסטאַוו, וואָס איז געקומען אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם, איז אויך דערהרגעט געוואָרן.

אַזוי זאָלן געווען האָבן דערציילט פּליטים, וואָס זענען נאָך גאַנץ פרי דורכגעפאָרן מיט דער באַן אין סאַמע שבת. קען מען זיך פאָרשטעלן, ווי ס'איז געוואָרן אויפן האַרצן פון די פּליטים, וואָס האָבן איבערגעפּולט די קאָלאָניע. מען האָט געוויינט און געקלאָגט. קרובים און סתם קאָלאָניסטן האָבן מיטגעוויינט. עס איז געווען תשעה־באָב.

ווער עס איז נישט געפאַלן אין גע̇מיט, איז געווען בן־ציונס פעטער לאָזער. ער האָט געטענהט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן. ער האָט אַ סימן, אַז צווישן די טויטע איז נישט דערמאָנט געוואָרן זיין ברודער, און ער איז

זיכער, אַז יענער איז נישט אַנטלאָפן און האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן; יע־נער איז נישט פון די, וואָס באַהאַלטן זיך, ווען מען הרגעט ייִדן און מ׳שענ־דעט ספרי־תורה. דערפאַר איז עס אינגאַנצן „וראַניאַ!" — פלוידעריי הייסט עס.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושיקן אַ „ראַזוויעדקאַ" — אַן אויס־שפּיר־גרופּע. אַ פיר־פינף קאַלאַניסטישע גיבורים, מיט דעם פעטער לאַזער בראש זאָלן מיטן צוג צופאָרן צו דער סטאַנציע, פון וואַנען מען פאָרט אין שטעטל, און דאָרט זיך דערקונדיקן וואָס עס הערט זיך. בן־ציון האָט געוואָלט מיטפאָרן, האָט מען זיך פון אים אויסגעלאַכט: „אַזאַ פיזשיק", וואָס וועט ער דאָרטן טאָן?" אָבער דער פעטער לאַזער האָט געהאַלטן, אַז בן־ציון זאָל דווקא יאָ פאָרן; זאָל ער זיך אויסלערנען, אַז פון אַ סכנה אַנטלויפט מען נישט, נאָר מען גייט איר מוטיק אַנטקעגן... בן־ציון איז מיטגעפאָרן.

אָנגעקומען בשלום אויף דער סטאַנציע, האָט מען זיך צעפרעגט ביים נאַטשאַלניק, ביי אַ פאָר באַקאַנטע פורמאַנעס, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן צום „פּאַיעזד", כאָטש עס איז די הייליקע נאַכט, און ביי אַ פאָר זייטיקע מענטשן. פון אַלעמען האָט מען געהערט, אַז אַלץ איז רויִק; עס איז גאָרנישט געווען און עס וועט גאָרנישט זיין...

די ראַזוויעדקאַ האָט זיך צוריקגעקערט און באַרויִקט די פּליטים אין דער קאָלאָניע.

דאָך איז מען פאַרבליבן אין קאָלאָניע ביז נאָך זייער „חגא". פון שטעטל איז אָנגעקומען אַן אָנווייזונג, אַז מען זאָל צוריק קומען בלויז מיט די ביי־נאַכטיקע צוגן. עס איז פשוט אַ חרפּה פאַר די גויִים, וואָס האָבן זיך דאָך געבעטן, אַז מען זאָל זיי נישט אָנטאָן קיין בזיונות...

ביסלעכווייז האָט זיך די רויִקייט איינגעשטעלט. די פּליטים זענען צו־ריק געקומען. די קאָזאַקן זענען געווען אינעם שטעטל אַן אַ שטאָך אַרבעט און „אָפּגעגעסן דעם קאָפּ". מ׳האָט שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק, אָבער מען האָט געמוזט אָפּוואַרטן אַ שטיקל צייט, ביז מען זאָל זיי קענען זאָגן, אַז זיי קענען שוין צוריקפאָרן.

אין אַ טאָג האָט אויסגעבראָכן אַ שׂריפה פּונקט קעגנאיבער דער גרויסער שיל. פון אַלע זייטן האָט מען גענומען לויפן צום „פּאַזשאַר". ווען די קלויס־טער־גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען, איז דער אַלטער פּחד אַרויס פון די פאַר־באָרגענישן, אין וועלכע ער איז די גאַנצע צייט געלעגן. שנעל האָט זיך פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס איז דער צייכן... די גלעקער רופן דעם המון, וועל־כער וועט זיך וואַרפן אויף דער שיל און פון דאָרט אויף ייִדישע קראָמען און הייזער. דער געשפּענסט קעשענעוו איז אויפגעשטאַנען פאַר די אויגן...

באַלד איז אָבער אָנגעפאָרן די האַלבע מאה קאָזאַקן מיט זייער „סאָט־ניק״ בראש, מיט די נאַגייקעס אין די הענט און צעטריבן די „זיעוואַקאַס״ (געניצער), וואָס האָבן פון נייגיר געקוקט אויף דער שריפה און נישט געהאָלפן לעשן. — זאָלן זיי זיך גיין יעדער זיין וועג, ווען נישט — איז שמיץ! דער עולם איז זיך צעגאַנגען, די שריפה האָט מען אויסגעלאָשן, די קאָזאַקן זענען אינגיכן אָוועקגעפאָרן און דאָס שטעטל האָט זיך באַרויקט.

די דערפאַרונג האָט געווירקט מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען מען האָט געמאַכט די פּאָגראָמען לכבוד דער „קאָנסטיטוציע״. האָבן די ייִדן שוין גע־וווּסט, אַז ביי זיי קענען קיין פּאָגראָמען נישט זיין.

ערשט אין 1919 האָט „באַטקאָ מאַכנאָ״ מיט זיינע באַנדעס פּאָגראָמירט די רייכע ייִדן פון שטעטל, צוזאַמען מיט די רייכע גויים. די אַנדערע „באַט־קאָס״ האָבן שפּעטער געטאָן דאָס זעלבע מיט די אָרעמערע ייִדן, און דאָס שטעטל, אין וועלכן בן־ציון איז אויסגעוואַקסן, איז געבליבן „יידנריין״...

אין מאָמענטן פון בענקשאַפט און זכרונות זעט פאַר זיך בן־ציון זיין שטעטל מיט דער שול, דעם חב״ד, דאָס שניידערישע שילעכל מיטן מאַרק און מיט די „ליעסנאַיעס״ (האָלץ־געשעפטן), מיט דעם באַד, און, להבדיל, בית־עלמין. מיט יראת־הכבוד דערמאָנט ער זיינע פשוטע, נאָר האַרציקע ייִדן, עמך, געזונטע אין קערפּער און פעסטע אין גייסט. ער דערמאָנט זיך אויך אין די פויערים, וואָס האָבן צוויי מאָל „געוואָיעוועט״ אין שטעטל, נאָר קיין איין מאָל קיין ייִדן נישט באַרירט. געווען אמתע גוטע שכנים. און ווען בן־ציון פרעגט זיך: וואָס איז פון דעם אַלעמען פאַרבליבן? — וויקלט אַ שוואַר־צער אומעט אַרום זיינע מחשבות און אַ נאָגענדיקער ווייטיק צעפּרעסט דאָס האַרץ...

קאַפּיטל 17

ייִדישע גבורה

סתם גבורה ביי ייִדן האָט אַמאָליקע צייטן געמיינט אינטעלעקטועלע, גייסטיקע כוחות. אַ העלד איז געווען דער, וואָס האָט געזיגט אין דער גרויסער מלחמה פון תורה. בן־ציון איז אָבער אויסגעוואַקסן צווישן פּראָסטאַקעס. ייִדן לומדים האָט מען אין שטעטל געקענט איבערציילן אויף די פינגער; קיין גיבורים אין לערנען זענען די ייִדן פון זיין קאַנט נישט געווען. דערפאַר אָבער, האָט בן־ציון געזען און געהערט פון ייִדישער פיזישער גבורה, פון דער־לאַנגען „אַ כמאַל", אויפהייבן אַ גרויסע משא, אַנדערע קונצן פון פיזישער קראַפט. און אָט וועגן דעם איז כדאי עפּעס צו דערציילן.

די גויִישע איינוווינער פון דעם שטעטל ווו בן־ציון האָט געוווינט, זענען געווען פון צוויי פעלקער. טאַקע אַלע זענען זיי געווען גויִים, נאָר אין איין זייט, אויפן „רוסקי קוטאק" האָבן געלעבט די ווּקסיקע, קרעפטיקע, לאַנג־בערדיקע קאַצאַפּעס (גרויס־רוסן), מיט די געדיכטע טשופּרינעס האָר, אָפּגעשוירן „פּאָדגאָרשאָק", ווי אונטערן טאָפּ. אויף דער צווייטער זייט האָבן געוווינט די קליינוווקסיקע זשוואָווע כאָכלעס (אוקראַיִנער), מיט די לאַנגע וואָנצעס, מיט די שמאָלע טשופּרינעס ווי אַן „אָסלעדעץ" (הערינג), און כמעט אַלע אָן בערד, געגאָלטע. קיין גרויסע ליבע איז צווישן די צוויי פעלקער נישט געווען, כאָטש ביידע האָבן געהערט צו דער זעלביקער רעליגיע און „געמאָליעט זיך" אין זעלביקן קלויסטער.

צו ייִדן האָט זיך יעדעס פאָלק באַצויגן אַנדערש. די „כאָכלעס", מער־סטנטייל אָרעמעלייט, האָט אַרויסגעוויזן הכנעה, געחנפעט דעם ייִדן, ביי וועמען זיי האָבן געקענט קריגן אַרבעט אָדער קויפן עפּעס אויף באָרג, כאָטש מען האָט בולט געזען אַז זיי זענען גרייט צו דערגיין ייִדן די יאָרן, ווען מען לאָזט זיי נאָר. די קאַצאַפּעס, אַליין געווּנג רייכע באַלעבאַטים, האָבן געקוקט אויף ייִדן מיט גרינגשעצונג, כאָטש מודה געווען אַז „כיטרי נאַראָד" — אַ קלוגע אומה, און קיין רשעות נישט געטאָן צו ייִדן. אין שטעטל איז ביז דעם בירגער־קריג, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, קיין פּאָגראָמען נישט געווען.

אָן אויסנאָם צווישן די קאַצאַפּעס איז געווען פיאָדאָר דודניק, אַ גוי אַ גבר און אַ גיבור, אַ רוצח וואָס האָט געשלאָגן, גערויבט און ווי מען האָט

געמורמלט, אַפילו געהרגעט. פאַרשטייט מען שוין, אַז אַזאַ נפש האָט אויך אויף יידן געטראָגן אַ רציחה. פאַר פיאָדאָרן האָט געציטערט דער גאַנצער דאָרף, אַפילו די פּאָליציי פון שטעטל האָט מורא געהאַט מיט אים זיך אנצו־הייבן. האָבן יידן געדולדיק געליטן גלייך מיט אַלעמען.

דער מסחר מיט תבואה, דאָס הויפּט־רייכטום פון שטעטל, איז געלעגן אין יידישע הענט. אויפן דאָרף האָבן זיך אַ סך גויים אָפּגעגעבן מיט צופירן די תבואה צו דער באַן־סטאַנציע, וואָס איז געלעגן אַ פינף וויאָרסט פון שטעטלשן מאַרק. פלעגן זיך ביי יידישע „מאַגאַזינעס" (שפּייכלערס) אויס־שטעלן לאַנגע רייען מיט גויישע פורן, וואָס פלעגן אַריבערפירן די טויזנטער און טויזנטער תבואה־זעק, וואָס דאָס שטעטל פלעגט אַרויסשיקן. יעדער גוי האָט געהאַט נאָר איין פור, פיאָדאָר האָט געאַרבעט מיט צוויי. אויף איינע האָט ער געאַרבעט אַליין, אויף דער צווייטער — אַ געדונגענער „פורטשיק". פלעגט טרעפן, אַז פיאָדאָר פלעגט צוקומען צום „מאַגאַזין" איינער פון די ערשטע, אָנלאָדן אַ וואָגן מיט זעק, אָפּפירן עס צו זיך אַהיים, קומען צוריק גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט, שטעלן זיך דער לעצטער אין דער ריי און נעמען נאָך אַ פור תבואה־זעק אָפּפירן צו דער סטאַנציע. דער ייד האָט נעבעך גע־ווּוּסט, אַז ער ווערט דאָ באַרויבט, אָבער ער האָט געמוזט שווייגן, ווייל „טשע־פּען" מיט פיאָדאָרן איז געווען אַ סכנה. ער האָט געקענט „אונטערשיקן אַ רויטן האָן", באַגנבענען, שלאָגן, אַפילו הרגענען. האָט מען געליטן און גע־שוויגן.

די תבואה פלעגט מען אַרויספירן ביז שפּעט אין אָסיען, ווען די רעגנס האָבן שוין צעווייקט די געדיכטע שוואַרצע ערד און פאַרוואַנדלט די וועגן אין שווערע בלאָטעס, נישט אַדורכצוקריכן. האָט מען געליטן, אויסגעריסן גע־וואָרן; אַ ברירה איז געווען?

ביז מען האָט זיך מרחם געווען „אויבן" און מען האָט דורכגעלייגט אַ שאָסיי פון דער באַן־סטאַנציע ביז העט איבערן בריק אין שטעטל. דעם שאָ־סיי האָבן טאַקע געבויט יידישע „פּאָדריאַטשיקעס". ער איז געווען שמאָל, אָבער אַ ישועה אין בלאָטיקע טעג. דאָס געזעץ איז געווען, אַז ווער עס פאָרט מיט ליידיקן מוז אָפּטרעטן דעם שאָסיי פאַר דעם וואָס פאָרט מיט פולן. פיאָ־דאָר האָט זיך פון געזעץ אויסגעלאַכט — מען האָט אים געמוזט אָפּטרעטן דעם וועג אַפילו ווען ער איז געפאָרן אין ליידיקן. האָט מען אַלץ געליטן: — כאַפּט אים דער רוח!

טרעפט אָבער אַז אין זייער בלאָטיקע טעג פירט אַ וואָגן תבואה צו דער באַן־סטאַנציע, אַ קאָלאָניסט פון אַ נאָענטער קאָלאָניע, ירחמיאלקע דער קליי־נער, אַ ייד וואָס האָט געשמט פאַר אַ גיבור, כאָטש זיין אויסזען האָט עס

נישט אַרויסגעגעבן. קומט אים אַנטקעגן פיאָדאָר, וואָס איז געפאָרן אין לײ־דיקן פון דער באַן־סטאַנציע. כנהוג, צעשרײט זיך פיאָדאָר מיט זײַן באַסאָ־װע שטימע: — „סטופײַ ס׳דאָראָגי!״ — טרעט אָפּ פון װעג! אָבער ירחמיאל־קע מאַכט זיך נישט װיסנדיק. ער פאָרט זיך זײַן װעג, די געשרײען װירקן נישט אויף אים. עס פאַרשטײט זיך, אַז פיאָדאָר איז אים אַרײַנגעפאָרן אין אַ ראָד, צעבראָכן די ספּיצעס, דער שװערער װאָגן האָט זיך אָנגעבױגן אויף אַ זײַט, אַ פּאָר זעקלעך זענען אַראָפּגעפאַלן; זאָל ער װיסן װי אַזױ מ׳פּאָלגט נישט פיאָדאָר דודניק...

דאָ, אָבער, האָט געטראָפן עפּעס גאָר אומדערװאַרטס. ירחמיאלקע איז אַראָפּ פון װאָגן מיט דער בײַטש אין האַנט, גלײַך איבערגעפאַלן פיאָדאָרן מיט אַ שמיץ איבערן פּנים, און „פּאָדאַװײַ״ שמײסן... פיאָדאָר האָט זיך אַ װאָרף געטאָן אויף ירחמיאלקען, אָבער יענער האָט אים אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע אײַזערנע ידים, און װי דער גרױסער, פעטער קאַצאַפּ האָט זיך נישט געװאָרפן, האָט עס אים נישט געהאָלפן. ער האָט נאָך אַרײַנגעכאַפּט פון ירח־מיאלקען מכות־רצח מיט די פּיס. ער האָט פיאָדאָרן געקאָפּיעט װי נאָר ער האָט געקענט דערלאַנגען. דער גוי האָט געגװאַלדעװעט, זיך געשלײדערט אין אַלע זײַטן, אָבער עס איז געװען פאַרפאַלן. ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

האָט פיאָדאָר מיט זײַן אַרבעטער געמוזט אַריבערטראָגן די זעק תבואה פון ירחמיאלס װאָגן אויף זײַערן, אָפּפירן די זעק צו דער סטאַנציע, אויף צו־ריקװעגס נעמען דעם צעבראָכענעם װאָגן אין שטעטל אַרײַן, ביז צו די קוז־ניעס, װוּ מען האָט אים געדאַרפט פאַרריכטן. ירחמיאלקע האָט קאָמאַנדעװעט מיט דער בײַטש אין האַנט. די װאָס האָבן עס צוגעקוקט, האָבן זיך געמאַכט כלא־ידע, נאָר אָנגעקװאָלן פון דער מפּלה פון דעם רוצח, װאָס אַלע האָבן געהאַסט. מען האָט זיך געפרײט מיט דער מפּלה פון גרױסן גלית אין די הענט פון קלײנעם דודי.

די פּאָליצײ האָט זיך אַרײַנגעמישט. מ׳האָט בײדן אַרעסטירט. אָבער דער אײנציקער לעבעדיקער עדות, פיאָדאָרס „פורטשיק״ האָט דערצײלט דעם אמת. דער צעבראָכענער װאָגן איז געװען אַ שטומער עדות. האָט מען ירח־מיאלקען באַפרײט און קעגן פיאָדאָרן פאַרפירט אַן אויספאָרשונג, נישט נאָר װעגן לעצטן אינצידענט, נאָר פאַר אַלע זײַנע מעשים־טובים. די מורא פאַרן רוצח איז מיטאַמאָל פאַרשװוּנדן.

דאָס איז געװען אין אַ שבת־טאָג, װען ייִדן האָבן זיך געקליבן אין שיל אַרײַן צו תהילים, האָט מען מיט אומרו באַמערקט, אַז הינטער די געשלאָסענע קלײטן, אונטער די לײדיקע „רונדוקעס״ (שטעלכלעך) באַהאַלטן זיך גױים מיט שטעקנס, מיט שטײנער. איז אָנגעפאַלן אַ שטיקל אימה. װער װײסט

וואָס דאָס קען באַדייטן... די גויִים האָבן אָבער באַרוּיִקט: „איר האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. גייט אייך אייער וועג, נאָר האַלט ס'מויל". איז מען געגאַנגען אין שיל אַריין — אַ ברירה האָט מען געהאַט?

אין מיטן תהילים זאָגן האָבן זיך פון דרויסן דערהערט גוואַלדיקע קו־לות: „בעיי!" — שלאָג, הייסט עס. ביי יִידן זענען די דמים פאַרקילט געוואָרן, אָבער ווען מען האָט געזען אַז קיין שטיינער אין די פענצטער וואַרפט מען נישט, האָבן אַ פּאָר מער געוואָגטע אייַנגעשטעלט אַרויסצוקוקן דורך די שיל־פענצטער און האָבן איבערגעגעבן, אַז דער אוריאַדניק פירט פּיאָדאָרן אין „סטאַן" אַריין. פּיאָדאָר האָט די הענט געבונדן, און גויִים שלאָגן אים מיט שטעקנס, וואַרפן שטיינער. ער איז צעבלוטיקט. דער אוריאַדניק פּאַכעט כלומרשט מיט זיין שווערד: „צעגייט זיך!" — הייסט עס. ער האָט אויך אַ פּאָר מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופטן, אָבער עס העלפט נישט — די גויִים שטייען נישט אָפּ.

פּלוצלינג זענען די העלדן אַראָפּגעשפּרונגען פון די הויכע פענצטער און זיך געלאָזט לויפן אין פּאָליש אַריין און קלאַמערן זיך אין דער טיר. פּיאָדאָר האָט זיך אַרויסגעריסן פון אוריאַדניקס הענט, איז אַריינגעלאָפן אין שיל־הויף, געזוכט זיך הפּנים צו ראַטעווען אין אַ מקום־קדוש. אָבער יִידן האָבן פעסט געהאַלטן די טיר מיט האַנטוכער, וואָס מען האָט צוגעבונדן צו די גרויסע מעשענע רינגען אין טיר.

אין דרויסן האָט זיך געטאָן חושך. די געשרייען פון געשלאָגענעם האָבן ממש געלעכערט די אויערן; נאָר וואָס האָט מען געקענט טאָן? ווער וועט זיך עס שטעלן קעגן אַזאַ ערב־רב? מיטאַמאָל האָט מען דערהערט געשרייען: „נעמט אים אַרויס פון דאַנען. דאָ איז אַ מקום קדוש. דאָ טאָר מען נישט טויטן"... דער המון איז אָפּגעפּלאָסן אין גאַס אַריין, מיטשלעפּנדיק דעם האַלב־טויטן פּיאָדאָרן. יִידן האָבן פאַרגאָסן טרערן פון אוממאַכט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך נישט איינגעשטעלט פאַרן קרבן. טאַקע אַ רוצח, אָבער פאָרט אַ מענטש... אַ מענטש!... אַ פּאָר צענדליק טריט פון דער שיל האָט מען פּיאָ־דאָרן „פאַרענדיקט". עס איז געווען „סאַמאָסוד"־געריכט מיט דער אייגענער האַנט פון המון. איצט איז עס באַקאַנט ווי „לינטשעריי"...

דאָס שטעטל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, קריסטן ווי יִידן. ירחמיאַלקע איז פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ גיבור. זיין אַרויסטריט האָט געהאָלפן באַפרייען דעם געגנט פון אַ רוצח. אַ העלדישער יִיד! אָבער דער רום פון ירחמיאַלקען האָט נישט געדויערט מער ווי אַ פּאָר יאָר. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען פון 1905, איז אין איין פאַל קלאָר געוואָרן, אַז פאַראַן שטאַרקע־

רע פון ירחמיאלקען. דערוויזן האָט עס טאַקע בן־ציונס אַ קרוב — זײַן פֿע־טער לאַזער.

דאָס איז געווען אַ ייִד אַ גבר, אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט אַ לאַנגער באָרד און העל־בלויע אויגן; קורץ — אַן עכט סלאַווישער טיפּ. מיט זײַן שאַרפֿן רוסיש האָט ער לײַכט געקענט פֿאַררעכנט ווערן ווי אַן עכטער רוס. בשעת רוגזה מיט גויִים פֿלעגט ער זיי סטראַשען: „יאַ קאַזאַק, קאַזאַצקי סין!" (איך בין אַ קאַזאַק, אַ זון פֿון אַ קאַזאַק). דאָס דאָזיקע ווערטל האָט אים שפּעטער אַרויסגעראַטעוועט, ווען ער איז אויפֿן וועג צופֿוס קיין ארץ־ישראל אַרעס־טירט געוואָרן, ערגעץ אין אַ שטעטל פֿון אונגאַרן... אָבער, אַזוי איז פֿעטער לאַזער געווען — אַ ייִד פֿון ייִדנלאַנד, אַ פֿרומער מיט סכנות־נפֿשות, אַ קנאי, פֿון פֿאַך אַ מלמד.

יענעם ווינטער פֿון 1906 האָט ער געהאַט אַ קנעלונג אין דער קאָלאָניע, ווו ירחמיאלקע האָט געלעבט. ער איז דאָרט געווען אַליין, אָן זײַן פֿאַמיליע, אָן אָפּגעהיטער אין כשרות, פֿלעגט ער אַרײַנגיין אין בעקערײַ, קויפֿן אַ ברויט פֿון אַ פֿונט פֿינף. צוזאַמען מיט אַ פּאָר קוואָרט מילך איז עס געווען זײַן שפּײַז פֿאַרן טאָג, חוץ אַמאָל אַ שבת, ווען ער פֿלעגט קומען צום ברודער, בן־ציונס פֿאָטער, אין שטעטל אַרײַן און קענען פֿאַרזוכן אַ שטיקל פֿלייש לכבוד שבת.

אין קאָלאָניע האָט מען מורא געהאַט פֿאַר אַ פּאָגראָם, האָט מען אָרגאַ־ניזירט אַ „סאַמאָאָבראָנאַ" (זעלבסטשוץ). די ייִדישע פּאָליצײַ איז געוואָרן וואַכזאַמער. מען האָט געהיט. אין אַ געוויסן מאַרק־טאָג האָבן זיך צוויי „קאַ־צאַפּעס" צעקריגט מיט אַ ייִדישן הענדלער און האָבן פֿון די שטיוול־כאַליע־ווען אַרויסגעצויגן מעסערס, גרייט צו שטעכן דעם בעל־דבר און קוילען אַלע ייִדן — ווי זיי האָבן זיך באַרימט. איז געוואָרן אַ לויפֿעניש. ווער עס איז געלאָפֿן רופֿן די זעלבסטשוץ, ווער עס איז געלאָפֿן זוכן די פּאָליצײַ, ווער עס איז סתם געלאָפֿן. אויף דעם טומל קומט עס אָן פֿעטער לאַזער, וואָס איז שוין געגאַנגען פֿון דער בעקערײַ און געטראָגן אונטער דער פּאָלע זײַן גרויסן לאַבן ברויט. דערזען אַז עס איז סכנות־נפֿשות, און נישט האָבנדיק אונטערן האַנט קיין אַנדער געווער — האָט ער אָנגעגריפֿן די קאַצאַפּעס מיטן ברויט, אָבער מיט אַזאַ מוט און ווּט, און מיט אַזאַ גבורה געגומען שלאָגן גלײַך אין פּנים אַרײַן, אַז די קאַצאַפּעס האָבן זיך ממש פֿאַרלוירן. נישט קיין קלײנע ראָל האָט דערבײַ געשפּילט דער „שפּרוך": „יאַ קאַזאַק, קאַזאַצקי סין". פֿעטער לאַזער האָט די קאַצאַפּעס גאַנץ פֿיין צעדמט און צוגעהאַלטן, ביז די פּאָליצײַ איז אָנגעקומען און זיי אַרעסטירט.

עס פֿאַרשטייט זיך אַז דעם ברויט האָט מען שוין מער נישט געקענט

עסן. פעטער לאָזער איז אַוועק צוריק אין בעקעריי, געקויפט אַן אַנדער ברויט און געאײַלט אין חדר אַרײַן, ער זאָל ח״ו נישט פאַלשעווען מיטן לערנען. אַ גאַנצן טאָג האָט אים געטאַטשעט דער געדאַנק: געפּטרט אַ גילדן! טאַקע אויף צו פאַרטײדיקן ייִדן, טאַקע אַ גרויסע מצווה, אָבער, פאָרט אַ גילדן! אַן עבירה!

אין אָוונט איז ער אַוועק צו דער זיצונג פון דער „סאַמאָאַבאָראָנאַ״. דאָרט האָט מען אים אויפגענומען מיט אַ הוראַ, ווי אַ גאַנצן העלד. דער פאָר־זיצער פון דער „סאַמאָאַבאָראָנאַ״, ירחמיאלקע, האָט זיך מיט אים אַרומגע־כאַפּט און צעקושט. אָבער ווען פעטער לאָזער האָט אָנגעהויבן מאָנען זײַן גילדן, האָט מען געמיינט אַז ער טרײַבט שפּאַס.

פעטער לאָזער האָט עס אָבער געמיינט גאָר ערנסט. גבורה איז טאַקע גבורה, אָבער אַ גילדן איז אַ גילדן! זײַנע טענות זענען געווען: „איך בין על פּי דין מחויב אײַנצושטעלן דאָס לעבן אויף צו פאַרטײדיקן אַ ייִדן, אַדער ייִדישן כבוד, אָבער אָט קויפט איר דאָך געווער, רעוואָלווערן, קוילן וכו׳, גיט איר דאָך אויס געלט. מיט וואָס איז מײַן ברויט ערגער? עס איז דאָך געווען מײַן געווער״...

חברה האָט זיך אָבער פאַרעקשנט און דעם גילדן נישט געוואָלט באַ־צאָלן — אָנלערנען אַ ייִדן אַ ליטוואַק, ער זאָל נישט מאַכן קיין ווערן פון אַ גילדן... בלית־ברירה, האָט זיך פעטער לאָזער געזעגנט, חברלעך געגעבן ירח־מיאלקען די האַנט, אָבער אַרויסלאָזן זי צוריק איז שוין גאָר געווען עפּעס אַנדערש... פרי׳ער וועט ער קרי׳גן זײַן גילדן... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ראַנג־לעניש. קיינער האָט זיך נישט געטאָרט אַרײַנמישן. צוויי גיבורי־ישראל פאַר־מעסטן זיך מיט כוחות, דאַרף מען שטיין מן הצד און מיט דרך־ארץ. מען איז דאָך ייִדן...

הכלל, פעטער לאָזער האָט צוריק געקראָגן זײַן גילדן און ירחמיאלקע איז אַראָפּ פון זײַן גדולה. פאַראַן שטאַרקערע פון אים. געווען אין געגנט שטאַרקערע פון זיי ביידן...

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט פעטער לאָזער פאַרלאָזט זײַן משפּחה, זײַן ווײַב און קינדער און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. באַזעצט זיך אין ירו־שלים, אין מאה־שערים. נישט געלעבט פון חלוקה, נאָר פאַרדינט זײַן ברויט פון פיזישער אַרבעט, געווען אַ העקער אין אַ יאַטקע. פון זײַנע בריוו פון דאָרט, וואָס בן־ציון האָט געלייענט, איז געווען צו זען, אַז ער איז איבער־צייגט אין אַ נאָענטער גאולה. „דער שטערן פון ישראל וועט גאָר גיך אויפ־גיין״. אויף בן־ציונס פראַגע: נו, און די אַראַבער? — האָט פעטער לאָזער געענטפערט מיט אַ ירגזון: שוטה שבעולם! כ׳הער די טריט פון משיחן און

מ. שענדערײ

דו פלוידערסט װעגן אַראַבער! זײ װעלן קעגן אונדז גאָרנישט קענען אויפֿ־טאָן! פעטער לאָזער איז געשטאָרבן אין עיר־הקודש, פון אונטער אַ מצבה אויפֿן הר־הזיתים װאַרט ער אויף משיחן; אפשר האָט ער אין 1948 דערהערט זײַנע ערשטע טריט...

קאַפּיטל 18

נאָכאַמאָל ישיבה

— איז וואָס־זשע וועט פאַרט זיין דער תכלית. ער איז דאָך שוין באַלד אַ בר־מצווה בחור און גייט אַרום שלינג און שלאַנג. אמת, תנ״ך קען ער שוין, און גמרא לערנט ער דאָך אַביסל, אָבער תכלית? וואָס וועט זיין דער תכלית? אָפּגעבן פאַר אַ „פּריקאַזטשיק״ (אָנגעשטעלטן), וועט ער דאָך פריִער־שפּע־טער מוזן אָנקומען צו חילול־שבת, און דאָס איז דאָך כמעט ווי געשמדט... שיקן אין אַ שקאָלע — איז ווידער אַמאָל חילול־שבת. נאָך דער בר־מצווה וועט מען שוין לאָזן ער זאָל לערנען אַביסל „רוס״, אָבער איז עס אַ תכלית? אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן עפּעס אַ תכלית!

אין מיטן פון אָט די טראַכטענישן איז אָנגעקומען דעם טאַטנס אַ גע־וועזענער תלמיד פון אַ נאָענטער קאָלאָניע, וואָס האָט שוין געלערנט אין אַ ישיבה אין אַ גרויסער נישט גאָר ווייטער שטאָט. און ער האָט אָנגעהויבן צו־רעדן, אַז מען זאָל בן־ציונען מיטשיקן מיט אים אין דער ישיבה, ווו ער וועט ווערן אי״ה אַ לייט. די ישיבה איז שוין אַביסל אַ היינטוועלטיקע. באַלעבאַ־טים, וואָס ווילן נישט האָבן קיין ישיבה־בחור ביי זייער טיש, קויפן זיך אויס מיט צען קאָפּיקעס אַ טאָג, און אין דער ביליקער קיך, וואָס געפינט זיך אויפן הויף פון דער ישיבה, קען מען פאַר צען קאָפּיקעס דורכקומען אַ טאָג, אַפילו שפּאָרן געלט. קוואַרטיר קען מען דערווייל האָבן אין קלויז גופא.

די מעשה מיט די צען קאָפּיקעס אַ טאָג איז בן־ציונען טיף אַריין אין קאָפּ. פון זיין פריסטער קינדהייט האָט ער געדענקט אַ מעשה, וואָס דער פאָטער פלעגט דערציילן וועגן אַ געוויסן שבת, וואָס ער האָט אַמאָל אָפּגע־פאַסט אין ווילנע, ווּהין ער איז געקומען לערנען אין ראַמיילעס קלויז, ווי אויך אויסבאַהאַלטן זיך פון פּריזיוו, וואָס איז געווען גאַנץ שווער פאַר דעם נייעם סיסטעם וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט שפּעטער איינגעפירט.

געקומען אין ווילנע איז ער אַ פרייטיק. איינגעאָרדנט זיך אין קלויז, האָט ער באַקומען אַ „פלעט״, ס׳הייסט אַ צעטעלע צו אַ באַלעבאָס, ביי וועמען ער וועט עסן שבת. פּלוצלינג, אָבער, איז אים געקומען אויפן זכרון זיין זיידע פון דער מוטערס צד — ר׳ בן־ציון,— וואָס זיין זון טראָגט טאַקע דעם נאָ־מען פון עלטער־זיידן. אָט דער בן־ציון איז געווען אַ שטיק עושר. געהאַלטן אין פאַכט אַ פּריצישן פולוואַרק, און אין אַ הונגער־יאָר האָט ער געלאָזט

באַקן ברויט פאַר פאַרבײגײער, און געמאָלן מעל וואָס ער האָט צעטײלט בחינם פאַר די אָרטיקע נצרכים. ער האָט געשפײזט אַ וועלט, און איצט וועט ער, אַן אײניקל פון יענעם פּזרן, עסן שבת אויף אַ „פּלעט״?! אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן און אַנטשלאָסענעם כאַראַקטער, האָט דער פאָטער צעריסן דעם פּלעט, האָט דעם גאַנצן שבת אָפּגעפאַסט — אַבי נישט צו זיצן בײ קײן פרעמדן טיש. בן־ציונען האָט זיך די דערצײלונג אײנגעקריצט אין מוח און האַרץ.

אין שטוב איז בכלל געווען אַ שווערער גראַנגל פאַר נישט דאַרפן, חלילה, אָנקומען צו לײטן. עסן ח״ו פון קיצבה, איז געווען פאַררעכנט פאַר ערגער פון טויט. דערצויגן אויף אַזאַ שיטה, ווי האָט בן־ציון גאָר געקענט עסן טעג? אָבער באַקומען צען קאָפּיקעס אַ טאָג, עסן פאַר געלט, מעג זײן אַפילו באַקומענע בנדבה, איז שוין אַביסל לײכטער, אַבי נישט זיצן בײ קײן פרעמדן טיש... האָט בן־ציון מסכים געווען צו פאָרן אין דער ישיבה, ווו זײנע צווײ שוואָגערס האָבן אַמאָל געלערנט.

האָט מען שנעל דורכגעפירט די הכנות. דער טאַטע האָט פאַרגרײט אַ פאַר רובל אויף הוצאות־הדרך, אויף קויפן די גמרא וואָס מען וועט לערנען, אַ היי־זאַק, אַנדערע קלײניקײטן. די מאַמעלע האָט אויספאַרריכט אײניקע פאַרלעך וועש, פאַרצירעוועט עטלעכע פאַר זאָקן. די עלטערע שוועסטער האָט אָנגעבאַקן אויפן וועג היימיש געבעקס, און דער שוואָגער האָט געגעבן אַ רע־קאָמענדאַציע־בריוול צום ראש־הישיבה, וואָס איז אַמאָל געווען זײנער אַ חבר, צוזאַמען געלערנט אין דער ישיבה.

עס איז געווען אַ טריבער האַרבסט־אָוונט, ווען בן־ציון איז מיטן עלטערן ישיבה־מאַן אַוועקגעפאָרן אין מרחקים. דער בחור האָט דווקא בן־ציונען מקרב געווען, צוגעביסן פון דער צדה־לדרך וואָס מען האָט אים מיטגעגעבן, און אַפילו „אויסמאַרקירט״ אַ פּלאַץ אויף אַ האַרטער באַנק ווו איבערצושלאָפן די נאַכט. דאָס איז שוין נישט געווען די ערשטע נסיעה בײ בן־ציונען. אַביסל האָט אונטערגעמונטערט דאָס היימישע געבעקס — איז ער געווען גאַנץ האָ־פערדיק.

נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט איז מען אָנגעקומען אויף אַ גרעסערער סטאַנציע, ווו מ׳האָט געדאַרפט בײטן דעם צוג. אויף דער סטאַנציע איז געווען אַ בור־פעט, און אַ הײסע גלאָז טײ מיט אַ שטיקל ווײסן לעקעך פון זײנע „זאַפּאַסן״, האָבן בן־ציונען ווידער דערמונטערט, כאָטש אַ ווינט האָט געשטורעמט און אַ רעגן האָט געפּליוכעט און אַלץ איז געווען פרעמד און אומהיימלעך.

אַרום צען אַזײגער אין דער פרי איז מען אָנגעקומען אויפן אָרט. פאַר־פאָרן אין דער ישיבה. בן־ציונס באַגלײטער איז אַוועקגעפאָרן אויף זײן שטעט־דיקער סטאַנציע און בן־ציון איז געבליבן אַלײן צווישן אַ כאָפּטע פרעמדע,

האַלב־אָפּגעריסענע, האַלב־הונגעריקע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן דערשמעקט אַז אין זאַק, וואָס בן־ציון האָט נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט, מוז זיך געפי־נען אַביסל היימיש עסנוואַרג, האָבן זיי אין דער האָפענונג עפּעס פון דעם בהנה צו זיין, געמאַכט אַרום דעם נייעם חבר אַ גאַנצע וואָרע.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ בהלה. צו דער קלויז איז צוגעקומען אַ לוויה. אַן אַלמנה מיט קינדערלעך האָבן געיאָמערט, אַ ייִדל מיט אַ קאַלטנוואַטער באָרד האָט אויף גיך געמאַכט אַ „מלא״, די לוויה איז אַוועק אַזוי פּלוצלינג ווי זי איז געקומען. דער אַנבליק פון טויט האָט שטאַרק צערודערט דאָס אַזוי אויך אומרויִקע געמיט פון קליינעם ישיבה־מאַן. ער האָט דערפילט אַ שוואַרצע אימה, כמעט אַ פּאַניק, כאָטש נעם און לויף אין דער וועלט אַריין.

אָבער קיין סך צייט אויף נאָכצוגעבן די געפילן איז נישט געווען. עס איז אָנגעקומען דער ראש־הישיבה און דער נייַ צוגעקומענער תלמיד האָט גע־דאַרפט גיין זיך מעלדן. דער ראש־הישיבה, דער רבי ר׳ פּיניע — ווי מען האָט אים גערופן — איז געווען אַ געפּוצטער יונגערמאַן, פיין געקליידט, מיט אַ ווייסער „מאַנישקע״ און אַ גאָלדענעם זייגער, דאָס געלע בערדל פיין פאַר־קעמט. האָט ער איבערגעלייענט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו וואָס בן־ציון האָט געבראַכט פון זיין שוואָגער, דעם גמרא־מלמד און אַמאָליקן חבר פון רבי ר׳ פּיניע. דערמאָנט זיך אין אַמאָליקע צייטן, און אַביסל מילדער אַ קוק געטאָן אויפן נייעם תלמיד. אויף דער פראַגע, וואָס ער האָט שוין געלערנט פון גמרא, האָט בן־ציון אויסגערעכנט אין אַ געוויסער צעטומלטקייט די מסכתות וואָס ער האָט שוין געלערנט, און אַפילו נישט אַלע פון זיי אינגאַנצן. אין איילעניש האָט ער פאַרגעסן צו דערמאָנען די גמרא „ביצה״.

— נו, און אַ „לייעניש״ וואָלסטו געקענט מאַכן? — האָט דער ראש־הישיבה געפרעגט.

בן־ציון האָט עניוותדיק געענטפערט: „איך ווייס נישט״.

— אַנו, פּרווו אָקאָרשט, — האָט דער רבי ר׳ פּיניע געזאָגט, און אים אונטערגעטראָגן די מסכתא „ביצה״. — אָט מאַך אַ לייעניש פון ערשטן דף. אין אַ שעה אַרום וועל איך דיך פאַרהערן.

בן־ציון האָט דערפילט, אַז די פיס ברעכן זיך אים אונטער. ער האָט דאָך בלאָ־יודעים אָפּגענאַרט דעם רבין, און ווי וועט זיין ווען יענער וועט זיך כאַפּן? מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג האָט ער קוים אַרויסגעפּיעשטשעט:

— זאָל מיר דער רבי מוחל זיין. איך האָב אין איילעניש פאַרגעסן צו דערמאָנען די מסכתא „ביצה״, וואָס איך האָב שוין געלערנט.

דער רבי ר׳ פּיניע האָט געוואָרפן אַ שטרענגן בליק און געפרעגט:

— און דו געדענקסט אַלץ וואָס דו האָסט געלערנט?

— יאָ, רבי, — האָט בן־ציון געענטפערט. — אייניקע שטעלן אָפּילו אויסנווייניק.

דער בליק פון רבי ר׳ פּיניע איז געוואָרן נאָך שטרענגער:

— אַנו, זאָג עפּעס פון דעם וואָס דו געדענקסט.

בן־ציון האָט פון זכרון ציטירט אַ פּאָר שטעלן פון דער מסכתא. דער רבי ר׳ פּיניע האָט אַרייִנגעשטעלט אַ פראַגע:

— און וואָס באַוואָרנט תוספות אויף דעם און דעם אָרט?

— קיין תוספות האָב איך נישט געלערנט, בלויז רש״י, — האָט בן־ציון געענטפערט.

— וואָס־זשע בלייבט צו טאָן מיט אים? — האָט דער רבי ר׳ פּיניע געפרעגט ווי ביי זיך אַליין, און אַרייִנגעכאַפּט די גאָמבע אין דער רעכטער האַנט.

— דו וואָלסט באמת געמעגט אַרייִן אין צווייטן טיש, אָבער אַז דו האָסט נישט געלערנט קיין תוספות... נו, מילא, וועסטו דערווייל זיצן אין דריטן טיש, און אַז דער רבי ר׳ ברוך וועט אי״ה קומען צוריק פון קיִעוו, וווהין ער איז געפאָרן צו מאַנדעלשטאַמען וועגן זיינע אויגן, וועלן מיר האָבן אַ ישוב־הדעת וואָס צו טאָן מיט דיר.

דערמיט איז דער עקזאַמען געווען פאַרענדיקט.

בן־ציון איז אַוועק עסן אין דער ביליקער קיך, וואָס ביי דער ישיבה. פאַר צוויי קאָפּיקעס האָט ער געקראָגן אַ פונט ברויט, פאַר נאָך צוויי קאָפּיקעס אַ טעלער זופּ, פאַר אַ קאָפּיקע האָט ער אין אַ דערבייאיקן קלייט געקויפט „כאַלוואַ״ און האָט געהאַט אַ מיטיק כיד המלך. פאַרנאַכט־צו איז מען מיט חברים אַרויס באַקוקן די שטאָט, נאָר פאַרגעסן אַז מען דאַרף קויפן הייפאַרן שלאָף־זאַק — האָט בן־ציון די ערשטע נאַכט געמוזט שלאָפן אויף דער האַרטער באַנק פון רבינס בית־מדרש, אָבער דאָס איז געווען די קלענסטע צרה פון די איבערלעבונגען במשך פון זיין ערשטער נאַכט אין רבינס קלויז.

קאַפּיטל 19

אַ נאַכט פון גרוילן אין רבינס קלויז

דער טאָג האָט געצאַנקט. עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו קלייבן צו מנחה און מעריב. אין קלויז האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. בן־ציון האָט זיך אַ פאַרלוירענער געדרייט צווישן די גרופּעס, געכאַפּט אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט.

דערציילט אַ ייִדי, מיט אַ פּיין געפּוצט בלאָנד בערדל און פאַרחלומטע אויגן הינטער גאָלדענעברילן, אַז היינט פרי האָט אים געטראָפן עפּעס אַ מאָדנער צופאַל — אַז עס זאָל נאָר זיין צום גוטן. ער האָט אַ טעות געהאַט אין טאָג, און מיינענדיק אַז עס איז מאָנטיק, האָט ער ביים דאַוונען ביחידות אָפּגעזאָגט דעם לאַנגן „והוא רחום". ערשט העט־שפּעטער האָט ער זיך גע־כאַפּט, אַז עס איז גאָר דינסטיק, איז אים באַפאַלן אַ פּחד, טאָמער איז עס עפּעס אַ סימן אויף שלעכטס, ר"ל? מאַכן אַזאַ טעות! ווער ווייסט וואָס עס קען באַדייטן? אַ ייִדל מיט אַ גרוי בערדל און שפּיציקע אויגעלעך האָט אים איבערגעשלאָגן: „עט, עס איז גאָרנישט! עס איז בלויז אַ סימן אַז מען טאָר נישט דאַוונען ביחידות אין שטוב. ווען דו דאַוונסט בציבור אין קלויז, וואָלט מיט דיר אַזעלכעס נישט געקענט טרעפן!"... די אַרומיקע האָבן געלאַכט פון דעם איינפאַל. אָבער דער בעל־דבר אַליין איז געבליבן טויט ערנסט. עס איז פאָרט אַ שלעכטער סימן...

נאָך מעריב איז זיך דער עולם צעגאַנגען. אין קלויז האָט מען אויסגע־לאָשן די לאָמפּן. בלויז אין עזרת־נשים, וווּ עס איז געווען די ישיבה, האָבן געברענט אַ פּאָר לאָמפּן פאַר די ישיבה־בחורים וואָס האָבן געלערנט פאַר זיך, אין דאָס ליכט האָט שוואַך באַלויכטן אויך געוויסע טיילן פון קלויז. די ייִנ־גערע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן נאָך נישט געלערנט פאַר זיך, האָבן אָפּגע־געסן זייער בידנעם אָוונט־מאָלצייט און זיך גענודיעט... דער זמן האָט זיך נאָך רעכט נישט אָנגעהויבן. חברה איז נאָך צווישן זיך נישט געווען אינגאַנצן היימיש — איז געווען לאַנגווייליק.

די קלויז איז געלעגן אין טונקל, בלויז דער נר־תמיד ביים אָרון־קודש און אַ פּאָר מאָגערע לעמפּלעך דאָ און דאָרט האָבן געוואָרפן אַ קנאַפּן שיין, אָבער גענוג אַז אויף די ווענט זאָלן זיך צעלייגן אַזעלכע אומהיימלעכע

שאַטנס, פון וועלכע עס האָט געטראָגן אַן אימה וואָס האָט געדריקט דאָס געמיט, טרויעריק געמאַכט אויף דער נשמה.

איינער פון די ייִנגלעך האָט פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל זיך דערציילן מעשיות, האָט אַ צווייטער אויסגעבעסערט אַז מען זאָל צוגיין צום אַלטן ר׳ יאַנקל, וועלכן מען איז נאָך נישט געקומען אָפּנעמען פון קלויז, און בעטן ער זאָל דערציילן אַ פּאָר מעשיות פון אַמאָל, אַמאָל.

ביי איינעם פון די פיר גראָבע זיילן וואָס האָבן איינגעשלאָסן די בימה און וואָס זענען געווען פּוסט, ווייל זיי זענען באמת געווען „הרובעס" צו באַ־הייצן די קלויז, איז געזעסן אַ הויכער, דאַרער זקן, וואָס האָט מיט פאַרשטאַר־טע אויגן געקוקט גלייך פאַר זיך אין חלל אַריין. עס איז ניכר געווען, אַז ער איז בלינד. די קינדער זענען צוגעגאַנגען, זיך אַרומגעשטעלט אַרום זקן. דער מער געוואַגטער האָט געבעטן, ר׳ יאַנקל זאָל עפּעס דערציילן, איידער מען קומט אים נעמען אַהיים.

ר׳ יאַנקל האָט זיך דווקא נישט געלאָזט בעטן. ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פון גאָר אַמאָל, אַמאָל, פון די צייטן פון כמעלניצקי, זשעליאַזניאַק און גאָנטע, ימח שמם, ווי אַזוי זיי האָבן געשאָכטן ייִדן אין סמילע און אין שפּאָלע, אין טולטשין און נעמיראָוו, אויך דאָ אין שטאָט. אַ סך ייִדישע קהי־לות פאַרטיליקט, זיך איזדיעקעוועט איבער זייערע קרבנות, זיי געפּייניקט מיט די גרויליקסטע ענויִים... איין ברירה איז געווען — שמדן זיך. אָבער ייִדן האָבן מקדש השם געווען, רופט מען זיי טאַקע די קדושים. אין יענער נאַכט האָט בן־ציון צום ערשטן מאָל געהערט די דערציילונג פון חתן־כלה, וואָס זענען פון די רוצחים געהרגעט געוואָרן אונטער דער חופּה, און שפּעטער האָט מען זיי קובר געווען, טאַקע דאָ, ביי דער קלויז, אין אַ קבר וואָס איז אַרומגענו־מען מיט אַ צוים פון אייזערנע שטאַכעטן, און ווהין ייִדן מיט אַ שווער האַרץ קומען אַמאָל מתפּלל זיין. עס איז אויך פאַראַן אַ מנהג, אַז חתן־כלה און מחותנים וואָס גייען פון אַ חופּה, זאָלן פאַרבייגיין דאָס קברל, בכדי משמח צו זיין די וואָס זענען אומגעקומען, נישט דערזעענדיק די גליקלעכע שעה פון האָבן חתונה געהאַט.

בן־ציון האָט געפילט ווי אַ סקרוך גייט איבער זיין לייב, האָט ער גע־וואָלט אַריבערפירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין, אגב האָט ער שוין גע־וואָלט וויסן אַ זאַך וואָס ער האָט ביי זיך אין שטעטל קיינמאָל נישט געזען, אַ נר־תמיד, וואָס ברענט פאַרן אָרון־קודש, טאָג ווי נאַכט. האָט ער געפרעגט דעם באַטייט ביים אַלטן ר׳ יאַנקל, און בעסער וואָלט ער שוין נישט געווען געפרעגט.

— „דאָס איז, מיין זון, אַ שמירה קעגן די מתים וואָס קומען ביינאַכט

דאַוונען אין קלויז. בייַנאַכט גייען די מתים אַרויס פון זייערע קברים. קומען אין שול דאַוונען. לייענען אין דער תורה, רופן זיך אויף צו עליות. כל־זמן דער נר־תמיד ברענט, קאָן זיי קיין מענטשלעך אויג נישט זען. טאָמער, אָבער, ווערט דער נר־תמיד פאַרלאָשן, ח״ו, שייַנען זיי אַרויס פון דער חשכות מיט אַ שוואַכן בלאָסן שייַן. און ווער עס זעט עס קאָן שטאַרבן אויפן אָרט, אוז איז, אין בעסטן פאַל, נישט מוציא שנתו. ס׳הייסט ער דערלעבט נישט ביז צום סוף יאָר... דערביי דערציילט שוין ר׳ יאַנקל אַ פּאָר מעשה שהיהס, וואָס מען ווייסט פאַר געוויס... בן־ציון פילט אַז האָר און נעגל הייבן אים אָן צו שטעכן, אָבער ער מאַכט זיך האַרץ און הערט ווייטער. צום גליק איז גאָר אייַנגיכן געקומען אַן אייניקל פון אַלטן ר׳ יאַנקל און גענומען דעם זיידן אַהיים.

מען האָט אָנגעהויבן „מאַכן נאַכט". די „אַלטגעזעסענע" זענען שוין געווען אייַנגעטיילט אין גרופּעס פון פיר, וואָס זענען געשלאָפן בשותפות. יעדער איינער האָט עפּעס אַרייַנגעלייגט אין שותפות: אַ היי־זאַק, אַ קישעלע, אַ קאָלדרע, אויסגעדרייט צווי בענק פּנים אל פּנים איז געוואָרן אַ „בעט" פאַר פיר, האָט מען זיך געלייגט צווי רעכטס, צווי לינקס און געגאַנגען שלאָפן.

בן־ציון האָט נישט באַוויזן אייַנצושליסן זיך אין קיין גרופּע, קיין היי־זאַק האָט ער נאָך אויך נישט געהאַט, איז ער געבליבן איינינקער אַליין אויף אַ האַרטער באַנק פונקט קעגנאיבער דעם ארון־קודש מיטן נר־תמיד. אייַנגע־וויקלט אין דער קאָלדרע אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן היימישן קישעלע, האָט ער אָפּגעלייענט קריאת־שמע, פאַרמאַכט די אויגן, גרייט אייַנצושלאָפן, אָבער נישט געקענט. פון דרויסן האָבן געשראָקן די שוואַרצע שאָטנס, איבע־ווייניק האָט געדריקט דער קאַלטער עלנט, דערצו אַ פּחד, וואָס טוט מען טאָ־מער דער נר־תמיד ווערט מיט אַמאָל אויסגעלאָשן און ער דערזעט די מתים?... אַ גרויל ציטערט אויף זייַן יונגן קערפּערל...

מיט אַמאָל דערהערט ער אַ מין פישטשען... זאָל עס זייַן די מתים, וואָס רעדן אַזוי צווישן זיך? דערמאָנט זיך אַ פּסוק פון תנ״ך „כאוב מארץ", ווי אַ שאָטן פון אַ מת, פון דער ערד... „המצפצפים והמהגים"... די אובות וואָס פישטשען און שמוצערן. פּלוצלינג איז עפּעס אַ בלאַסע שייַן דורכגעלאָפן אי־בערן דיל: יאָ, יאָ, ער האָט עס אַליין געזען!... זאָל אַזוי אויסזען אַ מת פון יענער וועלט? אַ בלאַסע שייַן ווי אַ לענגלעכער קיילעכל און נאָכדעם שלעפּט זיך נאָך אַ לאַנגער ווייסער צייכן, און אָט איז נאָך איינער, און נאָך איינער: יאָ, יאָ, דאָס זענען די מתים! גוואַלד! שמע ישראל! בן־ציון האָט אַליין נישט באַמערקט ווי ער האָט אָנגעהויבן שרייַען אויפן קול. אַ חבר פון אַ נאָענטער באַנק האָט זיך איבערגעוועקט:

— וואָס שרייסטו?

— זעסט? אַט דאָרטן! מתים!

— אַלע בייזע, וויסטע, פינצטערע חלומות! יאָלד, וואָס דו ביסט! דאָס זענען נישט מער ווי „שטשורעס״, וואָס האַלטן זיך דאָ אויף אין קלויז, אַזעלכע גרויסע פעטע מייז, מיט לאַנגע ווידלען... נאָ דיר גאָר מתים?! גיי שלאָפן; זעסט נישט אַז דער נר־תמיד ברענט? לייען נאָכאַמאָל קריאַת־שמע!...

איינגעגראָבן אין קישעלע, איינגעוויקלט אין אייגענעם פּחד, איז בן־ציון ווי עס איז איינגעשלאָפן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. פון ערגעץ האָט זיך געטראָגן אַ געיאָמער. אַ מענטשלעך קול האָט עפּעס גע־טענהט ווײנענדיק, הויך און שנעל, עס האָבן זיך געהערט פּעטש. וואָס זאָל דאָס זיין? בן־ציון האָט נאָכאַמאָל אויפגעוועקט די חברים. אָבער יענע האָבן זיך אויסגעלאַכט. עס איז גאָרנישט! עס איז דער משוגענער, וואָס האַלט זיך אויף אין חדר שני, אַן עלטערער, עלנטער בחור, וואָס פּראַוועט שטיק אַלע נאַכט... עס איז גאָרנישט! גיי שלאָפן!

בן־ציון האָט שוין אָבער נישט געקאָנט מער איינשלאָפן. אַ פאַרטייעטער, אַ דערשראָקענער, מיט אַלע פּחדים אין געמיט, איז ער געלעגן אויף דער האַרטער באַנק... און מורא געהאַט. די פּאָר שעה ביז פאַרטאָג האָבן זיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער אייביקייט. ער האָט געמיינט, ער ווערט משוגע: קוים מיט צרות דערלעבט טאָג.

קאַפּיטל 20

אומהיימלעכקייט אין דער פרעמד

עס איז טאָג געוואָרן. דאָס צערודערטער קינדערשע געמיט האָט זיך אָבגעהויבן איינשטילן. חברה האָבן גערודערט ביים אויפשטיין, ביים וואַשן זיך. בן־ציון האָט מיטגערודערט, שטיפן האָט ער אַלעמאָל ליב געהאַט. עולם האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן צום דאַוונען. מנין נאָך מנין. יידן פאַריאָגטע, האָט מען געדאַוונט אין גיכן. אָפּגעכאַפּט דאָס דאַוונען על רגל אחת און אַוועק אין גאַס צו דער פרנסה. ערשט שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די סטאַלע באַלעבאַטים, חסידי ואנשי מעשה, וואָס האָבן געדאַוונט בנעימות, לאַנגזאַם. געציילט ווערטער ווי מען ציילט געלט, און צוגעבאָמקעט מעשה חסידים. ישיבה־בחורים האָבן געדאַוונט מיט פאַרשידענע מנינים, מיט איינעם האָט מיטגעדאַוונט בן־ציון. איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער: דער נייער דאַוונט אָן תפילין. האָט בן־ציון געמוזט דערקלערן אַז ער איז נאָך היפּש פאַר בר־מצוה. חברה האָט אָנגענומען דעם תירוץ מיט געוויסן אומצוטרוי.

נאָכן דאַוונען און נאָכן בידנעם פרישטיק, אַ גלאָז טיי, רעטשענע קיבעלעך, האָט מען גענומען וואַרטן אויפן ראש־ישיבה, ער זאָל קומען און איינאָרדענען די כיתות. דערווייל האָט מען זיך אַרומגעדרייט איבערן קלויז און איבערן הויף, זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. מיטאַמאָל, אַ נייע יללה. אַ יידענע איז האַסטיק אַריינגעלאָפן אין קלויז, גלייך צוגעלאָפן צום אָרון־קודש, אָפּגערוקט דעם פּרוכת, אויפגעריסן דעם אָרון־קודש, אַריינגערוקט דעם קאָפּ צווישן די ספרי־תורה און צערעוועט זיך מיט אוממענטשלעכע קולות, עפּעס גערעדט, געטענהט. אָבער מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין קיין איינציק וואָרט. מיטאַמאָל האָט די יידענע אַ פאַל־געטאָן היינטערווילעכץ און געחלשט. אין קלויז איז געוואָרן אַ מהומה, מען האָט זיך געוואָרפן זי מונטערן, שפּריצן מיט וואַסער, אַרויסטראָגן אויף דער פרישער לופט; זי איז סוף־כל־סוף צו זיך געקומען און האָט דערציילט.

ביי איר ברודער אין מעל־געשעפט האָבן זיך פאַרפירט שטשורעס. האָט ער פאַרלייגט „מישיאַק״ אויף זיי אָפּצוסמען. די שטשורעס האָבן דעם „מישיאַק״ געגעסן און אים שפּעטער אויסגעבראָכן אין אַ זאַק מיט מעל וואָס איז געשטאַנען אָפן, און פון וועלכן זיי האָבן געפרעסן. דער ברודער האָט זיך קיין חשבון נישט געגעבן און האָט פון דעם מעל גענומען אַהיים אויף לאָקשן.

דאָס מאָל איז געווען מיט סם און די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך פאַרגיפטעט. עס האַלט מיט זיי שמאָל, איז זי געקומען אויפרייסן דעם אָרון־קודש, אפשר וועט זי אָפּשרייען די גזירה.

באַלד איז אונטערגעקומען אַן עלטערער ישיבה־בחור און גענומען אײַנטענהן מיט דער פרוי: נאַרישע ייִדענע וואָס איר זענט, איר וועט עפּעס אויפטאָן מיט קולות? מען וועט זיך „דאָרט״ אַוודאי דערשרעקן פאַר אײַך... דאָרט דאַרף מען גיין מיט רחמים ותחנונים. זעצט אַוועק אַ מנין ישיבה־לײַט זאָגן תהילים... דאָס קאָן יאָ האָבן אַ פּעולה. די פרוי האָט אײַנגעזען אַז דער בחור איז גערעכט, האָט זי אים טאַקע געבעטן גלײַך צונויפשטעלן אַ מנין, זאָגן די געהעריקע קאַפּיטלעך תהילים, און זאָל פון דאַנען קומען די ישועה. זי האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר רובל דעם בחור אין די הענט און איז אַרויס פון קלויז ווי אַן אונטערגעשאָסענע. ווער ווייסט וואָס דאָרט טוט זיך...

גיך האָט דער בחור צונויפגעקלאַפּט אַ מנין, באַשטימט אַ פאַרזאָגער און געהייסן זאָגן; בן־ציון איז אַרײַן אין מנין. ער האָט אַפילו געוואָרנט אַז ער איז נאָך נישט בר־מצוה, אָבער דער בחור האָט געדרונגען, אַז, אדרבא, עס איז נאָך אַ גרויסער זכות, ער האָט דאָך נאָך אויף זיך נישט קיין איין עבירה... ביז דער רב ר׳ פּיניע איז געקומען האָט מען געזאָגט געשמאַק תהילים דער בחור האָט פון דערווייטנס אַכטונג געגעבן מען זאָל נישט פאַלשעווען. נאָכהער כשר צערעכנט זיך, מיט די תהילים־זאָגער, יעדן איינעם אַ צוואַנציקער, אָדער בן־ציונען האָט ער נאָר געגעבן אַ צענער: דו ביסט דאָך נאָך נישט בר־מצוה... די רעשט געלט האָט ער זיך גענומען פאַר שכר־טירחה...

סוף־כל־סוף האָט דער ראש־ישיבה אײַנגעאָרדנט די „טישן״. ביז דער רבי רב ברוך וועט צוריקקומען וועט מיט דעם דריטן טיש אין וועלכן בן־ציון איז אַרײַן, לערנען אַ בחור פון ערשטן טיש, וואָס איז געווען אַ וויל־לערנער און האָט זיך געשניטן אויף אַ רב. עס קען גרייִלעך זײַן אַז דער בחור האָט געקאָנט גמרא, ער האָט אָבער קיין אַנונג נישט געהאַט ווי מען לערנט מיט יענעם, מיט קינדער. האָט ער זיך צעשאָקלט איבער דער ערשטער משנה פון בבא־קמא, „ארבעה אבות נזיקין״. פאַרטײַטשט אַן דערקלערן, און געהייסן חברה אײַנחזרן די משנה. גראָד איז עס געווען אַ פּרק וואָס בן־ציון האָט שוין געהאַט געלערנט און גוט געוווּסט, און ווען דער בחור האָט ווייטער „געקלאַפּט״ די גמרא, אָן קיין שום הסבר, איז בן־ציונען נמאס געוואָרן די שפּיל. דערצו איז אים שווער געווען אויפצוכאַפּן די אויסשפּראַך פון בחור, האָט ער גענומען אין אַלגעמיינעם געדודער נאָכמאַכן דעם בחור, ווי ער רעדט, ווי ער שאָקלט זיך. יענער האָט עס אָבער דערפילט, און האָט אײַנגעטיילט בן־ציונען אַ פלאַם־פײַערדיקן פּאַטש. בן־ציון וואָס איז געווען געוווינט צו גע־

שלעגן מיט די שקצימלעך פון זיין געסל, איז נישט געבליבן שולדיק. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ געשלעג וואָס מען האָט קוים איינגעשטילט. דער בחור איז געווען פיל שטאַרקער פון בן־ציונען, אַזוי אַז דער „נייער" איז אַרויס אַ באַזיגטער און טאַקע אויך גוט צעקלאַפּט.

דאָס לערנען איז זיך געגאַנגען ווייטער אויפן זעלביקן דרך. בן־ציון איז געזעסן אַ פאַראומערטער, אַ צעשלאָגענער, אַ צערייצטער. ער האָט זיך בלויז געשאָקלט, כלומרשט געמאַכט מיט די ליפּן, נישט אַרויסגעלאָזט קיין איין וואָרט פון מויל, אין אַלגעמיינעם האַרמידער, האָט מען עס נישט באַמערקט. אויסגעטאָן פון לערנען האָט ער געקאָנט באַמערקן ווי הינטערן טיש גייט אָן אַ שאַרפער טויש־מסחר פון פּאַפּיראָסן אויף צוקערקעס אָדער קיכעלעך. צווישן די תלמידים זענען געווען עטלעכע שוין היפּש דערוואַקסענע בחורים, בן־ציון איז געווען דער קלענסטער הן אין יאָרן, הן אין וווקס, און ער האָט זיך מיט־אַמאָל דערפילט אַזוי פרעמד, אַזוי אומהיימלעך, אַז אין קאָפּ האָט געגומען רופן אַ געדאַנק, אַהיים, וואָס פריִער אַוועק פון דאַנען! אַזוי האָט ער קוים דערצויגן ביז מיטאָג.

אויף מיטאָג האָט בן־ציון באַקומען אַ צעטל צו אַ ייִדן, ער זאָל אים געבן אָדער אַ טאָג עסן, אָדער צען קאָפּיקעס אויף דורכצושפּייזן זיך דעם טאָג. אַ חברל האָט זיך אונטערגענומען צוצופירן אים לויטן אַדרעס, וואָס בן־ציון האָט נאָך נישט געקאָנט לייענען. די שטוב איז געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכע, דעם ישיבה־בחור האָט מען געגעבן גוט אָפּצועסן, אָבער נישט מיט די בני־בית, נאָר אין קיך... איז אים יעדער ביסן געבליבן שטיין אין האַלדז. ער האָט אים ווי עס איז אַראָפּגעשלונגען, באַנעצט מיט טרערן. דער באַשלוס צו אַנטלויפן צוריק אַהיים איז געוואָרן נאָך פעסטער. דערווייל האָט ער באַ־שלאָסן נישט קויפן קיין היי פאַר זיין שטרויזאַק, זיך שפּייזן בצמצום פון די פאַר בידנע גראָשנס וואָס ער האָט נאָך געהאַט, און איינשטעלן נאָך איין טאָג אין דער ישיבה, מער ווי איין טאָג האָט ער נישט געהאַט, ווייל עס איז געווען מיטוואָך אויף דער וועלט און אויב ער פאָרט נישט אַרויס דאָנערשטיק ביי־נאַכט, וועט ער מוזן בלייבן איבער שבת, וועט ער זען ווי דער מאָרגן וועט ווייזן.

דאָנערשטיק האָט ער דווקא געקראָגן אַ צעטל צו אַן איינבינדער, אַ ייִד אַ בעל־פּרנסה. נאָר ווייט פון אַ נגיד, יענער האָט אים מיט אַ פיינעם שמייכל אונטערגעטראָגן די צען קאָפּיקעס, און בן־ציון האָט ווידער געקאָנט עסן צו זאַט און „מעשה מענטש" אין דער ביליקער קיך וואָס אויפן הויף פון קלויז. זיין געמיט איז שוין אָבער געווען געבראָכן, זיין זעלבסטווירדע שטאַרק אָנגע־גריפן, ער האָט שוין געמוזט אַוועק, ער האָט געפילט אַז ער וועט דאָרט נישט

אויסהאַלטן. האָבן חברימלעך צוגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע, דאָרטן האָט מען געפונען אַן עלטערן ייִד וואָס זאָל פאַר בן־ציונען אַרויסנעמען אַ האַלבן בילעט, וואָס זיין וווקס און אויסזען האָבן פולקאָם באַרעכטיקט, זאָל אים העלפן בייטן דעם צוג אויף דער קנופּן־סטאַנציע און אַריינזעצן אים אין צוג וואָס פאָרט גלייך צו דער סטאַנציע פון זיין שטעטל. קיין געלט אויף דער גאַנצער נסיעה האָט נישט געקלעקט, האָט מען אַרויסגענומען דעם בילעט ביז וואַנעט עס איז געווען געלט, און די לעצטע עטלעכע סטאַנציעס איז בן־ציון אָפּגעפאָרן אונטערן באַנק. נאָר פרייטיק גאַנץ פרי איז ער שוין געווען צוריק אויף דער סטאַנציע ביי זיין שטעטל, פון וואַנעט משה־דוד באַלעגאָלע האָט אים אָפּגעפירט אין שטעטל אַריין.

פאַרפאָרן אַהיים האָט ער מורא געהאַט פאַרן שטרענגן פאָטער. איז ער אַוועק צו זיין עלטסטער שוועסטער. דאָרט האָט מען אים אַוודאי פיין אויסגעמוסרט, אָבער דאָך אָפּגעפירט אַהיים און אַזוי לאַנג איינגעטענהט מיטן פאָטער, ביז יענער האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט: „פאַרפאַלן, פון אים וועט שוין קיין לייט נישט זיין!"...

זיצנדיק ביים אָרעמען שבתדיקן טיש אין דער אָרעמער שטיבעלע פון טאַטע־מאַמע, האָט בן־ציון געפילט אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן זיי. אָבער ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט; דאָס ישיבה־לעבן איז נישט געווען פאַר אים. זיין פאָטער האָט אים צו דעם צוגעגרייט, די מעשה מיט דעם „פלעט" אין ווילנע איז אים קיינמאָל פון קאָפּ נישט אַרויס: איז אויס ישיבה־מאַן!...

קאַפּיטל 21

אין פֿריִע פֿאַרטאָגן

בן־ציון איז ווידער געבליבן אַ היימישער און די פֿראַגע „וואָס וועט זיין פֿון אים דער תּכלית" האָט ווידער גענומען עגבערן די מוחות פֿון טאַטע־מאַמע. אַ געראָטן בחורל, אָבער ער וויל נישט זיין קיין לייט. וואָס טוט מען מיט אים?

צופֿעליק האָט זיך געמאַכט אַ צייטווייליקע און דערווייליקע לייזונג. אין שכנות האָט געוווינט דער נישט איבעריק רייכער געהילץ־סוחר מענדל, אַ ייִד אַן אויפֿריכטיק־פֿרומער, וועלכער האָט באַגערט צו לערנען. אין זיין הויז איז געווען אַ מנין, וווּ ייִדן פֿון „קוטאַק" (ווינקל) האָבן געדאַוונט אַלע פֿריי־מאָרגן, שבתים און ימים־טובים. ווען מענדלס עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך אַביסל פֿאַרבעסערט, האָט ער זיך פֿאַרגינען אַ „לוקסוס", צו וועלכן ער האָט שוין פֿון לאַנג געהאַט געשטרעבט: נעמען אַ מלמד, וואָס זאָל מיט אים אין די פֿאַרטאָגן, פֿאַרן דאַווענען, לערנען גמרא. בן־ציונס טאַטע איז געווען דער מלמד. האָט מען שוין געקאָנט דעם „בחורעץ" צוזעצן צום טיש, זיך צוהערן און אַריינקוקן אין דער גמרא. ווידעראַמאָל אַזאַ מין פֿרייער צוהערער. אַי וואָס, ער וועט דאַרפֿן אויפֿשטיין אין די וואָכנטיק פֿאַרטאָג, איז נישט קיין בייז: דער גוטער יאָר וועט אים נישט נעמען. זאָל ער האָבן עפּעס אַ שטיקל טועכץ.

און עס איז אַוועק אַ מזמור: ווינטער אין די פֿרעסט, אָסיען אין די רעגנס, פֿרילינג און זומער אין די שמעקנדיקע פֿרימאָרגנס, ווען אַלץ האָט גערופֿן אין דער ווייט, אין פֿעלד אַריין, ווען די בליטן פֿון די אַקאַציעס און פֿון אַנ־דערעביימער פֿלעגן ממש פֿאַרשיכורן, ביי יעדן וועטער און ביי יעדער שטי־מונג, האָט בן־ציון זיך געדאַרפֿט פֿעדערן פֿאַרטאָג אָדער באַגינען, בכדי מיט־צולערנען דעם שיעור גמרא.

מען דאַרף מודה זיין, אַז דער ענין האָט בן־ציונען דווקא געלאָקט. מיט־אַמאָל איז ער געוואָרן אַ דערוואַקסענער, קומט צווישן גרויסע, אַ חבר מיטן האַלבן גביר ר' מענדל און אַ תּלמיד חבר מיטן טאַטן אַליין. עס איז אַ שטיקל דערגרייכונג. דאָס גיין צום שיעור, ווען די גאַנצע וועלט איז נאָך געלעגן פֿאַרזונקען אין שלאָף, האָט אויך עפּעס די ווערט. שטיל איז אַרום און אַרום. בלויז אַ ווינטל טוט פֿון צייט צו צייט אַ שושקע אָדער אַ רודער צווישן די

ביימער און געוויקסן. עס דוכט זיך, אַז „גאָט אַליין שלאָפט נאָך", ווי ייִדן פלעגן זאָגן. אָבער בן־ציון איז שוין וואַך און ער לערנט תורה.

דאָס לערנען אַליין איז אויך פאָרגעקומען אין אַ געמיטלעכער סביבה. אויפן טיש ברומט דער סאַמאָוואַר. די דריי גלעזער שטאַרקע טיי פינקלען אונטער דער שיין פון באַלעבאַטישן בליצלאָמפּ. דער אמר רבא אָדער אמר אביי ווערן אַרויסגערעדט געדעמפט, בכדי נישט אויפצוועקן די בני־בית, וואָס האַלטן נאָך אין סאַמע רעכטן שלאָף, און עס דאַכט זיך, אַז אויך דער סאַמאָוואַר לערנט־מיט, העלפט מיט זיין זשום־זשום ציִען דעם גמרא־ניגון...

געלערנט האָט מען נישט טיף; בלויז גמרא מיט פירוש רש"י; ווען נישט־ווען אַ לייכט תוספֿל. אַ פּאָר שעה לערנען יעדן טאָג האָט דערלויבט איינצושפּרייזן היפּש דפים פון תלמוד; עס איז געווען אַ מין „ספי ליה כתורא" — טרינק אים אָן ווי אַן אָקס. עס איז געווען אינטערעסאַנט: דער מוח האָט לייכט באַנומען די ענינים; דער פֿאָטער איז געווען אַ פיינער בעל־הסבר און די שטיקלעך אגדתא, וואָס פלעגן זיך טרעפן אויפן וועג, האָבן דערמונטערט דאָס געמיט, געוועקט מחשבות און געפילן און גענייגט צו פאַרטראַכטן זיך. אויב בן־ציון איז געראָטעוועט געוואָרן פון עם־הארצות, האָט ער עס פיל צו פאַרדאַנקען יענע פּאַרטאַגיקע שיעורים.

נאָכן לערנען פלעגט מען דאַווענען במנין, און נאָכן באַשיידענעם פריִשטיק פלעגט זיך אַוועקשטעלן אַ פּוסטער טאָג פון „שלאָגן ביידאַקעס", ווי מען פלעגט רופן אין יענע מקומות דאָס אַרומגיין ליידיק. וואָס טוט מען אַ גאַנצן קיילעכדיקן טאָג?

אַ צווייטער צופאַל האָט אויך צו דער האַרבער פראַגע געפונען אַ לייזונג ווען אַפילו מען האָט צוליב דעם געדאַרפט אָנשפּאַרן אין צווייטן ברעג פון שטעטל, העט־ווייט אויף דעם דאָרף. דאָרט האָט געוווינט דעם פֿאָטערס אַ ידיד, ר' בנימין, אַ ייִד אַ למדן מיט אַ פיינעם הדרת־פּנים און מיט אַ בריה אַ ווייב, וואָס איז געווען די פרנסה־געבערין. אָפּגעגעבן האָט מען זיך מיט גאָרנישט קיין ייִדישע מלאכות. אַ מאַשין צו קעמען וואָל, אַן איינריכטונג צו פאַרבן פאָדים. דערצו האָט מען געדונגען סעדער, אויף רייסן פרוכט, טייכלעך און אָזיערעס צו פאַנגען פיש. עס איז געווען אַ לעבן פון שווערער פראַצע אָבער פון גענוג פרנסה.

דאָס תכשיטל, מיט וועמען אַלע האָבן זיך געצאַצקעט, איז געווען דער מוזיקל הערשעלע, אַ בחורל אין איינע יאָרן מיט בן־ציונען, אַ שוואַרצער ווי אַ קאָטער, אָבער מיט אַ זייער שאַרפן קאָפּ. ער האָט געלערנט גמרא מיטן פאָטער און האָט שוין אָנגעהויבן לערנען „רוס", אַ שפּראַך, וואָס ער האָט שוין אַביסל געכאַפּט ביי די גויים, וואָס פלעגן זיך צונויפפאָרן ווען

פאַרשידענע ענינים און צו וועלכע מ׳האָט זיך בן־ציונען אַפילו נישט געלאָזט צורירן, ער זאָל ח״ו נישט ווערן אַ גוי גמור... צווישן בן־ציונען און הערשע־לען איז געווען אַן אהבת־נפש, וואָס די ווייטקייט האָט נישט געשטערט. נאָר, אדרבא, פאַרגרעסערט; גיין פון איינעם צום צווייטן איז געווען אַ מין לאַנגער שפּאַציר, וואָס ביידע ווייסע חברהניקעס האָבן נישט פיינט געהאַט.

מיט אַ פּאָר יאָר פריִער איז ר׳ בנימין „אַוועקגעגאַנגען" קיין לאָנדאָן מיט אַ היפּשן טראַנספּאָרט אייער און איז דאָרט ווי אין וואַסער אַריין. „בי סלוכו, ני דוכו", ווי מען פלעגט זאָגן אויף אוקראַיִניש. האָט שטעטל געהאַט פון וואָס צו רעדן. קודם־כל האָט מען געהאַלטן, אַז כּפי די פּרוּוו איז ביי ר׳ בנימינען געווען די צווייטע און זייער נישט קיין שיינע, טאָקע אַ היפּש מיאוסע, האָט ער מסתּמא דאָרט געפונען אַ שענערע. אַנדערע האָבן געדרונ־גען, אַז ר׳ בנימין, וואָס איז ביי זיין גאַנצער פרומקייט געווען פאַראינטע־רעסירט אין חקירה, איז אין לאָנדאָן אַריינגעפאַלן צו די מיסיאָנערן. און געווען ווער ס׳איז געווען גרייט צו שווערן ביי באָרד און פיאות, אַז ר׳ בנימין איז דאָרט אַליין געוואָרן אַ מיסיאָנער... הכלל, שטעטל האָט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. ביז, אין אַ שיינעם טאָג, איז ר׳ בנימין צוריקגעקומען, אַ פיין־געקליידעטער, מיט אַ מין רבנישן קאַפּעליוש און מיט אַ היפּשער פּויטיקע געלט. פאַר וואָס האָט ער די גאַנצע צייט נישט געשריבן? איז די מעשה פּשוט: ער האָט צו דעם טראַנספּאָרט אייער דערלייגט אַ סך געלט. האָט ער געטאָן אַ נדר אַז ביז ער וועט דאָס געלט נישט אָפּפאַרדינען צוריק, וועט ער דער פאַמיליע נישט שרייבן. נישטאָ און שוין. האָט ער זיך היפּש געפּלאָגט, גע־האָרפּן זיך פון איינס צום צווייטן, ביז ער האָט מצליח געווען און זיך געקאָנט אומקערן אַהיים מיט רווח אַנשטאָט הזיק.

איז געווען אַ שמחה אין שטעטל, אַ פריילעכער שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער מער פון אַלעמען האָבן זיך געפרייט די צוויי חברים — הערשעלע און בן־ציון, ווייל הערשעלע האָט זיין חבר פאַרטרויט אַ זיסן סוד: ר׳ בנימין האָט חוץ געלט און קליידער מיטגעבראַכט אַ ראַמש העברעיִשע ביכער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור: יל״ג, מאַפּו, סמאָלענסקין, אד״ם און נאָך און נאָך, אין לשער.

ווי דורשטיקע אויף אַ פרישן קוואַל וואַסער האָבן זיך ביידע חברים אַרויפגעוואָרפן אויף די ניי־מאָדישע ספרים, געלייענט און איבערגעלייענט. ווען מען האָט געקאָנט, האָט מען געלייענט צוזאַמען, ווען נישט האָט מען געלייענט יעדער באַזונדער און נאָכהער צוזאַמען קאָמענטירט און זיך מתווכח געווען.

זענען בן־ציונס טעג מיטאָמאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט אינהאַלט. האָט

מען געשפּאָנט איבער די פּעלדער פון יהודה אין „אהבת־ציון" און איבער די שטעט פון ישראל אין „אשמת שומרון". אַביסל האָט מען שוין וועגן דעם אַלעמען געהאַט אַ באַגריף פון תנ"ך. מיט סמאָלענסקין האָט מען „געבלאָנ־דזשעט איבער די וועגן פון לעבן", געערגערט זיך פאַר „קבורת חמור"; מיט יל"גן געטרויערט אויפן גורל פון יידישע טעכטער, געשטעקט מיט שמעון בר גיורא „צווישן די ציין פון לייבן". הכלל, געקערט וועלטן. דורך „יוסי־פון", „שבט יהודה", „שארית ישראל", „עמק הארזים", זיך באַקענט מיט יידי־שע צרות אין פאַרשידענע צייטן. דערצו האָט מען נאָך געפּאַקט אַביסל יידישע ביכער, אַ בראָשור וועגן קאַפּיטאַן דרייפוס און זיין פּראָצעס, „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" פון י. דינעזאָן, איבערזעצונגען פון זשול ווערן דורך א. טענענבוים אאַז"וו, הכלל מען האָט זיך געלאָזט ווילגיין.

געלייענט האָט מען אָן טאָלק, אָן סיסטעם, אַלץ, וואָס איז געקומען צו דער האַנט. נישט געהאַט, ווער ס'זאָל מדריך זיין, ווער ס'זאָל ווייזן אַ וועג, מסביר זיין דעם טיפערן זין פונעם פשוט געלייענטן, וואָס מ'וויל דערמיט זאָגן. האָט מען זיך ווי עס איז מיט אייגענע, שוואַכע כוחות צו עפּעס דער־טראַכט.

טאַטע־מאַמע האָבן געוווסט אַז בן־ציון איז פאַרטאָן אין טריפה ופסול, אָבער מען האָט געמאַכט אַ שווייג. אַבי זיין פאַרנומען. אגב, איז עס דאָך אַלץ אייגנס: לשון־קודש, יידיש. טאַקע נישט גוט, וואָס השכלה, „אָבער באַ־היט גאָט פון ערגער".

העכער אַ יאָר האָט געדויערט דאָס „שכרות". גמרא פאַרטאָג, השכלה בייטאָג און ביינאַכט. ביידע צוזאַמען האָבן געלייגט זייער חותם אויף בן־ציונס געדאַנקענגאַנג.

קאפיטל 22

בר־מצוה

דערווייל צווישן יאָ און ניין, איז אונטערגעקומען די בר־מצוה. און ווען בן־ציון האָט מיט אַ חודש פאַר דער בר־מצוה אָנגעהויבן לערנען זיך לייגן תפילין, האָט די מאַמע זיינע אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער סעודה, אדער, לכל־הפחות קידוש, וואָס מען דאַרף פראַווען ביי אַזאַ געלעגנהייט. אין די שמועסן וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געפירט אין אַלקיר אין די שבת־פרימאָרגנס, ווען מען קאָן זיך פאַרגינען ליגן נאָך אַ פאָר מינוט אין בעט, האָט דער ענין בר־מצוה אַרויסגערופן היפשע וויכוחים.

גראָד האָט זיך דער פאָטער געפונען אין איינעם פון זיינע „רעוואָלט“־אויסברוכן, און די „פּאָלאָזשעניע“, ווי ייִדן אין יענע געגנטן פלעגן רופן די עקאָנאָמישע לאַגע, איז געווען נישט נאָר שווער, נאָר אויך היפש טונקל. מען האָט נישט געוווּסט ווי וועט זיין מיט פּרנסה אויף להבא, ווייל דער פאָטער האָט אין איינעם פון זיינע אויפברויזן קעגן דעם שווערן מצב און נידעריקער מדרגה פון דעם מלמד, געוואָרפן די ביטערע פּרנסה און איז געבליבן אָן אַ קנעלונג צום נייעם זמן.

דער ליטווישער מלמד איז געווען דאָס וואָס מען רופט אַ כאַראַקטער. אַ ייִד אַ פּקח, אַ היפשער למדן און אַ תקיף־בדעה, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די הכנעה אין וועלכער אַ מלמד האָט געלעבט אין יענע „גוטע“ צייטן ביי ייִדן, אַפילו אין זאַטן דרום־רוסלאַנד. די לאַגע פון מלמד איז בכלל נישט געווען קיין סטאַבילע; מער ווי אַ פאָר זמנים אויף איין אָרט האָט זיך כמעט קיינער נישט געהאַלטן. מען האָט געוואַנדערט פון איין שטעטל אין צווייטן. דער ליטווישער מלמד איז אָבער געווען אַן איינגעפונדעוועטער אויף איין אָרט. ער האָט אַפילו געהאַט אַן אייגענע דירה. רירן זיך פון שטעטל האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט.

ווי אַזוי אַן אָרעמער מלמד, אַ מטופל מיט אַ היפשער פאַמיליע, קיין עין־הרע, קומט צו אַן אייגענער דירה, איז כדאי צו דערציילן.

דאָס שטעטל איז געווען צוגערעכנט צו די דאָרפישע געביטן ווו ייִדן האָבן קיין אומבאַוועגלעך אייגנטום נישט געטאָרט האָבן. האָט אַ ייִד געקויפט אַ דירהלע, האָט עס געהייסן אַז ער קויפט בלויז די מאַטעריאַלן: „נאַ סלאָם אי נאַ סנאָס“ — אויף צונעמען און אַראָפּטראָגן, ווייל די „הייליקע“ רוסישע

ערד האָט נישט געטאָרט געהערן צו קיין ייִדן. דאָס האָט פאַרשטייט זיך נישט געשטערט אַז דער „נאַ סלאָם אי נאַ סנאָס" זאָל אָפּגעלייגט ווערן ביז משיח וועט קומען און דערווייל האָבן ייִדן גאָר צוגעבויט, פאַרגרעסערט און פאַר־שענערט זייערע „צייטווייליקע" דירות, אַ סך פון וועלכע זענען גראָד געווען די שענסטע פון שטעטל. אַזוי האָט זיך עס געפירט בימי הצאַר.

אָבער ווי קומט סתם אַן אָרעמער מלמד צו אַן אייגענער דירה? איז דער תירוץ — אַ ליטוואַק, שפּאָרזאַמקייט, האָרעוואַניע, אויסגערעכנטקייט. האָט זיך גראָד געמאַכט צו קויפן אַ שטיבעלע ד׳ על ד׳ מיט אַ קליין קיכעלע. דאָס שטיבעלע איז געשטאַנען אין אַ קליין הייפעלע, וואָס האָט פאַרשפּאַרט אַ שמאָלן ליקל, דורך וועלכן אַ וואָגן האָט קוים געקענט דורכפאָרן. אויסקערעווען דעם וואָגן אויפן קליינעם הייפעלע, בכדי צו קאָנען אַרויספאָרן צוריק, איז געווען אַן אמתער קונץ. געקאָסט האָט דאָס „אייגנטום" ק״ן קערבלעך (150), אַ פּופּציקער במזומן און די רעשט אויף אויסצאָלן אין קליינע ראַטעס, אָבער אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ האָט דער מלמד געקראָגן.

ווי־זשע קאָן אַ געזינד זאַלבע־אַכט לעבן אין איין נישט־איבעריק גרויסן צימער? איז אויך דאָ געקומען צו הילף די ליטווישע שפּאָרזאַמקייט און גרייט־קייט צו פּראַצע. מען האָט זיך גלייך גענומען צובויען אַ צווייטן צימער, אַליין געקנאָטן „וואַלקעס", אַליין געשטעלט די ווענט, דאָס נייטיקע ביסל געהילץ אויף אַ דאַך, טיר, פענצטער, האָט מען געקראָגן אויף באָרג ביי ידידים האָלצ־הענדלער, און ביסלעכווייז איז אויסגעוואַקסן אַ שטוב מיט עטלעכע צימערן. נישט קיין געהויבענע, אָבער גאַנץ באַקוועמע.

איז אויפגעקומען אַ נייע פּראָבלעם. וואָס די דירה איז געוואָרן גרעסער, איז דאָס הייפעלע געוואָרן קלענער, און מען האָט דאַך פאָרט געדאַרפט האָבן אַ שטיקל פריי פּלאַץ אויף אָראָפּצולייגן אַ פּאָר וועגן שטרוי אויף הייצונג, אויסדרייען זיך מיט אַ וואָגן. אויך די האַרבע פראַגע איז געלייזט געוואָרן מיט אייגענע כוחות. איין זייט פון הויף איז אַרויסגעגאַנגען צום „סטאַוואַק", אַ מין שטייענדיקער טייך. האָט מען ביים טייך אויסגעקעמפט אַביסל פרייען פּלאַץ. ווי מוראַשקעס פלעגט דער ליטווישער מלמד מיט זיינע קינדער טראָגן פון ווייטע און נאָענטע הויפן, וואָס עס האָט נאָר געקאָנט געברויכט ווערן פאַר „אויפצובויען" אַ שטיקל באָדן: ערד פון אַ קעלער וואָס עמעצער האָט געבויט. שטיינער, ברוך פון ציגל, אַלטע אייזנס, שטיקער געהילץ, אַפילו פערדישע מיסט פון מאַרק. אַלץ איז צונויף געקומען, און דער ליטווישער מלמד מיט זיין משפחה דאַרפן צוגערעכנט ווערן צו די וואָס האָבן זיך אַליין געשאַפן באָדן אונטער די פיס, באָדן ממש.

דער ליטווישער מלמד האָט זיך דערפילט מעשה באַלעבאָס; איז אים

נאָך שווערער געוואָרן אויסצושטיין די הכנעה וואָס אַ מלמד האָט געדאַרפט באַנוצן אויף צו קאָנען בין־הזמנים „מאַכן אַ קנעלונג". פלעגט ער כלומרשט אַוועק צו די באַלעבאַטים. באמת פלעגט ער גאָר אַוועקגיין צו דער עלטסטער טאָכטער זיך שפּילן מיט די אייניקלעך. זיין ליטווישער ממה־נפשך איז געווען אַזאַ. איך בין דאָך נישט פון נעכטן דאָ. אין שטעטל קאָן מען מיך. ווען אַ ייִד מיר וועלן אָפּגעבן זיין קינד פאַר אַ תלמיד, וועט ער מיך געפינען אין שטוב, אין גאַס, אין שיל; אלא, וואָס דען, ער האָט בדעה אַן אַנדער מלמד, וועט דאָך מיר מיין גיין „בעטן" נישט העלפן... און „בעטן" האָט דער ליטווישער מלמד סתם נישט געקאָנט. דאָס איז די גרעסטע ירושה וואָס ער האָט איבערגעגעבן זיינע קינדער און קינדס־קינדער: — זעלבסטווירדע!

דאָך פלעגט זיך יעדן זמן צונויפשטעלן אַ שטיקל קנעלונג. די טעכטער האָבן צוגעהאָלפן מיטן טאַנדייט־געניי און קיין איבעריקן דחקות האָט מען נישט געליטן. אָבער פון צייט צו צייט, ווען עס פלעגט קומען צו אַ קאָנפליקט מיט אַ באַלעבאָס אָדער קאָלעגע, פלעגט דער ליטווישער מלמד רעוואָלטירן און וואַרפן דאָס מלמדות. זוכן אַנדערע פרנסות. זיין טענה איז געווען אַ ליטווישע: „ברויט מיט קרופּניק קאָן איך האָבן פון פּאַרקויפן קערלעך אין מאַרק, און פאַר פלייש מיט טיי וועל איך נישט זיין קיין נכנע".

גראָד איז בן־ציונס בר־מצוה אויסגעפאַלן אין איינעם פון די רעוואָלט־פּעריאָדן. מיט פרנסה איז געווען שמאָל, און דאָ גייט מען גאָר פּראַווען אַ בר־מצוה קידוש פאַרן „תכשיט", האָט דער פאָטער געדרונגען אַז עס איז נישט כדאַי צו פּטרן די פאָר רובל: „קיין מענטש וועט ער דאָך סיי־ווי נישט ווערן", און די שיינע דרשה וואָס ער קען שוין זאָגן? איז אַן עבירה אַפילו די טירחה...

אין פאָטערס שטימע, וואָס איז דערגאַנגען צו בן־ציונען אין צווייטן חדר, האָט ער אַרויסגעהערט טרערן. ער האָט געפילט אַז דעם פאָטערס האַרץ וויינט. נאָר ער באַהאַלט זיין צער אונטער אַ כלומרשטן ברוגז... אָבער דאָס קליינע „מאַמעלע" האָט שוין ממש געוויינט. קוים דערלעבט דעם „דאָלגאָזש־דאַניקס" בר־מצוה, און אַפילו קיין קליינע שמחהלע נישט קאָנען פּראַווען, אָט ווי קיינמאָל גאָרנישט: איז איר האַרץ געוועזן צעווייטיקט. נאָך לאַנגע וויכוחים, האָט דער ליטווישער מלמד פאָרט נאָכגעגעבן. מען וועט זיך אָנ־טאָן אַ כוח, אַ קידוש וועט זיין, נאָר מיט איין תנאי, „ער" זאָל אַליין צוגרייטן די דרשה, קיינער זאָל אים נישט העלפן...

בן־ציון, וואָס האָט זיך אין צווייטן צימער אויך באַוואַשן מיט טרערן, בשעת די שמועסן צווישן טאַטע־מאַמע, האָט באַשלאָסן, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, ער וועט די דרשה אַליין צוגרייטן. געוווסט האָט ער אַז אַלע בר־מצוה דרשות אין שטעטל ווערן גענומען פון דרוש־ספר „שאגת אריה", דער ספר

האָט זיך געפונען בײם עלטערן שװאָגער, און פון דאָרטן װעט ער שױן צוקלײבן אַ דרשה אַרום דיני תפילין, אָבער אַזאַ װאָס איז נאָך אין שטעטל קײנמאָל נישט געהאַלטן געװאָרן, מען זאָל נישט מײנען אַז ער זאָגט עמעצן נאָך.

אױסגעקליבן האָט ער דװקא אַ האַרבן ענין „היסח הדעת". ס'הײסט װען מען איז צעשטרײט בײם לײגן די תפילין, בשעת מאַכן די ברכות. װי איז דאָן דער דין? עס איז געװען אַ האַרבע עברי, עכטע רבנישע חריפות, װאָס האָט זיך שװער געלאָזט באַהערשן פון אַ דרײצניאָריקן מוח. אָבער דאָס עקשנות האָט גובר געװען, די קאָנטשאַפט מיטן תלמודישן סטיל האָט צוגע־האָלפן, אַ פּאָר גאָר שװערע ענינים האָט ער „אױסגעגאַרט" אין כלומרשטע װיכוחים מיטן עלטערן שװאָגער. און װען דער טאַטע האָט אַ פּאָר טאָג פאַר דעם בר־מצוה־שבת פאַרהערט זײן „דאָלגאָזשדאָניק" די דרשה, האָט אַפילו זײן פעסטער כאַראַקטער נישט אױסגעהאַלטן, און ער האָט זיך געמוזט אָפּ־קערן אין אַ זײט, בכדי צו פאַרבאָרגן די טרערן פון פרײד, װאָס זענען פון זײנע שטאָל־בלױע אױגן געפאַלן אױף זײן „רוסיאַװער" (בלאָנדלעכער) באָרד.

שבת אין שיל האָט בן־ציון אָפּגעקנאַקט דעם מפטיר פון אױסנװײניק, אַ טײערע מציאה. אַ קאַפּיטל תנ"ך אױסזינגען! בײם קידוש, װאָס איז גראָד געװען כיד המלך, האָט די דרשה גאָר אױסגענומען. ייִדן לומדים האָבן זי גע־לױבט אין טאָג אַרײַן, נישט געװאָלט גלײבן אַז קײנער האָט דעם בר־מצוה־בחור נישט צוגעהאָלפן. עס איז געװען אַ גליקלעכער שבת אין דער אָרעמער הײזקע פון ליטװישן מלמד; מער פון אַלעמען האָט די שמחה געפילט דאָס קלײנע מאַמעלע, אַ סימן, זי האָט מער געװײנט װי אױף אַ פּשוטן יום־טוב אָדער פאַמיליע־שמחה. װען זי פלעגט פון פרײד גיסן טרערן: „עס זאָל באַר נישט פאַרשטערט װערן"...

קאַפּיטל 23

פיליפּ פיליפּאָוויטש

און נאָך דער געראָטענער בר־מצווה איז ווידער געבליבן ווי אַ ביין אין האַלדז די אַלטע האַרבע פראַגע: וואָס וועט זיין דער תכלית? דער שיעור אין תלמוד מיטן באַלעבאַטישן געהילץ־סוחר, דאָס לייענען העברעיִש מיט חבר הערשל — דאָס אַלץ איז געווען נישט שלעכט, אָבער צו קיין תכלית פירט עס נישט. איז וואָס זאָל מען טאָן? טאַטע־מאַמע האָבן זיך נישט געקענט דער־טראַכטן.

אָבער בן־ציון האָט זיך שוין אַליין אָנגעהויבן דורכלייגן אַ שטיקל דרך. ער האָט שטילערהייט אָנגעהויבן לערנען רוסיש ביי אַ גויִשן חבר זיינעם, אַ שכן, אַ יתום, וועמען מען האָט אַמאָל גערופן פשוט פיליפּקע.

געווען איז עס אַ בחורעץ פון אַ יאָר 17־18, אַ יתום אָן אַ פאָטער, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ביי זיין יונגער מוטער און אַלטער באָבען, אַ הויף נעבן אַ הויף מיט בן־ציונס משפחה. די קריסטלעכע שכנים זענען געווען פאַרמעג־לעך, געהאַט אַ פיינע שטוב מיט אַ סעדל פון פאַרנט און אַ גאָרטן פון הינטן, אַ פעלד אויסערן שטעטל, וואָס מען האָט באַאַרבעט מיט געדונגענע הענט, און דאָך האָט עס געגעבן גענוג חיונה. ביים שטוב זענען געווען אַ פּאָר קי, עופות, חזרים. מען האָט פאַרקויפט מילך, אייער, עופות — עס איז געווען אַ זאַט וועו נישט קיין רייך לעבן.

פיליפּקע איז פון קינדווייז אָן געווען איינגעשפּאַנט אין יאָך. אַלס גאָר אַ קליינער יאַטל האָט ער געהאָלפן פיטערן גענדז, חזרימלעך, ברענגען די קי. טאָן אַנדערע לייכטע אַרבעטן, געווען שטענדיק פאַרטאָן, פאַרהאָרעוועט. שוין אַ געוואוקסיקער בחורעץ, מיט אַ פּאָר פעסטע ידים, וואָס האָבן זיך צו אַלץ אויסגעטויגט, וואָלט ער מיט דער צייט געוויס געוואָרן אַ פאַרגרעבטער, נאָר יוסטער פויער.

האָט אָבער געטראָפן אַ נס. אויך ביי זיי טרעפן ניסים. ווען פיליפּקע איז אַלט געווען אַ יאָר פערצן, האָט זיך באַזעצט אין דער סביבה אַ ברודער פון זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ פאָלקס־לערער אין אַ דאָרף נישט וויים פון שטעטל. האָט זיך דער פעטער פאַראינטערעסירט מיט זיין פלימעניק, פי־ליפּקע, און האָט נאָך פיל אייַנטענהן געפועלט, אַז מען זאָל פיליפּקען אָפּ־לאָזן צום פעטער אין דאָרף, ווו ער וועט פון אים מאַכן אַ לייט, אפשר טאַקע

אַ לערער, צי גאָר אַ „פּיסאַר" (שרייבער) אין דער דאָרפס־פאַרוואַלטונג, און ווער ווייסט צי נישט עטוואָס נאָך גרעסערס?

די אַלטע באָבע האָט נישט געוואָלט מסכים זיין — אַ פּויערים־זון דאַרף בלייבן אַ פּויער. אָבער די יונגע מאַמע האָט אויף זיך גענומען צו האָרעווען אַביסל מער, אַבי איר בן־יחיד זאָל קומען צו אַ תכלית. דער פעטער האָט צו־געזאָגט אונטערשטיצונג אויף צו דינגען אַ „באַטראַק" און פיליפּקע איז אַוועק אין דאָרף.

ווען ער איז מיט אַ קנאַפּן יאָר שפּעטער צוריק געקומען אויף וואַקאַ־ציעס צו גאַסט, איז ממש נישט געווען צו דערקענען אים: געוואָרן אַ גאַנצער לייט, פיליפּקע! קען לייענען, שרייבן און חשבון, אַפילו אַביסל געאָגראַפיע און היסטאָריע, גרייט זיך צו האַלטן עקזאַמען אויף אַ לערער. אמת, עס דאַרף נאָך דויערן אַביסל, אָבער אויף אַ דרך איז ער. יידן האָבן זיך געחידושט, נישט אַזוי אויף פיליפּקען, ווי אויף זיין פעטער; ביי „זיי" זאָל אַזעלכעס קע־נען פּאַסירן?! טאַקע ממש ווי ביי אַחינו בני ישראל. דער פעטער זאָרגט פאַר זיין ברודערס יתום, לערנט מיט אים זייער תורה! ווונדער איבער ווונדער!

אַט דער פיליפּקע האָט עס אונטערגעזאָגט בן־ציונען, אַז ער וואָלט זיך געדאַרפט ערנסט נעמען לערנען רוסיש. פון די פּאָר ווערטער אוקראַיִניש, וואָס ער האָט געכאַפּט אין די געשלעגן און שפּילערייען מיט די שכנישע שקצים וועט ער נישט געהאָלפן ווערן. אַפילו פון אונטערהערן די רוסישע לעקציעס אין די חדרים פון זיין פאָטער און שוואָגער, וועט גאָרנישט זיין. מען דאַרף זיך נעמען ערנסט פאַר דער „אוטשעבאַ" — לערנען.

אַז ער לעבט אין רוסלאַנד, האָט בן־ציון, פאַרשטייט זיך, געוווּסט. מען פלעגט אַפילו דערציילן ווי דער פאָטער האָט אים אַלס קינד פון אַ יאָר 3־4 מיטגענומען צו דער קאָראָנאַציע־פייערונג פון ניקאָליַי דעם צווייטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטעטל ביים לערער־סעמינאַר, ווו מען האָט געטיילט אומזיסטע גויִישע לעקעכלעך מיט קוואַס, און אין אָוונט געמאַכט אַן אילו־מינאַציע מיט אַ סך קאָלירִיקע פאַפּירענע לאַמטערנדלעך; ווי אַזוי בן־ציון איז אין גרויסן געדרענג פאַרלוירן געגאַנגען און דער פאָטער האָט איינגענו־מען יסורים, ביז ער האָט אָפּגעפונען די מציאה...

בן־ציון האָט אויך געוווּסט, אַז אין רוסלאַנד מאַכט מען פּאָגראָמען אויף יידן, אַ סימן — קעשענעוו. און אָט אין פסח־צייט איז זיך אַמאָל העכער האַלב שטעטל צעלאָפן אין די אַרומיקע קאָלאָניעס, ווייל מען האָט מורא גע־האָט פאַר אַ „פּאָגראָם". מיט „זיין" הילף איז מען אָפּגעקומען בלויז מיט פּחד, אָבער דעם פּחד האָט ער גוט געדענקט.

נאָר אַז רוסיש איז אַ שפּראַך וואָס מען דאַרף לערנען — דאָס האָט בן־ציון נישט געקענט תופס זיין. אָט קענען דאָך אַלע גוים רוסיש און נישט געלערנט קיינמאָל אין קיין שולע. אָט קען ער דאָך יידיש, להבדיל; נו, האָט ער אַמאָל געלערנט יידיש? יידיש קען מען פון זיך אַליין. לערנען דאַרף מען לשון־קודש, תרגום־לשון, עס קומט צוניץ ביים לערנען גמרא. אָבער לערנען רוסיש — צו וואָס קען עס אים נוצן?

פיליפּקע האָט אים אָבער מסביר געווען, אַז רוסיש איז אַ פיינע און נוצלעכע שפּראַך. אויף רוסיש קען מען לערנען אַ סך זאַכן, פון וועלכע בן־ציון האָט אַפילו קיין באַגריף נישט. אָט, למשל, חשבון. אַוודאי האָט בן־ציון געקענט חיבור, חיסור, כפל און חילוק. אָבער אָט איז אַ רוסיש בוך מיט „זאַדאַטשעס" (פּראָבלעמען) פון מאַלינין און בורינין — קען ער עס דען אַפילו לייענען? און וואָס הערט זיך עפּעס מכוח „דראָבי" (ברוכצאָלן)? אַהאַ, זעסט נישט אַלץ איז פאַראַן אין דיינע „תלמודן"... פיליפּקע האָט שוין געוווסט, אַז גמרא הייסט אויף רוסיש תלמוד (טאַלמוד), און אַז דאָס איז אַ „געפּערלעך" בוך.

הכלל, פיליפּקע האָט בן־ציונען גוט „אונטערגעצויגן". ער האָט זיך אונטערגענומען צו לערנען אים רוסיש אומזיסט, און עס איז אַוועק ווי אַ מזמור. עס פאַרשטייט זיך אַז לייענען האָט זיך בן־ציון אויסגעלערנט לייכט, אָבער געהעריק אַרויסרעדן די ווערטער („פּראָיזנאַשעניע", האָט עס געהייסן), באַטאָנונג, שרייבן אָן גרייזן, גראַמאַטיק — דאָס איז שוין אָנגעקומען אַביסל שווערער, אָבער סוף־כל־סוף וואָס פאַר אַ „מאָץ" האָט עס אין פאַרגלייך מיט איין שווערער סוגיא אין גמרא?

אין די לאַנגע זומערדיקע נאָכמיטיקס פלעגט בן־ציון נעלם ווערן פון שטוב, אַריבערקריכן דעם פּאַרקאַן אין שכנותדיקן הויף אַריין און דאָרט אָפּזיצן לאַנגע שעהען מיט זיין רבין פיליפּקע, ביי וועלכן ער האָט געהאַט אַ היפּשע פּעולה. דער גוישער חתוך הדיבור אויף רוסיש איז ביי אים געבליבן נישט געענדערט אַפילו אויף דער עלטער, אַפילו אין אויסלאַנד. אַ גוטער לערער געווען פיליפּקע.

אַוודאי איז עס נישט געווען קיין סוד פאַר טאַטע־מאַמע, כאָטש בן־ציון האָט זיי נישט דערציילט אַז ער לערנט זיך „רוס"; זיי האָבן אָבער פאַרקוקט דעם ענין; מילא, טאָ אפשר וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען. מען האָט אַפילו פאַרזאָגט די אַנדערע קינדער, אַז זיי זאָלן מיט בן־ציונען נישט רעדן דערפון, סוד איז געבליבן סוד.

אויסגעלערנט זיך לייענען און פאַרשטיין רוסיש, האָט זיך בן־ציון

אַרױפגעװאָרפן װי אַ דורשטיקער אויף פריש װאַסער, אויף דעם נייעם לייענשטאָף. קיין ביבליאָטעק איז אין שטעטל נישט געװען, קריגן אַ רוסיש בוך איז נישט געװען פון די לייכטע זאַכן. נישט אין אַלע יידישע הייזער זענען זיי געװען, נישט אומעטום װוּ זיי זענען געװען האָט מען געקענט לייען. מיט גויים האָט נאָך בן־ציון קיין מחזקות נישט געהאַט. אָבער אין אַ פּאָר הייזער פון באַקאַנטע איז שוין אַריינגעקומען די „ניװאָ", אַ זשורנאַל װאָס פלעגט יעדע װאָך ברענגען אַ ביכל אַלס ביילאַגע און יעדן חודש אַ ספּעציעלן זשורנאַל, און אַלץ צוזאַמען האָט געקאָסט גאַנצע זעקס רובל, אין יענער צייט אַ סכום װאָס אַפילו נישט אַלע „גבירים" האָבן זיך געקענט פאַרגינען אויסצוגעבן. ביי פיליפּקען זענען אויך געװען אַביסל רוסישע ביכער, אַפילו איינצעקע קלאַסיקער,ביידע טיילן פון דער אַנטאָלאָגיע „רוסקי פּיסאַטעל" (רוסישער שרייבער). בן־ציון האָט געלייענט „זאַפּאָיעם" — װי אַ פאַרשיכורטער, געשלונגען װי אַ הונגעריקער, זיך װייניק אָריענטירט, אָבער באַרייכערט זיין שפּראַך. לייענען איז נאָך אָבער נישט רעדן. פון די לעקציעס מיט פיליפּקען האָט מען נישט געקענט אויפבינדן די צונג; האָט טאַקע פיליפּקע געהאַלטן אין איין איינטענהן: „רעד רוסיש, און מיט װעמען עס מאַכט זיך". אָבער װי מאַכט מען עס? די מערסטע יידישע קינדער װאָס האָבן שוין גערעדט רוסיש זענען געװען „באַרישניעס" (פריילינס), איז װי קומט אַ שנעק, קוים נאָך בר־מצװה, צו רעדן מיט באַרישניעס? איז טאַקע געװען נישט גוט.

פיליפּקע האָט צו זיין חבר נישט דערלייגט. אויף װיפל ער האָט אים געלערנט „רוס", האָט ער פון אים געלערנט אַריטמעטיק, װאָס איז פיליפּקען שװער אָנגעקומען, און פּאַר בן־ציונען זענען אַפילו נישט געװען צו האַרב די שװערסטע „סוגיות", װי „דראָבי" (ברוכצאָלן), „דיעסיטיטשנע" (צאָלברוכן לויט דער סיסטעם פון צענדליקער), פּראָפּאָרץ, פּראָצענטן וכדומה ענינים איבער װעלכע פיליפּקע האָט געשוויצט װי אַ ביבער, און בן־ציון האָט זיי געגומען לייכט װי אַ האָר פון דער מילך. װינטער, װען פיליפּקע איז געזעסן ביי זיין פעטער אין דאָרף, האָט בן־ציון דערגרייכט אַ צװייטן, גרעסערן לערער, ביי װעמען ער האָט אויך געלערנט בשתיקה און װעגן װעלכן עס לוינט זיך צו דערציילן באַזונדער.

סוף־כל־סוף האָט פיליפּקע באַלייגט זיינע עקזאַמענעס און באַקומען דעם דיפּלאָם פון אַ „נאַראָדני אוטשיטעל" (פאָלקס־לערער). געדענקט זיך דער אָװנט װען פיליפּקע איז געקומען מודיע זיין זיינע יידישע שכנים, די פאַמיליע פון זיין געהיימען תלמיד און חבר בן־ציון, אַז ער איז שוין טאַקע אַ פאָלגער „גאָספּאָדין אוטשיטעל". די אָרעמע יידישע משפּחה האָט זיך אויפריכטיק געפרייט מיטן דערפאָלג פון קריסטלעכן יתום. מען האָט געשיקט נאָך ביר,

מען האָט געמאַכט אַ פּאָר סקאָוואָראָדעס לאַטקעס, פיליפּ פיליפּאָוויטש — שוין אויס פיליפּקע — האָט געשפּילט אויף דער גיטאַרע וואָס ער האָט מיטגעבראַכט; עס איז געווען גאַנץ היימלעך. מען האָט פיליפּ פיליפּאָוויטשן געווונטשן גליק, און זיך אַליין געפּרוווט טרייסטן; אפשר וועט פון בן־ציונען אויך ווערן אַמאָל אַ שטיקל לייט, מען וועט פון אים אַ שטיקל נחת דערלעבן. ביי ג׳ איז אַלץ מעגלעך.

קאַפּיטל 24

רעוואָלוציע און קאָנסטיטוציע

אָקטאָבער 1905. אין דרויסן רעגנט האַרבסטיק. עס איז בלאָטיק אויפן גאַס און כמאַרנע אויפן האַרצן. דער פֿאָטער איז ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ פּאָר טעג און דאָ האָט אויסגעבראָכן דער גענעראַל־שטרייק. די באַנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ווי אַזוי וועט ער צוריק קומען? עס טראָגן זיך קלאַנגען אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. ווו? — דאָס ווייסט מען נישט גענוי, נאָר מסתמא אין „פּיטערבאָרג״. אָן ידיעות פֿון דער גרויסער וועלט און מיט אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, זיצט מען און מען דערציילט זיך מעשיות.

די געמיטער זענען געדריקט. ייִדן האָבן מורא פֿאַר אַ פּאָגראָם, כאָטש קיינער סטראַשעט נישט דערמיט; נאָר עפּעס פֿילט זיך אָן אָנגעצויגנקייט. דאָס שטעטל האָט ווי פֿאַרהאַלטן איר אָטעם; אַלע זענען אין דערוואַרטונג. אַלץ רופֿט אַרויס אומרו. פֿליסטערן ייִדן איינער צום צווייטן בסוד־סודות: עס זאָל כאָטשבי נישט אויסגיין צו ייִדישע קעפּ.

מיטאַמאָל: עס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פֿון איין וואָרט: ‚קאָנס־טיטוציאָ!״ ווער האָט די טעלעגראַמע דערהאַלטן? ווער האָט זי געזען? — קיינער ווייסט נישט. מען זאָגט אַפֿילו, אַז עס זענען אָנגעקומען צוויי טע־לעגראַמעס: איינע צום שטעטלשן פּאָסט־ביוראָ, וואָס דער פּאָסט־מייסטער, אַ גוי אַ כלב, האָט פֿאַרהאַלטן, און די צווייטע אויף דער באַן־סטאַנציע, וואָס דער „נאַטשאַלניק״, אַ ליבעראַל, האָט גלייך איבערגעגעבן אין שטעטל.

סיי־ווי־סיי, די ידיעה האָט זיך פֿאַרשפּרייט. דער מאַרק און די נאָענטע גאַסן זענען געוואָרן פֿול מיט מענטשן. רעדלעך שטייען און שמועסן; מען גייט פֿון רעדל צו רעדל; מען הערט וואָס מען דערציילט; אַלע זענען אין דערוואַרטונג פֿון עפּעס; גענוי וואָס און ווען — דאָס ווייס קיינער נישט.

אָט הערט זיך אַ געזאַנג פֿון ווייטנס, צום מאַרק גייט אַ מחנה; מען זעט פֿענער, עס הערן זיך אויסגעשרייען, עפּעס טוט זיך דאָרטן. די מאַניפֿעסטאַ־ציע איז אָנגעקומען אין מאַרק. פֿאָרויס מאַרשירן די שילער פֿון אָרטיקן לע־רער־סעמינאַר, אַ נעסט פֿון רעוואָלוציאָנערן. מען הערט שוין קלאָר די ווער־טער:

„ווי זשערטוואָיו פּאַלי, וו באָרביע ראָקאָוואָי״ — איר זענט געפֿאַלן קרבנות אין אַ גורלדיקן געראַנגל.

דאָס באַערט מען די געפאַלענע אין דער רעוואָלוציע. עס ענדיקט זיך דאָס טרויער־ליד און פריידיקע אויסרופן הילכן אָפּ אין דער לופטן: „דאַ זדראַסטוויעט סוואָבאָדאַ!" — זאָל לעבן די פרייהייט! „דאַ זדראַוסטוויעט קאָנסטיטוציאַ!" — זאָל לעבן די קאָנסטיטוציע!

אויפן קרייצוועג פון ביידע הויפּטגאַסן, קעגנאיבער דעם הילצערנעם געקרייציקטן יעזוס, ווערט אויפגעשטעלט אַ טריבונע; רעדנער גייען אַרויף און אַראָפּ איינער נאָכן אַנדערן, דערקלערן דעם זין פון דעם מאַניפעסט: אַ ניי לעבן הויבט זיך אָן, אַ לעבן פון פרייהייט, פון גליק. מען רופט צו אַחדות צווישן די פאַרשידענע טיילן פון דער באַפעלקערונג: רוסן, אוקראַינער, ייִדן, אַלע זענען קינדער פון דער גרויסער מוטערל רוסלאַנד. עס הויבט זיך אָן אַ „בראַטאַניע" — ברידערן זיך צווישן די טיילן פון דער באַפעלקערונג: קאַצאַפּעס, כאָכלעס, ייִדן, אַפילו ציגיינער, מען גיט זיך די הענט, מען באַגריסט זיך, מען קושט זיך אַפילו. ייִדן, עלטערע, שטייען אַביסל מן הצד: „וגר זאב עם כבש"? — וואָלף וועט לעבן בשלום מיטן שעפּסעלע? עס איז נאָך צו פרי... אָבער יוגנט איז האַפערדיק, אַריין אין אַלגעמיינעם ווירוואַר, און זי פרייט זיך מיט.

די מאַניפעסטאַציע האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום בריק, בכדי אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט פון שטעטל, ווו עס געפינט זיך דער „סטאַן" (פּאָליציי־אַמט). דער וועג ליגט פאַרביי דער גרויסער שיל. עס איז פרייטיק פאַרנאַכט, מנחה־צייט, באַלד קבלת־שבת. די שיל איז העל באַלויכטן, פול מיט מתפּללים. הערצער טיאַכקען פון פּחד. ווער ווייסט וואָס דאָ וועט זיין?! ווען מען דערהערט דעם געררויש פון ערב־רב וואָס דערנענטערט זיך, פאַלט איין דאָס האַרץ פון מורא. אָבער מאָטל־שמש טענהט, אַז מען דאַרף קיין מורא נישט האָבן. אַ סוף האָט גענומען צו דער „מלכות הרשעה", עס איז אַ נייע וועלט; נישטאָ קיין סכנה. די מאַניפעסטאַציע שטעלט זיך אָפּ ביי דער שיל, איינער פון אירע פירער קלעטערט אַרויף אויפן שיל־פּאַרקאַן און האַלט פון דאָרט אַ פלאַם־פייערדיקע רעדע וועגן ברידערלעכקייט צווישן פעלקער און מענטשן, צווישן ייִד און קריסט: „מיר געדענקען אַז יעזוס איז געווען אַ ייִד!"... פון דער מאַניפעסטאַציע טיילט זיך אויס אַ דעלעגאַציע וואָס גייט אַריין אין שיל. אַ רעדנער באַגריסט די ייִדישע געמיינדע מיט דער פרייהייט און גלייכהייט. ער צעקושט זיך מיט מאָטל־שמש אין צייכן פון פאַרברידערונג. אַלץ איז אַריבער בשלום.

פון יענער זייט בריק איז מען אַוועק צום „סטאַן". דער אַלטער פּריסטאַוו איז אַרויס אַנטקעגן, אויפגענומען די מאַניפעסטאַציע, דערקלערט, אַז ער האָט נאָך נישט קיין אָפיציעלע ידיעות. נאָר וויבאַלד די מאַניפעסטאַציע גייט

אַן רוח, וועט ער זיך נישט אַריינמישן, ער איז דאָך אויך אַ זון פון פאָלק. אָבער דער אַלטער איז געשטאַנען אין היטל און האָט עס נישט געוואָלט אַראָפּ־נעמען פאַר דער רויטער פאָן. האָט עס אים דער פאַנענטרעגער אַראָפּגע־וואָרפן מיטן שטאַנג פון דער פאָן... צו קיין גרעסערע אינצידענטן איז עס נישט געקומען. אַזוי האָט זיך עס געטומלט אַ פּאָר טעג — יום־טוב אין שטעטל. בן־ציון איז, פאַרשטייט זיך, געווען פול אומעטום, געקומען אַהיים נאָר שלאָפן, און האָט געלערנט פּאָליטיק פון רעדעס מיט לאָזונגען...

אַרום מיטוואָך האָט מען אָנגעהויבן מורמלען אַז עס זענען געווען פּאָג־ראָמען — ווו? — דאָס האָט מען נישט געוווּסט גענוי, אָבער אַז ס׳איז גע־ווען איז מען געווען זיכער...

ווען עס זענען אָנגעקומען די צייטונגען, האָט מען זיך שוין דערוווּסט ווי גרויס עס איז געווען דער אומגליק: אָדעס, ניקאָלאַיעוו, קיִעוו; ביסלעכווייז איז די צאָל פון די פּאָגראָמירטע שטעט און שטעטלעך אַריין אין די הונדער־טער, אַפילו די יידישע קאָלאָניעס זענען באַפאַלן געוואָרן. נאָר די ייִדן האָבן אָפּגעשלאָגן די אָנפאַלן. אויך אין די שטעט איז געווען טעטיק די ייִדישע זעלבסטשוץ, אָבער דאָס מיליטער האָט געשאָסן אויף איר...

האָט זיך אַ וואָלקן פון טרויער פאַרצויגן אויף די געזיכטער, און אומעט און שרעק איז געווען אין די געמיטער. ייִדן האָבן שטילערהייט געשמועסט, ווי געסודעט זיך: ווער ווייסט צי ס׳וועט זיי אויסמיידן... היינט דער צער און אַבילות נאָך די אומגעקומענע... אָבער די גויִים האָבן זיך געהאַלטן רויִק, פריינטלעכער ווי תמיד. אַ זונטיק האָבן זיך עפּעס אַ פּאָר שקצים צעבושע־וועט. עס איז געוואָרן אַ שטיקל פּאַניק, אָבער די פּאָליציי פון די פּויערים האָט זיי באַלד איינגענומען. דער אַלטער פּריסטאַוו האָט פאַרזיכערט, אַז כל־זמן ער וועט זיין אין שטעטל, דאַרפן ייִדן קיין מורא נישט האָבן. דאָס שטעטל האָט אויסגעמיטן אַ פּאָגראָם און בן־ציון האָט קיין פּאָגראָם אין זיין לעבן נישט געזען... דאָס האָט אפשר באַווירקט אין אַ געוויסן זין זיין כאַ־ראַקטער און באַנעמונג צו דער אויסערלעכער וועלט...

מיט אַ פּאָר שבתים שפּעטער איז דער פּריסטאַוו געקומען אין שיל אַריין מיט אַ בקשה: די לאַגע ווערט אָנגעצויגענער, פאַר דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אָבער מען דאַרף זיך באַצייטנס באַ־וואָרענען קעגן לאַבוזעס, אָרטיקע אָדער אָנגעקומענע פון דער פרעמד... וואָס וועלן מסתמא זוכן אויסצונוצן די פּאָגראָם־שטימונג וואָס הערשט אין לאַנד, האָט ער פאַרטראַכט צו אָרגאַניזירן אַן אוניפאָרמירטע פּאָליציי, מיט שווערדן און רעוואָלווערן. אַן אוניפאָרם אימפּאָנירט מער ווי די בלעכלעך פון דער פּויערים־פּאָליציי. פון דער גובערניע האָט מען מסכים געווען צו צאָלן דעם

געהאַלט פון די נייע פּאָליציי־לייט, ער דאַרף אָבער געלט אויף מונדירן און געווער, בעט ער, אַז די ייִדישע געמיינדע זאָל אים אין דעם באַהילפיק זיין. ס׳פאַרשטייט זיך אַז די געמיינדע האָט גענומען אויף זיך אַלע הוצאות. דער פּריסטאַוו איז אַוועק אַ צופרידענער. ייִדן האָבן זיך אַביסל באַרויִקט. פּאָרט אַ בעסערע שמירה. אָבער אַ וואָלינער ייִד, וואָס האָט זיך נישט לאַנג צוריק געהאַט אַריינגעצויגן אין שטעטל, האָט זיך געערגערט און געמוסרט ייִדן: סטייטש! דער פּריסטאַוו איז געווען אין שיל אָן דעם היטל... פּאַר אַזאַ חוצפּה וואָלט מען אין זיין שטעטל אַראָפּגעריסן די שליפעס און גוט אויסגעפּאַטשט... אין גיכן האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן צוועלף אוניפאָרמירטע פּאָליציי־לייט: „גאָראָדאָוואָיעס" — שטאָט־פּאָליציי. דאָס שטעטל האָט געמאַכט אַ שריט צו ווערן אַ שטאָט.

ווען עס איז געקומען די צייט פון וואַלן צו דער ניי־געגרינדעטער „גאָ־סודאַרסטווענאַיאַ דומאַ" — דעם מלוכה־פּאַרלאַמענט — האָט זיך עס אַביסל אַ רודער געטאָן! די לאַגע פון די ייִדן איז געווען אַ פאַרפלאָנטערטע. די באַ־גרענעצונגען קעגן ייִדן זענען געבליבן נישט גערירט, אָבער ייִדן האָבן באַ־קומען וואַל־רעכט, דירעקטע און אומדירעקטע; דאָס הייסט, אַז אַ ייִד וואָס האָט נישט געקענט פאַרנעמען דעם קלענסטן אַמט, אַפילו נישט ווי אַ „דוואָר־ניק" (אָפּיציעלער הויז־וועכטער), האָט געקענט זיין אַ געזעצגעבער פון לאַנד אַלס דעפּוטאַט אין דער „דומאַ". אין שטעטל וואָס איז אָפיציעל געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ דאָרף, האָבן ייִדן קיין גרונט־אייגנטום נישט געטאָרט קויפן. די הייזער אין וועלכע זיי האָבן געוווינט, זענען געקויפט געוואָרן „נאַ סלאָם אי נאַ סנאָס", דאָס הייסט אויף צעברעכן און אַראָפּטראָגן, זיי האָבן אין זיי געוווינט בלויז דערווייל, צייטווייליק... אָבער אויפן סמך פון אַזאַ קויף־שיין, זענען זיי באַטראַכט געוואָרן ווי אייגנטימער, און באַקומען דירעקטע וואַל־רעכט צו דער דומאַ. און כפי די מערהייט ייִדן האָבן דאָך חוץ הייזער פאַרמאָגט אויך קראָמען, געצאָלט פּאַטענטן, זענען זיי פאַררעכנט געוואָרן סיי אין דער „קוריע" פון אייגנטימער, סיי אין דער „קוריע" פון סוחרים, און מער ווי איין רעכטלאָזער ייִד האָט געהאַט מער פון איין שטימע צום רוסישן פּאַרלאַ־מענט (דומאַ) — אַבסורדן פון צאַרישן רעזשים, וואָס חזרן זיך איצט איבער אויף אַן אַנדער אופן ביי די באָלשעוויקעס.

די וואַלן זענען נישט געווען קיין דירעקטע, נאָר דורך וואַל־מענער. די בירגער האָבן געשטימט פאַר די וואַל־מענער און זיי האָבן אויסגעקליבן די דעפּוטאַטן. אין אייניקע „קוריעס" האָט מען געשטימט מיט בולעטינען, אין די אַנדערע האָט מען געוואָרפן „גאַלקעס", ווייסע און שוואַרצע. די וואַלן זענען פאָרגעקומען ווינטער. ייִדן האָבן געהאַט ווייניק חשק צו פאָרן אין די

שטאַרקע פּרעסט בכדי צו „וואָרפן אַ גאַלקע״... די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן באָיקאָטירט די וואַלן. די מערהייט ייִדן איז געווען פאַר די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן (קאַדעטן), נאָר צווישן דער ייִדישער יוגנט זענען שוין געווען סאָציאַליסטן, וואָס האָבן באַאײַנפלוסט זייערע עלטערן אָפּצוהאַלטן זיך פון שטימען. אָבער די ייִדישע אינטערעסן האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל נישט פאַרשפּילן דאָס אײנציקע און אַזוי וויכטיקע פּאָליטישע רעכט, וואָס ייִדן האָבן באַקומען אין רוסלאַנד — האָט מען די וואַלן געדאַרפט אָרגאַניזירן.

אין דער אַרבעט האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן דער נײַער ראַבינער, מיט אים האָבן מיטגעאַרבעט אייניקע פון דער שטעטלשער אינטעליגענץ. פאַר די וויכטיקער וויכטיקע אַרבעט: שרײַבן, פאַררופן פאַרזאַמלונגען, אויספילן בולעטינען, דינען ווי קוריערן, האָט מען אָרגאַניזירט אַ גרופּע ייִדישע יוגנטלעכע, צווישן וועלכע בן־ציון איז אַרײַן, כאָטש ער איז נאָך געווען גאָר אַ שנעק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט: באַראַטונגען, זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, שטוב־באַזוכן. פאַר געצײלטע וואָכן האָט בן־ציון געלערנט און פאַרשטאַנען וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין רוסלאַנד, מער פון אַ סך עלטערע פון אים. דער ראַבינער האָט נאָך בן־ציונען נישט באַמערקט, ער האָט געהאַט אַ סך וויכטיקערע פּערזאָנען און ענינים, אָבער בן־ציון האָט גוט שטודירט דעם ראַבינער, מיט וועמען ער וועט זיך שפּעטער צוזאַמענטרעפן אויף אַנדערע געזעלשאַפטלעכע געביטן.

קאַפּיטל 25

קאַליגראַפיע און בוכהאַלטעריע

אויף זיין פופצנטן לעבנס־יאָר איז שוין בן־ציון געווען אַ שטיקל יש. פאַר אַ בעל־תנ״ך האָט מען אים געהאַלטן נאָך אין דער פריִער קינדהייט, מיט דער צייט האָט ער צוגעקראָגן אַביסל ידיעות אין תלמוד, טאַקע אויבערפלעכלעך, נישט טיף, אָבער פאַרט געדענקט אַ סך שטעלן אויסנווייניק. איצט איז נאָך צוגעקומען „רוס״, וואָס ער לייענט ווי אַ וואַסער, פאַרשטייט אַ בלאַט־צייטונג, היינט זיין חשבונען?! אַפילו די שווערסטע „זאַדאַטשע״ (פּראָבלעם) פון ווערעשטשאַגין (אַ רוסישער לערנבוך פון אַריטמעטישע אויפגאַבעס) מאַכט ער אין איינס און צוויי. אַ פאַלנער מענטש... אָבער, צו קיין תכלית קומט עס אַלץ נישט. און בין וואַנען איז דער שיעור צו זיצן ביים אָרעמען טאַטן אויפן קאָפּ?

בן־ציון האָט געוואָלט פאַרענטפערן די פראַגע זייער פשוט: ווערן אַ בעל־מלאָכה! פון דער גמרא האָט ער געוווּסט, אַז אַ סך פאַרצייטיקע גדולי־ישראל זענען געווען בעלי־מלאָכות. איז וואָס איז דאָ די חרפּה? אָבער טאַטע־מאַמע האָבן עס איבער זיך נישט געקענט ברענגען: אַ בעל־מלאָכה אין דער משפּחה?!

אָנקומען ערגעץ אין אַ קלייט אויף אַ שטעלע, האָט בן־ציון אויך נישט געקענט. אַזאַ בחור וועט זיך דאָך נישט שטעלן קערן אַ קלייט, אָדער גיין אַ גאַנג! וואָלט מען אים געקענט געבן אַ שטעלע ביים שרייבן און רעכענען, אויף חשבון איז ער דווקא געווען אַ שטיקל מאַדים, אָבער אַ „פּאַטשעראַק״ (כתב) האָט ער געהאַט — קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס... אויף אַזאַ מין כתב זאָגט מען אין רוסיש: „פּיסאַלאַ סאַראָקאַ כוואָסטאָם, אַ ניע טשעלאָוויעק פּיעראָם״ — ס׳האָט געשריבן אַ סאַראָקע מיטן עק, נישט אַ מענטש מיט אַ פעדער... וואָס־זשע טוט מען פאַרט? איז טאַקע נישט גוט.

דאַרף זיך טרעפן, אַז לייענענדיק אַ רוסישע צייטונג, קומט בן־ציון אויף אַן אַנאָנס, אין וועלכן אַ געוויסער פּראָפעסאָר, קאָסאַדאַ פון אָדעס, נעמט זיך אונטער אויסצובעסערן די ערגסטע האַנטשריפט אונטער די אויגן און פאַר איין רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס. עס פאַרשטייט זיך, אַז איבערשיקן דעם סכום דאַרף אויך עפּעס קאָסטן, אַרום און אַוודאי אַן אָנדערהאַלבן רובל. — אַ היפּשער סכום פאַר אַ יינגל פון אַן אָרעמען מלמד. דאָך האָט זיך דער

פֿאַטער אָנגעטאָן אַ כּוח, מען האָט אָפּגעשיקט דעם סכום און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זענען מיט דער פּאָסט אָנגעקומען פֿינף דינע העפֿטלעך, כּמעט אַלע באַשריבן מיט אַ מין וואָסערדיקן טינט, קוים וואָס מען זעט זי אָן, און אויף די טאָוולען „נאָסטאָוליעניעס", ד"ה אָנווייזונגען, ווי מען דאַרף נוצן די העפֿטן.

האָט מען דאָך גלײַך געקענט זען, אַז דער ענין איז אַ פּשוטע גענאַרעריי, אויסגענאַרט די פּאָר גראָשנס, ווײַל אַזוי וועט מען זיך עס אויסלערנען שיין שרייבן פֿון אָט־אָ די העפֿטלעך? דאָך האָט זיך בן־ציון גענומען צו דער אַרבעט. איבערגעלייענט די אָנווייזונגען, זיך גוט אַרײַנגעטראַכט אין זיי, און דאַן אָנגעהויבן איבערגיין מיט פֿרישער טינט די וואָסערדיקע פּאָסיקלעך, שטעקעלעך, גאַנצע און האַלבע רעדעלעך. בהדרגה האָט ער געכאַפּט דעם שניט: פֿון העפֿט צו העפֿט האָט ער דעם ענין פֿאַרשטאַנען בעסער; נאָכגעמאַכט אַלץ, ווי עס איז געווען אָנגעוויזן, און, וווּנדער איבער וווּנדער — זײַן האַנטשריפֿט האָט זיך ווי פֿון זיך אַליין פֿאַרבעסערט. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן קלאָר, אַז מען קען איבערלייענען יעדן אות. טאַקע נאָר מופֿתים.

אַזוי האָט מודה געווען דער פֿעטער הירשל־יאָסי, אַ ייִד אַ מלמד, וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבן „רוס", און ער פֿלעגט דעם האַלבן טאָג פֿון פֿרײַטיק, ווען ער איז געווען פֿרײַ פֿון חדר, אָפּזיצן שעהען גאַנצע און קאָפּירן פֿון אַ רוסישן בוך אין אַ העפֿט, כאָטש ער האָט כּמעט נישט פֿאַרשטאַנען דעם באַטײַט פֿון דעם, וואָס ער שרײַבט איבער. אָבער אַ האַנטשריפֿט האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַ זעלטענע. אַפֿילו אַברהם לעווין, דעם פֿאָטערס אַ חבר, אַ ייִד אַ טשאַכאָטניק, נעבעך, וואָס האָט זיך מפֿרנס געווען פֿון אויספּלעטן געוויסע חפֿצים, און ער פֿלעגט יעדעס יאָר אַראָפּקומען אין שטעטל און אײַנשטיין בײַ זײַן חבר, דעם ליטווישן מלמד, האָט אויך אָנערקענט, אַז בן־ציון וואַקסט אַ כּתבא רבא, און אַברהם אַליין איז געווען אַ פּרעכטיקער קאַליגראַף; זײַן האַנטשריפֿט איז געווען ווי געדרוקט און ער האָט טאַקע אויך צוגעלייגט אַ האַנט, אַז בן־ציון זאָל באַקומען אַ קלאָרע און אַ שיינע האַנטשריפֿט, מיט וועלכער ער זאָל נישט פֿאַרשעמט ווערן צווישן לײַטן.

און אַז די הצלחה הייבט אָן צוצושפּילן, גייט עס אַוועק מיט אַלעמען. בן־ציון איז נישט געווען דאָס אײנציקע בחורל, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל אָן אַ תּכלית. געווען היפּש באַלעבאַטישע קינדער, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג אין לעבן און נישט געפֿונען. שטודירן האָבן נישט אַלע געקענט צוליב דער „פּראָצענט־נאָרמע"; שיקן אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע מיט „פּראַוועס" איז געווען אָן עסק פֿאַר נגידים און דאָס אויך נישט פֿאַר אַלע; ווערן אַ בעל־מלאָכה — האָט דער פֿאַלשער שטאָלץ נישט דערלויבט. האָט

מען זיך געמוטשעט. מען האָט זיך געוואָרפן אויף לייכטע און „ריינע״ פּראָ־פעסיעס: די פּראָסטערע — צו זייגערמאַכעריי, שמוקלעריי, פאָטאָגראַפיע, אַפילו שערעריי איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מלאָכה נקיה וקלה... די מער געבילדעטערע האָבן זיך געלערנט בוכהאַלטעריע, וואָס מען האָט געקענט לער־נען אויך דורך קאָרעספּאָנדענץ, אָדער ביי מ. י. מאַרק אין ליבאַווע, אָדער ביי מ. וואַלטשאַנעק אין פּאָלטאַווע.

מענדל געהילפהענדלער, מיט וועמען בן־ציון איז געזעסן ביים שיעור גמרא אין די פרייע פּאַרטאָג־שעהן, האָט געהאַט פון זיין ערשטער פּרוי אַ בחורל זיאַמע, וואָס האָט אויך געלערנט בוכהאַלטעריע ביי מ. וואַלטשאַנעק. דאָס לערנען איז אים אָנגעקומען נישט גרינג; ער האָט געוואָלט האָבן אַ חבר, וואָס זאָל אים צוהעלפן און בן־ציון איז געוואָרן דער חבר.

געלערנט האָט מען פליסיק: די חכמת בוכהאַלטעריע איז נישט מי יודע וואָס פאַר אַ טיפע „וויסנשאַפט״. איז מען ווי עס איז דורכגעקראָכן. אָבער נאָכן דורכמאַכן דעם קורס, האָט מען געדאַרפט באַלייגן עקזאַמען, אויך אַ שריפטלעכן און אויך אונטער די אויגן. און מען פלעגט צושיקן דעם שילער אַ רייע פראַגעס, ער זאָל זיי לייזן. דאָ האָט שוין בן־ציון נישט געהאַט וואָס צו טאָן; ער איז דאָך נישט געווען קיין שילער. ארויסהעלפן זיאַמען האָט מען נישט געטאָרט און, אגב, וואָלט עס דאָך נישט גענוצט. ער מוז דאָך טאַקע וויסן, אויף ווי וויט ער קען די פּראָפעסיע. מיט אַן אַטעסטאַט אַליין קען מען דאָך קיין בוכהאַלטער נישט ווערן; איז בן־ציון געבליבן ווי אויף דער מילכיקער באַנק...

דאַרף זיך גראָד מאַכן, אַז איינע פון די פּראָבלעמען זאָל זיאַמע בשום אופן נישט קאָנען לייזן. עס איז טאַקע געווען אַ היפּש פאַרפּלאָנטערטער ענין; אָבער אויך אָן דעם פּראָבלעם האָט ער געהאַט געגוג פונקטן אויף דורכצו־מאַכן דעם עקזאַמען. האָט ער פאָרגעלייגט בן־ציונען אַ פּלאַן: ער וועט אים לאָזן מאַכן די פּראָבלעם און אין זיין נאָמען אים צושיקן צו פּראָפ׳ וואַל־טשאַנעק, וואָס איז מאחינו בני־ישראל. אפשר וועט ער באַוויליקן צוצושיקן אייך פאַר בן־ציונען אַן אַטעסטאַט.

און כך־הווה: די פּאַפּירן זענען אַוועק קיין פּאָלטאַווע; פּראָפ׳ וואַלטשאַ־נעק איז גאָר נתפעל געוואָרן פון דער אייגנאַרטיקער לייזונג, וואָס בן־ציון האָט געפונען פאַרן פּראָבלעם. האָט ער זיך ביי זיאַמעס פאָטער צעפרעגט, ווער און וואָס ס׳איז דער יאַט, און, הפנים, אַז דער ענטפער איז געווען אַ גוטער, ווייל אין אַ שיינעם טאָג האָט בן־ציון דערהאַלטן אַ בריוו פון פּראָפ. וואַלטשאַנעק, אַז אויב ער וועט אים צושיקן איין רובל, וועט ער אים שיקן אַ דיפּלאָם פון די נייע מיטן שטעמפּל פון דעם מעדאַל, וואָס וואַלטשאַנאַק

האָט באַקומען פאַר זײַן מעטאָד צו לערנען בוכהאַלטעריע אונטער די אויגן.

איז אויך דער רובל אַוועק קיין פּאַלטאַווע און פון דאָרט איז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אָנגעקומען אַן אַטעסטאַט אַ צאַצקע, אין וועלכן עס האָט זיך בפירוש געזאָגט, אַז פלוני בן פלוני האָט דורכגעמאַכט אַ קורס אין בוכהאַל־טעריע לויט דער סיסטעם וואַלטשאַנאַק און האָט אַ ידיעה אין בוכפירונג.

עס איז נישט געווען קיין אַטעסטאַט פון אַ לעגאַל־אָנערקענטער אינס־טיטוציע; עס איז געווען אַ פּריוואַטער אַטעסטאַט, אָן קיין שום אָפיציעלן ווערט, אָבער פאָרט אַן אַטעסטאַט, דער טעקסט געדרוקט מיט גאָלד, דער נאָ־מען אָנגעשריבן קאַליגראַפיש, מיט אַ צווייקעפּיקן אָדלער פון פּראָפ׳ וואַל־טשאַנאַקס מעדאַל. אין קלײנעם שטעטל האָט עס געמאַכט אַ רושם. שכנים און גוטע פרײַנט האָבן אָפּגעגעבן מזל־טוב: „אײער בחור איז שוין אַ פּאַר־זאָרגטער".

האָבן זיך די אָרעמע עלטערן אַוודאי געפרײט, אָבער אויפן וועג צו בוכהאַלטעריע איז געלעגן די סכנה פון חילול־שבת. ס׳עגלמעסיקע בוכהאַל־טעריע איז דאָך געפירט געוואָרן נאָר אין גרעסערע געשעפטן און דאָרטן האָט מען שוין נישט אַזוי געקוקט אויף שמירת־שבת. און מאַכן אַ קינד פאַר אַ מחלל שבת האָבן טאַטע־מאַמע בײַ זיך נישט געקאָנט פועלן. איז אַלץ גע־בליבן די האַרבע קשיא:

— וואָס וועט פאָרט זײַן דער תכלית פון אים?...

קאַפּיטל 26

צום פּעטער אין דאָרף

צען טעג אין סיון האָט בן־ציון געדאַרפט אַלט ווערן זעכצן יאָר. אָבער מיט אַ חודש צוריק איז געקומען צוגאַסט דער פּעטער מאָשע (משה), אַן עלטערער ברודער פון פאָטער, וועלכער איז געווען האַלב־מלמד, האַלב־סוחר אין אַ גרויסן דאָרף, אַ זיבעציק וויאָרסט פון בן־ציונס וווינאָרט. די ברידער האָבן זיך זעלטן װען איבערגעשריבן, נאָך זעלטענער פלעגט מען פאָרן איינער צום צווייטן צו־גאַסט: קאַלטע ליטוואַקעס, און ווען זענען אַזעלכע „נאָר־רישקייטן" געלעגן אין זינען? דער פעטער „מאָשע" פלעגט אַפילו יאָ ווען־נישט־ווען „אַראָפּפאַלן" צום יינגערן ברודער, אָבער נאָר פאַרבייפאָרנדיק, „בין פאַיעזד לפאַיעזד", ס'הייסט אויף אַ פּאָר שעה, צווישן איין צוג און דעם צווייטן. ער פלעגט מערסטנטייל קומען אָדער שפּעט ביינאַכט אָדער פרי פאָר־טאָג, אויפרודערן די גאַנצע שטוב. עס פלעגט ווערן אַ שמחה: דער פעטער מאָשע איז דאָ! פלעגט מען שטעלן דעם סאַמאָוואַר, קליינוואַרג פלעגט קלעפּן אַרום גאַסט; ערשטנס, אַ פעטער, און צווייטנס, די פּאָר קאָפּיקעס וואָס ער פלעגט אַלעמאָל לאָזן לעצט־געלט. די ברידער פלעגן זיצן און שמועסן, און אַזוי פלעגט זיך עס רודערן אַ פּאָר שעה ביז דער באַלעגאָלע פלעגט אָנקלאַפּן, צייט פאָרן צום באַן, און דער גאַסט פלעגט אַוועקפאָרן. אָפּטער פלעגט זיך חברה ווידער לייגן שלאָפן און אויפשטייענדיק אינדערפרי, דערמאָנען זיך אין גאַנצן ענין ווי אין עפּעס אַ זיסן חלום. אָבער די „קלינגערס" האָבן עדות געזאָגט, אַז עס איז נישט געווען קיין חלום, נייערט אַ זיסעווירקלעכקייט, און וואָכן האָבן געמוזט פאַרגיין ביז חברה פלעגט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם באַזוך.

דאָס מאָל איז פעטער מאָשע געקומען נישט מפאַיעזד לפאַיעזד, נאָר אויף אַ פּאָר טעג; ער מוז געפינען אַ לערער פון רוסיש פאַר זיין חדר אין דאָרף. די מחלה פון „רוס" האָט זיך לאָ־עלינו געשטאַרקט, באַלעבאַטים ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן קאָנען לייענען און שרייבן רוסיש, אַביסל חשבון, קיין גרויסע געלערנטקייט דאָרף דער לערער נישט האָבן, אָבער אַ לערער מוז זיין. עס איז אַוועק אַ טאָג און צוויי, און קיין פּאַסיקער קאַנדידאַט האָט זיך נישט אָפּגעפונען. אָדער די „סחורה" איז קיין „סחורה" נישט, אָדער דער פּרייז איז צו־הויך. אין שטוב איז דערווייל געווען ווי אַ מין חול־המועד;

עפּעס יום־טוב און נישט יום־טוב. די טעג איז מען געווען פּאַרנומען, אָבער אין די אָוונטן איז אין אָרעמען שטיבעלע געווען ליכטיק און אויפגערוימט. מען האָט געגעסן אַ בעסערן ביסן, געטרונקען טיי מיט איינגעמאַכטס, זיך משמח געווען מיטן גאַסט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט פאַרן גאַסט זיך באַרימט מיט בן־ציונס „אַטעסטאַט", און דאָ איז פעטער מאַשע געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ווי באַלד אַז „רוס" קאָן ער, און אַפילו בוכהאַלטעריע, איז אפשר וואָלט ער טאַקע געוואָרן אַ לערער פון רוסיש ביים פעטער אין חדר? וווינונג און קעסט ביי די באַלע־באַטים, צו צוויי וואָכן אין יעדן הויז, און אַ גאַנצן פּופּציקער פאַרן זמן. און אַז פעטער מאַשע האָט אַרויסגענומען אַ מזומענעם פּופּציקער און באַצאָלט פּאָרויס פאַרן גאַנצן זמן, און צוגעזאָגט אַ הוספה פון קליינגעלט, טאַשן־הוצאות פאַר בן־ציונען, איז דער שידוך געוואָרן געשלאָסן און בן־ציון איז למזל געוואָרן אַ זעלבסטגעקרוינטער לערער פון רוסיש; אַי וואָס, ער האָט נאָך אויסגעזען גאָר קינדיש, און זיינע קענטעניש זענען אויך נישט געווען מי יודע ווי גרויס, איז — „עט!", נאָ דיר אַ פּיאַטאַק פאַר זייער גאַנצער תורה.

בן־ציון האָט נישט געוווּסט צי זאָל ער טרויערן וואָס ער ווערט אָפּגע־ריסן פון דער היים, צי זאָל ער זיך פרייען וואָס ער פאָרט אין דער גרויסער וועלט אַריין. איין זאַך האָט ער געוווּסט אויף זיכער, אַז ער הייבט נישט אָן צו וויסן ווי אַריינצוקריכן אין ענין לערעריי. פון פּעדאַגאָגיק האָט ער נאָך דאַן קיין אַנונג נישט געהאַט, אַפילו דעם נאָמען נישט געוווּסט, איז ער אַוועק נאָך ראַטונאָק צו פיליפּ פיליפּאָוויטש. יענער האָט אים דווקא דערמוטיקט: „ניע סוויאַטיע גאָרשקי ליעפּיאַט" — נישט קיין הייליקע מאַכן טעפּ. ער אַליין האָט אויך אָנגעהויבן צוהעלפן זיין פעטער, דעם לערער, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ שטיקל מומחה. ס'איז דאָ צו דעם אַ סגולה. בייטאָג לערנט מען מיט די תלמידים, ביינאַכט לערנט מען מיט זיך אַליין, מען גרייט צו די לעק־ציעס אויף מאָרגן. ער האָט געגעבן בן־ציונען אַ רשימה פון די ביכלעך וואָס מען לערנט אין די ערשטע גראַדן און אים געוווּנטשן דערפאָלג. די חברים האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען. פיליפּ פיליפּאָוויטש האָט בן־ציונען עטלעכע מאָל גאַנץ שטאַרק אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע. דערביי געשמייכלט זאָגנדיק: עלע־היי איך מאַך דיר פאַר אַ ריטער צו פאַרשפּרייטן רוסישע קולטור צווישן דיינע גלויבנס־גענאָסן. נו, „ס'באָגאָם", ס'הייסט: פאַר־געזונט! אָפּגעזעגנט זיך מיט טאַטע־מאַמע, מיט די שוועסטערלעך און איינציקן ברודער, מיטן שטעטל און די פּאָר חברים, איז בן־ציון נאָכאַמאָל אַרויס אין דער גרויסער וועלט, דאָס מאָל שוין אויף אייגענער אַחריות.

פאַרן האָט מען געדאַרפט אַ וויאָרסט זיבעציק, אַ טייל מיטן צוג, אַ טייל

מיט דער אַקס. עס איז געווען פריִער פרילינג, פעלדער האָבן געגרינט, הימ־לען האָבן געבלויט, די לופט איז געווען מחיהדיק, די זון האָט געוואַרעמט, אַלץ אַרום האָט געזונגען, איז אויפן האַרצן געווען אויפגעלייגט. בן־ציון איז אַרויס איינעמען זיין וועלט...

דאָס דאָרף וווהין ער איז אָנגעקומען איז געווען גרויס, נאָר האַלב־פאַר־שלאָפן, ווייט פון אַן אייזנבאַן, איז עס געלעגן ווי פאַרטייעט צווישן די ברייטע, אומענדלעכע, עטוואָס געפאַלדעוועטע פעלדער, געשלומערט ביים ברעג פון אַ פליסנדיקן טייכל, וואָס האָט שטיל געראָישט, וואָס ס׳וואָלט גע־פלאַפּלט סודות פון ווייטע מקומות, אָדער אפשר גאָר פאַרוויגט דאָס דאָרף אין זיין שטענדיקן דרימל.

די ערשטע טעג אין חדר זענען צוגעגאַנגען שווערלעך. עס זענען פיר כתות: צוויי האָבן געלערנט אינדערפרי יִידישע לימודים און בייטאָג רוסישע, די אַנדערע צוויי, פאַרקערט. די ידיעות פון די תלמידים אין רוסיש זענען גע־ווען קנאַפּע, פיל קלענערע פון דעם וויסן פון אימפּראָוויזירטן לערער; אַזוי אַז אַ פּאָר פון די העכערע ביכלעך וואָס פיליפּ פיליפּאָוויטש האָט רעקאָמענ־דירט בן־ציונען און בן־ציון האָט איינגעקויפט, זענען געווען איבעריק און מיט די אַנדערע האָט ער זיך גאַנץ פיין ספּראַוועט. ער האָט ממש אָנגעקוואָלן פון זיך אַליין: מיטאַמאָל געוואָרן אַ גאַנצער מענטש.

שבת איז בן־ציון געגאַנגען מיטן פעטער אין שיל: מען האָט אים מכבד געווען מיט מפטיר. די פּשוטע דאָרפס־יִידן האָבן גאָר אָנגעקוואָלן וואָס דער לערער פון „רוס" איז באַהאַוונט אין די דראָבנע אותיות. בן־ציון האָט זיך דערפילט גאָר גאָר דערהויבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטערעסאַנטע צייט. ביינאַכט צוגרייטן די לעקציעס און פאַרזעצן די זעלבסט־בילדונג; בייטאָג לערנען מיט די תלמידים און אַלע מאָל צוטראַכטן נייע אופנים ווי צו מאַכן פאַר זיי דאָס לערנען לייכט און אינטערעסאַנט. בן־ציון האָט ביסלעכוויַיז אַנטדעקט די פּעדאַגאָגיע. ווען ער האָט זיך שפּעטער איינגעשאַפּט אַ לערן־בוך פון דער חכמה, האָט ער גע־זען אַז היפּש פון דעם וואָס דאָרט ווערט געלערנט, האָט ער פריִער אַליין דערגרונטעוועט מיט די אייגענע כוחות.

געוווינט צו אַ בלאַט גמרא, ווען אַפילו אַ לייכטן, אָדער צו אַ קאַפּיטל תנ"ך, צי גאָר אַ האַרבן שיר פון יל"ג, האָט בן־ציון ווייניק געהאַלטן פון דער „תורה" וואָס ער האָט געדאַרפט לערנען מיט זיינע תלמידים. און טאַקע, באמת, וואָס פאַר אַ חכמה שטעקט אין דעם קורצן קינדער־לידל, וואָס ער האָט געלערנט די יונגע תלמידים זיינע און האָט עס פאַרגעדענקט אויף זיין גאַנץ לעבן.

קאטיק מאכנאטי פא סאדיקו בראדיט,
קאַזיאַל באַראַדאַטי זא קאטיקאם בראַדיט.

אויף יידיש האָט עס בן־ציון איבערגעזעצט אַזוי:

אַ קעצל אַ האָריקס שליאָנדערט אין סעדל,
עס גייט נאָך דאָס קעצל, אַ צאָפּ מיט אַ בערדל.

פאַר פעטער מאָשע זענען די ווערטער „קאטיק מאכנאטי", געוואָרן די באַצייכענונג פון אַלע רוסישע לימודים. אַז ער איז בקי אין גאַנץ „קאטיק מאכנאטי", פלעגט ער זיך וויצלען מיט סאַרקאַזם איבער די וואָס האָבן צופיל שטאָלצירט מיט „רוס".

נאָך צוויי וואָכן זיין צו־גאַסט ביים פעטער מאָשע, איז בן־ציון אַריבער אויף קעסט צו אַ פאַרמעגלעכן באַלעבאָס, וווּ ער האָט געהאַט אַ פיינעם צימער און אַ זאַטן טיש. פלעגט ער זיצן אין די שעהן פון פאַרנאַכטיקן אומעט, אָפּ־רוען פון דער אַרבעט פון טאָג, אַריינקוקן אין אַ ספר אָדער בוך, צוהערן זיך צום פליסטער פון טאָג וואָס פאַרגייט, אַמאָל טרוימען און פאַנטאַזירן.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט בן־ציון דערהערט אַ כאָר־געזאַנג פון די ווייטע דאָרפישע גאַכן, אַ כאָר פון שקצים מיט שיקסעס האָבן געזונגען אַ טרויעריק נאָר טראַציק ליד. צוגעהערט זיך און אויפגעכאַפּט די ווערטער, האָט בן־ציון פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנער ליד.

טרודנאָ בראַטצי נאָם זשיוויאַטסיאַ
נאַ רוסי סוויאַטאי
קאַזשדי שאַג נאָם דאסטאיאַטסיא
ראקאַוואי באַרבאי

אויף יידיש מיינט עס:

שווער ברידערלעך, דאָס לעבן אונדזערס
אין דער הייליקער מוטערל רוסלאַנד.
יעדער שריט פאָראויס, קומט אָן
מיט געראַנגל גורלדיקן.

און ווייטער:

ווסיא טשטאַ פּאַדלא אי פּאַלשיווא
פראַוויט ווסיעי סטראַנאי
אַ טשטאַ טשעסטנאַ אי ספּראַוועדליווא
טאַפּטשעסטסיא נאגאי.

אויף ייִדיש:

אַלץ וואָס איז פֿאַלש און נידעריק
רעגירט און פֿירט דאָס לאַנד.
און דאָס אמתע און ריכטיקע
ווערט געטראָטן מיט די פֿיס.

דאָס דאָרף איז געלעגן אַביסל אין אַ זייט פון די גרעסערע ישובים. דער „סטאַן" צו וועלכן עס האָט געהערט איז געווען אַ וויאָרסט צוויי־דריי פון דאָרט. אויפן אָרט איז געווען בלויז אַן אוראַדניק (פּאָליציייִשער אונטעראָפֿיציר) און עטלעכע רייטער־פּאָליציאַנטן, האָט מען זיך געקאָנט פֿאַרגינען אַראָפּזונגען פון האַרצן. עס איז שוין געווען נאָכן דורכפֿאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905, אין די דערפֿער האָבן נאָך געטליִעט פֿונקען, וואָס וועלן זיך שפּעטער צעפֿלאַקערן אין פֿלאַמען, וואָס וועלן פֿאַרצערן דעם ווייסן צאַריזם, נאָר בכדי אַריינצופֿאַלן אונטערן יאָך פון רויטן צאַריזם. בן־ציון האָט זיך איינגעהערט אין ליד און געטראַכט זיינע מחשבותן: און אונדז, ייִדן, לעבט זיך לייכט?...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער באַלעבאָס, ביי וועמען בן־ציון איז געווען אויף קעסט, געקומען מיט אַ פֿאָרשלאָג. ער האָט אַ טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, וואָס עס פּאַסט שוין נישט צו שיקן אין חדר. וואָלט אפשר דער לערער מסכים געווען צו געבן איר אַ פּריוואַטע לעקציע אין רוסיש? ער וויל עס ח"ו נישט אומזיסט. פֿאַרשטייט זיך אַז בן־ציון האָט מסכים געווען און די לעקציעס האָבן זיך אָנגעהויבן. דאָס מיידל איז געווען אַ שטילע, אַ בנימוסע, אַ פֿלייסיקע, זי האָט געמאַכט שנעלן פֿאָרשריט און דער יונגער לערער האָט גאָר אָנגעקוואָלן.

מיטאָמאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער איז דאָ אַריינגעפֿאַלן אין אַ צרה. ער האָט גאָרנישט געוווּסט אַז אין דאָרף איז פֿאַראַן אַ צווייטער לערער פון רוסיש, אויך אַ ייִדישער יונגערמאַן, אַביסל אַן עלטערער פון בן־ציונען. ביי וועמען די שילערין האָט פֿריִער געלערנט, הייסט עס אַז בן־ציון האָט משיג־גבול געווען — צוגענומען אַ שילער ביי אַ קאָלעגע; שלעכט, וואָס טוט מען דאָ? דער צווייטער לערער האָט געוווינט ביי זיינע קרובים, פֿאַרמעגלעכע מענטשן. אַרום אים האָט זיך געשאַפֿן אַ קרייז יוגנט, צו וועלכן בן־ציון וואָלט גערן צוגעשטאַנען. אָבער, ווי קען מען עס איצט טאָן, ווען ער איז יענעם אַריינגעקראָכן אין דער פּרנסה?...

ביז וואָס ווען האָט דער צווייטער לערער אויפֿגעהויבן אַ שטורעם קעגן בן־ציונען. אַזאַ „מאַלטשישקאַ!" (ייִנגל), אַזאַ „מאַלאָקאָסאָס!" (שנעק), אַזאַ

„ניעוויעזשאַ״ (איגנאָראַנט). אַט האָט מען אַליין געפונען אַ העפט פון בן־ציונס אַ תלמיד מיט אַ גרייז אין אַ וואָרט: אַ „יע״ אַנשטאָט „יאַטי״, מסתמא האָט דאָס לערערל אַפילו נישט געוווּסט אַז עס איז אַ גרייז... און, אַט, שיקט ער אים מאָרגן אַריין אַ „זאַדאַטשע״ (אַריטמעטישע פּראָבלעם), און לאָמיר זען צי ער וועט זי קענען מאַכן.. אַלץ איז דערגאַנגען צו בן־ציונען, ער האָט געהערט און געשוויגן... די טענות זענען טאַקע געווען נישט קיין גערעכטע, אָבער דער פאַקט וואָס ער האָט געהאַנדלט נישט חברלעך צו אַ קאָלעגע האָט אים געקרענקט; און ווי קריכט מען דאָ אַרויס פון דער בלאָטע? — שלעכט...

די צוויי וואָכן קעסט ביים באַלעבאָס וואָס האָט בן־ציונען אַריינגעפירט אין פלאַנטער, זענען פאַריבער. ער איז אַריבער צו אַ צווייטן באַלעבאָס, אַ יידן אַ מעקלער און אַ דריי־קאָפּ, וואָס האָט געהאַט צוויי יינגלעך אין חדר און אַ דערוואַקסענע טאָכטער, אַ שילערין אויף פעלדשער־קורסן, וואָס איז גראָד געקומען אַהיים צו גאַסט אויף אַ קורצער צייט. די פריילין האָט דעם יונגן לערער דווקא אויפגענומען פריינטלעך, אָפט געשמועסט מיט אים, געגאַנגען שפּאַצירן איבער די גאַסן פון דאָרף אין די שטילע שמעקנדיקע אָוונטן. בן־ציון האָט געפילט אַז זי זוכט אים צו פאַרהערן, האָט ער זיך געפלייסט, אַביסל געפיבערט פון די ערשטע אָוונט־שפּאַצירן מיט אַ דערוואַקסענער פריילין און צוקונפטיקע פעלדשערין דערצו, האָט ער געהיט אַז זיין רוסיש זאָל זיין אָן דער קלענסטער פּגימה.

די פריילין איז הפנים פון דעם עקזאַמען געבליבן צופרידן, ווייל זי איז אַריבער אויף ערנסטע שמועסן, פּאָליטישע טעמעס, מען האָט אויך באַרירט די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע אין וועלכער בן־ציון איז נישט געווען פרעמד; האָט ער פאַרטיידיקט דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, אונטערגעשטראָכן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם. זיין מיטשמועסערין האָט זיך אויסגעלאַכט: יידן זענען נישט קיין נאַציע, אַפילו נישט קיין פאָלק, זיי האָבן נישט קיין רעכט אויף נאַציאָנאַלן קיום. נאַציעס זענען נאָר די פעלקער, וואָס האָבן אַ באַזונדער טעריטאָריע. פאַראַן אַ נאַציאָנאַליזם פון באַדריקער, דער רוסישער, למשל. ער איז אָפשיילעך; אָבער פאַראַן דער נאַציאָנאַליזם פון אונטערדריקטע פעלקער, ווי דער אוקראַאינישער, למשל, און פאַר אים דאַרף מען קעמפן. דאָ איז אוקראַאינע, דאָ דאַרף מען רעדן די אוקראַאינישע שפּראַך, טראָגן אוקראַאינישע נעמען. אָט, למשל, איז איר נאָמען אויף יידיש שיינדל, אויף רוסיש רופט זי זיך סאָניאַ; אָבער זי איז בעיקר שטאָלץ אויף איר אוקראַאינישן נאָמען „יאַרינאַ״... דער שמועס איז אַריבער אין אַ הייסן וויכוח, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דער פריינדשאַפט, אדרבא, בן־ציון האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז זיין פעסטע

שטעלונג רופט אַרויס ביי זיין אָפּאָנענטין אַ מין דרך־ארץ — איז ער דערמיט געוועזן שטאָלץ פאַר זיך גופא.

אין איינעם אַן אָוונט האָט זיך דאָס שפּאַצירנדיקע פּאָרל אָנגעטראָפן מיטן צווייטן לערער, וואָס האָט פאַרטיפט אין רעיונות אַליין אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן פון דאָרף. די פריילין האָט פאָרגעשטעלט די לערער איינעם פאַרן צווייטן. בן־ציון האָט גלייך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו בעטן אַנטשולדיקונג פאַר דעם השגת־גבול וואָס ער איז באַגאַנגען אומוויסנדיק. ער האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט צו באַקענען זיך פערזענלעך מיטן עלטערן קאָלעגע, צו וועמען ער האָט אַרויסגעוויזן דעם פולסטן דרך־ארץ. דער קאָנפליקט איז געווען געלייזט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער צווייטער לערער איז אויך געווען נאַציאָנאַל־יידיש געשטימט, איז מען דאָך שוין אויך חברים לדעה. ביי אַ געלעגנהייט האָט דער עלטערער קאָלעגע כלומרשט פאַרהערט זיין יינגערן פריינד אין מאַטעמאַטיק. ווען בן־ציון האָט שנעל און אַז מי געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגעס, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער אַליין איז אַביסל שטומפּיק אין העכערער אַריטמעטיק און ער וועט זיין צופרידן ווען זיין יינגערער קאָלעגע וועט אים אַרויסהעלפן אין אַ נויט, נאָר בסוד.

דער סכסוך איז שנעל פאַרגעסן געוואָרן. צווישן ביידע יונגע מענטשן האָט זיך איינגעשטעלט אַ פריינדשאַפט. דאָס רויִקע דאָרפס־לעבן איז אַוועקגעפלאָסן אין נאָך רויִקערע שטימונגען.

קאַפּיטל 27

אין סאָד פון „פּאָפּעטשיטעלסטוואָ"

אין איינעם אַ שבת איז אין דאָרף געקומען צו גאַסט אַ לערער פון אַ נאָענטער שטעטל, אַ יונגערמאַן אין די פריִע צוואַנציקער, אַ זשוואַווער, אַ לוס־טיקער, אַ דערציילער פון אַנעקדאָטן און זינגער פון רוסישע לידער, אַ דעקלאַ־מאַטאָר און אַ סאָציאַליסט; הכלל, אַ בריה אין אַלע הינזיכטן; האָט ער ממש געמאַכט אַ פוראָר צווישן דער יוגנט פון דאָרף.

נאָכמיטיק איז אַ גאַנצע חבריא און בן־ציון בתוכם אַוועק צום ברעג פון פלייצנדיקן טייכל, אין אַן אָרט ווו עס האָט זיך געפונען אַ קליינער וואַסער־פאַל. דער גאַסט איז, פאַרשטענדלעך, געוואָרן דער צענטער פון אויפמערקזאַמ־קייט. דאָס מויל האָט זיך אים נישט צוגעמאַכט אויף קיין רגע. ער האָט גע־האַלטן אין איין רעדן און דערציילט וווּנדערים פון דעם מקום ווו ער איז לע־רער; אַז ער באַגרייפט גאָרנישט ווי קען מען עס לעבן אין אַזאַ העק ווי אָט דער דאָרף!? זיין שטעטל איז דאָך ממש אַ גן־עדן אין פאַרגליך מיט דער „זאַכאַ־לוסטיע" (העק). קודם־כל איז ז יי ן שטעטל פיל גרעסער, עס איז שוין נישט קיין „מיעסטיעטשקאָ", קליינע שטעטל, נאָר אַ „פּאָסאָד", ס'הייסט כמעט אַ שטאָט, ווען אַפילו אַ קלענערע. דערצו זענען פאַראַן פון צוויי זייטן צוויי יידי־שע קאָלאָניעס, אמתע קולטור־צענטערס. היינט, וואָס האָט די ווערט דער סאָד פון דער „פּאָפּעטשיטעלסטוואָ"? אַ פּרעכטיקער פּאַרק מיט פּשוטעביימער און אויך פרוכט־ביימער, מיט אַלייען, ווו יוגנט שפּאַצירט, מען דיסקוטירט. „אַי טאַק דאַליעי", ס'הייסט און אַזוי ווייטער, דאָס איז „פּאָ קראַיניעי מיעריע" — ס'הייסט לכל הפחות, אַ לעבן! און אינגאַנצן דריי וויאָרסט פון דעם דאָרף.

פון דעם גאַנצן שמועסט האָט בן־ציון נישט פאַרשטאַנען, ווי קומט אין די מקומות אַ „פּאָפּעטשיטעלסטוואָ". ער האָט געוווּסט פון אַזאַ אַמט פאַר אַ בילדונגס־קרייז (אוטשעבני אָקרוג), ווי זשע קומט אַזאַ הויכער אַמט אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם געגנט? און וואָס פאַר אַ שייכות מיט דעם אַלעמען האָט אַ גרויסער פּאַרק? עפּעס מוז דאָך זיין דערביי. געוווּנטשן צו פרעגן וואָס ער ווייסט נישט, האָט בן־ציון געשטעלט אַ פראַגע דעם גאַסט. יענער האָט זיך אָבער אויסגעדרייט מיט אַ וויץ. אים אינטערעסירט נישט די „פּאָפּעטשיטעלסטוואָ", נאָר דער סאָד, און, נאָך מער... די מיידלעך וואָס שפּאַצירן דאָרט מיט אים... האָט שוין בן־ציון פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף נישט פרעגן.

אין אָוונט האָט עס בן־ציון געפרעגט זיין פעטער, און דער אַלטער מלמד האָט גראָד יאָ געוווּסט אין וואָס עס גייט. ניקאָליי דער ערשטער, דער צורר ימ״ש, האָט דאָ געגרינדעט אַ ריי יידישע קאָלאָניעס. די כוונה איז געווען — מיט דער צייט אָפּצושמדן די יידן, אָבער דערווייל האָט מען דאָך געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דער קאָלאָניזאַציע, האָט ער באַשטימט אַלס משגיח (פּאַפּע־טשיטעל) דעם גענעראַל סאַמאָוו, וואָס יידן דערמאָנען אים צום גוטן, ווייל ער איז צו זיי געווען נישט שלעכט. אין זיין רעזידענץ, נאָענט פון שטעטל, וועגן וועלכן דער גאַסט האָט דערציילט, האָט דער גענעראַל אויסגעבויט אַ פיין פּריי־ציש פּאַלאַצל, פאַרפּלאַנצט אַרום אַ גרויסן פּאַרק. די קאָלאָניזאַציע האָט מען שפּעטער אָפּגעשטעלט, גענעראַל סאַמאָוו איז געשטאָרבן (אויף אַזאַ איינעם טאָר מען נישט זאָגן „געפּגרט״), דאָס הויז איז זיך צעפאַלן, נאָר דער פּאַרק איז געבליבן און די ביימער זענען פאַר די 60־50 יאָר געוואָרן שטאַמיקער און צעצווייגטער; אין די הייסע זומער־טעג איז עס ממש אַ נחת אָפּצורוען אין זייער שאָטן. דער פּאַרק איז אָפן פאַר כל דכפין, און איז געוואָרן אַ שפּאַציר־פּלאַץ פאַר יידן און, להבדיל, גוים, אָבער אוודאי קומען מער יידן...

בן־ציונען איז דער עסק געפעלן געוואָרן. דריי וויאָרסט פון דאָרף שטראָמט אַ פול יידיש לעבן, פאַראַן יידישע קאָלאָניעס, און ער האָט פון דעם אַלעמען גאָר קיין אַנונג נישט געהאַט!... איז ער טאַקע באַלד, דעם ער־שטן פרייטיק נאָכמיטיק אַוועק אין די נייע מקומות, אין „פּאָסאַד״ ווו פעטער מאָשע האָט געהאַט אַ שוואָגער, מומע פייגעס אַ ברודער, אין הויז פון וועלכן בן־ציון איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ גוטער גאַסט.

אַלץ איז טאַקע געווען ווי יענער בחור האָט דערציילט. דער „פּאָסאַד״, די קאָלאָניעס, דער פּאַרק, דער שפּאַציר. אָבער, צופעליק, האָט בן־ציון גע־פונען אין פּאַרק עטוואָס אַזעלכעס, וועגן וואָס דער בחור האָט נישט געקענט דערציילן. ער האָט זיך אויפן שפּאַציר אין פּאַרק באַגעגנט מיט אַ חבר פון זיין שטעטל, וועמענס עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין פּאָסאַד. דער חבר האָט געהערט צו נישט קיין מיוחסדיקער, נאָר צו אַן „אַריסטאָקראַטישער״ משפּ־חה. אין שטוב האָט מען גערעדט נאָר רוסיש; מיט יידן און יידישקייט האָט מען ווייניק שייכות געהאַט, דאָך זענען די יינגלעך געגאַנגען אין אַ חדר, — זאָלן זיי וויסן „אַן אַלף פאַר אַ צלם״, און אַזוי האָט זיך בן־ציון באַקענט מיט איינעם פון די יאַטן, אַ בחורל עלטער פון אים מיט אַ פּאָר יאָר. אין היימישן שטעטל איז די פריינדשאַפט געווען אַ גאַנץ לעבלעכע, אָבער אין דער „פרעמד״ האָט מען זיך גאָר דערפרייט איינער מיטן צווייטן, ממש לויטן רוסישן ווערטל: „נאַ טשוזשאָי סטאָראָנושקיע, ראַד סוואָיעי וואָראָנושקע״ — אין דער פרעמד דערפרייט מען זיך אַפילו מיט אַן אייגענער וואָראָנע.

מען האָט זיך גענומען צעפּרעגן אײנער בײם צװײטן, און בן־ציון האָט זיך דערװוּסט, אַז זײן חבר גרײט זיך שױן צום עקזאַמען פאַרן פינפטן קלאַס גימנאַזיע, די ערשטע פיר איז ער שױן אַדורך. עס גרײט אים צו אַ ייִדישער בחור, אַ סטודענט, ס'הײסט כמעט אַ סטודענט, עס פעלט אים בלױז דער „אַטעסטאַט זריעלאָסטי" (מאַטורע); און סיאָמע גרײט זיך צו גײן איז די דרכים פון זײן לערער: פאַרענדיקן גימנאַזיע, און, הײדאַ קײן אױסלאַנד! שטודירן אין אוניװערזיטעט, אין רוסלאַנד איז דאָך „פּראָצענטנאַיאַ נאָרמאַ"...

מען איז אַװעק צו סיאָמען אַהײם אין זײן באַזונדערן צימער. בײ בן־ציונען זענען זיך ממש די אױגן צעלאָפן, דערזעענדיק פאַר אַמאָל אַזױ פיל ביכער צום לערנען און צום לײענען. אין אײניקע פון זײ האָט שױן בן־ציון געהאַט אַ שטיקל ידיעה, אָבער אין די אַנדערע האָט ער געקוקט װי אַ האָן אין בני־אָדם, און האָט זיך דערפון געפילט זײער שפל.

סיאָמע איז גראָד געװען אַ גוטהאַרציקער. ער האָט דערפילט װאָס עס קומט פאָר בײ בן־ציונען אין דער נשמה. האָט ער אים אַלײן פאָרגעשלאָגן צו זײן באַהילפיק אין זײנע שטרעבונגען. קודם־כל האָפט סיאָמע, אַז זײן לערער װעט גאָרנישט האָבן דאַקעגן אַז בן־ציון זאָל בײזײן די לעקציעס װי אַ צו־הערער, װען נאָר ער װעט קענען. סיאָמע אַלײן װעט אים בײ זײערע באַגעג־גענישן איבערגעבן ידיעות, ער איז אױך גרײט אױסצולײען אים די לערן־ביכער פון די נידעריקערע גימנאַזיע־יאָרן, װאָס ער האָט שױן דורכגעמאַכט. בן־ציון האָט דערפילט אַז אין אים גײט אױף אַ גרױסע פרײד, כאָטש עס איז אים שװער געװען צו באַגרײפן, װי װעט ער עס אַלץ קענען מאַכן, אַז צװישן בײדע חברים ליגן אַ פּאָר גױיִשע דערפער מיט שקצים און הינט אױפן װעג... דאָך האָט ער אײנגעשטימט; ער װעט זיך װי עס איז אַן עצה געבן, און זונטיק פרי האָט זיך בן־ציון צוריקגעקערט אין זײן דאָרף מיט אַ היפּש פּעקל ביכער צום לערנען און צום לײענען. כאָטש דאָס פּעקל איז געװען היפּש שװער, האָט עס בן־ציון געטראָגן מיט אַ לײכטן געמיט די גאַנצע דרײ װיאָרסט, עפּעס װי דאָס פּעקל װאָלט אים געטראָגן...

עס איז געקומען אַ נײער ריטעם אין בן־ציונס לעבן. אַ סך טעג נאָך זײן אַרבעט פלעגט ער דורכמאַכן די דרײ װיאָרסט ביזן „פּאָסאַד", אין פרי־ען אָװנט אָנקומען צו סיאָמען, אַ פּאָר שעהען זיצן בײ די לעקציעס, אָדער פרעגן װאָס ער האָט נישט תופס געװען אין די לערן־ביכער, אַ פּאָר שעהען שפּאַ־צירן אין סאַד פון „פּאָפּעטשיטעלסטװאָ", און נאָך אַ שלאָף פון אַ זעקס־זיבן שעהען זיך אומקערן גאַנץ פרי אין זײן דאָרף צו זײן חדר. באַלעבאַטים האָבן אַביסל אונטערגעמורמלט. דער פעטער איז געװען ברוגזלעך פאַרן שליאַנדערן זיך אַהין און צוריק, אָבער קײן גרױסע טענות האָט מען נישט געקענט האָבן,

— די תלמידים האָבן געהאַט אַ גרויסע פּעולה, דאָס האָט מען נישט געקענט לייקענען, — האָט מען אַלעס אַנדערע פאַרקוקט.

דער ערב סטודענט, סיאָמעס לערער, האָט זיך צו בן־ציונען באַצויגן גאָר גוט. עס איז געווען אין די שווערע יאָרן נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, די אַנטוישטע רוסישע יוגנט איז אונטער דער השפּעה פון אַרציבאַשעווס ווערק „סאַנין״, און אַנדערע „אידעאָלאָגן״ פון „לאווי מאָמענט״ — כאַפּ די רגע, פאַרזונקען אין שיכרות און אין זנות: „אגארקעס״, „וועטשערינקעס״, „דאָסוויטקעס״ וכו׳. די ייִדישע יוגנט האָט זיך אויך פאַרשיכורט מיט... לער־נען, שטודירן, דענקען, נאָר דענקען; כמעט נישט געווען קיין בחורל אָדער מיידל וואָס זאָל עפּעס נישט לערנען. לערער האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ חוב צו געבן אומזיסטע שטונדן, און דאָס בייזיין פון בן־ציונען אויף די „אוראָקן״ (לעקציעס) פון סיאָמען האָט דער לערער באַטראַכט גלייך ווי ער וואָלט גע־געבן אַן אומזיסטע לעקציע; געטאָן אַ מצווה און נישט פאַרלוירן קיין באַ־זונדערע צייט.

סיאָמעס לערער האָט בן־ציונען אַריינגעפירט אין גאָר אַ נייער וועלט. ער האָט אים באַקענט מיט די לערער פון דער רעגירונגס־שולע אין די ייִדישע קאָלאָניעס, און בן־ציון פלעגט פון צייט צו צייט בייזיין די קלאַסן, צו זען ווי עס ווערט געגעבן אַ לעקציע סיסטעמאַטיש, לויט איינגעשטעלטע מעטאָדן, נישט לויט אייגענע המצאות און איינפאַלן. בן־ציון האָט אויך געקראָגן צו לייענען די ערשטע ביכער פון פּעדאַגאָגיע, און צום ערשטן מאָל געזען אַ פּע־דאַגאָגישן זשורנאַל. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז לערערײַ איז אַ פאַך, וואָס מען טאָר נישט אויפהערן צו לערנען, און האָט אין אַ וויץ געזאָגט צום פּע־טער: „תורה היא וללמוד אני צריך״ — עס איז אַ תורה וואָס איך דאַרף לערנען, — אויף וואָס דער פעטער האָט סקעפּטיש געענטפערט: „עט, נאַ די״ר אַ געבאַקטע ציבעלע פאַר אַלע זייערע תורות״.

גרויס איז געווען די פרייד פון בן־ציונען, ווען עספּיר יאַקאָוולעווגאַ, אַ לערערין אין אַ העכערן גראַד, האָט אים אַמאָל צוגעלאָזט געבן אַ לעקציע לויט אַ „קאָנספּעקט״ — אַ ניי, שווער וואָרט, וואָס בן־ציון האָט שוין געוווּסט וואָס עס באַדייט אין לערערײַ. תחילת איז בן־ציון געווען אַביסל צערודערט. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט אַז דער צימער דרייט זיך ווי אַ קאַרוזעלע... אָבער ביסלעכווייז האָט ער געגומען זיך און דעם קלאַס אין די הענט אַריין און דורכגעפירט די לעקציע מיט דערפאָלג. עספּיר יאַקאָוולעווגאַ האָט אים באַ־גריסט מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע און מיט אַ „מאָלאָדיעץ פּאַרען״, — ס׳הייסט, אַ כוואַט אַ בחור.

אַזוי איז אַוועק די צווייטע העלפט זומער: אין שפּאַנען אַ סך טעג פון

דאָרף אין „פּאָסאַד" און צוריק. לערנען יענעם, איינזאַפּן אין זיך ידיעות און באַגריפן פון פאַרשידענע קעגנשטאַנדן, אָבער אַלץ אָן סיסטעם, אָן טאַלק, צופעליק, מיט אַ סך בלויזן, טאַקע ממש ווי ווילדגראָז וואַקסט אין פעלד. בן־ציון האָט דערפילט אַז ער מוז זיך אָפּשטעלן, סיסטעמאַטיזירן און פאַרפעס־טיקן די ידיעות וואָס ער האָט צופעליק דערוואָרבן. און ווען ער איז צו די ימים־נוראים געקומען אַהיים, האָט ער מיטגעבראַכט אַ פעסטן באַשלוס: — דערווייל מער נישט פאָרן אויף וואַקאַציעס, בלייבן אַ היימישער און פרווון דערגאַנצן דאָס אַלעס וואָס ער האָט אָנגעכאַפּט פון דאָרט און פון דאָ. בן־ציון איז געקומען מיט אַ פאָר רובל פון די פריוואַטע לעקציעס, מיט מתנות פאַר די שטוביקע, מיט חלומות און פאַנטאַזיעס און מיט אַ היפּשער מידקייט פון אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

קאַפּיטל 28

ווינטער אין דאָרף

ביז זיין זיבעצנטן לעבנס־יאָר האָט בן־ציון ווייניק געהאַט צו טאָן מיט גויִים. אין שטעטל איז די גויִישע באַפעלקערונג געווען פיל מאָל גרעסער פון דער ייִדישער, אָבער ווער האָט זיך מיט איר גערעכנט? די קהילה קדושה האָט דאָך געמיינט נאָר די ייִדן. געוווּסט האָט בן־ציון אַז ס'זענען פאַראַן פאַרשידענע גויִים. די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון שטעטל איז באַשטאַנען פון צוויי שאַרף אָפּגעטיילטע טיילן. פון איין זייט, אויפן „רוסקי קוטאָק" (רוסישער ווינקל) האָבן געלעבט די „קאַצאַפּעס", ס'הייסט גרויס־רוסן, מיט זייער ברייטן אַרט רעדן מיט אַ סך קלאַנגען, מיט אַ האַרטלעכער שפּראַך פון פריילעכע לוסטיקע לידער; פון דער צווייטער זייט, אויפן „ניז" (נידעריקער אָרט) האָבן געלעבט די „כאָכלעס" (אוקראַיִנער) מיט זייער זינגעוודיקן, ווייכן לשון, מיט אַ סך אי־קלאַנגען, מיט טרויעריקע, וויינענדיקע לידער, וואָס האָבן דערמאָנט אין, להבדיל, ייִדישער עצבות. געווען נאָך אַ דריטער סאָרט גויִים, צוגעפּאָרענע, די „פּאָלטאַוועצעס", פּויערים פון פּאָלטאַווער גובערניע, וואָס פלעגן אָנהייבן קומען אין שטעטל אין די חדשים מאַי־יוני, און זיך אָנדינגען ביי די רייכערע פּויערים ווי „באַטראַקעס", פעלד־אַרבעטער, אויף אַראָפּצונעמען דעם שניט פון די גענוג גרויסע און זייער ז אַ ט ע פעלדער. זייער „סראָק" (טערמין) פלעגט זיך ענדיקן דעם 1טן אָקטאָבער, און פאַר דער שווערער פּראַצע פון אַ 4 ־ 5 חדשים, פלעגן זיי באַקומען פון פערציק ביז פופציק רובל. די פּאָלטאַוועצעס האָבן לכתחילה געלעבט אויפן פרייען פעלד, אויפן גרויסן יאַריד־פּלאַץ, אָן אַ דאַך אויפן קאָפּ. פון דאָרט פלעגט מען זיי קומען נעמען אויף אַרבעט. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, האָט זיך די „זעמסטוואָ" (אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג) דערמאָנט אויסצובויען פאַר די „פּאָלטאַוועצעס" אַ הילצערנעם באַראַק מיט אַ שטיבעלע פון ציגל, ווו עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ „קוב", ס'הייסט אַן איינריכטונג אויף אויפצוזידן וואַסער („קיפּיאַטאָק"). ייִדישע קינדער, חדר־ייִנגלעך, האָבן אין די „פּאָלטאַוועצעס" געזען די אָפּבילדונג פון אַ פאָלק אין גלות, כאָטש זיי זענען דאָך געווען רוסן, גויִים, און געהאַט אַן „אייגענע" מלוכה...

אַריינקוקן אין עכטן רוסישן דאָרפס־לעבן האָט בן־ציון געקענט ערשט אין זיין זיבעצנטן לעבנס־יאָר, ווען ער איז אָנגעקומען אַלס הויז־לערער צו

אַ רײכן ייִדישן דאָרפסמאַן, און ער האָט געדאַרפט צוגרײטן דרײ פון זײַנע קינדער פאַר די ערשטע יאָרן גימנאַזיע, װי אױך לערנען מיט זײ ייִדישע לי־מודים. אין דאָרף זענען געװען געצײלטע ייִדישע פאַמיליעס, װאָס האָבן אױסגעהאַלטן אַ שוחט, געהאַט אַ שילכל און געפירט אין אַלץ אַן אָפּגעהיט ייִדיש לעבן.

בן־ציון איז אָנגעקומען אין דאָרף באַלד נאָך שבת־בראשית, װען דער פריִער האַרבסט האָט נאָך געשמעקט מיט שפּעט־זומער און די נאַטור האָט געשימערט אין גאָלדענעם גרין. דאָס דאָרף איז געװען אַ שײנס, מאַלעריש צעװאָרפן אױף בײדע זײַטן פון אַ שײנעם טאָל, אײַנגעטונקען אין גערטנער און סעדער, פעסט געבױט, די באַפעלקערונג איז געװען פאַרמעגלעך, אַ סך יוסטע באַלעבאַטים. אָבער אױף די ייִדן איז געלעגן אַ פּחד מיט אַ טרױער צוזאַמען. צװישן ראש־השנה און יום־כיפור האָט אין דאָרף פּאַסירט אַ רציחה. רוצחים האָבן זיך אַרײַנגעקראָגן אין הױז פון אַן עלטער ייִדיש פּאָר־פאָלק, גאַנץ רײַכע מענטשן, זײ דערהרגעט און צוגערױבט װאָס נאָר ס׳האָט זיך גע־לאָזט. געװוּסט האָט מען, אַז דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון אָרטיקע מענטשן. אָבער בײם האַנט האָט מען קײנעם נישט געכאַפּט. אַלע אױספאָרשונגען האָבן צו גאָרנישט געבראַכט. עס איז געװען אַ פאַרפאַלענער ענין. האָבן ייִדן געהאַט שרעק, מורא געהאַט פאַר יעדן אײנציקן גױ, נישט געהאַט צו קײנעם דעם קלענסטן צוטרױ, װײַל, װער װײסט, אפשר איז גאָר דער נאָענטסטער שכן און גוטער פרײַנד געװען דער רוצח?

בן־ציון האָט נאָך דערצו געהאַט זײַנע אײגענע זאָרגן. ער האָט גוט אָנ־געטראָפן, נאָר שלעכט אַרײַנגעפאַלן. זײַן באַלעבאָס איז געװען אַ ייִד אַ תּקיף, אַ מאָדעל פון אָרנטלעכקײט, און אַ בײשפּיל פון ענגהאַרציקײט און אומצו־טרױ. בן־ציונען האָט ער אָנגענומען אױף דער רעקאָמענדאַציע פון זײַנעם אַ ידיד, אַ ייִד אַ בן־תּורה, װאָס איז אױך געװען אַ ידיד פון בן־ציונס פאָטער. אָבער, װען ער האָט דערזען דעם בחורל פון קױם אַ זיבעצן יאָר אַלט, װאָס האָט נישט אױסגעװיזן צו האָבן אױך דעם עלטער װאָס ער האָט אָנגעגעבן, איז אין אים אױפגעקומען דער גאַנצער אומצוטרױ. אָבער, אַ װאָרט איז אַ װאָרט, געזאָגט איז פאַרפאַלן, מען מוז אָננעמען װי עס איז. דאָך האָט ער אין אײניקע װאָכן אַרום אַרײַנגעװאָרפן אַ װאָרט, אַז כּפי ער איז באַפרײַנדעט מיטן דירעקטאָר פון דער דאָרפס־שולע, אַ ביז גאָר געלערנטער מענטש, װאָס האָט געענדיקט אַ גלחים־סעמינאַר, נאָר אַלס פרײדענקער איז ער אַריבער אױף לערערײ, װאָלט ער װעלן אײַנלאַדן אים, ער זאָל פון צײַט צו צײַט, לאָ־מיר זאָגן אײן מאָל אין חודש, פאַרהערן די קינדער און זען צי זײ מאַכן פאָר־שריט. עפּעס גרײַט מען זיך דאָך צו עקזאַמענעס אין גימנאַזיע, טאַקע די ער־

שטע יאָרן, צוגרייטונגס־קלאַסן און ערשטער יאָר, אָבער דאָך — גימנאַזיע! איז וואָס זאָגט דער לערער צום פאָרשלאָג? בן־ציון האָט מסכים געווען. אַ ברירה האָט ער געהאַט? אַגב, האָט ער טאַקע געוואָלט האָבן די הדרכה פון אַן עלטערן און מער דערפאַרענעם לערער, אַזוי אַרום האָט זיך בן־ציון באַקענט מיט יורי מיכאַילאָוויטש, וואָס האָט אויף זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג געהאַט אַ היפשע השפעה.

יורי מיכאַילאָוויטש איז געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער און האָט געהאַט אַ נשמה פון אַן אמתן „נאַראָדניק". דינען דאָס פאָלק איז ביי אים געווען דער עצם אינהאַלט פון זיין לעבן. ער האָט דעם עקזאַמען גענומען ערנסט, אָבער ער איז געבליבן צופרידן. בן־ציון איז אים געפעלן געוואָרן מיט זיין אַביסל אומבאַהאָלפענער שעמעוודיקייט. ער האָט דעם יונגן לערער אויסגעלויבט פאַרן באַלעבאָס, ווען ער האָט דערקלערט אַז די קינדער לערנען צופיל, פון אַכט אין דער פרי ביז אַכט אין אָוונט איז אַביסל צו פיל, מען דאַרף זיי געבן אַ גרעסערן איבעררייס, בכדי די יונגע מוחות זאָלן נישט פאַרטעמפט ווערן פון צופיל אָנשטרענגונג. דאָס לערנען דאַרף מען אָוועקלייגן אַ שעה פאַר מיטיק און ווידער אָנהייבן ערשט אַרום אַזייגער דריי בייטאָג, וועלן די אויסגערוטע מוחות, סיי פון לערער, סיי פון די תלמידים, שנעלער און בעסער אויפנעמען. דער באַלעבאָס האָט יורי מיכאַילאָוויטשן אָנגעגעבן מתנות: טיי, צוקער, טרוקענע פרוכטן, מען האָט זיך ביי אים געמוזט איינבעטן ער זאָל עס נעמען. שטילערהייט האָט ער בן־ציונען אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער: „מאָרגן האַלב פאַר צוועלף, ביי מיר איז שולע". בן־ציון האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק און האָט נישט פאַרזאַמט צו קומען. יורי מיכאַילאָוויטש האָט פאַר בן־ציונען אַנטוויקלט אַ גאַנצן פּלאַן: „טי פאַריעניאַק ניע פראָמאַך" — דו בחורל, ביסט נישט קיין טויגעניכטס: דו האָסט טאַלענט צו לערעריי, דיר פעלט בלויז פּראַקטיק. דיינע ידיעות זענען אויך אָנגעכאַפּטע, פון אַן אויטאָדידאַקט, עס פעלט זיי גרינטלעכקייט". האָט יורי מיכאַילאָוויטש פאַרטראַכט אַט וואָס: בן־ציון זאָל זיך נעמען גרייטן צו באַלייגן די עקזאַמענעס פאַר אַ פאָלקס־לערער, יורי מיכאַילאָוויטש וועט אים אָריענטירן און אַרויסהעלפן, ווען עס וועט נויטיק זיין. דערצו וועט בן־ציון פּראַקטיצירן אין שולע, פריער אין די נידעריקע קלאַסן, שפּעטער אין די העכערע. ער וועט אויך יורי מיכאַילאָוויטשן צוהעלפן אין דער דירעקציע. „פּאַטרודיס, אי בודיעט טאַלק" — ווערסט צוהאָרעווען, וועט עס זיין אַן ענין.

בן־ציון האָט זיך איינגעשפּאַנט אין אַ נייער אַרבעט. ער האָט דאָך געהאַט אויך דריטהאַלבן פרייע טעג אַ וואָך — פרייטיק נאָך האַלבן טאָג און שבת איז ער פריי פון די לימודים מיט זיינע שילער, זונטיק איז ער פריי פון

דער שולע, הײנט װוּ איז עפּעס די נאַכט? — װעט ער האַלטן מיט יענעם תנא, װאָס זאָגט, אַז „די נאַכט איז באַשאַפֿן געװאָרן נאָר אױף צו לערנען".

אין שולע איז עס לכתחילה נישט געגאַנגען אַזױ גלאַטיק. געװען שקצים עזות־פּנימער, װאָס האָבן אָפּגעטאָן דעם „זשידיאָנאַק" (ייִדעלע) שפּיצלעך — אַרײַנגעשאָסן פֿון פּאַפּיר געמאַכטע פֿײגעלעך, נאָכגעקרימט זיך הינטער די פּלײצעס, צי גאָר אַרױסגעשטעקט אַ צונג. אָבער בן־ציון האָט אױסגעהאַלטן אין ביסלעכװײַז זיך אימפּאָנירט, געװונען צוטרױ. יורי מיכאַילאָװיטש האָט אױך דאָ צוגעהאָלפֿן. די ענינים זענען אַװעק גלאַטיקער. בן־ציון האָט זיך דערפֿילט װי אַן אמתער „גאָספּאָדין אוטשיטעל" (הער לערער), װעמען די תלמידים אַכטן און פֿאַר װעמען זײערע עלטערן נעמען אַראָפּ דאָס היטל װען מען באַגעגנט זיך אין גאַס...

די לערערשאַפֿט פֿון דער שולע איז באַשטאַנען פֿון יונגע בחורים און מײדלעך, ליבעראַלע, טײלװײַז סאָציאַליסטיש־געשטימטע, מיט נײַגונגען פֿאַר זעלבסטבילדונג, מיט שטרעבונגען צו קולטור־טעטיקײט. האָט זיך אַרום יורי מיכאַילאָװיטשן געשאַפֿן אַ מין „קרוזשאָק" פֿאַר פֿאַרפּולקאָמונג. אין די פֿרײַע אָװנטן פֿלעגט מען זיך בײַ אים צוזאַמענקומען: לײענען, דיסקוטירן, פּלאַנעװען, זינגען און טאָקע אַביסל „שקאָלניטשאַיען" — ס׳ הײסט אַ שטיקל טאָן מעשה חדר־ייִנגלעך. װען נישט װען פֿלעגט מען אַפֿילו גײן אױף „דאָס־װיטקעס", ס׳הײסט פֿאַרװײַלונגען פֿון דער דאָרפֿישער יוגנט, װאָס פֿלעגן זיך פֿאַרציִען אַמאָל ביז טאָג, פֿון דאַנען דער נאָמען „ דאָ סװיטאַ" — ביז טאָג. אױף די דאָזיקע „דאָסװיטקעס" איז נישט אַלעמאָל געװען אָנשטענדיק. צװישן דערװאַקסענע, רײַפֿע שקצים און שיקסעס איז געװען שװער צו האַלטן אַ לי־ניע פֿון צניעות. אָבער יורי מיכאַילאָװיטש האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף גײן אין פֿאָלק, זיך אַראָפּלאָזן צו אים, בכדי אים אַביסל צו דערהײבן, און באמת האָט די אָנװעזנהײט פֿון די לערער פֿיל געװירקט אױף צו מאַכן די פֿאַרװײַ־לונגען אינטערעסאַנטער און אָנשטענדיקער.

אױף די „דאָסװיטקעס" האָט מען געזונגען עכטע פֿאָלקס־לידער מיט טרױעריקע מאָטיװן װעגן טרױעריקע ענינים: ליבע און פֿאַרראַט, יונגע אַל־מנהשאַפֿט, זעלנעריש לעבן, אָרעמקײט, עלטער. די לערער האָבן אױסגע־לערנט זינגען לידער פֿון די בעסערע רוסישע פּאָעטן: ניעקראַסאָװ, ניקיטין, קאָלצאָװ, פּושקין, לערמאָנטאָװ פֿון די אַלטע, און נאַדסאָן מינסקי, וכו׳ פֿון די נײַערע. צװישן די בחורים פֿון פֿאָלק זענען געװען אײניקע גאַנץ פֿײַנע דער־צײלער פֿון פֿאָלקלאָר־מעשיות: פֿול מיט שדים, רוחות, װאָװקעלאַקעס, דאָ־מאָװיקעס, מכשפים, מכשפות. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט אױפֿבליצן אַ װיצי־קע באַמערקונג, אַ שאַרפֿער אַרײַנזאָג — אַלץ אימפּראָװיזירט. הכלל, בן־ציון

האָט זיך געבאָדן אין רוסישן און אוקראַיִנישן פאָלקלאָר, וואָס איז אין געווי־סע טיילן אַריבערגעגאַנגען אויך צו ייִדן, וועלכע האָבן אים איבערגעאַרבעט אויף זייער ייִדישן שטייגער און האַלטן אים ביז היינט פאַר ריין ייִדישע שאַ־פונגען.

ווי עס איז זיך פאַרצושטעלן, האָבן אויך נישט געפעלט קיין צווײדײ־טיקע וויצן און ווערטלעך, לידלעך וואָס האָבן געשמעקט מיט ניבל־פה, גע־ווען אַפילו אַ פּאָר נישט אָנגענעמע אינצידענטן, אָבער בכלל האָט זיך בן־ציון נישט מתחרט געווען — ער איז אַריינגעדרונגען אין „זייער לעבן": זיי זענען דאָך אויך מענטשן.

אַזוי האָט זיך עס געפירט ביז פאַר פּסח. אויף יום־טוב האָט דאָך בן־ציון געדאַרפט פאָרן אַהיים, אָבער זיין באַלעבאָס האָט אים פאַרגעשלאָגן, אַז דאָס לעצטע איינחזרן זאָלן די שילער מאַכן ביי יורי מיכאַילאָוויטשן דירעקט. עס איז פאָרט עקזאַמענעס אין אַ גימנאַזיע, און צו ייִדישע שילער „טשעפּעט" מען זיך דאָך, בפרט ווען דער לערער וואָס האָט זיי צוגעגרייט איז אויך אַ ייִד... בן ־ציון האָט טאַקע אויף זיך נישט געוואָלט נעמען אַזאַ אַחריות, איז מען ווי עס איז דורכגעקומען. בן־ציון איז אַוועק פון דאָרף אויף זיך מער נישט צוריקצוקערן. מיט יורי מיכאַילאָוויטשן האָט ער אַ צייט לאַנג אָנגעג־האַלטן אַ בריוו־טויש, פון וועלכן ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די שילער האָבן דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן, און שפּעטער האָט ער געקענט מיטטיילן יורי מיכאַילאָוויטשן, אַז אויך ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף פאָלקס־לערער.

קאַפּיטל 29

דאָס בערגל פון ליבע

אין זומער האָט בן־ציון פאַרבראַכט אין אַ קליינער יידישער קאָלאָניע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ מאָלערישע לאַנדשאַפט, אַ זעלטנקייט אין יענע מקור־מות. די קאָלאָניע איז געשטאַנען אויף אַ נישט זייער שיפּועדיקן באַרג, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ ברייטן טאָל, איבער וועלכן עס זענען געפלאָסן אַ פּאָר טייכלעך, וואָס האָבן אונטער דער זונענשיין אויסגעזען פון וויטנס ווי זילבערנע סטענגעס. דער גאַנצער טאָל איז געווען אַ „פּלאַוניע", — ס'הייסט אַ סטעפּ ווו עס וואַקסט היי, וואָס פלעגט אין די זומערדיקע נעכט פאַרשיכורן מיט זיין דופט; דאָס האָט געהייטערט דעם געמיט און גערייצט די חושים. אין אַ ווינקל פון דער „פּלאַווניע" איז געשטאַנען אַ היפּשער יונ־גער וואַלד, וואָס די רעגירונג האָט פאַרפלאַנצט, בכדי צו ענדערן די קלימאַ־ט־שע באַדינגונגען פונעם געגנט און אים מיט דער צייט באַזאָרגן מיט אַביסל שאָטן און געהילץ. אין קאָלאָניע איז כמעט קיינמאָל נישט געווען קיין בלאָטע, די וואַסערן פון די גרעסטע רעגנס פלעגן האַסטיק אַראָפּפליסן פון שיפּועדיקן בערגל, און אַ פּאָר שעהען נאָך אַ שלאַקס־רעגן זענען שוין די גאַסן געווען טרוקן און מען האָט געקענט גיין שפּאַצירן.

נישט ווייט פון דער קאָלאָניע, פון דער צווייטער זייט באַרג, אין מיטן פון אַ מאָלערישן טאָל, איז געלעגן אַ קאָלאָניע פון דייטשע קאָלאָניסטן, מיט פיין געבויטע הייזער, אונטער רויטע שינדל־דעכער, מיט סעדלעך פון „אַקאַ־ציעס" אין פראָנט פון די הייזער און פרוכט־סעדער הינטער זיי. יידן האָבן זיך אָפּגעלערנט פון זייערע שכנים און האָבן אויך פאַרפלאַנצטביימער אַרום זייערע הייזער און הויפן. די קאָלאָניע האָט אויסגעזען ווי אַ מין גן־עדן התחתון.

ווי אין אמתן גן־עדן, איז אויך אין קאָלאָניע געווען אַ שלאַנג, וואָס האָט מיט איר זיסן גיפט „פאַרסמט" די הערצער פון יונג און אַלט. אין קיין מקום פון דעם גאַנצן געגנט האָט מען נישט געהערט פון אַזוי פיל „ליבעס־שפּילן" ווי אין דער קאָלאָניע, צו וועלכער מען האָט געקענט צופּאַסן אַ פּאַראַפראַזע פון באַרימטן קינדער־לידל:

„קומט דער ליבער פרילינג...
שפּילן מיר אין ליבעס".

אין די ליכטיקע לבנה־נעכט פון פרילינג און זומער, פלעגן די גאַסן פון קאָלאָניע זיין באַלעבט פון גרופעס שפּאַצירנדיקע ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען פּאָרלעך פלעגן פאַרשווינדן אין זייטיקע געסלעך, אָדער אַוועק ווייט אין פעלד בכדי צו פאַרענדיקן דעם שפּאַציר ביחידות. לצים פלעגן זיך וויצלען, אַז אויב מען וויל וויסן וויפל ליבעס מען שפּילט אין קאָלאָניע, זאָל מען פריער ציילן אַ הויז איבער אַ הויז אין איין ריכטונג, און גייענדיק צוריק, ווידער ציילן אַ הויז איבער אַ הויז, דורכלאָזנדיק די שוין געציילטע... געווען אויך „סטאַטיסטיקער", וואָס האָבן געפירט אַ חשבון, די וויפלטע ליבע עס שפּילט שוין דער אָדער יענע. פאַראַיאָרן מיט דעם, פאַר צוויי־יאָרן מיט יע־נער אאַ"וו. די שענסטע טעכטער פון דער קאָלאָניע האָבן געהאַט ממש אַ רע־גיסטער פון ליבעס, וואָס ליידיקגייער האָבן פאַר זיי געפירט...

די ליבעס זענען הפּנים געווען גאַנץ אומשולדיקע, מען האָט נישט גע־הערט צופיל רעדן וועגן אַן „אומגליק" מיט אַ מיידל, און האָט מען אויף איינער אָדער אַ צווייטער יאָ געמורמלט, האָט מען עס דערקלערט דערמיט וואָס זייערע געוועזענע געליבטע, וועלכע זיי האָבן פאַרלאָזט, האָבן אויף זיי אויסגעטראַכט מי יודע וואָס.

געווען אויך אין קאָלאָניע אַ פּאָר קרייזן אינטעליגענץ. אַרום די לערער פון דער „קאַזיאָנער שולע", אַרום איינעם אַן עלטערן פּריוואַט־לערער, אַרום דער אייגנטימערין פון אַפּטייק, אַרום דעם שרייבער פון „פּריקאַז" (דאָרפס־פאַרוואַלטונג). עס איז שוין געווען היפּש נאָכן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי אויך נאָכן יאוש וואָס דער דורכפאַל האָט אַרויסגערופן, נאָך די „אַגאַרקעס" וואָס האָבן בכלל ווייניק באַרירט די יידישע יוגנט: די איינ־געבוירענע פאָלקס־צניעות, די השפּעה פון טאַטע־מאַמע, פאַר וועלכע מען האָט שוין נישט געהאַט קיין מורא, אָבער פאָרט געהאַט דרך־ארץ, האָבן אין קליינעם שטעטל און קאָלאָניע, אויסגעהיט פון דעם בייז וואָס האָט פאַרכאַפּט די רוסישע יוגנט. בעסערע יידישע יונגעלייט און פריילינס האָבן זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף לערנען, לייענען, דיסקוטירן.

צווישן די אינטעליגענץ־קרייזלעך אין דער קאָלאָניע האָט זיך געפירט אַ שטילע קאָנקורענץ. יעדער קרייזל האָט זיך געהאַלטן פאַרן העכסטן, איינ־טעליגענטסטן און וויכטיקסטן. צו איינעם האָט געהערט דער געבילדעטסטער מענטש אין קאָלאָניע, צום צווייטן — דאָס שענסטע מיידל, צום דריטן — אַ סטודענט, אַן אמתער סטודענט. הכלל, די קליינשטעטלדיקע שוואַכקייט פון יחוס, האָט זיך אָפּגערופן אין אַ מאָדערנער פאָרעם.

בן־ציון איז נאָך טאַקע געווען אַ שנעק, אָבער דאָך, אַלס יונגער לערער, איז ער געווען אַ שטיקל געווינס, און פון פאַרשידענע קרייזלעך האָט זיך

יעדערער געמיט אים אַרײַנצוצי̇ען אין זײַן ספערע. אַ שעמעוודיקער פון נאַ־טור, איז בן־ציון צוגעשטאַנען דווקא צו דעם קרײַזל, וואָס האָט זיך ווײַניקער געי̇אָגט נאָך אים, אָבער דאָך צוגענומען ווי אַ גלײַכן מיט גלײַכע. קײַן סך פרײַע אָוונטן האָט בן־ציון נישט געהאַט. בײַטאָג — די שולע, בײַנאַכט — גרײטן זיך צו ווײַטערדיקע עקזאַמענעס, פלעגט ער נאָר פון צײַט צו צײַט „אָפּרײַסן די האַנט פון האַרצן" און „פּטרן" אַן אָוונט אויף צו פאַרברענגען. פלעגט ער נעמען אָנטייל אין די היציקע וויכּוחים, וואָס קומען אים איצט אויס אַזוי נאַי̇וו. פלעגט מיטזינגען און אויסלערנען זינגען רוסישע לידער, הערן דעקלאַמירן (אַליין דעקלאַמירן האָט ער נאָך נישט געוואַגט) רוסישע פּאָעזיעס. די שפּראַך פון דער אינטעליגענץ איז אויך אין קאָלאָניע געווען רוסיש, כאָטש אַלע האָבן געקענט ייִדיש, און ווען מען פלעגט זיך צעי̇אַכמערן, פלעגט מען אַריבערגיין אויף מאַמע־לשון, וויצן, אַנעקדאָטן, לידלעך, אַפילו עפּעס פאַר־לייענען (דאָ האָט שוין בן־ציון געוויזן וואָס ער קען), און אַזוי פלעגט מען אַביסל דערכאַפּן די ייִדישע נשמה.

אַרום מיט־זומער איז אין די קרײַזלעך געוואָרן אַ טומל וועגן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס ווערט געגרייט פון ליבהאָבער אין אַ נאָענטער גרעסערער קאָלאָני̇ע; מען גייט שטעלן שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט". איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן, אַז קולטור־מענטשן דאַרפן זײַן פאַראינטערעסירט אין טעאַטער. די פראַגע איז נאָר געווען, צי ייִדיש־טעאַטער גייט אַרײַן אין חשבון. ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור זענען שוין דאַן געווען אָפּגעפרעמדט ביי אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. העברעי̇ש האָט סתם קיין פלאַץ נישט געהאַט: „מיאָרטווי יאַזיק" — אַ טויטער לשון, דערצו אַ רעליגיעזער, און אויך רעליגיע איז נישט געווען אין דער מאָדע; און דאָ אין מיטן דערי־נען — טעאַטער אויף ייִדיש! וואָס קען אַן אינטעליגענטער מענטש געפינען אין דעם?...

עס איז מעגלעך, אַז טיף אין האַרצן האָבן גראָד אַלע באַטייליקטע אין די קרײַזלעך דווקא געהאַט חשק דורכצופאָרן זיך און פאַרברענגען אַן אָוונט אויסער דער טעגלעכער רוטין. עס איז אָבער געווען אַ סכּנה, אַז צוליב דעם זאָל פאַלן דער פרעסטיזש פון קרײַזל וואָס וועט יאָ פאָרן, אין פאַרגלייך מיט די וואָס וועלן נישט פאָרן. גראָד איז געפאָרן דאָס קרײַזל צו וועלכן בן־ציון האָט געהערט, און געהאָלפן האָט חברטע גיני̇אַ, אַ קאָלאָניסטישע טאָכטער, אַ קורסיסטקע, וואָס איז צוליב איר געזונט־צושטאַנד געבליבן אויף אַ זומער אין דער היים. אַן עלטערע פרײַלין פון אַ גוטער ייִדישער הויז, מיט מאַמישע געפילן פאַר אַלץ און אַלעמען, האָט זי געהאַט באַצי̇ונג צו מאַמע־לשון. גיני̇אַ האָט די חבֿרה גוט אויסגעמוסרט: — וואָס מאַכן זיי אַן אָנשטעל (דוראַקאַ

לאָמאָיוט), אַז זיי זענען קעגן יידיש, בשעת אין תוך איז דאָך דאָס זייער מאַמע־לשון אין וועלכן זיי פילן זיך פרייער ווי אין יעטוועדער אַנדער שפּראַך. און זי האָט אויסגעפירט. מען איז געפאָרן צו דער פאָרשטעלונג.

האָט מען געקראָגן אַ פור. מען האָט זיך צונויפגעפרעסט ווי די הערינג און מען איז אַרויסגעפאָרן באַצייטנס, בכדי אָנצוקומען פאַר דער פאָרשטעלונג און פאַרכאַפּן גוטע פּלעצער. אין מיטן וועג האָט חברה גאַנץ פיין געשטיפט, געהוקעט און געשריִען און געזונגען אין ברייטן פעלד אַריין, און דווקא אין רוסיש. בן־ציון האָט ביז היינט פאַרגעדענקט דעם „רעפריין" פון אַ קלוג לידל, כלומרשט אויף פּאָליטישע טעמעס פון טאָג, וואָס האָט געקלונגען אַזוי:

וויערא, וויערא, טי מאָיאַ,
וויערא מילאַיאַ מאָיאַ,
וויערא קאַק ליובליו טעביאַ
ווערא טיו־טיו־טיו...

(וויערא, וויערא, דו מיין,
וויערא ליבינקע דו מיין.
וויערא, ליב זאָלסטו מיר זיין.
וויערא טיו־טיו־טיו...)

אַזוי איז מען אַריינגעפאָרן אין דער קאָלאָניע היפּש צעיאָכמערט. אָבער די פאָרשטעלונג האָט געווירקט גאָר אַנדערש. די צעפּאָלונג פון דער יידישער משפחה, די פאַרשידענע שטרעבונגען פון דער יוגנט, — פון סאָציאַליזם ביז שאַרלאַטאַניזם, — דער ריס צווישן אַלט און יונג, די טונקעלע פּערספּעק־טיוון אויף דער צוקונפט, האָבן דאָס וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַ קאָמע־דיע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דראַמע. אויף צוריקוועגס איז מען שוין גע־פאָרן נישט אַזוי האָפערדיק. עפּעס ווי פון זיך אַליין האָט מען אָנגעהויבן שמועסן י י ד י ש, מען האָט געפירט וויכוחים. מיטן טאָג איז מען גע־קומען צוריק. פאַר בן־ציונען איז עס געווען זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן ערנסטן טעאַטער, מיטן טעאַטער וואָס דאַרף אָריענטירן און לערנען דורך פאַרווילן. דאָס האָט אים געמאַכט היפּש נאָכדענקען.

דאָס איז נישט געווען די איינציקע דערפאַרונג אין יענער שיינער, מאָ־לערישער קאָלאָניע. דאָרט האָט ער אויך צום ערשטן מאָל אין לעבן פאַר־זוכט הונגער, טאַקע בפועל ממש. זיינע פאַרדינסטן זענען אַפילו געווען גע־נוג אויף דורכצולעבן זיך, אָבער ער האָט באַקומען אַ מיטשפּייזער — אַ יונגנ־מאַן עטוואָס עלטער פון אים, אַן עקסטערן, אַ מאַדים אין מאַטעמאַטיק און אַ שלימזל אין פאַרדינען זיין אויסקומעניש. בן־ציון האָט פאַרגעשלאָגן דעם יונגנ־

מאַן, אַז אין די אָוונטן זאָלן זיי בײדע לערנען מאַטעמאַטיק און בשותפות עסן וועטשערע. דאָס האָט געמאַכט אַ דעפּיציט אין בן־ציונס בודזשעט. דער־צו איז צוגעקומען אַ טראַגעדיע פון אַ פּרוי מיט פּיצלעך קינדער, וואָס דער מאַן האָט פאַרלאָזט, און בן־ציון האָט אין אַ מאָמענט פון גרויסמוטיקייט אי־בערגעגעבן דעם שכר־לימוד ביים בעקער וואָס די עלנטע פאַמיליע זאָל אָפּנע־מען מיט ברויט. אַלץ צוזאַמען האָט גורם געווען, אַז בן־ציון זאָל די לעצטע פּאָר וואָכן פון זומער דאַרפן אונטערהונגערן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער ביז היינט דערהאַלטן אַ וואַרעמען געפיל פאַר דער קאָלאָניע, וואָס ער האָט ביי זיך פאַרצייכנט ווי „דאָס בערגל פון ליבע“, און פאַר אירע איינ־ווינער, ווילע, פשוטע עמך־יידן.

קאַפּיטל 30

מיכאַיל

תשעה־באָב צו קינות האָט זיך בן־ציון באַקענט אין דער קאָלאָניע „דאָס בערגל פון ליבע" — ווי ער האָט עס באַצייכנט — מיט אַ ייִדישן יונגנמאַן, אַ סוחר פון דער גרויסער שטאָט נ., וואָס האָט זיך צופעליק געפונען אין קאָלאָניע. דער יונגערמאַן האָט קיין קינות נישט געזאָגט. ער איז געשטאַנען ווי מן הצד. זי בלויז צוגעהערט. ווען ער האָט זיך שפּעטער באַקענט מיט בן־ציונען, האָט ער רק געוואָלט וויסן, ווי קומט אַזאַ מאָדערנער בחור זיך אַוועק־צוזעצן אויף דער ערד צוזאַמען מיט אַלטע ייִדן און סתם עמך און טרויערן אויף אַ חורבן פון אַ בית־המקדש, וואָס איז צעשטערט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק. האָט זיך פאַרפירט אַ וויכוח. מען איז אַוועק שפּאַצירן איבער די לבנה־באַלויכטענע גאַסן פון דער קאָלאָניע און מען האָט אַזוי אַריינגעשפּאַצירט און אַריינגעוויכוחט אין ווייסן טאָג אַריין. ווען דער יונגער סוחר האָט האָט געדאַרפט אָפּפאָרן צו דער נאָענטער באַן־סטאַנציע נעמען דעם צוג אַהיים. פון וויכוח האָט זיך פאַרקניפּט אַ פריינדשאַפט און דער יונגערמאַן האָט בן־ציונען געגעבן זיין אַדרעס און איינגעלאַדן, טאָמער מאַכט זיך אים אַמאָל צו זיין אין נ. זאָל ער צו אים אַריינקומען, עס וועט אים זיין אַנגענעם צו באַקענען בן־ציונען מיט זיין פאַמיליע.

בן־ציון האָט די איינלאַדונג נישט פאַרגעסן, און ווען ער איז געפאָרן זיך איינשרייבן צו די עקזאַמענעס פון עקסטערנס, איז ער אַוועק באַזוכן זיין נייעם פריינד. בן־ציון איז אויפגענומען געוואָרן מיט דער וואַרעמער האַרציקייט און היימישקייט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די דרום־רוסישע ייִדן. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון דעם יונגן סוחר, זיין ווייבל און קינדעלע, פון יונגן סוחרס פאָטער, אַן אויסגעדינטער פעלדשער פון צאַרישן מיליטער און אַ שוועסטער, אַ יונג מיידל, אַ קורסיסטקע. האָט דאָס יונגע ווייבל מכבד געווען בן־ציונען מיט פרישטיק. דער אַלטער פעלדשער האָט זיך פאַר אים באַרימט, ווי ער שפּייזט זיין אייניקל לויט די סאַמע לעצטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. דאָס קינד האָט טאַקע אויסגעזען פרעכטיק. די יונגע קורסיסטקע האָט מיט אַ שעלמישן שמייכל אַ פרעג געטאָן בן־ציונען, ווי דאַרף מען זאָגן אין רוסיש אַ צוג־לופט: „סקוואָזניק", אָדער „סקוואָזניאַק"? הכלל, בן־ציון האָט זיך אין דער סימפּאַטישער משפּחה דערפילט גאָר היימיש.

אין מיטן פון שמועס האָט דער אַלטער פּאַטער אַ זאָג געטאָן צום זון, אפשר וואָלט ער מיטגענומען בן־ציונען אין זייער זאַלץ־געשעפט אין האַפן, זאָל ער אַ קוק טאָן אויף מיכאַילן און זאָגן זיין מיינונג, וואָס פאַר אַ מין פויגל ער איז... אויף בן־ציונס פאַרוואונדערטן בליק האָט מען אים דערקלערט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך ביי זיי אין געשעפט איינגעבעטן איבערנעכטיקן אַ פאַרשוין מיטן נאָמען מיכאַיל, אַן אַפּגעריסענער, באָרוועסער (באָסיאַק), אָבער מיט אַ געזיכט און האַלטונג, וואָס זאָגן עדות אויף אַ בעסערן אָפּשטאַם. מיכאַיל האָט דערציילט, אַז ער איז אַ סטודענט פון יורי, וואָס איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אוניווערזיטעט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. זיינע עלטערן, זייער רייכע מענטשן, ביי וועלכע ער איז אַ בן־יחיד, האָבן זיך פון אים אָפּגעזאָגט, איז ער געבליבן ווי אויפן וואַסער, קען זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן און שפּייזט זיך פון זיינע פאַרדינסטן ביי שוואַרצער אַרבעט. איז זאָל בן־ציון כאַפּן אַ שמועס מיטן פאַרשוין און זאָגן זיין מיינונג, צי איז עפּעס פאַראַן אַ האַפט אין מיכאַילס רייד, אָדער ער איז אַ פּשוטער פּראַלער.

אָוודאי איז בן־ציון צוגעפאָרן מיט זיין פריינד אין האַפן. ער האָט זיך געטראָפן מיט מיכאַילן, וואָס האָט גראָד יענעם טאָג נישט געהאַט קיין אַרבעט און האָט געהאַט צייט און שטימונג צו שמועסן. מיכאַיל איז געווען אַ פעסט געבויטער מענטש מיט איידעלע געזיכט־שטריכן, פיינע בלויע אויגן, פּרעכטיקע געקרייזלטע האָר, און הענט וואָס מען האָט געקענט דערקענען, אַז זיי זענען נישט לאַנג ביי שוואַרצער אַרבעט. זיין רוסיש איז געווען אַ קולטורעלער, אָפּט איבערגעוואָרפן מיט ציטאַטן. די גאַנצע האַלטונג זיינע איז געווען אַ חשיבותדיקע, ווי פון אַ גוט דערצויגענעם מענטשן. דער ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז דאָס איז אַ זינדל פון אַ געהויבענער משפחה, וואָס איז אַראָפּ פון זיין מדרגה, ווער ווייסט צוליב וועלכע סיבות. אָבער בן־ציון קען ביז היינט נישט זאָגן, פאַרוואָס ער האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז מיכאַיל איז אַ ייִד, אָדער אַ האַלבער ייִד... ער האָט געפּרוווט וועגן דעם אַריינוואַרפן אַ וואָרט. מיכאַיל האָט זיך נישט באַליידיקט, נאָר געענטפערט, אַז „ליידער" איז ער נישט קיין ייִד. פאַרוואָס עפּעס „ליידער"?... ווייל, וואָלט ער געווען אַ ייִד, וואָלט ער געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך הילף. ער ווייסט וואָס ייִדן טוען פאַר זייערע אָרעמע מענטשן, און אַט האָט ער דאָך, אַפילו אַלס קריסט, געפונען הילף און אַ דאַך דווקא ביי אַ ייִדן. דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ גענוג פעסטער שטימע, אָבער אין די אויגן האָט געהויערט עפּעס אַ מאָדנער אויסדרוק. בן־ציון האָט געהאַט דעם רושם, אַז מיכאַיל זאָגט נישט דעם גאַנצן אמת...

צוריק קומענדיק צו דער פאַמיליע אויף מיטיק, האָט בן־ציון אַרויסגע־

זאָגט זיין מיינונג, אַז מיכאַ:ל האָט עפּעס אַ שייכות מיט ייִדן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ העפטיקע דיסקוסיע. די מערהייט איז געווען קעגן, בלויז די יונגע קורסיסטקע האָט געזאָגט, אַז זי האָט עפּעס אויך אַזאַ חשד, זי קען נישט זאָגן אויף וואָס ער שטיצט זיך, סיידן אויף אינטואיציע... דאָס דאָזיקע נייע וואָרט, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק אין דער מאָדע, האָט שטאַרק אימפּאָנירט, אָבער די מיינונג איז קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, שפּאַצירנדיק מיט זיין חבר הערשל אויף די גאַסן פון זיין שטעטל, האָט בן־ציון באַמערקט אַ פאַרבייגייענדיקן „באָסיאַק", אָפּגעריסן, מיט אַ קורצן האַלב־מאַנטל אויף די פּלייצעס און מיט אַ גרויסן ברויט אין האַנט. עפּעס האָט ער בן־ציונען דערמאָנט אין מיכאַילן, אָבער דאָס געזיכט איזביים „באָסיאַק" געווען שוואַרץ פון האָלץ־קוילן, וואָס ער האָט געמוזט ערגעץ אָפּלאָדענען, און מען האָט נישט געקענט זאָגן אויף זיכער ווער עס איז. דאָך האָט בן־ציון איינגעשטעלט און האָט אַ רוף געטאָן: מיכאַ:ל! דער פאַרשוין האָט זיך גלייך אָפּגערופן, צוגעקומען נענטער, גוט איינגעקוקט זיך אין בן־ציונען און האָט אַ צעשמייכלטער אויסגעשטרעקט די האַנט: „זדראַוסטוויטיע, קאַק זשיוויאָטיע מאָזשעטיע" — ס'הייסט, שלום־עליכם, ווי לעבט זיך אייך עפּעס...

אָבער גלייך נאָך דער באַגריסונג האָט זיך מיכאַ:ל צעקאָכט. וואָס איז עס פאַר אַ „בעזאָבראַזיע" (סקאַנדאַל) דאָ ביי אייך אין שטעטל? אָט האָט ער ערשט געלייענט אַ פּלאַקאַט, אַז איבערמאָרגן, שבת־אָוונט, אָרדנט איין דער הילפס־קאָמיטעט פאַר אָרעמעלייט אַ פאַרווייַלונג מיט טענץ.

— נו! איז וואָס איז דאָ דאָס שלעכטע? — האָט בן־ציון אַ פרעג געטאָן.

מיכאַ:ל האָט זיך אויפגעקאָכט: וואָס הייסט, דעם 17טן אָקטאָבער אַ באַל? אין דעם טאָג איז דאָך אין 1905 אַרויס דער מאַניפעסט וועגן דער קאָנסטיטוציע און גלייך נאָך דעם האָבן אויסגעבראָכן פּאָגראָמען אין הונדערטער ייִדישע שטעטלעך. ווילן ייִדן גיין טאַנצן אין דעם יאָרצייט נאָך זייערע קרבנות? דאָס טאָר נישט געשען! איר, יוגנטלעכע (מאָלאָדיאָזש) מוזט גלייך עפּעס טאָן צו פאַרמיידן דעם סקאַנדאַל...

בן־ציון האָט געשטעלט אַ פראַגע, וואָס האָט געדאַרפט אויפדעקן די אידענטיטעט פון מיכאַילן: — אָבער וואָס גייט עס אייך אָן? איר זענט דאָך נישט קיין ייִד. מיכאַ:ל איז אויף אַ מאָמענט געבליבן ווי געפּלעפט, אָבער באַלד געענטפערט:

— יאָ אַ ייִד, נישט קיין ייִד, דאָס האָט מיטן ענין נישט צו טאָן! דער 17טער אָקטאָבער דאַרף זיין אַ דאַטע פון דערמאָנונג פאַר יעדן אָרנטלעכן מענטשן, נישט פון פאַרווייַלונג...

בן־ציון מיט זײן חבר האָבן צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן; אָבער פון דעם וואָס מיכאל האָט אָנגעהויבן פון „יאָ אַ ייד״, האָט בן־ציון געדרונגען, אַז ער מוז פאַרט זײן אַ ייִד — אפשר אַ משומד.

דעם זעלבן אָוונט איז דעם ראַבינער, וואָס איז געווען דער פאַראַנט־וואָרטלעכער פאַרן אָוונט, איבערגעגעבן געוואָרן אַ בריוו, אין וועלכן די „אַר־טיקע ציוניסטישע גרופּע״ (וועלכע האָט נאָך פאַקטיש נישט עקזיסטירט), האָט אים דערמאָנט אין דער אייגנאַרטיקער באַדייטונג פון דער דאַטע אויף וועלכער ער אָרדנט איין דעם באַל, און געבעטן דעם אָוונט אָפּצורופן... מיט יוגנטלעכער טראַציקייט האָט מען צוגעגעבן, אַז אין קעגנפאַל וועלן אָנגענו־מען ווערן רעפּרעסאַליעס. דאָס האָט דעם ראַבינער שטאַרק אויפגערעגט. אויף מאָרגן, פרייטיק, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער אָוונט ווערט נישט אָפּ־גערופן, נאָר דער ראַבינער האָט זיך געווענדט צום פּריסטאַוו נאָך אַ פּאָר־שטאַרקער שמירה פון רייטער־פּאָליציי (סטראַזשניקעס), וואָס זענען דע־מאָלט געשטאַנען אין אַלע גרעסערע ישובים.

חברה איז נישט נתפּעל געוואָרן. אויב דער ראַבינער וויל מלחמה, וועט ער עס האָבן. באַלד ווי מען האָט זיך דערוווּסט פון דעם אומדירעקטן ענט־פער, האָט מען זיך אָוועקגעזעצט שרייבן קורצע אויפרופן צו די עלטערן, אַז מען זאָל נישט לאָזן גײן די קינדער אויפן באַל, ווייל ערשטנס, איז עס חילול הקודש, און צווייטנס, וועלן זײן סקאַנדאַלן. פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָך דער סעודה, האָבן זיך חברה אַרײַנגעקראָגן אין די שילן און אין האַלב־פינצטער־ניש, קוים באַלויכטן פון די קליינע ליכטלעך וואָס מ׳האָט מיטגעבראַכט, האָט מען די אויפרופן צעקלעפּט אויף ווענט און שטענדערס, גוט צוגעקלעפּט מיט „פּאַפּ״. אַראָפּרייסן וועט מען נישט טאָרן — שבת — וועט מען מוזן לייענען. די יונגע הערצלעך האָבן שטאַרק געקלאַפּט פון פּחד. סטייטש, ביי־נאַכט אין שיל?! דערצו חילול שבת! אָבער מען האָט זיך געמאַכט הארץ. מען איז, הייסט עס, געגאַנגען אויף סכנות־נפשות פאַרן ייִדישן כבוד. מען האָט זיך דערמאָנט אין אַמאָליקע ייִדישע העלדן, מען האָט ביי זיך געפּועלט אַז מען מעג... ג׳ וועט מוחל זײן.

אויף מאָרגן, שבת, האָט זיך אין די שילן געטומלט. די מתפּללים זע־נען געווען עמפּערט, ווער פון דעם חילול־שבת און ווער פון דעם באַל צו אַ פּאָגראָם־יאָרצייט. עס האָט זיך געטומלט, מען האָט געפּילדערט קעגן די מחלל־שבתניקעס, מען האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו וויסן, ווער עס האָט געקענט אָפּטאָן אַזאַ מעשה־נורא. בן־ציון און זײנע חברים זענען סטאַטעטשנע געזעסן יעדער איינער נעבן טאַטן, געדאַוונט מיט כוונה, פרום געשאָקלט זיך

און קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דווקא אָט די שנעקעס האָבן פאַר־קאָכט די גאַנצע קאַשע.

עס פאַרשטייט זיך אַז דער ראַבינער האָט זיך גלייך דערוווּסט פון דער גאַנצער חתונה. ער איז אָבער יאָ געפאַלן אויף אַ שפּור, ווער עס האָט גע־קענט אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל. אין שטעטל האָט זיך נישט לאַנג צוריק באַזעצט אַ יונגע פריילין, אַ העברעיִשע לערערין, אַרום איר האָט זיך געשאַפן אַ שטיקל קרייז פון עלטערע באַלעבאַטישע בחורים, שטיקלעך ציוניסטן, — מוזן דאָרט געזוכט ווערן די שולדיקע אין דעם סקאַנדאַל. אַ מענטש אַן אָפּנהאַרציקער, מיטן צוגאַנג: „וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג", האָט זיך דער ראַבינער אַרויסגעכאַפּט, אַז נאָך היינט, שבת, וועט ער לאָזן מאַכן אַן „אָביסק" (הויז־זוכונג) אין דער וווינונג פון דער העברעיִשער לערערין. „די ציוניסט־לעך וועלן אים שוין באַצאָלן פאַר אַלץ" — האָט דער ראַבינער געסטראַשעט. נאָך איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, זענען אַ פּאָר יאָטן, מיט בן־ציונען בראש, אַוועק צו דער לערערין, זיך פאַר איר פאַרגעשטעלט און איבערגעגעבן וועגן דער הויז־זוכונג וואָס גרייט זיך. באַלד האָט מען אויסגעראַמט די פּאָר ציוניסטישע בראָשורן, אויך אַ פּאָר סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער לערערין, און ווען דער פּריסטאַוו איז געקומען מאַכן די הויז־זוכונג, האָט ער גאָרנישט געפונען. מעשה קאַוואַליר, האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר דער לערערין, פאַרוואָס ער האָט זי באַאומרויִקט: „עס איז „סלוזשבאַ" — דינסט פליכט!"

דאָך האָבן זיך אין אָוונט באַוויזן אויף די אָסיענדיקע גאַסן פון שטעטל „נאַריאַדן" — אָפּטיילונגען, הייסט עס — פון רייטער־פּאָליציי, וואָס האָבן געהיט עס זאָל נישט קומען צו קיין סקאַנדאַלן. בן־ציון מיט זיין חברה שנעקעס זענען אויך געווען אין גאַס. זיי האָבן מאָביליזירט אַ כאַפּטע נאָך קלענערע יאָטן. אַלע האָבן אָנגעפילט די קעשענעס פון זייערע ווינטער־מאַנטלען מיט שיטערער בלאָטע, וואָס איז אין שטעטל געווען לרוב, און ווו מען האָט נאָר באַמערקט אויסגעפּוצטע מענטשן אויפן וועג צום סאַלאָן ווו עס האָט גע־דאַרפט פאָרקומען דער באַל, איז — געכאַפּט אַ הויפן בלאָטע, אַ וואָרף גע־טאָן, פאַרשמירט די יום־טובדיקע בגדים, אַמאָל טאַקע אויף די געזיכטער, און נעלם געוואָרן... אויף די געשרייען פלעגט זיך די רייטער־פּאָליציי וואַרפן אַהער און אַהין. נאָר גיי זוך דעם ווינט אין פעלד. חברה קליינוואַרג פלעגט נעלם ווערן. און טאָמער האָט עמיצער פאָרט געכאַפּט מיט דער „נאַהאַיקאַ", האָט ער עס גענומען פאַר ליב, זיך אויסדרייען, כלומרשט גיין אַהיים, און באַלד ווידער אַרויס צו דער „אַרבעט".

דער באַל איז געווען אַ פולקאָמער דורכפאַל. בן־ציון און זיינע חברים

האָבן זיך דערפילט ווי העלדן, דער ציוניסטישער יוגנט־קרייז האָט געמאַכט זײַן ערשטן שריט. מיכאַיל האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון זיינע „סאָרוואַנצי־ ווילע־יונגען, ווי ער האָט די חברה גערופן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אויך אַנטדעקט געוואָרן דער סוד פון מי־ כאַילן. ער האָט זיך אָנגעשטעלט צו האַקן אַ וואָגן האָלץ אין הויז פון אַ ייִדישן אַפּטייקער. דאָרט האָט אים דערקענט דעם אַפּטייקערס ברודער, וואָס איז גע־ ווען זיינער אַן אוניווערזיטעט־חבר. דער אמת איז באַוווּסט געוואָרן. מיכאַיל האָט קיין ליגנס נישט דערציילט, ער האָט נאָר פאַרבאָרגן אַז די עלטערן האָבן זיך פון אים אָפּגעזאָגט ווייל ער האָט זיך געשמדט... באַלד האָט מען אים אויסגעקליידט כיד המלך. ער איז אויפן ווינטער פאַרבליבן אין שטעטל, פיין פאַרדינט פון רוסישע שטונדן, און ווי נאָר עס איז אַרויס דער געזעץ, אַז משומדים קענען זיך אומקערן צו ייִדישקייט, האָט עס מיכאַיל געטאָן. ער האָט ווייניק געוווּסט פון ייִדישקייט, אָבער אויפן שמד האָט ער חרטה געהאַט.

קאַפּיטל 31

משומדים

פון זיין פריסטער יוגנט האָבן בן־ציון געוווּסט, אַז די וועלט טיילט זיך אויף יידן און גויים, להבדיל. יידן גלויבן אין איין־איינציקן ג׳, זיי זענען אין גלות, פון וועלכן משיח וועט זיי מיט ג׳ס הילף פריִער אָדער שפּעטער אַרויס־נעמען און פירן קיין ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון זייערע אָבות. גויים גלויבן אין געטשקעס פון האָלץ, שטיין אָדער מעטאַל. אין מאַרק פון שטעטל, דאָרט ווו עס האָבן זיך געקרייצט די צוויי הויפּט־גאַסן, איז געשטאַנען דער גוייִשער ג׳, וואָס איז אויך געווען אַ ייִד. אַ פיגור פון האָלץ איז געווען צוגענאָגלט צו אַ גרויסן הילצערנעם קרייץ, און האָט מיט זיין פאַרקרימטן פּנים און יידישן בערדל אָנגעוואָרפן אַ פּחד און געוועקט רחמנות. גויים פאַרבייגייער פלעגן קניִען פאַרן „צעפּיאַלעטן“ געץ. בן־ציון האָט שוין פון דער פריסטער יוגנט געקענט דאָס לידל: „אַז אָך און ווי איז צו זיי...“ אאַז״וו.

אַז גויים וועלן אַמאָל אַלע ווערן יידן, האָט בן־ציון געגלויבט באמונה שלימה. עס שטייט דאָך בפירוש אין דער „שמונה־עשרי“ פון ראש־השנה: „ויעשו כולם אַגודה אַחת“ — אַלע וועלן זיין איין פאַרבאַנד. דאָס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, און קיינער ווייסט נישט גענוי ווען דאָס וועט אַמאָל זיין. רעכענען דעם קץ איז אַן עבירה. מען דאַרף געדולדיק וואַרטן.

נאָר אַז אַ ייִד זאָל ווערן אַ גוי, זאָל זיך שמדן — דאָס האָט זיך גאָר אויפן שכל נישט געלייגט. וואָס הייסט? משוגע וועט ער ווערן? וואָס הייסט ער וועט זיך אָפּזאָגן פון לעבעדיקן ג׳ און וועט דאַוונען פאַר אַ בילד פון שטיין אָדער האָלץ? זיין מוחל פון אַ קינד און פון אַ יוגנטלעכן האָט עס בשום אופן נישט געקענט פאַרנעמען. דאָך איז אים אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט משומדים, פיר, פון וועלכע ער האָט גוט געקענט, חוץ מיכאַילן. דאָס זענען געווען טראַ־גישע פיגורן, צוויי פּראָסטאַקעס — איינער אַ למדן־מופלג, איינער אַ דאָק־טער, און אַלע פיר האָבן זיך זייער גאַנץ לעבן געפּלאָגט אין גייסטיקע יסורים. צוויי זענען צוריק געוואָרן יידן. דעם סוף פון די אַנדערע צוויי ווייסט נישט בן־ציון.

נפתלקע

דער ערשטער משומד איז געווען טאַקע פון שטעטל, אַ שוסטער־יונג, וואָס האָט זיך אין דער נאַכט פון זייער „קייסאַד“ (פּאַסכאַ) געלאָזט אָפּשמדן.

אויף מאָרגן איז דאָס שטעטל געגאַנגען כאַדאָראַם. די עלטערן, זיין ווייבל, צביה, אַ שוואַרצחנעוודיקע זשוואַווע ווייבעלע, אַ פריינדין פון בן־ציונס עלטסטער שוועסטער, זענען געזעסן נאָך נפתלקען שבעה, ווי נאָך אַ טויטן. דער שוואָגער זיינער, אַן אַנגעזעענער סוחר, האָט זיך געשעמט צו ווייזן אויף דער ליכטיקער גאַס... די גאַנצע געמיינדע איז געווען צעטומלט און צערודערט: אַזאַ מעשה! סטייטש! נאָך נישט געהערט געוואָרן!

נפתלקע האָט זיך דווקא אַרומגעדרייט גאַנץ האָפערדיק איבער די גאַסן, צווישן די יום־טובדיק אויפגעלייגטע גויִים. די ייִדן, וואָס האָבן מיט אים געוואָלט שמועסן, האָט נפתלקע געוואָלט איינרעדן, אַז ער האָט עס געטאָן זיין שוואָגער אויף צו להכעיס... חברה קליינוואַרג, וואָס פלעגט פון אים אַנטלויפן פאַר מורא, האָט ער צוגעצויגן מיט דעם, וואָס ער האָט זיי געוויזן די צלמלעך וואָס זענען געווען אויסגעשאָרן אין זיין שוואַרצער, געדיכטער טשופרינע.

דער משומד האָט זיך אַנגעדונגען קעסט ביי אַ קריסטלעכער פאַמיליע אין שכנות פון זיין באַלעבאַטישן שוואָגער— זאָל ער זען, און זאָל ער פּלאַצן. אויף אַלע רופן צו קומען צום רב אויף אָפּצוגטן צביהן, ווייל כאָטש ער האָט זיך געשמדט, בלייבט ער אַלץ אַ ייִד און זיין פרוי איז צו אים צוגעבונדן מיט די קידושין — האָט נפתלקע געענטפערט אַזוי, אַז ס'איז אַ חרפה פאַרן מויל צו ברענגען: אַ משומד!...

אַ גאַנצן זומער האָט עס אין שטעטל געברודערט מיטן משומד, ביז מען האָט זיך צוגעוווינט, און... געווען גרעסערע זאָרגן. אַרום חנוכה־צייט האָט צביה אָנגעהויבן אַריינקומען צו אָפט צו בן־ציונס עלטסטער שוועסטער. מען האָט גערעדט מער אויפן ווינק, פאַרשטעלט, מען האָט זיך געסודעט, מען איז אין צווייען ערגעץ געגאַנגען, מען איז פון ערגעץ צוריק געקומען צעהיצטע און פאַרפלאָמטע. בן־ציון האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ מוז עפּעס זיין אַ גאָר וואַזשנער ענין. ער האָט געוואָלט דערגרונטעווען דעם סוד. אָנגעהויבן אונטערהערן, געבונדן אַ וואָרט צו אַ וואָרט, אַ תנועה צו אַ תנועה, און זיך אָנגעשטויסן אַז עס גייט וועגן נפתלקען. יענער האָט חרטה אויפן גאַנצן עסק, ער וויל צוריק ווערן אַ ייִד, „צונויפגיין" זיך מיט צביהן און לעבן ווי ג' האָט געבאָטן. אין רוסלאַנד איז נאָך דאַן געווען פאַרבאָטן אומצוקערן זיך צו ייִדישקייט, האָט ער געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, ערגעץ אין די אַמעריקעס, צביה וועט אים שפּעטער נאָכפאָרן. דאַרף מען דערויף געלט, האָט מען זיך וועגן דעם געשושקעט.

געלט איז געוואָרן. נפתלקע איז פּלוצים פאַרשוווּנדן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אויך צביה אַוועקגעפאָרן. אין בראָדי האָט זיך דער משומד צוריק־

געקערט צו ייִדישקייט. דאָס פּאָרל איז אַוועק מעבר־לים. שטעטל האָט שפּע־טער דערהאַלטן גוטע בריוו, אין די אַמעריקעס איז נפתלקע אַ שטיקל נגיד געוואָרן. און ווען אין אַ טאָג האָט דער רב דערהאַלטן פון אויסלאַנד אַ גאַנץ פיינע מטבע אויף צדקה, האָבן זיך ייִדן געשושקעט: „אַ ייִדישע נשמה טאָר מען נישט שאַצן״... און אַלע האָבן געוווּסט וועמען מען האָט געמיינט.

וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש

אַ מאָדנער פּאַרשוין. אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט לאַנגע הענט און לאַנ־גע פינגער, אַ לאַנגע נאָז. געדויכערט האָט ער לאַנגע פּאַפּיראָסן (אַפּיצירסקע, האָט מען זיי גערופן). זיינע לאַנגע וואָנצעס האָבן אַראָפּגעהאַנגען ווי ביי אַ קליינרוסישן פּויער. ספק ייִד, ספק גוי. אַנגעקומען איז ער ווי אַ לערער פון רוסיש, געהאַט לעקציעס אין אַ פּאָר חדרים, אָבער קעסט האָט ער געגעסן ביים דיאַק פון קלויסטער. ייִדיש האָט ער נישט געקענט קיין וואָרט, אָבער לשון־קודש האָט ער גערעדט ווי אַ וואַסער. אין אַ שיינעם טאָג איז ער געקומען צום ליטווישן מלמד לייען „טאַלמוד, טראַקטאַט, סאַנהעדרין״ — ס׳הייסט, אַ גמרא, מסכתא סנהדרין, וואָס ער דאַרף נויטיק האָבן. עפּעס אינגאַנצן אַ מאָדנער פּאַרשוין... אפשר גאָר פון די מיסיאָנערן, ווער ווייסט אַזאַ איינעם?...

פון דיאַק האָט ער זיך אַריבערגעצויגן צו אַ ייִדן, וואָס האָט ערשט גע־האָט פּאַרענדיקט אַ נייע שטוב. דאָרט איז באַוווּסט געוואָרן, אַז ער איז אַ משומד. דער באַלעבאָס פון דער דירה האָט עס אַליין געזען אין פּאַספּאָרט, ווען דער אוריאַדניק איז געקומען מאַכן אַ הויז־זוכונג און האָט מיטגענומען דעם הויזווירט פאַר אַן עדות (פּאָנאַטיעי), אָבער דער ייִד איז געווען אַ שטיקל חשוד אויף איבערטרייבונגען. האָט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש פּאַרגע־זעצט קומען צווישן ייִדן. אין די שבתים אַריינקומען אין שיל, אַפילו נישט פּאַרפעלט צו באַזוכן אַ חסידישן רבין ווען ער איז געקומען אין שטעטל אַריין.

ביים רבין, אָבער, האָט מיטן משומד געטראָפן אַן אינצידענט. איינער פון די היציקע חסידים — יאַשקע שניידער — האָט אים פּשוט אַרויסגע־טריבן: „אַרויס, משומד!״ עס איז געוואָרן אַ בהלה, מען האָט זיך צו וולאַ־דימיר אַלעקסאַנדראָוויטשן גענומען ערנסט, זאָל ער זאָגן ווער און וואָס ער איז. האָט ער מודה געווען אַז ער איז אַ משומד, אָבער ער האָט זיך געשיצט אונטערן תלמודישן וואָרט, אַז: „גדול ממזר תלמיד־חכם מכהן גדול עם־הארץ״ — אַ ממזר אַ לערנער איז גרעסער פון אַ כהן־גדול אַ גראָבן יונג. און ער האָט אַרויסגערופן, מען זאָל אים פאַרהערן גאַנץ ש״ס, און אויב ער וועט נישט זאָגן אַלץ אויפן דף, וועט ער אַוועק פון שטעטל פאַרן סוף־זמן.

בן־ציון איז בייגעווען דאָס פאַרהערן; ער האָט זיך, מחילה, אַריינגע־גנבעט אין גרויסן זאַל פון אַ באַלעבאַטישער הויז, וווּהין די פּאָר לומדים זענען זיך צונויפגעקומען אויף צו פאַרהערן דעם משומד, קען ער עדות זאָגן, אַז וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געענטפערט כמעט אויף אַלץ וואָס מען האָט אים געפרעגט, בלויז אין אַ פּאָר פאַלן האָט ער געהאַט אַ פּאָר קליינע נישט־פינקטלעכקייטן. דאָס האָט אים געקאָסט אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג. ער האָט נערוועזיש געשפּאַנט איבערן גרויסן צימער, געגריזשעט זיינע „אַפּי־צירסקע" פּאַפּיראָסן. ייִדן האָבן געבראַכט גאַנץ ש״ס אין איין באַנד, מען האָט געמישט און געפרעגט און דער משומד האָט געענטפערט און געענט־פערט. די לומדים זענען געבליבן נשתומם — אַזוינס קען באַווייזן בלויז אַ גדול־הדור. האָט מען געשיקט ברענגען משקה, מען האָט געמאַכט אַ סעודהלע און בשעת מעשה האָט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש דערציילט.

ער איז אַ סטודענט אויפן יורידישן פאַקולטעט. תלמוד האָט ער געלערנט ביי זיין פאָטער, אַ גרויסער למדן. ער האָט געהאַט אַ לעקציע אַלס רעפּעטי־טאָר אין הויז פון אַ צאַרישן גענעראַל, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפריינ־דעט. האָט ער פאַרטראַכט, דורך דער פּראָטעקציע פון גענעראַל, ווערן אַ צענ־זאָר, דורכלאָזן אַ ש״ס מיט אַלע השמטות (די שטעלן וואָס די צענזור האָט אויסגעמעקט) און אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. אויף צו ווערן אַ צענזאָר האָט מען זיך שוין געמוזט שמדן, האָט ער געמאַכט דעם שריט. אָבער די שטעלע האָט ער פאַרט נישט באַקומען איבער אַן אינטריגע. צוריקקערן זיך צו ייִדיש־קייט איז פאַרבאָטן, איז ער געבליבן נישט אַהער, נישט אַהין.

ייִדן האָבן, כנהוג, אַביסל געצווייפלט. אָבער שפּעטער האָט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש געקענט דערווייזן, אַז עס איז געווען אמת. ווי באַר עס איז אַרויס דער מאַניפעסט, אַז משומדים מעגן זיך צוריקקערן צו דער אמונה פון זייערע אָבות, איז ער געוואָרן צוריק אַ ייִד. און גרויס איז געווען די שמחה אין שטעטל, ווען וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש איז צוריק געקומען צו גאַסט. אַ ייִד צווישן ייִדן, אַפילו מיט אַ טלית־קטן, דאַווענען אאַ״וו. שפּעטער האָט בן־ציון צופעליק זיך דערוווּסט, אַז וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש איז גע־וואָרן אַ ראַבינער.

גראַטשעוו

דער דריטער משומד איז בלויז געווען אַ „משומדל", אַ קליינס, אַ דאַרס, — הויט און ביינער, קוים וואָס די נשמה האָט זיך אין אים געהאַלטן. געווען איז ער אַ טעכניקער ביי דער אייזנבאַן, אויף אַ קנופּ־סטאַנציע נישט ווייט פון שטעטל ווו בן־ציון האָט געלעבט.

אַזוי האָט זיך גראַטשעוו ווייניק אָנגעקערט מיט ייִדן. שטענדיק פאַר־אינזיכט. מיט אַ טרויעריק געזיכט, האָט ער מיט מענטשן סתם געהאַט ווייניק מחזקותן. אָבער ווו נאָר אַ ייִדישע חתונה, פלעגט ער קומען, — געלאָדן צי נישט געלאָדן. ביי דער חופּה פלעגט ער שטיין מן הצד, ווי אַ פרעמדער, צווישן דעם עולם נייגעריקע. שפּעטער, ביי דער הויפּט־וועטשערע, פלעגט ער זיך צוזעצן צו אַ טישל. נישט געגעסן, נישט געטאַנצט, נאָר געגאָסן אין זיך משקה. געמיינט האָט מען לכתחילה, אַז עס איז שיכּרות. מיט דער צייט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז דאָס נעמט ער זיך אָן מיט מוט צו דער גרויסער ייִדישער עבודה, וואָס ער פלעגט דורכפירן העט פאַרטאָג, ווען דער עולם איז שוין געווען מיד און פאַרשלאָפן.

דעמאָלט פלעגט גראַטשעוו אָנהויבן זיין עבודה: טאַנצן אַ „חסידל״. מיט אַמאָל פלעגט אויף אים אויסוואַקסן אַ חסידישע קאַפּאָטע מיט אַ קאַש־קעט. עולם פלעגט מאַכן אַ וואַרע, כּלי־זמרים פלעגן אויפשפּילן אַ ריקודל, און גראַטשעוו פלעגט זיך אַוועקלאָזן אין אַ טאַנץ, מיט התלהבות, מיט פאַר־מאַכטע אויגן, פאַרדבקהט, ווי פאַרטראָגן אין העכערע וועלטן, פלעגט זיך גראַטשעוו דרייען אין אַ קרייז, צופּאַטשן מיט די הענט, אונטערקנאַקן מיט די פינגער. עס איז געווען אַ ריקודל נישט פון ד ע ר וועלט. דאָס פּנים האָט ביי גראַטשעוון געשיינט, אויף די ליפּן האָט געוואָנדערט אַ גליקלעכער שמייכל, ער האָט געלעבט זיין גרויסן ייִדישן מאָמענט. עס איז געווען אַ הייליקער טאַנץ, וועגן וועלכן אַ צווייטער משומד — היינע — האָט געזאָגט: „עס איז אַ מין תּפילה מיט די פיס״. אין גראַטשעווס תּנועות, אין זיין האָפּע־בונגסלאָזן צעפּעפּענען די הענט, איז געלעגן אַזוי פיל צער, אַזוי פיל עצבות, אַזוי פיל בענקשאַפט, אַז ייִדן פלעגן פאַרבליפּטע לאָזן אַ טרער. מען האָט געפילט אַז דאָס „משומדל״ רייסט זיך צוריק צום מקור, טאַנצט אויס זיין בענקשאַפט נאָך ייִדן און ייִדישקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דורך די האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן זעט ער זיין אַמאָליקע וועלט, אפשר טאַטע־מאַמען, משפּחה, חברים, און אפשר גאָר זיך גופא, ווען ער איז נאָך אַ ייִד געווען... אַזוי האָט ער געקענט אָפּטאַנצן אַ שעה און צוויי, ביז ער פלעגט אַ האַלב־פאַרחלשטער אַנידערפאַלן פון אויסשעפּונג. און זיין גויִישע ווייב, פלעגט אים נעמען אַהיים.

ד״ר גינדין

אַ נידעריקער, אַ שוואַרצער, ווי אַ ציגיינער, מיט אַ שאַרפן בליק און שטענדיק פעסט פאַרפּרעסטע ליפּן — אַזאַ איז געווען דער נייער דאָקטער פון „זעמסקי באָלניצע״ (שפּיטאָל), וועלכער איז געשטאַנען ברייט צעלייגט,

אַרויסקוקנדיק צום יאַריד־פּלאַץ פון שטעטל. גאָר גיך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער נייער דאָקטער איז אַ גרויסער מומחה. אַפילו גראַנאָווסקי דער פעלד־שער האָט פון אים געהאַלטן, און גראַנאָווסקי איז געווען ביי דער מיינונג, אַז ער אַליין ווייסט מער פון אַ סך דאָקטוירים. איז אויב ער, גראַנאָווסקי, האָט שוין געהאַלטן פון ד״ר גינדין, מעג מען אים אַוודאי רופן צו אַ שווערן חולה, וואָס יידן האָבן טאַקע אָפט געטאָן. די פאַמיליע זיינע, גינדין, איז גע־ווען אַביסל אויפפאַלנדיק. זאָל ער זיין מאַחינו בני־ישראל? גינדין האָט זיך קיינמאָל מיט גאָרנישט אַרויסגעגעבן, ביז איינמאָל, ווען ער איז אַריינגע־פאַלן צוליב זיין שוואַכקייט צו יידישע וויצן. באַטראַכטנדיק אַ יידישע פּרוי, וואָס האָט געהאַט אַ געשוויר אונטער אַ „פּאַכווע״, האָט ער זיך אַרויסגע־כאַפּט אין אַ גוטן ליטווישן יידיש: „אַ געשוויר, אויף אַלע משומדים געזאָגט געוואָרן!״. די ביייוועזנדע זענען געבליבן געפּלעפּט, און איינער האָט געהאַט די העזה אַ פרעג צו טאָן, וואָס זיינע ווערטער באַדייטן. ד״ר גינדין האָט שוין פאַרגעזעצט אויף יידיש: „איך בין געשמדט און האָב פיינט משומדים. אויב מען זאָל דעם געשוויר צעטיילן אויף אַלע משומדים, קען מיר אָנקומען אַ פּרישטשיקל. בין איך גרייט צו ליידן, נאָר זיי זאָלן זיך קראַצן״... אין גיכן האָט ד״ר גינדין פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

קאַפּיטל 32

װעניאַמין גריגאָריעװיטש

אַזוי האָט מען גערופן דעם נייעם ראַבינער פון שטעטל. געװען איז ער אַ מיליטערישער אַרצט. קיין גרויסע גליקן האָט ער הפּנים אין צאַרישן מי־ליטער נישט געמאַכט, װייל אָנגעקומען אין שטעטל איז ער גאַנץ אָרעם. דעם ערשטן װינטער האָט ער נאָך געטראָגן דעם מיליטערישן שינעל, װען אַפילו שוין אָן די פּאַגאָנעס. געװוּסט האָט מען, אַז ער האָט דעמיסיאָנירט מיטן „טשין" פון פּולקאָװניק.

געמורמלט האָט מען, אַז װעניאַמין גרעגאָריעװיטש איז, במחילה, אַ שוסטערס אַ זון. געװען יידן װאָס האָבן זיך באַרימט, אַז זיי האָבן געקענט זיין פאָטער דעם שוסטער, און װען נישט די „גאָלדענע קנעפּ", װער װייסט צי יידן װאָלטן געלייגט צופּיל דרך־ארץ אויף אַ שוסטערס אַ זון?

אָבער, ביז װען װאָס, האָט זיך װעניאַמין גריגאָריעװיטש איינגעקויפט אין ליבע ביים עולם. ער איז געװען אַ היפּשער מומחה, דערצו אַ צוגעלאָזענער פּאָלקס־מענטש, כאָטש יידיש האָט ער גערעדט װי אַ גוי. אין גיכן איז ער אויסגעקליבן געװאָרן אַלס ראַבינער. און שטעטל האָט נאָך אַזאַ אַקטיװן און טרייען, איבערגעגעבענעם כלל־טוער נישט געהאַט. אַ מענטש, װאָס האָט זיך מיט אייגענע כוחות אַרויפגעשלאָגן אויף אַ דרך, האָט ער געהאַלטן, אַז מיט אַרבעט און ענערגיע קען מען אַלץ דורכפירן, און האָט דעם כלל אָנגע־װענדט אויך צום קהלשן לעבן פון שטעטל.

אַליין אַ שטיקל עם־הארץ, האָט זיך װעניאַמין גרעגאָריעװיטש פון לכתחילה געװאָרפן אויפן חינוך. אין שטעטל זענען געװען עטלעכע חדרים און אַ תלמוד־תורה פאַר אָרעמע קינדער. האָט דער ראַבינער פאַרטראַכט צו פאַרװאַנדלען די תלמוד־תורה אין אַ פאָרמעלער אינטעגראַלער שולע, װו עס זאָלן געלערנט װערן יידישע און אַלגעמיינע לימודים צוגלייך, און דאָס זאָל װערן די הויפּט־שולע פון שטעטל: געװען אָן אָנהענגער פון צענטראַליזאַציע.

אָנגעהויבן האָט ער עס אויף אַ זייער פּשוטן אופן: פאַררופן די בעסערע מלמדים פון שטעטל, צעפרעגט זיך ביי זיי װיפל יעדער איינער פאַרדינט, מיט װיפל כיתות אים קומט אויס צו לערנען אאַ"װ. נאָך אַ געגויעם שטו־דיום איז דער ראַבינער אַרויסגעקומען מיט אַ פּלאַן: פאַראייניקן די תלמוד־תורה מיט די פינף חדרים פון שטעטל און שאַפן אַ שולע פון זעקס קלאַסן.

יעדער מלמד וועט לערנען נאָר מיט איין כיתה, וועט ער ווייניקער האָרעווען און די קינדער וועלן האָבן אַ גרעסערע פּעולה. מען וועט אויך פאַרווענדן ווייניקער צייט, וועט מען די אָפּגעשפּאָרטע שעהען אָפּגעבן פאַר אַלגעמיינע לימודים, וועלן די קינדער אַרויס צו בר־מצווה, שטיקלעך מענטשן און גאַנצע ייִדן.

דער פּלאַן האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם. מלמדים האָבן געשריען, אַז מען קוילעט זיי פון ברויט, — אַלע וועלן דאָך וועלן גיין אין אַ שולע מיט „פּאַרטעס״ (שול־בענק), „אַטמיטעקעס״ (צייכנס), אַ קלונג ביים אַריינגיין און אַרויסגיין אאַ״וו. פּרומאַקעס האָבן געטענהט, אַז מען גייט אַריינשטעלן אַ צלם אין היכל, — וואָס הייסט מען וועט אין אַ ייִדישער שולע קלינגען אין גלאָק, ווי אין אַ תּיפלה להבדיל? היה לא תהיה! ייִדן יאַבעדניקעס האָבן סתם געפירט אינטריגעס, פאַרשפּרייט קלאַנגען, אויפגערייצט די געמיטער. בעיקר האָט זיך געקאָכט דער אייגנטימער פון דער פּריוואַטער רוסישער שקאָלע, אַ ייִד, וואָס האָט מורא געהאַט אַז ער וועט אָנווערן פּרנסה.

וועניאַמין גריגאָריעוויטש האָט געקעמפט מיט אויפקלערונג, מיט אַרגומענטן, מיט באַווייזן, אַז קיינער וועט צו אַזאַ אָרגאַניזירטן חינוך נישט דערלייגן און אַלע וועלן דערפון געניסן. האָבן חשובע באַלעבאַטים אַרויסגערוקט אַ גאָר האַרבע טענה: —סטייטש, זייערע קינדער וועלן לערנען פון די קבצניוקעס פון תּלמוד־תּורה?! אויף דעם האָט וועניאַמין גריגאָריעוויטש געענטפערט אין גוטן רוסיש, אַז אין גוטער ייִדישקייט איז אָרעמקייט קיין חרפּה נישט און רייכקייט קיין יחוס נישט. דער רב ר׳ אליהו האָט געשטיצט דעם אַרגומענט מיט אַ בפירושער גמרא: „הזהרו בבני עניים״ — זייט געהיט מיט אָרעמע קינדער, ווייל פון זיי אַנטוויקלט זיך די תּורה.

די צענטראַלע אינטעגראַלע שולע איז געשאַפן געוואָרן. אַ דירה האָט מען געפונען אין סאַמע צענטער פון שטעטל. איינגעאָרדנט קלאַס־צימערן, געהעריק אויסמעבלירט. באַשטימט אַן אָפיציעלן דירעקטאָר, אַ ייִדן, אַ פּריוואַטן אַדוואָקאַט, און אַלע זענען געבליבן צופרידן. די מלמדים האָבן זיך דערפילט חשובער אין דער מדרגה פון לערער. ייִדישע יונגעלייט און פריילינס מיט רוסישן וויסן האָבן באַקומען שטעלעס פון לערער פאַר אַלגעמיינע לימודים, עלטערן און קינדער האָבן זיך געפילט דערהויבן. וועניאַמין גריגאָריעוויטש האָט אָפּגעהאַלטן זיין ערשטן זיג.

מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט. אַן אָנפאַנג־שולע איז דאָך נישט גענוג. פאַרטראַכט וועניאַמין גריגאָריעוויטש צו גרינדן אַ פּריוואַטע גימנאַזיע, דערווייל פון די פיר ערשטע קלאַסן און אַן „פּראַוועס״ (רעכט), אָבער מיט דער צייט... איר פאַרשטייט? איז געשאַפן געוואָרן אַ געמישטער

קאַמיטעט, — ייִדן מיט קריסטן, — מען האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן אַקציעס, הונדערט רובל אַ פּאַי (אַקציע). ייִדן האָבן געקויפט: רייכע אויף מזומן, אָרע־מע אויף אויסצוצאָלן. מען האָט די פּריוואַטע שקאָלע אָפּגעדונגען פאַר דער גימנאַזיע, אַריינגעבראַכט גימנאַזיע־לערער פון דער נאָענטער שטאָט, דורכ־געפירט עקזאַמענעס, אָרגאַניזירט די לימודים און עס איז אַוועק מיט הצלחה.

מען האָט זיך אָבער גיך אַרומגעקוקט אַז צווישן די גימנאַזיסטן זענען פאַראַן זייער ווייניק נישט־ייִדן, וועט דאָך עס אויפרייסן די אויגן, דאַרף מען צוציִען קריסטלעכע תלמידים. איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאַטעגאָ־ריע פון אַקציאָנערן — בלויז צען רובל אַן אַקציע — אָבער מיט גלייכע רעכט אין אַלץ. האָבן זיך די רייכערע קריסטן אַרויפגעוואָרפן אויף דער מציאה, די גימנאַזיע איז פאַרפלייצט געוואָרן פון קריסטלעכע קינדער. ייִדן האָבן געקוואָלן: אי פאַרשפּרייטן קולטור, אי דער פּראָצענט פון ייִדישע קינדער ווערט פאַרקלענערט, — איז עס אַ סגולה צו באַקומען „פּראַוועס".

אָבער ווען מען האָט אָנגעהויבן „כאָדאַטייסטווען" (באַמיִען זיך) וועגן פּראַוועס, האָט מען פון „אָקרוג" (בילדונגס־קרייז) געענטפערט, אַז, אַדרבא, אָבער עס זענען פאַראַן צופיל ייִדן... וואָס־זשע זאָל מען טאָן? איז אַ ייִד אַ סוחר געפאַלן אויף אַן עצה. כּפי עס זענען דאָ אַקציאָנערן, וואָס האָבן נאָך זייער אַקציע נישט אינגאַנצן אויסגעצאָלט, זאָל מען זיי אומקערן דאָס איינ־געצאָלטע, און אַרויסשיקן זייערע קינדער, — וועט די צאָל ייִדישע קינדער קלענער ווערן.

דאָס האָט שוין וועניאַמין גריגאָריעוויטש נישט געקענט פאַרטראָגן. עס איז אַן אומרעכט! דער גויִישער אַקציאָנער פון צען רובל וועט זיין קינד האַלטן אין גימנאַזיע, און דאָס קינד פון ייִדישן אַקציאָנער, וואָס האָט איינגעצאָלט פיל מאָל מער וועט מען אַרויסשיקן?! ער קען אויף דעם נישט איינגיין! דער פּראַקטישער סוחר האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן, און אין דער היצי־קייט פון דער דעבאַטע האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ צו שאַרף וואָרט: „געקומען דער ראַווין און דרייט אונדז אַ מוח מיט זיין קאָהאַל". אַן אויפגע־רעגטער, האָט זיך וועניאַמין גריגאָריעוויטש געוואָרפן אויפן סוחר מיט די קולאַקעס. מען האָט זיי קוים צענומען...

אָבער אויף מאָרגן האָט מען זיך ווידער געטראָפן ביי דער פּאָסט, ווו דער בריווטרעגער פלעגט יעדן פרימאָרגן אויסלייענען די פּאָסט, און די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן ביז ער וועט ברענגען די בריוו אַהיים, פלעגן זיי קומען אָפּנעמען דאָרטן. צווישן דעם היפּשן עולם וואָס האָט געוואַרט אויפן בריווטרעגער, זענען אויך געווען דער סוחר און דער ראַבינער. מען האָט זיך אָנגעהויבן איבערוואַרפן מיט ווערטער. די דיסטאַנץ צווישן

ביידע קעגנער איז געוואָרן קלענער, ביז ווענימאַמין גריגאָריעוויטש האָט גע־קענט דערלאַנגען מיט זיין שטעקן דעם סוחר, און אים געגעבן אַ פּאַר קלעפּ אין פּלייצע. מען האָט די קעגנער צענומען. ייִדן באַלעבאַטים האָבן זיך אַריינ־געלייגט אין אַ שלום, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן ביי אַ לחיים, וואָס ביידע צדדים האָבן געצאָלט פאַר גוטע ברידער, אָבער דער שלום אין דער געמיינדע איז שוין געווען צעשטערט. דער סוחר האָט זיך נוקם געווען אין ראַבינער אויף גאָר אַן אַנדער געביט.

צווישן די פּלענער וואָס ווענימאַמין גריגאָריעוויטש האָט געהאַלטן אין דורכפירן, איז געווען אַ פּראָיעקט אויפצובויען אויפן ליידיקן פּלאַץ נעבן איינער פון די שולן אַ געמיינדע־הויז פון דריי גאָרן מיט אַ קעלער. אונטן זאָל זיין דער „פּאַדריאַד" צו באַקן מצות; אויפן ערשטן גאָרן די שולע; אויפן צווייטן גאָרן אַן אַקטן־זאַל מיט אַ ביבליאָטעק; אויפן דריטן — צימערן פאַר די פאַרשידענע קאָמיטעטן פון שטעטל, מיט דער ליי־קאַסע וואָס ער האָט געהאַלטן אין גרינדן. פאַר אַט דעם פּלאַן האָט דער ראַבינער אַוועקגעשאָנקען דעם געהאַלט, וואָס קהל האָט אים געדאַרפט צאָלן. אַ צאָל באַלעבאַטים האָבן צוגעזאָגט געוויסע סכומים. דער ראַבינער האָט געהאָפט אַרויסצוקריגן אַ גע־וויסע סומע פון דער „קאָראָבקע" (פליייש־טאַקסע). דער ענין וואָלט פריִער־שפּעטער רעאַליזירט געוואָרן, אָבער דער ברוגז מיטן רייכן סוחר האָט קאַ־ליע געמאַכט די מערכה. דער סוחר און זיינע אַנהענגער האָבן אָפּגערופן זייע־רע צוזאָגן, אַ סך אַנדערע האָבן נישט געצאָלט אונטער פאַרשידענע אויסריידן, — דער פּלאַן איז בטל געוואָרן. דאַן האָט ווענימאַמין גריגאָריעוויטש געמאָנט זיין געהאַלט; אַז בטל דער פּלאַן, איז בטל דער געשאַנק. קהל האָט אָבער געטענהט, אַז חרטה איז נישט מעשה סוחר; צוגעזאָגט — איז פאַרפאַלן. ווע־ניאַמין גריגאָריעוויטש האָט אָנגעגעבן אין געריכט. געמיינדע האָט געטענהט, אַז זי האָט נישט קיין געלט. אָבער ביים פּריסטאַוו איז שוין געלעגן אַן „איס־פּאָלניטעלני ליסט", — ס'הייסט אַ באַפעל פון געריכט צו לייגן אַן אַרעסט אויף די געלטער פון די שולן, ווו נאָר ער וועט זיי געפינען. אין אַן ערב יום־כיפּור, ווען די גבאים זענען ברייטלעך געזעסן ביי דער שיסל און אַנדערע ייִדן ביי די צדקה־טעלער, — בן־ציון איז דאַן צום ערשטן מאָל פון זיין יונגן לעבן געזעסן ביי אַ טעלער פאַרן ישוב ארץ־ישראל, — האָט זיך אַריינגע־שטעלט דער פּריסטאַוו, אַרויסגענומען פון זיין היטל דעם „איספּאָלניטעלני ליסט", אים געוויזן די גבאים, און פאַרנומען דאָס גאַנצע געלט פון דער שיסל מיט די טעלער פאַרן חוב צום ראַבינער...

אין שטעטל איז געוואָרן אַ קאָכעניש: „סטייטש! אַזאַ חוצפה! גיין מיט „סוד", בדיניהם!" אַנדערע האָבן פאַרטיידיקט די האַנדלונג פון ווענימאַ־

מין גריגאָריעוויטשן: „די תקיפים האָבן אים דערצו געצוווּנגען!", „געוויס גייט אים נישט אַזוי אין די פּאָר רובל, ווי אין דעם וואָס מען האָט פון אים חוזק געמאַכט!". קיין סך צייט צו דיסקוטירן איז נישט געווען; מען האָט גערדאַרפט לויפן פאַרפאַסטן און איילן צו כל־נדרי. אָבער אין איילעניש האָט מען דאָך נישט פאַרגעסן שיקן אָנזאָגן אין דער צווייטער שול, וואָס עס האָט געטראָפן אין דער ערשטער. און ווען דער פּריסטאַוו איז געקומען אַהין, האָט ער שוין קיין שיסל און קיין טעלער נישט געטראָפן...

וועניאַמין גריגאָריעוויטש האָט שוין, אָבער, נאָך אַזאַ מעשה נישט גע־קענט גיין צו כל־נדרי אין דער גרויסער שול, ווו ער האָט געהאַט זיין פּלאַץ אויף דער בימה, איז ער געקומען אין דער צווייטער שול, ווו מען האָט אויף אים טאַקע געקוקט אַביסל קרום, אָבער דאָך אויפגענומען בכבוד און אַוועק־געזעצט אויבנאָן. דער חזן איז זיך ערשט רעכט צעגאַנגען ביי די יעלות, ווען אויפן וואַנט, פּונקט איבערן קאָפּ פון וועניאַמין גריגאָריעוויטשן האָט זיך אָנ־געצונדן דער קנויט אין אַ לאָמפּ פון קעראָסין. עס איז געוואָרן אַ בהלה. מען האָט זיך געלאָזט זוכן דעם שבת־גוי. אָבער וועניאַמין גריגאָריעוויטש האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס טומלט מען זיך דאָ אַזוי. פלינק איז ער אַרויף אויף דער באַנק און מיט אַ פּאָר שטאַרקע בלאָזן פון געזונטע לונגען, האָט ער פאַר־לאָשן דעם לאָמפּ... אויס שריפה! האָבן זיך יידן פרייער געערגערט: סטייטש! אום יום־כיפור?! דערנאָך האָבן זיי זיך געוויצלט, אַז מען דאַרף אָפּזאָגן דעם שבת־גוי, ווייל אויף וואָס דאַרף מען אַ שבת־גוי, ווען מען האָט אַזאַ ראַבי־נער?...

פאַר בן־ציונען האָט וועניאַמין גריגאָריעוויטש געהאַט נאָך איין גרויסן חסרון: ער איז נישט געווען קיין ציוניסט, אַ דעמאָקראַטישער מענטש און אַן אָנהענגער פון זעלבסט־באַשטימונג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, איז ער אָבער געווען צו שטאַרק רוסיפיצירט, און האָט צו ווייניק געוווּסט פון יידישקייט, אַז ער זאָל קענען תופס זיין דעם ציוניזם. אָבער בן־ציון האָט נאָך דערלעבט צו זען וועניאַמין גריגאָריעוויטשן בייטן זיין שטעלונג, און ווען אַפילו ער איז נישט געוואָרן קיין ציוניסט, איז ער אָבער יאָ געוואָרן אַ סימ־פּאַטיזירער, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען.

קאַפּיטל 33

פעלצלעך און טולעפּלעך

סאָציאַל איז דער ייִדישער ישוב פון שטעטל געווען איינגעטיילט אין פינף קאַטעגאָריעס, אָדער ווי מען האָט עס גערופן „גראַדן": „אַריסטאָקראַטן" — ס'הייסט אַזעלכע ייִדן וואָס, אָרעם צי רייך, האָבן גערעדט רוסיש און נישט געוואָלט רעדן קיין ייִדיש; גבירים און נגידים, ייִדישע ייִדן, נאָר גאַנץ רייכע; באַלעבאַטים, צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט די כלי־קודש; „גע־מיינע לייט" — ס'הייסט בעלי־מלאָכות און זייערס גלייכן, און קבצנים, וואָס זענען באמת געווען נישט פיל. די געגנט איז געווען זייער אַ זאַטע און פון גאָר גרויסער אָרעמקייט האָט מען נישט געוווסט. די צעטיילונג אין גראַדן איז געווען אַ גאַנץ פעסטע. מען האָט אַפילו געקענט אַריבער פון איין שטאַנד אין אַ העכערן, אָבער עס איז נישט אָנגעקומען גרינג.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט משפּיע געווען אויך אויפן ייִדישן ישוב. די „געמיינע לייט" האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן באַקומען חוצפּה קעגן די נגידים, אַפילו מעיז געווען קעגן די „אַריסטאָקראַטן", און אין גיכן זענען געבליבן בלויז צוויי קלאַסן — אָרעם און רייך, אָדער ווי די ווערטל־זאָגער האָבן עס גערופן: „די פעלצלעך און די טולעפּלעך". אַ לאַנ־גע צייט האָט געדויערט די אָנגעצויגנקייט, אָבער דער קאָנפליקט האָט סוף־כל־סוף אויסגעבראָכן, און דווקא אין אַן אָרט ווו מען האָט אים אַמווייניקסטן געקענט דערוואַרטן: אין שיל.

ביידע טעג ראש־השנה פלעגט דער עולם באַלד נאָך מיטיק קומען אין שיל אַריין זאָגן תהילים. צולייגן זיך, כאַפּן אַ דרימל, טאָר מען דאָך נישט, מען קען נאָך ח"ו פאַרשלאָפן דאָס קוויטל — פלעגט מען ביז מנחה זאָגן תהילים בציבור. האָט געטראָפן אין אַ ראש־השנה, אַז דער גבאי האָט פאַר־געסן, צי סתם נישט געוואָלט צוגרייטן גענוג תהילימלעך, וואָס מען האָט יעדן יאָר געדאַרפט צוקויפן. צום עמוד, אַלס פּירזאָגער, איז גראָד צוגעגאַנ־גען אַ „פעלצל" — יהושע בלעכער —, אַ יונגערמאַן אַ בעל־מלאָכה, נאָר אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער און אַ הייס־געבאָדענער דערצו. ער האָט ליב געהאַט דעם תהילים־זאָגן. ער שטייט ביים עמוד, דער עולם זאָגט, און ער פאַרענדיקט יעדן קאַפּיטל הויך, בקול רם. אַ שטימע האָט ער געהאַט אַ שיינע, אַ זיסע,

זי האָט פּיין געקלונגען אונטער דער הויכער סטעליע פון דער גרויסער שיל, — איז עס געווען זיין עולם־הזה. און דאָ, מיטאַמאָל, נישטאָ קיין תהילים־לעך. „אַ העזה פון אַ גבאי!" — האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבעררייד. עס האָבן נישט געפעלט קיין שווערע ווערטער, אָבער די צייט גייט אַוועק... איז יהושע בלעכער געפאַלן אויף אַן עצה. ער האָט צוגערופן עטלעכע יינגלעך, בן־ציונען צווישן זיי, געהייסן צוגיין צו ר' נתן פאַקענטרעגער און זאָגן אין זיין נאָמען, ער זאָל געבן תהילימלעך פאַר דער שיל; ער איז ערוב; אין לעצטן פאַל וועט ער אַליין באַצאָלן פון זיין קעשענע. ר' נתן פאַקענטרעגער, אַ ייד אַ ליטוואַק, האַלב־למדן, האַלב־משכיל און אַ שטיקל אַפּיקורס דערצו, האָט דאָך געגלויבט יהושע בלעכער אויפן וואָרט. חברה איז געקומען מיט פּעקלעך תהילימלעך. יהושע בלעכער האָט זיך געשטעלט צום עמוד, עמך האָט געזאָגט האָפּערדיק, — אָפּגעטאָן דעם גבאי... דער טרויעריקער תהילים־ניגון האָט דערמאָנט, אַז מען איז דאָך עפּעס אין די פאַרכטיקע טעג; עס גייט אַזאַ יום־הדין — איז דער פאַרדראָס ביסלעכווייז אָפּגעגאַנגען. מען האָט פאַרבויגן דאָס מחלוקת. זי האָט אָבער געמוזט אויסברעכן אַביסל שפּעטער, ווייל די לופט איז געווען פול מיט רעוואָלט און אויך יידן האָבן רעוואָלטירט.

געווען איז עס ווידער אַרום אַ שיל־ענין. אין די גרויסע ווינטערדיקע קעלטן פלעגט מען די גרויסע שיל נישט הייצן. מען פלעגט דאָרט דאַווענען נאָר שבת אין דער פרי, אַ גאַנצע וואָך האָט מען געדאַוונט אין „חדר שני", ווו עס איז יאָ אַביסל געהייצט געוואָרן. די רעוואָלטירטע באַלמעלאָכעס האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל אַלע טאָג הייצן די גרויסע שיל, ווייל דער „חדר שני" איז צו קליין פאַר אַלע מתפללים — מען מוז דאַווענען אין עטלע־כע מנינים — און דאָס נעמט ביי זיי צו אַ סך צייט אומזיסט. אויף אַן אַסיפה וועגן דעם ענין האָבן זיך די טולעפּלעך קעגנגעשטעלט: אַן עבירה הייצונג! און ווידער האָט יהושע בלעכער צוגעטראָפן דעם עולם פּעלצלעך, ווען ער האָט די טולעפּלעך אָנגערופן „סובאָטניקעס", ווייל זיי קומען דאָך צום דאַווענען נאָר איין מאָל אין וואָך — שבת! אַזוי האָט זיך געצויגן דער קאָנפליקט צווישן די טולעפּלעך מיט די פּעלצלעך. מען האָט געקעמפט מיט אַ סך הומאָר און ווייניק פאַרביסנקייט.

דער סיכסוך צווישן די תקיפים פון שטעטל מיטן ראַבינער, האָט צוגע־שפּילט די פּעלצלעך. שוין פון אַ צייט אַז וועניאַמין גריגאָריעוויטש האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו גרינדן אין שטעטל אַ ליי־ און שפּאַר־קאַסע פאַר באַלמעלאָכעס און קליינהענדלער. ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונגס־באַנק, וואָס האָט ספּעציעל געשטיצט אַזעלכע קאַסעס,

אויך מיט דער ייִק״אַ, וואָס פלעגט געבן היפּשע הלוואות די ייִדישע קאַסעס. אָבער עס איז שווער געווען צו רירן דעם ענין. רייכערע ייִדן האָבן כלומרשט צוגעשטימט, אָבער אין דער אמתן סאַבאָטירט. די דירעקט פאַראינטערעסיר־טע שיכטן האָבן מורא געהאַט, אַז ווערנדיק מיטגלידער אין דער קאַסע, וועט מען זיי אָפּשניידן די קרעדיטן ביי די סוחרים. געווען אַפילו ווער עס האָט מורא געהאַט פאַרן אָפיציעלן נאָמען פון דער לייַ־קאַסע, וואָס איז געווען לאַנג ווי דער ייִדישער גלות און נישט פּאַר אַ ייִדישן מויל אַרויסצורעדן. אַנו, אַדרבא, רעדט, זייט מוחל, אַרויס: „מיעלקאָ־טאַרגאָוואָיע אי רעמעסליעננאָיע סודאָסבערעגאַטיעלנאָיע טאָוואַרישטשעסטוואָ״. די צונג פאַרפּלאָנטערט זיך דאָך. האָט זיך דער ענין געצויגן. „קאַניטעל״ — אַ פאַרשלעפּעניש, — האָט עס אָנגערופן דער ראַבינער.

אָבער די פאַרשאַרפטע באַציִונגען צווישן טולעפּלעך און פעלצלעך האָבן דעם ענין אַ ריר געטאָן. מען איז אַריין אין „אַמביציע״, מען האָט גערופן איין פאַרזאַמלונג נאָך דער צווייטער, פאַרצייכנט „פּײַען״ (אַקציעס); ווער איך מזומן און ווער אויף אויסצוצאָלן. די פעלצלעך האָבן גערעדט, איינגע־רעדט, צוגערעדט. דווקא די טולעפּלעך אויף להכעיס וועט מען גרינדן די קאַסע. און די לייַ־ און שפּאַר־קאַסע איז סוף־כל־סוף געשאַפן געוואָרן. ייִדן גבירים, וואָס האָבן פון דעם גאַנצן ענין נישט געהאַלטן, האָבן דאָך געמוזט מיטהעלפן. ייִדן באַלעבאַטים און באַלמעלאָכעס האָבן געקויפט „פּײַען״, מען האָט געדונגען אַ דירה, איינגעאָרדנט די קאַסע און געפּרייט זיך מיטן זיג. די פאַרוואַלטונג איז, פאַרשטייט זיך, באַשטאַנען פון לויטער פעלצלעך, און די טולעפּלעך האָבן מקנא געווען: „גאַנצע מאַכערס געוואָרן...״. ווענ־יאַמין גרי־גאָריעוויטש האָט מער אין זינען געהאַט די דערציִונג פון די מאַסן, ער האָט געפּאָדערט אַז אַלע אַקציאָנערן זאָלן שפּאָרן — ווער מער, ווער ווייני־קער, אָבער שפּאָרן מוז מען. דאָס איז אַזאַ פאַך וואָס מען דאַרף זיך אויס־לערנען. די לייַ־ און שפּאַר־קאַסע האָט טאַקע פאַרלייכטערט די לאַגע פון פילע און אַריינגעטראָגן אַן אויפלעבונג אין דער געמיינדע.

האָבן זיך די טולעפּלעך מתקנא געווען און געגרינדעט אַן „אָבשטשעס־טוואָ וזאַימנאַהאָ קרעדיטאַ״ — אַ געזעלשאַפט פון קעגנזייטיקן קרעדיט, — ס׳הייסט ממש אַ באַנק, נאָר אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אויך זיי האָבן גע־קראָגן קרעדיטן אין דער רעגירונגס־באַנק, נאָר פיל גרעסערע. קיין פעלצלעך האָט מען לכתחילה נישט אַריינגענומען, אָבער יענע האָבן זיך אַזוי לאַנג גע־ריסן, ביז די רייכערע פון זיי זענען געוואָרן אַקציאָנערן און אַפילו גאַנצע מאַכערס אין דער „וזאַימקאַ״, ווי מען האָט פאַרקירצט דעם ביסל צו לאַנגן

נאָמען פון דער באַנק. אַזוי זענען פון דער מחלוקת פון אַ סוחר מיטן ראַבי־נער, אַרויסגעוואַקסן צוויי קרעדיט־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן פיל בייגעטראָגן צו הייבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער שטעטלשער געמיינדע.

בן־ציון האָט דערביי מיטגעווירקט פון אַ גאָר באַשיידענער פּאָזיציע, אין די ערשטע שווערע צייטן פון דער ליי־קאַסע, האָט ער אומגעצאָלט צוגעהאָלפן דעם געשעפט־פירער, וואָס האָט אויך געאַרבעט אומזיסט.

קאַפּיטל 34

אויף אַ ציוניסטישער טריבונע

אַ קורצוואוקסיקע, אַ פּול־לייביקע, מיט אַ רונדן בליענדיקן געזיכט, מיט צוויי שיינע, ליכטיקע, בלויע אויגן, מיט אַ פּאַרריסן נעזל און קוטשמע טונקל בלאָנדע האָר, אָפּגעשוירן אויפן רוסישן שטייגער „פּאָד־סקאָפקו" — אַזאַ איז געווען די יונגע העברעיִשע לערערין וואָס האָט זיך באַזעצט אין שטעטל און מיט וועמען בן־ציון האָט זיך באַקענט, ווען ער איז שבת דעם 17טן אָק־טאָבער געקומען מיט אַ פּאָר חברים „אויסראַמען דעם חמץ", איידער דער פּריסטאַוו וועט קומען מאַכן אַן אָביסק (הויז־זוכונג).

מיט איר אויסזען איז די יונגע לערערקע געווען מער ענלעך אויף אַ רוסי־שע שיקסע, בלויז איר נאָמען, דבורה, פּראָסט און פּשוט, האָט עדות געזאָגט אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער.

לכתחילה האָט דבורה נישט געצויגן אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט; מען האָט סתם נישט תופס געווען, וואָס הייסט אַ מיידל אַ לערערקע פון תנ"ך, משניות, אָבער, נאַדיר גאָר אַ נייעם לימוד, לשון־קודש!... און נאָר לשון־קודש! לשון־קודש לערנט מען דען? — מען לערנט דאַוונען, חומש, דערצו לערנען ביי אַן אישה? געהערט אַביסל?!... אין שטעטל זענען אַפילו געווען צוויי לערערקעס, שוועסטערס, וואָס האָבן געגעבן שטונדן: סאָניע און סאַבינע, אָבער יענע האָבן געלערנט רוסיש, אַביסל ייִדיש, און געווען טייערע ייִדישע טעכטער; אָבער דאָ, נאַדיר גאָר אַ לשון־קודשדיקע לערערקע, און אַ פריילין דערצו; און ביי וועמען וועט זי האָבן „אוראָקן" (שטונדן)? ווער דאַרף איר לשון־קודש?

די וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט אָט די אַלע טענות, האָבן פאַרקוקט אַ ביז גאָר וויכטיקע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד, צווישן דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו און די פּאָגראָמען פון דער רעוואָלוציע און קאָנסטיטוציע, אַן ענדערונג וואָס איז אויך דערגאַנגען אין שטעטל אַריין.

פאַר די פינף יאָר האָבן ייִדן שטאַרק געליטן, געלעבט אין פּחד, אָבער נאָך מער געקלאָמערט זיך אין ייִדישקייט. די פּאָר רוסיפיצירטע פאַמיליעס פון דער שטעטלשער „אַריסטאָקראַטיע" האָבן זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צום ייִדישן עולם, פון וועלכן זיי האָבן זיך פריִער געהאַלטן דערווייטערט. זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּטער פּראַקטיצירן ייִדישקייט, אָפטער קומען אין שיל אין ימים־

טובים, אפילו שבתים; זיי זענען געקומען צו די תעניתי־ציבור, וואָס מען האָט גוזר געווען צוליב די פאָגראָמען; צוזאַמען מיט אַלע פּשוטע ייִדן גע־פאַסט, געדאַוונט, געזאָגט סליחות, געוויינט. בן־ציון געדענקט, ווי זיין מאַמע איז אַ מוצאי־יום־כיפור געקומען פון שיל אַ געטרייסטע און דערמוטיקטע: וואָס איז? די מאַדאַם פאָן־לייב האָט געפאַסט דעם גאַנצן טאָג...

אָט אין דעם קליינעם, נאָר רייכן קרייז, איז דאָס אָנקומען פון אַ מאָ־דערנער העברעיִשער לערערקע אָנגענומען געוואָרן מיט צופרידנקייט. דבורה האָט שנעל באַקומען אַ צאָל שטונדן, זי איז געוואָרן אַן אַריינגייערין אין די גבירישע הייזער. דער פּשוטער עולם האָט אָנגעהויבן אַרויפקוקן צו דער מאָ־דערנער לערערקע, בפרט זינט מען האָט זיך דערוווּסט אַז דבורה האָט אַן „אַטעסטאַט זרילאַסטי״ (מאַטורע), — פאַרענדיקט, הייסט עס אַ גימנאַזיע. דאָס איז אין יענע ציטן נישט געווען אַזוי שכיח אין קליינעם שטעטל.

ווען דער שטורעם אַרום דעם באַל פון 17טן אָקטאָבער האָט זיך איינגע־שטילט, האָט זיך דבורה פאַראינטערעסירט מיטן ציוניסטישן יוגנט־קרייז, בראש פון וועלכן בן־ציון מיט זיין חבר הערשל זענען געשטאַנען. ביידע זע־נען געווען אָפטע אַריינגייער אין דער קליינער ציכטיקער וווינונג פון אַ נישט־רייכן ייִדישן אָנגעשטעלטן, ווו דבורה האָט געוווינט. מיט דער צייט האָט זיך צווישן די יונגע מענטשן אַנטוויקלט אַ פריינדשאַפט וואָס האָט געצוווּנ־גען די צוויי בחורים אַביסל אויסצובעסערן זייער לשון־קודש.

דבורה האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט שמועסן מיט זיי, נישט ייִדיש, נישט רוסיש, נאָר העברעיִש. די בחורים האָבן געקענט לשון־קודש, אָבער נישט רעדן קיין עברית. דבורה האָט גערעדט אַ פליסיקן העברעיִש, אָבער אין דער קלאַסישער העברעיִשער שאַפונג: תנ״ך, משנה וכו׳, איז זי געווען נישט איבעריק באַהאַוונט. האָט מען זיך אַרויסגעהאָלפן קעגנזייטיק. מען האָט גע־רעדט העברעיִש, אָבער די שמועסן זענען געפירט געוואָרן אַרום די ענינים וואָס זענען ווייניק באַקאַנט געווען דבורהן. לכתחילה האָט חברה געשטאַמלט, שפעטער אָנגעהויבן פלאַפלען, און לסוף געגומען רעדן לשון־קודש גאַנץ ניש־קשהדיק. נאָך אַ פּאָר חברים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קרייז אַרום דבורהן, וואָס מען האָט אין שטעטל אָנגעהויבן רופן: „די לשון־קודשניקעס״.

דורך דבורהן האָבן די יונגע ציוניסטן געקראָגן אַ צוטריט אין אַ פּאָר רייכע אַסימילירטע הייזער, ווו מען האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף אַ שטיקל קוריאָז, אָבער דאָך אויפגענומען די וואָס האָבן גערעדט אַ גוטן רוסיש — דאָס איז געווען דער גוטער טאָן...

ערנסטער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יונגער חברה עמאַ לוואָ־וויטש וואַרשאַווסקי, אַן עלטערער בחור, אַ זון פון רייכע עלטערן וואָס זענען

געװאָרן יורדים, און אַ ברודער פֿון אַ פּאָר שײנע, געבילדעטע שװעסטערס, װאָס זענען אַלס יורדישע קינדער, געשטאַנען צװישן דעם „המון" און דער „אַריסטאָקראַטיע".

עמא לװאָװיטש האָט זיך אױף צאַרישער סלוזשבע אַביסל באַקענט מיט ייִדישע ענינים און אַפֿילו מיטן ציוניזם. ער האָט געדינט אין אַ געגנט אױף דער װאָלגאַ, װו ס'איז אַמאָל געװען די ייִדישע מלוכה פֿון די כוזרים, און עס זענען דאָרט פֿאַרבליבן שפּורן פֿון ייִדישקײט. האָט ער זיך אַמאָל געטראָפֿן אױף קאָזאַצקע סטאַניצעס און פֿױערישע דערפֿער, באַװױנט פֿון האַלבע, אָדער מער װי אױף אַ העלפֿט, אַנהענגער פֿון ייִדישן גלױבן; ער איז אַפֿילו געװען אין אײניקע דערפֿער פֿון גרים. דאָרט האָט זיך עמא אױך באַקענט מיט די „סובאָטניקעס" — רוסן װאָס היטן שבת, עסן נישט קײן חזיר, קענען תנ"ך. אין דער צאַרישער אַרמײ איז עמא געװען אַ ראָטנער שרײבער; זײן פֿאָרגע־זעצטער, דער שרײבער פֿון באַטאַליאָן, איז אױך געװען אַ ייִד, אַ ציוניסט דערצו, און ער האָט שטאַרק משפּיע געװען אױף עמאַן. עמא האָט אָנגעהױבן לײענען װעגן ייִדן און ייִדישקײט, אױף רוסיש. ער האָט זיך באַמיט צו קומען צװישן ייִדן, אָפּהיטן ייִדישע מנהגים, ער האָט געשטרעבט צו ציוניסטישער טעטיקײט, און איז דערפֿאַר געװען צופֿרידן מיט דער יונגער חברה, װאָס האָט אַזאַ אַרבעט אָנגעהױבן.

אין די נאָסע אָסיענדיקע אָװנטן, װען מען האָט נישט געקענט שפּאַצירן, איז מען געזעסן בײ די װאַרשאַװסקיס אין הױז און געשמועסט. עמא האָט דערצײלט פֿון זײנע דערפֿאַרונגען אין טיף־רוסלאַנד, און בן־ציון פֿלעגט דער־צײלן עפּיזאָדן פֿון דער ייִדישער געשיכטע, פֿון װעלכער עמא האָט קײן אַנונג נישט געהאַט. אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט אױף די האַלבע גױים — עמא מיט זײן שװעסטער — די געשיכטע פֿון חנוכה. זײ האָבן געװוסט אַז בײ ייִדן איז דאָ אַזאַ יום־טוב, מען צינדט ליכטלעך, מען עסט לאַטקעס, אָבער װאָס דער יום־טוב באַדײט האָבן זײ נישט אָנגעהױבן צו װיסן. בן־ציון האָט שױן געהאַט אַ נאָש געטאָן פֿון גרעץ און דובנאָװ, ער האָט געלײענט דעם „יוסיפֿון", איז ער שױן געװען אַ גאַנצער װײסער, און האָט געקענט דער־קלערן סײ דעם רעליגיעזן הינטערגרונט, סײ דעם פּאָליטישן באַדײט פֿון חנוכה: די מסירת־נפֿש פֿון די חסידים, די גבֿורות פֿון יהודה המכבי, די פּאָ־ליטישע חכמה פֿון יונתן החשמונאי, די לסוף דערגרײכטע זעלבסשטענדיקײט אונטער שמעון החשמונאי — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ רושם. עמא האָט זיך גענומען צעפֿרעגן, װיפֿל עס פֿעלט נאָך ביז חנוכה, און האָט גלײך פֿאַר־געשלאָגן מען זאָל צום ערשטן מאָל אײנאָרדענען אין שטעטל אַ חנוכה־אָװנט, נישט נאָר אין די הײמען, נאָר אין גרעסטן זאַל פֿון שטעטל, אין זאַל פֿון האָטעל

— דער איינציקער צוויי־שטאָקיקער בנין וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט און וואָס אַ ייִד האָט געהאַלטן אין אַרענדע. דער אָוונט זאָל זיין אַן אומזיס־טער, פאַר גרויס און קליין, אָרעם און רייך, אָבער בעיקר — פאַר די קינדער. מען זאָל צינדן חנוכה־ליכט, קינדער זאָלן דעקלאַמירן, טאַנצן, מאַרשירן מיט פענער, באַקומען חנוכה־געלט, קליינע מתנות און זיסקייטן. אַלע האָבן מסכים געווען; אָבער... ווי אַזוי מאַכט מען עס?

האָבן זיך אָנגעהויבן באַראַטונגען, זיצונגען. דעם זאָל וועט עמא באַקו־מען אומזיסט, דעם פּראָגראַם וועט מען צוגרייטן מיט די קינדער פון דער מאָדערניזירטער תלמוד־תורה, מתנות וועט מען באַקומען אין די קראָמען, פע־נער וועט מען מאַכן אַליין; הכלל, עס וועט גוט זיין.

אָבער פאַר אַלעמען, מוז מען באַקומען די צושטימונג פון ראַבינער. ער וועט גרינגער באַקומען די פּאָליציייִשע דערלויבעניש, ער וועט קענען באַשטימען אַז די קינדער פון דער תלמוד־תורה זאָלן זיך באַטייליקן, ער וועט אפילו קענען באַקומען געלט פון קאָמיטעט פאַר אָרעמע — דער אָוונט איז דאָך פאַר אָרעם און רייך, אַלע גלייך, זאָל מען זיך טאַקע ווענדן צום קאָמי־טעט אַז ער זאָל איבערנעמען דעם פּאַטראָנאַזש פון אָוונט. איז אַוועק אַ בריוו צום קאָמיטעט. דער ראַבינער, וואָס איז געווען פאָרזיצער, האָט גלייך דער־קענט, אַז דאָס איז די זעלביקע האַנטשריפט וואָס האָט געשריבן דעם בריוו אין שייכות מיטן באַל פון 17טן אָקטאָבער; האָט ער זיך פאַרעקשנט: ניין און ניין. מיט די „ציוניסטלעך" וויל ער קיין מגע־ומשא נישט האָבן. מען האָט געמוזט ווי עס איז איינברעכן זיין עקשנות. איז אַוועק צום ראַבינער אַ דעלעגאַציע פון דריי: עמא לוואָוויטש, דבורה און בן־ציון. מען האָט גֶעבעטן, דערקלערט, זיך אַנטשולדיקט — עס האָט נישט געהאָלפן. דער ראַבינער איז געבליבן פאַרעקשנט. מען איז אַוועק מיט גאָרנישט.

מיט אַ געדריקטן געמיט איז מען געגאַנגען צוריק, ווען פּלוצלינג האָט עמא לוואָוויטש אויסגעשריען: „יעסט!" — ס'הייסט, ער האָט געפונען אַ מיטל ווי צו מאַכן, אַז דער ראַבינער זאָל יאָ מסכים זיין. דאָס כישוף־וואָרט איז געווען: „ראַיסאַ" — דעם ראַבינערס אַ שוועגערין, אַ שוועסטער פון דער ראַבינערשע, אַ פריינדין, כמעט אַ כלה פון עמא. זי וועט קענען ווירקן דורך איר שוועסטער, און דאָ וועט שוין דער ראַבינער... נישט קענען אָפּזאָגן. עס איז טאַקע אַזוי געווען. ראַיסאַ האָט געמאַכט שלום. דער ראַבינער, אַן אַקטי־ווע נאַטור, האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, חברה האָט אים גע־פאָלגט ווי אַ קאָמאַנדיר. די הכנות צום חנוכה־אָוונט האָבן זיך אָנגעהויבן.

דער חנוכה־אָוונט איז געווען אַ קאָלאָסאַלע דערפאַייגעניש אין לעבן פון שטעטל. אַזאַ פאַראַנשטאַלטונג איז צום ערשטן מאָל דורכגעפירט געוואָרן;

דערצו נאָך אין שענסטן זאַל פון שטעטל, וואָס אַ סך שטעטלשע ייִדן האָבן נאָך גאָרנישט געהאַט די זכיה אָנצוקוקן. איינגעלאַדן האָט מען דאָס גאַנצע שטעטל, און אומזיסט. דער זאַל האָט גאָרנישט געהאַט אַזוי פיל בענקלעך, האָבן ייִדישע באַלעגאָלעס געשפּאַנט זייערע פורלעך און געהאָלפן צונויפפירן שטולן פון גאַנצן שטעטל. ייִדישע קרעמער האָבן מיט אַ שמייכל פון נחת געגעבן טרוקענע פּרוכטן, זיסקייטן און אַנדערע מתנות פאַר די קינדער. דער ייִדישער טיפּאָגראַף האָט אומזיסט געדרוקט אַפישן, ווי אויך ספּעציעלע זע־קעלעך פאַר די מתנות.

געקומען איז אַ גאַר גרויסער עולם. קיין פּלעצער האָט מען נישט אָנ־געוויזן, מען האָט זיך אויסגעזעצט פריי, ווו איינער האָט געוואָלט. דאָך האָט זיך ווי פון זיך אַליין באַקומען, אַז אין דער ערשטער ריי זענען געזעסן די מכובדים: דער רב, די פּאָר שוחטים, שטעטלשע גבירים, און, להבדיל, דער פּריסטאַוו מיט דער פּריסטאַוושע. עמך איז צוליב באַשיידנקייט געזעסן אין די ווייטערע רייען, טיילווייז אַפילו געשטאַנען ביי דער טיר, נישט געווען קיין פּלאַץ אַז אַלע זאָלן קענען זיצן.

געעפנט דעם אָוונט האָט דער ראַבינער, וועניאַמין גריגאָריעוויטש; וועגן חנוכה האָט ער קיין וואָרט נישט דערמאָנט, אָבער דערפאַר האָט ער פיין גע־רעדט וועגן דעמאָקראַטיע; אָרעם און רייך, אַלע גלייך! די קינדער האָבן דורכ־געפירט אַ פיינעם פּראָגראַם, דעקלאַמירט, געזונגען, דורכמאַרשירט איבער די דורכגאַנגען מיט פענער און ייִדישע און העברעיִשע לידער. עמאַ לוואָוויטש האָט איבערראַשט דעם עולם מיט „טומאַנע קאַרטינעס" (ליכט־בילדער), וואָס ער האָט געוויזן מיט זיין כישוף־לאַמטערנע, אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס מען האָט אין שטעטל געזען צום ערשטן מאָל, — האָט מען גאָר אָנגעקוואָלן. וואָלט דאָך אַלץ גוט געווען, ווען נישט דער מיכשול וואָס האָט געטראָפן ביים סאַמע סוף פון אָוונט.

דער אָוונט איז דאָך בעיקר געווען געצילט צו דעם, אַז ייִדן זאָלן הערן אַ וואָרט וועגן חנוכה אין אַ נייער אויסטייטשונג, — און דאָס איז נישט גע־קומען. אמת, מען האָט געבענטשט חנוכה־ליכט, אָבער דאָס איז דאָך נישט דער עיקר וואָס חברה האָט געזוכט. אַלע באַמיִונגען, אַז וועניאַמין גריגאָריע־וויטש זאָל דערלויבן בן־ציונען צו רעדן וועגן חנוכה, האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אַ פעסטן „ניין!" — נישטאָ קיין דערלויבעניש צו האַלטן רעדעס און ער קען אויף זיך נישט נעמען דאָס אַחריות.

האָבן זיך חברה צעשאָטן איבערן זאַל און גענומען שרייען, אַז בן־ציון זאָל עפּעס זאָגן. עס איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. בן־ציון איז געשטאַנען ביי דער עסטראַדע, גרייט אַרויפצוכאַפּן זיך ווען נאָר עס וועט זיין מעגלעך. דאָס

האַרץ האָט ביי אים געטיאַכקעט. עס איז געווען זיין ערשטער אַרויסטריט פאַר אַן עולם. דער פּריסטאַוו האָט זיך שוין געזאַלט אויפהייבן פון אָרט און איינשטעלן אָרדענונג, ווען זיין פרוי האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעמישט. זי האָט אַ פרעג געטאָן וועניאַמין גריגאָריעוויטשן וואָס עס באַדייט דער טומל, און ער האָט איר דערקלערט, אַז די ציוניסטן ווילן אַז זייערער אַ רעדנער זאָל עפּעס זאָגן. „ווער איז דער רעדנער?" — האָט די פּריסטאַווושע געפרעגט, און וועניאַמין גריגאָריעוויטש האָט אָנגעוויזן אויף בן־ציונען. די פּריסטאַווושע האָט זיך אַזש צעלאַכט. פאַר אַזאַ שנעק האָט מען עס מורא? וואָס קען ער דאַרט זאָגן אַזעלכעס? זי האָט געבעטן דעם פּריסטאַוו, אַז ער זאָל דערלויבן בן־ציונען האַלטן אַ רעדע. דער פּריסטאַוו האָט געפאָלגט, און בן־ציון האָט באַקומען אַ דערלויבעניש, אָבער בלויז אויף פינף מינוט. ער איז שנעל אַרויף אויף דער עסטראַדע. אין זאַל איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. בן־ציון האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און ציטערנדיקער שטימע אָנגעהויבן זיין רעדע: חנוכה, די „מרשיעי ברית", די אַמאָליקע אַסימילאַטאָרן און משומדים, וואָס האָבן געזוכט זיך אויסצומישן מיט די אַרומיקע פעלקער; די חסידים וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף צו דערהאַלטן יידישקייט, די הייליקע אייגנאַרט פון יידישן פאָלק; די חשמונאים, וואָס האָבן העלדיש געקעמפט און געזיגט; דער אַמאָליקער קאַמף ווערט באַנייט אין אונדזערע צייטן, פּונקט ווי דאַן ווילן יידן זיך דערשלאָגן צו זעלבסשטענדיקייט; די אַסימילאַטאָרן און פאַר־רעטער וועלן אויך, ווי דאַן, האָבן אַ ווינסטן סוף.

בן־ציון האָט גערעדט יידיש, האָט ער געקענט רעדן פריי, זאָגן וואָס אויף דער נשמה איז געלעגן. חברה האָט געיובלט. דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ. ווען בן־ציון איז אַראָפּ פון דער עסטראַדע, האָט ער געקראָגן אַ קניפּ אין בעקל פון רב: „ביזט טאַקע אַ שקאָץ, אָבער אַ יידישער שקאָץ!". בן־ציון איז אַ צופרידענער אַפּגעגאַנגען אין אַ זייט.

פלוצלינג האָט זיך די פּריסטאַווושע אויפגעהויבן פון איר אָרט, צוגע־גאַנגען צו בן־ציונען, האָט אים שטיפעריש אַ צי געטאָן ביים אויער און אַ פרעג געטאָן אין אַ גוטן ליטווישן יידיש: „יינגעלע, וואָס האָסטו געהאַט צו די משומדים?"... דער עולם האָט שוין געהאַלטן אין אַרויסגיין. די ווערטער פון דער פּריסטאַווושע זענען פאַרטויבט געוואָרן אין אַרומיקן גערודער, אָבער בן־ציון האָט זיי דערהערט, און עס האָבן אים באַשלאָגן אַנגסטן: אַ משומדת! ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צרה ער האָט דאָ אָנגעאַרבעט מיט זיינע רייד? די פּריסטאַווושע האָט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאַר אין האַרצן פון יונגן בחור, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און פאַרגעזעצט אויף יידיש: ער דאַרף גאָר קיין מורא נישט האָבן, זי איז אַ יידישע טאָכטער, און זי האָט הנאה געהאַט

פון זײַנע רייד; און אויף רוסיש האָט זי צוגעגעבן, שוין אַביסל העכער: „קום מאָרגן אַזייגער פינף פאַרנאַכט צו מיר אין שטוב, וועלן מיר טרינקען אַ גלעזל טיי און שמועסן, וועסט זיין מיין גאַסט".

פאַרשטייט זיך אַז בן־ציון האָט נישט פאַרזאַמט צו קומען אויף אַזאַ איינלאַדונג. און ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויסגעהערט אַ ווידוי פון אַ פאַרוואָגלטער יידישער נשמה. זי איז אַ יידישע, אַ טאָכטער פון אַ גאַנץ רייכער, מיוחסדיקער משפּחה; אָבער צעבאַלעוועט, ווי אַ בת־יחידה, האָט זי נישט געוווסט וואָס הייסט זאָגן „ניין" אויף אירן אַ פאַרלאַנג. זי האָט זיך פאַרליבט אין איר מאַן, ווען ער איז געווען געהילף פון פּריסטאַוו אין איר שטעטל. זי האָט פאַקטיש נישט דורכגעמאַכט קיין טויף־צערעמאָניע, דער גלח האָט שוין אַלץ געמאַכט אַזוי, אַז עס זאָל אויסקומען ווי זי וואָלט זיך געשמדט. אין דער אמתן איז זי געבליבן אַ טרייע יידישע טאָכטער, כאָטש זי האָט אַ גויישן מאַן, אַ ליבעראַלער מענטש, וואָס מאַכט נישט קיין חילוק צווישן ייד און גוי, און איז בכלל זייער קאַלט צו רעליגיעזע ענינים...

די פּריסטאַווושע האָט זיך צעפרעגט ביי בן־ציונען וועגן דער טעטיקייט פון דעם קרייז וואָס האָט דורכגעפירט דעם חנוכה־טוב, און האָט זיך אָנגעבאָטן מיטצוהעלפן זיי אין וואָס נאָר זי וועט קענען.

פון באַזונד איז בן־ציון אַוועק אַ צעטומלטער. אַ יידישע טאָכטער, פאַר־מעיי אַ משומדת, טיף אין האַרצן געבליבן אַ יידיש קינד. ווי דאַרף מען זיך באַציִען צו אַזאַ איינער? ער האָט קיין קלאָרן ענטפער נישט געפונען. אָבער, בשעת הדחק, פלעגט דער יוגנט־קרייז אויסנוצן דעם נישט־עפנטלעכן פּאַטראָ־נאַזש פון דער יאָ און נישט משומדת.

קאַפּיטל 35

איבער גבירישע סאַליעס

דער דערפאָלג פון חנוכה־אָוונט האָט געמאַכט פּאָפּולער די ציוניסטישע יוגנט־גרופּע, צו וועלכער עס זענען צוגעשטאַנען אַ פּאָר יוגנטלעכע אויך פון גבירישע משפחות. דער פאַקט, וואָס די פּריסטאַוושע האָט געהאַלטן אַ מין נישט־עפנטלעכן פּאַטראָנאַזש איבער דער גרופּע, האָט איר צוגעגעבן פּרעס־טיזש. ווען אַפילו דאָס האַרץ האָט געטיאָכקעט ביי חברה: פּאָרט אַ משומ־דתטע; מעג מען מיט אַזאַ איינער האָבן אַ מגע־ומשא?...

דער ציוניזם האָט אין די פריִע יאָרן פון דער הערצליאַנער תקופה געהאַט אין שטעטל אַ פּאָר קורצע בלי־יאָרן. יִדן האָבן זיך געקהלט אַרום שקלים, מען האָט געקויפט אַקציעס פון קאָלאָניאַל־באַנק, מערסטנטייל אויף אויסצוצאָלן... און די גרעסטע טייל האָט טאַקע נישט אויסגעצאָלט. מען האָט זיך געטומלט אַרום הערצלס נסיעות מיט די ישועות ונחמות וואָס מען האָט פון זיי דערוואַרט: אָט־אָט און ארץ־ישראל איז אונדזערע... יוגנט האָט גע־לערנט תנ״ך, געזונגען ציון־לידער, געפּרוווט רעדן צווישן זיך לשון־קודש.

דער פּריצייטיקער טויט פון הערצלען האָט אַלץ צעשטערט. געדענקט בן־ציון דעם טיפן טרויער וואָס עס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם שטעטל, ווען עס איז אָנגעקומען די פינצטערע ידיעה. אַ גרויסער עולם האָט איבערגעפולט די שיל צום הספד וואָס דער רב האָט געמאַכט, כאָטש אַליין איז ער נישט געווען קיין ציוניסט. יִדן האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן. אָבער מען איז געשטאַנען אין די שווערע יאָרן פון דער דיסקוסיע אַרום או־גאַנדאַ. אין אַ יאָר אַרום איז געקומען די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905, פון וועלכער מען האָט דערוואַרט „ראַוונאָפּראַוויע״ (גלייכבארעכטיקונג) און באַ־קומען האָט מען פּאָגראָמען... איז דער ענין ציוניזם ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן. און אָט האָט זיך אַ פּאָר יאָרן נאָכדעם ווי די לעצטע פונקען זענען פאַרלאָשן און פאַרגעסן געוואָרן, באַוויזן אַ בינטל „יינגלעך״, וואָס ווילן גאָר צוריק אויפלעבן די אַמאָליקע „נאמנה״; ווער־זשע וועט זיי הערן?

ביז זייער ערשטן עפנטלעכן דערפאָלג, האָט חברה נישט געוואָגט אַפילו אָנצוהייבן אַ וועלכע ס׳איז פּראַקטישע טעטיקייט, אָבער דער חנוכה־אָוונט האָט פאַרבעסערט די מערכה — האָט מען זיך אָנטשלאָסן עפּעס צו טאָן. פון ווילנע, ווו עס איז דאַן געווען דער נישט־לעגאַלער ציוניסטישער צ. ק. פּאָר

רוסלאַנד, האָט מען אויסגעשריבן „שקלים"; פון מאָסקווע, ווו עס האָט פונקציאָנירט אַ האַלב־לעגאַלע ביוראָ פאַרן קרן־קימת האָט מען אויסגעשריבן מאַרקעס מיט פושקעס. מען האָט זיך פאַרבונדן מיט אָדעס, ווו עס איז געווען טעטיק דער לעגאַלער קאָמיטעט פון די חובבי־ציון, און מען האָט אָנגעהויבן טאָן אין דער זאַך.

האָט מען איינגעפירט אַ „וואָכער" פאַרן קרן־קימת, דורך פאַרקויפן מאַרקעס פון אַ קאָפּיקע און העכער. מען איז געגאַנגען איבער קראָמען, איבער הייזער; יעדן האָבן געקרעכצט און געגעבן, ווער מיט שמחה און פאַרשטענדעניש, ווער פון לית־ברירה; „כל הפושט יד" — ווער עס שטרעקט אויס אַ האַנט, גיט מען אים, און ווער טאָקע מיט היפש רוגזה, און נאָר דערפאַר ווייל חברה איז נישט אָפּגעשטאַנען, און אַמאָל האָט מען נאָך געדאַרפט פירן די „מלחמה" מיט אַן אייגן קינד...

געדענקט בן־ציון אַ באַזוך אין הויז פון אַ זייער חשובן, אָנגעזעענעם גביר, אַ ייִד אַ יודע־ספר, אַ ליובאַוויטשער חסיד און אַ מזג טוב. ער האָט אויפגענומען די יוגנט־קאָמיסיע בסבר פנים יפות, איינגעלאַדן אין סאַליע אַריין, געהייסן שטעלן כיבוד, געשטעלט אַ „וואָכער" פון גאַנצע צוואַנציק קאָפּיקעס און אויסגעלויבט די קינדער, וואָס גיבן אָפּ זייער צייט פאַר ערנסטע ענינים און נישט אויף הבל־הבלים. לסוף האָט ער אָפּגעזיפצט און צוגעגעבן, אַז ליידער וועט פון דעם אַלעמען גאָרנישט ווערן. טערקיי איז שטאַרק, „פּאָניע" וועט עס קיינמאָל נישט דערלאָזן, דער ענגלענדער וועט ווי אַלעמאָל אָפּנאַרן, און וועגן פראַנצויז איז דאָך סתם נישטאָ וואָס צו רעדן... אַגב, ווען אין דעם ענין וואָלט געווען עפּעס אַ ממשות, וואָלט דאָך דער רבי זאָל לעבן, געהאַלטן דערפון, אָבער אַז ער האַלט זיך פון דערווייטנס, איז אַ סימן אַז ער זעט ברוח הקודש, אַז עס וועט גאָרנישט זיין... האָבן חברה געפּרוווט דיסקוטירן: עס האָבן דאָך געהאַלטן דערפון אַזעלכע גדולים ווי ר' שמואל מאָהילעווער, ר' יצחק־אלחנן, הרב ריינעס וכו'. דער ייִד איז געבליבן פעסט ביי זיינס: אָן „סיעתא דשמיא" (הילף פון הימל) קען גאָרנישט זיין. איז, מילא, געבן איז ער מחוייב, אָבער האַלטן דערפון קען אים קיינער נישט צווינגען. חברה איז אַוועק מיט אַ געדריקטן געמיט.

רייכערע, רוסיפיצירטע פאַמיליעס, האָבן אַפילו אויפן שוועל נישט אַרויפגעלאָזט. עס איז אַן אַוואַנטורע, אין רוסלאַנד וועט היינט־מאָרגן ווערן פריי, איז ווער דאַרף פאַלעסטינע? דערצו זענען זיי נישט זיכער צי די געלטער וואָס ווערן געזאַמלט ווערן טאָקע אָפּגעשיקט אויפן ריכטיקן פּלאַץ. עס האָבן נישט געהאָלפן די אויסווייזונגען אין רוסישן „ראַזסוויעט" — די „אַריס־

טאָקראַטיע״ האָט פאַרשלאָסן אירע טירן פאַר דער ציוניסטישער „טשעליאַ־די״ (ניקסן).

אָבער גאָר אינגיכן האָבן זיך די פאַרמאַכטע טירן געעפנט, און דער שליסל דערצו איז געווען דער קיצור פון דובנאָווס יידישער געשיכטע אין רוסיש, וואָס האָט זיך דערקייקלט אין שטעטל און איז אַריינגעפאַלן צו בן־ציונען אין די הענט אַריין. יידישע געשיכטע איז בן־ציונען נישט געווען פרעמד. די תנ״ך־תקופה האָט ער דאָך געקענט ווי אַ וואַסער. שופטים, מלכים און נביאים האָבן ממש געלעבט אין זיין זכרון. אָבער פון נאָך עזרא ונחמיה זענען שוין די ידיעות געווען פראַגמענטאַרישע, אָן אַ סיסטעמאַטישן צוזאַ־מענבונד. דאָס סיסטעמאַטישע בוך פון דובנאָוון האָט דערלויבט בן־ציונען צו אָרדענען זיינע צעשויבערטע ידיעות, און חברה האָט באַשלאָסן שאַפן אַ קרייזל פאַרן לימוד פון דער יידישער געשיכטע.

צום קרייזל האָבן שוין געהערט אייניקע יוגנטלעכע וואָס האָבן קיין יידיש נישט פאַרשטאַנען, האָבן די לעקציעס און די פראַגעס און ענטפערס נאָך זיי, געמוזט זיין אין רוסיש. און אַז חברה האָט אין דער היים אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ רומפולן יידישן עבר, וועגן יידישע העלדן און געלערנטע, האָבן זיך אויך די עלטערן פאַראינטערעסירט, אַפילו די „אַריסטאָקראַטן״. גו, וועלן זיי דאָך אַוודאי נישט אַראָפּלאָזן זיך אין די פשוטע כאַטעס — האָט מען אָנ־געהויבן איינצולאַדן דעם קרייזל צו זיך אין שטוב. גבירישע און אַריסטאָ־קראַטישע סאַליעס האָבן זיך ברייט געעפנט פאַר דער יידישער היסטאָריע.

צוויי מאָל אין וואָך זענען פאָרגעקומען לעקציעס. געווען פאַלן, ווען אַפילו אין אַ נגידיש הויז האָבן אויסגעפּעלט בענקלעך, און אייניקע זענען געשטאַנען די פאָר שעהען וואָס די לעקציע האָט געדויערט. מאַמעס האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז חברה זאָל האָבן וואָס צוצובייסן. טאַטעס, עלטערע ברידער און שוועסטערס, פלעגן זיך אַמאָל אַריינלאָזן אין וויכוחים, נישט וועגן די עצם פונקטן, נאָר וועגן דער אויסטייטשונג וואָס בן־ציון פלעגט זיי געבן. אָפט פלעגט זיך אַ לעקציע פאַרוואַנדלען אין אַ דיסקוסיע און פאַרציִען זיך ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. חברה האָט געדודערט.

דער ענין האָט אָנגעשפּאַרט אין די גאָר הויכע פענצטער. וועניאַמין גריי־גאָריעוויטש, דער ראַבינער, האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט און האָט איינ־געלאַדן צו מאַכן איין לעקציע ביי אים אין הויז. דאָס איז געווען אַ גאָר גרויסע דערגרייכונג, און חברה האָט זיך געגרייט צו דעם ווי צו אַ גרויסן יום־טוב. בן־ציון האָט זיך געדאַרפט אונטערגאַרטלען — דער ראַבינער איז דאָך געווען אַ דאָקטער־מעדיצין, אַ מענטש פון אוניווערזיטעט, און אַ וויכוח מיט אים וועט גאָרנישט זיין אַזוי לייכט אויסצוהאַלטן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ווע־

ניאמין גריגאָריעוויטש האָט פון ייִדישער געשיכטע קיין אַנונג נישט געהאַט. וואָס ער האָט געהערט האָט ער געגלויבט באמונה שלימה; אַן עקזאַלטירטער כאַראַקטער, איז ער גאָר אַריין אין התפעלות און האָט פאַרגעשלאָגן, אַז די לעקציעס זאָלן אַלע מאָל פאַרקומען ביי אים אין הויז. מען האָט אָבער נישט געקענט פאַרשעמען די אַנדערע הייזער, און נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז וועניאַמין גריגאָריעוויטש פלעגט קומען צו אַ לעקציע אויך אויסער זיין הויז. בן־ציון איז געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית אין הויז פון ראַבינער, און מאָטל־שמש, אַ ייִד אַ למדן, אַ הייסער חבדניק און אַ שאַרפער וויצלער, האָט אַמאָל אין אַ שבתדיקן בין מנחה למעריב אַ זאָג געטאָן: אונדזערע „שקצים״ וועלן נאָך אַמאָל מאַכן דעם ראַבינער פאַר אַ ייִדן...

די רעוואָלוציע וואָס האָט אויסגעבראָכן אין טערקיי, האָט מיטאַמאָל אויפגעוועקט נייע האָפענונגען. מען האָט געמורמלט, אַז צווישן די יונג־טערקן זענען פאַראַן היפש ייִדן. מען האָט געוווּסט אַז „דזשאַווידביי״, — ס׳הייסט, דוד דער אָפיציר, איינער פון די הויפט־מאַכער פון דער רעוואָלוציע, איז אַ „דאָנמע״ — ס׳הייסט פון דער סעקטע פון שבתאי צבי, דאַרף ער דאָך אַוודאי זיין פאַראינטערעסירט אין אַ ייִדישער ארץ־ישראל! האָט זיך די ייִדישע פאַנטאַזיע צעשפּילט ביי אַלט און יונג. די ציוניסטישע יוגנט־גרופּע האָט געוווּנען חשיבות.

פאַר פּורים איז אין שטעטל אָנגעקומען אַ מטיף פון דעם „אָדעסער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט״ — משה שוחט — האָט ער געהייסן. אַזוי נישט קיין אָנזעעוודיק מענטשל, אָבער אַ פּרעכטיקער פאָלקס־רעדנער. ער האָט געהאַט אַן אַלגעמיינע אָפיציעלע דערלויבעניש צו האַלטן פאָרטראַגן און ווערבירן מיטגלידער פאַר דער „געזעלשאַפט צו העלפן ייִדישע אַקער־בויער און בעלי־מלאָכה אין סיריע און פּאַלעסטינע״ — אַזוי איז געווען דער אָפיציעלער נאָמען פון דעם חובבי־ציון־קאָמיטעט, אָבער ער האָט אויך באַדאַרפט האָבן די גוטהייסונג פון דער אָרטיקער מאַכט. גראָד איז די פּריסטאַווּשע נישט געווען אין דער היים, אַן איר האָט דער פּריסטאַוו נישט געטאָן קיין שום זאַך אין ייִדישע ענינים, זי איז געווען, אַזוי צו זאָגן, זיין רעפערנט וועגן די זאַכן — האָט ער אָפּגעצויגן מיט דער דערלויבעניש אויף עטלעכע טעג.

חברה איז אָבער געווען אומגעדולדיק, מען האָט געוואָלט הערן אַ רעדנער פון דער גרויסער ייִדישער וועלט — האָט מען איינגעאָרדנט געהיימע פאַרזאַמלונגען אין די גבירישע הייזער, ווו די ציוניסטישע יוגנט האָט שוין געהאַט אַ צוטריט. דער פּריסטאַוו האָט אויף דעם געקוקט „צווישן די פינגער״. משה שוחט האָט געמאַכט אַ פוראָר. זיין פּשוטער, פאָלקסטימלעכער ייִדיש איז געווען פאַרשטענדלעך אפילו פאַר די וואָס האָבן זיך געגרויסט אַז זיי

„פאַרשטייען שוין שווער יידיש"... דערצו האָט ער גערעדט מיט מער עמאָ־ציע און ווייניקער פילאָזאָפיע. די קליינע, געהיימע פאַרזאַמלונגען האָבן אויך געהאַט דעם רייץ פון קאָנספּיראַציע, וואָס איז דאַן געווען אין דער מאָדע. חברה האָט זיי אַרומגעשטעלט מיט אַ געוויסער געהיימניספולקייט: פּאַראָלן, פּאַטרולן אאַ"וו. האָט עס צוגעגעבן מער כאַראַקטער.

ווען די פּריסטאַוושע איז צוריק געקומען איז באַקומען געוואָרן אַ דער־לויבעניש אויף גאַנצע דריי פּאָרטראַגן, אין די גרויסע שילן. עולם איז גע־קומען. משה שוחט איז געווען אין שטימונג — האָט עס אַ רודער געטאָן מיט ציוניזם ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. עטלעכע צענדליק יידן זענען געוואָרןווירקלעכע מיטגלידער פון „קאָמיטעט", מיט אַן אָפּצאָל פון גאַנצע דריי רובל אַ יאָר. געווען אויך מיטגלידער פון העכערע קאַטעגאָריעס, אַפילו מיט הונ־דערט רובל אַ יאָר. די נגידישע סאַליעס האָבן זיך אויסגעשפּילט.

קאַפּיטל 36

דיסקוסיעס

אויף איינע פון די לעקציעס האָט בן־ציון באַמערקט אַ ניי, אומבאַקאַנט געזיכט. דאָס איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר 16 ־ 17, מיט אַן אויסדרוק פון שטייפקייט אין איר גאַנצן וועזן. די שוואַרצע האָר זענען געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי שטייפע צעפּ, וואָס האָבן שטייף אַרומגענומען דעם יונגן קאָפּ, ווי מיט אַ דערנער־קרוין. דער שרונט צווישן די האָר איז געווען אַ ברייטער, ווייל די האָר איןביידע זייטן זענען געווען שטאַרק אָפּגעצויגן. די דינע ליפּן זענען געווען פאַרשטייפט אַרום אַ פעסט־פאַרמאַכטן מויל, דאָס געזיכט איז געווען פאַרשטייפט אָן דער קלענסטער באַוועגונג פון מינדסטן מוסקול. די אויגן האָבן עקשנותדיק געקוקט פאָרויס. די בלוזע איז געווען שטייף פאַרקנעפּלט ביז דעם קאָלנער, וואָס האָט פעסט אַרומגענומען דעם יונגן האַלדז. די הענט זענען געווען שטייף צונויפגעלייגט אויף דער ברוסט, און דער גאַנצער יונגער וועזן האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געשפּאַנטן רעסאָרט, גרייט אויפצו־שפּרינגען יעדע מינוט, אָבער פעסט געהאַלטן אונטערן קאָנטראָל פון אַ שטאַרקן, שטייפן ווילן.

אין משך פון דער לעקציע, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער דיסקוסיע נאָך איר, געדויערט אַ גוטע פּאָר שעהן, האָט די אָנגעשטרענגטע צוהערערין נישט פאַרלוירן קיין איינציק וואָרט, נישט געמאַכט קיין איין תנועה; געזעסן פאַרשלאָסן אין זיך און געשוויגן. דאָס איז געווען אַ נייעס אין דעם יונגן שפּרודלדיקן קרייז פון אַ חברה, וואָס האָט שטענדיק געדרודערט און איז אָפט געווען צעיאַכמערט, בעיקר אין די שמועסן נאָך און אַרום דער לעקציע.

נאָך דער לעקציע איז דאָס מיידל פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַר בן־ציונען און אַ פּאָר פון די פירנדיקע חברים. איר נאָמען איז אָלגאַ. זי איז אַ קאָלאָ־ניסטישע טאָכטער פון אַ נאָענטער קאָלאָניע, צוגאַסט אין דעם הויז ביי קרוּ־בים. אָלגאַ האָט אויסגעשטרעקט אַ פעסט איידל הענטל, אַ שטייפן דריק גע־טאָן בן־ציונס האַנט, איר פּנים איז געבליבן אַזוי פאַרשלאָסן ווי פריִער.

אויף אַרויסצוגיין פון דער אומאָנגענעמער שטילקייט, האָט בן־ציון אַ פרעג געטאָן: ווי איז אייער נאָמען? — עלקע, — האָט די בחורטע געענט־פערט. אַן עלטערער מאַן וואָס איז בייגעווען די לעקציע האָט באַמערקט, אַז עלקע איז פּונקט אַזוי נישט יידיש ווי אָלגאַ — ביידע זענען ווערסיעס פון

דעם גערמאַנישן (שוועדישן) נאָמען „העלגאַ״, וואָס איז אַריין ביי די סלאַוון אין דער פאָרעם פון אָלגאַ, און ביי ייִדן אַלס עלקע, וואָס איז פאָרט נענטער צום אורשפּרינגלעכן נאָמען העלגאַ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּאַרעניש וועגן דעם, ווי וואָלט געקענט זיין דער נאָמען אין העברעיִש. אָבער פּלוצלינג האָט אָלגאַ געזאָגט, אַז זי וויל עפּעס מיטטיילן, און דער יונגער עולם איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זי קומט פון אַ פרומער פאַרמעגלעכער קאָלאָניסטישער פאַמיליע. דער פאָטער איז אַ ייִד אַ למדן, אַ ברודער איז שוין געכאַפּט אין השכלה, האָט אַפילו שטודירט אין אַ ראַבינער־שולע אין דייטשלאַנד. אָבער די אַנדערע קינ־דער האָבן צו ייִדישקייט בלויז אַ פאָרמאַלע באַציִונג. מען איז ייִדן, ווייל: וואָס אַנדערש זאָל מען זיין? זי אַליין איז אַ גימנאַזיסטקע, לערנט אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט, אָבער זי געפינט זיך קיין אָרט נישט. אין גימנאַזיע זענען די ייִדישע שילערינס שטאַרק פאַרגוייִשט, אין קאָלאָניע איז די ביסל אינטעליגענץ: לערער, דאָקטער, אַפּטייקער, אַקושאָרקע, אויך שטאַרק רוסי־פיצירט. אָבער, זי פילט, אַז די לאַגע פון ייִדן איז גאָר אַן אייגנאַרטיקע. די רעוואָלוציע האָט נישט געבראַכט די ישועה. עפּעס פילט זי, אַז זי און איר גלייכן טאָרן נישט בלייבן גלייכגילטיק צום גורל פונעם פאָלק פון וועלכן זיי שטאַמען. דאָ האָט זי צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז ייִדן האָבן אַ געשיכטע, אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז דאָך מחייב אַ צוקונפט. וואָלט זי פאָרגעשלאָגן, אַז אַ פּאָר חברים זאָלן אַראָפּפאָרן צו זיי אויף שבת, זי וועט זיי באַקענען מיט אירע חברים און חברטעס, אפשר וועט זיך דאָרט לאָזן עפּעס אויפטאָן.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז אַ דעלעגאַציע פון ציוניסטישן יוגנט־קרייז אַראָפּגעפאָרן אויף שבת אין דער קאָלאָניע וווּ אָלגאַ האָט געוווינט. געווען איז עס ווינטער. דער שניי איז געלעגן טיף. דער „סטאַוואָק״ (שטיי־ענדיקער טייך) איז געשטאַנען פאַרפרוירן. די לופט איז געווען דורכזיכטיק, קלאָר. די זון האָט געשיינט, הימל האָט געבלויט, אין גאַנצן אַרום האָט זיך געפילט אַ מין ענערגישע אויפגעהייטערטקייט, וואָס האָט די יונגע חברה ממש פאַרשיכורט און גערופן צו „וואַיעווען״. האָט מען אַ סך שפּאַצירט, גע־גליטשט זיך אויפן אייז, געוואָרפן זיך מיט „סניעזשקעס״ (שניי־באַלן), הויך געשריען, הויך געלאַכט און בינה לבינה באַקענט זיך מיט חברה. אָלגאַ האָט געהאַט געגעוג טאַקט צו געבן דעם באַזוך נישט קיין „אָפיציעלן״, נאָר אַ פּריי־וואַטן כאַראַקטער. אָט־אָ, אַ פּאָר חברים זענען געקומען פאַרברענגען אַ שבת. אַז בחורים זאָלן פאָרן צו מיידלעך צו גאַסט און פאַרקערט, איז שוין דער־מאָלט געווען אין רוסלאַנד אַ געוויינלעכער ענין, אַפילו ביי ייִדן, אויסער, פאַרשטייט זיך, ביי די גאָר פרומע.

שבת אין אָוונט האָט מען געמאַכט אַ „וועטשערינקע". אַ צוואַנציק יוגנטלעכע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ שטוב, עפּעס איבערגעכאַפּט, געטרונ־קען טיי, געזונגען לידער (פֿאַרשטייט זיך — רוסישע), געשפּילט אין פֿלי־פּאָסט, געוויצלט זיך, דעקלאַמירט פֿון פּאָעטן, מער רוסישע. דער ליבלינג־פּאָעט אין יענע יאָרן פֿון צעפּאָרנקייט נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע, איז געווען דער יונג־פֿאַרשטאָרבענער סעמיאָן יאַקאָוולעוויטש נאַדסאָן, אַן אייניקל פֿון אַ ייִדן אַ קאַנטאָניסט, אָבער דער פּאָעט, אַן אייניקל פֿון אַ ייִדן וואָס מען האָט אויף כּוח אָפּגעשמדט, און אַ זון פֿון אַ פּולקאָמען קריסט, האָט נאָך געטראָגן אין זיין אונטערבאַוווסטזיין שפּורן פֿון ייִדישער אָנגעהעריקייט. אין 1881, ס'הייסט אין אָנהייב פֿון די צאַרישע פּאָגראָמען אויף ייִדן, האָט נאַדסאָן פֿאַרפֿאַסט זיין באַרימט ליד „דרוג מאָי, בראַט מאָי" — מיין פֿריינד און ברודער, מידער, ליידנדיקער ברודער, ווער דו זאָלסט נישט זיין, זיי נישט געפֿאַלן ביי זיך". דער פּאָעט רופֿט צו האָפֿענונג, צו גלויבן: „אַז קומען וועט אַ צייט, דער בעל וועט צעשטערט ווערן און די ליבע וועט זיך אומקערן אויף דער וועלט". צום ליד איז צוגעפּאַסט געוואָרן אַ מאָטיוו און עס איז געוואָרן דער הימן פֿון האָפֿענונג אין די שווערע יאָרן פֿון דער צאַרישער רעאַקציע. האַרט פֿאַר זיין טויט האָט סעמיאָן נאַדסאָן פֿאַרפֿאַסט אַ צווייטס, אַ מער דירעקט ייִדיש ליד, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך בין געוואַקסן פֿרעמד צו דיר, דו אָפּגעפֿרעגטעס פֿאָלק", און ענדיקט זיך מיט אַ פֿאַרלאַנג: „לאָז זיך מיר באַשיידן שטעלן אין די רייען פֿון דיינע קעמפֿער, דו פֿאָלק, וואָס ביזט אַזוי באַוווּלהט פֿון דעם גורל"... דאָס ערשטע ליד האָט מען געזונגען, דאָס צווייטע — דעקלאַמירט, און עס האָט זיך געשאַפֿן אַ טיף ייִדישע שטימונג.

בן־ציון האָט אַ פֿרעג געטאָן, צי קען עמיצער דעקלאַמירן אָדער זינגען עפּעס פֿון אַ צווייטן פּאָעט, וואָס הייסט אויך סעמיאָן, כאָטש אויף ייִדיש איז זיין נאָמען פּראָסט שמעון, שמעון פֿרוג, אַ קינד פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון דער סביבה. קיינער האָט זיינע לידער נישט געקענט, כאָטש מען האָט געהערט פֿון אים. איז עס געווען אַן אַנטדעקונג, ווען הערשל, בן־ציונס חבר, האָט דעקלאַמירט פֿון פֿרוגן אויף רוסיש „פֿרילינג" און „די תּפֿילה", און אויף ייִדיש „זאַמד און שטערן". חברה איז גאָר נתפּעל געוואָרן פֿון זייער „זעמ־ליאַק" (לאַנדסמאַן). הערשל, אַ גוטער דעקלאַמאַטאָר, האָט אויך דעקלאַמירט דאָס צווייטע ליד פֿון נאַדסאָנען, דאָס האָט געמאַכט אַ רושם. חברה איז גע־בליבן אַ פּאָר מינוטן פֿאַרזונקען אין מחשבֿות, אָבער באַלד האָט מען זיך גע־כאַפּט אַז עס איז שפּעט, שוין צייט צו גיין אַהיים. הפּנים, יעדער איינער האָט געזוכט צו בלייבן מיט זיך אַליין. שווער געווען אויסצולעבן בחבֿרותא

די אַנטפּלעקונגען וואָס די פּאָעזיעס האָבן אַרויסגערופן. מען האָט געוואָלט פונאַנדערקלייבן ביחידות, יעדער איינער מיט זיינע מחשבותן און געפילן. די דעלעגאַציע האָט זיך צוריק געקערט צופרידן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָנגעקומען פון קאָלאָניע אַן איינלאַדונג אויף אַ דיסקוסיע. הפּנים דער באַזוך האָט אויפגעוועקט געוויסע פראַגעס, אויפגערודערט פאַרשלאָפענע געפילן. אַרויסגערופן די דיסקוסיע האָט דער פּריוואַטער לערער, וואָס האָט צוגעגרייט „עקסטערנעס“ צו עקזאַמענעס, און האָט געשאַפן אַרום זיך אַ היפּשן קרייז תלמידים און פאַרערער. אָלגאָ איז ספּעציעל געקומען צופאָרן בכדי צו אינפאָרמירן די חברים, אַז די דיסקוסיע וועט זיין אַן ערנסטע. די אַנטי־ציוניסטן זענען גוטע רעדנער, מען וועט זיך דאַרפן גוט פאַרטיידיקן. די פירער פון דעם יוגנט־קרייז האָבן זיך היפּש דערשראָקן, זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר שנעקעס, און דאָ וועט זיין אַ געראַנגל מיט דערוואַקסענע, וואָס זענען דערצו אויף אַ העכערער קולטור־שטופע. אָפּזאָגן זיך פון דער דיסקוסיע האָט מען נישט געוואָלט, אַביסל בכדי נישט אָפּצוגעבן אָן אַ געראַנגל אַ האַלב־געוווּנענע פּאָזיציע, און מער ווי אַביסל צוליב יוגנטלעכער שקאָצעוואַטער אַמביציע — פאַרמעסטן זיך מיט עלטערע און גרעסערע. די איינלאַדונג איז אָנגענומען געוואָרן.

די דיסקוסיע איז פאָרגעקומען אין אַ פּריוואַטער דירה, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ גרויסן זאַל און דערביי אַ פּאָר גרעסערע צימערן. אין אַלע דריי צוזאַמען האָבן געקענט אַריין אַ פופציק פּערזאָן. זענען הפּנים געקומען מער, ווייל דער עולם איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. דער באַלעבאָס פון דער דירה, אַן אינטעליגענטער האָלץ־סוחר, אַ העברעער, ווען אַפילו נישט קיין ציוניסט, האָט געמאַכט די איינליידונג און די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן.

דער שאַרפסטער אָפּאָנענט איז געווען דער פּריוואַטער לערער, אַ סטודענט פון די געוועזענע ישיבה־בחורים, אַן „איסקראָוויעץ“ — ס'הייסט, אַ באָלשעוויק נאָך פאַר דער אָפיציעלער שפּאַלטונג. ער האָט געהאַלטן די פּאַרטיי־ליניע וואָס איז היינט אַזוי באַקאַנט און איז שוין דאַן אויך געווען היפּש באַוווּסט: יידן זענען נישט קיין פאָלק, בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע, און רעליגיע איז דאָך אַ שווינדל, כידוע; דער גאַנצער ציוניזם איז אַ פאַנטאַזיע פון אַ גאַנץ מיטלמעסיקן דראַמאַטורג־פעליעטאָניסט (הערצל); די קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע איז אויך אַ פאַנטאַזיע פון אַ באַראָן (ראָטשילד). וואָס עס איז געווען פאַרצייטנס איז קיין ראיה נישט, די וועלט גייט אויף פאָרויס, און מען דאַרף נישט קוקן אויף צוריק. יידן דאַרפן זיך אַסימילירן, זיי אַסימילירן זיך שוין, אַ סימן — אָט פירן מיר אַ וויכוח וועגן יידישע ענינים אויף רוסיש. פעלקער האָבן בכלל אָפּגעלעבט זייער צייט, דער געראַנגל אין

דער מענטשהייט איז באמת אַלעמאָל געווען צווישן קלאַסן, רײַך און אָרעם, שקלאַף און האַר, און אויך די קלאַסן וועלן אונטערגיין אין דער סאָציאַליס־טישער וועלט, ווו דער אַרבעטס־מענטש וועט זײַן דער פּולער באַלעבאָס. די ייִדישע בורזשואַזיע וועט אונטערגיין צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער בור־זשואַזיע, ייִדן האָרעפּאַשניקעס וועלן אויפגעלייזט ווערן אין אַל־רוסישן פּראָ־לעטאַריאַט, און דורך אים אין אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. מען דאַרף אויפ־הערן צו דרייען די וועלט אַ מוח מיט דער ייִדנפּראַגע; די מענטשהייט, די יוגנט — די ייִדישע אײַנגעשלאָסן — האָט וויכטיקערע ענינים.

נאָך דעם גרויסן קאַנאָן זענען געקומען קלענערע האַרמאַטן. אַנטי־ציו־ניסטן האָבן געטענהט, אַז אַ מאָדערנער מענטש דאַרף טראַכטן וועגן אַלוועלט־לעכע פּראָבלעמען, נישט אַרום גרופּן־ענינים; דער עיקר איז די מענטשהייט, נישט די פעלקער. אַפילו ייִדן זאָלן דערווייזן אַז זיי זענען יאָ אַ פאָלק, וועלן זיי גאָרנישט זײַן בכוח אויפצושטעלן אַן אייגענע מדינה, אַפילו ווען דאָס זאָל נויטיק זײַן. ייִדן זענען אַנאַרכיסטיש, קענען זיך נישט אונטערוואַרפן פון קיין דיסציפּלין. דערצו זענען ייִדן נישט קיין אַרבעטס־עלעמענט. איינער פון די דיסקוטאַנטן האָט גערעדט מיט אַ שאַרפער פאַרביטערטקייט. פאַרוואָס ווילן ייִדן זײַן אַן אויסנאָם? אַלע פעלקער פון אַלטערטום זענען אונטערגע־גאַנגען, זיך אַסימילירט, פאַרשוווּנדן, פאַרוואָס זאָלן ייִדן זײַן אַנדערש?: „פאַזשילי — אי בודיעט!" — אָפּגעלעבט און גענוג! — אַזוי האָט ער פאַר־ענדיקט זײַן סאַרקאַסטישע רעדע.

די צוויי יונגע „העגעלכלעך" — בן־ציון מיט הערשלען, — אומדערפאַ־רענע אין דער טעכניק פון דיסקוסיעס, נישט אינגאַנצן אינפאָרמירט וועגן די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע טעאָריעס, האָבן פאַרטיידיקט זייער פּאָזיציע ווי נאָר זיי האָבן געקענט. זיי האָבן נישט געקענט רעדן וויסנשאַפטלעך, אָבער זיי האָבן גערעדט פון האַרץ צו האַרץ. דער געדאַנק, אַז אויך דאָס ייִדישע פאָלק איז באַשטימט אונטערצוגיין איז אפשר ריכטיק טעאָרעטיש, פּונקט ווי עס איז ריכטיק אַז דער מענטש איז צום שטאַרבן געבוירן, פון דעסטוועגן קומט מען נישט זאָגן אַ לעבעדיקן מענטשן: — זיי אַזוי גוט, לייג זיך און שטאַרב, ווייל לויט אַזאַ און אַזאַ טעאָריע דאַרפסטו אויפהערן צו עקזיסטירן. און אַ פאָלק האָט דאָך סתם מער לעבנס־פּאָטענצן ווי אַ יחיד. טעאָריעס זע־נען נישט קיין ראיה אין לעבנס־פּראָצעסן. אָט באַמיִען זיך געוויסע היסטאָרי־קער צו דערווייזן, אַז ייִדן זענען מער קיין פאָלק נישט, זינט דעם חורבן פון ערשטן בית־המקדש; נו, האָבן דערפאַר ייִדן אויפגעהערט צו לעבן, ליידן און שאַפן? דער קאָלעקטיווער לעבנס־אינסטינקט, אָט דער געראַנגל פון ייִדן פאַר ווייטער לעבן ווי אַ פאָלק, רופט זיך היינט ציוניזם. אַמאָל האָט ער געהייסן

משיחיזים. דער געדאַנק פון אינטערנאַציאָנאַליזם איז אין תוך אַ יידישער. שוין די נביאים האָבן געפּרעדיקט אַ פאַראייניקטע מענטשהייט, אַ משפּחה פון פעלקער, אָבער משפּחה מיט אָ נ ש ל י ס ן זיך, נישט א ו י פ־ ל יי ז ן זיך.

מערקווירדיק: ווי די ציוניסטישע אַרגומענטאַציע איז געווען אומבאַ־ האָלפן אין איר פאָרעם, האָבן די אַרגומענטן באַווירקט אַ גאָר היפּשן טייל פון די בייוועזנדיקע. די טעאָריעס זענען טאַקע פיין, שכלדיק, אָבער דער גע־ פיל טרייבט צו ווען דערהאַלטן דעם קיום, אויך פון אַ פאָלק, ווי אַן איינס אין דער מענטשן־משפּחה. די דיסקוסיע האָט גראָד געטאָן אַ טובה דעם ציו־ ניזם — אין קאָלאָניע איז אויפגעקומען אַ גאַנץ שטאַרקער ציוניסטישער קרייז.

קאַפּיטל 37

יידיש טעאַטער

אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַזאַ זאַך ווי טעאַטער, האָט בן־ציון געוווּסט נאָך אין זיין קינדהייט. אין שטעטל זענען געווען צוויי ליבהאָבער־קרייזן פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען: אַ רוסישער און אַן אוקראַיִנישער. אַ פּאָר יידישע יונגעלייט און פריילינס האָבן מיטגעשפּילט אין די קרייזן און מען האָט זיי דערפאַר געהאַלטן פאַר הפקר־חברה, „אַקטיאָרשטשיקעס" און נאָך גוייִשע דערצו...

יידישע באַלעמעלאָכעס האָבן זיך מתקנא געווען. מיט וואָס זענען זיי ערגער פון „איוואַן זלאָדיי"? יענע שפּילן: „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ, „זשי־דאָווקאַ וויכרעסטקאַ", „ווי", אָדער „גראַזאַ"; פאַרוואָס זאָלן יידן נישט קע־נען שפּילן „מכירת יוסף", „פּורים־שפּיל", צי אַפילו גאָר „בר־כוכבא"? האָט זיך אין שטעטל געשאַפן אַ יידישער קרייז, וואָס האָט געשפּילט חומש־עפּי־זאָדן, ווייל פון נייע טעאַטער־ווערק האָט מען ווייניק געוווּסט.

דער אָנפירער פון די יידישע „קאָמעדיאַנטשיקעס" איז געווען יאָסל דער שניידער, אַ טשיקאַווער עמך, וועגן וועלכן עס איז כדאי צו דערציילן. אַ הוי־כער, אַ שלאַנקער, אַ פריילעכער און שטענדיק אַן אויפגעלייגטער, כאָטש „אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס", איז ער געווען וואָס מען פלעגט רופן „אי נאַשים, איוואַשים", וואָס מיינט דאָס נעמלעכע ווי „צו ג' און צו לייט"; אַ ייִד וואָס האָט געדאַוונט אַלע טאָג, האָט ער דאָך געמאַכט חוזק פון די „קרו־מע רוקנס", פון די „כלי־קודש", וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר „טונעיאַדצעס", אומזיסטע פרעסער. אָבער דרך־ארץ פאַר אַ יידן אַ למדן האָט ער געהאַט, גישט געווען קיין הפקר־יונג; וואָס ער האָט געזאָגט קעגן די „קרומע רוקנס" איז געווען נישט פון רשעות, נאָר סתם פון פריילעכקייט וועגן. געווען אַ פריילעכער פאַרשוין, אַפילו אין צייטן פון נויט.

געדענקט זיך אַ שפּעטער ווינטערדיקער פרייטיק נאָכמיטיק, נישט צוּ־פיל פאַר ליכט־בענטשן, האָט זיך יאָסל שניידער אַריינגעשטעלט צו בן־ציונס עלטערן אין שטוב, — אַ שכן געווען, — און האָט מיט אַ שמייכעלע געבעטן מען זאָל אים לייען אַ רובל אויף קידוש...

בן־ציונס פאָטער איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער: געהערט אַ „פּאַסקוד־פּעלנאַסט" פון אַ חיט? גיין לייען געלט אויף קידוש! און ער האָט אָפּגעענט־

פערט אַביסל האַרבלעך: „מאַכט מען קידוש אויף ברויט!" יאָסל האָט זיך נישט פאַרלוירן. מיטן שטענדיקן שמייכעלע האָט ער געענטפערט: „אָט דעם קידוש מיין איך טאַקע"... אין שטוב איז געוואָרן אַ גערודער. די מאַמע האָט עס דערהערט און האָט זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַר די באַקן, ווי עס איז געווען איר טבע ביי אַן איבעררעשונג. ביים שניידער אין שטוב האָט מען קיין שבת נישט געמאַכט!... איז באַלד אַוועק אַהין איינע פון די טעכטער מיט אַ היפּשן פּעקל ברויט און צום ברויט. די אָרעמע מלמדקע האָט גע־טיילט איר שבת מיט דער אָרעמער שניידערקע און קיינער האָט נישט גע־הונגערט ח"ו אין הייליקן טאָג שבת.

און נאָך אַ מעשה געדענקט זיך וועגן יאָסל שניידער. אין מנין ווו די שכנים פון ווינקל האָבן געדאַוונט, איז געווען אַ חברה „לחם־אביונים", — כ'הייסט, באַזאָרגן אָרעמעלייט מיט עסן. צום סוף יאָר פלעגט מען אַרויס־העגנען אַ חשבון פון הכנסות און הוצאות. האָט געטראָפן, אַז אין איינעם אַ יאָר האָט מען אין די הכנסות געפונען עפּעס אַ מאָדנע פּאָזיציע: אומגעקערט פיר רובל מיט פופציק קאָפּיקעס... ווער האָט עס געקענט אָפּגעבן געלט פון „לחם־אביונים"? די גבאים האָבן נישט געוואָלט אויסזאָגן, בכדי נישט צו פאַרשעמען קיינעם, אָבער יאָסל שניידער האָט געוווסט דעם סוד און האָט אים מגלה געווען — דאָס איז טאַקע ער אַליין... אין גאָר שלעכטע יאָרן האָט ער דריי מאָל גענומען צו אַנדערהאַלבן רובל, בכדי זיין משפחה זאָל נישט ליידן קיין הונגער. אָבער ווי נאָר די לאַגע האָט זיך עטוואָס געבעסערט, האָט ער אָפּגעגעבן די פאַר רובל וואָס ער האָט גענומען בתורת הלוואה, נישט ווי קיין נדבה, אַזוי האָט ער ביי זיך באַשלאָסן. צו קיצבה האָט ער נישט גע־וואָלט אָנקומען...

נאָר איין מאָל האָט יאָסל שניידער איבעררעשט דאָס גאַנצע שטעטל. עס איז געווען אויף צו מאָרגנס נאָך יום־כיפור 1904. מען האָט דערקלערט מאָביליזאַציע צוליב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. אין שטעטל האָט זיך געטאָן חושך. מען האָט געוויינט און געקלאָגט. „זאַפּאַסניקעס" (רעזערוויסטן) האָבן געמאַכט בריחה, אַ סך פון זיי קיין אַרגענטינע. יאָסל איז געבליבן רויק: „ווהין וועל איך לויפן? ג-" איז דאָ אומעטום... אין זיין האַנט זענען מיר אַלע. וואָס עס דאַרף זיין, וועט זיין"... יאָסל האָט דורכגעמאַכט דעם רוסיש־יאַפּאַ־נישן קריג, האָט זיך צוריקגעקערט פריש און געזונט, אַפילו נישט פאַרוווּנ־דעט געוואָרן, נאָך געבראַכט מיט זיך אַביסל געלט. פאַרדינט פון שניידעריי און געמאַכט אַ „קידוש" פון וועלכן מען האָט אין שטעטל גערעדט אַ צייט לאַנג.

דורך אָט דעם יאָסל שניידער האָט עס בן־ציון געקראָגן אַ צוטריט צו די

ייִדישע שפּילן, און ביז היינט געדענקט ער אַ פערז פון דעם לידל, וואָס יוסף הצדיק זינגט ווען ער ליגט אין גרוב:

„עקדישן און שלאַנגען,
פאַרשליסט אייער מונד,
איך בין יצחקס אַן אייניקל,
יעקבס אַ זון".

פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע אַקטיאָרן האָבן נאָך אין דעם קליינעם שטעטל נישט געהאַט אָנגעשפּאַרט, און ווען אַ פּאָר האָבן זיך אַמאָל יאָ אַראָפּגעכאַפּט אַהין, האָבן זיי געלאָזט אַ נישט גוטן רושם. בן־ציון איז נאָך דאַן געווען אַ קינד, אָבער דעם עפּיזאָד געדענקט ער ווי היינט וואָלט עס געווען.

עס איז געווען ערב תשעה־באָב און ייִדן האָבן זיך געקליבן צו קינות, ווען עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אין מינדלס אַכסניה זענען געקומען ייִדישע אַקטיאָרן און ווען דעם זעלבן אָוונט געבן אַ פאָרשטעלונג: „ווייזן קונצן", האָט עס דעמאָלט געהייסן. דער רב האָט געשיקט מתרה זיין, אַז „הזהר והז־הר" צו פאַרשוועכן דעם טאָג פון חורבן מיט „קלות" (לייכטזיניקייט). אָבער די אַקטיאָרן זענען באַשטאַנען אויף זייערס, און כּפי זיי האָבן געהאַט אַ „ראַזרעשעניע" (דערלויבעניש), האָט מען זיי גאָרנישט געקענט טאָן. האָבן ייִדן געזאָגט קינות מיט אַ דאָפּלט צעווייטיקט האַרץ: באַוויינט דעם חורבן פון אַמאָל און דאָס הפקרות פון היינט.

גראָד האָט זיך דאַן געפונען אין שטעטל אַ באַרימטער מגיד, אַ געוויסער ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט נאָך די קינות געהאַלטן אַ דרשה, ביי וועלכער ייִדן — און בן־ציון מיט זיי — האָבן פאַרגאָסן טרערן. איז עס געווען אַ צושאַר־פער דיסאָנאַנס, ווען אַרויסגייענדיק פון שיל האָט מען פון אַ פּאָר גאַסן ווײַ־טער דערהערט געזאַנג און געלעכטערס פון דער אַכסניה, ווו עס איז זיך צו־נויפגעקומען אַ היפּשער עולם, טאַקע „נחות דרגאַניקעס", אָבער דאָך ייִדן... איז עס געווען אַ ווייטיק מיט אַ בזיון צוזאַמען, און בן־ציון האָט עס פאַר־געדענקט אויף לאַנג.

אָבער גראָד דעם ווינטער, ווען די ציוניסטישע טעטיקייט האָט אויפגע־לעבט אין שטעטל, איז אַהין אַראָפּגעקומען אַ ייִדישע טרופּע, און בן־ציון איז געקומען פּנים אל פּנים מיט פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע אַקטיאָרן. קיין גאָר גרויסע טאַלענטן זענען צווישן די אַקטיאָרן נישט געווען — דאָך פיינע גע־שולטע שוישפּילער. געשפּילט האָט מען ליטעראַרישע פּיעסן, מערסטנטייל פון י. גאָרדין: „די שחיטה", „כאַסיע די יתומה", „מירעלע אפרת", „דער ייִדישער קעניג ליר אאַ"וו. אַפילו „גאָט פון נקמה" פון שלום אַש, האָט מען

געשפּילט. פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען 3־4 מאָל אין וואָך. זיי זענען זייער גוט באַזוכט געוואָרן. בן־ציון מיט אַ פּאָר חברים זענען געוואָרן טעאַטער־פּאַטריאָטן, נישט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף קיין בילעטן איז קיין געלט נישט געווען, אָבער די בחורימלעך האָבן אָרנטלעך פאַרדינט זייערע „קאָנטראַמאַרקעס" פאַר זיך גופא און טאַקע אַמאָל מיטגענומען אַ שוועסטער אָדער אַ חברטע; איבערשרייבן ראָלן, איינחזרן אַ ראָל מיט אַ פּאָר אַקטיאָרן, וואָס זענען געווען שטומפּיק אויף לייענען... פאַרטייטשן דעם אָדער יענעם אַקטיאָר אַ העברעיִש וואָרט וואָס ער האָט נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען, פאָלגן אַ גאַנג, טאָן אַ שליחות. מען האָט זיך גאַנץ גוט איינגעלעבט מיט דער טרופּע, בפרט אַז אַ פּאָר אַקטיאָרן מיט אַקטריסעס זענען איינגעשטאַנען קוואַרטיר ביי כאַצקל בעקער, ווו דער ציוניסטישער יוגנט־קרייז האָט געהאַט זיין „סטאָליצע" (צענטער).

האָט זיך געעפנט אַ נייער אינטערעסן קרייז. מען איז בייגעווען רעפּע־טיציעס, מען פלעגט קריגן איבערצולייענען אַ פּיעסע איידער מען האָט זי געשטעלט, מיט די אינטעליגענטערע אַקטיאָרן האָט מען דיסקוטירט דעם אַרגומענט, די אויפפירונג, די דערפאָלגן און די „בולבעס", געשמועסט וועגן יידישער ליטעראַטור בכלל. בן־ציון האָט היפּש גענאַשט פון יידישן טעאַטער, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען אַ גרויסן דרך־ארץ.

ווען די אַקטיאָרן־טרופּע איז סוף־כל־סוף אַוועקגעפאָרן, האָט זיך גע־שאַפן אַ נייער ליבהאָבער־קרייז, אָנגעפירט פון איינעם פון די ווייניקער גע־ראָטענע אַקטיאָרן, וואָס איז אַרויס פון דער טרופּע און איז געבליבן אין שטעטל אַלס „רעזשיסאָר". ער האָט שוין אָנגעפירט אַן אַנדער רעפּערטואַר און האָט צוגעזאָגט געבן די „וועלט־באַרימטע דראַמאַטורגן": לאַטיינער, פּראָפּ. הורוויץ און אַנדערע פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע. בן־ציון מיט זיין חברה האָבן אויפגעהויבן אַ ליאַרעם: ס'טייטש! פאַרשוועכונג פון יידישן טע־אַטער, פון דער יידישער ליטעראַטור. די ליבהאָבער מיט זייער „רעזשיסאָר" האָבן זיך דערפון נישט געמאַכט קיין וועזן און האָבן זיך געטאָן זייערס. שוין אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג, פון עפּעס אַ מאַכערייקע, האָבן די יונגע ציוניס'טן געמאַכט אַ סקאַנדאַל. עס האָבן נישט געהאָלפן די קולות פון די טעאַטער־פּאַטריאָטן, אַפילו נישט די רייד פון דעם אָפיציעלן טעאַטער־אַגענט, — דעם פּאָטשטמייסטער לעאָנאָוו — און די פאָרשטעלונג איז אַרונטערגע־ריסן געוואָרן. מען האָט געלערנט דרך־ארץ פאַרן יידישן טעאַטער.

קאַפּיטל 38

ביי שטילע וואַסערן

דער רווישיקער ווינטער, פול מיט אַקטיוויטעט, האָט זיך אָפּגערופן אויף בן־ציונס געזונט, אַז „אוראַקן" (לעקציעס) האָט ער געגעבן, און אַליין גרייטן זיך צו עקזאַמענעס האָט ער געדאַרפט, און די ציוניסטישע טעטיקייט האָט אים פאַרכאַפּט, און אין טעאַטער איז ער אָפט געגאַנגען — איז עס אַלץ צו־זאַמען געווען אַביסל איבער די כוחות, און צום סוף ווינטער האָט ער אויס־געזען ווי אַ „גרוגרת דרבי צדוק", דאַר און קוואַר, איז שלעכט געשלאָפן. מען איז געווען ערנסט באַזאָרגט.

די פּסח־וואָך האָט אַביסל פאַרבעסערט די מערכה. יום־טוב און חול־המועד האָט מען אַביסל ווייניקער „געוואָיעוועט", אָבער וועניאַמין גריגאָ־ריעוויטש איז שוין געווען אַ גאַנצער שמעלקע מיט בן־ציונען, האָט ער גוזר געווען, אַז אויפן זומער מוז בן־ציון ערגעץ אַוועק אין אַ רויִקן ווינקל, ער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט זיין פּראָצעס פון וואַקסן, און מיטן געזונט טאָר מען זיך נישט שפּילן. ווו־זשע נעמט מען אָבער אַ רויִקן ווינקל, עפּעס אַ פיינעם דאָרף?

די ישועה איז געקומען אומדערוואַרט און דווקא פון היפש נאָענט. דעם פאָטערס אַ ידיד, וואָס האָט געוווינט אין אַ דאָרף נישט ווייט פון שטעטל, איז אויף מאָרגן נאָך פּסח געקומען איינקויפן סחורה פאַר זיין קראָם און פאַר איינוועגס איינגעלאַדן בן־ציונען פאַר אַ לערער אין קליינעם דאָרפישן ישוב, קוים אַ צען־צוועלף פאַמיליעס. ער וועט האָבן ווייניק תלמידים. די מענטשן ווייסן שוין אַז מען דאַרף נישט לערנען פון „זון צו זון" — איז פאָ־ראַן אַ פאַרטיקער שטונדן־פּלאַן: דריי שעהען פאַר מיטיק, דריי שעהען נאָך מיטיק, פרייטיק בלויז ביז האַלבן טאָג, שכירות — גאַנצע הונדערט צוואַנ־ציק רובל פאַרן זמן, אויף אַלעם פאַרטיקן, ס'הייסט — קעסט און קוואַרטיר ביי די באַלעבאַטים.

דער אָנבאָט האָט ביי בן־ציונען נושא חן געווען. דאָס דאָרף איז נישט ווייט פון שטעטל, צייט אויף לערנען וועט ער האָבן גענוג, און, אַגב, פּ אָ ר ן, זען נייע מקומות, נייע מענטשן. דעם זעלבן טאָג איז בן־ציון אָפּ־געפאָרן אויף זיין נייער קאָנדיציע. אין מיטן וועג געפירט שמועסן מיט ר' עזריאלן, אַ ייִד אַ פּקח און אַ בן־תורה.

דאָס דאָרף איז געווען צעוואָרפן אויף ביידע זייטן פון אַ פליסיקן טייכל, אַ גרויסע זעלטנקייט אין יענע טייכנלאָזע סטעפּעס. איבערן טייכל איז געווען אַריבערגעוואָרפן אַ שטאַרקע אייזערנע בריק, וואָס האָט פון דערווייטנס אויסגעזען ווי זי וואָלט געהאַנגען אין דער לופטן. דאָס דאָרף האָט זיך געטונקען אין גרינס: גערטנער, סעדער, סעדלעך. קוקנדיק פון ווייטנס האָט עס דערמאָנט בן־ציונען אַ פּייזאַזש־באַשרייבונג פון די גרויסע רוסישע ליטעראַטור־מייסטערס, איז ער געווען צופרידן.

איינגעקוואַרטירט האָט מען דעם יונגן לערער ביי ר׳ עזריאלס אַ זון. אין דאָרף איז מען אָנגעקומען פאַרנאַכטלעך, ווען אַ האַלב־פינצטערניש האָט זיך געשלייכט פון די שאָטנס. דעם אַלטנס שנור, אַ באַלייבטע, פעסט־געבויטע יונגע פרוי, האָט ביים ערשטן ברוך־הבאָ, ווי נאָר זי האָט דערזען בן־ציונען, געטאָן אַ פּאַטש מיט ביידע הענט און אויסגעשריען: „ווי איז מיר בישט! ער איז דאָך דאַר ווי אַ שפּענדל!“ זי האָט זיך אָבער גלייך געטרייסט: „גישקשה, ביי אונדז וועט ער זיך אונטערפיטערן“. זי איז געווען אַ קאָלאָניסטישע טאָכטער און האָט פיינט געהאַט נישט גענוג סאָלידע זאַכן: אַ טראָט דאַרף זיין אַ טראָט, אַ האַנט־דרוק דאַרף זיך לאָזן פילן, אַ זעקל תבואה דאַרף מען אַ וואָרף טאָן ווי אַ שפּענדל, עסן דאַרף זיין געגעסן, לאַכן לאַכט מען הילכיק אויפן קול, און רעדן רעדט מען מיט אַ שאַרפער ריש. זי איז געווען אַ פיינע מזיגה פון פויערישער גרינגלעכקייט, יידישע גוטסקייט מיט מאַמישער האַרציקייט. בן־ציון האָט זיך דערפילט היימיש, עפּעס ווי ער וואָלט געקומען צו נאָענטע קרובים. האָט ער דאָך אַ שוועסטער וואָס הייסט לאה, ווי דעם אַלטנס שנור האָט זיך גערופן; נו, איז ער צוגאַסט ביי אַ שוועסטער.

דער מאַן, וואָס איז אַביסל שפּעטער געקומען פון קראָם, האָט שוין באַטראַכט דעם גאַסט פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. פאַרפירט אַ שמועס וועגן לערנען, געפּרוווט אַ טאַפּ טאָן אין וואָגן, ווי האַלט עפּעס דאָס בחורל אין די קליינע אותיות? ער איז, הפנים, געבליבן צופרידן, און אויך אָנגעהויבן גלייך באַטראַכטן דעם יונגן לערער ווי אַן אייגענעם, אַ היימישן, ווי אַן עלטערן זון אָדער ברודערל אין דער משפּחה. האָט ער בן־ציונען גלייך דערפרייט מיט אַ בשורה. זיין פאָטער האָט זיך אַביסל צוגעאיילט, די לימודים וועלן זיך אָנהויבן מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, דערווייל קאַלכט מען נאָך דעם ספּעציעלן צימער, וואָס מען האָט געדונגען פאַרן „חדר“; אָבער, עס מאַכט נישט, זאָל זיך בן־ציון דערווייל אויסרוען, באַקענען זיך מיטן דאָרף, מיט די מענטשן, אַפילו מיט דער סביבה, פאַראַן זייער אינטערעסאַנטע פּלעצער.

נאָך אַ זאַטער דאָרפישער וועטשערע, איז בן־ציון אַנטשלאָפן געוואָרן אין אַ ציכטיקן לופטיקן צימער, מיט אַ געזונטן יונגן שלאָף. ער האָט גאָר־

נישט באַמערקט ווי די נאַכט איז אַדורך. ווען ער האָט צעעפנט די אויגן, איז שוין געווען גרויסער טאָג. האָט ער צעפּראַלט טיר און פענצטער און דער צימער איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט זונען־שיין און אַראָמאַטישע לופט. אַ קוואָקע האָט אין הויף געפירט אירע הינדעלעך, אַ האָן האָט ערגעץ הילכיק געקרייעט, אַ לאָשיקל האָט זיך פריידיק צעהירזשעט, עס האָט זיך געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון אַ מאָטאָר, עס איז געווען פון אַן אויל־מיל וואָס אַ ייִד האָט געהאַט בשכנות. די גאַנצע סימפאָניע פון פריידיקן אַקטיוון לעבן האָט אָנגעהויכט אויף בן־ציונען אַ גאָר אַנדערע שטימונג. דאָס געמיט האָט זיך באַרויִקט, די אָנגעצויגענע געשפּאַנטקייט האָט נאָכגעלאָזן, זיין לעבן אין דאָרף האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ שטימונג פון גליקזעליקייט.

ביז די לימודים האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט בן־ציון באַוויזן צו באַקענען זיך נישט נאָר מיט אַלע ייִדן פון דער קליינער דאָרפישער געמיינדע, נאָר אויך מיט אַ פּאָר גויִים פון די אָנגעזעענסטע אין דאָרף: דער דירעקטאָר פון דער רעגירונגס־שולע, אַ פּאָר לערער און לערערינס, דער שרייבער פון „וואָ־לאָסט" (דאָרפישער קרייז־פאַרוואַלטונג), אַפילו מיטן גלח פון קלויסטער און זיין געהילף, אַ יונגער „פּסאַלאָמטשיק" (תהילים־זאָגער), מיט זיין יונגער סימפּאַטישער פרוי. די באַציִונגען צווישן ייִדן און גויִים זענען געווען גאַנץ גוטע. די פּאָר אינטעליגענטערע קריסטן זענען געווען צופרידן וואָס עס איז צוגעקומען נאָך אַ מענטש מיט וועמען מען קען כאַפּן אַ שמועס, רעדן אַ וואָרט, נעמען און געבן אַ בוך צום לייענען. בן־ציון האָט זיך דערפילט ווי אַ שטיקל יש, זעלבסטשטענדיק, מיט אָנזען. שבת איז ער געגאַנגען צום מנין אין הויז פון אַלטן ר׳ עזריאל, פאַרביטן דעם אַלטן ווי אַ בעל־קורא און אָפּ־געקלאַפּט אַ מפטיר, וואָס האָט ביי די פּשוטע דאָרפס־ייִדן גאָר אויסגענומען. הכלל, ער איז אַריין, ווי מען זאָגט עס, מיטן רעכטן פוס.

דאָס לערנען אין שולע איז געווען נישט שווער. די תלמידים זענען גע־ווען געזונטע, שיינע, ציכטיקע, גאַנץ פעיִקע. ייִדיש רעדן האָט מען געקענט פון טאַטע־מאַמע, רוסיש האָט מען געערעדט ווי עכטע דאָרפס־קינדער — זע־נען סיי די ייִדישע, סיי די רוסישע לימודים געגאַנגען גלאַטיק. חברה האָט געהאַט אַ פעולה, דער לערער האָט אָנגעקוואָלן, די עלטערן זענען געווען צו־פרידן. די באַנעמונג צווישן לערער און תלמידים איז געווען ווי צווישן אַן על־טערן ברודער מיט קלענערע. בן־ציון האָט אין דאָרף ביים שטילן טייכל געהאַט איינע פון די גליקלעכסטע צייטן פון זיין לעבן, און ווען ער איז אַוועק פון דאָרף בכדי צו פאַרנעמען אַ גרעסערן פּאָסטן, האָט ער געזען אַז דאָס פּלאַץ זאָל נישט פאַרפרעמדט ווערן, ער האָט עס איבערגעגעבן זיין חבר הערשל. מיט די דאָרפס־ייִדן איז מען געבליבן פריינד אויפן לעבן.

לכתחילה האָט עס אַביסל געצויגן אין שטעטל אַריין, צו דער חבריא, צו דער טעטיקייט, צו דער פאַמיליע, אָבער ביזן שטעטל איז געווען אַ וויאָרסט צען, ווי קומט מען אַהין? נאָר „אַז עס גייט, פאָרט עס". אין אַ טאָג איז צו בן־ציונען געקומען זיין עלטסטע שוועסטער זען, ווי ער האָט זיך איינגעאָרדנט און פאַראיינוועגס דערוויסן זיך, וואָס עס דענקען וועגן אים די דאָרפישע יידן. האָט מען דעם לערערס שוועסטער אויפגענומען מיט דער האַרציקסטער גאַסטפריינטלעכקייט. זי האָט געזען אַז איר ברודער איז זייער אָנגענומען אין דאָרף. אָבער ווען זי האָט געדאַרפט צוריקפאָרן, איז אויפגעקומען אַ שוועריקייט: באַקומען אַ פור. זענען בן־ציון מיט זיין שוועסטער אַרויס אויפן וועג וואָס פירט אין שטעטל, אפשר וועט זיך מאַכן אַן אַגב־פור. מען איז געגאַנגען און געשמועסט, קיין פור איז גראָד נישט אָנגעקומען, און אַזוי שמועסנדיק האָט מען פון דערווייטנס דערזען דאָס שטעטל, און גראָד איז אָנגעקומען אַ באַקאַנטער תבואה־סוחר וואָס האָט מיטגענומען בן־ציונס שוועסטער אין שטעטל אַריין. פאַר בן־ציונען האָט דער שפּאַציר אַנטפּלעקט דעם וועג אין שטעטל. פאַר אַ פּאָר שעהען קען מען דאָך אַהין אָנקומען צופוס, און טאָמער מאַכט זיך אַ פור — איז פאַר נאָך וויניקער צייט; קען מען זיך דאָך אַהין אַמאָל אַראָפּכאַפּן אויף אַ שבת. איז פרייטיק באַלד נאָך מיטיק — היידאַ אין שטעטל אַריין, זיך גאַנץ פיין אָפּגעטומלט דעם פרייטיק־צו־נאַכט, אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג און די גרעסטע טייל פון שבת־צו־נאַכט. נאָך אַ פּאָר שעהען שלאָפן, זיך געפעדערט זונטיק אין דער פרי און צוריק אין דאָרף אַריין. אַן אַגב־פור איז זונטיק געווען שווער צו קריגן, גויִים פאָרן אין שטעטל צום מאַרק און בן־ציון שפּאַנט פון שטעטל אין דאָרף; מילא, וועט מען אָפּשפּאַנען דעם וועג צופוס, אויך מיר אַ מציאה. אַ האַלבע שעה איידער די לימודים האָבן זיך אָנגעהויבן, איז שוין בן־ציון געווען צוריק אין דאָרף; אָפּגעטובלט זיך אין טייכל, איז אַוועק דער שלאָף. צוריק פריש און געלערנט מיט חשק. פאַלשעווען האָט בן־ציון אַלעמאָל פיינט געהאַט. אויף אַזאַ אופן האָט בן־ציון גענאָסן פון צוויי גן־עדנס: פון אַ וואָכעדיקן גן־עדן אין דאָרף, פון אַ שבתדיקן גן־עדן אין שטעטל, און אַפילו די שבתים וואָס ער פלעגט אין שטעטל נישט אַוועקגיין, זענען געווען שטאַרק אָנגעלייגט — ער איז דאָך געווען ווי אַ שטיקל גאַסט אין דאָרף.

מיטאַמאָל איז צוגעפאַלן אַ שוועריקייט. די משפחה ביי וועלכער בן־ציון האָט געהאַט קוואַרטיר, האָט זיך געגרייט צו אַ חתונה. די שוועסטער פון באַלעבאָס איז געגאַנגען חתונה האָבן מיט אַ ברודער פון דער באַלעבאָסטע, אַ קאָלאָניסטישער זון וואָס האָט זיך ערשט צוריקגעקערט פון מיליטער־דינסט,

געקומען צו גאַסט צו דער שוועסטער און געשלאָסן אַ שידוך מיט איר שוועגערין.

ווי עס איז געווען דער מנהג ביי פאַרמעגלעכע דאָרפס־יידן, האָט מען אָראָפּגעבראַכט נייטאָרינס וואָס זאָלן אויפּנייען דעם אויסשטייער פאַר דער כלה. האָט מען געדאַרפט האָבן אַ צימער ווו איינצואָרדענען די צוויי נייטאָרינס וואָס זענען געקומען מיט זייערע ניי־מאַשינען אַ פּאָר וואָכן פאַר שבועות, ווייל די חתונה איז געווען אָפּגעשטימט אויף שבת נאָך שבועות. האָט בן־ציון געמוזט אָפּטרעטן זיין צימער פאַר די נייטאָרינס און זיך זוכן אַן אַנדער צימער, וואָס איז גאָרנישט געווען אַזוי לייכט אין דאָרף. יידן האָבן געוווינט נישט איבעריקס געראַמיק. אַריינצוציִען זיך צו אַ קריסט האָט נישט געפּאַסט, — וואָס־זשע טוט מען דאָ?

אַ יונגערמאַן, דער אַגענט פון „זינגערס״ ניי־מאַשינען, וואָס האָט זיך באַפריינדעט מיט בן־ציונען, האָט אָנגעבאָטן אַ צימער אין זיין הויז. זיין משפחה באַשטייט פון בלויז דריי פּערזאָנען: ער, זיין פרוי און איר מוטער. ער איז כמעט שטענדיק אויפן „ראַיאָן״, בלייבן די פרויען אַליין און די דירה איז אַ גאַנץ גרויסע, פאַראַן אַ פרייער צימער אין פראָנט פון דער שטוב, וואָס קוקט אַרויס מיט אירע פענצטער אין אַ פיינעם סעדל מיט בלומען און פרוכטביימער; אויב בן־ציון איז מסכים, קען ער זיך גלייך אַריינציִען, ער וועט ח״ו נישט מאָנען קיין דירה־געלט — מען איך דאָך עפּעס גוטע ברידער, און די צוויי פרויען וועלן נישט בלייבן אַזוי איינזאַם ווען דער מאַן און איידעם איז נישטאָ אין דער היים. בן־ציון האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אָנגעבאָטענעם צימער, וואָס איז באמת געווען אַ גאַנץ פיינער, אַ ליכטיקער און ציכטיקער, און ווו ער האָט געמיינט צו קענען רויק לעבן און לערנען.

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט נישט ווי ער האָט געדענקט. דאָס יונגע ווייבל פון דעם „זינגער״־אַגענט, וואָס האָט מסכים געווען אַריינצונעמען בן־ציונען פאַר אַ שכן, האָט געהאַט דערביי איר אויסרעכענונג, אָבער נישט אין הסכם מיט בן־ציונס פּלענער. דאָס ווייבל האָט זיך מערסטנס געפילט איינזאַם. דער מאַן איז געווען אָפּוועזנד, קיין גוטע באַקאַנטע האָבן זיי נישט געהאַט, זיי זענען נישט לאַנג אָנגעקומען אין דאָרף, פאַר די שטוב־אַרבעט איז געווען אַ דינסט, געקאָכט האָט די מוטער — האָט די טאָכטער כמעט גאָרנישט געטאָן און זי האָט זיך גענודיעט; איז זי געווען צופרידן צו האָבן אין שטוב אַ מענטשן מיט וועמען צו קענען אַמאָל שמועסן, מאַכן אַ שפּאַציר, פאַרברענגען. זי האָט אַפילו אָנגעהויבן צו לערנען ביי בן־ציונען רוסיש, און די ערשטע פּאָר וואָכן זענען אַלע געווען צופרידן.

דעם אַגענטס ווייבל איז אָבער געווען אַ צעבאַלעוועטע בת־יחידה, פון

קינדהייט אָן איז זי געווען געווינט אַז מען זאָל איר נאָכגעבן אַלע קאַפּריזן, האָט זי ביסלעכווייז אָנגעהויבן פּרעטענדירן אַז בן־ציון זאָל איר אָפּגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט. זי האָט זיך געמאַכט אַ טבע צו זיצן אין זיין צימער בשעת ער איז געזעסן איבער זיינע ביכער, און איבערשלאָגן מיט פראַגן וואָס האָבן אים מבלבל געווען. בן־ציונען איז עס געוואָרן איבערדריסיק; ער האָט גע־דאַרפט פרייע צייט מיט אַ רויקן קאָפּ און האָט עס נישט געהאַט. אָבער קיין אַנדער צימער האָט זיך נישט געמאַכט, נישט געווען קיין אויסוועג. דאָס דאָרף ביי די שטילע וואַסערן, וואָס האָט לכתחילה געפאַנגען זיין האַרץ, האָט אָנגעוווירן אין בן־ציונס אויגן אַ סך פון זיין פאָריקן חן. ער פלעגט זיך וויצ־לען מיט זיך גופא: אַפנים אַז אין יעדן גן־עדן מוז זיין אַ שלאַנג...

קאַפּיטל 39

ס ד ר נ ש י ם

די צוויי נייטאַרינס וואָס זענען געקומען פון דער גרויסער שטאָט אויפ־צונייען דעם אויסשטייער פאַר דער דאָרפישער כלה, האָבן פאַר בן־ציונען געשטעלט גאָר אַן אַנדער פּראָבלעם. כאָטש ער האָט געווינט באַזונדער, פלעגט ער זיך אָבער טעגלעך טרעפן מיט זיי, ווייל זיי האָבן געגעסן ביים זעלביקן טיש ווו בן־ציון האָט געהאַט קעסט.

פון די מסיכתות וואָס געהערן צום סדר־נשים, האָט שוין בן־ציון געהאַט דורכגעלערנט גאַנץ קידושין, אַ היפּשן טייל פון גיטין און אייניקע פּרקים פון כתובות. אָבער מיטן עיקר הדבר איז ער נישט געווען באַקענט. מיט זיינע חברטעס אין די ציוניסטישע קרייזן, האָט ער אָנגעהאַלטן חברישע באַציִונגען, נישט מער; ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף שוועסטער. ער איז נאָך גע־ווען קליינשטעטלדיק נאַיִוו, היפּש שעמעוודיק. אויף די „דאָסוויטקעס" אין דאָרף האָט ער געזען אַנדערע התנהגותן, אָבער דאָס זענען דאָך געווען שקצים מיט שיקסעס, „עם הדומה לחמור".

די צוויי נייטאַרינס זענען געווען גרויסשטעטיקע. איינע, אַביסל אַן על־טערע פרוי, אַ טרויעריקע און פאַרדאגהטע האָט בן־ציון כמעט קיין אויפ־מערקזאַמקייט נישט געגעבן. די צווייטע, אַ יונגע, פולבלוטיקע, הויכבוזימ־דיקע מיידל מיט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט, האָט שוין הפּנים געהאַט דער־פאַרונגען אויף דעם געביט, און האָט זיך, ווי עס האָט געשיינט, פאַרמאָסטן „אויסצומענטשלען" בן־ציונען. פון אירע רייד האָט בן־ציון געוווּסט, אַז זי האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט נישט גע־קענט איבערוועלטיקן איר דורכפאַל, און לעבנדיק אין אַ גוייִשער סביבה, איז זי הפּנים אַריינגעפאַלן אין די אַבעררעציעס (אָפּנויגן) וואָס די רוסישע יוגנט האָט דאַן דורכגעמאַכט: „סאַנין", „אַגאַרקעס", אָרגיעס, אפשר נישט אין דער פולער מאָס, אָבער עפּעס דערפון איז בלי ספק געווען.

אַ האַלבע אינטעליגענטקע, האָט זי גערעדט אַ פיינעם רוסיש, געהאַט אַ שטימע צום זינגען, געווען אַביסל אָנגעלייענט, אָבער פון וואָס מ׳זאָל נישט האָבן געשמועסט, פלעגט זי אַרויפקומען אויף דער געשלעכט־פראַגע און פלעגט זיך צעדרשענען אַזוי, אַז בן־ציונען פלעגט קומען די פאַרב אין פּנים,

און דער באַלעבאָס ביי וועמען זיי האָבן געגעסן, האָט פאַרזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ביי זיין טיש זאָל מען אַזעלכע שמועסן נישט פירן...

אין די פּראַקטיקע פאַרנאַכטן פון שפּעט־פּרילינג, פלעגט די יונגע ניי־טאַרין פאַרשלעפּן בן־ציונען אויף אַ שפּאַציר איבער די פעלדער אַרום דאָרף. בן־ציון פלעגט פאַרלייגן פאַרשידענע תירוצים: ער האָט נישט קיין צייט, ער איז זייער פאַרנומען. אָבער ראָזע פלעגט נישט נאָכלאָזן, אין אַ געמיש פון יידיש מיט רוסיש פלעגט זי אים פּראָוואָצירן: „יאָלדי! טי באַישסיאַ? (האָסט מורא?) איך וועל דיר נישט אָפּבייסן...", „און דאָס הייסט ביי לייטן אַ קאַ־וואַליר"...

אַמאָל פלעגט זי פאַרפירן אַן ערנסטן שמועס, דערציילן אינטערעסאַנטע זכרונות פון די רעוואָלוציע־יאָרן. בן־ציון פלעגט הערן אויפמערקזאַם. דער ענין האָט אים שטאַרק אינטערעסירט. אומבאַמערקט פלעגט דאָס פּאָרל אַוועק ווייט, ווייט אין סטעפּ. כמעט שטענדיק פלעגט ראָזע אַריבערפירן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג. איר שוואַכקייט: „פּאַלאָוואַי וואָפּראָס" — געשלעכט־פראַגע. און פאַרוואָס מעג דער מאַן און די פרוי נישט? זי איז אַ מענטש גלייך מיט אים, בפרט ווען זי שטעלט דאָך איין מער פון אים!

באַמערקט אַז דער שמועס איז אַוועק אויף זייטיקע דרכים, פלעגט בן־ציון פאַרקערעווען אויף צוריק אין דאָרף. אָבער ראָזע פלעגט אים אָפּהאַלטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל, אין וועלכן בן־ציון האָט זיך נישט גע־קענט אויסהיטן פון צודריקן איינעם אָדער אַ צווייטן טייל פון איר קערפּער. דאָס פלעגט איר הפנים געבן אַ געוויסע צופרידנקייט, זי פלעגט מיטאַמאָל ווערן ווי אויסגעלאָשן. אויף צוריקוועגס האָט מען שוין ווידער געקענט שמו־עסן ערנסטע ענינים.

בן־ציון האָט געוואָלט פאַראינטערעסירן ראָזען מיטן יידישן פּראָבלעם, אָבער זי האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן. יידן זענען אַ פאָלק פון שוואַכלינ־גע, פון טויגעניכטסן... אָט ביסטו אַ גאַנצער מאַכער (זי פלעגט שוין אַרי־בערגיין אויף „דו"), און דו ווייסט אַפילו נישט ווי מען דאַרף נעמען דאָס לעבן — ביסט שעמעוודיק, אָפּהענטיק, אַזוי קען אַ נאָרמאַלער מענטש נישט לעבן, און וואָס פאַר אַ פאָלק קען עס זיין, אַז אַזעלכע „ראַסכליאַביעס" (צע־קראָכענע) זענען זיינע קעמפער.

פּאָר שבועות זענען געקומען פון דער נאָענטער שטאָט לאהס צוויי פּלי־מעניצעס, וואָס האָבן שוין געזאָלט פאַרבלייבן ביז איבער דער חתונה. דאָס זענען געווען צוויי גימנאַזיסטקעס, איינע פון פינפטן, די צווייטע פון פערטן קלאַס, שוועסטערקינדער צווישן זיך, אָבער צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן. קלאַראַ, איז געווען לוסטיק ווי אַ שוואַלב און לייכטזיניק ווי אַ ציג, לאַכן

האָט זי געקענט און געווען אַ בריה צו מאַכן לאַכן אַלעמען אַרום זיך. מיט איר יונגמיידלשער האַרציקייט און נאַיוויטעט, איז זי געוואָרן דער ליבלינג פון גאַנצן קליינעם ישוב. מיט בן־ציונען האָט זי געהאַט גאָר אַנדערע מחזקות. זי האָט ערשט געהאַט אָנגעהויבן לערנען אַלגעבראַ, עס איז איר געווען שווער צו באַהערשן די נייע דיסציפּלין, — איז זאָל איר דער לערער אַרויסהעלפן אַביסל! כאַ־כאַ־כאַ!

אַסיאַ, איז פאַרקערט, געווען אַן ערנסטע, נישט לויט אירע יאָרן. אַ קרענקלעכע פיזיש, איז זי געווען שטאַרק אַנטוויקלט אינטעלעקטועל, האָט פיל און ערנסט געלייענט, האָט געזוכט זיך פונאַנדערצוקלייבן („ראַזביראַיען״ זיך — ווי מען פלעגט עס זאָגן אויף רוסיש), ביז דעם סאַמע עיקר פון דעם וואָס זי האָט געלייענט. זי האָט געדענקט מיט איר אייגענעם קאָפּ, געהאַט פעסטע מיינונגען און אַ נטיה צו דיסקוטירן.

שפּאַצירנדיק מיט די דריי מיידלעך, האָט בן־ציון געטראַכט וועגן דער פאַרשיידנקייט פון חווהס טעכטער: איינע בלויז גוף, די צווייטע — נאָר אינטעלעקט, און די דריטע — אַ שמעטערלינג, וואָס פלאַטערט און געניסט פון לעבן, נישט פאַרטיפנדיק זיך, נאָר סתם ווייל עס איז אַזוי גוט — אַ מחיה! פאַר איר איז דאָס לעבן גאָרנישט קאָמפּליצירט, איינפאַך, געגעבן געוואָרן אויף צו האָבן הנאה, אַ זויבערע מענטשלעכע הנאה; איז חי — גע־לעבט און חי — געלאַכט. ווער פון די דריי איז גערעכט?

שבת צו נאַכט פון נאָך שבועות, האָט בן־ציון געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט לאהן, וואָס האָט מעשה מחותנתטע זיך געפלייסט פאַרצושטעלן די געסט. די מחותנים וואָס דאַרפן קומען צו דער חתונה. לויט אירע רייד, זענען עס געווען די רייכסטע, די פאַרנעמסטע, די פיינסטע מענטשן פון דער גאַנצער געגנט: יוסטע קאַלאָניסטן, רייכע סוחרים, ממש אַ לאַנד־חתונה. האָט זיך בן־ציון געפילט אַביסל געפּאַלן ביי זיך; ווי וועט ער אויסזען אין די אויגן פון אַזעלכע גדולים, אַז אין עשירות איז ער אַ מלמד בן־מלמד, און אין תורה וחכמה האַלט ער נאָך גאָר פון פאַרנט.

לאה האָט בעיקר אויסגעלויבט צוויי מיידלעך, שוועסטערס פון אירע צוויי שוועגערינס: רבקה איז אַ פיינע באַלעבאַטישע טאָכטער, איר פאָטער איז אַ פאַרמעגלעכער קאָלאָניסט, זי אַליין איז אַ גאַנץ שיינע, אַביסל אַ באַ־לעזנע. בן־ציון האָט פאַרשטאַנען אַז קיין גרויסע מלומדת איז די רבקה נישט, אָבער לאה האָט צוגעגעבן, אַז מען רעדט דער מיידל אַ שידוך מיט אַ זון פון אירן אַ מחותן, אַ גביר־אַדיר, דער חתן־בחור שטודירט אויף אינזשעניער, און עס קען גריילעך זיין, אַז טאָקע אויף דער חתונה זאָל דער שידוך, למזל, געשלאָסן ווערן. האָט שוין ביי בן־ציונען גענומען טיאַכקען דאָס האַרץ. אַ

בחור אַ סטודענט, כמעט אַן אינזשעניער, ווי וועט ער אויסזען אין זיינע אויגן?

אָבער לאה האָט פאַרגעזעצט: עס קומט נאָך אַ מיידל, אָבער טאַקע גאָר אַן אַנטיקל שבאַנטיקל, וואָס מען דאַרף אויספאָרן אַ וועלט צו געפינען איר גלייכן. זי איז אַליין אַ לערערין, קען העברעיִש, און רעדט מיטן רב פון דער קאָלאָניע אויף לשון־קודש. קלוג איז זי ווי אַ מאַנספאַרשוין, און פון גאָר גרויסן יחוס, די רייכסטע משפחה אין דער קאָלאָניע פון וואַנען לאה און איר ברודער, דער חתן, שטאַמען. גליקלעך וועט זיין דער בחור וועמען זי וועט אויסקלייבן פאַר אַ חתן, נאָר זי איז אַ גרויסע איבערקלייבערין, זי זוכט אַ התן מיט אַלע מעלות, דערצו אַ שטיקל גרויסהאַלטערין... זי האָט אַפילו אויף דער חתונה נישט געוואָלט פאָרן. מען האָט קוים געפועלט ביי איר, אַז זי זאָל אָנטאָן דעם כבוד און זיין צווישן די געסט. קעגן אַזוי פיל מעלות איז שוין בן־ציון נישט בייגעשטאַנען און ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם נאָמען פון דער מיידל. — פאַני, איז איר נאָמען, — האָט לאה געענטפערט. פאַני? — האָט בן־ציון איבערגעפרעגט, אַליין נישט וויסנדיק צוליב וואָס. — יאָ, פאַני, — האָט לאה געענטפערט.

דער נאָמען האָט זיך עפּעס מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט אַריינגעשניטן אין בן־ציונס געדעכעניש, זיך אַריינגעפלאָכטן אין זיינע מחשבות, וועגן וואָס ער האָט נישט געטראַכט, איז אים אויפגעקומען אַ געדאַנק וועגן אַזאַ אויסטערליש מיידל וואָס דאַרף קומען. עס האָט אים געפּיקט אַ שטיקל פּחד: ווי וועט זי אים אויפנעמען? וועט זי וועלן כאָטשבי אַ קוק טאָן אויף אים? אַז אינגאַנצן איז ער אַ בחורל אַ מלמד אין אַ דאָרף און אַ יונגער שנעק דערצו... בן־ציון איז די נאַכט שלעכט געשלאָפן.

קאַפּיטל 40

אַ חתונה אין דאָרף

פון אויף מאָרגן נאָך שבועות, וואָס איז אויסגעפּאַלן אַ זונטיק, איז דער קליינער יידישער ישוב פון גרויסן רוסישן דאָרף אַריינגעפּאַלן ווי אין אַ מין פיבער. אַלץ האָט זיך גענומען גרייטן, איינגאַנצן געבליבן אַ וואָך צו דער חתונה. די נייטאָרינס האָבן געאײַלט מיט דער אַרבעט, אַלץ זאָל פאַרטיק ווערן צום טאָג. פון נאָענטן שטעטל זענען געקומען צוויי סאַרווערינס וואָס האָבן זיך געשטעלט באַקן לעקעך, שטרודל, פלאָדן, טאָרטן און אַנדערע זיסקייטן. דער כלהס פאָטער און ברודער זענען געווען פאַרשמייעט, געלאָפן אין שטעטל און צוריק. אָט געבראַכט געטראַנקען און אָט באַזאָרגט עפּעס אַן אַנדער זאַך וואָס האָט אויסגעפעלט. הכלל, עס האָט זיך גערודערט.

צום אויפרופעניש, כאָטש דער חתן האָט זיך אויפגערופן אין זיין קאָלאָניע האָט מען אין דאָרפישן מנין געשטעלט אַ פיינעם קידוש: „האָריעלקא ניע ווינאָוואַטא" — דאָס ביסל משקה איז נישט שולדיק, האָבן זיך יידן פאַרענטפערט מיט אַ רוסיש ווערטל און געמאַכט אַ גאַנץ פיינע כוסה. מוצאי־שבת איז מען געגאַנגען פרי שלאָפן: מאָרגן אַזאַ טאָג, אַ יום החופה.

גלייך מיטן טאָג איז אָנגעקומען די קאַפּעליע פון הערשל פידלער וואָס האָט געהאַט איר שטענדיקן וווינאָרט אין אַ נאָענטער קאָלאָניע און האָט געשפילט אין אַ דערבייזיקן שטעטל. זענען די קלעזמאָרים געווען מיד, פאַרשלאָפן, אָבער פריילעך און אויפגעלייגט; עס האָט זיך אָנגעהויבן דער חתונות־סעזאָן. האָבן זיי זיך פיין אויסגעבאָדן אין די קילע וואַסערן פון שטילן טייכל, אָפּגעפרישט זיך, עפּעס איבערגעכאַפּט, שלאָפן וועט מען שוין די פאָר שעה צווישן מיטיק און קבלת־פנים, דערווייל דאַרף מען זיך גרייטן צו „ווסטריע־טשאַיען" (באַגעגענען) דעם חתן, וואָס קאָן דאָך אַ ליאַדע מינוט אָנקומען.

אַרום אַזייגער ניין האָבן אָנגעהויבן אָנקומען געסט און מחותנים: אין קאַרעטעס, בריטשקעס, קאַליאַסקעס, רעסאָרנע וועגעלעך; אייגענע, געדונגענע, געליענע, מיט אַנטרייבער, אָדער, מחילה, אַליין מיט די לייצעס און בייטש. מען איז געקומען פון נאָענטע שטעטלעך, פון דערפער ווו יידן האָבן גאָרנישט געטאָרט וווינען, פון פאַסעסיעס און אַרענדעס, וואָס יידן האָבן גאָרנישט געקאָנט האַלטן... ווייל, האָבן זיך יידן געוויצלט, ווער האָט געזאָגט אַז מען טאָר נישט? ניקאָליי; האָבן עטלעכע „יעקטאַרינעס" (אַסיגנאַציעס פון הונדערט

רובל) געזאָגט אַז מען מעג יאָ, און אַ רבים איז שטענדיק בילכער... ווען אין רוסלאַנד זאָל מען טאַקע נישט טאָן וואָס מען טאָר נישט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. אַזוי האָבן ייִדן זיך אויסגעלאַכט פון זייער רעכט־לאָזיקייט.

האָבן זיך באַגעגנט פריינט, קרובים, מחותנים, גוטע־פריינט, חברים, באַקאַנטע, עס איז געוואָרן אַ קושעניש, עס האָט געהאָגלט מיט שלום־עליכמס. מען האָט זיך אויסגעפרעגט איינער ביים צווייטן: איז וואָס הערט זיך? און וואָס מאַכט מען? אָט דאָס איז דיין עלטסטע טאָכטער? בלי עין־הרע — אַ יפת תואר, אַ כלה־מיידל כאָטש גלייך צו דער חופה פירן. און דאָס איז דיין זינדל? ממש אַ חתן־בחור, כאָטש נעם אים גלייך אונטער די פיר שטאַנגען. אַז מ'וועט לעבן, ווען מען אי"ה דערלעבן; אַלץ ווי „זיין" רצון וועט זיין. אין דער היימישער פרייד האָבן זיך אַריינגעריסן אָפּקלאַנגען פון פאָלקס־ליידן: גזירות, רדיפות, פּאָגראָמען, צרות... נאָר, עט, מען וועט עס איבערקומען. אַ ייִד דאַרף לעבן מיט בטחון. איז דערווייל, לחיים! אויף שמחות זאָל מען זיך טרעפן! אַזוי האָבן ייִדן געמישט פרייד מיט טרויער, שמחה מיט צער, און נישט געוווּן געפאַלן ביי זיך.

אַרום אַזייגער צען איז געוואָרן אַ בהלה, אַ פלינקער רייטער, טאַקע דעם חתנס אַ ייִנגערער ברודער האָט אָנגעיאָגט אויף אַ פאַרשוימטן פערד און מודיע געווען אַז דער חתן מיט די „גלאַוונע" מחותנים וועלן אין אַן ערך אַ פערטל שעה אַרום זיין ביים הויכן „קורגאַן" בערגל, אַ פּאָר וויאָרסט פון דאָרף, זאָל מען אַרויספאָרן „ווסטריעטשאַיען" (באַגעגענען). פערד און וועגענער זענען געווען געשפּאַנט, זענען אין איין מינוט אַלע געזעסן אין זייערע עקיפּאַזשן און פורן, די קלעזמאָרים אויף דער ערשטער פור, און מיט אַ גערויש און גע־פילדער, האָט מען זיך געלאָזט איבער די ברייטע גאַסן פון דאָרף צו די גאָך ברייטערע צעבליטע פעלדער. גויִם האָבן נאָכגעקוקט און גוטמוטיק קאָמענ־טירט: „סדורילי זשידי, ליטאם זשיניאטסיא" — די ייִדן זענען משוגע גע־וואָרן, זומער פראַוועון זיי גאָר חתונות...

דער רייטער האָט אויסמאַרקירט אַזוי, אַז ווען חתנס צד איז צוגעפאָרן צום בערגל פון איין זייט, איז כלהס צד אָנגעקומען פון צווייטן, מען האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן ביים פּרינער־באַשטימטן פונקט. האָבן קלעזמאָרים אויפגע־שפּילט אַ „ווסטריעטשאַ" (באַגעגעניש) האָבן זיך געהערט קולות: מזל־טוב, מזל־טוב. בריות ווייבלעך האָבן שנעל פאַרשפּרייט צופוסנס פון בערגל אין זיין שאָטנדיקער זייט טעלעכע „קילעמס" (היימיש־געמאַכטע טעפּיכער), כלהס צד האָט געשטעלט לעקאַך און בראָנפן, מען האָט נאָכאַמאָל אָפּגעגעבן

מזל־טוב, געקושט זיך, אַלע זענען געוואָרן אויסגעמישט אין איין גרויסער ייִדישער משפחה.

לאה האָט דערווייל נישט אַראָפגעלאָזט פון אויג דעם יונגן לערער. זי האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר איר משפחה, דעם חתן האָט ער שוין געקאָנט פון פריִער, זי האָט אים אויך באַקאַנט מיט רבקהן און מיט פאַנין, וועגן וועלכע זי האָט שוין פריִער געשמועסט מיט אים. רבקה, אַ פולע וווקסיקע מיידל, האָט אים פריינטלעך געגעבן די האַנט, אַ שמייכל געטאָן, געזאָגט „אָטשען פריִאַטנא" (זייער אנגענעם). פאַני האָט אים אָפגעמאָסטן מיט אַ בליק וואָס האָט אים אין מיטן פון וואַרעמען פרימאָרגן אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלט, זי האָט קוים באַרירט זיין האַנט, עפעס אַ מורמל־געטאָן און שוין איז זי געווען ביי אַן אַנדער פור... אַזאַ קבלת־פנים האָט אויף בן־ציונען נישט געמאַכט קיין איבעריקן רושם: — טאָ, אַ גרויסהאַלטעריין! האָט ער ביי זיך געפסקנט, און האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט רבקהן, אַזוי אַז צוריק אין דאָרף איז מען שוין געפאָרן אויף איין פור.

דאָס צוריקפאָרן אין דאָרף איז שוין נישט געווען אַזוי איינפאַך. קלעזמאָרים האָבן טאַקע געשפּילט ווי פריִער, אָבער ייִדן, טאַטעס און זיידעס האָבן זיך צעשטיפט ווי קליינע קינדער: געיאָגט די עקיפאַזשן, פאַרוועט זיך ווער עס פאָרט שנעלער, ווער וועט פריִער אָנקומען. דאָס געיעג האָט אויפגעהויבן זײלן שטויב, מען האָט איינער דעם צווייטן נישט געזען, אָבער די אָנטרייבער זענען געווען בריות, עס זענען קיין אַקצידענטן נישט געווען, מען איז אַלע צוריק געקומען בשלום.

אַביסל אַרומגעוואַשן זיך, אָפגעפרישט זיך, און גלייך צום מיטיק, וואָס מען האָט געגעסן מיט אַפעטיט, בשעת־מעשה געזונגען און געלאַכט, זיך משמח געווען און געווונטשן „זאָלן זיין שמחות ביי ייִדן". בלויז די צוויי זקנים, דער אבי החתן און דער אבי הכלה, ייִדן יודעי־תורה און שטאַרק פרומע, וואָס האָבן געוווסט אַז אַ ייִד טאָר נישט צערייסן דאָס מויל מיט פרייען געלעכטער, האָבן זיך אַביסל מתרעם געווען: טאַקע אַ חתונה, אַ דאַנק השם יתברך, אָבער... מען איז דאָך נישט קיין גויִם. עולם האָט נישט נאָכגעגעבן, עס איז אַ מצוה משמח צו זיין חתן־כלה, עס איז אַ מצוה זיך משמח זיין אויף אַ חתונה: שונאים אויף צעפיקעניש...

די שעהן צווישן מיטיק און קבלת־פנים האָט מען פאַרטאָן אויף אויסרוען זיך פון וועג, כאַפן אַ דרימל, איבערטאָן זיי. די געסט זענען איינגעשטאַנען ביי די חשובסטע באַלעגופן פון דאָרף, וואָס האָבן זיי אָפגעטראָטן די שענסטע צימערן. בן־ציון האָט זיך איינזאַם אַרומגעדרייט אין סעדל נעבן דער וווינונג און געטראַכט טרויעריקע מחשבות. דער בליק פון פאַניען האָט אים נישט

געלאָזט רוען. שוין־זשע איז ער אַזאַ גאָרנישט, אַז אַ מיידל, אַפילו לאָמיר זאָגן, אַ געראָטענע, אַ רייכע, זאָל אויף אים אַזוי אַ קוק טאָן? קיין ענטפער אויף דער פראַגע האָט ער נישט געפונען.

פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַראַדנע טייל פון דער חתונה. דער קבלת־פנים ביים חתן, דאָס באַדעקנס, די חופה. בן־ציון האָט אַלץ צוגעזען, אַריינגעטראַכט זיך אין דער סימבאָליק פון יעדן ריר און קער. ביים קבלת־פנים איז מען געזעסן ערנסט, סטאַטעטשנע, געמיטלעך געשמועסט, קוים עפּעס טועם געווען. דער חתן האָט קיין דרשה נישט געזאָגט, עס איז שוין אַרויס פון דער מאָדע, אָבער דברי־תורה האָט מען געהערט נישט ווייניק. ייִדן לומדים און יודע־ספר האָבן נישט געפעלט, הגם דער רוב איז באַשטאַנען פון פּראָסטע חי־וקימס.

די ממשלה איבער דער כלה האָבן איבערגענומען די ווייבער. ווען בן־ציון איז אַביסל פאַרן באַדעקנס אַריין אין גרויסן שפּייכלער וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חתונה־זאַל, ווו הערשל פידלער האָט באַזעצט די כלה און כאַצקל בדחן האָט געשאָטן מיט גראַמען, האָט ער דערזען אַ בילד וואָס האָט ביי אים היפּש געדויערט עס געהעריק אויסצוטייטשן. אין אַ האַלבן קרייז זענען אין עטלעכע רייען געזעסן די עלטערע פרויען, מוטער פון דורות, אויס־געפּוצט אין שווערע קליידער פון סאַמעט און זייד, באַהאַנגען מיט צירונג, ווער פון ריין גאָלד, ווער פון געבלאָזן גאָלד און ווער פון גינגאָלד. שווער געווען צו געפינען אַ פרוי אָן צירונג. עס איז ניכר געווען — דאָ פראַוועט אַ חתונה אַן אָריענטאַליש פאָלק. פאַר דער כלה האָבן אונטער די קלאַנגען פון מוזיק געטאַנצט די מיידלעך, אין לייכטע קליידער, לייכט געשוועבט און באַ־וועגט זיך — אויך אַן אָריענטאַלישער מנהג. אין איר חופה־טאָג איז די כלה פאַררעכנט ווי אַ מלכה, און פאַר אַ קעניגין טאַנצן אירע הויף־פריילינס. די כלה, נישט גאָר אַזאַ שיינע, האָט געהאַט אויף איר געזיכט דעם חוט של חסד, וואָס מען באַצייכנט ווי ייִדישן חן, און וועגן וועלכן אַ ייִדיש ווערטל זאָגט: „נישט שיין איז שיין — נאָר חן איז שיין״...

נאָך אַט האָט הערשל פידלער גענומען דאָס פידעלע און זיך אַוועקגע־שטעלט פאַר דער כלה צום באַדעקנס. ער איז נישט געווען קיין סטעמפּעניו, נאָר זיין פידעלע האָט גערעדט ווערטער, וואָס כאַצקל בדחן האָט אויסגע־טייטשט אין זיינע גראַמען. די כלה איז געווען אַ יתומה און די אַזכרה נאָך דער פאַרשטאָרבענער מוטער, די איינלאַדונג זי זאָל קומען צו איר טאָכטערס חופה, האָט געקענט רירן אַ שטיין. ייִדן האָבן ליב צו וויינען, זיי האָבן זיך טויזנטער יאָרן געלערנט דאָס פאַך און דערלערנט עס גרינטלעך — איז אין חתונה־זאַל געוואָרן יום־כיפור אין אַ מיטן שבת נאָך שבועות.

די כלי־זמרים זענען אַוועק ברענגען דעם חתן. אַט גייט ער צווישן די אונטערפירער, ווירדיק, סטאַטעטשנע, מען קען זאָגן מאַיעסטעטיש: חתן דומה למלך. ער וואַרפט אַ בליק אויף דער כלה; על פי דין טאָר אַ ייִד נישט מקדש זיין זיין פרוי איידער ער קוקט זי אָן, אַ ירושה פון פאָטער יעקב, וואָס האָט צוליב אומפאַרזיכטיקייט געקראָגן לאהן פאַר רחלען. ער דעקט איבער די כלה מיט אַ שווערער זײַדענער פאַטשיילע, אַ ירושה פון איר מוטער. דאָס באַדעקנס איז פאַרענדיקט. אַן אוראַלטער אויך אָריענטאַלישער מנהג, — אַזוי האָט געטאָן די מוטער רבקה ווען זי האָט פון ווייטנס דערזען איר באַשערטן, דעם פאָטער יצחק, און די הייליקע תורה האָט עס פאַרצייכנט פאַר דור־דורות: „ותקח הצעיף ותתכס" — און זי האָט גענומען דעם שלייער און האָט זיך פאַרדעקט דאָס געזיכט. און אַזוי איז עס, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, געבליבן ביי ייִדן אַ זכר לדור־דורות, צו געדענקען ווער און וואָס ייִדן זענען.

נאָך דער חופה, אונטער וועלכער דער אבי־הכלה אַליין האָט מסדר־קידושין געווען, האָט אויך בן־ציון געהאַט עפּעס צו טאָן. שוין אַ נייער אייבפיר געווען. די יוגנט האָט זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען אויף דורכצולאָזן חתן־כלה. ביים אַריינגאַנג אין חתונה־זאַל איז געשטאַנען בן־ציון מיט צוויי פריילינס. בן־ציון האָט געהאַלטן אַ קורצע באַגריסונגס־רעדע, די מיידלעך האָבן הויך געהאַלטן אַ קוילעטש און אַ טאָרט, און דורכגעלאָזט אונטער זיי די נייע פּאָרפאָלק; עס האָט געמאַכט אַ רושם.

די גאַנצע צייט האָט בן־ציון נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג פאַניען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרינער „פּרינצעסע" באַלייגט מיט גאָלדענעם גיפּיור און גאָלד־קאָלירטע פּאַמפּאַנעס, וואָס האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן איר שוואַרץ־חנוודיקן געזיכט. אירע קויל־שוואַרצע אויגן האָבן געגליט, די פּעךשוואַרצע האָר פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ, האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג: זי איז געווען אינטערעסאַנט. ביי די טענץ נאָך דער חופּה, האָט פאַני אויך געטאַנצט. ווי ווייניק בן־ציון האָט פאַרשטאַנען אין טענץ, האָט ער דאָך באַמערקט, אַז זי וואַלסירט מיט היפּש גראַציע. בכלל, אָבער, האָט זי זיך געהאַלטן מן־הצד, געשטאַנען נעבן אַ יונגער בלאָנדער פרוי שטאַרק ענלעך אויף איר, מסתמא אַן עלטערע שוועסטער. אין דער זייט ווו בן־ציון איז געשטאַנען, האָט פאַני אַ פּאָר מאָל געוואָרפן אַ בליק, אָבער באַלד אים אָפּגעווענדט אין אַן אַנדער ריכטונג. די גאַנצע האַלטונג אירע האָט בן־ציונען ווי באַליידיקט. ער איז טאַקע נישט מי־יודע וואָס פאַר אַ פאַרשוין, אָבער דאָך, אַזוי אַוועקמאַכן אים מיט דער האַנט, איז שוין אַביסל צופיל. איז וואָס קען ער דאָ טאָן? קודם־כל נישט קוקן אין איר זייט, אָבער, גיי מאַך, אַז קוקן גלוסט זיך פאַרט... וועט ער אַרויסווייזן מער אויפמערקזאַמקייט רבקהן, זי פאַרשטעלן פאַר די

חברטעס וואָס זענען געקומען פון שטעטל, האַלטן זיך פריי, דערציילן וויצן, לאַכן און מאַכן לאַכן, און — זאָל זי זען...

ביי דער חופּה־וועטשערע איז בן־ציון געזעסן ביי אַן אַנדער טיש, היפּש ווייטער פון דעם אויבנאָן ווו פאַני איז געזעסן, אָבער אַזוי, אַז זייערע בליקן האָבן זיך געקענט באַגעגענען, און די גאַנצע צייט האָט אים געפּייניקט, וואָס זי קוקט פון אים אַוועק.

אַמאָליקע יידישע חתונות האָבן געהאַט זייער אייגענעם איינגעשטעלטן ריטעם. עס איז געווען אַ געמיש פון ערנסטע און פריידיקע מאָמענטן, אַלץ מיט געהעריקע אינטערוואַלן, דאָס געמיט זאָל זיך איינלעבן אין יעדן מאָ־מענט באַזונדער. נאָך דער חופּה האָט מען געגעסן די חופּה־וועטשערע, ביי וועל־כער מען האָט געשפּילט ערנסטע מוזיק: „שפּילן צום טיש" — האָט מען עס גערופן. נאָך דער חופּה־וועטשערע ווידער טענץ ביזן ווייסן טאָג אַריין.

הערן הערשל־פידלער שפּילן „צום טיש" איז געווען אַ תענוג און אַ זכיה צוזאַמען. ער איז געווען אַ מייסטער, אַ פידל־ווירטואָז, און נישט קיין שלעכ־טער קאָמפּאָזיטאָר; פּלעגט ער שפּילן סיי אייגנס, סיי פרעמדס, אָבער אַלץ „מאָראַלישע" שטיק, אָנגעזאַפּט מיט זאַנפטן אומעט, ווען דאָס פידעלע רעדט דיבורים און די סטרונעס ברומען און פירן אַריבער דעם געדאַנק אויף תכלית־דיקע מחשבות. דאָס לעבן איז נישט קיין שפּילעכל און זיין אַ ייִד איז נישט לייכט, און זיין פאַרטאָן בלויז אין הבלי עולם־הזה איז קיין תכלית נישט, פאַר־ראַן עפּעס העכערס צו וואָס די נשמה לעכצט, צו וואָס דער גאַנצער וועזן שטרעבט: התלהבות, התפּעלות, התפּשטות. הערשל־פידלערס שפּילן ביים טיש פלעגט נאָכהער וואָכן־לאַנג אויסגעטייטשט ווערן.

בן־ציון איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן, שטאַרק פאַרטיפט אין זיך און אין די טענות פון הערשלס פידעלע. ער האָט געקנאָטן קייקעלעך ברויט, געקנאָטן מיט כוונה, ווי אין דעם וואָלט געווען דער גאַנצער סוד פון זיין. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהויבן די אויגן — הערשל האָט פאַרענדיקט שפּילן — און דאָס ערשטע וואָס ער האָט באַמערקט איז, ווי פאַניס קערט בליץ־שנעל אָפּ איר בליק פון אים: זאָל זי די גאַנצע צייט האָבן געקוקט אויף אים?

נאָך דער חופּה־וועטשערע, ווען די טענץ האָבן זיך באַנייט, האָט זיך „גראָד געמאַכט" אַז בן־ציון האָט באַגעגנט פאַנין אין קרייז אַרום די טאַנ־צנדיקע. מען האָט זיך איבערגעביטן מיט אַ וואָרט, פאַרפירט אַ שמועס, גראָד איז ער געווען אַזוי אינטערעסאַנט אַז די מוזיק האָט פּשוט געשטערט צו פירן אים... האָט מען שוין געמוזט אַרויס אויף אַ קליינעם שפּאַציר, בכדי צו פאַר־ענדיקן דעם געשפּרעך אויף דער קילער לופט אין דער זילבערנער ליכטיקייט פון אַ פולער לבנה...

קאַפּיטל 41

אַן אַנטוישטע

אין פּריִען פאַרטאָג האָבן שוין געבלאָזן קילע ווינטעלעך, אָפּגעפרישט דאָס געמיט און געהאָלפן, אַז דער שמועס זאָל פליסן אַביסל פרייער. דאָס וואָרט האָט איבערגענומען פאַניע. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף לאַנגווייל, אַ סך ליאַרעם, געררודער, אָבער ווייניק אויפריכטיקע פרייד, וואָס זאָל אויפהייטערן די שטימונג. חוץ דעם צערעמאָניאַל פון פאַר דער חופה און די קידור־שין גופא, וואָס זענען מער קוריאָז ווי אינטערעסאַנט, איז דאָס איבעריקע ווולגאַר, פּראָסט, צו פּראָסט. בלויז אין דעם שפּילן „צום טיש״ איז געווען אַ קאַפּעלע קונסט און לעבן. דער עולם איז אין זיין גרויסער מערהייט אַ האַ־מעטנע־פּראָסטאַצקער, ווייניק פאַראַן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, די יוגנט איז ווולגאַר, פאַרזונקען אין עולם־הזה, אַן אַ ברעקל גייסטיקע אינטע־רעסן, אידעאַלן. די פרייד איז מער אַ געמאַכטע ווי אַ נאַטירלעך אויפריכטיקע.

בן־ציון האָט פון די ווערטער אַרויסגעהערט אַ שאַרפע פאַרביטערונג, אַן אַנטוישונג, וואָס האָט זיך גאַרנישט געפּאַסט פאַר אַ יונגער פריילין פון אַ פיינער פאַרמעגלעכער משפּחה. וואָס זאָלן זיין די סיבות פאַר אַזאַ שטימונג פון ערגערניש אין די בליִענדיקסטע יאָרן? וואָס האָט מיט דעם מיידל פּאַ־סירט? וואָס האָט איר געמאַכט אַזוי נעגאַטיוו צו דער סביבה, צו אַלץ און צו אַלעמען? זייער געהיט האָט ער לאַנגזאַם אַריבערגעפירט דעם שמועס אויפן פּערזענלעכן מאָמענט, און אומדערוואָרט האָט ער אויסגעהערט כמו ווי אַ ווידוי פון אַ ייִדיש קינד פון אָנפאַנג צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען אין ייִדישן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן דער „נאָך אַלעמען״, וואָס איז געווען דער נישט־פאַרשטאַנענער אָנזאָג פון אַ נישט־געאַנטן סוף...

פאַניע איז געווען די צווייטע טאָכטער פון אַ משפּחה פון זעקס קינדער. דער פאָטער, אַ קאָלאָניסטישער זון פון איין קאָלאָניע, די מוטער — אַ קאָ־לאָניסטישע טאָכטער פון אַ צווייטער נאָענטער קאָלאָניע, די עלטערע צוויי קינדער זענען געבוירן געוואָרן אין אַ קליין דערפל ווו די עלטערן האָבן גע־צויגן פיין חיונה פון אַ קראָם, און געשטילט זייער הונגער נאָך ייִדיש־לעבן מיט דעם וואָס מען פלעגט אויף ימים־נוראים און יום־טובים פאָרן „אַהיים״, אין די אייגענע קאָלאָניעס, ווו מען האָט געטיילט צדקה פון דער ברייטער האַנט און וווהין מען פלעגט פון צייט צו צייט אַריינשיקן עופות אויף כּפּרות

פאַר אָרעמעלייט, איינגעמאַכטס פאַר אָרעמע קימפעטאָרינס. כאָטש די צאָל פון נויטבאַדערפטיקע אין די קאָלאָניעס איז געווען קליין.

די קינדער זענען געוואַקסן מיט די שקצימלעך און שיקסעלעך, גערעדט רוסיש ווי די מוטער־שפּראַך, אָבער האָבן אויך געקענט יידיש. די עלטערע טאָכטער האָט מען געשיקט אין דער קאָלאָניע אין אַן אַלטמאָדישן חדר, אָבער ווען פאַניע איז אונטערגעוואַקסן האָט זיך די פאַמיליע אַריבערגעצויגן אין אַ ביי־געגרינדעטער שטעטעלע ביי אַ קנופּן־סטאַנציע, ווו דער יונגער יידישער ישוב האָט געשאַפן אַ מאָדערנעם חדר ווו מען האָט געלערנט לויט די נייע מעטאָדן. פאַר אַלגעמיינע לימודים איז פאַניע געגאַנגען אין דער שולע פאַר די קינדער פון די אייזנבאַנער. נאָכן פאַרענדיקן די שולע האָט זי געלערנט ביי פּריוואַטע לערערס, געגרייט זיך צו גימנאַזיע־עקזאַמענעס, קען זי פיין העברעיש, האָט היפּש געלייענט רוסיש. אָבער שטודירן האָבן די עלטערן נישט געלאָזט: אַפילו אַ יינגל לערנט נאָר ביז דרייצן יאָר, אַ פּשיטא שוין אַ מיידל; זי איז שוין גענוג געבילדעט...

גראָד איז צו יענער צייט אָנגעלאָפן די רעוואָלוציע פון 1905, וואָס איז געווען גאָר אַקטיוו אין אַזאַ וויכטיקן אייזנבאַן־פּונקט. כאָטש פאַניע איז נאָך געווען אַ „פּאַדראַסטאַק״ (אונטערוואַקסנדיקע יוגנטלעכע), איז זי אַריינגע־צויגן געוואָרן און פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע. זי האָט זיך אָנגע־לייענט מיט נישט־לעגאַלער ליטעראַטור, פון וועלכער זי האָט מסתמא נישט אַלץ געגוי פאַרשטאַנען, אָבער דאָך האָט זי געהאַט אַ גענוג קלאָרע פאַרשטע־לונג פון דער סאָציאַלער פראַגע. זי איז געגאַנגען אויף מיטינגען, געהערט רעדעס, געטיילט פּראָקלאַמאַציעס, געפיבערט אין די גרויסע אָקטאָבער־טעג פון 1905, צוזאַמען מיט אירע חברים און חברות, יידן און קריסטן, וואָס איז דער חילוק? — מענטשן! אָבער די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן. פון דעם גרויסן פרייהייט־פייער איז בלויז געבליבן דער טשאַד פון פּאָגראָמען און רע־אַקציע, אַלע חלומות זענען זיך צעפלויגן, מען איז געבליבן ביי דער צעבראָ־כענער קאָרעטע פון אַ כלומרשטער קאָנסטיטוציע, מיט אַ דומע פון אַ מער־הייט שוואַרצמאהניקעס — איז מען אַרומגעגאַנגען אַנטוישט און פאַרביטערט.

אויף פאַניען האָט געווירקט דערדריקנד דער אופן ווי די מערסטע פון אי־רע חברות און חברים האָבן אָנגענומען דעם דורכפאַל. לכתחילה האָט מען זיך געקאָכט און געערגערט, געוויינט און אוממעכטיק געשאָלטן, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די גרויסע מערהייט האָט פאַטאַליסטיש שלום געמאַכט מיטן דורכפאַל, און מען האָט זיך גענומען „טרייסטן״, ווער מיט אַ זאַטער שטעלע און ווער מיט אַ גוטן שידוך, ווער מיטן ביטערן טראָפּן און ווער מיט עפּעס נאָך ערגערס... בלויז געציילטע האָבן זיך געראַטעוועט פון

דעם ענגן עגאָיזם, וואָס האָט באַהערשט דעם רוב. די לופט איז געווען אָנגעפּילט מיט יאושדיקער זאָרגלאָזיקייט; אַז ממילא קען מען גאָרנישט אויפטאָן, איז „זשיווי פּאָקאַ זשיוויאָטסיאַ!" — לעב כל־זמן עס לעבט זיך!... „סוד־באַ אינדייקאַ אַ זשיזן קאָפּייקאַ!" — דער שיקזאַל איז אַן ענדיק און דאָס לעבן האָט די ווערט אַ גראָשן, און „פּיאַנאָמו אי מאָריע פּאָקאָליענאַ" — אַ שיכור דערגרייכט אַפילו דער ים נאָר ביז די קנעכל... פּאַניע האָט אויף דעם וועג נישט געוואָלט און נישט געקענט גיין. שטודירן האָבן די עלטערן נישט דערלויבט, קעמפן מיט זיי האָט זי נישט געהאַט קיין האַרץ; ליבע און דרך־ארץ האָבן נישט דערלאָזט. אויף צו צעשלאָגן דעם אומעט איז זי אַ פּאָר זמן געווען אַ פּריוויליקע לערערקע, געהאַט אַ היפּשן דערפאָלג, אָבער אויך אין דעם איז נישט געווען קיין פולע צופרידנקייט.

האָט זי איבערגעריסן מיט כמעט אַלע פריִערדיקע חברים און חברות, בלויז מיט אייניקע אָנגעהאַלטן פריינדשאַפט. פאַרשיכורט זיך מיט לייענען ביז צוויי־דריי ביינאַכט, שלאָפט דערנאָך ביז 12־1 אַזייגער בייטאָג, אָבער אייך דאָס פילט נישט אַן דאָס לעבן. זי ווייסט און פילט אַז דאָס לעבן מוז האָבן אַן אינהאַלט, אָבער עס איז איר נישט געגעבן געוואָרן דעם אינהאַלט צו געפינען... אַ שטיקל סאַטיספאַקציע האָט זי פון דעם וואָס איר איז געלונגען איבערצוצייגן די עלטערן, אַז זיי זאָלן לאָזן שטודירן איר יִנגערע שוועסטער. הפּנים אַז איר אייגענער ביישפּיל האָט געווירקט: וואָס האָט מען געמאַכט פון אַ גערעטן קינד? האָט שוין די יִנגערע שוועסטער פאַרענדיקט פינף קלאַסן גימנאַזיע, אַרבעט איצט ווי אַ „לערן־מיידל" אין אַן אַפּטייק (אַפּטעקאַרסקאַיאַ אָטשעניצאַ), פון דאָרט האָט זי אַ פרייען וועג צו פאַרענדיקן אַלס פאַרמאַצעווטין. אָבער פּאַניעס אייגענער לעבן איז נישט וויסט, נאָר פוסט... בן־ציון האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס זי האָט געקענט עפּעס דערגרייכן פאַר איר שוועסטער און נישט פאַר זיך גופא, האָט אין פּאַניען געשאַפן אַ מין „ויחד"־קאָמפּלעקס: זי פרייט זיך וואָס זי האָט געקענט אַרויספירן איר שוועסטער אויף אַ דרך און עס טוט איר ווי וואָס זי אַליין איז געבליבן אַן אַ וועג...

האָט בן־ציון געפּרוווט אויסרעדן פּאַניען דאָס האַרץ. מילא, נישט אַלע קענען דאָך זיין שטודירטע. מען קען זיין אַן אינטעליגענטער מענטש אויך נישט האָבנדיק געלערנט אין קיין לערן־אַנשטאַלט (טיף אין האַרצן האָט ער זיך געזידלט: לייגסט ווי אַ הונט!); מען קען זיך אָפּגעבן מיט געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט, אפשר צוריקגיין צו לערעריי, פאַרט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין לעבן, פאַראינטערעסירן זיך מיט קונסט, מוזיק, טעאַטער; עס פעלט מיט וואָס אויסצופילן אַ לעבן? אין לעצטן פאַל, קען זי דאָך גאָר חתונה האָבן!

אַ באַלעבאַטישע טאָכטער פון אַ רייכער שטוב און פון אַן אָנגעזעענער משפּ־
חה וועלן נישט פעלן קיין חתנים...

פּאַניע האָט אָפּגעמאָסטן בן־ציונען מיט אַ שאַרפן ביטול־בליק און האָט
מיט גרינגשאַצונג אַ זאָג געטאָן: „— איז עס אַ היירעט־אָנבאָט?״... בן־ציו־
נען איז קאַלט געוואָרן. וואָס האָט ער דאָ אָנגעפּלוידערט? ווי קומט ער זיך
אַריינצורייסן אַזוי האַמעטנע אין פּריוואַטן לעבן פון אַזאַ פיינפילנדיקער
פריילין? האָט ער געגומען פאַררעדן דעם נישט־געלונגענעם אויסדרוק, עפּעס
געבעבעט, נאָר די ווערטער האָבן זיך נישט געקלעפּט. דער שמועס איז אי־
בערגעריסן געוואָרן, מען איז צוריק אַריין אין חתונה־זאַל. דאָרט זענען שוין
געגאַנגען די לעצטע „פריילעכס״. די כלי־זמר האָבן שוין מער געריפּעט ווי
געשפּילט, אויך די טענצער זענען שוין געווען מיד. בלויז אַ קליינע גרופּע
„הוליאַקעס״ האָט געטאַנצט מיט די לעצטע כוחות. עס איז שוין געווען נאָך
אַלע היומס, האָט מען האַלב־פאַרשלאָפענע געטרונקען די קאַלטע געטראַנקען
וואָס מען האָט נאָך סערווירט און מיטן טאָג איז מען אַוועק זיך אויסרוען.

בן־ציון איז אָבער נישט אַוועק אויף זיין קוואַרטיר. ער איז אַראָפּ צום
טייכל, לאַנג געבאָדן זיך אין זיינע קאַלטע וואַסערן. אַ דערפרישטער איז ער
אַוועק אויף אַ פרימאָרגן־שפּאַציר אין פעלד. זיינע טריט האָבן אים צוגעפירט
ביזן „קורגאַן״ (בערגל) ווו עס איז נעכטן פאָרגעקומען דאָס באַגעגעניש פון
די מחותנים. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין זיין שאָטן און געלאָזן לויפן זיינע
מחשבותן. פּאַניעס רייד זענען אים נישט אַרויס פון זיין געדאַנק. אָט איז אַ
רייכע קינד, אַ פּעיקע און קען אויך נישט געפינען איר וועג אין לעבן. עס
איז הפּנים נישט בלויז אַן ענין פון געלט — עס איז די צייט, דער איבער־
ברוך אין אַלגעמיינעם און יידישן לעבן. אַן אַלטער לעבנס־שטייגער שטאַרבט
אָפּ, אַ נייער לעבנס־שטייגער ווערט געבוירן. און נישטאָ קיין געבורט אָן
ווייען, קיין באַנייונג אָן קרבנות. און גראָד איז אויף זיין דור אויסגעפאַלן
דער גורל אַז אין אים זאָלן זיך באַגעגענען דער סוף פון איין תקופה און דער
אָנהייב פון אַ צווייטער. עס איז אַ טראַגישער דור, אין וועלכן אומקום און
אויפקום טרעפן זיך צוזאַמען.

דער „קורגאַן״, אין שאָטן פון וועלכן ער זיצט, איז אפשר דער סימבאָל
פון זיין דור. אָט האָט דאָ נעכטן געברויזט מיט שמחה, אַ באַגעגעניש וואָס
פירט צו זיווג, דער ערשטער קערן פון באַנייטן לעבן, אָבער דער „קורגאַן״
איז דאָך אָנגעשאָטן אויף אַ קבר — אַזוי פלעגט מען אַמאָל באַגראָבן די „סי־
נען״ (עלטסטע, מלכים) פון די נאָמאַדן־שבטים וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט
אין די געגנטן פאַרצייטנס; טאָטערן, פאָלאָוצעס, פּעטשעניעגן. אפשר ליגט
דאָ גראָד באַגראָבן אַ הויפּט פון די כוזרים. וואָס האָבן אָנגענומען דעם יידישן

גלויבן און זייער ממשלה דערגרייכט ווייט אין די סטעפּעס? הייסט עס, אַז אַט אויף דעם פּונקט האָט זיך נעכטן לעבן באַגעגנט מיט טויט, מצבה מיט חופּה. איז עס נישט אַמאָל אַ סימבאָל פון דעם לעבנס־פּולס וואָס גייט אומ־באַמערקט אַריבער פון איין עקסטרעם צום צווייטן? בן־ציון האָט זיך פאַר־טראַכט...

קאַפּיטל 42

אַ פריילעכער שבת אין קאָלאָניע

די שבעת ימי־המשתה האָט מען פאַרבראַכט אין דאָרף, ווי עפּעס אַ חול־המועד. די קליינע געמיינדע איז געווען האַלב יום־טובדיק. אין די אָוונטן פלעגט מען זיך צונויפקומען אין הויז פון אַלטן ר׳ עזריאל, משמח זיין חתן־כלה. מ׳האָט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

בן־ציון האָט נישט פאַרפעלט קיין איין אָוונט, אָבער זיין געמיט איז געווען נישט גאָר אויפגעלייגט. עפּעס איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקער. לאה האָט זיך גוטמוטיק געוויצלט איבער זיין געמיט־צושטאַנד: „עס האָט אים פאַרשאַדט די חתונה" — האָט זי אָנגעוויזן אויף בן־ציונען און שעלמיש אונטערגעוווּנקען. עולם האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָ קומט פאָר און האָט געשמייכלט.

אויפן פריילעכן שבת איז מען געפאָרן אין דער קאָלאָניע פון חתן. בן־ציון איז מיטגעפאָרן. אַרויסגעפאָרן איז מען „קאַיאַר", גאָר, גאָר פרי. די לופט איז געווען פריש, אַ מחיה. די פעלדער האָבן געגרינט צוזאַגנדיק אַ גוטן שניט. די „זשאַוואָראָנקעס" (לערכע — אַזאַ זינג־פויגל) האָבן הילכיק געזונגען. עס איז געווען פרילינג, פריידיק אין דער נאַטור. און בן־ציונען איז אויך געוואָרן פריילעכער אויפן געמיט.

מען איז פאַרבייגעפאָרן אַ פּאָר דערפער אָן יידן. אין איינעם האָט מען זיך אָפּגעשטעלט קאָרמען די פערד און אַליין אויך אונטערלענען דאָס האַרץ. מען האָט פרידלעך געשמועסט מיט די אָרטיקע פּויערים. דער שניט האָט געשיינט צו זיין אַ געראָטענער — איז אַלעמען געווען אויפגעלייגט אויפן האַרצן...

מען איז געפאָרן ווייטער, די זון האָט שוין גוט צוגעבאַקן, אָבער ווינטעלעך האָבן געבלאָזן. דאָס אויג האָט זיך געבאָדן אין די אַרומיקע נאַטור־שיינקייטן, האָט מען נישט אַזוי געפילט די היץ. שפּעט נאָך האַלבן טאָג, אָבער נאָך היפּש פאַר שקיעה, איז מען אָנגעקומען אין קאָלאָניע.

ביים סאַמע אַריינפאָרן אין קאָלאָניע, האָט מען געקרייצט אַ פליסנדיק פּלאַפּלענדיק טייכל. זיין זאַמדיקער דעק האָט זילבערדיק שימערירט דורך די דורכזיכטיקע וואַסערן. דאָ און דאָרט איז דער טייך־דעק געווען פאַרזייט מיט

שטיינער. אין איינציקע ערטער האָט מען איבער זיי געקענט אַריבערשפּאַנען פון איין ברעג צום צווייטן.

די קאָלאָניע האָט זיך מנוחהדיק געוואַרעמט אונטער די שטראַלן פון דער העל־צעלויכטענער זון. די שיין פון די ווייס־ווייסע הייזקעס האָט ממש געשטאָכן די אויגן. אַרום און אַרום האָט מען שוין געפילט דעם אָנקומענדיקן שבת. יידן אַרומגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע, אויסגעפּוצטע, זענען געמיט־לעך געזעסן אין די סעדלעך, אָדער ביי די פענצטער בהרחבה, געטרונקען אַן ערב־שבתדיקע גלאָז טיי און געמיטלעך געשמועסט.

מען איז פאַרפאָרן צום הויז פון חתנס עלטערן. די געסט האָט מען צע־שטעלט ביי פּריינט, מחותנים און שכנים, אָבער בלויז אויף צו איבערשלאָפן. די דריי שבתדיקע סעודות וועט מען עסן ביי די מחותנים אין גרויסן שפּייכ־לער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עס־צימער. קוים אַרומגעוואַשן זיך, איז בן־ציון אַוועק צום טייכל. פליסנדיקע וואַסער איז אין יענע טרוקע־נע מקומות אַ זעלטנהייט, און בן־ציון איז אַלעמאָל געווען להוט נאָך דער שטים פון נאַטור. ער האָט ליב געהאַט צו הערן דעם גערויש פון ביימער, דעם געפּליסטער פון בלעטער, דאָס פּלאַפּלען פון אַ טייכל, דעם פייף פון ווינט און אַפילו דעם געוואָי פון שניי־שטורעם; האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרויסן שטיין אין מיטן פון טייכל. געקוקט אויף דער שקיעה וואָס האָט שוין גענומען פאַרבן דעם מערב מיט כלערליי קאָלירן און זיך גוט איינ־געהערט אינעם מורמלען פון טייכל, וואָס האָט אים עפּעס דערציילט אויף אַ לשון וועלכן בן־ציון האָט נישט געקענט פאַרשטיין, און דאָך שטאַרק גע־פילט. יידן וואָס זענען שוין געגאַנגען אין שיל אַריין, האָבן באַמערקט דעם מאָדנעם בן־אָדם וואָס האָט זיך באַזעצט אין מיטן טייכל און קוקט ערגעץ אין דער וועלט אַריין. האָט מען נישט געלייגט קיין אויפמערקזאַמקייט — מסתמא אַ שטיק פּרא־אָדם, און אפשר גאָר אַ שייגעץ...

פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת אין דער פרי ביים דאַווענען, האָט זיך בן־ציון באַקענט מיט קאָלאָניסטן, עלטערע און יינגערע. עס האָט אים געפרייט צו זען אַן עדה יידישע האַרעפּאַשניקעס, זאַטע, צופרידענע, אויפגעלייגטע. זאָל עס אמת זיין, אַז „אין סאָכע ליגט דאָס מזל־ברכה״?

בן־ציונס אויפמערקזאַמקייט האָט גערופן אַ פיין געקליידטער יונגער־מאַן מיט אַ פיין קיילעכדיק בערדל, מיט אַ גאָלדענער קייט איבער דער וועסט, וואָס איז געזעסן סאַמע אויבנאָן און צו וועלכן אַלע האָבן זיך באַצויגן מיט גאָר גרויסן דרך־ארץ. ער האָט וועגן דעם יידן אַ פרעג געטאָן ביים חתנס יינגערן ברודער, מיט וועמען ער איז שוין געווען אַ גאַנצער חבר, און יענער האָט אים דערציילט, אַז דאָס איז דער רייכסטער קאָלאָניסט, אַ ייד אַ סוחר, וואָס האָט

אויך נישט פאַרלאָזט די ערד־אַרבעט און מאַכט ביי ביידע גוטע געשעפטן. שבת אין דער פרי ביים קידוש, צו וועלכן עס איז געקומען אַ האַלבע קאַלאַניע, האָט בן־ציון ווידער באַמערקט ווי מען צאַצקעט זיך מיטן זעלביקן ייִדן: מען זעצט אים אַוועק אויבנאָן, מען בלאָזט אים אָפּ דאָס אָרט. האָט שוין בן־ציון אַ פרעג געטאָן אויף דעם ייִדנס פאַמיליע־נאָמען, און ער איז דערשטוינט געוואָרן צו הערן דעם זעלביקן פאַמיליע־נאָמען פון פאַניען. עס לאָזט זיך אויס, אַז עס איז פאַניעס אַ פעטער. האָבן שוין ייִדן באַווירצט דעם שמועס מיט אַביסל לשון־הרע: רייך, ממון קורח, נאָר אַ האַרטער נוס, אַ שטיקל גרויס־האַלטער; גאָרנישט ענלעך אויף זיין עלטערן ברודער — ייִדל — וואָס איז אויך אַ היפּשער נגיד, אָבער אַ „נאָש בראַט", אַ גוט־ברודערל, האָט ליב צו טאָן אַ מענטשן אַ טובה, אַרויסנעמען אַ ייִדן פון גויִשע הענט, אַ חשוב ביי נאַטשאַלסטוואָ, האַלט זיך פראָסט, איז חבר מיט דער גאַנצער וועלט; דעם חתנס ברודער האָט צוגעשושקעט בן־ציונען, אַז דער ייִדל איז דאָס פאַניעס פאָטער.

האָט שוין אַן עלטערער קאָלאָניסט דערציילט אַ מעשה שהיה מיט דעם דאָזיקן ייִדל, וואָס די קאָלאָניע געדענקט ביז היינטיקן טאָג. אַלס אַ בחורל פון אַ יאָר עלף־צוועלף, האָט ייִדל געהאַט אַ ווייס פערדל צום רייטן. די פאַמיליע איז געווען פאַרמעגלעך, האָט מען דעם זון געקענט צוטיילן אַזאַ פאַרגעניגן. טרעפט אָבער, אַז דאָס פערדל ווערט חולה און מען האָט געמוזט עס אַוועקפירן צום דייטש היילן. אַלע שבת פלעגט דער קליינער ייִדל גיין גע־וויר ווערן וועגן דעם פערדל. און גרויס איז געווען זיין שמחה, ווען דער דייטש האָט אים מודיע געווען, אַז דאָס פערדל איז שוין געזונט און ער קען שוין אויף אים אַוועקרייטן אַהיים. פון שמחה האָט ייִדל גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז שבת אויף דער וועלט. ער האָט זיך גלייך אַרויפגעכאַפּט אויפן פערדל און געלאָזן אַוועקגעריטן אַהיים. גראָד האָט ער געדאַרפט פאַרביי רייטן דער שיל, ווו עס איז בין מנחה למעריב געשטאַנען זיין פאָטער, אַ ייִד אַ למדן און אַ פרומער, מיט נאָך באַלעבאַטים און געשמועסט... דערזען ווי זיין זינדל איז מחלל שבת בפרהסיא, האָט זיך דער פאָטער צעבייזערט: „ייִדל, וואָס טוסטו? פאַרוואָס פאַרסטו רייטנדיק?!" אָבער ייִדל האָט געמיינט אַז דאָס בייזערט מען זיך פאַרוואָס ער רייט אויפן קראַנקן פערד, האָט ער האַפּערדיק אָפּגע־ענטפערט: „דער דייטש האָט געזאָגט אַז מען מעג שוין פאָרן!..." און איז אויפן גאַנצן גאַלאָפּ אַוועקגעריטן. איז שוין אין קאָלאָניע געבליבן אַ ווערטל. קיים טוט איינער עפּעס וואָס מען טאָר נישט, פרעגט מען אים: „דער דייטש האָט געזאָגט אַז מען מעג שוין?..."

נאָכן קידוש האָט זיך בן־ציון באַקענט מיטן רב, אַ ייִד מיט אַ הדרת־פּנים,

שוין געכאַפּט אין אַביסל השכלה. קאָלאָניסטן האָבן גאָר שטאָלצירט מיט זייער רב, וואָס האָט געקענט פּירן די מעטריקע־ביכער, האָט גוט גערעדט רוסיש, און ווען דער גובערנאַטאָר האָט אַמאָל באַזוכט די קאָלאָניע, האָט ער לאַנג און פריינדלעך געשמועסט מיטן רב. בן־ציון האָט געוווּסט אַז די קאָלאָניע וווּ ער האָט זיך געפונען איז איינע פון די עלטסטע ייִדישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד. האָט ער געפרעגט ביים רב, צי ער האָט עפּעס דאָקומענטן וועגן דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע. גראָד האָט זיך ביים רב געפונען אַן אָפּשריפט פון צאַרישן „אוקאַז״ פון 1804, וואָס איז געהאַנגען אונטער אַ גלאָז אין בית־דין־שטוב. דער „אוקאַז״ קען באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער דאָקומענט פון ייִדישן לעבן אין די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד. דער רב האָט אָבער אָפּגע־שריבן נאָר די פּונקטן וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו דער ייִדישער קאָלאָ־ניזאַציע. באַגלייטנדיק דעם רב ביז צו אים אַהיים, האָט שוין בן־ציון געקענט אַראָפּלייענען דעם טעקסט פון די פּונקטן. פּונקט 17: „די ייִדן וואָס האָבן נישט די מעגלעכקייטן צו קויפן אָדער דינגען לאַנד פון די גוט־באַזיצערס, וועלן זיך קענען באַזעצן אויף די רעגירונגס־לענדערייען אין די גובערניעס: ליטע, מינסק, וואָלין, פּאָדאָליע, אַסטראַכאַן, קאַווקאַז, יעקאַטערינאָסלאַוו און טאַווריע, ווו עס זענען פאַר דעם צוועק באַשטימט געוואָרן דרייסיק טויזנט דעסיאַטין פאַר די וואָס וועלן זיך קומען באַזעצן״.

פּונקט 29: „ווען די ייִדן וועלן בכלל באַווייזן שטרעבונג און פלייסיקייט צו ערד־אַרבעט מלאכות און מסחר, וועט די רעגירונג אָננעמען מיטלען אויס־צוגלייכן זייערע „פּאָדאַטקעס״ מיט די פון אַלע אַנדערע אונטערטאַנען״. דאָס זענען געווען די קמצנישע חסדים פון אַלעקסאַנדער1 דעם „געבענטשטן״. ביי דער זייט איז געהאַנגען דאָס בילד פון גענעראַל סאַמאָוו. דעם „פּאָפּיטעטשיטעל״ וואָס ניקאָלײַ דער ערשטער האָט באַשטימט פאַר די ייִדישע קאָלאָניעס פון דעם סטעפּ־געביט. זיין פעסטער בליק, האָט ווי באַשטעטיקט די „חסדים״... דאָך מוז מען מודה זיין, אַז היפּשע טויזנטער ייִדישע משפּחות האָבן געהאַט היונה ביי ערד־אַרבעט. גם זו לטובה.

נאָך הבדלה האָט זיך שמעון, דעם חתנס ייִנגערער ברודער און בן־ציונס פריינד, געקליבן פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע, עטלעכע וויאָרסט פון דער קאָ־לאָניע. ער האָט דאָרט עפּעס געדאַרפט דערליידיקן און קומט גלייך צוריק. האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט האָט ער אַ פרעג געטאָן בן־ציונען: „וואָס לאָזט איר גריסן פּאַניען?״ בן־ציון האָט אויפגעציטערט; אַזוי נאָענט און נישט צוגעפּאָרן? האָט ער אין איילעניש געענטפערט: „איך פאָר מיט אייך״... מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט... מען האָט אָנגעהויבן איינרעדן בן־ציונען

אַז עס טויג נישט. ער קען נישט פאָרן. ווייל מיטן טאָג, אפשר נאָך פאַרטאָג, דאַרף מען אַרויספאָרן צוריק אין דאָרף. ווו עס וואַרטן אויף אים זיינע תל־מידים... מיט אַ ביטער האַרץ האָט בן־ציון איבערגעגעבן זיינע גרוסן פאַר פאַניען און איז שוין פאַרבליבן אַביסל „אָנגעבלאָזן“, ביז מען איז אַרויס אויף דער נסיעה צוריק...

קאַפּיטל 43

פון שבת נאָך שבועות ביז שבת-נחמו

דער דורכפאַל פון דער מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען נאָכאַמאָל מיט פאַניען, האָט בן־ציונען אַריינגעוואָרפן אין אַ מין כעסדיקער גערייצטקייט. קיין זאַך איז אים נישט געשטאַנען צו דער האַנט. דאָס מאַלערישע דאָרף, וואָס איז אים פריִער געווען אַזוי געפעלן, האָט פּלוצלינג פאַרלוירן דעם גאַנצן חן אין זיינע אויגן. די תלמידים וואָס זענען אים פריִער אַזוי ליב געווען, זענען געוואָרן איבערדריסיק, ער האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, אַפילו נישט געקאָנט עפענען קיין בוך; קורץ, ער איז געווען אויסער זיך פון פאַרדרוס.

לאה האָט עס באַמערקט און פלעגט זיך כלומרשט נאָכפרעגן, וואָס עס קומט מיט אים פאָר. ער איז דאָך מער נישט דערזעלבער וואָס געווען... גע־פרעגט האָט זי עס מיט מאַמישער האַרציקייט אין די אויגן און אַרום די ליפּן האָבן געטאַנצט שדימלעך, ווי איינער זאָגט: „איך ווייס, בחורל, וואָס דיר פעלט, אָבער איך בין עס דיר גאָר נישט מחויב אונטערזאָגן...”. אַזוי איז אַוועק די וואָך. אויף שבת איז בן־ציון אַוועק אַהיים אין שטעטל, געטראָפן זיך מיט חברים, אָנגעשפּאַצירט זיך און אָנגערעדט זיך, אָפּגעפרישט דאָס געמיט. זונטיק פרי, גייענדיק צוריק אין דאָרף, האָט ער זיך אַנטשלאָסן אויף אַ געוואַגטן שריט: אָנשרייבן פאַניען אַ בריוו. האָט אים, לכתחילה, האַסטיק אַ שלאָג געטאָן אין מוח אַ שרעקלעכער געדאַנק: און טאָמער ענטפערט זי נישט? דאָס וועט דאָך הייסן זיך נאַריש געמאַכט. אָבער עפּעס אַ געפיל, אפשר אַ זעלבסטנאַרעריי. האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער מעג דעם בריוו שרייבן.

פון באַשלוס איז אים אויפגעגאַנגען אַ מין פרייד. ער האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט מיט זיין שטענדיקער רירעוודיקייט און אויפגעלייגטקייט. נאָך די טאָג־קלאַסן האָט ער זיך געזעצט שרייבן דעם בריוו, לאַנג געטראַכט איבער יעדן וואָרט, איבער יעדן אויסדרוק; עס פאַרוואַנדלט אין אַ מין אַנטשולדיקונג, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צופאָרן צו פאַניען, ווען ער איז געווען גאָר נאָענט צו דער סטאַנציע ווו זי וווינט, עס וואָלט פאַר אים געווען אַ פאַרגעניגן, אָבער, אומשטענדן אאַז״וו. ענטפער האָט ער געבעטן „פּאָסטרעסטאַנט” אין זיין שטעטל און, נישט טרויענדיק קיינעם אַזאַ בריוו, איז ער אויך מאָרגן אַוועק אין שטעטל און אַליין אַראָפּגעלאָזט דעם בריוו אין פּאָסטקאַסטן.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אומרויִקייט. וועט זיין אַן ענטפער, אָדער

נישט? צוויי מאָל אַ וואָך, פלעגט בן־ציון גיין אין שטעטל און פרעגן אין פּאָסט אויף אַ בריוו פאַר אים; און ווען ער האָט שוין כמעט אָנגעוווירן אַלע האָפענונגען איז דער ענטפער געקומען. געשריבן אויף פיינעם פּאַפּיר, מיט אַ מאָנאָגראַם, פּריציש, אין אַ שיינעם רוסיש, מיט אַ שיינער פעסטער האַנט־שריפט. דער בריוו איז געווען קאָרעקט, נאָר קאַלטלעך: אַ דאַנק פאַרן שרייבן. איר האָט אַ פיינעם סטיל. אַ פּאָר אַלגעמיינע באַמערקונגען. עפּעס וועגן אַ בוך וואָס זי האָט געהאַלטן אין לייענען, און, שוין... פאַרטיק מיטן ערשטן זייטל. בן־ציון איז געבליבן אַביסל אַפּהענטיק, אָבער אויפן צווייטן זייטל איז שוין דער טאָן געווען אַן אַנדערער, אַ פאָרוואורף: וואָס הייסט בן־ציון האָט זיך גע־לאָזט איבעררעדן, דערשראָקן זיך פאַר שוועריקייטן און נישט צוגעפאָרן ווי ער האָט געוואָלט? אַזוי האַנדלט אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש? וואָס פאַר אַ קאַוואַליר איז ער עס?... פון דעם געמאַכטן געבייזער האָט זיך בן־ציון דער־פילט אין זיבעטן הימל.

עס איז אַוועק אַ בריוו־טויש, און מיט עטלעכע בריוו שפּעטער, האָט בן־ציון איינגעשטעלט און אָנגעבאָטן זיך צו קומען מיט אַ באַזוך אויף שבת־נחמו. איז געקומען אַן ענטפער פון מהיכא־תיתא; אין הויז פון איר פאָטער איז מען געוווינט אויפצונעמען מענטשן, איז, מילא, וועט זיין נאָך אַ גאַסט. אָבער בן־ציון זאָל נישט פאָרפאָרן דירעקט צו זיי, נאָר צו פּאַניעס עלטערער שוועסטער מיטן שוואָגער, ער קאָן דאָך זיי פון דער חתונה. וועט עס הייסן, אַז זיי האָבן אים איינגעלאַדן. בן־ציון האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, זיך אויסגעפּוצט אין בעסטן וואָס ער האָט פאַרמאָגט, זיך אַפילו צום ערשטן מאָל אין לעבן געלאָזט אָפּגאָלן די פּאָר האָר וואָס האָבן אָנגעהויבן צו באַצייכענען דעם אָנזאָג אויף אַ באָרד... און פרייטיק, ערב שבת־נחמו, אַרום האַלבן טאָג, איז ער אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע, ווו פּאַניעס שוועסטער און שוואָגער האָבן אים אויפגענומען ווי אַ גוטן באַקאַנטן. האָט מען געגעסן מיטיק, פריינט־לעך געשמועסט, און ווי כדרך אגב אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, אַז פּאַניע לאַדט אים איין טרינקען אַ גלאָז טיי אַרום 5 פאַרנאַכט.

דער נאָכמיטאָג האָט זיך פאַר בן־ציונען אויסגעצויגן ווי דער יידישער גלות. ער האָט געכאַפּט אַ שפּאַציר איבערן שטעטעלע, אַ קליינס, נאָר געבויט ווי אַ גרויסע שטאָט. געשניטן אין קוואַרטאַלן, נישטאָ קיין איין הויז געדעקט מיט שטרוי: אָדער בלעך, אָדער שינדל; דאָס שטעטל איז אַ רויקס, נאָר נישט קיין פאַרשלאָפנס. אַ שפּאַן וועג דערביי איז די קנופּ־סטאַנציע דורך וועלכער עס גייען דורך אַ מנין פּאַסאַזשיר־צוגן אַ טאָג און עטלעכע צענדליק פראַכט־צוגן, פאַראַן אַ „דעפּאָ" אויף צו רייניקן און צורעכט־מאַכן לאָקאָמאָטיוון, פּאַ־

ראַן אַ שולע, אַ שפּיטאָל פאַר די אײזנבאַנער, אַפּילו אַ שטיקל בולוואַר: ממש — אײראָפּע! נישט װײט פון שטעטל גרינען אַ פּאָר יונגע װעלדלעך, און, װונדער איבער װונדער. פון שטעטל אויף דער סטאַנציע גײט מען דורך אַ טונעל, דעם ערשטן װאָס בן־ציון האָט אין זײן לעבן געזען...

סוף־כל־סוף איז געקומען די באַגערטע שעה. צװײ קלײנע פּלימעניקלעך פון פאַניען האָבן דעם גאַסט צוגעפירט צו זײער זײדנס הויז אַ גרויסע באַלעבאַטיש הויז, מיט בלעך געדעקט, אַ סעדל פאָרנט, אַ גרויסער הויף מיט אַ גאָרטן הינטן, אויפן הויף — געבײדעס פאַר דער דינערשאַפט, אַ גרויסער קעלער מיט אַ „ליאַדניק" (אײז־קעלער), אַ שטאַל פאַר פערד, פאַר קי, אַ „סאַראַי" פאַר אַ פּאָר עקיפּאַזשן. אַלץ איז פעסט, רײן. יוסט־באַלעבאַטיש, כמעט נגידיש. אין אַזאַ הויז גײט מען אַרײן מיט דרך־ארץ, און בן־ציונען האָט געפּלאָטערט דאָס האַרץ װען ער האָט אַריבערגעשפּאַנט די שװעל.

די שטוב איז שוין געװען שבתדיק. פאַניע האָט דעם גאַסט אויפגענומען קאַלטלעך, אָבער פרײנטלעך, פאַרגעשטעלט פאַר אירע עלטערן, מען האָט געטרונקען טײ, געשמועסט. דער פאָטער האָט געהאַט תרעומות פאַרװאָס דער גאַסט איז נישט פאַרפאָרן דירעקט צו זײ. ער איז געװוינט אַז געסט זאָלן קומען אין זײן הויז. מילא, איז ער בן־ציונען מוחל. ער איז דאָך פאָרט פאַרפאָרן צו זײן טאָכטער און אײדעם. אָבער װעגן האַלטן דאָרט שבת, זאָל ער פאַרגעסן, שבת װעט ער זײן דאָ. אין הויז איז פאַראַן אַ באַזונדער צימער פאַר געסט, פאַרברענגען װעט מען צוזאַמען, װײל די טאָכטער מיטן אײדעם װעלן אויך צוקומען. עס איז פאַרשפּאָרט צו זאָגן, אַז בן־ציון האָט מסכים געװען.

װען די מוטער האָט אָפּגעבענטשט ליכט און דער פאָטער איז אַװעק אין שול, זענען פאַניע מיט בן־ציונען אַרויס אויף אַ שפּאַציר. די שטוב איז געשטאַנען מיטן פּראָנט גלײך אין ברײטן סטעפּ אַרײן. מען האָט נאָר געדאַרפט איבערגײן אַ װעג און שוין איז מען אַרײן אין די אומענדלעכקײט פון פעלד װאָס האָט זיך געכװאַליעט, סײ װײל דער באָדן איז געפּאַלדעװעט, סײ צוליב די הויכע גראָזן װאָס האָט באַדעקט דאָס פעלד דעם גאַנצן פרילינג, ביז די זומערדיקע היצן װעלן זײ אויסברענען. האָט מען געשפּאַנט איבער אַ געדיכטן גראָז־טעפּיך באַשפּרענקלט מיט װילדע בלומען: װײס־געלע מאַרגאַריטקעס, בלױלעכער טשעפּטשיק, גרינלעך־געלע קאַשקע, העל־גרינע קריגעלעך (קװורשינטשיקי)... איבער אַלץ און אַלעמען איז געלעגן אויסגעשפּרײט די שבת־דיקע מנוחה, אויך דער שמועס איז געפלאָסן געמיטלעך, גלאַטיק, מיט אײנ־

טים־היימישע טענער אין די שטימען, בלויז די לאָקאַמאָטיוון פון דער נאָענ־טער סטאַנציע האָבן מיט זייער פייפן און רעווען, דערמאָנט, אַז עס איז פאַ־ראַן אַ גרויסע וועלט, וואָס ווייסט נישט פון קיין שבת־נחמו, האַלט אין איין האַווען...

דער שבת־טיש איז געווען אַביסל מאָדערניזירט. אַוודאי האָט מען גע־מאַכט קידוש, געבענטשט נאָכן עסן. אָבער מיט די זמירות האָט מען מקצר געווען, אָנשטאָט זינגען האָט מען געשמועסט: פּאָליטיק, יידישע לאַגע וואָס האָט געהאַלטן אין איין ערגער ווערן. עמיגראַציע קיין אַרגענטינע וווהין עס איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן אַ גרופּע יידן פון באָענטע און ווייטע דערפער, ווי אויך פון די קאָלאָניעס. מען איז לאַנג געזעסן ביים טיש, ביז די דינסטן האָבן סערווירט טיי מיט צובייסן. דער קידוש־ווײַן, די שבתדיקע מאכלים, דאָס ביסל בראָנפן פאַר און נאָך די פיש, די אַרומיקע מנוחהדיקייט האָבן אָנגעווייעט אַן עכטן שבתדיקן שלאָף. בלויז בן־ציון מיט פאַניען זענען אַרויס אין סעדל ביים שטוב, וווּ זיי האָבן נאָך אַ צייט געשמועסט.

אויף מאָרגן ווען בן־ציון האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט זיין געהער פאַרנומען אַ שטילן פליסטערנדיקן געזאַנג, דאָס האָט פאַניעס פאָטער מעביר געווען די סדרה, שנים מקרא ואחד תרגום. אַ ייד אַ פּשוטער, ווייט צו זיין אַ למדן, איז ער אָבער אויך געווען ווייט פון אַן עם־הארץ; דאָס מעביר זיין די סדרה, אַריינכאַפּנדיק פון צייט צו צייט אַ פסוק רש״י, איז געווען זיין גייסטיקסטע שעה אין וואָך. דער טראַדיציאָנעלער געזשום פון דורות־אַלטן ניגון האָט אויף בן־ציונען אָנגעהויכט אַ היימישע שטימונג. עס האָט זיך גע־וואָלט הערן דאָס געזאַנג לאַנג, לאַנג אָן אויפהער; ער האָט געפילט ווי זיין נשמה טובלט זיך אין דעם ניגון און קומט אַרויס פון אים אָן אָפּגעפרישטע און געקרעפטיקטע.

אָבער מען האָט געמוזט אויפשטיין. עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט איז טיר אין גערופן צום טיי. אויפגעשטאַנען, אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן זיך, איז בן־ציון אַרויס צום טיי אַ מונטערער און אויפגעהייטערטער. די גאַנצע משפחה איז געווען פאַרזאַמלט ביים שבתדיקן פרימאָרגן־טיש. בלויז פאַניע האָט גע־פעלט. זי האָט ביינאַכט נאָך געלייענט עטלעכע שעה, ווי איר שטייגער איז געווען; שלאָפט זי איצט, זי וועט אויפשטיין הלוואי צום מיטאָג.

האָט שוין בן־ציון געקאָנט פאַרשאַפן פאַניעס פאָטער אַ פאַרגעניגן און גיין מיט אים אין שיל אַריין. דער קליינער קיבוץ פון אַרום זעכציק פאַמיליעס האָט פון דעסטוועגן אויפגעבויט אַ שיל, ווי אויך, להבדיל, אַ באָד, אויסגע־האַלטן אַ שוחט, געהאַט אַביסל אַ מאָדערניזירטע יידישע שולע, אַ חדר־מתוקן

האָט מען עס דאָן געריפן. עס איז געווען אַ פול ייִדיש לעבן. דער עולם אין שיל איז נישט געווען איבעריק גרויס. עס האָבן זיך שוין דאָ געהאַט געוויזן ייִדן, וואָס האָבן שבת געהאַלטן אָפן זייערע קראָמען, אָדער געאַרבעט ביים אָפּשיקן און אָפּנעמען סחורות אויף דער סטאַנציע. געדאַוונט האָט מען רחבות־דיק, די שטימע פון בעל־תפילה האָט זיך געלאָזט הערן ווייט אַרום דער שיל, מען האָט זיך נישט געשעמט, נישט געשראָקן זיך, כאָטש די מערהייט פון ישוב האָט נישט געהאַט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" (ווױינרעכט) און האָט געלעבט אין חסד פון דער פּאָליציי, וואָס האָט באַקומען אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל פון יעדער משפחה, לויט די נפשות און לויט פאַרמעגן. ייִדן האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט מיט זייער רעכטלאָזיקייט, אַז זיי האָבן זי ווייניק געפילט, אַבי מען האָט אַלץ געקאָנט פאַרשמירן מיט אַ פּאָר רובל, איז „כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער"!...

דער שבתדיקער טאָג איז אַדורך אין שפּאַצירן מיט פּאַניען, שמועסן מיט אירע עלטערן. אויך די מוטער, אַן אַלטמאָדישע אשה־צנועה, האָט דאָך געוווּסט און געוואָלט וויסן וואָס אויף אַ וועלט טוט זיך. צום שבתדיקן טיי פאַרנאַכט זענען בן־ציון מיט פּאַניען אַוועק צו פּאַניעס עלטערער שוועסטער און שוואָגער, שוין מאָדערנערע מענטשן, אָבער אין שטוב האָט זיך געפירט אַ ייִדיש־טראַדיציאָנעל לעבן, געווען אין הויז ספרים און אויך ביכער, ייִדישע און רוסישע, מען האָט דערהאַלטן אַ צייטונג. דאָס קליינשטעטלדיקע ייִדישע קלײנבירגערטום האָט זיך שוין דאַן אויך געהאַט אַוועקגעלאָזט אין אַ גאַנץ שטאַרקער רוסיפיקאַציע, אָבער מען האָט זיך פעסט געהאַלטן ביים ייִדישן לעבנס־שטייגער: רוסיש האָט מען געקאָנט, אָבער צווישן זיך האָט מען גערעדט ייִדיש, בלויז די יוגנט איז שוין מערסטנטייל אַריבער צו רוסיש; מען האָט זיך אינטערעסירט מיט ייִדישע ענינים, געלייענט אַפילו רוסישע זשורנאַלן פון ייִדישן אינהאַלט: „וואָסכאָד", „ראַזסוויעט", „יעווריייסקאַיאַ זשיזן". עס איז געווען אַ תקופה פון דעמערונג. דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע לעבן איז נאָך נישט אינגאַנצן אַוועק, דער נייער לעבנס־שטייגער איז נאָך נישט געווען באַפעסטיקט, האָט ערשט געזוכט זיין אייגענעם אויסדרוק, איז געווען אַ מין מיש־מאַש פון שפּראַכן, לעבנס־פאָרמען, אידייען... עס איז געווען אַ תקופה פון אינטערעסאַנטע גייסטיקע איבערלעבונגען.

דער לעצטער שפּאַציר און שמועס מיט פּאַניען האָט זיך פאַרצויגן ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט, ווען בן־ציון האָט שוין געדאַרפט איילן צו דער סטאַנציע, נעמען זיין צוג אויף דער צוריקרייזע, בכדי צו קומען צו דער צייט אין זיין דאָרפישן חדר אַריין. ביים געזעגענען זיך האָט אים פּאַניע געבעטן ער

זאָל איר צושיקן אַ פּאָר העברעיִשע ביכער, זי וויל נישט פאַרגעסן איר העברע־איש און אין שטעטעלע איז שווער צו געפינען העברעיִשן לייען־שטאָף.

פּאָר די אַנדערטהאַלבן טעג וואָס בן־ציון האָט פאַרבראַכט מיט פאַניען און מיט איר משפּחה האָט ער אַ סך איבערגעלעבט, געזען און פאַרשטאַנען. ער איז אַוועקגעפאָרן ווי אין אַ זיסן נעפּל פון איינדרוקן און מחשבות, וואָס ער וועט ערשט אין זיין רויִקן דאָרף קאָנען געהעריק דערטראַכטן ביז אַ סוף.

קאַפּיטל 44

אַ גוטער פריינט נאַרייעט אַ שטעלע

די זעקס וואָכן צווישן שבת־נחמו און די ערשטע סליחות זענען פאַר בן־ציונען געווען אַן אמתע אָפּקומעניש. ער האָט געדאַרפט פאַרענדיקן זיין זמן אין דאָרף. און דאָ איז דער קאָפּ געלעגן העט ווייט. די באַלעבאַטים זענען צוגעשטאַנען אַז ער זאָל באַנייען דעם אָפּמאַך אויפן קומענדיקן זמן; ער האָט נישט געוואָלט אָפּזאָגן, ווייל טאָמער מאַכט זיך נישט קיין אַנדער שטעלע. ער האָט אָבער אויך נישט געוואָלט צוזאָגן, ווייל... כ׳ווייס, טאָמער... וואָס „טאָ־מער” האָט ער אַליין נישט געוווסט. דערווייל האָט ער אָנגעהויבן נאָך עפּטער זיך אַראָפּכאַפּן אין שטעטל, וווהין די בריוו פון פאַניען האָבן אָנגעהויבן אויך אָנקומען עפּטער; הכלל, בן־ציונס געמיט איז געווען צעריסן אויף דרייען: דאָס דאָרף ווו ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעלעבט מיט די מענטשן און מיט די תלמידים. זיין שטעטל, ווו חברים האָבן געראָטן בלייבן אויפן ווינטער, באַנייען די טעטיקייט וואָס איז אַביסל שוואַכער געוואָרן און דורכלעבן זיך פון לעקציעס, און דאָס שטעטעלע ווו פאַניע האָט געלעבט, וואָס האָט אים עפּעס געוווּנקען פון דער ווייטנס מיט מעגלעכקייטן, וואָס ער האָט אַפילו נישט געוואָגט צו דערטראַכטן ביזן סוף... איז ער אַוועק פון דאָרף מיט אַ האַלבן צוזאָג זיך צוריקקערן, און, אויב נישט, וועט ער שיקן זיינעם אַ חבר וואָס איז נאָך בעסער פון אים.

די טעג אין שטעטל זענען געווען פול מיט איבערלעבונגען: דאָס אויפ־שטיין פאַרטאָג צו סליחות, ראש־השנה און יום־כיפור אין שיל. די פריידיקע סוכות־טעג, די אויפמערקזאַמקייט פון עלטערן, ברודער און שוועסטער, חברים און חברות, די באַנייונג פון די לעקציעס אין ייִדישער געשיכטע, אַלץ צוזאַ־מען האָט פאַרגרעסערט די נטיה צו בלייבן אין שטעטל; מיט חבר הערשל, האָט שוין בן־ציון כמעט ווי אָפּגערעדט אַז ער וועט פאַרנעמען די „וואַקאַנ־ציע” אין דאָרף.

מיטאַמאָל אַ טעלעגראַמע, און טאַקע אויף בן־ציונס נאָמען. די ערשטע טעלעגראַמע וואָס ער האָט אין זיין לעבן דערהאַלטן. און אין טעלעגראַמע זאָגט זיך „קומען דרינגענד קיין ד. פאַראַן אויסזיכטן אויף אַ גוטן פּאָסטן. בעלייעוו”. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן אַ שוחט און חזן, וואָס האָט זיך געשדכנט צו בן־ציונס אַ שוועסטער. מילא, אַ טעלעגראַמע איז אַ טעלעגראַמע.

אַ פּאָסטן אין אַן ענין, אָבער איין וואָרט אין דער טעלעגראַמע האָט בן־ציונען צעטומלט: ד. איז געווען דאָס שטעטעלע ווו פאַניע האָט געלעבט.

דעם זעלביקן אָוונט איז בן־ציון אָפּגעפאָרן קיין ד. די סטאַנציע, וואָס ער האָט שוין געזען בייטאָג, האָט אים איבעראַשט מיט איר אויסזען ביינאַכט. שוין פון אַ שטרעקע ווייט, נאָך איידער דער צוג איז אַריין אין סטאַנציע, האָט דער הימל געהעלט מיט אַ ליכטיקייט ווי פון אַ גרויסער שׂריפה. די סטאַנ־ציע איז געווען פאַרפלייצט מיט אַ בלענדנדיקע ליכט, וואָס האָט גאָר גע־מאַכט פאַרגעסן, אַז עס איז נאַכט. דאָס האָט בן־ציון צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען גאַז־באַלייכטונג. דער רושם איז געווען געוואַלדיק, דאָס קליינע שטעטעלע האָט אין בן־ציונס אויגן באַקומען די קאַטעגאָריע פון אַ גרויסער שטאָט. אויף דער מיט ליכט פאַרפלייצטער פּלאַטפאָרמע האָט בן־ציונען אָפּגעוואַרט בעלייעוו. כאָטש אַ שוחט און חזן איז ער געווען מאָדערן און עלעגאַנט געקליידעט, אַפילו הענטשקעס געטראָגן. די חברים האָבן זיך פריינטלעך באַגריסט. מען איז אַריין אין וואַרט־זאַל פון ערשטן קלאַס, באַ־שטעלט אין בופעט צוויי גלעזער טיי און גענומען שמועסן.

די מעשה איז אַזוי, האָט בעלייעוו דערקלערט. דער לערער פון חדר־מתוקן אין שטעטל האָט פּלוצלינג געמאָלדן אַז ער קערט זיך נישט אום צום נייעם זמן, און דאָ איז חול־המועד סוכות, דער נייער זמן רוקט זיך אָן. האָט בעלייעוו רעקאָמענדירט בן־ציונען. די שטעלע איז אַ גאַנץ גוטע, געהאַלט 60—70 קאַרבן אַ חודש, און בלויז צוועלף תּלמידים, מען וועט נאָך אפשר קאָנען באַ־קומען אַ פּאָר פּריוואַטע לעקציעס. הכּלל עס איז גאָלע גימל, אָבער פאַראַן אַ שוועריקייטן. דאָ פירט מען זיך ניט צונעמען קיין לערער ביז ער ווערט נישט פאַרהערט פון אַ יידן אַ היפשן למדן און משׂכּיל, וואָס מעג זיין אַ מבין, איז אויב בן־ציון וויל אַ שטעלע, וועט ער מוזן זיך לאָזן פאַרהערן... בעלייעוו האָט געקאָנט בן־ציונען פאַר אַ טראַציק בחורל, וואָס גייט נישט גלייך אויף אַזאַ עקזאַמען: אָבער בן־ציון האָט מסכּים געווען, ווייל נו, יאָ, ווייל אין ד. וווינט דאָך פאַניע. האָט אים בעלייעוו צוגעפירט צו אַן אכסניה, געזעגנט זיך און אַוועק אויף זיין קוואַרטיר, אָפּגערעדט אַז מאָרגן אַכט אַזייגער וועט מען זיך ווידער טרעפן און אַרום צען וועט מען זיין ביים פאַרהערער. די נאַכט איז בן־ציון געלעגן אין אַ מין גליקלעכער האַלב פאַרגעסנקייט. פון שלאָפן האָט ער אַפילו נישט געטראַכט. ער האָט זיך בלויז געפייניקט מיט דער האַרבער אַלטערנאַטיוו: טאָמער, יאָ? טאָמער, ניין?...

אומגעדולדיק צו דערוואַרטן זיך אויף בעלייעוון איז בן־ציון אַרויס פון זיין אכסניה עטוואָס פאַר 8 אַזייגער, כלומרשט אַביסל דורכשפּאַצירן זיך אין גאַס פאַר דער שטוב. דעם ערשטן ייד וואָס ער האָט אָנגעטראָפן איז געווען

פאַניעס פאָטער, וועלכער האָט אים לכתחילה אָנגעקוקט פאַרווּנדערט, ווי אײנער זאָגט: ווי קומסטו פלוצלינג אַהער?" און לסוף האָט ער אים אויסגע־מוסרט פאַרוואָס בן־ציון איז נישט גלײך פאַרפאָרן צו אים אין הויז, אָנשטאָט זיך אָפּשטעלן אין אַן אכסניא. בן־ציון האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט זיך פאַררעדט ביז שפּעט מיט בעלײעוון, האָט ער נישט געוואָגט אויפצוּוועקן מענטשן, וואָס האָבן דאָך צו אים קײן התחייבות נישט. דער תירוץ איז נישט אָנגענומען געוואָרן. פאַניעס פאָטער איז געווײנט אַז אַ הײמישער מענטש, אַ קרוב, אַ פרײנט, אַ באַקאַנטער, זאָל אויפוועקן אַפילו אינמיטן נאַכט, ווען ער פאָרט פאַרבײ, אָדער ער דאַרף זיך אָפּשטעלן איבערנעכטיקן... הכלל בן־ציון האָט געטאָן אַן עוולה, און ער קאָן זי אויסקויפן בלויז מיט דאָס וואָס ער זאָל זיך גלײך אַריבערטראָגן אין הויז פון פאַניעס עלטערן. געזאָגט און געטאָן. גלײך צוגערופן אַ טרעגער, אים איבערגעגעבן בן־ציונס וואַליזקע, גע־הײסן אָפּטראָגן אַהײם, פאַרזאָגט דעם בעל־אכסניא, ער זאָל בײ אים אײנ־מאָנען דעם באַטרעף פון בן־ציונס איבערנעכטיקן. און צוואַרפנדיק בן־ציונען אַז ער דערוואַרט אים צום מיטאָג, איז פאַניעס פאָטער אַוועק צו זײנע גע־שעפטן. אין דעם איז אָנגעקומען בעלײעוו. בן־ציון האָט אים דערצײלט דעם פאַל. יענער האָט זיך אָבער נישט געחידושט, ער ווײסט שוין ווער עס איז. אין שטעטעלע און אין גאַנצן געגנט איז פאַראַן נאָר אײנער אַזאַ מכניס־אורח. הײסט אַמאָל נישט דער מענטש ייִדל? נו, יאָ איז אַוודאי פונקט געטראָפן. די חברים האָבן געמיטלעך אַרומגעשפּאַצירט די פאָר שעה ביז מען האָט געדאַרפט גײן צום פאַרהער...

דער פאַרהערער איז געווען אַ מאַן אין די פּריִע פערציקער, מיט אַ שײן רונדיק בערדל, נעט געקלײדעט. אין שטוב איז געווען פײן צוגעקליבן. מען האָט די געסט אויפגענומען פרײנטלעך, סערווירט טײ, פאַרפירט אַ שמועס. דער פאַרהערער האָט פאַרשטאַנען אַז סתם נעמען און פאַרהערן איז עפּעס נישט פאַסיק, האָט ער פאַרצויגן אַן אַלגעמײנעם שמועס, און בינו לבינה אַרײנגעוואָרפן אַ האַרבן פּסוק, אַ מימרא פון חז"ל, אַ פראַגע פון ייִדישער גע־שיכטע, אַלץ זאַכן וואָס זענען אים כלומרשט נישט קלאָר. בן־ציון האָט זיך געכאַפּט אין וואָס דאָ גײט און האָט געענטפערט לויט זײנע מעגלעכקײטן. אינמיטן שמועס איז אין צימער אַרײנגעקומען אַ פרײלן וואָס איז פאָרגע־שטעלט געוואָרן ווי אַ שוועגערין פון באַלעבאָס. דער שמועס איז שוין אַריבער אויף רוסיש, מען האָט געשמועסט ליטעראַטור און זיך אַזוי פאַררעדט, אַז עס איז אומבאַמערקט אָנגעקומען די שעה פון מיטיק. די געסט האָבן זיך אויפגע־הויבן אַוועקצוגײן, דער הויזווירט האָט זײ נישט פאַרהאַלטן, מען האָט זיך געזעגנט פרײנטלעך, די פרײלין איז אַ שטיקל וועג מיטגעגאַנגען, אָבער באַלד

אַוועק צו זיך אַהיים און בעלייעוו האָט בן־ציונען אָפּגעגעבן מזל־טוב. לויט אַן אָפּגערעדטן צייכן וואָס דער פֿאַרהערער האָט אים געגעבן, איז ער זיכער, אַז דער עקזאַמען איז אַדורך גוט, אָפּילו גלענצנד און בן־ציון מעג זיך שוין באַטראַכטן ווי אַ לערער דאָ אין שטעטעלע. כּפֿי עס פּאַסט דאָך נישט צו רעדן קלאָר און אָפֿן, וועט בן־ציון דערווייל פֿאָרן אַהיים, אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער דערהאַלטן אַ בריוו מיט אַן אָנבאָט פֿון דער שטעלע, זאָל ער ענטפֿערן בלויז איין: „מסכּים"...

געקומען צום מיטיק, האָט אים פֿאַניעס מוטער, שׂרה, אויך גוט אויסגע־מוסרט, פֿאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אַכסניא, ווען ער האָט גוטע פֿריינט אין שטעטל. בן־ציון האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, זיינע אויגן האָבן געזוכט פֿאַניען: זאָל זי נאָך שלאָפֿן? פֿרעגן האָט עפּעס נישט געפּאַסט. דאָך, ווען מען איז שוין געזעסן ביים טיש און פֿאַניע איז נאָך נישט געווען, האָט ער איינגעשטעלט און געפֿרעגט ווו זי איז. פֿאַניע איז נישטאָ אין דער היים. זי איז אַוועקגעפֿאָרן צו קרובים אין דער נאָענטער שטאָט און וועט דאָרט פֿאַרווילן ביז איבער יום־טוב. בן־ציונען האָט זיך געדוכט אַז דער טאָג האָט זיך עפּעס פּלוצלינג פֿאַרוואָלקנט. עס האָט זיך אים שוין געגומען דוכטן אַז דער גאַנצער ענין איז נאָך אין ספֿק. זאָגט בעלייעוו אַז דער פֿאַרהערער האָט גע־וווּנקען אויף גוט. אַז בן־ציון וועט דערהאַלטן אַ בריוו; אָבער טאָמער האָט בעלייעוו געמאַכט אַ טעות?... דאָס עסן איז אים שוין נישט איינגעגאַנגען. ביזן אָפּפֿאָרן מיטן פֿאַרנאַכטיקן צוג איז שוין בן־ציון אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקער, פֿאַרשידענע מחשבֿות האָבן אים נישט געלאָזט צו־רו, און פֿאַניעס אָפּוועזנהייט האָט ער געזען אַ שלעכטן סימן. דאָך האָט בן־ציון אָפּגעשטאַט אַ באַזוך ביי פֿאַניעס עלטערע שוועסטער, אַ פֿרוי אַ חכמה, וואָס האָט ווי געטראָפֿן וואָס ביי אים אויף דער נשמה טוט זיך און אים געזוכט צו באַרויִקן.

עטלעכע טעג נאָך יום־טובֿ איז דווקא יאָ אָנגעקומען אַ בריוו פּונקט ווי בעלייעוו האָט פֿאָראויסגעזאָגט. בן־ציון האָט געענטפֿערט מיט אַ טעלעגראַמע, ווי מען האָט אים אָנגעזאָגט און אויף מאָרגן נאָך שבת־בראשית איז ער אָפּ־געפֿאָרן אויף זיין נייער שטעלע, וואָס האָט געעפֿנט אַ גאַנץ ניי קאַפּיטל אין זיין לעבן.

קאַפּיטל 45

וואָלף אָסיפּאָוויטש

די שולע האָט בן־ציון געהאַט אין אַ שיינעם, ליכטיקן זאַל פון אַ גאַר פיינער הויז, וואָס איז געשטאַנען אין רעכטן צענטער פון שטעטעלע. אין אַ צווייטן ענלעכן זאַל האָט געוווינט וואָלף אָסיפּאָוויטש, אַ פּריוואַטער לערער וואָס האָט צוגעגרייט „עקסטערנעס" צו מיטלשול־עקזאַמענעס. וואָלף אָסיפּאָ־וויטש האָט אויך געהאַט קעסט ביי די באַלעבאַטים פון דעם הויז, וואָס האָבן געפירט אַ נגידישן שטאַט. דאָס וואָרט באַלעבאַטים איז אַביסל איבערגעטריבן, דעם הויז־ווירט האָבן בן־ציון נישט געזען פאַר לאַנגע חדשים. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ בילד־שיינער פרוי אין די פריִע פערציקער, אַ ייִנגל פון אַ יאָר עלף, בן־ציונס אַ תלמיד, און אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. די הויז־פירונג איז געווען אַ גאַנץ רייכע. מען האָט געגעסן פון שענסטן און בעסטן. געקליי־דעט זיך מיטן גאַנצן שיק, אין שטוב איז געווען אַ דינסט. טאָ ווי קומט עס, וואָס אַזעלכע רייכע לייט זאָלן פאַרדינגען צוויי שיינע זאַלן פון זייער וווי־נונג און נאָך פאַר אַזעלכע שווערע שכנים ווי אַ שולע און אַ וווינונג פון אַ פּריוואַט־לערער, וואָס האָט אויך געהאַט היפּש שילער, וואָס פלעגן גיין צו אים אויף און אָפּ?

האָט עס בן־ציונען לכתחילה אינטריגירט, ביז ער האָט זיך דערוווּסט דעם סוד וואָס האָט פאַר אים געעפנט אַ שפּאַרונע אַריינצוקוקן אין אַ ווייניק באַקאַנטן ווינקל פון לעבן פון ייִדישן מיטלקלאַס אין צאַרישן רוסלאַנד אין יענע צייטן. דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געווען אַ מעקלער און פון די גרויסע. ער האָט געמעקלערט „אימעניעס" (גיטער), געהאַט צו טאָן מיט גרויסע פּריצים, איז אָפט געפאָרן קיין אויסלאַנד, ווו זיינע קליִענטן האָבן גע־וווינט אָדער פאַרבראַכט די גרעסטע טייל פון יאָר. דאָס מעקלעריי פון אַ גרויסער „סדיעלקאַ" (געשעפט) האָט געגעבן חיונה בריווח און אַפילו מער אויף אַ לענגערער צייט. אַ יאָר, אַמאָל מער.

האָט מען געלעבט פון דער ברייטער האַנט, זיך אין גאָרנישט אָפּגעזאָגט, געפאָרן קיין קרים „אויף ווייַנטרויבן", אויף קורערטער און באָד־פלעצער. הקיצור: חי געלעבט! פלעגט, אָבער אונטערפאַלן אַ שלעכט שטיקל צייט, קיין „סדיעלקעס" האָט זיך נישט געמאַכט, האָט מען דאָך אָנגעהאַלטן דעם רחבותדיקן לעבנס־שטייגער, כאָטש קיין גרויסע רעזערוון האָט מען קיינמאָל

נישט געהאַט, פלעגט מען זיך פאַרלייען און פאַרבאָרגן. פאַרזעצן דאָס הויז און דאָס צירונג, אָבער אין דרויסן איז גאָרנישט קענטיק געווען: אַלץ כּנהוג.

דער ווינטער וואָס בן־ציון האָט פאַרבראַכט אין שטעטעלע איז געווען איינער פון די מאָגערע יאָרן פאַר דער פאַמיליע פון מעקלער. דער מאַן איז געזעסן ערגעץ אין אויסלאַנד, געמעקלערט אַ פּאָר „אימעניעס”, אָבער די אונ־טערהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרצויגן, די פּריצים האָבן זיך פאַרעקשנט. די פרוי האָט געדאַרפט נישט נאָר אויסהאַלטן דאָס הויז מיטן שטענדיקן גלאַנץ, נאָר אויך צושיקן דעם מאַן געלט אויף זיינע הוצאות. זי האָט ממש באַוויזן וווּנדער פון איניציאַטיוו און געוואַגטקייט. געליען, געבאָרגט, פאַרזעצט, אָבער עס האָט פאָרט נישט געקלעקט. האָט זי פאַרדינגען די צוויי זאַלן, וואָס האָבן געהאַט אַ באַזונדער אַריינגאַנג און האָט געקראָגן נאָך אַ פּאָר צענדליק רובל אַ חודש.

די פרוי, אַ סימפּאַטישע, אַן אינטעליגענטע, אַ קלוגע, האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט און אויף אַ גלעזל טיי אין אירע צימערן האָט זיך בן־ציון באַ־קאַנט מיטן צווייטן לערער וואָלף אָסיפּאָוויטש, אַ מענטשל אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ היפּש פּיין געשוירן בערדל, מיט אַ גאָר גרויסן פליך, מיט צוויי פאַרזשמורעטע אייגעלעך אונטער געדיכטע רבנישע ברעמען, אַ מענטש וואָס האָט לכתחילה געמאַכט אַ נישט־באַזונדער גוטן איינדרוק צוליב זיין עקשנות־דיקער איינגעשלאָסנקייט אין זיך...

וועגן וואָלף אָסיפּאָוויטשן זענען אין שטעטעלע אַרומגעגאַנגען פאַרשי־דענע מיינונגען. ווער עס האָט געזאָגט אַז ער איז אַ סטודענט אויסגעשלאָסן פון אוניווערזיטעט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט; ווער עס האָט געהאַלטן אַז ער איז אַ קרבן פון נישט־געטיילטער ליבע; ווער עס האָט געדרונגען אַז ער איז פּשוט אַוועק פון דעם ווייב... פון וואָלף אָסיפּאָוויטשן גופא האָט מען זיך גאָרנישט געקאָנט דערוויסן. ער איז געווען דאָס וואָס מען רופט אַן אַ „מרוק” — נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין מענטשן, נישט געהאַט קיין פריינט, זעלטן געקומען אין געזעלשאַפט, און איז ער שוין יאָ אַמאָל ערגעץ געקומען, פלעגט ער זיך נישט באַטייליקן אין די שמועסן, בלויז ווען נישט ווען אַריינ־שטעלן אַ וואָרט. אויף פראַגעס פלעגט ער ענטפערן: יאָ, ניין, אפשר, פילייכט... גיי ווייס וואָס אַזאַ איינער טראַכט זיך. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס אָט דעם „מרוק” האָבן זיינע תלמידים דווקא געשעצט און אַפילו ליב געהאַט; ער איז געווען אַ געניטער פּעדאַגאָג, געהאַט אַ קלאָרן אופן פון דערקלערן זאַכן, געווען טרוקן נאָר זאַכלעך, שילער האָבן ביי אים געהאַט אַ פּעולה.

אין די פרייע שעהן וואָס ער האָט ווען נישט ווען געהאַט, האָט וואָלף

אָסיפּאָוויטש ליב געהאַט אַרומשפּאַנען הין און צוריק איבער דעם מיט שניי־באַדעקטן גרויסן הויף, מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין הויך־אויפגעשטעלטן קאָל־נער פון מאַנטל, פאַרדעקט ביז די אויגן מיט אַ צעפּאַרענער ווייכער שליאַפּע, וואָס האָט שוין אַנגעוווירן איר פאַסאָן און קאָליר, אַזוי אַז מען האָט פון זיין פּנים געקאָנט זען נאָר די שפּעלטלעך פון אויגן, אונטערן נאָז צוויי פּאַסיקלעך פון די וואָנצעס. און אַ שטיקעלע קמץ פון בערדל, שפּאַצירנדיק מיט די הענט טיף פאַררוקט אין די אַרבל, פלעגט ער אונטערברומען אַ מאָנאָטאָן ניגונדל פון בלויז דריי טאַקטן און פון פונקט אַזויפיל ווערטער: „אי־אי, דונאַי, דו־נאַי״...

ווי דאָס זאָל נישט זיין מאָדנע האָט דווקא וואָלף אָסיפּאָוויטש סימפּאַטיזירט מיט בן־ציונען, פלעגט אים אַמאָל לאַדן צו זיך אויף אַ פּאַרטיע שאַך, אין וועלכן ער איז געווען אַ מייסטער, אָבער אויך ביים שאַך־ברעטל איז ער גע־בליבן דער זעלביקער „מרוק״, פלעגט זיצן ווי נישט קיין היגער, טרינקען אומצאָליקע גלעזער טיי, וואָס די דינסט פלעגט אַריינדערלאַנגען. און פלעגט צוברומען: „אי־אי, דונאַי, דונאַי״... יעדן פאַרזוך צו פאַרפירן אַ שמועס פלעגט וואָלף אָסיפּאָוויטש אָפּלענקען מיט גאָרנישט־זאָגנדיקע אויסרופן, אָדער גאָר מיט שטילשווייגן. בן־ציונען, וואָס האָט געהאַט אַ שפּרודלדיקע נאַטור, און האָט נישט געקאָנט פאַרליידן קיין סודות, זענען די באַזוכן ביי וואָלף אָסיפּאָ־וויטש געווען נישט צום האַרצן, ביי אַ געלעגנהייט האָט ער עס אָפנהאַרציק געזאָגט וואָלף אָסיפּאָוויטשן. עס פאַלט אָן אַן אימה צו זיצן מיט אַ מענטשן און נישט וויסן ווער און וואָס ער איז. באמת, אָט. ווער קאָן גאַראַנטירן פאַר אים אַז זיין צוריקגעהאַלטנקייט נעמט זיך נישט דערפון וואָס ער איז גאָר אַ שפּיאָן? אויף אַזעלכע פאַרשווינגען זאָגט זיך אין תלמוד: „שפיל ואזיל בר אווא, ועיניהו מטייפי״... ווען בן־ציון האָט געוואָלט פאַרטייטשן די ווערטער אויף רוסיש, די איינציקע שפּראַך וואָס ער האָט אַמאָל געהערט וואָלף אָסיפּאָוויטשן רעדן, האָט יענער מיט אַמאָל אויסגעכאַפּט און אַליין פאַרטייטשט אויף אַ גוטן יידיש: גייט די קאַטשקע נידעריק, אָבער די אויגן שוועבן הויך: פאַר בן־ציונען איז עס געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג. געמאַכט רעדן אַ שטומען... און ווי עס שיינט פון אונדזערע לייט, ווייסט וואָס חז״ל האָבן געזאָגט. ער האָט גענומען זיך דערנעענטערן צו וואָלף אָסיפּאָוויטש, אָפטער באַזוכן אים, פירן לענגערע שמועסן. לכתחילה איז עס געגאַנגען שווערלעך, מיט דער צייט, אָבער, האָט זיך געשאַפן פריינטשאַפט, וואָס האָט געבראַכט מער אָפנהאַרציקייט. וואָלף אָסיפּאָוויטש האָט אים ביי אַ געלעגנהייט געעפנט זיין האַרץ, דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן, דער וועג פון אַ יידישן עילוי, וואָס האָט זיך געוואָרפן

צווישן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, געמיינט צו קענען שאַפן אַ סינטעז פון ביידע און איז געבליבן אינדרויסן, נישט אַהער, נישט אַהין.

נאָך פאַרן סוף זמן האָט וואָלף אָסיפּאָוויטש פאַרלאָזט דאָס שטעטל, פאַר־שווונדן געוואָרן אָן אַ זיי־געזונט, ווי אין וואַסער אַריין. ווער ווייסט באמת, וואָס און ווער ער איז געווען?...

קאַפּיטל 46

„אונדזער" יונה

אַ פרייטיק, ווען בן־ציון איז געקומען פון שולע אַהיים צום מיטיק, האָט ער געטראָפן אַ גאַסט, וועגן וועלכן ער האָט אין שטוב געהערט אַ סך רעדן. פּאַניס אַ פעטער פון מוטערס צד, דער פעטער יונה, אָדער „אונדזער" יונה, ווי ייִדן פון געגנט פלעגן אים רופן מיט שטאָלץ. בן־ציון האָט פאַר זיך דער־זען אַ הויכגעוויקסיקן ייִדן, מיט אַ בלאָנד־שיטער בערדל, מיט בלויע דורכ־דרינגענדיקע אויגן, און נישט מער. איז דאָס דער פעטער יונה וועגן וועלכן מען האָט אַזויפיל גערעדט אין הויז און אין גאַס; וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַ ייִד אַ פּקח, אַ בורר, צו וועלכן מען פלעגט פאָרן ווי צו אַ רבין? דער אויסערלעכער אויסזען האָט גאָרנישט באַשטעטיקט דאָס אַלץ, אַ געוויינט־לעכער ייִד פון קאַלאַניע.

נאָכמיטיק, ווען בן־ציון איז שוין מער נישט געגאַנגען אין שולע, צוליב ערב־שבת, האָט זיך פאַרפירט אַ לאַנגער שמועס צווישן דעם יונגן לערער מיט דעם פון אים היפּש עלטערן גאַסט. זיי האָבן גלייך געפונען אַ געמיינזאַ־מע שפּראַך, ביידע זענען געווען ציוניסטן. פעטער יונה איז געווען אַ פריינט און חבר פון וולאַדימיר טיאָמקין, דער ראַבינער פון יעליסאַוועטגראַד, און אָנערקענטער ציוניסטישער פירער פון יענער געגנט: ער האָט זיך אויך באַ־טייליקט אין מינסקער צוזאַמענפאָר. בן־ציון האָט שוין אויך געהאַט דערפאַ־רונגען אויף דעם געביט, איז געווען וואָס צו שמועסן. בן־ציון האָט איינגע־זען, אַז אויסער איינגעבוירענעם שכל, פאַרמאָגט פעטער יונה אַ גאַנץ אַנט־וויקלטן אינטעלעקט, מיט היפּש ייִדישער און אַלגעמיינער קולטור. ער איז געווען אַ שאַרפער אַנאַליטיקער, געהאַט אַ שנעלע תּפיסה און געקענט פאַר־טיידיקן זיין מיינונג. ווי זשע קומט אַזאַ אַנטוויקלונג און אינטעליגענץ צו אַ „כליעבאָראָב" (ערדאַרבעטער) פון אַ קליינער ייִדישער קאָלאָניע? איז קודם־כל כדאַי צו דערציילן וועגן די קאָלאָניעס פון וואַנען פּאַניעס עלטערן האָבן געשטאַמט.

דאָס זענען געווען צוויי קאָלאָניעס, נישט ווייט איינע פון דער צווייטער, קוים אַ צען וויאָרסט אפשר. איינע אַן עלטערע און גרעסערע, די צווייטע אַ ייִנגערע און קלענערע. איז געווען אַ שטענדיקע ריוואַליטעט צווישן ביידע קאָלאָניעס. די פון דער קלענערער האָבן באַצייכנט די קאָלאָניסטן פון דער

עלטערער, ווי „גנבים", אויף וואָס יענע האָבן רעאַגירט צוטראַכטנדיק פאַר די קאָלאָניסטן פון דער קלענערער קאָלאָניע דעם צונאָמען: „פּענטעס". אפשר פאַרגרייזט פון פּוילישן „פּענטאַקעס"... די דאָזיקע „קאָמפּלימענטן" האָבן אָבער נישט געשטערט אַז מען זאָל זיך משדך זיין, און נישט געווען כמעט קיין קאָלאָניסט אין איין קאָלאָניע וואָס זאָל נישט האָבן קיין קרובים אין דער צווייטער. פאַניע איז געווען אַ „מישלינג"; איר פאָטער איז געווען פון דער גרעסערער קאָלאָניע, איר מוטער פון דער קלענערער.ביידע פאַמיליעס זענען געווען פאַרמעגלעך, אָנגעזען, די זיידעס פוןביידע צדדים זענען געווען ייִדן לומדים, אָבער אויך צווישן די פאַמיליעס האָט זיך געפילט די גוטמוטיקע ריוואַליטעט וואָס צווישן ביידע קאָלאָניעס; בלויז מיטן פעטער יונה האָבן שטאָלצירט ביידע פאַמיליעס.

„אונדזער" יונה האָט געלערנט תורה ביי זיין פאָטער, אַ ייִד אַ למדן, וואָס האָט אַריינגעלעבט אין די טיפע אַכציקער, און איז די לעצטע יאָרן געזעסן על התורה ועל העבודה; האָט פעטער יונה געהאַט ביי ווענען צו לערנען. וועלטלעכע בילדונג האָט פעטער יונה לכתחילה געלערנט ביי די אָרטיקע לערערס פון דער רעגירונגס־שולע, און האָט עס דערגענצט מיט זעלבסט־בילדונג און לייענען. דערציילט האָט מען אַז פעטער יונה האָט אין זיין דירה אַ באַזונדער שטודיר־צימער, מיט אַ ביבליאָטעק פון אַ פּאָר טויזנט עקזעמפּלאַרן, אַז בכלל פירט ער אַ פּריציש לעבן, אַ פּריצישע שטוב, בעסטע מעבל, פּאָרטיערעס ביי די טירן, גאַרדינען אויף די פענצטער, מיט הויז־פלאַנצן און שטוב־בלומען, אַז ער פאָרט אַרויס אין ממש פּריצישע עקיפּאַזשן אאַז״וו. איז בן־ציון געווען אַביסל אומדיסקרעט און האָט געפרעגט צי עס איז אַלץ אמת, און אויב יאָ, ווי קומען צו אַ קאָלאָניסטישן זון אַזעלכע השגות.

פעטער יונה האָט דערקלערט אַז עס איז טאַקע אמת, און געקומען איז עס, ווי ער האָט זיך געוויצלט, פון צופאַל און פון איינפאַל. חוץ זיין נחלה האָט נאָך פעטער יונה אונטערגעהאַנדלט מיט תבואה, ער פלעגט אַפילו מאַכן קליינע „שפּעקולאַציעס" אויף דער תבואה־בערזע פון דער באָענטער האַפן־שטאָט, פון וואַנען די תבואה פלעגט געשיקט ווערן קיין אויסלאַנד. האָט אים איין יאָר שטאַרק אָפּגעגליקט. סיי דאָס גערעטעניש אויף די פעלדער איז געווען גוט, סיי די „שפּעקולאַציע" האָט מצליח געווען. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען מיט היפּשע עטלעכע צענדליק טויזנט רובל אייגנס. ביז אַהער — דער צופאַל; איצט קומט דער איינפאַל. בטבע איז פעטער יונה נישט געווען קיין אץ להעשיר, נישט געיאָגט זיך נאָך עשירות. ער האָט געהאַט געגוג נייגונג צו גייסטיקן לעבן און נישט געוואָלט צופיל פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ ביי גרעסערע מסחרים. דערצו איז דער תבואה־מסחר געווען אַ

מ׳ין לאָטעריע, אָדער מען האָט געקענט נתעשר ווערן, אָדער ח״ו בדיל־הדל ווערן. איז פעטער יונהן אײַנגעפאַלן, ער זאָל זיך אין קיין גרעסערע מסחרים נישט אַרײַנלאָזן; לעבן קען ער פון דער נחלה, פון אַביסעלע מסחר, אַ קאָ־פּעלע „שפּעגולאַציע״. דעם גרויסן פּאַרדינסט וועט ער פאַרטאָן אַ טייל אויף אײַנשאַפן זיך אַביסל מותרות: אַ פיינע שטוב, מעבל, עקיפּאַזשן וכ׳. די רעשט אָפּלייגן „נאַ טשאָרני דיען״ (אויף אַ רעגנדיקן טאָג), און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. געבליבן ביי זיך פּראָסט־עמכדיק ווי פריער, גוט־ברודער מיט דער גאַנצער וועלט, און שלום מיט זיך אַליין.

האָט מען אָנגעהויבן אַרויפקוקן צו אים, פאָרן מיט אַ בוררות, נאָך אַן עצה, וועגן אַ שתדלנות, מכוח אַ גמילת־חסד. מיין גרויסער פאַרדינסט — האָט פעטער יונה געענדיקט מיט אַ הלצהלע — האָט מיר געגעבן פרייע צייט פאַר אַנדערע; אויב איך האָב נישט קיין אייגענע זאָרג, טראָג איך פרעמדן „כלאָפּאָט״. אָבער ער נעמט עס אָן פאַר ליב.

איז בן־ציונען געפעלן געוואָרן די לעבנס־פילאָסאָפיע פון אַן אינטעלי־גענטן ייִדישן קאָלאָניסט. אָבער דער ווינטערדיקער טאָג איז קורץ, די קאָלאָ־ני׳ע איז טאַקע נאָענט. אָבער קומען אַהיים דאַרף מען פאַר שקיעה. האָט זיך פעטער יונה געזעגנט מיטן יונגן לערער, אײַנגעלאַדן אים צו באַזוכן זיין הויז, אַ זאַך וואָס בן־ציון האָט טאַקע שפּעטער געטאָן, ווען אַפילו אין גאָר אַנדערע באַצ׳יונגען און באַדינגונגען.

די אויפמערקזאַמקייט וואָס פעטער יונה האָט געשאַנקען בן־ציונען. האָט געהויבן דעם פּרעסטיזש פון יונגן לערער אין די אויגן פון פאַניעס עלטערן. וויבאַלד אַז „אונדזער״ יונה קען מיט אים אָוועקשמועסן אַזוי לאַנג, איז דאָס בחורל מסתמא נישט קיין „פּראָמאַך״ (טויגעניכטס), אַפילו פאַניע האָט אַביסל געמילדערט איר באַצ׳ונג צו בן־ציונען. פאַניע איז געווען די באַליבטסטע פלימעניצע פון פעטער יונה, זי האָט געהאַלטן פון אים אַן עולם ומלואו. און ער האָט איר געגליבט אַז זי האָט אַ מאַנסבילשן קאָפּ אויף זיך; אַן אָפּשיין פון אָט דער קעגנזייטיקער אַכטונג איז איצט אויך געפאַלן אויף בן־ציונען.

דאָס וואָס בן־ציון איז אָנגעקומען אין הויז ווי אַ קעסט־קינד האָט פאַניע באַטראַכט ווי אַ שטיקל עזות. איר הויז איז נישט קיין אכסניא. ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט פון איר וויזיט ביי קרובים און האָט זיך דערוווּסט אַז די שטוב איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ קוואַרטיראַנט, האָט עס איר פאַרדראָסן. ביי איר ערשטער באַגעגעניש מיט בן־ציונען האָט זי אים אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ בליק, אַז עס האָט אים דערמאָנט אין אָסטראָווסקיס אַ דראַמע: „קריך נישט, נישט אין דיין שליטן״. אין אַלע פאַלן האָט זי געהאַלטן, אַז ער האָט געדאַרפט דערוויל פאַרפאָרן אין אַן אכסניא און וואַרטן ביז איר צוריקקומען

בכדי צו באַקומען איר דערלויבעניש אָדער צושטימונג. אַזאַ „אַריינרייסן" זיך אין איר לעבן, קען זי נישט אָננעמען. אַלע טענות און תירוצים האָבן נישט געהאָלפן, די באַציִונגען זענען געבליבן שטאַרק אָנגעצויגן, און דער באַזוך פון פעטער יונה האָט מיטגעווירקט די דאָזיקע אָנגעצויגנקייט צו מילדערן. פאַניע איז בייגעוועז דעם גאַנצן שמועס, זי האָט געזען די באַציִונג פון איר פעטער צום יונגן לערער, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: מילא, זאָל ער וווינען אין שטוב. די באַציִונגען צווישן די יונגע מענטשן האָבן זיך היפּש געבעסערט.

קאַפּיטל 47

אַ חנוכה-אָוונט מיט ש. ש. פרוג

אַ צופאַל האָט גורם געווען אַז די באַציִונגען צווישן בן־ציון און פאַניע זאָלן ווערן גאָר חברלעך. אין שטעטעלע איז דערגאַנגען אַ ידיעה אַז דעם לעצטן טאָג חנוכה וועט אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט פאָרקומען אַ גרויסער חנוכה־אָוונט לטובת די נישט־פאַרמעגלעכע יידישע סטודענטן, און אויף דעם אָוונט איז ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן דער באַרימטער יידיש־רוסישער פּאָעט שמעון (סעמיאָן) שמואל פרוג.

פרוג איז דאַן געווען אויפן זעניט פון זיין פּאָעטישער גלאָריע. זיינע נאַציאָנאַלע געדיכטן, וועלן אַפילו מערסטנס געשריבן אין רוסיש, זענען גע־זונגען געוואָרן פון טויזנטער און טויזנטער יידישע יוגנטלעכע, וועמענס אומ־גאַנג־שפּראַך איז שוין געווען רוסיש. זיין „בילו־מאַרש״ וואָס ער האָט פאַר־פאַסט אין 1882, האָט אין די רעוואָלוציע און פּאָגראָם־יאָרן באַקומען אַ גאָר ספּעציעלע באַדייטונג; דאָס פאָלק איז ווידער געשטאַנען מיטן וואַנדער־שטאָק אין האַנט, גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, האָט דער ערשטער פערז פון פרוגס באַרימט ליד געקלונגען ווי אַן אויפמונטערונג אין שווערע צייטן:

„אי זאָראָק גלאַז, אי קרעפּקי נאָגי, אי פּאָסאָך ציעל נאַראָד ראָדנאָי.
טשעהאָזש טי סטאָל סרעדי דאָראָגי, פּאָניק סיעדאָי גאָלאָוואָי?״

אויף יידיש מיינט עס:

שאַרף דאָס אויג און פעסט דער טראָט, דער שטאָק אויך גאַנץ
מיין אייגן פאָלק.
וואָס־זשע שטייסטו אין מיטן וועג, מיט גרויען קאָפּ אַראָפּגעלאָזט?...

און ווייטער זינגט דער פּאָעט צו זיין פאָלק: „דיינע קינדער פון אַרום קומען צוריק צו דיר. מיט זיי צוזאַמען, אונטערן קלאַנג פון אַלטן ליד, גיי פאָראויס! פאָראויס!״

אין שווערע מאָמענטן, נאַציאָנאַלע ווי פּערזענלעכע, האָבן יידישע יוגנט־לעכע פאַרגאָסן זודיקע טרערן אויף פרוגס אַ רוסישן פערז:

„דוואַ דאָסטאָיאַניאַ דאַלאַ מניע סודבאַ: זשאַזשדו סוואָבאָדי אי
דאָליו ראַבאַ.״

צוויי פאַרמעגנס האָט מיר דער גורל געגעבן: לעכצונג צו פרייהייט,
פון שקלאַפן אַ לעבן.

אויף ייִדיש האָט מען דאַן געזונגען און דעקלאַמירט פרוגס „זאַמד און שטערן", „די טראַיקאַ" — ווו עס זאָגט זיך אויך עפּעס וועגן לאָזן זיך אין וועגן אַריין: „האָט נישט קיין מורא, ישראליק איז קלאָר און בקי אין הלכות עגלה"... אויך האָט מען געזונגען „די לירע" אין וועלכער דער פּאָעט פרעגט ביי די שטערן:

„שטערן שיינע, וועלטן איינע, זאָגט כאָטש ווער פון אייך אַ וואָרט,
פאַר אַן אָרעם פאָלק, גאָר אַ קליינעם, האָט נישט ווער פון אייך
קיין אָרט?"

הכלל, פרוג איז דאַן געווען פיל פּאָפּולערער ווי פילע ווילן עס צוגעבן, בפרט אויפן דרום, ווו ער איז געווען אַן אייגענער, אַ היימישער, אַ זון פון דער קליינער קאָלאָניע „באָבראָווי קוט", ביים דניעפּר. האָט קאָלאָניסטישע יוגנט, ווי אויך די שטעטלשע באַטראַכט פרוגן ווי א י ר פּאָעט, אַ „זעמ־ליאַק" (לאַנדסמאַן) דערצו, און זיין אויפטריט אין דער גרויסער שטאָט פון געגנט האָט אויפגערודערט די אַרומיקע שטעטלעך.

בן־ציון איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער שטימונג. פאַניע האָט אויך געהאַט חשק צו פאָרן. אָבער ווי באַקומט מען די צושטימונג פון אירע עלטערן? האָט מען זיך לאַנג געישובט, אָבער עס איז נישט געבליבן קיין אַנדער וועג ווי דער גלייכער, איבעררעדן מיט פאַניעס מוטער, אַ ייִדענע אַ חכמה, וואָס האָט ווי אַן אמתע אשה צנועה אַלעמאָל געטאָן ווי איר מאַן האָט געהייסן. אָבער גראַד פלעגט אַלעמאָל טרעפן אַז דער מאַן פלעגט איר הייסן טאָן וואָס זי האָט געוואָלט... פאַניעס מוטער איז געווען פאַרגלייבט אין פעטער יונה, ווי אַ חסיד אין רבין, און וויבאַלד איר ברודער האָט אַזוי אויפגענומען בן־ציונען, איז דאָך נישט שייך. דערצו איז פאַניע אַ בחורטע וואָס קען אַליין באַשטיין איר שטעטל, איז קיין בייז, זאָלן די קינדער פאָרן. פאַניע וועט איינשטיין ביי אירע קרובים. הכלל, אַ טאָג פאַרן קאָנצערט, זענען בן־ציון מיט פאַניען אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט.

פאַניעס קרובים האָבן געשטאַמט פון קאָלאָניע, געהאַט אַ פיינע קראָם אין שטאָט, געגעבן זייערע קינדער אַ גוטע דערציִונג. אָבער אָנגעהאַלטן די צוגעבונדנקייט צו משפחה און אַפילו אַ געוויסע בענקשאַפט צו דער קאָלאָניע. די עלטערן, וואָס האָבן מערסטנטייל גערעדט רוסיש, האָבן נאָך געקענט ייִדיש. די קינדער האָבן שוין קיין ייִדיש נישט גערעדט, העברעיִש האָבן זיי אַביסל

געלערנט, אַביסל פֿאַרגעסן. זייער שפּראַך, זייער קולטור, זייערע אינטערעסן זענען געווען רוסיש, כאָטש זיי האָבן אָנגעהאַלטן זייער צוגעבונדנקייט צו זייער ייִדישן אָפּשטאַם. אין שטוב האָט מען אָפּגעהיט אַ ריי ייִדישע טראַדי־ציעס, אָבער מער מעכאַניש ווי באַוווסטזיניק, עס איז געווען „מצוות אנשים מלומדה", אָן באַוווסטזיין, בלויז געפֿיל.

מיט די געסט האָט מען זיך דערפֿרייט, אָבער ווער ווייסט צי וועלן זיי קריגן בילעטן? האָט זיך בן־ציון, באַגלייט פֿון עלטערן זון פֿון פּאַניעס קרוּ־בים — ליאָוואַ — אַרויסגעלאָזט אויף געיעג, טאָמער וועט מען פֿאַרט עפּעס קריגן, און נאָך לאַנגע זוכענישן האָט מען באַקומען איינטריטס־קאַרטן, אָבער שוין גאָר פֿון די טייערע: דריטע ריי.

דער פֿייערלעכער חנוכה־אָוונט איז פֿאָרגעקומען אין „דוואָריאַנסקאָיע סאָבראַניע" (קלוב פֿון אַדעליקע), אַ פּרעכטיקע געביידע אין צענטער פֿון שטאָט. דער זאַל איז געווען אויפֿן ערשטן שטאָק, וווהין מען האָט גע־דאַרפֿט אַרויפֿגיין אויף ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ, אויסגעבעט מיט אַ דיקן טעפּיך. דער גאַנצער זאַל איז געווען פֿאַרגאָסן מיט עלעקטרישע ליכט, עס האָט געהערשט אַ גאָר פֿייערלעכע שטימונג. בן־ציון האָט אַזעלכעס נאָך קיין־מאָל נישט געזען, איז ער אַביסל צעטומלט געוואָרן פֿון אַזוי פֿיל שיין און גלאַנץ. פּאַניע איז שוין יאָ געווען אין שטעט אויף קאָנצערטן, אָבער אויך אויף איר האָט דער זאַל געמאַכט אַ רושם.

לכבוד פּורוגן איז געקומען די „טשעלאָ" פֿון שטאָט. דער גראַדאָנאַ־טשאַלניק (שטאָט־רעגירער), דער אַדמיראַל, הויפּט פֿון דער פֿלאָט־באַזע, דער „גאָלאָוואַ" (הויפּט) פֿון שטאָט־ראַט, דער פּאָליציימייסטער, הויכע אָפֿיצירן פֿון גאַרניזאָן. די ערשטע ריי האָט געשימערט מיט גאָלד פֿון קנעפּ און עפּאָ־לעטן. די פּירער פֿון דער ייִדישער געמיינדע זענען, פֿאַרשטייט זיך, געווען אָנגעטאָן ציוויל; דער גלאַנץ פֿון זייערע פֿליכן, האָט קאָנקורירט מיטן גלאַנץ פֿון די אוניפֿאָרמעס.

דאָס פּראָגראַם איז געווען צונויפֿגעשטעקעוועט מכל המינים: אַ חזן האָט געבענטשט חנוכה־ליכט, אַ כאָר האָט געזונגען מזמורים, ווי אויך די הללויה פֿון רובינשטיינס אָפּערע „די מאַקאַבעער"; אַ סאָפּראַנאָ פֿון דער איטאַליעני־שער אָפּערע האָט געזונגען „אָווע מאַריאַ". עס האָט געשפּילט אַן אוניסאָן פֿון פֿערציק פֿידלען. אַ ווירטואָז אַ פּיאַניסט האָט געגעבן אַ קליינעם קאָנצערט. קיין רעדעס זענען נישט געווען... אין רוסלאַנד זענען דאַן נישט געווען די צייטן צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן „בונטאָווטשיקעס" (אויפֿשטענדלער) — און די חשמונאים זענען דאָך פּונקט דאָס געווען. דער עולם האָט געהערט דעם קאָנצערט אויפֿמערקזאַם, אָבער געוואַרט אויפֿן עיקר־העיקרים — פּרוג.

און אָט איז דער פּאָעט דערשינען אויף דער עסטראַדע. אַ מיטלוווקסי־קער מאַן מיט אַ הוילן קאָפּ, דאָס געזיכט מיטן פּליך איין אויסגוס, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סורדוט, אָפּגעפּרישט דורך אַ ווייסן זשילעט. אַ שטורעמדיקע אָוואַציע האָט אים באַגריסט. ער האָט אָנגעהויבן שטיל, גאָר שטיל, אָבער נאָך שטילער איז געווען אין זאַל. פון לכתחילה האָט פרוג דעקלאַמירט אַל־געמיין־רוסישע פּאָעזיעס: „סטעפּ“, „די אָנזאָגער פון פרילינג“ אאַ״וו. דער עולם האָט רוישיק און ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט.

ביסלעכווייז איז פרוג אַריבער טאַקע אויף רוסיש, נאָר צו יידישע טע־מעס, דורכגענומען מיט יידישע שטימונגען: „טראָג אַוועק מיין נשמה אין בלוילעכן ווייט, ווי אַ גאָלדענע סטעפּ צעלייגט זיך אין ברייט: אַזוי ברייט ווי מיין גורלדיקער אומעט, ווי מיין אויסגאָגנגלאָזער טרויער“, נאָכהער „פאַרכי־שוף מיך“, וואָס שליסט זיך מיטן העלדישן אַרויסרוף: „זיגן אָדער פאַלן! נאָר אין קאַמף, אין קאַמף!“ דערנאָך דאָס זאַפטע צאַרטע „געבעט“ — אַ תפילה אַז עס זאָל אים געגעבן ווערן דער זכות „כאָטש איין טרער אָפּווישן פון דעם ליידנדיקן פּנים פון מיין אומה, כאָטשבי איין רויז אַריינפלעכטן אין איר גרויזאַמען דערנער־קראַנץ“. יידן האָבן אַפּלאָדירט מיט אַלע כוחות, אויך גויים האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט.

לסוף איז דער פּאָעט אַריבער אויף יידיש. מען האָט דערלויבט נאָר איין געדיכט, האָט ער אויסגעקליבן צו פאַרלייענען „דער חזיר און דער לאָקשנ־ברעט“, אַ סאַרקאַסטישע פּאַראָדיע אויף דער צאַרישער גערעכטיקייט, ווען מען באַפרייט דעם אָנגרייפער און מען באַשולדיקט דעם געליטענעם; אַ מעשה מיט אַ חזיר וואָס שטעלט זיך אַוועק אויסקראַצן זיך ביי אַ לאָקשנברעט, וואָס איז אַ טייל פון אַ יידישער סוכה, און קערט איבער די גאַנצע „געביידע“. פאַראַן היזקות, פאַראַן צעשלאָגענע, אָבער דער „קוואַרטאַלני“, צו וועמען מען קומט נאָך גערעכטיקייט, האַלט אַז דער חזיר איז נישט שולדיק: עס בייסט אים נעבעך, קראַצט ער זיך, ווו שטייט עס אַז מען טאָר נישט? שול־דיק איז די לאָקשנברעט, פאַרוואָס איז זי געפאַלן?“... און דער פּאָעט פאַרענ־דיקט: „נאָר איר באַטראַכט די גאַנצע זאַך, גאַנץ רויק און געדולדיק, איאָ? דער חזיר איז גערעכט, די לאָקשנברעט איז שולדיק“...

האָט דער יידישער עולם אָנגעקוואָלן פון דער שאַרפער סאַטירע, אַ סך האָבן זיך דערוווסט, אַז זיי פאַרשטייען דאָך פאָרט יידיש... האָט מען אַפּלאָ־דירט ביז די הענט האָבן אָנגעהויבן ווי טאָן. גויים האָבן פון איידלקייט וועגן אויך מיטגעפּאַטשט. עפּעס האָבן זיי געפילט אַז דער ענין איז אַ שאַרפער און נישט מען לאַכט, נאָר מען לאַכט אָפּ, אָבער עס איז געווען אַ לעגאַלע פּאָע־

זיע, דערלויבט פון צענזאָר. האָט מען געמוזט מאַכן אַ שווייג. דער חנוכה־אָוונט איז געווען אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג.

פאַר בן־ציונען האָט ער געהאַט גאָר אַ ספּעציעלע באַדײַטונג. ער האָט אויפן גאַנצן לעבן פאַרזיגלט זײַן גורל. די צוזאַמען איבערגעלעבטע עמאָציע אויפן אָוונט, די רײַזע הין און צוריק, דער אײַנדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף פאַניעס קרובים און באַקאַנטע, האָט אים שטאַרק דערנענטערט צו פאַ־ניען, וואָס האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט גאָר אַנדערע אויגן... אין אַ חודש אַרום איז געווען דער קנסמאָל.

קאַפּיטל 48

מיט קאָלאָניסטישער יוגנט

אַ פּאָר וואָכן נאָכן קנסמאָל, זענען בן־ציון מיט פאַניען געפאָרן אויף אַ שבת צום פעטער יונה אין קאָלאָניע. בן־ציון האָט זיך געקענט איבערצייגן, אַז די אַלע מעשיות וועגן פעטער יונה און זיין שטאָט פון לעבן זענען נישט געווען איבערגעטריבן. דאָס הויז און די פירונג זענען טאַקע געווען פריציש, די ביבליאָטעק אַ רייכע און פאַרשידנאַרטיקע, און דער פעטער יונה אַליין — אַ ייִדישער אינטעליגענט, אַ שטיקל פאַנטאַזיאָר און אַ גאָר גרויסער פּראַק־טיקער.

אַ חידוש איז געווען פאַר בן־ציונען דעם פעטער יונהס עלטערער בחורל, מיט אַ פּאָר יאָר ייִנגער פון אים, פיניע ביים נאָמען, וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַ שרייבער. זיין טאַלאַנט איז אויך געווען פון דער מדרגה ווי ווילד־גראָז אין פעלד. נישט האָבנדיק קיין הדרכה אויסער פון פאָטער, קיין סביבה — האָט ער אָנגעהויבן שרייבן נישט קיין לידער אָדער דערציילונגען, ווי דער שטייגער איז, נאָר גלייך אַ ראָמאַן אין פיר טיילן, אַ דראַמע וואָס דער אָרטיקער ליבהאָבער קרייז האָט שוין אויפגעפירט. הכלל, אַן עכטער שרייבער.
איז מען זיך נאָך דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער סעודה צונויפגעקומען צום פע־טער יונה, אָנגעפילט די גרויסע צימערן פון הויז, און פיניע האָט געלייענט פון זיינע שאַפונגען. אוודאי איז עס נאָך געווען רוי, נישט געהובלט, אָבער דער קאָלאָניסטישער עולם, יוגנט און עלטערע, האָבן שטאָלצירט דערמיט; אין זייער קאָלאָניע קומט אויף אַ ייִדישער שרייבער. איז עס נישט קיין חידוש? באמת, איז עס גאָרנישט אַזאַ וווּנדער. די קאָלאָניע „באָבראָווי קוט" איז נישט גרעסער און האָט דאָך אַרויסגעגעבן דעם גרויסן פרוג, איז פאַרוואָס זאָל פּי־ניע נישט זיין קיין צווייטער פרוג? האָט ער שוין אַוועקגעשיקט אַ פּאָר פון זיינע שאַפונגען צו פרוגן און יענער האָט אים אַפילו געענטפערט מיט אַ פּאָסט־קאַרטל, וואָס פּיניע היט אָפּ ווי אַן אבן־טוב, כאָטש דעם אינהאַלט וויל ער קיינעם נישט ווייזן... האָט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט געפירט אַ דע־באַטע וועגן ליטעראַטור, וועגן שפּראַכן. געווען ווער עס האָט געהאַלטן, אַז פיניע דאַרף אַריבערגיין אויף רוסיש, ווייל ייִדיש איז סתם קיין שפּראַך נישט, עפּעס אַ זשאַרגאָן דאָרטן, כאָטש גערעדט האָבן אַלע אַ געשמאַקן דרום־רוסישן

ייִדיש מיט אַלע פּליטערלעך, אַז עס איז געווען אַ מחיה צו הערן, דאָך איז געווען אַ שטרעבונג צו רוסיש...

שבת פאַר מיטיק האָט פאַניע פאַרבראַכט מיט אירע חברטעס, מיט יוגנט־חברים. בן־ציון האָט געמוזט גיין אין שיל, זיך לאָזן אויפרופן, זאָגן מפטיר, שמועסן מיט הערשל־אבא דעם גבאי אין וועלטלעכע ענינים. הערשל־אבא האָט ליב געהאַט אַביסל חקירה, און דער עולם האָט צוגעלייגט אַן אויער צו הערן וואָס זאָגט עפּעס ייִדלס חתן...

אַ גאַנצן נאָכמיטיק איז מען געגאַנגען מיט וויזיטן צו קרובים, אָרעם און רייך — אַלע גלייך, מען האָט קיינעם נישט פאַרשעמט, דער משפּחה־בונד איז געווען גענוג שטאַרק. דאָך האָט מען געמוזט מאַכן אַ שטיקל איבעררייס, בכדי זיך צוצוגרייטן צום גרויסן באַזוך ביי קרובים וואָס זענען שוין געווען מער הייִנטוועלטיקע, ווו די טעכטער האָבן געשפּילט פּידל, דער זון האָט געלערנט אין מיטלשול; הכלל — אַריסטאָקראַטיע. געגרייט און געפּוצט האָט מען זיך ווי עס וואָלט געווען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ וויזיט, כאָטש מען האָט אינגאַנצן געהאַט צו גיין אַ פּאָר הייזער ווייטער. איז עס באמת געווען אַ גאָר פיינער פאַרנאַכט, די טאָכטער האָט געשפּילט בעסערע מוזיק, דער זון האָט דעקלאַמירט אין רוסיש פון דעם דאַן פּאָפּולערן „טשטיעץ"־דעקלאַמאַטאָר, אַן אַנטאָלאָגיע פון רוסישער פּאָעזיע און פּאָעטישער פּראָזע. דער בחור האָט געהאַט אַ פיינע דיקציע, אַביסל שולע. אין דער טונקלקייט פון „שבת פאַר־נאַכט" האָבן די דעקלאַמאַציעס פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן, עס האָט זיך געפילט דער „ליבער שבת־קודש וואָס גייט אַוועק", כאָטש קיין „ג' פון אַבר־הם" האָט קיינער נישט געזאָגט, קיין מנחה־ומעריב נישט געדאַווענט, קיין הב־דלה נישט געמאַכט, אָבער קיין ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן ביז שפּעט אין אָוונט — פּאָרט אַ ייִדיש הויז. דאָס אָנגעצונדענע ליכט האָט אַביסל גע־שטערט די ראָמאַנטישע שטימונג, איז מען אַריבער צו געזאַנג, ביחידות און אין כאָר, רוסישע זמירות, רעוואָלוציאָנערע לידער און פאָלקלאָר, דאָך האָט מען געבאַמקעט אויך די ווערטער פון „אליהו הנביא", און אַפילו געשמאַק געזונגען „אויפן פּריפּעטשאָק" און אַנדערע ייִדישע לידער.

שפּעטער, אין אָוונט, איז מען געגאַנגען צו אַ רעפּעטיציע פון ליבהאָבער־קרייז. דער רעזשיסאָר איז אויך געווען אַ היימישער מענטש, אַ לערער, אַן עלטערער נאָר אַ שיינער יונגערמאַן מיט אַ פּעך־שוואַרצער באָרד און קויל־שוואַרצע אויגן, וואָס האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג ביי פרויען און איז דאָך לאַנג פאַרבליבן אַן עלטערער בחור, און נאָך אַ פּאָר יאָר נישט געראָטענער הייראַט איז ער געוואָרן אַן עלטערער גרוש. דאָס איז געווען אַ פולשטענדי־קער באַהעם, אַ באַאַבטער, אַ פעיִקער, אָבער אַ כאַראַקטערלאָזער, דערביי

זאָרגלאָז ווי אַ קינד. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין פּרנסה צו דער צווייטער, געווען אַ לערער, אַ וואַיאַזשאָר, אַ פאַרקויפער פון רוסישע ביכער אויף אויס־צוצאָלן, האָט געקענט פיין פאַרווילן אַ געזעלשאַפט, דערציילן מייסטער־האַפט אַרמענישע און גרוזינישע אַנעקדאָטן, געקענט נאָכמאַכן דעם אַקצענט פון אַ סך מינדערהייט־פעלקער ווי זיי רעדן רוסיש, אַליין האָט ער גערעדט די שפּראַך ווי אַן עכטער פּאַניע און האָט שטאָלצירט דערמיט. מיט טעאַטער האָט ער זיך אַנגעזעגן אין די גרויסע שטעט ווו ער האָט געלעבט יאָרן, האָט ער מסכים געווען צו פאַרבלייבן אויף אַפּרו אַ פּאָר חדשים אין קאָלאָניע און זשערווייל רעזשיסירן מיטן ליבהאָבער־קרייז. רעפּעטירט האָט מען צוויי איינ־אַקטערס, איינעם אַ יידישן און איינעם אַ רוסישן. דער יידישער איינאַקטער איז געווען אַ מאַכערייקע. אויף בן־ציונס פראַגע, פאַרוואָס מען שפּילט אַזאַ שונד, האָט דער רעזשיסאָר געענטפערט, אַז דער עולם וואָס קומט צו יידישע פאָרשטעלונגען פאַרלאַנגט נישט און פאַרשטייט נישט קיין בעסערס... „טאַ לי דיעלאָ, רוסקי ספּעקטאַקל״ — אָבער ביי אַ רוסישער פאָרשטעלונג איז עס גאָר אַנדערש, עס קומט די אינטעליגענץ, די יוגנט, די קולטורעלערע פון צווישן די קאָלאָניסטן, אַמאָל עמיצער פון די נאָענטע פּריצים אָדער פון די אייזנבאַן־באַאַמטע, דאַרף מען זיין געהיט מיטן אויסוואַל פון דער פּיעסע, מיט דער רעזשי, מיטן שפּיל... עס זאָל זיך נישט פילן דער יידישער קוגל, „שטשאָב ניע אודאַריט ליצאָם ווי גריאַז״ — מען זאָל נישט אַריינפאַלן מיטן געזיכט אין בלאָטע.

האָט בן־ציונען אַוודאי פאַרדראָסן, און נאָך דער רעפּעטיציע האָט זיך פאַרפירט אַ שאַרפער וויכוח, צי דאַרפן זיך יידן אַזוי שטאַרק רוסיפיצירן, ביז גרינגשאַצן די אייגענע גייסטיקע שאַפונג. די דיסקוסיע איז געווען אַ היי־ציקע. גאָר שטאַרק האָבן זיך געקאָכט אַ פּאָר שילער פון דער „פערמע״, אַ מין פּראַקטישע אַגריקולטור־שולע וואָס די יק״אַ האָט אויפגעשטעלט אין דער געגנט פון די קאָלאָניעס און וווהין קינדער פון פאַרגעשריטענע קאָלאָ־ניסטן פלעגן פאָרן לערנען מער וויסנשאַפטלעכע ראַציאָנעלע באַאַרבעטונג פון באָדן. אין „פערמע״ איז אַפילו געווען אַ שיל מיט אַ ספר־תורה, מען האָט פאַרמעל אָפּגעהיט שבת און געפּראַוועט ימים־טובים. אָבער שטאַרקער פון דעם זענען געווען די רוסיפיקאַטאָרישע, אויב נישט אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. יידן אין רוסלאַנד האָבן אויף אייביק פאַרבונדן זייער גורל מיט אָט דער גרויסער אימפּעריע און מוזן זיך אידענטיפיצירן מיט דער סביבה. וויפל עס וועט בלייבן פון יידישקייט וועט זיין געוווּנג, יידישקייט איז דאָך בכלל אַ זאַך פון ווייטע מקומות און ווייטע יאָרהונדערטער, איז נישטאָ קיין באַזונדערער איינ־

טערעס אָפּצוהיטן אַן אָפּגעזונדערטקייט וואָס איז מאָטיווירט בלויז מיט אָפּ־
געלעבטע אידייען און פאָרמען.

בן־ציון האָט שאַרף אָפּאָנירט. ער האָט אויך אַ פּאָר אָנהענגער, אָבער דער
קאַמף איז געווען אַ פאַרשפּילטער. זיי זענען געבליבן אין דער מינדערהייט...

קאַפּיטל 49

יוסטע באַלעבאַטים

חול־המועד פּסח איז חתן־כּלה געפֿאָרן צו גאַסט צו די קרובֿים פֿון פֿאָטערס צד, אין דער גרעסערער און עלטערער קאָלאָניע. געפֿאָרן איז מען מיט דער היימישער ברישקע וואָס עס האָט אָנגעטריבן פֿאַניעס יינגערער ברודער. אַלס „שומר" איז מיטגעפֿאָרן פֿאַניעס יינגערע שוועסטער, אַ פּרעכטיק שיין מיידל, וואָס האָט שטודירט אויף אַפּטייקערין און האָט שוין געאַרבעט ווי אַ „אוטשעניצאַ" (לערנמיידל) אין אַ נאָענט שטעטל. אַ מיידל אַ וווקסיקע און זייער אַ שיינע, האָט די שוועסטער געהאַט אַ ים מיט קאַפּריזן. פֿאַניען האָט זי ממש פֿאַרגעטערט, סיי אַלס מענטש, סיי אַלס שוועסטער, סיי ווי די וואָס האָט פֿאַר איר אויסגעקעמפֿט דאָס רעכט צו „שטודירן און ווערן אַ מענטש". פֿאַר איר איז זי געווען „מאָיאַ פֿאַניאַ" — מיין פֿאַניע, און אויף בן־ציונען האָט זי געקוקט ווי אויף איינעם וואָס איז געקומען צונעמען עפּעס וואָס האָט געהערט אויסשליסלעך צו איר. פֿאַניע האָט געזוכט אָנצוהאַלטן שלום צווישן איר חתן און איר שוועסטער, האָט זיך באַקומען אַן אַבסורדע סיטואַציע וואָס בן־ציון מיט זיין צוקונפֿטיקער שוועגערין האָבן זיך געהאַלטן אין איין איבערבעטן, כאָטש זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געהאַט צעקריגט... אויך אויף דער חול־המועדיקער נסיעה איז עס געקומען צו אַזאַ איבערבעטן זיך. מען האָט זיך דורכגערעדט „פּאָ דושאַם" (אָפֿנהאַרציק), מען האָט זיך מודה געווען אַז מען האַנדלט קינדיש, נאַריש, מען האָט זיך האַרציק צעקושט, מען איז געוואָרן „פּער דו" און מען האָט מיטאַמאָל דערפֿילט די שיינקייט פֿון דעם אַרומיקן פּייזאַזש אין וועלכן מען איז געמיטלעך געפֿאָרן.

עס איז פֿרילינג, די זון שיינט און וואַרעמט, די פֿעלדער הויבן שוין אָן גרינען, אָבער מען פֿילט נאָך דעם אייגנטלעכן אַראָמאַט פֿון רויער ערד, די פֿעלד־בלומען נאָך ווייניקע אין צאָל, פֿאַרשיכורן מיט זייערע ריחות, פֿייגל זינגען פֿריילעך, די קו־קו רופֿט זיך איבער מיט איר זיווג, עס איז פֿול מיט לעבן, אויפֿן האַרצן איז אויפֿגעלייגט, עס ווילט זיך אַ זינג טאָן, אויסשרייען די געפֿילן וואָס האָבן געברויזט אינעווייניק, כאָטש מען האָט שוין געוווסט אַז „שרייען איז נישט זינגען", אָבער, וואָס מאַכט עס אויס? מען איז דאָך יונג, געזונט, פֿריידיק, מען פֿאָרט צו גאַסט, מעג מען אַ שטיף טאָן. און פֿאַר־וואָס טאַקע נישט אָפּשטעלן די ברישקע אין מיטן וועג און לויפֿן אַ וועט־

געלויף, װער עס װעט קומען פריִער צו אַ באַשטימטן סימן? צופרידענע און צעפּאַליעטע זעצט מען פאָר דעם װעג, װײַטער, װײַטער...

װען מען האָט פון דערװײַטנס דערזען די קאָלאָניע, האָבן בײדע שװעס־טער גענומען צוגרײטן דעם חתן־בחור צו דער באַגעגעניש מיט די צוקונפטי־קע קרובים זײַנע. זאָל ער נישט מײנען, אַז ער װעט באַגעגענען מענטשן װי דער פּעטער יונה! דאָ זענען די פּעטערס גאַנץ רײַכע מענטשן, אָבער פּראָסטע חי־וקימס, פּשוטע קאָלאָניסטן. אמת, בײַ אײנעם פון די פּעטערס איז פאַראַן אַ זון אַ סטודענט, אָבער דאָס איז צוליב דער מומען, אַ גרױסשטאָטישע, װאָס האַלט זיך סתם אַביסל גאװהדיק און קוקט אויף אַלעמען, אַפילו אויף דער משפּחה, אַביסל פון אויבן אַראָפּ. דער פּעטער אַלײן איז פאַרנומען אין מאַכן געלט, אַן אמתער „קולאַק". די אַנדערע פּעטערס זענען פאַרטאָן אין זײער באַלעבאַטישקײט. אַלע זענען פאַרמעגלעך, אָבער קוים װאָס אַרויס פון פּויע־רישקײט; יוסטע באַלעבאַטים! פאַרפאָרן װעט מען דאַרפן צום עלטערן פּע־טער — שמואל — פון דאָרטן װעט מען שוין באַזוכן די אַנדערע קרובים. און אָט איז מען שוין אין קאָלאָניע, דאָרט איז דאָס הויז פון פּעטער שמואל.

אַ גרויסער הויף, פײַן אָפּגעהיט, רײן געהאַלטן, מיט שטאַלן און שפּײַכ־לערס, מיט „אַמבאַרן" און „פּאַדקאַטן" (בלויז אַ דאַך מיט אײן װאַנט), אַן אײַנגעפונדעװעטע באַלעבאַטישקײט. דער פּעטער און זײַן פאַמיליע האָבן די געסט אויפגענומען פרײַנטלעך, װען אַפילו אַביסל רעזערװירט. געװוּסט האָט מען, אַז ייִדלס טעכטער זענען געבילדעטע, מסתמא איז דער חתן אויך פון דעם סאָרט, עפּעס אַ לערער, װאָס פאַר אַ שײַכות קענען זײ האָבן מיט פּשוטע קאָלאָניסטן?... האָט עס דעם פּעטער שטאַרק געחידושט װאָס דער חתן־בחור האָט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט אַלע אײנצלהײטן פון דער קאָלאָניסטישער באַלעבאַטישקײט. און נאָך אײדער מען איז אַרײַן אין שטוב, איז דער חתן־בחור מיטן פּעטער אַרומגעגאַנגען די שפּײַכלערס פול מיט תבואה פון פאַ־ריקן שניט, די „פּאַדקאַטן" װו עס זענען אין בעסטער אָרדענונג געשטאַנען די פעלד־מאַשינען, דעם גאָרטן און דעם סאַד. בן־ציון איז גאָר נתפּעל געװאָרן פון דעם װאָס ייִדן האָבן זיך אַזוי אײַנגעלעבט מיט ערד־אַרבעט די פאַרצײַ־טיקע באַשעפטיקונג פון ייִדן, װי אין פּסוק שטײט: „עובד אַדמתו ישבע לחם". דער פּעטער שמואל האָט געװוּסט דעם טײַטש: „װער עס באַאַרבעט זײַן פעלד איז זאַט מיט ברויט".

מען איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. פּראָסט, נאָר רײן, ציכטיק. דאָס מעבל אַביסל פאַרעלטערט, נאָר פון גוטער קװאַליטעט, עס שעמערירט אין יעדן װינקל. אין שטוב האָט מען געטראָפן אַ דערװאַקסענעם זון, אַ טאָכטער אין פּאַניעס יאָרן. די שװעסטער־קינדער האָבן זיך צעקושט, און דער בחור, אַ

יאָט פון „קאָסאַיאַ סאַזשען פון פליעטשאַך" — אַ סאַזשען די ברייט אין די פלייצעס, האָט זיין צוקונפטיקן שוועסטערקינד געגעבן אַזאַ האַנט־דרוק, אַזש פונקען זענען אים געפּלויגן פון די אויגן...

נאָך אַ זאַטן חול־המועדיקן קאַלאַניסטישן מיטיק, און נאָך אַ לענגערן שמועס, איז מען אַוועק צו די אַנדערע פעטערס און מומעס, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין הויז פון רייכערן ברודער. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די רייד וועגן דעם פעטער דעם „קולאַק" און די מומע די גרויסהאַלטערין זע־נען געווען היפּש איבערגעטריבן. מען איז אַריין אין אַ סביבה מיט היפּש פּאַלקסטימלעכער וואַרעמקייט, קאַלאַניסטישע געזונטע פּשטות, וואָס פאַלט נישט אַריין אין התפּעלות, פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך פאַר קיין שום אינטע־ליגענט, האָט פולן באַוווסטזיין פון איר אייגענער ווירדע און חשיבות. אַוודאי האָט מען מיטן זון דעם סטודענט גערעדט פון העכערע ענינים, און די מומע האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו ווייזן איר גרויסשטאַטישקייט, געווען אַ גאַנץ קלוגע ייִדענע און האָט היפּש געלייענט, ליב געהאַט צו באַלעבאַטעווען, קליי־גען מיט די שליסלעך, שאַפן זיך מיט די דינסטן, אָבער אין גרונט אַ האַרצי־קע פרוי. האָט מען פאַרבראַכט אַ פיינע און אָנגענעמע פּאָר שעהען, מיט פע־טערס און מומעס, מיט שוועסטערקינדער, מיט סתם קרובים אָדער גוטע פריינד וואָס זענען געקומען אָנקוקן דעם חתן. אַזוי איז מען זיך פאַרזעסן ביז שפּעט אין אָוונט, ווען מען האָט שוין געדאַרפט צוריקגיין צום פעטער שמואל אויף אָוונט־ברויט, ווייל ער האָט פאַרזאָגט אַז „וועטשערע" עסט מען ביי אים, די געסט און אַלע, און אַן עלטערן ברודער דאַרף מען פאָלגן. דער פאַטריאַרכאַ־לער איינשטעל איז נאָך אין דער פאַמיליע געווען גאַנץ פעסט.

ביי דער וועטשערע האָט בן־ציון געזוכט צו שמועסן וועגן קאַלאַניסטי־שע ענינים. די פעטערס און מומעס האָבן דווקא געוואָלט רעדן וועגן וועלט־זאַכן, בלויז דער פעטער שמואל האָט געשטיצט בן־ציונען אין זיין פאַרלאַנג צו באַקענען זיך נאָענטער מיטן קאַלאַניסטישן לעבן: „ער איז אַריין צווישן אונדז, דאַרף ער אונדז קענען ווי מיר זענען". מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגע־הויבן, גערופן דעם חתן־בחור מיטגיין מיט אים, און איידער וואָס ווען איז מען שוין געשטאַנען אין מיטן פון גרויסן הויף. פון ווייטנס האָט געשימערט אַ קליינע ליכט, אויף וועלכער זיי האָבן געריכטעט זייערע טריט. מען איז צוגעקומען צו אַ גרויסער פעסט־געבויטער שטאַל, געעפנט די טיר, אַריין אי־נעווייניק. פוןביידע ברעגן האָבן געצאַנקט צוויי קליינע לעמפּעלעך, אין שטאַל איז געווען האַלב־טונקל, נאָך נישט פינצטער. אַ צוואַנציק פערד זע־נען געשטאַנען אין אַ ריי, געמיטלעך געדרימלט איבער קאַריטעס מיט היי און האָבער. דער פעטער שמואל האָט אָנגערופן יעדן פערד ביי זיין נאָמען, ליב־

לעך געפּאַטשט זיי איבער די ווייכע טיילן, אויסגעלויבט זייערע מעלות. די פערד זענען געווען פּעט אויסגעפּאַשעט, ריין אויסגעבאַרשט. עס האָט גע־שמעקט מיט פערדישן שווייס און מיסט, און דער פעטער שמואל האָט זיך געוויצלט: „אונדזערע קאָלאָניסטישע פּאַרפומען; ווער עס קען די ריחות נישט פאַרטראָגן, קען קיין קאָלאָניסט נישט זיין"...

מען איז צוריקגעגאַנגען אין שטוב, פאַרבראַכט ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט. בן־ציון האָט נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. דאָס ווייכע, רייכע, קלאָר־ווייסע געלעגער, האָט אים דאָך נישט געקענט פאַרוויגן, די מחשבות האָבן נישט געלאָזט: אָט דאָס זענען עס די יידישע „מוזשיקעס". עס איז אַ פאַר־בילד פון דעם וואָס יידן וועלן אַמאָל זיין אין זייער אייגן לאַנד; עפּעס האָט ער דערפילט אין דער קאָלאָניע אַ שטיק ארץ־ישראל אין גלות, און דאָס האָט אים געמאַכט אַ סך נאָכטראַכטן.

קאַפּיטל 50

„מיר זענען אויף דיר גוזר"

דאָס שטעטעלע ווי פּאַניס עלטערן האָבן געלעבט האָט נאָך נישט עק־זיסטירט אין די צייטן ווען עס זענען אַרויס די „צייטווייליקע געזעצן" פון מאַי 1882, אַז ייִדן טאָרן זיך נישט באַזעצן פון דאָסניי אין קיין דערפער. זי איז געגרינדעט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די באַנען־נעץ פון צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך אַ דאַנק דער ענערגיע פון ייִדישן אייזנבאַן־מאַג־נאַט ר׳ שמואל פּאָליאַקאָוו א״אַנד. אויסגעשפּרייט אויך אין די דרום־קאַנטן און גראַד נעבן דעם אָרט ווו דאָס שטעטעלע איז שפּעטער געגרינדעט גע־וואָרן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע קנופּן־סטאַנציע, וואָס האָט פאַר־בונדן צוויי וויכטיקע באַן־ליניעס. דאָס אָרט איז געוואָרן אַ מקום־פּרנסה און קאָלאָניסטישע זין פון די אַרומיקע קאָלאָניעס האָבן זיך דאָרט באַזעצט און פּאַקטיש אויפגעבויט דאָס שטעטעלע, אי וואָס „פּאָ זאַקאָנו" (לויטן געזעץ) האָבן זיי דאָרט נישט געטאָרט וווינען! פלעגן זיך ייִדן וויצלען, אַז „ווען מען טוט טאַקע נישט אין רוסלאַנד וואָס מען טאָר נישט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט". דער רוסישער מענטש האָט אויף דעם געהאַט זיין ווערטל: „זאַקאָן טשטאָ דישלאָ — קודאָ פּאָקרוטיל, טודאָ אי ווישלאָ" — ס׳הייסט, דאָס געזעץ איז ווי אַ דישל פון אַ וואָגן. וווהין מען דרייט אים אַזוי גייט ער.

אָבער אין באַצוג צו דעם שטעטעלע האָט מען אַפילו דעם רוסישן „זאַ־קאָן" נישט געקענט דרייען, אַז דאָס שטעטעלע האָט נאָך גאָרנישט עקזיס־טירט ווען דער געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, וואָס־זשע קען מען דאָ טענהן? אַפילו דער סענאַט, ווו די גרויסע ייִדישע עסקנים און אַדוואָקאַטן: גרוזענ־בערג, סליאָזבערג, גאָלדשטיין א״אַנד. האָבן אַמאָל יאָ געקענט אָפּשרייען אַ גזירה, האָט דאָ גאָרנישט געקענט טאָן, אַז עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ייִדן טאָרן דאָרט נישט וווינען... דאָך האָבן ייִדן אויסגעבויט דאָס „שטעטע־לע", און זענען די ערשטע צייט געווען אין איר אַ גאָר גרויסע מערהייט, שפּעטער אַביסל אַ קלענערע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, האָט זיך לכת־חילה געמיט פאַר זיי דער פּריץ וואָס האָט דאָס שטעטעלע געגרינדעט אויף זיין ערד און האָט ייִדן דערלויבט צו בויען הייזער אויפן באָדן וואָס זיי האָבן ביי אים „אַרענדירט" אויף אַ סך יאָרן און פאַר גאָר הויכע פּרייזן. דער פּריץ איז געווען אַ גרויסער יחסן, זיין ווייב אַ נאָך גרעסערע יחסנטע, ביידע האָבן

געהאַט גרויסע „סוויאַזי״ — פאַרבינדונגען סײ אין דער גובערניע, סײ אין סאַמע „פּייטערבאַרג״, האָבן זײ געקענט „דעקן״ „זייערע״ ייִדן. שפּעטער, אַז די פּריצים האָבן מער גאָרנישט געקענט אויפטאָן, האָבן זיך ייִדן געשיצט אונטערן קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום. דאָס שטעטעלע איז דאָך געשטאַנען האַרט נעבן אַ גרויסער באַן־סטאַנציע, ס׳הייסט כמעט „זשעלעזנאַ דאָראָזש־נאַיאַ פּאָלאָסאַ״ — אייזנבאַן־געביט, האָט שוין דאָס מיניסטעריום געקענט האָבן אַ שטיקל דעה, עס האָט געקענט טענהן אַז ייִדן זענען נוצלעך ביי דער אַנטוויקלונג פון דער סטאַנציע און פון דער געגנט פון וואַנען מען האָט צו דער סטאַנציע געפירט פּראָדוקטן פאַר צוויי ליניעס. עס איז געווען אַ שוואַכע טענה, אָבער געגנוג אויף אָפּציִען און קענען פאַרשלעפּן דעם „דערוויייל״. דער דריטער שתדלן איז געווען „שמירעכץ״. מען האָט געשמירט דער פּאָליציי, די אָרטיקע, פון דער קרייז־שטאָט, פון דער גובערניע. דאָס „שמירעכץ״ האָט געהאָלפן, עס האָט געקאָסט טייער, אָבער עס האָט די ווערט געהאַט. דאָס שטעטעלע איז געווען אַן אָרט פון פּרנסה. נישט אומזיסט האָבן די צאַרישע סאַטראַפּן ציניש דערקלערט, אַז אָפּשאַפן דעם פאַרבאָט פאַר ייִדן צו וווינען אויסער דעם „תחום״, וואָלט אַרויסגערופן אַ רעוואָלט פון דער פּאָליציי...

אַביסל לייכטער איז געווען די סיטואַציע אין די יאָרן 9־1904. די מפּלה אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, די רעוואָלוציע, דער געראַנגל מיט די ערשטע צוויי דומעס, האָט אַביסל צעטומלט די צאַרישע אַדמיניסטראַציע, זי האָט מורא געהאַט איבערצוציִען דאָס שטריקל, זי האָט געהאַט גרעסערע קאָפּ־דרייעניש. אָבער ווען די רעאַקציע האָט זיך באַפעסטיקט מיט דער רעאַקציאָנערער דריטער „דומאַ״ (פּאַרלאַמענט), האָט מען זיך ווידער גענומען צו ייִדן, צו „וויסעלעניעס״ — ס׳הייסט, זיי אַרויסטרייבן אויף כּוח. האָט מען אויך נישט פאַרפעלט דאָס שטעטעלע. מען האָט לכתחילה פאַרחתמעט די שול און, להבדיל, די באָד וואָס ייִדן האָבן געהאַט אויפגעבויט. די לאַגע איז געוואָרן ערנסט, מען האָט זיך געקענט דרייען בלויז דורך פאַרלענגערטע „סראָקן״ (טערמינען), די ספרי־תורות האָט מען באַצייטנס אַרויסגענומען און מען האָט געדאַוונט אין פּריוואַטע הייזער, דאָס ייִדישע עקשנות האָט אַרויסגעוויזן איר גאַנצע קראַפט. צוויי עפּיזאָדן פון אָט דעם געראַנגל האָבן זיך איינגעקריצט אין בן־ציונס זכרון, און עס איז כדאי זיי איבערצודערציילן.

עס איז געווען אין אַן ערב־שבועות, ווען דער פּריסטאַוו פון נאָענטן סטאַן האָט געדאַרפט קומען אַרויסשיקן די ייִדן פון שטעטעלע. עס איז פאַר יום־טוב, וווהין וועט מען פאָרן? ווי לאָזט מען איבער אַן איינגעאָרדנט, איינגעזעסן זאַט לעבן? זענען ייִדן געפאַלן אויף אַן עצה. דעם זעלבן טאָג נאָך

איידער דער פּריסטאַוו איז אָנגעקומען, האָבן ייִדן געשפּאַנט פורן, אייגענע און געדונגענע און מען איז אַוועק אין די נאָענטע קאָלאָניעס מיט ווייב און קינד, צו קרובים אויף יום־טוב. דאָס בילד פון דעם „אָבאָז" (קאַראַוואַנע), וואָס האָט זיך געצויגן ווייט פון שטעטעלע, האָט געמאַכט אַ גענוג טרויעריקן איינדרוק, עס איז געווען אַן אילוסטראַציע פון פינצטערן גלות אין מיטן פון ליכטיקן, זוניקן ערב יום־טוב טאָג. אָבער ווען דער פּריסטאַוו איז געקומען האָט ער קיין ייִדן נישט געטראָפן, נישט געווען וועמען אַרויסצושיקן. די הייזער און קראָמען זענען געווען געשלאָסן, און קיין שלעסער טאָר מען נישט ברעכן. האָט דער פּריסטאַוו אָנגעשריבן אין קרייז־שטאָט, אַז ער איז געווען אין שטעטעלע, נאָר נישט געטראָפן דאָרט קיין ייִדן, דער אוריאַדניק האָט אים באַריכטעט אַז זיי זענען אַלע אַרויסגעפאָרן... ווען אויף מאָרגן נאָך שבועות זענען די ייִדן צוריק געקומען פון געסט און געעפנט זייערע קראָמען, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט עס דאָך געקענט הייסן פאָרמעל אַז זיי האָבן זיך איבעראַנייס באַזעצט, — האָט מען געדאַרפט אַ נייע „פּרעדפּיסאַניע" — אַ פאַרשריפט זיי אַרויסצושיקן. איז, ווי מען זאָגט עס אין רוסיש: „פּאָשלאַ פּיסאַט גובערניאַ" — האָט מען געשריבן אין אויעזד, פון דאָרט אין גובערניע־שטאָט, און צוריק. קיין איילעניש איז נישט געווען, דאָס „שמירעכץ" האָט געווירקט אַז די אַדמיניסטראַציע־רעדער זאָלן זיך נישט דרייען אַזוי גיך, און ייִדן האָבן דערווייל געלעבט אין שטעטעלע פון שבועות ביז פּסח. אָבער פאַר פּסח איז אָנגעקומען דער לעצטער „סראָק" (טערמין). באַלד נאָך יום־טוב מוזן זיך ייִדן פאַרבעמען, ווען נישט וועט מען אַרויסשיקן אויף כּוח. ייִדן האָבן דערפילט אַז עס איז ערנסט. דער גובערנאַטאָר איז געווען אַ בייער און אַ רשע, דער איספּראַווניק איז אַלעמאָל געווען אַ המן, דער פּריסטאַוו האָט גאָרנישט געקענט טאָן; שלעכט, מען דאַרף גיין אין גלות.

קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ „פרייליכן" פּסח ייִדן האָבן געהאַט. דאָך האָט מען געדאַוונט במנין, געפּראַוועט סדרים — וואָס צו גאָט איז צו גאָט. אַחרון של פּסח האָט דער גרויסער מעקלער, אין וועמענס הויז עס איז געווען איינגעאָרדנט דער מנין, געפּראַוועט די בר־מצווה פון זיין בן־יחיד. האָט מען נאָכן דאַוונען געמאַכט אַ קידוש, מיט אַ פיינער סעודה. אויפן טיש איז געווען מכּל־טוב, ייִדן האָבן געגעסן און געטרונקען אָבער זיך נישט געקענט משמח זיין, ווייל — ווי קען מען לוסטיק זיין, ווען אין געציילטע שעהען אַרום דאַרף מען זיך אַוועקלאָזן ערגעץ אין דער וועלט אַריין? איז מען געזעסן פאַרזאָרגטע און פאַרצאָרנטע, כּלומרשט געפּרוווט אונטערזינגען, אָבער עס איז געווען דברים־בטלים, ווער וועט זינגען אין אַזאַ לאַגע?

אויבנאָן איז געזעסן דער אַלטער ר' שמעון, אַ רייכער סוחר, אַ ייִד אַ

למדן, אַ הייסער חבדניק, וואָס איז שוין אַפילו אַ פּאָר מאָל געווען אין ליוּ־באַוויטש ביים רבין. ער איז געזעסן גלייך ווי אַלע, טיף פאַראומערט, אָבער איך טיף פאַרטראַכט, עפּעס האָט אים געעגבערט אַ געדאַנק, אָבער בטבע אַ גרויסער שווייגער, האָט ער כדרכו, געשוויגן... מיטאַמאָל האָט ער אַ פּאַטש געטאָן אין טיש און אָנגעהויבן רעדן צום עולם:

— רבותי, וואָס איז דאָס עצבות? מען וויל אונדז אַרויסטרייבן פון שטעטעלע וואָס מיר האָבן אויפגעבויט און ווו מיר האָבן פרנסה? — איז עס טאַקע אַ שווערע גזירה, אָבער עס איז אין אונדזער האַנט זי מבטל צו מאַכן. ר׳ שמעון האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אפשר קיינמאָל אין זיין לעבן נישט גערעדט אַזוי פיל פאַראַמאָל. ייִדן זענען געבליבן געפּלעפט: וואָס הייסט זיי קענען מבטל מאַכן די גזירה? רעדט, ח״ו, ר׳ שמעון פון וועג? אָבער ר׳ שמעון האָט זיך אָפּגערוט און ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— ווייל, ווער האָט גוזר געווען די גזירה? דער גובערנאַטאָר? דער מי־ניסטער? אָבער זיי זענען דאָך נאָר משרתים ביי דעם קייסער, און דער קייסער איז דאָך אין דער האַנט פון ג׳, ווי דער פסוק זאָגט עס בפירוש: „לב מלכים ושרים ביד ד׳״ — דאָס האַרץ פון מלך און האַרן איז אין דער האַנט פון ג׳, וואָס קען דאָך צו יעדער רגע מאַכן אַז דער קייסער אָדער זיינע האַרן זאָלן די גזירה בטל מאַכן, און מיר זענען בכוח משפיע צו זיין אויפן רבונו־של־עולם אַז ער זאָל אַזוי טאָן, ער זאָל מאַכן אויס גזירה.

ר׳ שמעון איז נאָכאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. אין זאַל האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט, מען האָט זיך בלויז איבערגעקוקט: ער רעדט דאָך, לא עלינו, פון וועג. ר׳ שמעון האָט אויפגעכאַפּט די פאַרוווּנדערטע בליקן און האָט ווייטער גערעדט:

— די גמרא זאָגט, אַז „הקב״ה גוזר גזירה וצדיק מבטלה״ — ג׳ ברוך הוא איז גוזר אַ גזירה און דער צדיק קען זי מבטל מאַכן. און אַ מנין ייִדן האָבן דעם כוח פון אַ צדיק, בפרט עטלעכע מנינים ייִדן, וואָס קענען נאָך מצרף זיין די שכינה, וואָס געפינט זיך שטענדיק מיט זיי, ווי דער זוהר הקדוש זאָגט: „שכינתא בגלותא״, און ווי דער נביא האָט פריִער געזאָגט: „בכל צרתם לו צר״ — כביכול אַליין ליידט ווען ייִדן טרעפט אַ צרה, וועט דען כביכול וועלן ליידן? עס דאַרף בלויז זיין אַ „התעוררותא דלתתא״ — אַ דערוואַכונג פון אונטן, בכדי עס זאָל קומען אַ „התעוררותא דלעילא״ — אַ דערוואַכונג אויבן, אין די הימלען.

עולם איז געזעסן ווי פאַרכישופט. ר׳ שמעונס ווערטער האָבן פלוצים באַקומען אַ מיסטישן כוח. זיי האָבן אָנגעהויבן משפיע זיין אויפן עולם. ר״ שמעון האָט פאַרגעזעצט:

— גיסט אָן, רבותי די גלעזלעך, וועלן מיר טרינקען לחיים צום רבונו־של־עולם, און גוזר זיין אויף אים, ער זאָל די גזירה בטל מאַכן, און ער איז דאָך אַ כול יכול.

ווי עלעקטריזירט האָט זיך דער עולם אויפגעהויבן פון די ערטער, אָנגעגאָסן די גלעזלעך און געבליבן שטיין אין שטילשווייגן. אין זאַל איז געווען טויט־שטיל, נאָר פון צווייטן צימער, ווו עס זענען געזעסן די פרויען, האָט זיך געהערט אַ שטילער שלוכצן. אין מיטן פון דער טיפער שטילקייט האָט זיך געהערט דער קול דממה דקה פון ר׳ שמעונס שטימע, וועלכע האָט כמעט ווי אויסגעפליסטערט די ווערטער: „לחיים רבונו־של־עולם! מיר זענען דיר געקומען זאָגן דאָס וואָס דו, דער יודע הכל, ווייסט ממילא, עס איז „באו מים עד נפש״, מען טרייבט אונדז פון אָרט און מיר האָבן נישט וווהין צו גיין... עס איז ממש פון בריק אין וואַסער. זענען מיר גוזר אויף דיר מיטן כוח פון דיין הייליקער שכינה, אין זכות פון אונדזערע הייליקע אָבות און פיצעלעך קינדער, וואָס זענען ריין פון זינד, אַז דו זאָלסט אָנווענדן דיין מידת־הרחמים, די גזירה זאָל בטל ווערן, נישטאָ קיין אַנדער ברירה״. און מיט אַ פעסטערע שטימע האָט ר׳ שמעון זיך געווענדט צום עולם:

— לחיים יידן! מזל־טוב! מזל־טוב! די גזירה איז מיט גאָטס הילף בטל געוואָרן, מיר בלייבן אויף די ערטער, קיינער זאָל נישט אַוועקפאָרן, מען וועט אונדז נישט אַרויסטרייבן...

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ פאַטאָס, מיט אַזאַ גלויבן, אַז זיי האָבן באַזעלט און באַמוטיקט דעם עולם. מען האָט געטרונקען לחיים, זיך צוגעוווּנטשן און פלוצלינג האָט מען זיך פריילעך צעזונגען אַ ניגון נאָך אַ ניגון. אַז וויבאַלד די גזירה איז בטל, מעג מען דאָך אַ הוליע טאָן! אַ גאַנצן טאָג איז די יידישע באַפעלקערונג געווען אין אַ מין צערודערטער אויפגעהייטערטקייט. נאָך אַ מנחה־ומעריב האָט מען זיך געגעבן אַ „האַנט תקיעת־כף״, אַז מען וועט זיך נישט רירן פון אָרט, זאָל מען צו זיי ברענגען סאָלדאַטן און קאָזאַקן, זאָל מען זיי געבונדענע אַרויפלייגן אויף די פורן — אַליין וועלן זיי זיך פון איינגעזעסענעם אָרט נישט רירן.

דערווייל האָט מען זיך צונויפגעלייגט אַ מנה־יפה, אַ דעלעגאַציע איז די זעלביקע נאַכט אָפּגעפאָרן צום פריסטאַוו אין סטאַן און אים מודיע געווען, אַז חוץ תפילה צו ג׳ און דורון (מתנות) צו אים, זענען זיי גרייט אויך מלחמה צוהאַלטן, פאַסיווער ווידערשטאַנד, מען וועט צו זיי מוזן אָנווענדן כוח... דער פריסטאַוו, ווען עס האָט אויך נישט געלוינט, אַז יידן זאָלן אַוועק פון שטעטעלע, ער וואָלט אָנגעווירן היפש הכנסה, האָט צוגעטראַכט אַ פאָרטל. ער איז כלומרשט שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן, נישט געקענט אויספירן דעם באַ־

פעל. ווען ער איז שוין „געזונט געוואָרן״, האָבן אים דאָקטוירים געהייסן פאָרן אויף דערהאָלונג און דווקא אין דער גובערניע־שטאָט ווו ער האָט געהאַט „סוויאַזי״ (באַציִונגען). די גזירה איז נישט בטל געוואָרן, זי איז אָבער אויך ניִשט דורכגעפירט געוואָרן. ייִדן זענען געבליבן אויף זייערע ערטער. ערשט אין 1919, בשעת דעם בירגער־קריג, האָט באַטקאָ מאַכנאָ מיט זיינע „אַנאַר־כיסטן״ חרוב געמאַכט דעם ישוב, אויסגעהרגעט אַ גרויסע טייל פון די דאָר־טיקע ייִדן. נישט געווען ווער עס זאָל זיך איינשטעלן... ר׳ שמעון איז שוין מיִט יאָרן פריִער נפטר געוואָרן.

***

מיטן דאָזיקן קאַפיטל ווערט געשלאָסן די ערשטע טייל פון דעם ווערק. עס ווערן דורכגעלאָזט די ווייטערדיקע מאָמענטן אין לעבן פון דעם הויפּט־העלד מ. דאָבריאַנסקי, ווייל זיי האָבן אַ ריין פערזענלעכע באַדייטונג אָן אַלגעמיינע פּערספּעקטיוון. עס וועט נאָר זיין גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט חתונה געהאַט, האָט עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ווו ער איז ווידער געווען גענעלשאַפטלעך אַק־טיוו און דערפאַר קען זיין לעבנסוועג ווייטער אָפּשפּיגלען די אַנטוויקלונג פון דעם נייעם ישוב, וואָס ווערט באַהאַנדלט אין צווייטן טייל.

צווייטע טייל

אַ לערער אין די ייִקאָ־קאָלאָניעס

קאַפּיטל 1

די שרעקלעכע נאַכט

די רייזע קיין אַרגענטינע האָט שוין ביי איר סוף. די שיף דערנענטערט זיך צו מאָנטעווידעאָ. די בלויע וואַסערן פון אַטלאַנטיק האָבן אָנגעהויבן בייטן זייער קאָליר. פון טיף־בלוי זענען זיי געוואָרן בלוי־געל־ בלאָטיקלעך. אַ קאָליר וואָס די ווייבער אויפן שיף האָבן גערופן „טונקל־גרין־ פּאָפּעליאַטע״, אָדער גאָר: „מיתה־משונה קאָליר״. דאָס איז די שיף אַריין אין צוזאַמענ־ פלוס פון אַטלאַנטיק מיט די געל־בלאָטיקע וואַסערן פון לאַ־פּלאַטאַ טייך, אַ ראיה אַז מען איז שויז גאָר נאָענט צום סוף פון דער נסיעה וואָס האָט גע־ דויערט אַכצן לאַנגע טעג.

דער עולם איז אויפן דעק, מען שמועסט גאַנץ האַפּערדיק. עס הערן זיך געלעכטערס, עס פליען וויצן, די שטימונג איז אַ פריידיקע. אָט זעט מען שוין דאָס בערגל וואָס האָט געגעבן מאָנטעווידעאָ איר נאָמען, און אָט זעט מען שוין די שטאָט אַליין מיט אירע ווייסע הייזקעס וואָס באָדן זיך אין גרינס.

אָבער נישט באַשערט געווען די וואַנדערער, אימיגראַנטן, קיין צופיל נחת. אויפן דרום־ראַנד פון האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ דיקער שוואַרצער וואָלקן, וואָס איז שנעל אויסגעוואַקסן אין אַ הויכער וואַנט חשכות, וועלכע האָט האַסטיק געקלעטערט אויפן געוועלב פון די הימלען, ווי זי וואָלט וועלן פאַרשלינגען דעם גאַנצן רוים. די וואָלקן־וואַנט האָט זיך האַסטיק געררוקט צו דער שטאָט, ווהין די שיף האָט געאיילט אויפן פולן דאַמף. עס האָט אויסגע־ זען ווי צווישן דער שיף און דעם שטורעם קומט פאָר אַ וועט־געלויף, ווער וועט פריער אָנקומען אין האַפן.

ביידע זענען אָנגעקומען גלייך. ווי נאָר די שיף האָט פאַרוואָרפן איר אַנקער אין אויסערלעכן טייל פון האַפן, האָט אָנגעיאָגט דער שטורעם, ווי ער וואָלט זי מקבל פנים געווען. דער געוויטער האָט זיך צעיאָמערט מיט באַ־ נומענע קולות, געקנאַלט מיט דונערן וואָס האָבן פאַרטויבט, געשאָסן מיט בליצן וואָס האָבן פאַרבלענדט, גאַרנישט ווי אין דער אַלטער היים. עס האָט אָנגענומען אַ פחד. אַ יונג ווייבל וואָס האָט ליב געהאַט רוסישע און אוקראַי־ נישע ווערטלעך האָט באַמערקט: „פּליוו, פּליוו, טאַי נאַ בערעזי אוטאָנוו״, ס'הייסט, געשווומען, געשווומען און ביים סאַמע ברעג דערטרונקען געוואָרן... עס האָט זיך געדאַכט אַז די שיף איז פאַרמשפט צו אַזאַ מאָדנעם גורל. אונ־ טערן דרוק פון שטורעם וואָס האָט געשפּאַרט אויף איין זייט פון דער שיף,

האָט זי זיך אַזוי שטאַרק אָנגעבויגן צו דער זייט פֿון דער שטאָט, אַז עס האָט געךאַכט: אָט, אָט, זי קערט זיך איבער. דאָס וואַסער האָט אויסגעזען ממש מיטן האַנט צו דערלאַנגען.

אַ דערשראָקענער ייִד האָט געמיינט אַז די שיף בויגט זיך אַזוי, ווייל אַלע פּאַסאַזשירן זענען געשטאַנען אויף דער זייט פֿון דער שיף וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער שטאָט, איז ער העלדיש אַריבערגעלאָפֿן אויף דער צווייטער זייט, וואָס איז געווען ליידיק פֿון פּאַסאַזשירן, האָט זיך מיט אַלע כּוחות אָנגעשפּאַרט אין די פּאַרענטשעס פֿון דעק און געשריִען מיט יאָמערדיקע קולות: „ייִדן, ראַטעוועט! קומט אַריבער אויף דער זייט! לאָמיר אויסגלייכן די שיף! ווען נישט גייען מיר אונטער!‟ דער שטורעם האָט אַראָפּגעטראָגן דעם הוט פֿון זיין קאָפּ, צעשויבערט זיינע לאַנגע גרויע האָר, אָבער דער עולם האָט זיך נישט צוגעהערט צום רוף. אויף אַ מאָמענט איז דער ייִד געווען אַן איינזאַמער העלד וואָס קעמפֿט מיט ווינט און שטורעם, אַ דראַמאַטישע פֿיגור...

די מאַנשאַפֿט און די האַפֿן־באַאַמטע האָבן זיך פֿון דעם אַלעמען גאָרנישט געמאַכט. מען האָט אַראָפּגעלאָזט די פּאַסאַזשירן וואָס האָבן געדאַרפֿט לאַנדן אין אורוגווײ, מען האָט אָפּגעלאָדן דעם באַגאַזש, די סחורות, אָפּגעפייפֿט לויטן רעגלאַמענט און די שיף האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפֿן לעצטן עטאַפּ פֿון איר וועג, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט, כאָטש זי איז אַלץ געגאַנגען שטאַרק אָנגעבויגן אויף איין זייט.

דער שטורעם האָט זיך צעשפּילט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, דאָס האָט דער פרייער מעכטיקער דרום־ווינט וואָס קומט פֿון די ווייטע אַרגענטינער פּליינען, דער אַזוי גערופֿענער „פּאַמפּעראָ‟, באַוויזן זיינע כּוחות. האָט ער געפייפֿט און געוואָיעט מיטן גאַנצן ווּט, האָט אָנגעהורבעט הויכע וואַסער־בערג און זיי געוואָרפֿן אויף דער שיף, וואָס האָט זיך געהוידעט און געוואַקלט ווי אַ שיכּור. אָט האָט איר נאָז אַרויפֿגעקוקט אין די הימלען, און אָט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק אַז די שיף האָט כּמעט אָנגעשעפּט וואַסער. די פּאַסאַזשירן זענען געווען טויט־דערשראָקן, דער קאָפּ האָט געדרייט, אונטערן לעפֿעלע האָט געשפּאַרט, מען האָט געמייקעט ביז מען איז געבליבן אָן כּוחות, די קרעכצעכישן און אָכצענישן אין צווישן־דעק האָבן ממש פּאַרטויבט.

אַרום האַלבער נאַכט האָט די שיף אויפֿגעציטערט פֿון אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ הילכיקן בריאַזג אַלס צוגאָב, מען האָט געקענט מיינען אַז די שיף שפּאַלט זיך, אויסגעלאָזט האָט זיך אַז דאָס האָבן זיך האַסטיק פֿאַרמאַכט די טירן פֿון דער קיך פֿאַר אימיגראַנטן, און דאָס ליימענע געשיר איז צעבראָכן געוואָרן אויף פּיצלעך.

בן־ציון האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן, האָט ער געלאָזט זיין פּאַני אין צווישנדעק און אַליין איז ער, מעשׂה העלד, אַרויס צו זען „וואָס טוט זיך דאָרטן". ער האָט מיט מאַטערניש אַרויפגעקלעטערט אויפן דעק, זיך געוווּנדערט וואָס די שיפס־לייט לאָזן נישט אַראָפּ די רעטונגס־שיפלעך, נאָר גענומען גאָר אַראָפּ דעם גרויסן לייוונט מיט וועלכן דער דעק איז געווען אי־בער־געצויגן בכדי צו פאַרהיטן די פּאַסאַזשירן פון דער ברענענדיקער זון. מאַ־טראָסן וואַשן די טרעפּ, פּוצן די קליאַמקעס, גלייך די שיף וואָלט געפאָרן אויף אַ שפּאַציר איבער די רויִקסטע וואַסערן פון דער וועלט. האָט שוין בן־ציון פאַרשטאַנען אַז ער מוז זיך פאַרלאָזן אויפן קאַפּיטאַן מיט זיינע לייט, און ער אַליין מעג זיך גיין צושפּאַרן, כאַפּן אַ דרימל, ווי אַלע האַלב־פאַרחלשטע פון שטורעם. מען וועט זיך שוין מוזן באַגיין אָן אים...

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט. מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג האָט דער עולם זיך גענומען פּאַקן צום אַראָפּגיין פון שיף; ווער עס האָט נאָר געקענט איז אַרויף אויפן דעק ווו עס האָט אונ־טער פאַרכמאַרעטע הימלען געבלאָזן אַ קאַלטער נאַסער ווינט; פון וויטנס האָט מען שוין געקענט זען די קאָנטורן פון דער שטאָט בוענאָס־איירעס, דער ענד־ציל פון דער נסיעה.

האָט אַ צערודערטע פרייד אַרומגעכאַפּט די אימיגראַנטן: ניצול גע־וואָרן פון אַזאַ „סכנה", און די שטאָט איז שוין אַזוי נאָענט. האָט מען זיך אָפּגעגעבן „מזל־טוב", געטאַנצט פון פרייד, און טאַקע אויך בכדי צו דער־וואַרעמען די גלידער. צעיושעטע חברה האָבן גענומען וואַרפן אין טייך אַריין דאָס בלעכענע געשיר וואָס מען וועט שוין נישט נוצן, די שטרוי־זעק מיט די קישעלעך פון וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן נישט גאָר קיין אַראָמאַטישע גערוכן, און אין דער בהלה האָבן אַ פּאָר ייִדן אַריינגעוואָרפן אין טייך זייערע טלית און תפילין... בן־ציון איז פאַרגליווערט געוואָרן. אַליין נישט קיין פרום־מער, אָבער דאָך אַ ייִדיש־דערצויגענער יונגערמאַן האָט ער געפילט דעם חי־לוק צווישן נישט לייגן קיין תפילין, ביז וואַרפן זיי אין וואַסער אַריין. ווען ער האָט געפרעגט ביי איינעם פון די וואַרפערס, אַן עלטערער ייִד, אַ מטופל מיט אַ היפשער משפחה, וואָס איז געפאָרן אויף קאָלאָניזאַציע, פאַרוואָס ער באַגייט אַזאַ חילול הקודש, האָט אים דער ייִד געענטפערט: „מען דאַרף אי־בערייסן מיטן אַלטן, מאַכן אַ סוף צו דעם וואָס געווען: דאָ וויל איך אָנ־הייבן אַ פריי לעבן, פריי פון אַלץ! פריי ביז הפקר! און זייט זיכער יונגער־מאַן, קיין שלעכטס וועט עס מיר נישט ברענגען..." בן־ציון איז אַוועק פון דעק, זיך געלאָזט איינפּאַקן זיין נישט איבעריק גרויסן באַגאַזש.

פאַרבייגייענדיק דעם דריטן קלאַס האָט בן־ציון באַמערקט אַ קליינע

גרויסע מענער און פרויען וואָס האָבן זיך שטיל געסודעט, אַרומקוקנדיק זיך צי עמיצער לייגט נישט צו קיין אויער. דאָס איז געווען אַ בינטל ייִדישע פרויען־הענדלער, וואָס האָבן אין משך פון דער גאַנצער נסיעה געהיט זייערע קרבנות און נאָך געזוכט אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר פרישע צווישן די אימיגראַנט־קעס. צוויי פון זיי, לעבעדיקע יונגען, זענען געפאָרן באַשיידן אין צווישנדעק און האָבן זיך מיט גאָרנישט אויסגעטיילט פון גאַנצן ייִדישן עולם, האָבן זיי געקענט פלירטעווען מיט ייִדישע מיידלעך און ווייבלעך. אָבער קיין סודות זענען נישטאָ. אין בראַזיל זענען זיי געקומען אָפּוואַרטן אַ פּאָר פון זייערע פּאַד־קאָלעגן, האָט מען פון אַ פּאָר אונטערגעהערטע ווערטער פאַרשטאַנען ווער די פויגלען זענען, און אַ גרופּע יונגעלייט מיט בן־ציונען בראש האָבן זיי געהאַלטן אויפן אויג... ייִדן האָבן זיך צונויפגעלייגט און אָפּגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו אַ קרוב פון איינעם פון די אימיגראַנטן, אין וועלכער מען האָט אויף אַביסל אַ פאַרשטעלטן אופן מודיע געווען ווער עס פאָרט, בכדי מען זאָל עפּעס טאָן אויף צו ראַטעווען ייִדישע נשמות. אויך דאָס איז קיין סוד נישט געבליבן. די חברה־לייט זענען מיטאַמאָל אַריבער פון צווישנדעק אין צווייטן קלאַס און די שמירה פון איין צד אויפן צווייטן איז געוואָרן נאָך האַרבער.

איצט, פאָרן אַריינפאָרן אין האַפן, האָבן די ווייסע שקלאַפן־הענדלער געמאַכט די לעצטע הכנות. נאָכאַמאָל איבערגעחזרט ווער איז וועמענס מאַן אָדער פרוי, די נעמען און פאַמיליעס פון די געפעלשטע דאָקומענטן אאז״וו. אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אָפּשיקן די טעלעגראַמע האָבן היפּש מורא געהאַט, טאָמער דערוויסן זיך פון דעם יענע חברה־לייט, קען מען נאָך כאַפּן אַ מעסער אין זייט; פאַר זיי האָבן זיך נאָך די פּחדים פון דער שוידערלעכער נאַכט נישט געענדיקט.

נאָר אָט איז שוין די שיף אַריין אין האַפן פון בוענאָס־איירעס, צוגע־שטאַנען צום ברעג. עס זענען אַרויף די סאַניטאַרע און אימיגראַציע־באַהערדן. בן־ציון און פאַניע זענען געפאָרן מיט אַ גובערנאַטאָר־פּאַס, ווען אַפילו אָן אַ וויזע, געווען ייִדן וואָס האָבן גאָר קיין פּאַספּאָרטן נישט געהאַט, האָט מען זיך געשראָקן פאַר שוועריקייטן ביים לאַנדן. אָבער אין יענע גליקלעכע יאָרן, האָט עס אַלץ נישט אויסגעמאַכט. מיט אַ פּאַספּאָרט, אָן אַ פּאַספּאָרט: אַ מענטש איז געקומען, שטייען די טויערן פון לאַנד אָפן. אַלע זענען אַראָפּ אויפן ברעג, אויסער אַ פּאָר פרויען־הענדלער וואָס האָבן געהאַט שוועריקייטן. די טויערן פון אימיגראַנטן־האָטעל זענען געשטאַנען ברייט צעעפנט: ברוכים הבאים.

עס איז שוין געווען אַרום האַלבן טאָג. באַאַמטע האָבן אָנגעהויבן שרייען:

„אַ קאָמער! אַ קאָמער!" ס'הייסט: צום עסן! בלויז די שפּאַנישע אימיגראַנטן האָבן פאַרשטאַנען די ווערטער, די אַנדערע האָבן געפּינטלט מיט די אויגן: וואָס שרייען זיי דאָרט! אַן אַלטער איטאַליענער, אַ באַאַמטער, האָט גענומען פּאַרטייטשן: „אַ מאַנדזשאַרע", און געמאַכט באַוועגונגען מיטן האַנט צום מויל. האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען וואָס מען מיינט.

איז מען אַוועק אין די גרויסע עס־באַראַקן, זיך אויסגעזעצט אויף לאַנגע הילצערנע בענק, ביי גרויסע הילצערנע טישן, געפּאַרבטע, אָבער אָן טישטו־כער. מען איז געזעסן אויסגעמישט, ווי אין פריינדשאַפט, איין גרויסע מענ־טשלעכע משפּחה. אין מעטאַלענע טעלער האָט מען דערלאַנגט זופּ און פלייש לרוב, און באַנאַנעס צו פאַרבייסן און שוואַרצע קאַווע צו פאַרטרינקען. די וואָס האָבן זיך געהיט פון טרפות האָבן געטונקען ברויט אין קאַווע, פאַר־ביסן מיט באַנאַנעס, אַלע זענען געבליבן זאַט מיטן ערשטן מיטיק וואָס די פרייע אַרגענטינע האָט אונטערגעטראָגן אירע צוקונפטיקע בירגער.

אַ פריידיקייט האָט באַהערשט אַלעמען. פאַרענדיקט די נסיעה, דורכגע־מאַכט די שרעקלעכע נאַכט, געקומען בשלום אין אַ לאַנד וואָס האַלט אָפן טיר און טויער, וואָס האַלט אויף קעסט אַ וואָך צייט און מער, וואָס גיט נאָך אַז אומזיסטן באַן אָדער שיף־בילעט אין אַלע עקן לאַנד, ווו מען וויל זיך פאַרן באַזעצן. איז אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, אָנגעקומען אין אַ נייער וועלט. זאָל זיין אין אַ גוטער שעה.

קאַפּיטל 2

ערשטע וואַנדערונגען

נאָך מיטיק האָבן זיך די אימיגראַנטן אַרויסגעלאָזט באַקוקן די שטאָט, זוכן קרובים, בכלל דורכלופּטערן זיך אויף דער פרישער לופט נאָך אַכצן טעג אין צווישנדעק.

בן־ציון האָט נישט געקענט מיטגיין מיט זיי. זיין פאַניע האָט זיך געפילט נישט גוט און ער האָט געמוזט בלייבן לעבן איר. אַרום אַזייגער פינף האָבן זיך די אַנדערע אימיגראַנטן אומגעקערט, היפּש אויפגעהייטערט פון דעם שפּאַציר. איינער פון זיי האָט געבראַכט אַ מתנה זיין משפחה, עפּעס אַ גאָר ווילדע מציאה, שוואַרצע מאַסלינעס פון עכטן גריכנלאַנד פאַר שפּאָט ביליק, קוים 80 סענט אַ קילאָ. מ׳האָט שוין געהאַט אויסגעביטן געלט און געוווסט אַז אַ צאַרישער רובל איז דאָ איין פּעזע מיט צוואַנציק סענט, און אַ קילאָ איז דאָך העכער צוויי פונט, קומט דאָך אויס אַז די קניה קאָסט אַרום 70 קאָפּיקעס: איז עס נישט קיין זול? קיין איבעריקע געלט האָט בן־ציון נישט געהאַט אָבער אויף אַ פערטל קילאָ מאַסלינעס האָט ער זיך געקענט פאַרגינען און דערקוויקן די נשמה מיט אַביסל געזאַלצנס. האָט ער זיך צע־פרעגט ווו מען קען קויפן די סחורה, איז אַוועק אין דער אָנגעוויזענער ריכ־טונג, נישט גאָר ווייט פון אימיגראַנטן־האָטעל, וואָס האָט אָריענטירט פון דערווייטנס מיט זיינע הויכע, ווייסע נייע בנינים. דער וועג צוריק וועט ער שוין געפינען.

אַריינגעקומען אין דער קראָם וואָס מען האָט אים אויסגעמעלדעוועט, און דערזען ביי דער סאָמע טיר אַ גרויסע פאַס מיט שוואַרצע מאַסלינעס, האָט ער שוין געוואָלט באַשטעלן זיין קניה, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט אַז ער ווייסט נישט ווי מען זאָגט אויף שפּאַניש אַ פערטל. אויפן שיף האָט ער זיך אויסגעלערנט ציילן ביז צוואַנציק, אָבער אָן ברוכצאָלן, איז ווי זאָגט מען אַ פערטל? נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה, אַז „קואַט־ראָ" איז פיר, מוז אַ פערטל זיין „קאַטאָרסע"; (אין ציילן פון צווייטן צענד־ליק איז ער נאָך געווען שוואַך), האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער פאַס מיט מאַסלינעס און אַרויסגערעדט גאַנץ פעסט „קאַטאָרסע קילאָ". דער פאַרקויפער האָט אים אָנגעקוקט פאַרוונדערט און איבערגעפרעגט: „קאַטאַר־סע"? אים איז הפנים געווען אויפפאַלנדיק די צאָל, אָבער בן־ציון האָט גע־

ענטפערט פעסט: „סי, קאַטאָרסע". דער פּאַרקויפער האָט גענומען אַ גרויסן פּאַפּירענעם זעקל און אָנגעהויבן שיטן אַהין די מאַסלינעס; בן־ציון האָט דערפילט אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן, עפּעס צופיל סחורה פאַר צוואַנציק סענט. פון שרעק האָט ער זיך דערמאָנט אַז קאַטאָרסע איז גאָר פערצן, האָט ער אָנגעהויבן ריידן אויף שטום־לשון, מאַכן מיטן האַנט אויף ניין... האָט דער פּאַרקויפער אָפּגעשטעלט דאָס שיטן די מאַסלינעס און איבערגעפרעגט: „קע קיערע? קואַנטאָ קיערע"? — וואָס ווילסטו? וויפל ווילסטו? בן־ציון האָט פאַרשטאַנען די פראַגע, אָבער נישט געוווּסט ווי צו ענטפערן... ביז ער האָט ווייטער גערעדט אויף שטום־לשון. געוויזן אַ פינגער און געזאָגט אונאָ — איינס הייסט עס, דערנאָך אָנגעוויזן אויף אַ העלפט פון פינגער און געזאָגט ע. און באַלד אויף אַ העלפט פון האַלבן פינגער און געשטאַמלט ע,ע; דער פּאַרקויפער האָט פאַרשטאַנען, זיך גוטמוטיק צעלאַכט, צוריק אַריינגעשאָטן די מאַסלינעס אין פאַס אַריין, גענומען אַ פיל קלענערן פּאַפּירענעם בייטל און אָפּגעוווּיגן פאַר בן־ציונען אַ פערטל קילאָ מאַסלינעס, טענהנדיק דערביי: „און קואַרטאָ, גרינגאָ! און קואַרטאָ!" — ס'הייסט: אַ פערטל — גרינער, אַ פערטל... סיי־ווי־סיי די קניה איז געווען געמאַכט. בן־ציון האָט זיך דערפילט אַ גאַנצער בריה, אַפילו אָן אַ שפּראַך וועט ער דאָ נישט פאַרפאַלן ווערן. די מאַסלינעס האָט מען געגעסן מיט ברויט צום אָוונט־ברויט, פאַרזופּט מיט שוואַרצער קאַווע, און דערפילט זיך שטיקלעך אַרגענטינער. איז מען אַוועק שלאָפן צופרידענע, כאָטש אין די גרויסע קאַזאַרמעס פון אימיגראַנטן־האָטעל איז געווען קאַלט כאָטש טרייב אַרום וועלף. די מענער זענען געווען אָפּגעטיילט פון די פרויען, געשלאָפן איז מען אויף בעטלעך פון שטאָף אָנגעצויגן אויף אייזערנע געשטעלן, צו דריי בעטלעך איינע איבער דער צווייטער, די עלעקטרישע באַלייכטונג האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט, מענטשן זענען געגאַנגען אויף און אָפּ, מען האָט נישט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג. אין דער פרויען־אָפּטיילונג איז עס געווען אַביסל באַקוועמער, אָבער אויך ווייט פון גוט. מען איז ווי עס איז איבערגעקומען די נאַכט.

מיטן טאָג האָט זיך די קעלט געשטאַרקט; אָבער אָט איז אַרויס די זון, עס איז געוואָרן וואַרעמער, די שרעק איז אַריבער, דאָס איינוואַשן זיך אין די גרויסע וואַש־צימערן האָט אַביסל אָפּגעפרישט, איז מען נאָך פרישטיק אַוועק אין ביוראָ צו פאַרשרייבן זיך אויף בילעטן אַרויסצופאָרן דעם זעלביקן אָוונט מיטן צוג אין דער קאָלאָניע ווו בן־ציונס עלטערן האָבן געוווינט.

דער ייִדישער באַאַמטער האָט זיך גאַנץ פיין געלאָזט רעדן. אָבער קיין בילעטן אויפן זעלביקן טאָג קאָן מען נישט באַקומען, ערשט אויף איבערמאָרגן וועט ער קאָנען צושטעלן בילעטן. אָבער איבערמאָרגן איז געווען פריי־

טיק, דער צוג גייט אַרויס ביינאַכט. ביז דער קאָלאָניע איז אַ שעה צוואַנציק פאָרן, איז ווי קומט מען עס צו פאָרן אים שבת צו אַזעלכע פרימע טאַטע־מאַמע? לענגער פאַרבלייבן אין אימיגראַנטן־האָטעל איז אפשר געווען סכנות־נפשות, פאַניע האָט שטאַרק געליטן, נאָר בלית־ברירה האָט מען געמוזט פאַר־שרייבן די בילעטן אויף איבערמאָרגן.

איז מען נאָך מיטאָג אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. געגאַנ־גען איבער אירע פיינע גאַסן, בולוואַרן, צוגעקומען ביזן קאָנגרעס, געזען די נייע נישט לאַנג אויסגעבויטע „אַוועניִדאַ דע מאַזשאָ" גערעדפּט פאַררייסן דעם קאָפּ אויף צו דערזען דעם שפּיץ פון אירע הויכע הייזער. הכלל עס איז געווען אַ נאָכמיטאָג פון גרויסע איבעראַשונגען, מען איז אַריין אין אַ מדינה מיט אַ הויפּטשטאָט וואָס איז אַ יופי אין דער וועלט.

געקומען צוריק אין אימיגראַנטן־האָטעל, האָט מען געטראָפן אַ נייעס. עפּעס אַ יונגערמאַן איז געקומען פון אַ גרויסער שטאָט פון אינלאַנד, אָפּצו־נעמען זיינע אַ שוועגערין, וואָס איז געווען אַ שיפס־שוועסטער און זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט פאַניען, בן־ציונס ווייבל. דערהערט דעם פאַמיליען־נאָמען פון פאָרל איז דער יונגערמאַן גאָר צעטומלט געוואָרן:

— „הער נאָר! הער נאָר! דאָס זענט איר? אייער פאַמיליע, מיט וועל־כער מיר וווינען אויף איין הויף, קוקט זיך דאָך אַרויס די אויגן נאָך אייך! זיי האָבן דאָך פון אייך קיין בריוו נישט פון אַ שטיק צייט און ווייסן נישט וואָס איבערצוטראַכטן! שוין מאַכט אייערע פעקלעך! איר פאָרט מיט אונדז נאָך מיטן צוג פון היינט ביינאַכט". דערקלערט אים בן־ציון אַז די בילעטן זענען ערשט אויף איבערמאָרגן, אָבער דער יונגערמאַן לאַכט זיך אויס, דאָ, אין אַרגענטינע קאָן מען אַלץ איינאָרדענען... באַלד איז ער אַוועק מיט בן־ציונען, איבערגעביטן די בילעטן און פאַר איינוועגס אָפּגעשיקט אַ טעלע־גראַמע אַז מען זאָל זיי אַלעמען אָפּוואַרטן ביים צוג.

ביים אָפּשיקן די טעלעגראַמע האָט בן־ציון באַמערקט עפּעס וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אויף צו באַצאָלן האָט דער יונגערמאַן נישט אַרויסגענומען קיין בייטעלע, ווי עס פירט זיך, נאָר אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגעשלעפּט אַ זשמוט צעקנוידערטע באַנקנאָטן, צווישן וועלכע בן־ציון האָט באַמערקט פּאַפּירלעך פון פופציק און הונדערט פּעזעס, האָט אַרויסגענומען אַ פּעזע, באַצאָלט און נישט גענומען קיין רעשט, די אַנדערע באַנקנאָטן אַריינגערוקט צוריק אין קעשענע און געלאָזט זיך גיין. אַ פאַרוווּנדערטער האָט בן־ציון געפרעגט: „אַזוי האַלט מען ביי אייך געלט?"

— „וואָס האָט איר געמיינט? — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט יידישלעך מיט אַ פראַגע, — מען וועט זיך גיין צאַצקען מיט די „שמאַטעס", דאָ איז

אַרגענטינע! דאָ וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן, דאָ שפּייט מען אויף געלט! דאָ קאָן מען אין אַ גוטער שטימונג פאַררויכערן אַ ציגאַרעטל מיט אַ פּאַפּירל פון הונדערט פּעזאָס, דאָ איז געלט בלאָטע!

בן־ציון האָט אַ פאַרוואונדערטער אויסגעהערט און געפרעגט: וואָס אייגנטלעך איז אייער באַשעפטיקונג? ביי וואָס מאַכט איר עס אַזוי פיל געלט?

— איך בין אַ „סוקוענטעניק״, — אַ וואָס? — האָט בן־ציון איבערגעפרעגט, ווייל דאָס וואָרט האָט אים אויסגעדוכט ווי אַ רוסיש זידל־וואָרט. דער יונגערמאַן האָט איבערגעחזרט: אַ „סוקוענטעניק״ — ס׳הייסט אַ סוחר וואָס פאַרקויפט אין אויסצאָלונגען, איך האָב אַ גרויסע „קליענטעלע״, אַ טויזנט „טאַרכעטלעך״, איר וועט שוין שפּעטער געוווירער ווערן וואָס דאָס באַדייט...

צען אַזייגער ביינאַכט איז דער צוג אָפּגעגאַנגען. געפאָרן איז מען צווייטע קלאַס. דער וואַגאָן איז געווען איבערגעפּאַקט, עס זענען אויך געפאָרן אייניקע אינדיאַנער, וואָס האָבן געוועקט קוריאָזיטעט מיט זייער מאָדנער קליידונג. עס האָט אַביסל איבעראַשט וואָס אפילו אין צווייטן קלאַס, כאָטש ער איז ערגער פון דריטן קלאַס אין רוסלאַנד, איז פאַראַן עלעקטרישע באַלייכטונג, פאָרט אַ נייע וועלט...

קיין סך נחת אויף דער נסיעה איז בן־ציונען נישט באַשערט געווען. נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך פּאַניע דערפילט שלעכט, שאַרפע ווייטיקן אין בויך, אַ שפּאַרעניש אונטערן לעפעלע, זי האָט אַ פּאָר מאָל געמייקעט, די היימישע מיטלען האָבן נישט געהאָלפן, קיין דאָקטער צום האַנט איז נישט געווען. האָט זי נעבעך שווער געליטן, עס איז געווען אַ שווערע, שלאָפלאָזע נאַכט.

אַרום זיבן אַזייגער אינדערפרי איז דער צוג אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע פון דער גרויסער האַפן־שטאָט, וווּ בן־ציונען און זיין ווייבל האָבן אָפּגעוואַרט אַ ברודער, אַ שוואָגער, אַ שוועסטער. עס איז געוואָרן אַ קושעניש, מען האָט זיך דערפרייט מיט דער אומבאַקאַנטער שוועגערין. דער שוואָגער האָט דערקלערט אַז בן־ציונס עלטערן האַלטן אין מיטן אַריבערציִען זיך אין קאָלאָניע, דער פאָטער איז שוין דאָרט, די מוטער, ברודער און שוועסטער קלייבן זיך אין וועג אַריין. וועט מען דערווייל אַראָפּפאָרן אין שטאָט אַריין, ברענגען אַ דאָקטער צו דער קראַנקער, דער באַגאַזש וועט בלייבן אויף דער סטאַנציע, דאָ גנבעט מען נישט! די בילעטן וועט מען פאַרלענגערן אויף מאָרגן. עס איז אַ קלייניקייט. דאָ לאָזט זיך אַלץ דורכפירן!

בן־ציון האָט דערפילט, אַז ער איז אָנגעקומען אין עפּעס אַ גליקלעכער אַרקאַדיע, ווי אַלץ גייט צו אַזוי פּשוט און גרינג. נישטאָ קיין מורא פאַר קיינעם, אַפילו פאַר אַ שעף פון אַ באַן־סטאַנציע, וואָס איז דאָך אַ שטיקל „נאַטשאַלסטוואָ״. דערווייל האָט ער געמאַכט דעם שוואָגער מיטן ברודער אַ

גאָר זײטיקע באַמערקונג; זײ רעדן אַ גאָר פּײנעם ייִדיש, אַן צומיש פון פרעמדע װערטער. אױפגעװאַקסן אין דרום־רוסלאַנד, װוּ דער ייִדיש איז געװען שטאַרק געמישט מיט רוסישע עלעמענטן, האָט בן־ציון אין די לעצטע יאָרן, זינט ער האָט דערלערנט רוסיש, כמעט קײן ייִדיש נישט גערעדט, כאָטש ער האָט מיט עכטע רוסן געהאַט װײניק צו טאָן, אָבער די ייִדישע יוגנט איז שױן גע־װען שטאַרק רוסיפיצירט, און אַפילו איר ייִדיש איז געװען מיט מער װי אַ העלפט רוסישע װערטער, און דאָ הערט ער גאָר אַ רײנעם ייִדיש, אַ מחיה צו הערן. האָט עס גערופן זײן אױפמערקזאַמקײט.

דערװײל איז דער שװאָגער פאַרטיק געװאָרן מיטן פאַרלענגערן די בײ־לעטן, מיט בײדע שװעגערינס איז ער אָפּגעפאָרן צו זיך אַהײם, מען װעט גלײך רופן אַ דאָקטער. די ברידערלעך זענען מיט אַ טראַמװײ אַװעקגעפאָרן אַהײם צו דער מוטער, װוּ מען האָט נאָכן טראַדיציאָנעלן צעקושן, צעפרעגן און אױסװײנען זיך, אָנגעהױבן מאַכן בן־ציונען פאַר אַ מענטשן. אין אַ נאָענטער שערערײ האָט מען אים באַפרײט פון דער „פּאַטלע האָר" װאָס איז אָנגעװאַקסן פאַר העכער אַ חודש נסיעה, מען האָט אים אױך גאַנץ פײן אָפּ־ראַזירט. אין דער הײם האָט ער גענומען אַ טוש, זיך איבערגעטאָן אין פרישע װעש, אין אַ נײעם אָנצוג. האָט ער זיך אַלײן נישט דערקענט װען ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל.

מען איז אַװעק אין הױז פון דער עלטערער שװעסטער. דער דאָקטער האָט שױן געמאַכט זײן באַזוך בײ דער קראַנקער, איר געגעבן אַן אײנשפּרי־צונג קעגן גאַלשטײנער און זי האָט זיך שױן געפילט בעסער. די שװעסטער האָט באַקאַנט בן־ציונען מיט אירע פיר קינדערלעך: אַ מײדעלע װאָס ער האָט נאָך קלײנערהײט געהאַלטן אױף זײנע הענט אין רוסלאַנד, און דרײ בחורימ־לעך, געבױרענע אין אַרגענטינע. חברה האָט זיך גאָר דערפרײט מיטן נײעם „טיאָ" (פעטער), אָבער צונױפרעדן זיך האָט מען נישט געקאָנט. בן־ציון האָט דאָך נאָך קײן גענוג שפּאַניש נישט געקאָנט און די קינדער האָבן שױן קײן ייִדיש נישט גערעדט. איז געװאָרן אַביסל קאַלעמוטנע אױף דער נשמה. װי־באַלד מען קאָן זיך נישט צונױפרעדן מיטן אונטערװאַקסנדיקן דור, װאָס־זשע פאַר אַ ייִדיש לעבן װעט דאָ אױפקומען?

בן־ציון האָט זיך טיף פאַרטראַכט װעגן דעם.

קאַפּיטל 3

אונטער ליכטיקע הימלען

איבערגעשלאָפן די נאַכט אויף אַ היימישן געלעגער וואָס מאַמישע זאָרג האָט געמאַכט נאָך ווייכער און וואַרעמער, איז בן־ציון אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. ווייל ער האָט דאָך געדאַרפט פאָרן ביז דער קאָלאָניע ווו דער פאָטער האָט זיך שוין געפונען. אָנשטאָט פּאַניען, זיין ווייבל, וואָס איז געבליבן אויף דערהאָלונג, איז מיטגעפאָרן זיין יונגסטע שוועסטער, אַ מיידל אין בלי־ענדיקן עלטער, וואָס האָט גערעדט שפּאַניש ווי אַ וואַסער און האָט זיך געפילט היימיש אין אַ סביבה וואָס איז נאָך פאַר בן־ציונען געווען גאַנץ פרעמד.

אין וואַגאָן האָט זיך בן־ציון אָנגעטראָפן מיט אייניקע שיפס־ברידער וואָס זענען אַרויסגעפאָרן מיט אַ טאָג שפּעטער, און וואָס זענען אויך געפאָרן אין קאָלאָניע אַריין. די קאָלאָניע איז דעמאָלט געווען דער מקום־מקלט פאַר די אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך נישט אַזוי גיך געקאָנט איינאָרדענען אין שטאָט. וואָס וועט מען זיצן אין די קאַזאַרמעס פון אימיגראַנטן־הויז, עסן פון „קעסל", ווי מען האָט עס גערופן, און זיך אַרומדרייען איבער די גאַסן? די רעגירונג גיט אַן אומזיסטן באַן־בילעט, וועט מען פאָרן אין קאָלאָניע אַריין: צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן...

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, די זון האָט געשיינט, פעלדער האָבן געגרינט, ביימער האָבן געשאָטנט, און אויפן האַרצן איז געווען פריידיק אויפגעלייגט. מען איז אין אַ פריי לאַנד, ווו מען האָט נישט קיין מורא פאַר קיין פּאָגראָמען, נישטאָ קיין „טשערטאַ אָסעדלאָסטי", מען טרייבט נישט פון קיין דערפער, מען איז פריי צו באַשעפטיקן זיך מיט וואָס מען וויל, וועט מען נישט פאַרפאַלן ווערן.

אָבער אויף וויפל די נסיעה האָט זיך דערנענטערט צו איר סוף איז די שטימונג געפאַלן. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך. דער טאָג איז שוין באַלד פאַרביי און וווהין, צו וועמען פאָרט מען? ווער וואַרט אויף זיי? גוט איז אייך — האָט מען געטענהט צו בן־ציונען, — איר פאָרט צו קרובים, צו משפחה, איר האָט אַן אָנשפּאַר, צו וועמען פאָרן מיר און וואָס פאַר אַן אָנשפּאַר האָבן מיר?... איז טאַקע אין וואַגאָן געוואָרן אַביסל אַ טרויעריקע שטימונג. אַ קאָלאָניסט וואָס איז אַריינגעשטיגן אויף איינער פון די פאַרלעצטע סטאַנציעס, האָט מיט זיין פריינטלעכקייט און גוטמוטיקייט אַביסל

אויפגעהייטערט די געמיטער: „איר פֿאָרט צו ייִדן, צווישן ייִדן דאַרפֿט איר נישט צופֿיל זאָרגן, איר וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגן".

שוין אויף דער לעצטער סטאַנציע, האָבן זיינע רייד געפֿונען אַ פּראַק־טיקע באַשטעטיקונג. ייִדן זענען אַרויס פֿון שטעטעלע ביי דער סטאַנציע, נישט געלאָזט די אימיגראַנטן זיך אָוועקלאָזן צופֿוס אין קאָלאָניע, נאָר פֿאַר־האַלטן זיי ביי זיך ביז איבער שבת. עס איז געווען אַן אמת: „צווישן ייִדן ווערט מען נישט פֿאַרפֿאַלן".

אין קאָלאָניע איז בן־ציון אָנגעקומען האַרט פֿאַר שקיעה, פֿאַרפֿאָרן אין הויז פֿון זיינער אַ שוועסטער, וווּ דער פֿאָטער האָט זיך שוין געפֿונען אַ לענ־גערע פֿאַר וואָכן. מען האָט קוים באַוויזן רעכט צוקושן זיך, ווי דער פֿאָטער מיטן שוואָגער זענען אַוועק אין שיל אַריין, נישט פֿאַרשפּעטיקן צו קבלת־שבת. דער פֿרייטיק־צונאַכטס איז געווען אַביסל אַ צערודערטער. בן־ציון איז געווען מיד פֿון וועג, אַלע זענען געווען פֿול מיט עמאָציעס פֿון דער באַגעגע־ניש, נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג. דאָך איז דער שבתדיקער טיש נישט פֿאַר־שטערט געוואָרן, מען האָט געגעסן שבת־מנוחהדיק, געזונגען זמירות כדת וכדין, בלויז די שמועסן האָבן זיך נישט געקלעפּט, ווייל ביים גאַסט האָבן זיך געקלעפּט די אויגן פֿון מידקייט. איז מען פֿרי געגאַנגען שלאָפֿן, אָפּגעלייגט די שמועסן אויף מאָרגן.

דער שבתדיקער טאָג האָט זיך אין קאָלאָניע גאָר פֿיין אָנגעזען. די גע־שעפֿטן זענען אַלע געשטאַנען געשלאָסן. זעלטן ווען עס איז דורכגעפֿאָרן אַ פֿור, אָדער עס האָט דורכגעריטן אַ רייטער. אין שיל האָט געדאַוונט אַ חזן (טאָקע בן־ציונס אַ שוואָגער) מיט אַ פֿיינעם כאָר. עולם איז געווען פֿיין גע־קליידעט, שבת־יום־טובדיק געשטימט, עס איז ניכר געווען אַז דער עקאָנאָ־מישער מצב איז אַ גוטער, ייִדן זענען פֿאַרמעגלעך.

פֿאַרן טאָג האָט בן־ציון באַוויזן אויסצושפּרייזן די קאָלאָניע איז דער לענג און אין דער ברייט, באַקאַנען זיך מיט ייִדן, אַריינקוקן אין אַ צווייטער שיל וואָס מען האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אויפֿגעבויט, און בכלל ווערן אַביסל היימיש.

אויף מאָרגן זונטיק איז געווען מאַרק־טאָג. פֿון גאַנץ פֿרי אָן האָבן פֿון אַלע ריכטונגען זיך געצויגן אין קאָלאָניע קאָלאָניסטישע פֿורלעך, קאָלאָניסטן זענען געקומען איינקויפֿן, סיי אין דער קאָאָפּעראַטיווע, סיי ביי פּריוואַטע סוחרים. איז עס ביי בן־ציונען געווען אַ חידוש. אַ מאַרק־טאָג אין דער היים, איז אַ צונויפֿפֿאָר פֿון גויים וואָס קומען קויפֿן ביי ייִדן, דאָ זענען די ייִדן סיי די קונים, סיי די סוחרים, עפּעס אַ שטיקל ייִדישע מדינה. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז אַ ייִד, דער ריכטער אויך, דער „גלאַוונער" באַלעבאָס איז די

„ביורא״, ס׳הייסט די יִיקאַ־אַדמיניסטראַציע, דער אַדמיניסטראַטאָר איז דער גאַנצער כל יכול. חידושים!...

נישט ווינציקער פון בן־ציונען האָבן זיך אויף דעם אַלעמען געחידושט זיינע שיפס־ברידער וואָס זענען געבליבן איבער שבת אין שטעטעלע ביי דער באַן־סטאַנציע און זענען געקומען מיט די דאָרטיקע קאָלאָניסטן צום מאַרק־טאָג. אַ ווינצלינג פון צווישן זיי האָט באַצייכנט די קאָלאָניע ווי קליין ארץ־ישראל, און בן־ציון האָט מסכים געווען אַז עפּעס דערפון איז פאַראַן; די מדינה איז טאַקע נישט קיין יִידישע, אָבער די יִידישע קאָלאָניע איז יִידיש דורך און דורך; האָט עס געווירקט אויפן געמיט, די שטימונג איז געווען גאָר געהויבן.

אָבער וואָס מער טעג עס זענען פאַרלאָפן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך גע־שטעלט די פראַגע פון פּרנסה. צו וואָס זאָל ער זיך נעמען? אַ לערער פון פאַך, אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות מלמדים, איז בן־ציון פון לכתחילה אַרויסגע־פאָרן מיט דער האָפענונג צו באַקומען אַ לערער־פּאָסטן אין איינער פון די יִיקאַ־שולעס אין די קאָלאָניעס, אָבער ער איז אָנגעקומען אין מיטן שול־יאָר, ביזן נייעם שול־יאָר זענען געבליבן אַ 5—6 חדשים, וואָס טוט מען דערווייל? אַז אין אַ לאַנד פון אַזעלכע מעגלעכקייטן זענען פאַראַן אַנדערע פּרנסות ווי לערעריי, וועגן דעם האָט בן־ציון אַפילו נישט געטראַכט. ער איז געווען גייס־טיק פאַרבונדן מיטן פאַך, האָט עס געהאַלטן פאַר זיין מיסיע אין לעבן. דערצו האָט אים שטאַרק געצויגן אין דער יִידישער קאָלאָניע אַריין, אויסלעבן זיך אין אַ יִידישער סביבה! וואָס מער קאָן מען פאַרלאַנגען?... נאָר ווי אַזוי שטופּט מען דורך די עטלעכע חדשים ביז צום נייעם שול־יאָר? און ווי וועט זיין ווען אין די שולעס פון דער יִיקאַ וועט נישט זיין קיין לערער־שטעלע? דאָס זענען געווען די פּראָבלעמען וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין רו.

דערווייל איז די רעשט פון דער משפּחה אויך געקומען אין קאָלאָניע, די מוטער, די שוועסטער, דער ברודער, דאָס יונגע ווייבל בן־ציונס. האָט מען זיך אַריינגעצויגן אין אַ באַזונדער דירה. דער ברודער האָט גלייך באַקומען אַר־בעט אין דער דרוקעריי פון דער קאָלאָניע, דער פאָטער האָט געהאַט אין קאָלאָניע אַ פּריוואַט־שולע, אַ מין חדר־מתוקן, די פרויען זענען געווען פאַר־נומען ביי די הויז־אַרבעטן, בלויז בן־ציון איז אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג. עס האָט אים אָנגעהויבן אַביסל צו ערגערן.

ווי עס טרעפט אָפט אין אַזעלכע פאַלן, האָט אַרויסגעהאָלפן אַ צופאַל. פון דער הויפּטשטאָט פון פּראָווינץ איז געקומען צופאָרן בן־ציונס אַ דריטע שוועסטער, אויף אַ חתונה פון איר מאַנס אַ ברודער, אַ קאָלאָניסטישער זון פון אַ ווייטער ליניע אין דער קאָלאָניע, האָט זי בן־ציונען מיטגענומען אויף דער חתונה, האָט ער זיך באַקאַנט מיט נייע מענטשן, מיט אַן אַנדער אַרט

קאָלאָניסטישן לעבן, נישט אין קאָנצענטרירטער קאָלאָניע, וואָס האָט דער־מאָנט אין אַ גרעסערן דאָרף פון דער אַלטער היים, אָדער אין אַ ייִדישער קאָ־לאָניע פון דרום־רוסלאַנד, נאָר צעוואָרפן אין גרופּעס. ס׳הייסט אַ קליינע צאָל הייזער, פון צוויי ביז פיר, יעדע גרופּע אָפּגערוקט אַ קילאָמעטער פון דער צווייטער און אַלע צוזאַמען אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער „ליניע״ פון אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער. עס איז געווען ניי און אינטערעסאַנט. די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן אויפן אַלטן ייִדישן שטייגער. אָבער די טענץ זענען געווען געמישטע: ייִדישע און אַרגענטינער, די השפּעה פון דער סביבה.

נאָך דער חתונה, ווען מען איז צוריק געקומען אין קאָלאָניע, האָט די שוועסטער פאָרגעשלאָגן אַזאַ פּלאַן, אין דער שטאָט וווּ זי וווינט איז פאַראַן אַ קליינע ייִדישע קהילה, וואָס האַלט זיך ערשט אין אָנהייב פון אָרגאַני־זירונג. איינע פון די הויפּט־שטרעבונגען פון דער יונגער קהילה איז צו האָבן אַ שולע פאַר אירע קינדער, איז אָבער שווער צו קריגן אַ לערער. די פּאָר קאַנ־דידאַטן וואָס האָבן זיך אָנגעבאָטן, האָבן געאַרבעט ביז זיי האָבן געקאָנט ווערן קווענטעניקעס, ווייל זיי זענען נישט געווען קיין לערער פון פאַך. איז אפשר זאָל בן־ציון פאָרן צו זיין שוועסטער ביז איבער די ימים־טובים, און פאַר דער צייט וועט מען זען, אפשר וועט ער איבערנעמען דעם פרייען לערער־פּאָסטן?... דער פאָרשלאַג איז געפעלן געוואָרן און בן־ציון איז אויף די ימים־נוראים און סוכות אַוועקגעפאָרן אין שטאָט.

קאַפּיטל 4

ערשטע שווערע טריט

די שטאָט וווהין בן־ציון איז געפאָרן איז געווען אַ קליינע, אַ רויִקע, כמעט אַ גרויסער דאָרף, אָבער פּאָרט אַ הויפּטשטאָט פון אַ פּראָווינץ. האָט זי געהאַט עלעקטרישע באַלייכטונג, געפלאַסטערטע גאַסן אין צענטער־שטאָט, אַ פּאָר פיינע בנינים, אַ טראַמוויי, געשלעפּט פון פערד, שיינע דראָזשקעס, אוניפאָרמירטע פּאָליציי, וואָס פלעגט געמיטלעך דרימלען אויף די פּאָסטנס, ווייל זעלטן ווען עס פלעגט עפּעס טרעפן אויף די גאַסן. עס איז געווען אַ גע־מיטלעכע שטאָט, מיט אַ סך רויִקייט פון דאָרפישן לעבן, צו וועלכן עס האָט בן־ציונען אַזוי געצויגן.

דער יִדישער ישוב אין שטאָט איז נאָך געווען גאָר יונג. דאָך איז ער שוין געווען געטיילט אין צוויי שיכטן, אַלטגעזעסענע און ניי־צוגעקומענע; צוויי שיכטן, צוויי צדדים, מיט צוויי שוחטים, מיט אַ מחלוקת, גאָר ווי אין דער אַלטער היים.

בן־ציונס שוואָגער איז געווען דער שוחט פון „גרינעם" צד, וואָס איז אויך געווען דער ציוניסטישער און האָט שוין באַוויזן אויפצושטעלן דעם ערשטן געזעלשאַפטלעכן בנין, אַ סאַלאָן וואָס האָט אויך געדינט אַלס שיל און אין וועלכן מען האָט אויך געוואָלט איינאָרדענען אַ שולע פאַר חברה־קליינוואַרג, זענען געווען אויסזיכטן אַז בן־ציון זאָל פאַרנעמען די שטעלע פון אַ לערער.

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די ימים־נוראים. די „גרינע" וואָס זענען נאָך געווען צוגעבונדן צו דער אַלטער היים און אירע טראַדיציעס, האָבן זיך אַ נעם־געטאָן צום רבונו־של־עולם, גאָר קיין מעשה נישט. נאָך אַ שווערן טאָג פעדלען אויף אויסצאָלן (קוענטאַ), פון פרײַען פאַרטאָג ביז שפּעט אין אוונט, פלעגט מען זיך פעדערן צו סליחות, וואָס מען האָט געזאָגט מיט האַרץ און התלהבות. און אויב נאָכן ענדיקן די סליחות איז געבליבן אַביסל צייט ביז עס ווערט רעכט טאָג און מען קאָן זיך שטעלן דאַווענען, האָט מען דערווייל „אריינגעכאַפּט" אַ „יום" אָדער צוויי תהילים, ווי אַ כשרע מציאה וואָס וועט געוויס צונוץ־קומען אין גרויסן יום־הדין.

ראש־השנה האָט מען געדאַוונט ווי אין דער אַלטער היים, מיטן זעלביקן ערנסט און זעלביקן נוסח. פּלוצלינג איז געוואָרן אַ גערודער: „די סטודענטן

גייען! די סטודענטן גייען!״. אין שיל האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט עטלעכע בחורימלעך, קאָלאָניסטישע און שטאָטישע קינדער, וועלכע האָבן געלערנט אין דער שטאָטישער גימנאַזיע וואָס מען האָט אין שפּאַניש גערופן „קאָלעכיאָ״; די נאַיווע מתפּללים האָבן זיי שוין באַצײַטנס פאַררעכנט פאַר סטודענטן און געקוקט אויף זיי מיט דרך־ארץ און גלײַכצײַטיק מיט האָפענונג: זיי וועלן דאָך אַמאָל זײַן דאָקטוירים.

כאָטש דאָס דאַווענען האָט זיך געצויגן גאַנץ לאַנג, האָט מען דאָך גע־בעטן דעם גאַסט, בן־ציונען, ער זאָל עפּעס זאָגן, עס הייסט האַלטן אַ רעדע; ייִדן זענען געווען להוט צו הערן אַ ייִדיש וואָרט. האָט בן־ציון נישט געקאָנט אָפּזאָגן און איז אַרויס מיט זײַן ערשטער רעדע אויפן אַמעריקאַנער קאָנטי־נענט. די דרשה האָט עושה־רושם געווען: בן־ציון האָט זיך דערפילט ווי אין דער אַלטער היים.

צו כפּרות־שלאָגן האָט זיך בן־ציון אַנגעטראָפן אויף אַ דריטן שיכט ייִדן, וואָס די ערשטע צוויי גרופּעס האָבן גאָרנישט אָנערקענט ווי אַזעלכע. גרופּעס שוואַרץ־חנעוודיקע בחורים, מיט פּעך־שוואַרצע געקרײַזלטע האָר־טשופּרינעס און קויל־שוואַרצע אויגן. זיי זענען געקומען צום שוחט אויף ביציקלעטן צו וועלכע עס זענען געווען צוגעבונדן די עופות פאַר כפּרות. חברה האָט מיט כוונה געזאָגט פון די סידורים, מיט פאַרגלײַזטע אויגן געדרייט די כפּרות איבער זייערע קעפּ, געשטאַנען איבערן שוחט ווען ער האָט די כפּרה „מקריב געווען״, און מיטן זודיקן בלוט פון דער כפּרה אָנגעשריבן אויפן לינקן האַנט־געלענק דעם אייגענעם נאָמען און דעם נאָמען פון דער מוטער; די אויפגעשריבענע נעמען האָט מען נישט געטאָרט אָפּוואַשן ביז נאָך הושענה־רבא, ווען מען באַקומט דאָס גוטע קוויטל...

מנינימוויז פלעגן זיי קומען, אָט די מאָדנע בחורים. צווישן זיך האָט מען גערעדט שפּאַניש, די ווערטער פון סידור האָבן זיי אַרויסגעלייענט אויף אַן אופן וואָס בן־ציון האָט קוים געקאָנט פאַרשטיין. דאָס זענען געווען ספרדים פון אַלעפּאָ און דמשק, פון ביירוט און פון מאַראָקאָ, פאַרוואָרפענע אין גלות־אַמעריקע, וואָס האָבן זיך אויך געקלאַמערט אין די זכרונות פון זייער ייִדי־שער היים, וואָס איז אַזוי פאַרשידן און אין דעם ייִדישן גלויבן וואָס האָט זיי צוגעבונדן צום מקור. די אשכנזים האָבן זיי געהאַלטן פאַר האַלבע אָדער גאַנצע גויים; שטעלט אייך פאָר: זיי קאָנען דאָך קיין וואָרט ייִדיש נישט!... אָבער בן־ציון האָט זיך צונויפגערעדט מיט אַ פּאָר פון זיי, אַביסל אין העברע־איש, אַביסל מיט די הענט, און יום־כּיפּור האָט ער באַזוכט דעם ספרדישן מנין וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ פּריוואַטער שטוב און צוזאַמען מיט זיי אויסגעזונגען און אונטערגעטאַנצט דעם „ד׳ ד׳ אל רחום וחנון״, וואָס איז

ביי זיי די הויפּט־תפילה. אַזוי האָט בן־ציון געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט זיינע ספּרדישע ברידער. פון דער באַקאַנטשאַפט איז געוואָרן אַ פריינטשאַפט און אַ פאַרערונג פאַר דעם אַזוי ווירדיקן יידישן שבט, וועגן וועלכן ער האָט זיך היפש אָנגעלייענט בחורוויז אין די ביכער: „שבט יהודה", „עמק הבכא", „עמק הארזים" אאַז"וו. שפּעטער מיט יאָרן האָט מען בן־ציונען באַטראַכט ווי אַן ערן־ספרדי צווישן די ספרדים, און ווי אַ שטיקל גוי ביי די אשכנזים, וואָס האָבן געהאַלטן אַז די ספרדים זענען גאָר קיין יידן נישט.

אויף מאָרגן נאָך יום־כיפור האָט מען גענומען רעדן דעם „שידוך". אפשר וואָלט בן־ציון מסכים געווען צו ווערן דער לערער פון דער ניי־געגרינדעטער שולע? ער וועט האָבן אַ געהאַלט פון 80 פּעזעס אַ חודש, ער וועט דאַרפן לערנען אין צוויי טורנעס, פאַרמיטיק און נאָכמיטיק, אָבער ער וועט אויפטאָן אַ דבר גדול, — ראַטעווען יידישע קינדער פון פאַרגויִשט ווערן, אויסלערנען זיי אַביסל יידישקייט.

בן־ציונען האָט געצויגן אין קאָלאָניע, ווו אַפילו די לופט איז געווען יידיש, ער האָט אויך געוווּסט אַז דער פאָטער איז קעגן דעם אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין אַ שטאָט, אָבער אָפּוואַרפן דעם אָנבאָט האָט ער נישט געקאָנט: ער דאַרף דאָך פּרנסה און די געמיינדע דאַרף דאָך אַ לערער, איז עס אפשר פּאָרט אַ פּלאַן?

דערווייל זענען אָנגעקומען די סוכות־טעג. דער ציוניסטישער פאַראיין פון דער קאָלאָניע האָט איינגעלאַדן בן־ציונען צו האַלטן אַ רעדע אויפן סוכות־אָוונט וואָס ער אָרדנט איין. עס איז אויך געקומען אַ בריוול פון דער משפּחה אַז ער זאָל אויף יום־טוב קומען אַהיים. האָט ער באַשלאָסן פאָרן אויף סוכות אין קאָלאָניע, מיישב זיין זיך מיטן פאָטער, מיט דער מוטער און מיט זיין פּאַניע און נאָך יום־טוב געבן תשובה אויפן פאָרשלאָג.

אין קאָלאָניע האָט בן־ציון דערפילט די שמחה פון די ערשטע טעג; דער עקאָנאָמישער מצב איז געווען אַ גוטער. די מערהייט קאָלאָניסטן — צווישן רייך און פאַרמעגלעך, סוחרים האָבן פאַרדינט אַרום זיי. סוכות איז טאַקע זמן־שמחתנו. די משפּחה איז געווען אויפגעלייגט צו לאַכן און „כאכאטשען" אַפילו אין שווערע צייטן, בפרט איצט, ווען פּרנסה איז ברוך־השם געווען און מ'לעבט צווישן יידן, האָט בן־ציון געהאַט איינעם פון די פריילעכסטע ימים־טובים אין זיין לעבן.

דער סוכות־אָוונט איז פאַר בן־ציונען געווען אַ נייס. אין רוסלאַנד וואָלט מען אַזעלכעס נישט געקאָנט פאַראַנשטאַלטן. די גאַנצע פּראָגראַם איז געווען אין יידיש: מען האָט דעקלאַמירט פון ביאַליקן, מאָנאָלאָגירט פון שלום־עליכמען, אַ כאָר האָט געזונגען, רעדנער האָבן גערעדט, ווען בן־ציון האָט

געדאַרפט שליסן דעם אָװנט האָט אים אַ ביסל אַ סקרוך־געטאָן דאָס לײב: „אימתא דציבורא״! דערצו האָט אים אַ חבר אַרײנגעשושקעט פון הינטער די קוליסן: „איר רעדט װוּנדערבאַר, אָבער מאַכט עס בקיצור... חברה װיל טאַנצן״... אַזעלכעס האָט אין רוסלאַנד נישט געקאָנט געמאָלט זײן. עס איז געװען אַביסל פּריקרע אױפן געמיט, דאָך האָט ער די רעדע נישט צופיל פאַר־קירצט, עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט; אַפילו די יוגנטלעכע װאָס זענען גע־װען להוט נאָכן טאַנצן, האָבן אים געמאַכט קאָמפּלימענטן; מײדלעך האָבן באַ־דױערט װאָס ער קאָן נישט טאַנצן... הכלל, עס איז געװען אַ דערפאָלג.

דעם ערנסטן שמועס האָט מען אָפּגעלײגט אױף נאָך יום־טוב, בכדי ניט צו שטערן די שמחת־החג, און װען מען האָט איסרו־חג פאַרפירט אַ שמועס װעגן דעם װי בן־ציון זאָל האַנדלען מיטן אָנבאָט צו װערן אַ לערער אין שטאָט, זענען די צװײ װיכטיקסטע שטימען געװען פאַר דעם אַז ער זאָל דעם פּאָסטן אָננעמען. דער פאָטער האָט עס געראָטן דערפאַר, װײל װער װײסט צו עס װעט זיך מאַכן אַ פּאָסטן בײ דער יִק״אַ, װוּהין עס איז בכלל שװער אָנצוקו־מען, פאַניע האָט סתם בעסער געװאָלט װױנען אין אַ שטאָט װוּ עס זענען פאַראַן בעסערע באַקװעמלעכקײטן. בן־ציון אַלײן איז געװען פאַרליבט אין דער קאָלאָניע און ער האָט באַשלאָסן נישט אָװעקצופאָרן אײדער ער װעט פּרוּװן דעם מזל בײם אינספּעקטאָר פון די יִקאַ־שולעס װעגן מעגלעכקײטן פון אַ פּאָסטן בײ דער יִקאַ.

דער אינספּעקטאָר איז געװען אַ ספרדי, פון סמירנע. מען האָט אים גע־האַלטן פאַר אַביסל אַ נערװעזן. גערעדט האָט ער שפּאַניש אין שולע און אין גאַס. אין זײן הױז האָט מען גערעדט פראַנצױזיש. יִדיש האָט ער נישט גע־קאָנט, אָבער, מסתמא, רעדט ער העברעיִש... בן־ציון האָט אײנגעשטעלט און האָט אין אײן שײנעם פרימאָרגן אָנגעקלונגען בײם הױפּט־אַרײנגאַנג אין הױז פון אינספּעקטאָר... עס איז געװען נישט גאָר פרי, אָבער דער אינס־פּעקטאָר איז נאָך געזעסן בײ זײן פרישטיק, און עס האָט אים פאַרדראָסן פאַרװאָס מען שטערט אים. אַ ביסל אַן אָנגעדרולטער איז ער אַרױס אױפן גאַניק. דערזען פאַר זיך אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן יונגערמאַן, האָט ער אים אַרײנגעשאָסן אַ צאָרנדיקן בליק און עפּעס געפרעגט אױף שפּאַניש. װאָס בן־ציון האָט נישט פאַרשטאַנען. איז ער אַרױס מיט העברעיִש, נאָר שױן בײ די ערשטע װערטער, האָט אים דער אינספּעקטאָר איבערגעהאַקט אױף דײטש: „שפּריכן זי יִדיש, איך פאַרשטײ קײן העברעיִש״... האָט שױן בן־ציון געזאָגט אױף מאַמע־לשון אַז ער איז אַ העברעיִשער לערער און װאָלט װיסן צי קאָן ער קריגן אַ פּאָסטן אין אײנער פון די יִקאַ־שולעס אין דעם געגנט. דער אינס־פּעקטאָר האָט געענטפערט מעשה גזלן: „װיר בראַוּכען קײנע העברעיִשע

לערער" און האָט פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך... בן־ציון איז געבליבן ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אַן אַנטוישטער און באַליידיקטער איז ער אַוועק אַהיים. אויף צומאָרגנס מיטן ערשטן צוג איז ער אָפּגעפאָרן צוריק אין דער הויפּט־שטאָט פון דער פּראָווינץ און אָנגענומען דאָרט דעם לערער־פּאָסטן, וועלן אַפילו בלויז פּראָוויזאָריש.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען בן־ציון איז שוין געווען וויצע־דירעקטאָר פון דער שולע פון וועלכער דער אינספּעקטאָר איז געווען דירעקטאָר, און זיי האָבן זיך אַזוי באַפריינדעט, אַז דער אינספּעקטאָר האָט געגומען לערנען בן־ציונען די פּראָנצויזישע שפּראַך, האָט דער אינספּעקטאָר מודה געווען אַז די הויפּט־רוגזא בשעת בן־ציונס ערשטן באַזוך איז בעיקר געקומען דערפון וואָס ער איז אָנגעקומען פון הויפּט־אַריינגאַנג, בשעת דער אינספּעקטאָר פּלעגט אויפנעמען די לערער בלויז דורכן אַריינגאַנג פון הויף... אַזאַ איז גע־ווען די לאַגע פון יידישן לערער אין די ייקאַ"שולעס אין יענע אַלטע, גוטע צייטן... די לערער פון די אַלגעמיינע לימודים, וואָס זענען אויך געווען די דירעקטאָרן פון די שולעס, האָבן באַקומען אַן אַנדער באַהאַנדלונג... זיי זענען דאָך געווען שפּאַנישע לערערס...

קאַפּיטל 5

דער „שווינדל"

די אַרבעט אין דער ניי־געעפנטער שולע האָט זיך געשטעלט שווער. קודם־כל די פראַגע פון שפּראַך. בן־ציון האָט נאָך געקאָנט גאָר ווייניק שפּאַניש, די מערהייט קינדער האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט יידיש... ווי־זשע קומט מען דאָ אויס?...

צו דעם זענען צוגעקומען די צרות מיטן פּראָגראַם. די קאָמיסיאָן האָט געפּאָדערט איינס, די עלטערן, כמעט יעדער איינער עפּעס אַנדערש, דער לע־רער האָט געזוכט איינצושטעלן זיין צוגאַנג, האָט זיך געשאַפן אַ שטאַרק אָנגעצויגענע לאַגע.

ערגער פון דעם אַלעמען איז געווען אַ „קליינקייט", וואָס האָט בן־ציונען פאַרביטערט די טעג און אים דערנידעריקט אין זיינע אייגענע אויגן. די שולע האָט זיך געפונען אין דער ווייבערשער שיל ביים סאַלאָן. אַוודאי האָט מען געדאַרפט האַלטן ריין דעם צימער, דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון שמש מיט זיין פרוי,ביידע עלטערע מענטשן; דער שמש, אַ בכבודיקער ייד מיט אַ בכבודיקער באָרד און אַ שטיקל בן־תורה, האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת־הכבוד צו אַרבעטן מיט בעזים און באַרשט. זיין פרוי, אַ יידענע אַ קאַזאַק און דערצו אַ קרענקלעכע, האָט אַוודאי נישט געוואָלט טאָן די רייני־קונג־אַרבעט; די שול־פּאַרוואַלטונג האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו דינגען אַ ספּעציעלן באַדינער. איז געבליבן אַז ביז „לכשירחיב", זאָל דער לערער מיט די קינדער רייניקן דעם שול־לאָקאַל. די קינדער האָבן עס אָבער זעלטן ווען געוואָלט טאָן, די עלטערן האָבן פּראָטעסטירט פאַרוואָס מען מאַכט זייערע קינדער פאַר דינסטן, און אַ היפּשע פאַר וואָכן האָט בן־ציון אַליין געמוזט רייניקן דעם קלאַס־צימער און דאָס האָט אים פאַרביטערט זיין געמיט: אויף דעם איז ער געקומען קיין אַרגענטינע?...

דאָך האָבן די לימודים דערפון נישט געליטן. בן־ציון האָט געכאַפּט די סאַמע נייטיקע שפּאַנישע ווערטער, די קינדערלעך האָבן ביסלעכווייז געכאַפּט מען פלאַפּלען יידיש, צוגעהאָלפן האָבן די יידישע לידלעך וואָס דער לערער האָט איינגעזונגען מיט די קינדער, די עלטערן, ווען אַפילו נישט אַלע, האָבן דערפון אָנגעקוואָלן, דער לערער האָט הנאה געהאַט פון דעם וואָס ער לערנט מיט יידיש קינדערלעך, וועלכע באַגערן צו לערנען, זענען אַלע געווען צו־

פרידן, חוץ דער שול־פּאַרוואַלטונג, וואָס האָט געחלומט פון סידור, עברי, חומש, אפשר שפּעטער רש״י. און דאָ, נאַדיר גאָר לידלעך; האָט בן־ציון גע־מוזט דערקלערן אַז דאָס איז בלויז אַ התחלה, בכדי באַליבט צו מאַכן די שולע ביי די קינדער, שפּעטער וועט מען אויך קאָנען אַריבער צו „העכערע״ לימו־דים. ווי עס איז האָבן זיך די זאַכן איינגעאָרדנט, אָבער ווען עס איז געקומען דעם סוף פון ערשטן חודש, איז אויפגעקומען אַ נייע צרה.

די שול־פּאַרוואַלטונג האָט אָנערקענט אַז זי האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן דעם לערער אַכציק פּעזעס אַ חודש געהאַלט, אָבער, ווער זאָגט עס, אַז זי דאַרף באַצאָלן די גאַנצע סומע מיטאַמאָל?... וועט זי דערווייל איינצאָלן נאָר אַ העלפט דערפון. אויף מער קלעקן נישט די הכנסות, און דער לערער איז נישט אַזאַ נצרך, ער איז דאָך אויף קעסט ביי זיין שוועסטער און שוואָ־גער וואָס וועלן דאָך ביי אים נישט נעמען קיין פּרוטה. ווען עס וועט זיך אָנקלייבן אַ היפּשע נישט־באַצאָלטע סומע, וועט מען מאַכן אַן אָוונט, די קינדער וועלן זינגען, דעקלאַמירן (פון טאַנצן האָט מען נאָך דאַן נישט גע־ווּוסט), דער לערער וועט האַלטן אַ רעדע, עס וועט זיין אַ בופעט, וועט זיין הכנסה און מען וועט קענען דעקן דעם לערער זיין חוב...

דאָס האָט שוין בן־ציונען אינגאַנצן דערדריקט. אַ קינדער־אָוונט, אדרבא ואדרבא, אָבער באַקומען דערפון דעם געהאַלט, האָט ביי אים אויסגעזען כמעט ווי בעטלעריי און צו דעם וועט ער נישט מסכים זיין בשום אופן!.. אין אונ־טערבאַוווסטזיין האָט געוויס געווירקט די באַליידיקונג פון דאַרפן זיין סיי לערער, סיי משרת, האָט ער דערקלערט קאַטעגאָריש אַז ער נעמט נישט קיין געלט עד לחשבון, אָדער די פולע סומע, אָדער גאָרנישט. די פּאַרוואַלטונג האָט געענטפערט: „מען וועט זען״, און דער ענין אין געבליבן אין דער לופטן.

דאַרף זיך מאַכן אַז אין יענע טעג ווערט דערעפנט אַ ציוניסטישע ביבליאָ־טעק אין דער גרויסער שטאָט ווו בן־ציון האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג אויף זיין וועג אין קאָלאָניע, און ער ווערט איינגעלאַדן צו באַטייליקן זיך אין דער ביבליאָטעק־דערעפענונג מיט אַ רעדע. הפנים, אַז זיינע ערשטע רעד־נערישע דערפאָלגן האָבן זיך צעטראָגן איבער דער סביבה. האָט זיך בן־ציון אָנגעכאַפּט אין דער איינלאַדונג ווי אין אַן אבן־טוב. ער האָט געפילט אַז ער מ ו ז פאָרן, לכל־הפּחות בכדי צו באַקומען אַביסל מער חשיבות אין די איי־גענע אויגן; האָט ער די איינלאַדונג אָנגענומען, איז אָוועקגעפאָרן אויף אַ שבת מיט אַ זונטיק, נישט פרעגנדיק קיין דערלויבעניש פון דער שול־פּאַר־וואַלטונג... ער האָט אַפילו נישט געוווּסט אַז מען דאַרף עס.

אין דער גרויסער שטאָט האָט בן־ציון פיין פאַרבראַכט ביי זיין שוועסטער און שוואָגער מיט זייערע קינדער, באַקאַנט זיך מיט ייִדן מכל המינים, גאָר

אויסגענומען מיט זיין פּאָרטראַג וואָס איז געהאַלטן געוואָרן פון אַ קליינער טריבונע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן צוויי הויפן (פּאַטיאָס); אין אַ זייטיקן צימערל פון איינעם פון די הויפן איז געווען איינגעאָרדנט די ניי־געגרינדעטע ביבליאָטעק. ער האָט אויך באַקומען אַן אָנבאָט פון אַ לערער־שטעלע אין דער אָרטיקער שולע, מיט אַ פּיל בעסערן געהאַלט, אויסגעצאָלט יעדן חודש, און... אויס משרת! אַוודאי האָט זיך בן־ציון אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאַג, אָבער געענטפערט האָט ער דיפּלאָמאַטיש; ער וועט זיך באַדענקען און ענטפערן.

באַלד איז אַוועק אַ בריוו אין קאָלאָניע מיט דער בשורה וועגן די מעגלעכקייטן פון אַ נייער, פּיל בעסערער שטעלע און אָנפרעגנדיק די מיינונג וואָס צו טאָן. איז אָנגעקומען אַן ענטפער: אַ שאַרפער — ניין! בעיקר האָט זיך קעגנגעשטעלט דער פאָטער. זיין כוונה איז געווען פון לכתחילה אַז בן־ציון זאָל בלייבן אין קאָלאָניע ווו עס איז פאַראַן אַ פול ייִדיש לעבן, צוליב וואָס די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעצויגן פון שטאָט אין „קאַמפּ". דער פאָטער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר די רייד פון פריינד און גוטע פריינד, אַז „דאָס לעבן אין קאַמפּ איז גאָר קיין לעבן נישט"; אדרבא, ער האַלט אַז ערשט אין קאָלאָניע פּילט מען דעם טעם פון אַן אמתן לעבן, פון אַ פול ייִדיש לעבן. אויב ער האָט מסכים געווען אַז בן־ציון זאָל פאָרן אין דער קלענערער שטאָט, איז עס געווען ווייל זי איז נאָענט צו דער קאָלאָניע, סיי אין מרחק, סיי אין גייסט און זיך געפינענדיק אונטער דער השפּעה פון די פרומערע שוועסטער און שוואָגער. וועט בן־ציון ווי עס איז דערהאַלטן דאָס ביסל ייִדישקייט וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים. אָבער די גרויסע שטאָט איז הפקר. דאָרט איז קיין ייִדיש לעבן כמעט ווי נישטאָ. זיין איידעם, וואָס וווינט דאָרט איז אַ מחלל־שבת, יונגעלייט, פּעדלערס, גייען אין נישט אָנשטענדיקע פּלעצער, מען וואַרפט זיך מיט געלט ווי מ׳וואָלט געווען מיליאָנערן; בן־ציון איז נאָך יונג, קאָן ער זיך דאָס אַלץ אָפּלערנען, איז גלייכער צו בלייבן אין דער קלענערער שטאָט אויף אַן ערגערע שטעלע און וואַרטן, טאָמער מאַכט זיך פּאָרט אַ שטעלע ביי דער יִקא אין קאָלאָניע.

וואָלט בן־ציון מסכים געווען צו זיין פאָטערס מיינונג. די גרויסע שטאָט האָט אים קיינמאָל נישט צוגעצויגן, ער איז טאַקע בטבע אַ קליינשטעטלדיקער. אָבער די שווערקייטן פון זיין פּאָסטן, בעיקר דאָס דאַרפן רייניקן דעם קלאַס־צימער האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבן, באַליידיקט און דערניידעריקט, עס איז אים אַלץ געוואָרן דערווידער. דערווייל, אָבער, איז קיין ברירה נישט געווען.

בן־ציון האָט אָנגעהויבן פאָדערן זיינע שכירות מיט מער צודרינגלעכקייט,

אפשר וועט עס אויף אַזאַ וועג קומען צו אַ קריזיס און ער וועט פּטור ווערן פון זיין שטעלע. די שול־קאָמיסיע איז נישט נתפעל געוואָרן. די צייט איז געלאָפן, דער חוב איז געוואַקסן... אַזוי זענען אַריבער עטלעכע פיינלעכע וואָכן. בן־ציון האָט דערקלערט אַ שטרייק: אויב מען באַצאָלט אים נישט דעם גאַנצן געהאַלט, וואַרפט ער די שטעלע. די שול־פאַרוואַלטונג איז ווייכער געוואָרן. זי וועט באַצאָלן דעם גאַנצן חוב, אָבער מיט איין תנאי, — בן־ציון מוז אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט, אַז ער בלייבט לערער אויף שטענדיק, אַן אַזאַ קאָנטראַקט וועט מען אים דעם חוב נישט באַצאָלן.

דער דאָזיקער ווילקיר האָט שוין בן־ציונען אינגאַנצן צערייצט. מען וויל אים פאַרשקלאָפן!... די שוועסטער מיטן שוואָגער האָבן אים געפּרוווט טרייסטן: וואָס זאָל מען טאָן? אַזוי איז עס, ווען מען איז אַ מענטש ביי קהל. בן־ציון האָט רעאַגירט נאָך שאַרפער: זיין אַ נכנע? דאָס האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט און וועט אויף דעם קיינמאָל נישט איינגיין! ער וואַרפט צו דעם חוב און פאָרט אַוועק אין קאָלאָניע. דאָס איז אָבער געווען גרינגער צו זאָגן ווי צו טאָן... איז טאַקע געווען נישט גוט: נישט אַהער, נישט אַהין.

אין איינער אַ שלאָפלאָזער נאַכט איז ביי בן־ציונען פאַרטיק געוואָרן אַ פּלאַן ווי אַזוי ער זאָל באַקומען דעם חוב און נישט פאַרבונדן זיך מיט קיין קאָנטראַקט; ער האָט וועגן פּלאַן קיינעם נישט דערציילט, אַפילו נישט דעם שוואָגער מיט דער שוועסטער. ער האָט זיי נישט געוואָלט מאַכן פאַר קיין מיטשולדיקע אין דעם שפּיצל וואָס ער האָט צוגעטראַכט. האָט ער מודיע גע־ווען דער שול־פאַרוואַלטונג, אַז ער איז גרייט אונטערצושרייבן אַ קאָנטראַקט אויף דריי אָדער אַפילו פינף יאָר, נאָר דער חוב זאָל אים אָפּגעצאָלט ווערן ביז צו אַ פּרוטה. האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש איבער פּונקטן. דאָ איז בן־ציון מיטאַמאָל געוואָרן נאָכגיביק, מען האָט ביי אים געפּועלט. די מיט־גלידער פון דער שול־פאַרוואַלטונג האָבן גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנען קומט אַזאַ ענדערונג. עס פאַרשטייט זיך אַז רעדאַגירן דעם קאָנטראַקט, וואָס איז געשריבן געווען אין יידיש, האָט מען איבערגעגעבן בן־ציונען, און ער האָט אים געשריבן אויף אָפיציעלן פּאַפּיר פון צוואַנציק שורות (לינעאַס), מיט גרויסע, ליכטיקע אותיות, עס זאָל זיין גרינג צו לייענען, אַ מחיה. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ כוונה, בכדי אין לעצטן מאָמענט אָפּצוטאָן אַ שפּיצל און אַרויס דער זיגער פון קאָנפליקט.

אין אַן אָוונט איז מען זיך צונויפגעקומען אין הויז פון בן־ציונס קרובים. מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ לאַנגן טיש, די שול־פאַרוואַלטונג ביי איין ברעג, בן־ציון ביים צווייטן. אויך דאָס איז געווען אַ טייל פון שפּיצל. יעדער צד האָט געהאַט ביי זיך אַ טעקסט פון קאָנטראַקט, וואָס מען האָט הויך פאַר־

געלייענט, אַלע האָבן אים גוטגעהייסן, אונטערגעשריבן יעדער צד זיין טעקסט. איצט איז געקומען דאָס שווערסטע. ווי בייט מען איבער דעם קאָנ־טראַקט פאַרן חוב? האָט דער פּרעזידענט פון דער שול־פאַרוואַלטונג געזאָגט פשוט: זאָל אים בן־ציון איבערגעבן דעם קאָנטראַקט מיט זיין חתימה, וועט ער אים איבערגעבן דעם קאָנטראַקט מיט די חתימות פון דער שול־פאַרוואַל־טונג, ווי אויך דעם חוב. בן־ציון איז אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. ער האָט טראַציק דערקלערט אַז ער האָט נישט קיין צוטרוי. וואָס טוט ער, ווען נאָך אַלעמען, גיט מען אים נאָר אַ טייל פון חוב און די רעשט בלייבט אויף... „לכשירחיב״? האָט דער פּרעזידענט פון דער שול־פאַרוואַלטונג אַרויסגענומען די פולע סומע פון חוב, אויסגעציילט אויפן טיש. בן־ציון האָט אַלץ געטענהט אַז מען קאָן פון דער סומע עפּעס אַראָפּנעמען אין דער לעצטער מינוט, וואָס וועט ער טאָן? שרייען חי וקים?... האָט מען פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל ביידע קאָנטראַקטן צוזאַמען מיטן חוב איינלייגן ביי בן־ציונס שוואָגער און ער וועט שוין אָפּגעבן יעדן צד זיינס. בן־ציון האָט אָבער געטענהט אַז ער וויל נישט אַריינשלעפּן דעם שוואָגער אין ענין, ווייל ער איז פון איין זייט אַ שוחט ביי קהל, פון דער צווייטער זייט — אַ קרוב פון בן־ציונען. איז אַוועק אַ דינגעניש אויף לאַנגע שעהן. בן־ציונס שוועסטער האָט געשטעלט טיי און צובייסן, האָט מען געטרונקען טיי, זיך געדונגען און די שעהן זענען געלאָפן. שפּעט ביינאַכט איז מען געקומען צו אַ גאַנץ פשוטן אויסוועג. בן־ציון שטרעקט אויס אין איין האַנט דעם קאָנטראַקט מיט זיין חתימה און באַקומט אין דער צווייטער האַנט דעם קאָנטראַקט אונטערגעשריבן פון דער שול־פאַרוואַלטונג מיטן געלט פון דעם חוב. אַזוי וועט מען זיך בייטן מיט די קאָנטראַקטן. בן־ציון האָט אויף דעם אַרויסגעקוקט. די באַנקנאָטן זענען קירצער פון דעם קאָנ־טראַקט־פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהתמעט ביים סאַמע אונטן, וועט אים מעג־לעך זיין אין לעצטן מאָמענט, ווען דאָס געלט וועט שוין זיין אין זיין האַנט, אָפּ־רייסן די חתימה, און אַ נישט־אונטערגעשריבענער קאָנטראַקט האָט דאָך קיין קראַפט נישט. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן: ווען דאָס געלט איז שוין געווען פעסט אין זיין האַנט, האָט ער מיט איין פלינקן דריי מיט דער צווייטער האַנט אָפּגעריסן זיין חתימה פון קאָנטראַקט. עס איז געוואָרן טויט־שטיל. באַלד אָבער האָט זיך דער פּרעזידענט פון דער שול־קאָמיסיע צעלאַרעמט: „שווינ־דלער!״.

בן־ציון איז אַוודאי נישט געבליבן שולדיק קיין תירוץ: וואָס? ער האָט דאָס געלט נישט פאַרדינט כשר מיט זיין אַרבעט? איז ער נישט געווען חוץ אַ לערער, אויך אַ משרת? מ׳האָט אים נאָך געוואָלט פאַרשקלאַפן? אדרבא, זאָל מען זאָגן, צי איז ער אומגערעכט וואָס ער האָט זיך נישט געלאָזט־

דער איינגעבוירענער געפיל פון יושר, וואָס איז אַזוי שטאַרק ביי ייִדן, האָט געצוווּנגען די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אָנערקענען אַז זיי האָבן טאַקע נישט געהאַנדלט אינגאַנצן קאָרעקט. זיי האָבן אָנגעהויבן בעטן מען זאָל מאַכן שלום, צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום, זיי וועלן מיט דער צייט אַפילו העכערן דעם געהאַלט, בן־ציון זאָל קאָנען אַראָפּברענגען זיין ווייבל. בן־ציון איז געבליבן פעסט: ער פאָרט מאָרגן אָפּ אין קאָלאָניע און ער באַטראַכט זיך נישט פאַר שולדיק אין גאָרנישט. ער האָט געהאַנדלט ווי ער האָט ג ע מ ו ז ט. ער איז אַ פרייער מענטש און קאָן זיך נישט לאָזן בינדן מיט קאָנטראַקטן וואָס מען צווינגט אַרויף.

בן־ציון האָט געהאַלטן וואָרט. גאַנץ פרי איז ער אָפּגעפאָרן אין קאָלאָניע. דאָס האַרץ האָט אים געצויגן צו זיינע שילער, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעלעבט, אָבער זיין באַשלוס איז געבליבן פעסט. אַגב, האָבן אים געוואַרעמט די פאָר הונדערט פעזעס וואָס ער האָט באַקומען; ער וועט קאָנען ביישטייערן צו די שטוב־הוצאות, איבערוואַרטן די פאָר חדשים, ביז עס וועט זיך אפשר געפינען אַ פּאָסטן אין די ייִקאַ־שולעס, וווּ עס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע, אינספּעקציע, אַ פעסטער, זיכערער געהאַלט, און אויך ווער עס זאָל זאָרגן פאַר ריינקייט אין די קלאַס־צימערן.

קאַפּיטל 6

דער גובערנאַטאָר און דער רב

אין קאָלאָניע איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ גערודער, דער ניי־דערוויילטער גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ האָט אַנונסירט זיין וויזיט אין די צפון־געגנטן פון זיין געביט אין משך פון וועלכן ער וועט אויך באַזוכן די יידישע קאָלאָניע.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָכעניש. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אויפנאַמס־קאָמיטעט פון די חשובסטע פּערזאָנען פון קאָלאָניע, אַ טריומף־טויער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער הויפּט־גאַס, יוגנט האָט אָרגאַניזירט אַ רייטער־גרופּע וואָס זאָל באַגלייטן דעם צוג מיטן חשובן גאַסט פון דער נאָענטער באַן־סטאַנציע ביז אין צענטער פון קאָלאָניע, עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טריבונע פאַר די געסט און די רעדנער וואָס וועלן זיי באַגריסן. דער אַדמיניסטראַטאָר פון קאָלאָניע איז אויסגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער. ער איז געווען פאָרזיצער פון אויפנאַמס־קאָמיטעט, ער האָט אַכטונג געגעבן אויף די צוגרייטונגען, געהאַט אַן אויג אומעטום, און דער ענין האָט געקלאַפּט. די קאָלאָניע וועט נישט פאַרשעמט ווערן.

דער טאָג פון באַזוך איז געווען אַ שיינער, אַ ליכטיקער, אַ זוניקער, די קאָלאָניע איז געווען פול מיט קאָלאָניסטן וואָס זענען יום־טובדיק אויסגעפּוצטע געקומען מיט ווייב און קינד פון די אַרומיקע גרופּעס און ליניעס. די אָרטיקע פּאָליציי, צוויי קריסטן אונטער דער אויבערמאַכט פון אַ יידישן קאָמיסאַר, טאַקע אַ זון פון דער קאָלאָניע, האָבן אויסגערייניקט זייערע מונדירן, אויסגעשייערט די מעשענע קנעפּ אַז זיי האָבן געגלאַנצט אויף דער זון ווי זיי וואָלטן געווען פון גינגאָלד. דעם גובערנאַטאָר האָט באַגלייט דער פּאָליציי־אָרקעסטער פון זיין הויפּטשטאָט, אָבער אויך די אָרטיקע יידישע קאַפּעליע האָט זיך געגרייט אויפשפּילן דעם גאַסט אַ עכט־יידישן וויוואַט. קנאַל־באָמבעס האָבן אויפגעריסן, מוזיק האָט געשפּילט, די זאַטע פערד האָבן געטאַנצט אונטער זייערע רייטערס, אויף אַלע געזיכטער איז געווען אַ מינע פון צופרידנקייט; דער העכסטער רעגירער פון פּראָווינץ איז מיטן גאַנצן פּאַראַד אַריינגעפירט געוואָרן אין קאָלאָניע און אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דער צוגעגרייטער טריבונע.

בן־ציון איז געווען צווישן דעם עולם. פון די באַגריסונגס־רעדעס האָט ער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, אָבער די פיגור פון גובערנאַטאָר האָט אויף

אים אַזוי געווירקט אַז ער האָט געעפנט מויל, אויגן און אויערן אויף צו באַ־גרייפן דעם חידוש. אויך אין רוסלאַנד האָט בן־ציון געזען אַ גובערנאַטאָר, אַ צאַרישער גענעראַל אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ און גאָלדענע עפּאָ־לעטן, הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן, אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק און רויטן ראַנד... קאָזאַקן האָבן געריטן פֿאַר און נאָך זיין קאַרעטע, עולם איז געשטאַנען מן הצד, די היטלען זענען פון די קעפּ אַליין געפלויגן אין די הענט אַריין, יידן האָבן זיך געשושקעט; עס זאָל כאָטשבי גלאַט אָפּגיין; מען זאָגט, אַ גוי אַ רשע...

אָבער דאָ איז אויף דער טריבונע געשטאַנען אַ מענטשל אַביסל נידעריי־קער פון מיטל־וווקס, אָנגעטאָן ציוויל, ווי אַ פשוטער חי־וקים, מיט אַ שטרויע־נעם הוט אויפן קאָפּ, האָט זיך געהאַלטן פּראָסט און פשוט, האָט פריינטלעך גערדיקט די הענט פון אַלע די וואָס האָבן געקענט צו אים צוקומען: אָט דאָס איז דער גובערנאַטאָר? ממש חידושים!

אויף מאָרגן האָט זיך געררודערט מיטן באַזוך וואָס דער גובערנאַטאָר האָט געמאַכט אין שפּיטאָל, ווּהין ער איז געגאַנגען ווי אַ קאָנסולטאַנט אין פאַל פון אַ שווערער קראַנקייט, מיט וועלכער דער אָרטיקער דאָקטאָר האָט זיך נישט געקענט געבן קיין עצה. לאָזט זיך אויס אַז דער גובערנאַטאָר איז גאָר פון פאַך אַ מעדיצינער, האָט ער די חולאים פאַרשריבן אַ פּאָר רעצעפּטן. פּלאַי־פּלאים: אַ גובערנאַטאָר אַ דאָקטאָר! ווי שיקט זיך עס!...

דער גובערנאַטאָר האָט שפּאַצירט איבער דער קאָלאָניע, באַזוכט ביידע שילן, די שולעס, די אַדמיניסטראַציע, די קאָאָפּעראַטיווע, די ביבליאָטעק, זיך געהאַלטן פּראָסט, פריינטלעך, אַ סך געשמייכלט און בן־ציון האָט צום ערשטן מאָל דערזען וואָס ס'מיינט אמתע דעמאָקראַטיע, אַזוי פירט זיך אַ רעגירער, אַ דערוויילטער פון פאָלק, דורכן פאָלק און פאַרן פאָלק. אַרגענטינע איז אים נאָך טייערער געוואָרן.

בן־ציון האָט זיך אויך דערוווּסט אַז דאָס איז געווען דער ערשטער גו־בערנאַטאָר וואָס די ראַדיקאַלע פאָלקס־פּאַרטיי האָט דורכגעפירט ביי די וואַלן, זיין דערוויילונג האָט באַדייט אַ ווענד־פּונקט אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

אַ פּאָר טעג האָט זיך אין קאָלאָניע געטומלט מיטן גובערנאַטאָר, וועל־כער האָט אויך באַזוכט אייניקע קאָלאָניסטישע גרופּעס אויף צו באַקענען זיך מיט זייער אויסזען און לאַגע. ערשט ווען דער גובערנאַטאָר איז אָפּגעפאָרן, האָט מען אין קאָלאָניע דערציילט אַן עפּיזאָד וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן יידישן טעם.

כנהוג, האָט מען דעם גובערנאַטאָר מיט זיינע באַגלייטער באַערט מיט אַ באַנקעט. אין דעם אויפנעם־קאָמיטעט איז עס געקומען צו אַ שאַרפן שטרייט

װעגן דעם מעניו: װאָס פֿאַר אַ מאכלים זאָל מען דערלאַנגען? אַ דײַטשישער ייִד װאָס איז געװען אַנגעשטעלט אין אַגריקולטור־מיניסטעריום האָט פֿאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל דערלאַנגען אַ פּרײַטיק־צונאַכטיקע ייִדישע װעטשערע: געפֿילטע פֿיש, יויך מיט לאָקשן, עוף מיט קנישעקלעך, קוגל, צימעס. די פּאָר „מאָדער־נע" מיטגלידער פֿון קאָמיטעט האָבן דעם פֿאָרשלאָג אויסגעלאַכט: געבן דעם גובערנאַטאָר געפֿילטע פֿיש! משוגע, מײַנע שונאים! האָט מען אָװעקגע־שיקט אין אַ נאָענטער גרעסערער שטעטל, אַראָפּגעבראַכט דעם קוכער פֿון דאָרטיקן האָטעל, צוגעגרייט אַ מעניו כּיד־המלך אין װעלכן עס האָט אַפֿילו נישט געפֿעלט קיין חזיר־פֿלייש, און עס איז געװען צום ערשטן מאָל װאָס מען האָט אין קאָלאָניע געגעסן חזיר בפרהסיה, לכּבֿוד דעם גובערנאַטאָר.

ביים טיש האָט דער גובערנאַטאָר אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט מיטן אופֿן װי דער באַזוך איז אַריבער; ער איז העכסט צופֿרידן, װען אַפֿילו אין איין פּונקט איז ער דאָך געבליבן אַביסל אַנטוישט. װען ער האָט זיך גע־קליבן באַזוכן די קאָלאָניע האָט ער געהאַט די אילוזיע אַז דאָרט װעט מען אים מכבד זיין מיט ייִדישע מאכלים, װעגן װעלכע ער האָט געהערט אַז זיי זענען זייער געשמאַק, בעיקר געפֿילטע פֿיש, װאָס ייִדן זענען אַזעלכע בריות צו קאָכן... לאָזט זיך אויס אַז מען האָט אים דערלאַנגט געװיינלעכע מאכלים װאָס זענען פֿאַר אים קיין נייעס נישט...

די פּאָר פֿירער פֿון דער קאָלאָניע האָבן װי עס איז פֿאַרענטפֿערט די באַמערקונג, אָבער באַלד נאָכן באַנקעט האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ דרינגענדי־קע זיצונג און באַשלאָסן צו פֿאַרריכטן דעם פֿעלער, מכבד זיין דעם גובער־נאַטאָר מיט עכטע ייִדישע מאכלים.

ביי דער נאָענטער באַן־סטאַנציע האָט געװוינט אַ ייִד װאָס האָט זיך געלאָזט אויסבויען אַ סוכּה אַזוינס װי אַזעלכעס. דער בוי־מייסטער, אַ „גריי־נער", נישט לאַנג אין לאַנד, איז געװען אַן אמתער קינסטלער, איז אַרויס אַ סוכּה אַ פּראַכט. די אשת־חיל פֿון דעם ייִדן האָט געשמט װי אַ בריה צו קאָכן געפֿילטע פֿיש. דאַרף מען דעם גובערנאַטאָר מכבד זיין מיט אַן אינטימען מיטיק אין סוכּה, און טאַקע מיט געפֿילטע פֿיש.

איז באַלד אַװעק אַ רייטער צו דער באַן־סטאַנציע, אויפֿגעװעקט דעם ייִדן מיט זיין אשת־חיל אין פֿריִען פֿאַרטאָג, זיי מיטגעטיילט דעם גרויסן כּבֿוד װאָס װעט זיי צוגעטיילט װערן. האָט מען זיך גלייך גענומען צו דער אויפֿנאַמע. די סוכּה איז אויסגעפּוצט געװאָרן מיט אַלע פֿליטערלעך, די פֿיש האָבן פֿאַרשמעקט די עטלעכע הייזער פֿון שטעטעלע ביי דער באַן־סטאַנציע: עס איז געװען אַ סעודה כּיד־המלך, זיין עקסעלענץ האָט באַװיליקט זיך לאָזן

פאָטאָגראַפירן מיט די באַלעבאַטים פון דער סוכה, טאַקע אין דעם דאָזיקן עכט־ייִדישן בנין.

שפּעטער איז באַוווּסט געוואָרן אַז דער גובערנאַטאָר איז גאָר אַ גאַנצער שמעלקע מיט ייִדן. אַלס מעדיצינער האָט ער געהאַט אַ גרויסע ייִדישע קונד־שאַפֿט, געווען אויסגעבונדן מיט ייִדן און אַן אויפֿריכטיקער ייִדנפֿרײַנד. האָט עס בן־ציון פֿאַרבונדן מיטן פֿאַקט וואָס די לעגיסלאַטור פֿון דער פּראָווינץ האָט געהאַט באַשלאָסן אַז דער רו־טאָג אין קאָלאָניע זאָל זײַן ש ב ת נישט זונטיק. האָט ער זיך דערפֿילט ממש ווי אין ארץ־ישראל. אַרומגערינגלט מיט ייִדן, צווישן ייִדישע פֿעלדער, אין אַ לאַנד וואָס האָט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר ייִדישן אייגנאַרט, כאָטש ייִדן זענען רעלאַטיוו נײַע אין דער מדינה. וואָס קען מען פֿאַרלאַנגען בעסערס? און אין קאָפּ האָט געפּיקט אַ געדאַנק: ווי־זשע וועט עס שוין אויסזען ווען עס וועט רעאַליזירט ווערן דער ציוניסטישער אידעאַל פֿון אַ ייִדישער מדינה אין ארץ־ישראל?...

אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען בן־ציון איז שוין למזל געווען אַ ייִק"אַ־לערער, האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַז אויסער דער מלוכה־אויטאָריטעט האָט נאָך די קאָלאָניע אַן אייגענע ייִדישע אויטאָריטעט וואָס האָט נישט קיין מ אַ כ ט. אָבער אַ קראַפֿט און אַ פּרעסטיזש וואָס ווערט רעספּעקטירט. אַז אין קאָלאָניע איז פֿאַראַן אַ רבֿ האָט בן־ציון געוווּסט גלײַך בײַ זײַן אָנקומען, נאָר אַז אַ רבֿ זאָל טאַקע זײַן אַווירקלעכער „מרא דאתרא" — דער האַר פֿון דעם אָרט, דאָס האָט ער זיך דערוווּסט העט שפּעטער און אַט בײַ וועלכע אומשטענדן.

מוצאי פּסח פֿאַרנאַכט איז בן־ציון אַרויס מיט זײַן ייִנגערן ברודער אויף אַ שפּאַציר הינטער דער קאָלאָניע, דער שפּאַציר האָט זיך אַביסל פֿאַרצויגן. ווען די ברידער זענען צוריקגעקומען אַהיים, האָבן זיי אין הויז געטראָפֿן אַ שטאַרקע בהלה. ווו זענט איר עס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? מען האָט דעם ייִנגערן ברודער געשיקט רופֿן פֿון דער דרוקערײַ ווו ער האָט געאַרבעט, פֿאַראַן עפּעס אַ דרינגענדיקע אַרבעט. אין דרוקערײַ האָט מען זיך דערוווּסט אָט וואָס: אַ בעקער פֿון קאָלאָניע האָט אַחרון של פּסח פֿאַרנאַכטן טייג, בכדי מוצאי יום־טובֿ צו באַקן ברויט, אַזוי אַז זײַנע קונדן זאָלן האָבן פֿרישן ברויט גלײַך אויף מאָרגן נאָך פּסח, גאַנץ פֿרי. דער רבֿ האָט זיך דערפֿון דערוווּסט און האָט געשיקט וואָרענען, אַז עס איז ייִדישער חמץ וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אום פּסח. נישט נאָר טאָר מען דאָס ברויט נישט עסן, נאָר מען טאָר עס אַפֿילו נישט פֿאַרקויפֿן צו קיין נישט־ייִדן, ווײַל עס איז אָסור בהנאה. דער בעקער האָט זיך אויסגעלאַכט. אָט באַלד וועלן די צדיקים פֿון קאָלאָניע זיך רעכע־נען מיט אַזעלכע זאַבאַבאָנעס! האָט דער רבֿ געשיקט אָפּדרוקן אַ מודעה,

וואָס זאָל אַסרן דאָס ברויט, האָט מען געזוכט בן־ציונס ברודער וואָס איז געווען אַ דרוקער. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז די מודעה פאַרטיק געוואָרן. די ברידער זענען אַוועק אַהיים קאָמענטירנדיק הומאָריסטיש דעם פאַל, עפּעס האָט זיך זיי געדאַכט אַז די מודעה וועט נישט העלפן, פרומע ייִדן זענען אין קאָלאָניע געווען נישט איבעריקס פיל.

אָבער ווי גרויס איז געווען דאָס חידושן זיך, ווען אויף מאָרגן פרי, בעת דער בעקער איז אַרויס מיטן פרישן ברויט אין גאַס, האָט קיינער פון די קונים, אַפילו די גאָר פרייע, נישט געוואָלט קויפן דאָס ברויט: דער רב האָט געאַסרט — איז געווען זייער טענה. דער בעקער האָט געזען אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן. איז ער אַוועק צו אַ רומענישן אימיגראַנט וואָס האָט געהאַט אַ שפּייז־קרעמל אין וועלכן די גויִשע פעלד־אַרבעטער פלעגן קומען אָפּעסן, און אים פאַרגעשלאָגן דאָס ברויט פאַר שפּאָט ביליק; אָבער דער ייִד, דאָן באָך אַ היפּשער אָרעמאַן, האָט דאָס ברויט נישט געוואָלט קויפן, אַפילו נישט נעמען אומזיסט; עס איז אָסור בהנאה און ער וועט קעגן דעם דין נישט גיין... דער בעקער האָט נעבעך געמוזט אַרויספירן דאָס ברויט אויסער דער קאָלאָניע און אַריינוואַרפן אין ראָוו ביים זייט וועג, אָבער דער רב האָט אים געשיקט זאָגן, אַז אויך די כלים אין וועלכע ער האָט דאָס ברויט געקנאָטן און געבאַקן טאָר ער מער נישט נוצן און עס איז אויך חמץ וואָס איז געווען אין ייִדישן רשות אין די פּסח־טעג... דער ייִד האָט נעבעך געהאַלטן ביי גאָר אַ גרויסן היזק, האָט ער גענומען בעטן רחמים, און דאָס האָט ער גראָד געקראָגן. פאַראַן מאמרים וועגן „הפסד מרובה“ — אַ צו גרויסן היזק, וועגן „התורה חסה על ממונם של ישראל“, די תורה שאַנעוועט ייִדיש געלט, און אויף דעם סמך האָט מען אים געלאָזן כשרן די כלים. נאָכדעם ווי ער האָט באַצאָלט אַ שטראָף פאַר צדקה"עניים.

ווען בן־ציון האָט גערעדט מיט זיינע באַקאַנטע, נישט גאָר אַזעלכע פרומע ייִדן, וועגן דעם ענין, האָבן יענע געענטפערט: עס גייט נישט אין פרומקייט, עס גייט אין ייִדישקייט און אין געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין; אַ רב האָט געאַסרט, האָט ער געדאַרפט פאָלגן, עס איז נישט הפקר קיין וועלט!...

קאַפּיטל 7

עס ווייזט זיך פּרנסה

בן־ציון איז צוריקגעקומען אין קאָלאָניע. די פּאָר הונדערטער וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון שטאָט האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט דורכצולעבן אַ פּאָר חדשים. אַלץ אין דער האָפענונג אַז טאָמער וועט זיך פּאָרט צום גייעם שול־יאָר מאַכן אַ פּאָסטן ביי דער יק״אַ.

דערווייל האָט זיך באַוויזן אַ זייטיקער מקור פון פּרנסה. אין איינעם אַ טאָג האָט בן־ציונען אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס אַ ייד אַ קאָלאָניסט, אַ יוס־טער באַלעבאָס און אַ יודע־ספר. ער האָט צו בן־ציונען אַ בקשה. איינגיכן דאַרף קומען אויף וואַקאַציעס זיין זון וואָס שטודירט אין דער הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ, עס איז אַ בחורל פון אַ יאָר 16—15 וואָס האָט געלערנט אַ היפּש ביסל העברעיִש, אָבער אין שטאָט, פאַרנומען מיט די אַלגעמיינע לימודים, האָט ער שוין מסתמא היפּש פאַרגעסן. וואָלט בן־ציון געוואָלט אָפּ־געבן אַ שעה טעגלעך אויף צו פאַרפולקאָמען און אָפּפרישן זיין זונס העב־רעיִש? בן־ציון האָט דעם אָנבאָט אָנגענומען מיט שמחה: אַ שפּראָץ פון פּרנסה!

אָבער ווען דאָס בחורל איז געקומען אויף וואַקאַציעס, איז פון איין תל־מיד געוואָרן פיר, פון איין שעה איז געוואָרן צוויי, און בן־ציון האָט פּאָר דער לעקציע באַקומען אַ סומע, וואָס האָט, ביי דער ביליקייט פון פּראָוויזיע אין יענע צייטן, געקענט שפּייזן אַ פּאָר־פּאָלק אַ גאַנצן חודש. דערצו די עצם אַרבעט. עס איז געווען אַ געשמאַקע חברה. מען האָט געלערנט מיט חשק. אין יאָרן איז דער לערער נישט געווען פיל עלטער פון די תלמידים, האָט מען נישט געקנעלט, נאָר געאַרבעט בחברותא. עס איז געווען אַן אמתער נחת־רוח.

און אַז עס הייבט אָן צו גיין, איז דאָך נישט שייך. בן־ציון איז הפּנים באַרימט געוואָרן ווי אַ גוטער לערער, האָט זיך שוין אַ צווייטער קאָלאָניסט מתקנא געווען אין ערשטן. און האָט געשיקט זיינע קינדער אויף אַ פּריוואַ־טער לעקציע. דאָס זענען שוין געווען עכטע קאָלאָניסטישע זין, מען האָט געאַרבעט אויף דער נחלה, אָבער קיין גראָבע יונגען האָט מען נישט געוואָלט בלייבן, פלעגט מען אַלע טאָג צופאָרן פון דער גרופּע אין קאָלאָניע און האָבן אַ לעקציע. אויסער אַ פיינעם שכר־לימוד, האָבן נאָך די דאָזיקע קאָלאָניס־

טישע יאַטן געבראַכט צוגאָב. יעדן טאָג פלעגן זיי מיטברענגען מיט זיך אַ קאָלאָניסטישע מתנה פון ברכת הבית: הינער, אייער און מילכיקס, אַמאָל אַפילו אַ גאַנדז, צי גאָר אַן אינדיק. דער ענין פרנסה איז דערווייל געווען גע־לייזט.

בן־ציון האָט געהאַט גענוג צייט זיך צוצוקוקן צום לעבן אין קאָלאָניע. געווינט, לויטן רוסישן שטייגער צו שפּאַצירן לאַנגע קילאָמעטערס, פלעגט ער אַרומשפּאַצירן צווישן די גרופּעס, אַרומדרייען זיך איבער דער קאָלאָניע, צוהערן זיך און צוקוקן זיך צו אַלץ וואָס אַרום אים, און איינלעבן זיך אין דעם נייעם ייִדישן לעבן אין דער נייער אַרגענטינער היים.

דאָס לעבן איז געווען אַ זאַטס: אין פאַרגלייך מיט דער אָרעמקייט פון די ייִדישע מאַסן אין רוסלאַנד, אַפילו אַ רייכס. דער זול איז געווען גרויס. פון ברויט איז אָפּגערעדט — גראָשנס, פלייש — 20—30 סענט אַ קילאָ, פיש — דאָס נעמלעכע, מילך — פינף סענט אַ ליטער, קעז, סמעטענע, אַלץ איז געווען לרוב און ביליק. בלויז פרוכט און גרינצייג איז געווען טייער, מען האָט עס געדאַרפט ברענגען פון אַנדערע געגנטן. אין קאָלאָניע איז עס נישט געוואַקסן. מען האָט געזאָגט אַז נישט דער קלימאַט. נישט דער באָדן זענען צוגעפּאַסט פאַר די פּראָדוקטן, דערצו איז נאָך דאָן דער היישעריק געווען אַן אָפּטער גאַסט: האָט אַ קילאָ טאָמאַטן געקאָסט כמעט ווי דריי קילאָ פלייש. אַ פאַרקערטע וועלט. אין דרום־רוסלאַנד וווּ בן־ציון איז אויסגעוואַקסן האָט מען געקויפט טאָמאַטן פאַר פינף קאָפּיקעס אַ גאַנצן עמער, און דאָ איז עס גאָר אַ חשובע פרי, וואָס מען מוז פאַר איר היפש באַצאָלן.

אַ שווערקייט האָט בן־ציון געהאַט מיט לייענען. קיין שפּאַניש האָט ער נאָך נישט געקענט, פון דער קליינער ביבליאָטעק וואָס ער האָט מיטגעבראַכט האָט ער שוין אַלץ געלייענט... און צום ווייטן מאָל! אין ביבליאָטעק וואָס האָט דווקא יאָ געהאַט היפש ביכער אויף העברעיִש און ייִדיש האָט בן־ציון נישט געטאָרט אַריינשמעקן, זי איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בונדיסטישע פעסטונג. חברים ציוניסטן וואָלטן פאַריבל געהאַט...

דערווייל האָט בן־ציון אָנגעשפּאַרט אין די „הויכע פענצטער". איבער דעם קאָפּ פון אָרטיקן אינספּעקטאָר וואָס האָט אים אַזוי שלעכט אויפגענו־מען, האָט ער געשריבן צום הויפּט־אינספּעקטאָר פון די ייִדישע לימודים אין די ייִק"אַ־שולן, אַ ראַבינער און אַ דאָקטער, דערצו אַ פיינער העברעער. צו אים האָט זיך עס בן־ציון געווענדעט מיט אַ בקשה פון אַ שטעלע. אַוודאי האָט ער דעם בריוו עטלעכע מאָל איבערגעקוקט. אַפילו איבערגעשריבן, געהיט עס זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן קיין פעלערן, דער כתב זאָל זיין פּערלדיק. דער סטיל זאָל זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין, ביז עס איז אָנגעקומען דער ענטפער

אויף זיין בקשה, איז בן־ציון אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ הינער־פּלעט, נישט אויף דער וועלט, נישט אויף יענער; און וואָס וועט פאָרט זיין דער תכלית?

אָבער אַן ענטפער איז געקומען און דווקא אַ פּאָזיטיווער. מען האָט אים פאַר אַ קאַנדידאַט, דאָך ווערט ער איינגעלאַדן אויף אַ פּערזענלעכן שמועס קיין בוענאָס־איירעס. דאָס מזל האָט צוגעשפּילט און פון דער גרעסערער שטאָט ווי? בן־ציון האָט שוין אַמאָל געגעבן אַ פאָרטראָג איז אָנגעקומען אַן איינלאַדונג אויף אַ צווייטן, שוין נישט פאַר קיין גרופּע, נאָר פאַר דער גאַנ־צער געמיינדע, אויף אַ שול יום־טוב לכבוד חנוכה. אויף אַזאַ איינלאַדונג האָט זיך בן־ציון נישט געריכט. אויפגעוואַקסן אין קליינעם שטעטל, האָט ער געהאַט גרויסן אָפּשיי פאַר דער גרויסער שטאָט; אָבער, אַז מען שטעלט נישט איין — נעמט מען נישט אויס! איז ער אויף שבת אָפּגעפאָרן אין דער גרוי־סער שטאָט אַריין.

פּרייטיק פלעגט פאַרביי דער קאָלאָניע דורכגיין נאָר אַ שנעל־צוג. עקס־פּרעס, וווּ מען מוז פאָרן ערשטע קלאַס. אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטל: „אַ קניפּ אין באַק און די פאַרב זאָל שטיין״, אָדער: „די וועלט איז אויך נישט קיין פּוסטע קרעטשמע״. איז בן־ציון געפאָרן ערשטע קלאַס. אין וואַגאָן איז בן־ציון געזעסן ווי אַ שטומער. יידן פלעגן נאָך דאַן נישט פאָרן אַזוי אָפט אין ערשטן קלאַס, מיט נישט־יידן האָט ער קיין געמיינזאַמע שפּראַך נישט געהאַט, האָט ער געקוקט דורכן פענצטער, באַטראַכט די לאַנדשאַפט און געגרייט אין קאָפּ די רעדע וואָס ער דאַרף האַלטן.

מעשה שטן דאַרף זיצן קעגן אים אַ דיקער פעסט־געבויטער קריסט, מיט אַ פאַרשלאָסן געזיכט, וואָס מען קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס עס דריקט אויס, און אַ פּאָר שמאָלע פאַרלאָפענע אויגעלעך אין וועלכע עס האָט גע־פינקלט אַמאָל שלויקייט, אַמאָל גוטמוטיקייט. דער קריסט איז הפנים געווען אַ גאָר פיינער אַכלער און האָט נישט געגלויבט אין קיין נסים. האָט ער מיט־גענומען צדה לדרך: הון און ווורשט, און קנישעס. און פּרוכט...

מיטיק־צייט האָט דער בעל־דבר צעעפנט זיין שפּייז־פּעקל, אַרויסגענו־מען אַ געבראָטענע הון, אַרויסגעצויגן פון אונטערן רעקל אַ לאַנגן שאַרפן מעסער און גענומען די הון צעשניידן. קונציק אויסגעשניטן אַ פעטע פּולקע, האָט ער זי עלעגאַנט אונטערגעטראָגן בן־ציונען, מיט אַ פריינדלעכן „סיר־וואָסע״, ס׳הייסט זייט אייך מהנה. וואָס־זשע איז דאָ געבליבן צו טאָן? עסן טריפהס, איז דאָך נישט שייך, אָפּזאָגן זיך אונטער אַן אויסרייד, ווייסט בן־ציון נישט ווי צו זאָגן עס אויף שפּאַניש. דערצו האָט ער געהערט אַז אָפּזאָגן אַ „היזיקן״ טאָר מען נישט, ער קען נאָך דעם זעלבן מעסער מיט וועלכן ער האָט געשניטן די הון אַריינרוקן אין האַרצן אָדער בויך... האָט בן־ציון פאַר־

לוירן געשמייכלט. געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין, געשטאַמלט די פּאָר ווערטער וואָס ער האָט שוין געוווּסט: „נאָ, גראַסיאַס" — ניין, הייסט עס, אַ דאַנק, בכדי זיין וואַגאָן־חבר זאָל נישט מיינען אַז ער מיאוסט זיך צו עסן מיט אים. דער קריסט איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן: ער האָט פאַרגעשלאָגן ווורשט, געפּעקלט פלייש, קנישעס. בן־ציון האָט געפילט אַז עס באַפאַלט אים אַ פּחד, אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַשלאָגן, אָבער ער האָט אַלץ געדרייט מיטן קאָפּ, געשמייכלט און געשמייכלט: „נאָ, גראַסיאַס"... דער קריסט האָט הפּנים אָנגעהויבן חושד צו זיין אַז זיין שכן אין וואַגאָן איז אַ וועגעטאַריאַנער. האָט ער אים סוף־כל־סוף פאַרגעשלאָגן באַנאַנעס, וואָס בן־ציון האָט שוין מיט פאַרגעניגן גענומען. און ערשט ווען בן־ציון האָט אויפגעגעסן אַ פּאָר באַנאַנעס, האָט זיך דער קריסט גענומען צו דער אַכילה. הפּנים נישט געוואָלט אָנהויבן עסן, ביז ער וואָלט פריִער נישט מקיים געווען די מצווה פון אָנזעטיקן אַ הונגעריקן...

אינגיכן איז דער צוג אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט ווו עס האָבן בן־ציונען אָפּגעוואַרט די קרובים, חברים, פריינד. ער האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט מיט זיין ברייטהאַרציקן און פול־גופיקן מיטפאָרער און איז אַראָפּ אויף דער פלאַטפאָרמע. ער האָט גאָר פרייער אָפּגעאָטעמט ווען ער האָט זיך דערפילט צווישן אייגענע. איז מען געפאָרן עסן מיטיק, נאָכמיטיק האָט מען שפּאַצירט, מען האָט פאַרבראַכט. דער אָוונט וועט דאָך זיין ערשט מוצאי שבת, איז געווען צייט. בן־ציון האָט באמת געהאַט אַ פריילעכן שבת.

דער אָוונט האָט געהאַט אַ פאַרשידנאַרטיקן און איבערגעלאָדענעם פּראָגראַם. כפי עס איז געווען צו גונסטן דער שולע, האָבן די לערער גערעדט, די קינדער האָבן דעקלאַמירט, געזונגען, די עסקנים האָבן אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אַראָפּצורײדן פון האַרצן. בן־ציון האָט געדאַרפט שליסן דעם פּראָגראַם, נאָך וועלכן עס וועט זיין אַ באַל. בן־ציון איז די גאַנצע צייט געזעסן און אין זינען געהאַט זיין רעדע. יעדער געדאַנק וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון עמיצן פון די רעדנער האָט ער אויסגעשטראָכן, פאַרביטן מיט אַן אַנדערן, און די רעדע האָט געהאַלטן אין איין איינדאַרן. אויסגערעכנט אויף אַ שעה, איז זי איינגעשרומפּן געוואָרן צו אַ מינוט דרייסיק. האָט בן־ציון דערפון יסורים געהאַט, אויסגעלאָזט האָט זיך אַז עס איז גאָר געווען לטובה.

ווייל וואָס מער דאָס פּראָגראַם האָט זיך געצויגן, איז די יוגנט געוואָרן אומגעדולדיקער. זי האָט געוואַרט מער אויף די טענץ ווי אויף די רעדעס. ביי די לעצטע רעדעס האָט מען שוין געהערט אין זאַל אַ גערויש, אַן אומצופרידענעם געמורמל. אַלע בקשות פון דעם פאָרזיצער האָבן נישט געהאָלפן.

ווען חברה האָט דערזען נאָך אַ רעדנער, זענען זיי שוין גאָר אַרויס פון די כלים. עס איז געוואָרן אַ שטיקל טומל, פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געהערט אויסרופן: „אַ באַילאַר! אַ באַילאַר!״ עס הייסט: טאַנצן! טאַנצן! בן־ציון האָט זיי נישט געקענט איינשטילן מיט רייד. ער האָט נאָך נישט געקענט קיין שפּאַניש. האָט ער בלויז געקענט ווירקן מיט שווייגן... און עס האָט גע־ווירקט. אין געציילטע מינוטן אַרום איז אין זאַל שטיל געוואָרן. בן־ציון האָט שכל געהאַט צו מאַכן זיין רעדע נאָך קירצער און חברה האָט דאָך אויסגע־הערט. די וואָס האָבן פאַרשטאַנען, האָבן געוווּנקען צו די וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי זאָלן האָבן געדולד. דער פּראָגראַם איז אַדורך בשלום. דער באַל האָט זיך פאַרצויגן ביז אין ווייסן טאָג אַריין. דער צווייטער טאָג איז דאָך געווען זונטיק, ווען מען „דאַרף נישט אויפשטיין״, ווי מען זאָגט אין אַרגענטינע.

מאָנטיק פרי איז בן־ציון אָפּגעפאָרן אין דער הויפּטשטאָט בוענאָס איירעס, זיך צוגעשטעלט אין דער יִיקאַ־דירעקציע, ווו עס האָט אַמטירט דער ראַבינער און משגיח אויף די יִדישע לימודים אין די שולן פון די קאָלאָניעס. דער ראַבינער איז געווען אַ יונגער מענטש, מיט אַ שיין געזיכט איינגעראַמט אין אַ פיין בערדל, אַ בנימוסער און פריינדלעכער, האָט ער געפירט דעם עקזאַ־מען ווי אַ שמועס. מען האָט „גערעדט״ דיקדוק, העברעיִש, געשיכטע, פאַר־איינוועגס אַ פּאָר פראַגן וועגן דעם קאַנדידאַטס ביאָגראַפיע, ווי אויך וועגן דעם לעבן אין קאָלאָניע. צום סוף האָט דער ראַבינער דערקלערט בן־ציונען אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ יִדישער לערער אין איינער פון די שולעס פון דער קאָלאָניע און דער אָרטיקער אינספּעקטאָר וועט אים שוין מודיע זיין גענוי אין וועלכער.

אַ האָפּערדיקער, כמעט אַ גליקלעכער, איז בן־ציון צוריקגעקומען אַהיים.

קאַפּיטל 8

אויף אַ לערער-שטעלע ביי דער ייקאַ

אַרום העלפט יאַנואַר איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, אַז בן־ציון איז באַשטימט געוואָרן אַלס לערער פון יידישע לימודים אין אַ שולע פון דער קאָלאָניע. און אַז ער דאַרף זיך מעלדן צום לערער פון די אַלגעמיינע לימודים וואָס איז אויך דער דירעקטאָר פון דער שולע, אַזוי אַז צום אָנהייב שול־יאָר, דעם 1טן פעברואַר, זאָל ער קענען אָנהויבן זיין אַרבעט.

די ידיעה איז בעצם נישט געווען פון די גאָר פריידיקע. די שולע איז געווען אַ 45 קילאָמעטער פון צענטער פון דער קאָלאָניע, זעקס קילאָמעטער פון אַ באַן־סטאַנציע, דריי הייזער אַריינגעוואָרפן אין מיטן פעלד צווישן צוויי קאָלאָניסטישע גרופּעס. איינע פון פיר. די צווייטע פון בלויז צוויי הייזער, אין מיטן פון אַ ווייטער „ליניע" אויף וועלכער עס זענען פון קילאָמעטער צו קילאָמעטער געלעגן צעוואָרפן אַזעלכע פירערס, דרייערס און צווייערס. אָבער קיין ברירה איז נישט געווען. מען האָט געדאַרפט אַרויספאָרן און זיך אַרומקוקן ווו מען וועט ערגעץ לעבן אויף דער וועלט.

אויף דער „ליניע", אַ דריי קילאָמעטער פון דער שולע האָבן געוווינט מחותנים: שווער און שוויגער, שוואָגערס און שוועגערינס פון בן־ציונס אַ שוועסטער. דאַרף מען קודם־כל צופאָרן צו די מחותנים און פון דאָרט וועט מען שוין ווי עס איז צוקומען צו דער שולע.

געפאָרן איז בן־ציון מיט אַ סוחר וואָס איז אַרויסגעפאָרן איינמאָנען חובות ביי די קאָלאָניסטן; אַרויסגעפאָרן איז מען גאַנץ פרי. אין מיטן וועג זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ריי גרופּעס. בן־ציון האָט זיך אָנגעהערט טענות און קעגן־טענות צווישן סוחר און די קאָלאָניסטן; ווו דער סוחר האָט עפּעס גע־קראָגן אויפן חוב, ווו ער האָט געמוזט מסכים זיין אָפּצוואַרטן. שפּעט נאָך האַלבן טאָג איז מען געקומען צו דער גרופּע ווו עס האָבן געוווינט בן־ציונס מחותנים. יידן ליטוואַקעס, האָבן זיי נישט געוווסט וואָס הייסט קויפן אויף באָרג; דערצו האָבן זיי אויף דער נאָענטער באַן־סטאַנציע געהאַט אַ זון אַ סוחר, איז דער סוחר פון קאָלאָניע גלייך צוגעפאָרן צו דער צווייטער שטוב, אַ הויז וואָס האָט זיך געפירט רחבותדיק, געהאַט הנאה פון אויפנעמען מענטשן. האָט מען לכתחילה נישט געוואָלט לאָזן בן־ציונען צו זיינע מחותנים. סוף־כל־סוף האָבן זיי איינגעזען אַז עס וואָלט געווען נישט גאָר פיין, האָט מען בן־

ציונען דערלויבט צוצוגיין צו זיינע מחותנים. אָבער נאָך אוונט־ברויט מוז ער צוקומען אַביסל פאַרברענגען.

פאַראייניגוועגס האָט שוין בן־ציון אויסגעהערט די קעגנזייטיקע טענות פון סוחר מיט זיינע בעלי־חובות. דער סוחר האָט געטענהט אַז ער קען מער אויפן חוב נישט וואַרטן, און דער קאַלאַניסט האָט געטענהט אַז ער האָט נישט פון וואַנען צו צאָלן; סוף־כל־סוף איז מען ווי עס איז דורכגעקומען מיט אַ צוזאָג צו צאָלן אַ טייל פון חוב אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. און דער סוחר איז אָוועק־געפאָרן ווייטער מיט דער ליניע. אויף מאָרגן אין שפּעטן נאָך מיטיק וועט ער קומען צוריקנעמען בן־ציונען אין צענטער פון קאָלאָניע.

ביי די מחותנים האָט מען בן־ציונען גאָר פריינדלעך אויפגענומען. מען איז געזעסן און געשמועסט ביז שפּעט נאָכן אָוונט־ברויט. בן־ציון האָט באַ־מערקט אַז עס איז אַן ערנסט הויז מיט אַ סך ספרים, אָבער מיט אַ קליין ביסל צו ווייניק מענטשלעכע לעבנס־פרייד. עס איז געווען אַ הויז פון אַזאַ טיפן ערנסט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שטיקל אומעט. איז בן־ציון צוגעגאַנ־גען צו די שכנים, און דאָרט האָט ער געטראָפן גאָר אַן אַנדער סביבה, אַ שטימונג פון חי־געלעבט! לוסטיק און פריילעך! אַ בחורל איז צוגעקומען מיט אַ גיטאַרע, האָבן אים די טעכטער פון קאָלאָניסט באַגלייט מיט גע־זאַנג: יידישע, רוסישע און שפּאַנישע לידער. עס איז געווען גאָר ווי אין דער אַלטער היים.

איבערגענעכטיקט ביי די מחותנים, איז בן־ציון אַרויס גאַנץ פרי אויפן הויף אַ קוק טאָן ווי עס הייבט זיך אָן דער קאָלאָניסטישער טאָג. ביי דער דראָט־פאַרצוימונג וואָס האָט אָפּגעטיילט די נחלה פון איין קאָלאָניסט פון דער נחלה פון צווייטן, האָבן זיך געשפּילט עטלעכע קינדער, וואָס האָבן פאַר־וווּנדערט אָנגעקוקט דעם אומבאַקאַנטן פאַרשוין און זיך געפרעגט, ווער קען דאָס אַן ערך זיין. אַ יאַטל פון אַ יאָר אַכט, מיט קויל־שוואַרצע אויגן און פעך־שוואַרצע האָר, האָט שוין געוווּסט אַז דאָס איז דער נייער יידישער לערער, דער „מאַעסטראָ", ווי די קינדער האָבן אים גערופן אויף זייער מיט שפּאַניש געמישטן יידיש, און בן־ציון האָט נישט ווילנדיק אונטערגעהערט פאָלגנדיקן שמועס:

— איז ווי אַזוי וועלן מיר אים רופן?

— לאָמיר אים רופן: „פּעטיסאָ" — קליינוווקסיקער.

— ניין, עס טויג נישט, ער איז דאָך גאָרנישט אַזוי קליין אין וווּקס.

— טאָ וועלן מיר אים רופן „לאַנגער דראָנג".

— טויג אויך נישט, ער איז גאָרנישט אַזוי הויך.

— וועלן מיר אים רופן „גרינער".

— טויג נישט, ער וועט זיך דאָך אויסגרינגען.

— נו, לאָמיר אים רופן „קראָקאָדיל".

און אַזוי איז עס געבליבן. חברה האָט זיך גלייך צעזונגען: קראָקאָדיל! קראָקאָדיל! קראָ־קאָ־ד־י־ל!

וואָס דאָס אַלץ האָט באַדייט, האָט בן־ציון נישט פאַרשטאַנען און זיך געשעמט צו פרעגן. שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיין פאָרגייער האָט איינגעפירט אין שולע דאָס קליינשטעטלדיקע רופן מיט צונעמענישן. אָבער אַלץ פון קאָלאָניסטישן לעבן: „בלינדע שקאָפּע", „גרינע יאַשטשערקע", „רויטע טעלעצע", וכו'! חברה האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען „בולבאַטש", און האָט געהאַלטן פאַר איר חוב צו געבן אַ צונאָמען דעם נייעם לערער... פריילעך אויפן האַרצן איז בן־ציונען דערפון נישט געוואָרן.

ביז דער שולע איז געווען אַ קילאָמעטער דריי. בן־ציון האָט געבעטן מען זאָל אים אָנזאָטלען אַ פערד, וועט ער צופאָרן אַ קוק טאָן וואָס דאָרט טוט זיך. רייטן האָט ער נאָך געקענט פון דער היים. ער האָט נאָר נישט געוווּסט אַז אין אַרגענטינע רייט מען אַנדערש. דאָס פערדל האָט אָבער געוואָלט לויפן נאָר ווי עס איז געוווינט, און בן־ציון האָט זיך געמוזט אָפּט אַ האַצקע געטאָן אויפן זאָטל. ווי עס איז דערפאָרן צו דער שולע, ווו ער האָט נישט געפונען קיין לעבעדיקן מענטשן. עס איז נאָך געווען וואַקאַציע־צייט. די דירה פאַרן יידישן לערער איז געווען אַ גאַנץ היפּשע: צוויי צימערן מיט אַ קיך, מיט אַ גאַניק. זי איז געווען פריש אויסגעקאַלכט, אָבער די דילן זענען געווען פאַרשמירט מיט קאַלך און אין די פענצטער האָבן געפעלט פערצן שויבן. אויף צוריקוועגס האָט בן־ציון אָנגעטראָפן אַ קאָלאָניסט, וואָס ער האָט שוין געקענט פון פריִער, אַ מיטגליד פון שול־ראַט. האָט ער אים איבערגעגעבן די רעזולטאַטן פון זיין באַזוך, אָבער יענער האָט זיך דערפון נישט געמאַכט קיין גרויסן ווענן: דעם קאַלך פון די דילן וועט מען אָפּרייבן, וועגן די שויבן זאָל זיך בן־ציון ווענדן אין דער אַדמיניסטראַציע. און באַמערקנדיק ווי בן־ציון זיצט אין זאָטל, האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אויג־פּינטלען: „אויב עס וועט נישט העלפן קיין וואַסער, איז גוט וואַסער מיט ליים"... בן־ציון האָט נאַיִוו אַ פרעג געטאָן: צו די דילן? און דער קאָלאָניסט האָט גוטמוטיק געענטפערט: „ביין — נאָר וועדליק איר זיצט אויפן פערד וועט איר זיך אָנשלאָגן גוטע צרות, און וואַסער מיט ליים העלפט"... גלייך האָט ער דאָס פערד איבערגעזאָטלט, געמאַכט לענגער די רימענס צו די פיס־האַלטערס, אַזוי אַז מען זאָל נישט דאַרפן שטיין ביי אַ גאַלאָפּ, נאָר בלויז זיך אָנשפּאַרן מיט די פיס־שפּיצן אויף די רייט־אייזנס. אַזוי איז עס פיל באַקוועמער און דאָס פערדל איז אַזוי געוווינט. די צוריקרייזע איז שוין געווען פיל גרינגער און

דערפאַר אָנגענומער. בן־ציון האָט אַריינגעכאַפּט די ערשטע לעקציע פון קאָ־לאָניסטישן לעבן: רייטן ווי געהעריק.

צוריק געקומען אין קאָלאָניע איז בן־ציון אַוועק אין אַדמיניסטראַציע אַ שמועס־טאָן וועגן די שויבן וואָס האָבן געפעלט. קודם־כל האָט מען זיך גע־דאַרפט ווענדן צום אַגענט פון דער זאָנע אין וועלכער די שולע האָט זיך גע־פונען, אָבער יענער, אַ מאָגער־נערוועז יידל „אויס דויטשלאַנד" האָט זיך גאָר נישט געלאָזט רעדן. ער האָט זיך צעשריִען: „ליגן! עס פעלן קיינע טאפליעס!.. אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג!". בן־ציון האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי מעלדן זיך צום אַדמיניסטראַטאָר אַליין. דער ה' אַדמיניסטראַטאָר, אַ גאַנצער „אדון בפקדך", איז גראָד געווען פאַרנומען אין אַ וויכטיקן שמועס, וואָס האָט זיך געפירט אין רוסיש, האָט בן־ציון גערדאַרפט לאַנג וואַרטן. ווען ער איז שוין אויפגענומען געוואָרן, האָט אים דער אַדמיניסטראַטאָר אומגע־דולדיק אויסגעהערט, אַריינגעקוקט אין אַ שטויס פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, און אַ מרוק־געטאָן אויף רוסיש: „ווסיאָ וו'פּאָריאַדקיע" — אַלץ, הייסט עס, איז אין אָרדענונג. בן־ציון האָט זיך געמאַכט אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים און האָט אָנגעהאַלטן זיין טענה: פעלן שויבן, עס גייט צו ווינטער... דאָ איז שוין דער אַדמיניסטראַטאָר גאָר אַרויס פון געדולד און אַ געשריי־געטאָן „סטופּייטיע!". ס'הייסט גייט געזונטערהייט!... און ווי גרויס איז געווען די פאַרוווּנדערונג פון דעם ה' אַדמיניסטראַטאָר, ווען דאָס „לערערל" האָט אים אויף אַ גאַנץ גוטן רוסיש געענטפערט, אַז ער וועט זיך וועגן דעם ענין ווענדן צו דער הויפּט־דירעקציע אין בוענאָס־איירעס, די שויבן וועט מען מוזן אַריינשטעלן...

באַלד איז אַוועק אַ בריוו צום ראַבינער קיין בוענאָס־איירעס: עס פעלן פענצטער שויבן, עס גייט צו ווינטער, די קעלטן זענען דאָ נישט קיין קליינע, עס קאָן שטיין אין קאָן דאָס געזונט. לכן איז בקשתי... דער ענטפער האָט נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט שוין געזוכט בן־ציונען, אָבער יענער איז שוין געווען אויף זיין פּאָסטן. האָט מען געשיקט דעם ה' אַגענט ער זאָל מודיע זיין אַז בן־ציון זאָל ביים ערשטן בעסטן גלעזער וואָס וועט פאַרבייפאָרן לאָזן אַריינשטעלן די שויבן און צושטעלן דעם חשבון אין אַדמיניסטראַציע.

נישט אַזוי גיך איז דורך דער „ליניע" דורכגעפאָרן אַ גלעזער, אָבער אין אַ געוויסן טאָג איז ער דאָך געקומען. עס איז געווען אַ מיטעליעריקער ייִד, אַ פרומער, ערשט געקומען פון פּוילן. האָט ער זיך גאָר דערפרייט מיט אַזאַ מחייה ווי אַריינשטעלן גאַנצע פענצטער שויבן אויף אַ פּרייז וואָס איז געווען דער אָפּיציעלער, ס'הייסט טייערער ווי די קאָלאָניסטן האָבן געצאָלט. ביז

ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט איז שוין געווען היפּש שפּעטלעך. ער האָט אַפילו געוואָלט פאָרן ווייטער, אָבער דאָס לערער־פּאָרל האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, ער איז געבליבן נעכטיקן; אַ ייִד אַ בן־תורה האָט מען מיט אים געקאָנט כאַפּן אַ שמועס, האָט מען טאַקע פאַרבראַכט אין דברי־תורה ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. דער גלעזער האָט דערקענט דעם ליטווישן אָפּ־שטאַם פון בן־ציונען און האָט אין קאָלאָניע דערציילט וווּנדיירים וועגן דעם „ליטוואַק" וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין אַ ווייטער, פאַרוואָרפענער שולע.

קאַפּיטל 9

אין אַ נייעם וווינאָרט

אייניקע טעג פאַרן אָנהייב פון שול־יאָר איז בן־ציון אַרויסגעפאָרן אויף זיין נייעם פּאָסטן. געפאָרן איז ער מיט אַ קאָלאָניסטישן פּלאַטאָפאָרמע־וואָגן (טשאַטאַ), אויף וועלכער מען פירט פּעקלעך אַלפאַלפאַ צו דער סטאַנציע. דער וואָגן איז געווען גרויס און ברייט, און דאָס ביסל אָרעמקייט וואָס בן־ציון האָט דאַן פאַרמאָגט האָט אויסגעזען נעבעכדיק, עס האָט קוים פאַרנומען אַ ווינקל פון וואָגן. זיין אשת־חיל האָט ער נישט געוואָלט פּייניקן מיט אַ לאַנגער נסיעה אויף אַזאַ עקיפּאַזש, איז געבליבן אַז זי וועט אַרויספאָרן אויפן צווייטן טאָג מיטן צוג און בן־ציון וועט איר קומען אָפּנעמען אויף דער באַן־סטאַנציע.

אַרויסגעפאָרן איז מען אין שפּעטן נאָכמיטיק. געפאָרן איז מען לאַנגזאַם, און כמעט פאַרנאַכטלעך איז מען אַריינגעפאָרן אין אַ נייער ליניע וואָס מען האָט נישט לאַנג צוריק קאָלאָניזירט און ווו דער קאָלאָניסט וואָס האָט גע־פירט בן־ציונען האָט געהאַט אַ מחותן. די ליניע האָט אין זומער פאַרנאַכט אויסגעזען גאָר פיין. די ווייסע הייזקעס האָבן שעמערירט אונטער די שטראַלן פון אַ זון וואָס האָט מער געוואַרעמט ווי געברייט; די ביימער אַרום די הייזער זענען נאָך געווען יונג און קליין, האָבן נאָך דאָס הויז נישט געקאָנט פאַר־שטעלן, האָט מען זיך געקאָנט נחתן אין דער פיינער פּאַנאָראַמע וואָס מען האָט געקאָנט זען פון הויז־גאַניק.

דער קאָלאָניסט, אַ ברייטלעכער בעסאַראַבער ייִד און אַ פיינער מכניס־אורח, האָט די געסט אויפגענומען גאָר האַרציק. צו אַלעם ערשטן אַ פרעג־געטאָן: „וואָס וועט איר עפּעס טרינקען?" און גלייך געגומען אויסרעכענען: „טיי, קאַווע, ביר" און אויך שאַרפע געטראַנקען. בן־ציון האָט אין אַן הלצה אַ פרעג־געטאָן: „וואָס איז דאָ — אַ קאָלאָניסטישע שטוב צי אַ שטאָ־טישע קאַפע־הויז?". אָבער דער ייִד איז נישט נתפעל געוואָרן, ער האָט באַוויזן מיט פאַקטן, אַז ער איז חס־ושלום נישט קיין בלאָפער. אין הויז איז טאַקע געווען פון כל־טוב. האָט מען געמאַכט אַ לחיים, פאַרביסן מיט פיינעם גע־בעקס, פאַרטרונקען מיט אַ גוטער גלאָז טיי, זיך גאַנץ פיין דורכגעשמועסט, פאַרבראַכט אין דברי־תורה, און אָנועקגעלאָזט זיך אויף דער ווייטערדיקער נסיעה.

געגעכטיקט האָט בן־ציון ווידער ביי די מחותנים און דאָ האָט ער זיך דערוווּסט פון אַ נייער צרה. צווישן דער גרופּע פון די מחותנים און דער שולע איז געלעגן אַ גאַנץ פּיין טינטורל, אַ בלאָטע, וואָס איז פריִער געווען אויסגעטריקנט און די פּאָר רעגנס וואָס זענען לעצטנס אויסגעפאַלן האָבן זי אָנגעפולט ווי אַן אויג. קיין בריקל איז נישטאָ. פאָרן איבער דער בלאָטע קאָן מען נאָך פאַרזונקען ווערן. פאָרן דורכן פעלד פון קאָלאָניסט לאָזט זיך נישט, ווייל ער איז אַ ייִד אַ כעסן, שרייט מיט קולי־קולות, וואַרפט זיך אַפילו שלאָגן, און גראָד דאַרף מען פאַרבייפאָרן זיין הויז. ווען מען האָט אין שמועס דערמאָנט דעם נאָמען פון קאָלאָניסט, האָט זיך בן־ציון דערמאָנט אַז פון זיין שטעטל איז מיט יאָרן צוריק אָפּגעפאָרן אַ ייִד אַ האַלץ־הענדלער מיט אַזאַ נאָמען, אויף קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע; האָט ער זיך שוין צעפרעגט וועגן דעם אויסזען פון קאָלאָניסט און האָט פאַרשטאַנען אַז דער בעל־דבר איז עס טאַקע זיין לאַנדסמאַן, איז שוין די סכנה געווען פאַרביי, מען וועט פאָרן דורכן פעלד פון קאָלאָניסט.

אָבער ווען מען איז אויף מאָרגן צוגעקומען צום הויז פון קאָלאָניסט, איז יענער אַרויס מיט קולי־קולות: ער וועט נישט דערלאָזן! אפשר, ווען מען בעט ביי אים אַ „ראַזרעשעניע" (דערלויבעניש אויף רוסיש) וואָלט ער דערלויבט, אָבער אַזוי „סאַמאָוואָלנע" — ס'הייסט אויף אייגענער האַנט, וועט ער בשום אופן נישט לאָזן, שוין זאָל מען פאַרקירעווען אויף צוריק, ווען נישט וועט ער...

דאָ האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשפּילט אַ סצענע וואָס דערמאָנט אין דער באַגעגעניש פון יוספן מיט זיינע ברידער. דער קאָלאָניסט האָט בן־ציונען נישט דערקענט, אָבער בן־ציון דעם קאָלאָניסט — יאָ. איז בן־ציון אַראָפּ פון פלאַטפאָרמע־וואָגן, אָפּגעשטעקט דעם קאָלאָניסט אַ ברייטן שלום־עליכם ר' יאַנקל, און גלייך אַ פרעג־געטאָן וואָס מאַכט זיין ווייב חנה, זיינע זין מאָסיע און סיאָמקאָ; דער ייִד איז געבליבן געפּלעפט. דערזען אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ היימישן און אייגענעם, איז ער גלייך ווייכער געוואָרן און האָט אַ פרעג־געטאָן: „ווער־זשע ביסטו עס אַזעלכער?". ווען בן־ציון האָט אים געזאָגט ווער ער איז, האָט דער קאָלאָניסט נישט געקאָנט אַרויס פון זיין פאַרוווּנדערונג: — „וואָס? האַ? דאָס ביסטו גאָר? זע נאָר! זע נאָר! ביסט דאָך ערשט נעכטן געווען אַ „פּיזשיק" און היינט ביסטו גאָר אַ גאַנצער „מאַעסטראָ"! איז וואָס־זשע מאַכסטו? קום לאָמיר זיך צעקושן!". ביים ייִדן זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן, בן־ציון האָט אים דערמאָנט אין דער אַלטער היים...

באַלד איז אַרויסגעקומען חנה, וואָס האָט פריִער נישט געוואָלט ווייזן זיך ווייל זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קולות פון איר מאַן. פון פעלד

זענען אָנגעלאָפן די בנים. עס איז געוואָרן שמחה וששון: „איז וואָס־זשע מאַכסטו, טשע? וואָס מאַכן טאַטע־מאַמע? די גאַנצע משפחה? ווען ביסטו פון דער היים?" מען האָט געפרעגט און געענטפערט, משמח געווען זיך איינער מיטן צווייטן. בן־ציון האָט זיך דערפילט גאָר היימיש.

דער פלאַטאָפאָרמע־וואָגן איז אָנגעקומען בשלום צו דער שולע, פאַרפאָרן צום הויז פון יידישן לערער, אָפּגעלאָדן די חפצים. דער קאָלאָניסט וואָס האָט בן־ציונען געבראַכט צופירן, האָט אים געהאָלפן אַריינטראָגן די פּאָר שטיקלעך מעבל, צונויפשטעלן די בעטן, האָט באַקומען זיין שכר־עגלה ושכר טירחה און איז אָוועק צו זיך אַהיים. בן־ציון איז געבליבן אַליין אין זיין נייעם וווינאָרט, אַליין אין מיטן פעלד.

אַ סומנעקייט איז אים באַפאַלן. פון אומעטום האָט זיך געטראָגן אַ מין מדבר־איינזאַמקייט. אַ שטוב אין מיטן פעלד. די שולע איז פוסט. דאָס הויז פון שפּאַנישן לערער — אויך. פון דערווייטנס זען זיך קאָלאָניסטישע הייזער, שטיל איז אַרום, בלויז די פייגעלעך דערמונטערן אַביסל מיט זייער סווישטשען; פאַרט לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס שוועבן אַזוי גראַציעז אַרום אין דער לופט.

בן־ציון האָט זיך גענומען איינאָרדענען אַביסל דאָס הויז, צוגרייטן עס פאַר זיין ווייבל, וואָס דאַרף אין עטלעכע שעה אַרום אָנקומען. פון אַ פּאָר קעסטלעך פון גאַז־בלעכן וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, האָט ער צונויפגעקלאַפּט אַ „ביכער־שראַנק" פאַר זיינע ביכער, פון אַנדערע קעסטלעך אַ שפּייז־שאַפּ־קעלע, אַריינגעקלאַפּט צוועקעס אין די ווענט אויף וועלכע מען וועט הענגען די בגדים, אַרומגעשטעלט דאָס טישל מיט אַ פּאָר אייזערנע בענקלעך; די אַרבעט האָט אים אַביסל דערמוטיקט. ווען ער האָט דערפילט דורשט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם עמער אין ברונעם, אָנגעשעפּט וואַסער, אָבער דאָס וואַסער האָט געשמעקט נישט פריש, מיט נישט אָנגענעמע ריחות, דאָס וואַסער איז געווען רויט, אין איר זענען אַרומגעשוווּמען טויטע היישעריקן... וואָס־זשע טוט מען אין אַזאַ היץ אָן אַ קאַפּ וואַסער? צוגיין צו אַ נאָענטער גרופּע און נעמען דאָרט וואַסער? — האָט ער מורא געהאַט צו לאָזן דאָס ביסל אָרעמקייט אָן אַ שומר; עס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז וויבאַלד מען זעט נישט אַרום קיין לעבעדיקן נפש, טאָ ווער־זשע וועט דאָ גנבענען?

פון צרות נעמט ער גאָר אַ בוך אין האַנט, פאַרטיפט זיך אין ליייענען, קייעט דערווייל דעם אָרעמען מאַלצייט פון די טרוקענע פּראָדוקטן וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. מיטאַמאָל דערהערט ער קולות: „סיפּאָנעראָ!", „סיפּאָנעראָ!"; עס פאָרט, הייסט עס, פאַרביי דער צופירער פון סאָדעוואַסער. דאָ? אין אַזאַ ווייטער ליניע? ווי שיקט זיך עס? ער לויפט אַרויס פון שטוב, אָבער

דער וואָגן איז שוין פֿאַרבײַגעפֿאָרן, ער איז שוין באַלד בײַ דער נאָענטער גרופּע; לאָזט זיך בן־ציון נאָכלויפֿן דעם וואָגן. יונג איז ער, כּוחות — נישט צו פֿאַרזינדיקן, די פֿיס דינען, איז ער אין אַ געצײלטע פּאָר מינוט צוגעלאָפֿן צו דער גרופּע, וואָס האָט פֿריִער אויסגעוויזן זייער ווײַט און איז מיטאַמאָל געוואָרן גאָר נאָענט; בן־ציון האָט זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די קאָלאָניסטן און פֿאַרן „סיפּאָנעראָ", האָט מען אים אַוודאי פֿײַן אויפֿגענומען. דער סיפּאָנעראָ האָט צוגעזאָגט, אויף דער צוריקרײַזע אין אַ פּאָר שעה אַרום, איבערלאָזן עטלעכע סיפּאָנעס מיט סאָדע־וואַסער. קאָלאָניסטן האָבן אים דערקלערט, אַז דאָס וואַסער פֿון די דרײַ ברונימער בײַ דער שולע טויג נישט צום טרינקען, אָבער דער „מאַעסטראָ" קאָן צוקומען אַהער אין דער גרופּע, ווו דאָס וואַסער איז ריין, קלאָר, געשמאַק און קאַלט, נישט פֿון אַן אָפֿענעם ברונעם, נאָר פֿון אַ פֿאַרמאַכטער פּאָמפּע, און נעמען וואַסער וויפֿל זײַן האַרץ גלוסט, מען וועט אים נישט זשאַלעווען.

אַ דערפֿרײטער איז בן־ציון אַוועק צוריק, טאַקע גלײַך גענומען אַן עמער, צוריק געגאַנגען אין דער גרופּע, אַ פֿיר הונדערט מעטער ווײַט און געבראַכט אַ פֿרישן עמער וואַסער. אָפּגעוואַרט דעם צופֿירער פֿון סאָדע־וואַסער און באַקומען פֿון אים עטלעכע סיפּאָנעס. איז דאָך די קשיא: ווי קאָן מען טרינקען סאָדע־וואַסער וואָס איז וואַרעם? און קיין אײַז איז דאָך נישטאָ... דער סיפּאָנעראָ, אַ ייִד אַ בן־תּורה, גיט אַן עצה: מען בינדט צו אַ פּאָר סיפּאָנעס צו אַ שטריק, מען לאָזט זיי אַרײַן אין ברונעם, קילן זיי זיך דאָרט אָפּ, עס איז אַ מחיה צו טרינקען. גלײַך ווײַזט ער בן־ציונען הלכה למעשה ווי מען מאַכט עס, און פֿאַר אײַנוועגס נעמט ער אים מיט צו דער באַן־סטאַנציע אָפּוואַרטן זײַן אשת־חיל. פֿאַר די שטוב־זאַכן זאָל ער גאָרנישט זאָרגן, דאָ גנבעט מען נישט.

געקומען צו דער צײַט אויף דער באַן־סטאַנציע, אָפּגעוואַרט דאָס יונגע ווײַבל און אַ קאָלאָניסט האָט ביידן צוגעפֿירט צו זייער הויז. עס איז נאָך געווען היפּש צו פֿאַרנאַכט, האָט מען נאָך בײַם ליכט פֿון טאָג אָפּגעגעסן אַונט־ברויט פֿון די פּראָדוקטן און פֿון ברויט וואָס מען האָט מיטגעבראַכט פֿון דער קאָלאָניע, בהרחבה געטרינקען אַ גלאָז טיי, הנאה געהאַט פֿון דער אָוונט־שטילקייט, זיך אײַנגעלעבט ביסלעכווײַז אין דער אָרטיקער ראָמאַנטיק פֿון דער סביבה, געזונגען אַ פּאָר לידער פֿון דער אַלטער היים, פֿול מיט בענקשאַפֿט און געמאַכט נאַכט.

אויסגעמאַטערט ווי זיי זענען געווען איז מען באַלד פֿעסט אײַנגעשלאָפֿן מיט אַ שטאַרקן יוגנטלעכן שלאָף. מיטאַמאָל האָט עס אויפֿגעטראָגן פֿון די בעטן. זיי האָבן נישט געקאָנט וויסן ווי שפּעט עס איז, אָבער אַן אימה איז

זיי באַפאַלן. עס האָבן זיי אויפגעוועקט מאוימדיקע קולות, ווילדע געשרייען, פון חיהלעך וואָס האָבן מיט עפּעס געקלאַפּט אויפן דאַך, פון ערגעץ זענען אַראָפּגעפאַלן אַ פּאָר ציגל, עס האָט זיך געהערט אַ ראַנגלעניש און אַ כאַרכ־לעניש, ווי אַלע שדים פון די אַרומיקע פעלדער און וועלדער וואָלטן דאָ געקו־מען אויסגלייכן זייערע סכסוכים. וואָס זאָל עס אַלץ באַדייטן? אָנצינדן אַ לאָמפּ האָט מען מורא געהאַט, ווער ווייסט וואָס מען קאָן נאָך פאַר זיך דער־זען, און דאָ איז מען אייניינקע אַליין אין מיטן פון אַ מדבר. פיר הונדערט מע־טער ביז דער נאָענטסטער שטוב. לאַנגזאַם האָבן זיך געצויגן די פּחדימדיקע שעהן, מען איז שוין נישט געשלאָפן, מיטן טאָג האָבן זיך די קולות איינגע־שטילט, פייגעלעך האָבן זיך צעזונגען, דאָס געמיט איז געוואָרן אָפּגעפרישט, איז מען ווידער איינגעשלאָפן און גאַנץ שטאַרק; אויך פון דעם שלאָף האָבן זיי אויפגעריסן קולות: „קאַרניסעראָ!“, „קאַרניסעראָ!“ — דאָס איז געווען דער בחור וואָס האָט צעפירט כשר־פלייש פון אַ יאַטקע ביי דער באַן־סטאַנ־ציע. דער ערשטער טאָג אין דער נייער אייגענער היים האָט זיך אָנגעהויבן.

קאַפּיטל 10

דאָס טעגלעכע ברויט

דער פליישׂ־צעפּירער האָט נאָך דערווייל קיין פליישׂ נישט געבראַכט. ער איז בלויז געקומען באַשטעלן וויפל פליישׂ וועט דער נייער לערער ברויכן טעגלעך און וויפל אויף שבת. ווען ער האָט דערהערט אַז טעגלעך דאַרף ער ברענגען אַ האַלבע קילאָ און אויף פרייטיק און שבת אַנדערטהאַלבן קילאָ, האָט ער בריית צעעפנט די אויגן, פאַרווונדערט אַנגעקוקט די נייע קליענטן, ווי איינער זאָגט: „די מענטשן רעדן דאָך פשוט פון וועג!"... וואָס קאָן מען מאַכן מיט אַ האַלבן קילאָ פליישׂ אַ טאָג? — האָט ער געגומען איבערוואַרפן די זעקעלעך פליישׂ וואָס ער האָט געפירט פאַר די קאַלאַניסטן, צו דריי, צו פיר, און טאַקע אויך פינף קילאָ פליישׂ אַ טאָג. ווייל מען קאָכט דאָך פליישׂ סיי צו מיטאָג, סיי צום אָונטברויט, און אַמאָל מאַכט מען אַ שטיקל „אַסאַ־דאָ" (געבראָטנס) אויך צו מאָטע פון נאָכמיטאָג. טאָ וואָס קאָן מען אויפטאָן מיט אַ האַלבן קילאָ? געזען, אַז ער קאָן דאָ נישט איבערצייגן, האָט ער געראָטן מען זאָל אויפנייען צוויי זעקעלעך אויף צו פירן דאָס פליישׂ; יעדן טאָג וועט ער ברענגען איינס מיט פליישׂ און נעמען דאָס צווייטע וואָס מען וועט דערווייל אויסוואַשן און ריין מאַכן. אָן אַ „גוטן־טאָג" האָט דער בחור אַ שמיץ־געטאָן דאָס פערדל און באַלד האָט מען געהערט זיין אויסרוף: „קאַר־ניסעראָ! קאַרניסעראָ!" ביי דער נאָענטער גרופּע.

בן־ציון האָט זיך אַרומגעוואַשן, געלאָזט דאָס ווייבל שלאָפן לענגער און איז אַוועק צום נאָענטן פירער (אַ גרופּע פון פיר הייזער) קויפן מילך. ער איז געווען זיכער אַז ער וועט עס געוויס קריגן, שייך צווישן פיר קאָלאָניסטן נישט קריגן קיין ליטער מילך? אויסגעלאָזט האָט זיך אַז נישטאָ קיין מילך. דאָס מעלקן לוינט זיך נישט. עס איז בעסער מען זאָל די קעלבער לאָזן זייגן וויפל זיי ווילן, וועלן זיי שנעלער און בעסער וואַקסן, אַרויפנעמען מער פליישׂ און מען וועט פאַר זיי באַקומען אַ בעסערן פּרייז. פאַר זיך אַליין מעלקט מען אַ ביסל מילך, אָבער נישט אויף צו פאַרקויפן. קיין רייד און טענות האָבן נישט געהאָלפן. נישטאָ, און שוין! ערשט אין דער פערטער שטוב האָט זיך די קאָ־לאָניסטקע געגומען דערפרעגן ווער דער יונגערמאַן איז, פון וואַנעט ער קומט, ווער איז זיין ווייבל, און דאָ האָט ממש געטראָפן אַ נס. די קאָלאָניסטקע האָט זיך דערמאָנט אַז אין „דערהיים" האָט זי אַמאָל געוווינט אין שכנות ביי פאַ־

ביעס זיידן. נו, וועט זי נישט פאַרקויפן קיין קוואַרט מילך פאַר זיין אייניקל? אמת, דער פרייז איז געווען אַ געזאַלצענער, פיר מאָל אַזוי פיל ווי אין קאָ־לאָניע, אָבער מילך האָט מען באַקומען. בן־ציון איז אַוועק אַ האָפערדיקער. פאַניע האָט שנעל פאַרקאָכט קאַווע, ברויט איז נאָך געווען פון נעכטן, האָט מען גאַנץ פיין אָפּגעגעסן פרישטיק.

נאָך פרישטיק איז מען נישט געבליבן זיצן ליידיק. דאָס שטיבעלע פון לערער איז געשטאַנען אין מיטן פון הויכע ווילדע גראָזן. אין משך פון די וואַקאַציעס זענען די אויסגעטראָטענע שטעגלעך פאַרוואַקסן; דאַרף מען זיי דורכרייניקן. אַ לאָפּעטע איז פאַראַן, די הענט דינען, האָט זיך בן־ציון אַוועק־געשטעלט אויסהאַקן די גראָזן, בשעת זיין ווייבל האָט צוגעגרייט דעם מיטאָג. אָרנטלעך אָנגעהאָרעוועט זיך, האָט מען געגעסן דעם מיטאָג מיט אַפּעטיט. פּראָדוקטן האָט מען מיטגעבראַכט פון דער קאָלאָניע און פרוכט האָט מען נעכטן געקויפט ביי דער סטאַנציע. אָבער דאָס ברויט האָט זיך ביים מיטאָג פאַרענדיקט. איז ווו קויפט מען דאָ ברויט? וועט מען וואַרטן, אפשר וועט פאַרבייפאָרן אַ קאָלאָניסט, וועט מען ביי אים פרעגן...

אָבער קיין קאָלאָניסט זעט מען נישט. עס איז מיטאָג־צייט, זומער־לעבן. די זון באַקט אָן רחמנות, די קאָלאָניסטן שלאָפן „סיעסטאַ“ (נאָכמיטאָג־שלאָף). די וועגן זענען פוסט, אין די גרופּעס איז שטיל, בלויז די פייגעלעך אויף דיביימער און די פליגעלעך אין די גראָזן הערן נישט אויף צו טשווי־טשערן און זשומען. פאַני האָט זיך צוגעלייגט אָפּרוען, בן־ציון איז געבליבן אויפן גאַניק, געלייענט אַ בוך, אַרויסגעקוקט אויפן וועג, אָנגעשטעלט דאָס אויער, אפשר הערט זיך אַ גערויש פון אַ וועגעלע וואָס פאָרט פאַרביי.

ערשט אַרום פיר אַזייגער האָט זיך דערהערט דאָס גערויש פון אַ לייכ־טער צווייערדערדיקער פורל (סולקי), וואָס איז ווי דער קלאַנג פון אַ גוטער בשורה אַריין אין בן־ציונס אויערן. אַ קאָלאָניסט פאָרט צו דער סטאַנציע. איז בן־ציון שנעל אַרויסגעלאָפן, אָפּגעשטעלט דעם קאָלאָניסט, געפרעגט ווו קאָן מען דאָ באַקומען ברויט. באַקומען אָן ענטפער אַז בלויז ביי דער סטאַנציע איז פאַראַן אַ בעקעריי. האָט ער געבעטן דעם קאָלאָניסט ער זאָל אים אַהין מיטנעמען, ווייל ער זיצט אָן ברויט און מוז צופאָרן קויפן. דער קאָלאָניסט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט. מען דאַרף דורכפאָרן די טיפע בלאָטע, וועט זיין שווער פאַרן פערדל צו פירן צוויי מענטשן. בעט זיך בן־ציון, זאָל דער קאָלאָ־ניסט מיטנעמען דאָס זעקעלע און געלט און קויפן פאַר אים אַ קילאָ ברויט. אָבער אויך דאָס וויל דער קאָלאָניסט נישט טאָן. ער האָט מורא אַז דאָס ברויט קאָן נאָך אַריינפאַלן אין וואַסער ווען די סולקי וועט זיך בייגן אַהין און אַהער פאָרנדיק איבער דער זומפּ (קאַניאַדאַ) וויל ער אויף זיך נישט נעמען קיין

אחריות. פאַרדריסט עס שוין בן־ציונען און ער טוט אָ פרעג אַביסל טראַציק: „אַרט אייך נישט, הייסט עס, אַז מיר זאָלן דאָ זיצן אָן ברויט?״. דער קאָלאָניסט פילט זיך הפנים באַליידיקט, טוט ער אַ שמיץ דאָס פערדל און פאָרט אַוועק אָן אַ זײַ־געזונט.

הינטער דעם קאָלאָניסט זענען געפאָרן נאָך פורן. עס איז געווען ווי אַן איינפיר צו פאָרן פאַרנאַכט „ווסטריעטשאַיען דעם פאָיעזד״ — ס׳הייסט אָפּוואַרטן דעם צוג. בן־ציון האָט אָפּגעשטעלט אייניקע קאָלאָניסטן; געבעטן מען זאָל אים מיטנעמען צו דער סטאַנציע אָדער ברענגען פון דאָרט ברויט. אָבער פון אַלעמען באַקומען אַן אָפּזאָג: די תירוצים זענען געווען פאַרשידענע. אַפילו אַ קאָלאָניסט, וואָס איז געפאָרן מיט אַ ליידיקער פלאַטפאָרמע (טשאַטע) געשפאַנט צו פיר ריזיקע פערד, האָט אָפּגעזאָגט. ער האָט מורא פאַר דער „קאַניאַדאַ״ (בלאָטע). בן־ציון האָט זיך אָנגעהויבן ערגערן: ווו איז ער דאָ אַרײַנגעפאַלן, אין אַ ייִדישער קאָלאָניע — אָדער אין סדום? אָבער ערגערן העלפט קיינמאָל נישט. האָט ער באַשלאָסן גיין צופוס ביז צו דער סטאַנציע; אַהין און צוריק איז עס צוועלף קילאָמעטער, אַ שפאַנער איז ער אַ גוטער, קאָן עס ביי אים נעמען אַ דריטהאַלבן שעה און דער טאָג איז נאָך גרויס. האָט ער האַסטיק אַוועקגעשפאַנט צו דער באַן־סטאַנציע וואָס מען האָט געקאָנט זען פון דער ווייטנס און נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען אַ פאַר קילאָמעטער, האָט אים אָנגעיאָגט אַ קאָלאָניסט, אַ ייִד מיט אַ ברייטער באָרד און „ביסטרע״ אויגן, וואָס איז שנעל געפאָרן אין אַ קליינער סולקי געשפאַנט צו אַ ספריטנע פערדל. דערזען אַז אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן שפאַנט שמייענדיק ביי דער זייט פון וועג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. לכתחילה אַ רעד־געטאָן אויף שפאַניש, נאָר באַלד געכאַפּט זיך אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ ייִדן, איז ער אַריבער אויף מאַמע־לשון, איינגעלאַדן דעם פוסגייער מיטצונעמען אים צו דער סטאַנציע. בן־ציון האָט נישט פאַרזאַמט אָנצונעמען די איינלאַדונג. אויפן וועג האָט מען געשמועסט. דער קאָלאָניסט איז אויך פון דער זעלביקער ליניע, אַ פאָר גרופּעס ווייטער פון דער שולע, נאָר ער האַלט נישט פון די קאָלאָניסטן, וועגן וועלכע ער האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי האַרב אַז בן־ציון האָט זיך געמוזט פאַר זיי איינשטעלן: — פאָרט ייִדן...

אויף דער סטאַנציע האָט מען אָפּגעוואַרט דעם צוג, געווען אויף דער פּאָסט, געקויפט ברויט און אָפּגעמאַכט מיטן צופירער פון פלייש ער זאָל יעדן טאָג ברענגען אַ קילאָ פריש ברויט. וועט ער באַקומען עקסטראַ פאַר דער טירחה. אַהיים איז בן־ציון געפאָרן מיטן זעלביקן קאָלאָניסט. איז מען געקומען נאָך גאָר פאַר פרי. האָט מען מכבד געווען דעם קאָלאָניסט מיט אַ פיינער גלאָז טיי און הייסע דאַנקען. דער קאָלאָניסט איז אין גיכן אַוועקגע־

פאַרן און דאָס לערער־פאַרפאָלק האָט זיך דערפילט ווי איינגעזעסענע, באַ־זאָרגט מיט אַלעם נייטיקן. אַביסל איינגעלעבט אין דער סביבה. דער קאָלאָ־ניסט האָט זיי דערקלערט, אַז די קולות וואָס זיי הערן אין די נעכט זענען פון אַזעלכע פוקסלעך (קאָמאַדרעכאָס) וואָס קלעטערן אויף די דעכער, זוכנ־דיק שפּייז. פאַראַן אויך אַ נאַכט־פויגל (לעטשוסאַ) וואָס שרייט מיט באַנומענע קולות, אָבער טוט נישט קיין שלעכטס. איז מען שוין נאָכן אָוונטברויט גע־בליבן זיצן אויפן גאַניק, געקוקט אויף דער פולער לבנה, איינגעזאַפּט אין זיך די נאַכטיקע שטילקייט, ווי אויך די פאַרשידענע קולות פון די נאַכט־חיות און פייגל. פאַר וועלכע מען האָט שוין קיין מורא נישט געהאַט, מען האָט זי שוין דערלויבט אַריינצוזינגען אין דער נאַכט, יידישע, העברעיִשע און רו־סישע לידער. דער מדבר האָט אָנגעהויבן ווערן היים.

אַזוי האָט זיך דאָס לעבן ביסלעכווייז איינגעשטעלט. אינדערפרי האָט בן־ציון געהאַט איינגאַרטיקע „שפּאַצירן”: ברענגען פון איין גרופּע אַ פּאָר עמער פריש וואַסער, פון אַ צווייטער — אַ קוואָרט מילך. שפּעטער, ווען די יאַטקע האָט זיך אַריבערגעפירט פון דער סטאַנציע אין קאָלאָניע און מען האָט אויפגעהערט צו פירן פלייש, פלעגט בן־ציון גיין יעדן טאָג אין יאַטקע, הין און צוריק אַ דריי קילאָמעטער. אַזוי אַז פאַרן אַריינגיין אין שולע פלעגט ער מאַכן אַ 5—6 קילאָמעטער „מאַציאָן”, אָבער עס איז געווען אָנגענעם. די פרימאָרגנס זענען מערסטנטייל געווען פרישע, די לופט מחיהדיק. אויף דעם וועג אַהין און צוריק האָט מען געקאָנט באַטראַכטן דעם אַרומיקן טרויעריקן אָבער אייגנאַרטיק פּרעכטיקן פּייזאַזש פון אַ פלאַכלאַנד וואָס שפּייזט אַ וועלט מיט פלייש און ברויט. אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַרשידענע מחשבותן און אויפן יונגן האַרץ איז געווען אַזוי גוט...

קאַפּיטל 11

שבת אויף דער „ליניע״

דאָנערשטיק אָוונט איז אַרויפגעשווומען אַ פרישע פּראָבלעם. מען האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט אַז מען האָט פאַרגעסן צו פאַרגרייטן אַן עוף אויף שבת. האָט מען זיך געטרייסט, אַז מען וועט עס אויך קריגן מאָרגן, פרייטיק. צווישן אַזוי פיל קאָלאָניסטן, קיין עין־הרע, שיקט זיך עס אַז מען זאָל נישט קריגן קויפן אַן עוף? האָט זיך עס דווקא געשיקט. צו וועמען בן־ציון איז נישט געקומען האָט ער געקראָגן אַן ענטפער, אַז זיי האָדעווען אַביסל עופות בלויז פאַר זיך, נישט צום פאַרקויפן... קיין טענות האָבן נישט געהאָלפן און ער האָט שוין כמעט אָנגעווירן די האָפענונג. ווען אַ מיטליעריקע פרוי, אַ שנור איז אַ קאָלאָניסטישער משפחה, האָט עפּעס מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו שאַרף זיך איינקוקן אין אים. מיטאַמאָל איז זי צוגעקומען, צוגעהערט זיך צו די טענות צווישן בן־ציונען און אירע שווער־און־שוויגער און אַ פרעג־געטאָן בן־ציונען: פון וואַנען זענט איר, יונגערמאַן? דערהערט דעם נאָמען פון שטעטל פון וואַנען בן־ציון קומט, האָט די פרוי אַ פּאַטש־געטאָן די הענט און אויסגעשריען אַריבערגייענדיק אויף „דו״. „איצט דערקען איך דיך! איך בין געווען אַ הברטע מיט דיינע עלטערע שוועסטער...״. הכלל, באַלד איז אַלץ רעכט געוואָרן. מען האָט פאַרקויפט אַן עוף און צוגעזאָגט טאָן דאָס זעלבע אויף יעדן שבת, ווי אויך בייהילפיק זיין מיט אַנדערע קאָלאָניסטישע פּראָדוקטן: מילכיקס, אייער וכו׳. בן־ציונען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן; געטראָפן נאָך אַ היימישן מענטשן. מיטן עוף האָט מען נאָך געדאַרפט גיין אַ פּאָר קילאָמעטער, אַהין און צוריק, צום שוחט, אָבער דאָס איז שוין אַ קלייניקייט; מען האָט פאַרגרייט אַ שבת כיד המלך.

דער שבת האָט זיך אָנגעהויבן פילן אויף דער ליניע שוין פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. די געדיכטע קאַראַוואַנע פון כלערליי וועגענער, וואָס פלעגט יעדן נאָכמיטאָג פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע, איז געוואָרן פיל שיטערער; מען האָט, הייסט עס, נישט געוואָלט צוריקפאָרן אום שבת. די קאָלאָניסטן זענען מערסטנטייל געווען ווייט פון פרום, אָבער דאָך, שבת איז שבת.

פאַרנאַכט האָט בן־ציונס ווייבל געבענטשט ליכט, אין שטוב איז געוואָרן שבתדיק, פון קיך האָבן זיך געטראָגן די אַראָמאַטן פון די שבתדיקע מאכלים; אויפן האַרצן איז געווען אויפגעלייגט רויק, די מנוחה פון שבת

האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעשפּרייט אויף פעלדער און לאָנקעס. ווען עס איז פאַר־נאַכט געוואָרן האָט בן־ציון מקבל שבת געווען, צוגעהערט זיך ווי עס קלינגט אָפּ אַ היימישער איינזאַמער לכו נרננה אין מיטן פון ייִדישע פעלדער. נאָכן שבתדיקן אָוונט־ברויט איז מען אַרויס אויף דער ברייטער, פוסטער גאַס אַביסל שפּאַצירן. האָט מען זיך דערמאָנט אין די פרייטיק־צונאַכטיקע שפּאַצירן אין קליינעם שטעטל אין דער אַלטער היים; די באַלעבטע גאַסן, די שמועסן אויפן הויכן קול, די געלעכטערס וואָס האָבן זיך געטראָגן, פריילעכע און מונטערע. דאָ האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט דורכגענומען מיט שאַרפע גערדיכטע ריחות פון די אַלפאַלפאַ־פעלדער, וואָס האָבן ממש פאַרשיכורט מיט זייער דופט. עס איז געווען שבתדיק, ייִדישלעך, אידיליש, אָבער אַנדערש, גאָר אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים...

בן־ציון האָט געוווסט אַז אויף דער ליניע זענען פאַראַן עטלעכע שילן, אַ פּאָר קילאָמעטער צו צפון פון זיין שולע איז אויך געווען אַ שיל. האָט ער באַשלאָסן גיין צום דאַוונען שבת אינדערפרי. צוגעקומען צום קליינעם, נאָר גאַנץ פיין געבויטן שילעכל, האָט בן־ציון געטראָפן אַז עס איז נאָך פאַרן דאַוונען, מען וואַרט ערשט עס זאָל זיך פאַרפולן אַ מנין. קאָלאָניסטן האָבן באַטראַכט דעם לערער מיט אַ ביסל פאַרדאַכט; אַז אַ ייִקאַ־לערער, אַפילו פון די ייִדישע לימודים, זאָל קומען צום דאַוונען, איז נישט געווען אַזוי שכיח; האָט מען זיך אַ נעם־געטאָן צום גאַסט, אויסגעפרעגט זיך, ווי ביי ייִדן פירט זיך, אַביסל סקעפּטיש באַצויגן זיך צו די אויסזיכטן פון זיין לערעריי, אַז ער איז אַזאַ יונגער... צו קריאת־התורה האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ מפטיר וואָס איז אויך געווען אַ מין פאַרהערן, געוואָלט אַפילו אים איינ־שפּאַנען און דאַוונען אַ מוסף, אויף וואָס בן־ציון האָט שוין נישט מסכים געווען. צעשיידט האָט מען זיך פריינטלעך. דאָס אייז איז געווען געבראָכן. קאָלאָניסטן האָבן אַפילו איינגעלאַדן דעם לערער צו דער פאַרזאַמלונג, וואָס וועט שבת־צו־נאַכטס אָפּגעהאַלטן ווערן אין שולע וועגן קאָלאָניסטישע איינ־טערעסן. בן־ציון האָט, פאַרשטייט זיך, איינגעשטימט, עס איז געווען נאָך אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין לעבן פון דער „ליניע‟, וואָס האָט אים אינטע־רעסירט מכמה טעמים.

אין אָוונט זענען זיך צונויפגעפאָרן קאָלאָניסטן. פון דער באַן־סטאַנציע זענען געקומען דער קצב און צוויי קרעמער און בן־ציון האָט דערהערט וויכו־חים וואָס האָבן אים ממש צעטומלט. דער קצב האָט געטענהט אַז ער מוז שליסן די יאַטקע; קאָלאָניסטן זענען אים שולדיק גרויסע סומעס, איז די הויכע הונדערטערס, און קיינער צאָלט נישט קיין גראַשן; פאַר „שטיקלעך‟ צו שעכטן דאַרף מען צאָלן מזומנים; קיינער וויל נישט געבן קיין „שטיקל‟

אויפן חשבון פון חוב; וועט ער שליסן די יאַטקע און די קאָלאָניע וועט בלייבן אָן פלייש.

האָט זיך פאַרפירט אַ וויכוח. קאָלאָניסטן האָבן באמת נישט געהאַט וואָס איינצווּוענדן, די טענות פון קצב זענען געווען ריכטיקע, אָבער קיין געלט גיבן האָט מען נישט געוואָלט, האָט מען פאָרגעשלאָגן, אַז אויפן חוב וועט מען אַרויסגעבן וועקסלען, און אויף להבא וועט מען שוין צאָלן רעגלמעסיק יעדן חודש, נאָר דאָס צושטעלן פון פלייש טאָר נישט אָפּגעשטעלט ווערן... דער קצב, אַליין אַ קאָלאָניסטישער זון, האָט זיך צעשריִען אַז מען קוילעט אים אָן אַ מעסער, אָבער סוף־כל־סוף האָט ער געמוזט אָננעמען דעם פאָר־שלאָג. קעגן קהל קאָן מען נישט גיין. „הראַמאַדאַ וועליקי טשאַלאָוויק״ — קהל איז אַ גרויסער מענטש, האָבן זיך די קאָלאָניסטן געוויצלט אויף אוקראַי־ניש.

דאָן זענען געקומען די קרעמער, איינער פון זיי אויך אַ קאָלאָניסטישער זון. דאָס בריקל איבער דער בלאָטע איז צעבראָכן, קאָלאָניסטן האָבן צרות ביים פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע, נאָך שווערער איז ביים אַרויספירן דעם הויפּט־פּראָדוקט, טרוקענע אַלפאַלפאַ, די שווער־אָנגעלאָדענע פלאַטאָפאָרמע־וועגענער ווערן ממש פאַרזונקען אין בלאָטע. די קרעמערס ליידן אויך פון דעם; אַז עס קומען ווייניקער מענטשן צו דער באַן־סטאַנציע, לייזט זיך ווייניקער. שלאָגן זיי פאָר, אַז מען זאָל בשותפות פאַרריכטן דאָס בריקל; זיי וועלן געבן איין חלק — די קאָלאָניסטן דעם צווייטן. קאָלאָניסטן האָבן אָבער ווידער געטענהט אַז זיי האָבן נישט קיין געלט, זאָלן די קרעמער צורעכט־מאַכן דאָס בריקל און די קאָלאָניסטן וועלן געבן וועקסלען, באַצאָלן מיט דער צייט... סוף־כל־סוף האָבן אויך די קרעמער געמוזט נאָכגעבן, אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון די קאָלאָניסטן, אָן אַנדער ברירה האָבן זיי געהאַט? און ווידער אַמאָל האָט מען זיך געוויצלט: „הראַמאַדאַ וועליקי טשאַלאָוויק״...

בן־ציון איז פון דער פאַרזאַמלונג אַוועק אַ צעטומלטער. וואָס פאַר אַ באַלעבאַטישקייט פירט זיך דאָ? ווי שרייבן עס קאָלאָניסטן אַזוי לייכט וועקס־לען? ווי קריכן זיי אין חובות, בשעת די קאָלאָניזאַציע שטייט אויף גאָר אַנ־דערע יסודות?

שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט חפציות פון אייניקע קאָלאָניסטן פון דער און אַנדערע קאָלאָניעס אין די ערשטע שווערע יאָרן פון דער קאָלאָניזאַ־ציע. די יק״אַ האָט געמוזט געבן שטיצע, ביז די נחלה וועט אָנהייבן צו געבן גענוג אויף דורכלעבן זיך, אָבער די שטיצע איז געווען אַ מאָגערע און די משפחות — גרויסע, האָט מען געליטן דחקות. מ׳האָט אָנגעהויבן נעמען אויף באָרג, אָבער די קרעמער האָבן זיך נישט געוואָרפן מיט קיין קרעדיטן, בפרט

ווען דער שניט איז די ערשטע פאָר יאָר דורכגעפאַלן און די קאָלאָניסטן האָבן נישט געקאָנט באַצאָלן די חובות... קאָלאָניסטן האָבן דערשמעקט אַז אין אַ פּאָר גרעסערע שטעטלעך, ווייטער פון דער קאָלאָניע, זענען פאַראַן נישט־ייִדישע געשעפטן, וואָס זענען פרייגיביקער אויף קרעדיטן, האָט מען זיך אַהין אַוועקגעלאָזט.

געקויפט האָט מען לכתחילה „אויפן ביכל" — ס׳הייסט אויף באָרג, וואָס ווערט פאַרשריבן אין אַ באַזונדער ביכל וואָס דאָס געשעפט גיט אַרויס דעם קונה; ווען מען האָט נישט געקאָנט באַצאָלן די חובות, האָט מען צוגערעכנט פּראָצענטער און אַרויסגעגעבן וועקסלען. געוועזן קונים וואָס האָבן סיי אויף די ביכלעך, סיי אויף די וועקסלען געחתמעט מיט אַזעלכע עכט ייִדישע נעמען ווי „יקום־פּורקן", און די גאַראַנטיע האָט געגעבן „מן שמיא", „יצמח פּורקניה" אאַז"וו. אויף אַזאַ אופן האָט מען זיך איינגעוווינט צו התמענען וועקסלען; וועגן צאָלן וועט מען זען...

דאָס איז געווען אַ סיסטעם וואָס בן־ציון האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט, ווען ער איז מיטן סוחר פון קאָלאָניע געפאָרן איבער דער ליניע און יענער האָט געמאָנט חובות. יענעם שבת־אָוונט האָט ער זיך ווידער אָנגעטראָפן מיטן זעלבן סיסטעם, שרייבן וועקסלען, און ער האָט נישט געקאָנט תופס זיין אַז אַזאַ קרעדיט־סיסטעם זאָל גוט ווירקן אויף דער קאָלאָניזאַציע...

קאַפּיטל 12

סעניאָר דירעקטאָר

אַ טאָג איידער די לימודים האָבן זיך אָנגעהויבן איז געקומען צו פֿאָרן דער לערער פֿון די אַלגעמיינע לימודים, וואָס איז אויך געווען דירעקטאָר פֿון דער שולע. בן־ציון האָט זיך גאָר דערפֿרייט, ווען מען איז אים געקומען רופֿן אין נאָמען פֿון דירעקטאָר. ער וועט זיך באַקאָנען מיט אַ קאָלעגע, אַן אינטעליגענטער מענטש, וועט מען שמועסן, ס׳וועט זיין מיט וועמען צו פֿאַר־ברענגען, וועט די איינזאַמקייט ווערן קלענער, אגב וועט ער אפשר אויסווירקן אַ פּאָר פֿאַרלייכטערונגען.

בן־ציון האָט שוין געוווּסט אַז ביי דער שולע איז פֿאַראַן אַ פּעלד (אַ פּאַטרעראָ) אויף וועלכן עס פּאַשעט זיך דאָס שולע־פֿערדל. געדענקט האָט ער אַז דאָס פֿערדל איז צוגעטיילט געוואָרן פֿאַר ביידע לערער; זיי ווינען דאָך ביידע אינמיטן פֿעלד און דאַרפֿן אַמאָל נאָך עפּעס ערגעץ צופֿאָרן. נעמען דאָס פֿערדל אַליין האָט ער נישט געוואַגט. אָבער איצט, אַז דער דירעקטאָר איז דאָ, וועט זיך דער ענין איינאָרדענען, וועט עס ווערן אַביסל היימלעכער.

דער סעניאָר דירעקטאָר איז געווען אַ יונגערמאַן עטוואָס נידעריקער פֿון מיטעלן וווּקס, מיט אַ זויערער מינע, וואָס האָט געקוקט מיזיש אויף אַלץ און אַלעמען, ווי אַ גאַנצע וועלט וואָלט אים געווען שולדיק אַ גרויסן, גרויסן חוב וואָס זי וועט קיינמאָל נישט קאָנען באַצאָלן... בן־ציונען האָט ער אויפֿגענומען מעשה נאַטשאַלניק, פֿון אויבן אַראָפּ, געפֿרעגט צי ער האָט זיך שוין באַקאַנט מיטן פּראָגראַם, פֿאַרוואָרפֿן אַ וואָרט אַז ער ווייסט אַז בן־ציון איז געכאַפּט אין ציוניזם, אָבער ער אַליין האַלט נישט דערפֿון. זיך אויסגעדריקט סאַר־קאַסטיש וועגן בן־ציונס באַזוך שבת אין שיל. אויך דערפֿון האַלט ער נישט. ער איז בכלל אַ מאָדערנער מענטש. בכלל האָט דער סעניאָר דירעקטאָר גע־מאַכט אויף בן־ציונען נישט קיין געהויבענעם איינדרוק, אָבער קיין ברירה איז נישט געווען. מען וועט זיך ווי עס איז דאַרפֿן איינלעבן.

די יק״אַ־שולן האָבן דאַן געהאַט דירעקטאָרן פֿון דריי קאַטעגאָריעס. די גרעסטע מיוחסים זענען געווען די ספרדים, וואָס האָבן געענדיקט די נאָרמאַל־שולע פֿון דער „אַליאַנס“ אין פּאַריז; נאָך זיי זענען געגאַנגען מזרח־אייראָ־פּעישע ייִדן וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם ייִדישן לערער־סעמינאַר פֿון בער־לין, זענען זיי געווען מיוחסים פֿון אַביסל אַ קלענערער מדרגה; נאָכהער זע־

נען געקומען מזרח־ייִדן אָן דיפּלאָמען נאָר מיט היפּש וויסן, וואָס האָבן זיך דאָ אין לאַנד אויסגעלערנט פּיין שפּאַניש; אויף זיי האָט מען געקוקט מיט גאָר ווייניק אַכטונג, ווען אַפילו פיל מער ווי אויף די ייִדישע לערער גופא. אין ענטרע־ריאָס האָט די יִקא געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער פּראָווינציעלער רעגירונג און אויסגעבילדעט אַ צאָל לערערס אין איר אַגריקולטור־שולע „אַל־בערדי". אָבער מערסטנטייל זענען די דירעקטאָרן געווען פון צווישן די ייִדישע לערער וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט גענוג שפּאַניש. דער „סעניאָר דירעקטאָר" איז געווען אַ בחור פון דער קאָלאָניע, אַ זון פון אַ שוחט, מיט אַ פייגער אַלגעמיינער קולטור, אָבער נישט פון דער קאַטעגאָריע מיוחסים און דאָס האָט אים, הפּנים, פּאַרזויערט דאָס געמיט.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים. פון אַרום זיבן אַזיי־גער אינדערפרי, האָט זיך אָנגעהויבן דער צונויפפאָר פון תלמידים, פון וועלכע אייניקע האָבן געדאַרפט פאָרן אַ 5—6 קילאָמעטער און מער. עס איז געווען אַן עקזאָטיש נאָר פּאַרכאַפּנדיק בילד; פון אַלע גרופּעס האָבן געצויגן קינדער, פון די נאָענטע — צופוס, פון די ווייטערע — אין וועגענער, סולקיס, רייטנדיק; צוויי, דריי און אַמאָל פיר קינדערלעך זענען געפאָרן אויף אַ רויִק פערדל וואָס האָט זיך רויִק געהאַפּסלט אויפן וועג אין שולע אַריין, ווי טיילנדיק די פריידפון דעם קליינוואַרג. די גאַס האָט מיטאַמאָל באַקומען אַן אַנדער פּנים. עלטערע חברה, שוין ריכטיקע „גאַוטשאָס", רייטער ערשטע קלאַס האָבן אינמיטן וועג איינגעאָרדנט געוועט־לויפן, געוויזן בריהשקייט אין רייטן, געמאַכט קונצן, געפייפט און געקוויטשעט ווי די היזיקע. אין ליכטיקן, לופּטיקן פרימאָרגן, האָבן זיך די קולות, אויסדרוקן פון פריידיקן לעבן, צעטראָגן ווייט און הילכיק; בן־ציון האָט אין זיי פאַרנומען אַ גאָר ניי, אָבער פול און געזונט ייִדיש לעבן, און עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך דערפילט צופרידן, דערגרייכט זיין שטרעבונג, זיין אַ לערער פאַר ייִדישע קינדער אין אַ ייִדישער קאָלאָניע, לעבן צווישן ייִדישע האַרעפּאַשניקעס, מיט אַלע זייערע מעלות און אויך חסרונות, דערצויגן אין אַ ייִדישער קאָלאָניע פון דרום־רוסלאַנד, האָט זיך בן־ציון מיטאַמאָל דערפילט ווי אין דערהיים. און אומגעדולדיק געוואַרט אויפן קלונג וואָס וועט רופן אין די קלאַסן אַריין.

האַלב נאָך אַכט האָט דאָס גלעקל געקלונגען. די קינדער האָבן זיך אויס־געשטעלט אין צוויי רייען פאַר יעדער אַריינגאַנג אין די צוויי קלאַס־צימערן. דער „סעניאָר דירעקטאָר" איז אַרויסגעקומען זיך פריינטלעך באַגריסט מיט די קינדער, בן־ציונען צוגעוואָרפן אַ קוים באַמערקבאַרן שאָקל מיטן קאָפּ און אים אָנגעהויבן אַריינפירן אין זיין אויפגאַבע פון אַ ייִדישן לערער אין אַ יִקא־שול.

פאַר אַלעמען האָט מען געדאַרפט באַקוקן די ריינקייט ביי די קינדער: פּנים, נאַקן, הענט, נעגל, אויערן אאַז״וו. דערנאָך האָט מען געדאַרפט כאַפּן אַ בליק אויף זייערע קליידער, שיך, זאָקן, רענצלעך. אַלץ איז געווען ציכטיק, ריין, בלויז אַ פּאָר קינדער האָבן געכאַפּט אַן אויסרייד פאַר אַביסל אָפּגע־לאָזנקייט. געענדיקט די אינספּעקציע איז מען אין אָרדענונג אַריין אין די קלאַסן.

אין די צוויי קלאַס־צימערן האָבן פונקציאָנירט פיר אָפּטיילונגען, צו צוויי אין יעדער קלאַס: אַזוי, אַז ווען איין אָפּטיילונג האָט געלערנט האָט די צווייטע געמאַכט שריפטלעכע אַרבעטן. געלערנט האָט מען פון האַלב נאָך אַכט ביז פיר נאָכמיטאָג, מיט די געהעריקע פויזעס און אַן איבעררייס פון אַנדערט־האַלבן שעה אויף מיטאָג. די לערער פלעגן זיך בייטן מיט די קלאַסן.

דעם ערשטן פרימאָרגן האָט בן־ציון געהאַט די עלטערע צוויי אָפּטיי־לונגען. שוין היפּשע קינדער. ער האָט אָנגעהויבן צו דערקינדיקן זיך ווי מען האַלט עפּעס מיט ידיעות אין יידישע ענינים. חברה האָט ווי עס איז געענט־פערט, אָבער שוואַך, זייער שוואַך. נישקשהדיק געלייענט אין סידור, געקאָנט אַ פּאָר אויסצוגן פון חומש, לויט אַן אָפּקלייב וואָס די ייקא האָט אַרויסגעגעבן, געדענקט די חומש־מעשיות, געשריבן נישקשהדיק יידיש, זייער ווייניק העב־ברעיש, געשמועסט האָט מען יידיש וואָס אַלע קינדער האָבן פליסיק גערעדט. חברה האָט זיך אָנגעהויבן איבערוואַרפן מיט דיבורים אויף שפּאַניש, וואָס בן־ציון האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָך געפילט אַז זיי באַציִען זיך צו אים פאַרזענלעך און זיי זענען נישט אַלעמאָל גאָר ליבנסווירדיק... ער האָט דערפילט אַ מין שפּלות; אַ לערער וואָס קאָן נישט פאַרשטיין די שפּראַך פון זיינע תלמידים... ער האָט זיך ווי עס איז באַהערשט, געמאַכט זיך ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, אָבער ביי זיך האָט ער אָפּגעמאַכט אַז ער מוז זיך ערנסט נעמען לערנען שפּאַניש, ווען נישט איז ער אַ פאַרשפּילטער.

דער ערשטער שול־טאָג איז ווי עס איז אַדורך בשלום. כאָטש ער האָט בן־ציונען געקאָסט אַ גאָר גרויסע אָנשטרענגונג, נישט גוט צו זיין אַ שטומע צונג. דאָך האָט ער רעגלמעסיק געפירט די קלאַסן, פאַראָרדנט וואָס פאַר אַ העפטן מען דאַרף ברענגען, ביכער אויסער חומש און סידור, און „ראשית דעת״, זענען דאַן געווען ווייניק, האָט מען געמוזט די לעקציעס פאַרפאַסן אַליין.

באַלד נאָך די קלאַסן איז בן־ציון אַוועק צום דירעקטאָר מיט אַ בקשה אַז ער זאָל מיט אים לערנען שפּאַניש. ער וויל חס־ושלום נישט אומזיסט, ער וועט אים צאָלן אַ העלפט פון זיין געהאַלט, אַבי ער זאָל מיט אים לער־נען. יענער האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק אָפנהאַר־

ציק אַז ער „האָט נישט ליב קיין ייִדישע לערער וואָס ווילן גלייך ווערן די־רעקטאָרן"...

אַ פאַרביטערטער איז בן־ציון אַוועק אַהיים. עס איז אים שוין נישט איינגעגאַנגען דער אָוונטברויט. ער איז שלעכט געשלאָפן די נאַכט: ס'טייטש און ס'טייטש! ווו איז אַזעלכעס געהערט געוואָרן? אין רוסלאַנד האָט יעדער לערער אָדער סטודענט געהאַלטן פאַר אַ פליכט צו געבן אַן אומזיסטע לעק־ציע אַ וויסנגיריקן, און דאָ וויל מען אַפילו פאַר געצאָלט נישט לערנען די לאַנד־שפּראַך, וואָס איז דאָך אַ מוז־זאַך, אַפילו פאַרן לערער פון ייִדישע קעגנשטאַנדן. וואָס טוט זיך דאָ?

אויף וויפל די לימודים האָבן זיך איינגעאָרדנט און די באַציִונגען מיט די תּלמידים האָבן זיך געבעסערט, האָט בן־ציון אָנגעהויבן אַריינקוקן איז די שפּאַנישע לערן־ביכלעך פון די ערשטע גראַדן. ער האָט אַפילו געקויפט אַ פּאָר פון די סאַמע עלעמענטאַרסטע ביכלעך, טיילווייז פאַרשטאַנען דעם באַ־דייט פון די ווערטער לויט די צייכענונגען און בילדער אין די ביכלעך, די רעשט געפרעגט ביי שכנים, ביי באַקאַנטע, אַפילו ביי די שול־קינדער, און מען קאָן זיך פאַרשטעלן ווי גרויס עס איז געווען זיין פאַרדראָס ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז דער „סעניאָר דירעקטאָר" האָט פאַרבאָטן די קינדער אַז זיי זאָלן פאַרטייטשן די שפּאַנישע ווערטער וואָס זייער ייִדישער לערער פרעגט ביי זיי.

נאָך מער שברון־לב האָט ער געהאַט ווען זיינער אַ שוואָגער וואָס האָט אַ פּאָר יאָר געלעבט אין אַרגענטינע און זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, האָט אים אַמאָל אויף אַ טשיקאַווע צוגעשיקט אַ קורץ בריוול אין שפּאַניש, צו ווייזן אים אַז ער געדענקט נאָך די שפּראַך, און אַז ער איז זיכער אַז בן־ציון איז שוין אַ גאַנצער מאַדים אין לשון, ער איז דאָך שוין אַ 7 חדשים אין לאַנד... בן־ציון האָט ממש געוויינט פון פאַרדרוס און בזיון, און האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט אַז ער מוז וואָס פריִער דערלערנען די שפּאַנישע שפּראַך. צופעליק האָט ער ביי אַ קאָלעגע געקראָגן אַ רוסיש־שפּאַנישע גראַמאַטיק און אַזאַ ווערטער־בוך, און דאָס האָט אים ממש געעפנט די אויגן. עס איז אַוועק ווי אַ מזמור. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, לייענען און אַפילו רעדן די שפּראַך פון לאַנד. דער „סעניאָר דירעקטאָר" האָט עס באַמערקט און גע־צוומען קוקן אויף בן־ציונען מיט מער חשד, אָבער אויך מיט מער דרך־ארץ: דער בחור איז הפּנים אַ יאַט! אויך מיט די תּלמידים איז עס אַוועק אויף אַ דרך. בן־ציון האָט זיך ווידער געפילט צופרידן מיט זיין גורל.

קאַפּיטל 13

די ערשטע נסיעה אין קאָלאָניע

דאָס לעבן האָט זיך אַביסל איינגעשטעלט. די אַרבעט אין שולע איז אַוועק גלאַטיק. די באַציִונגען מיט די קאָלאָניסטן האָבן זיך ביסלעכווייז געבעסערט, די אָנגעצויגנקייט מיטן סעניאָר דירעקטאָר איז געוואָרן קלענער. פרייע צייט איז געווען גענוג, איבערגענוג; מיט וואָס זי אויסצופולן איז אויך געווען: איבערקוקן שול־אַרבעטן, לערנען שפּאַניש פון די קינדערשע לערן־ביכלעך, שרייבן בריוו און לייענען וואָס עס איז נאָר געקומען צו דער האַנט, טראַכטן רויִקע, זאַכלעכע געדאַנקען פון אַ מענטשן וואָס האָט שוין זיין באַשטימטע פּאָזיציע, און זוכט נישט קיין גרעסערס און קיין בעסערס, ווייל וואָס קאָן דען זיין בעסער ווי זיין אַ לערער אין אַ סטאַבילער יִדישער שולע, לערנען יִדישקייט מיט יִדישע קינדער, נישט האָבן איבער זיך קיין באַלעבאַטים מיט קיין קאָמיסיאָנען, האָבן פאַרזיכערט דעם געהאַלט און נישט דאַרפן זאָרגן פאַרן מאָרגן? האָט זיך בן־ציון געפילט צופרידן, מען קאָן זאָגן כמעט גליקלעך.

דערווייל האָבן די טרוקענע פּראָדוקטן וואָס מען האָט געבראַכט פון קאָלאָניע געהאַלטן ביים אויסגיין. עס האָט זיך אויך דערנעענטערט דער זונטיק פון אַ נייעם חודש, ווען מען האָט אויסגעצאָלט דעם געהאַלט, דאַרף מען זיך גרייטן צו פאָרן אין קאָלאָניע, באַקומען דעם געהאַלט, איינקויפן דאָס נייטיקע, זען זיך מיט עלטערן, טרעפן זיך מיט פריינד, קאָלעגן און חברים. אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? די שולע איז געלעגן ווייט פון דער קאָלאָניע, קיין אייגענעם געשפּאַן האָט נאָך בן־ציון נישט געהאַט, פאָרן מיט קאָלאָניסטן איז געווען נישט לייכט, מיט וועמען פון זיי ער האָט נישט אַ רעד־געטאָן וועגן פאָרן אין קאָלאָניע, האָט יענער פאַרלייגט תירוצים: די פור איז שוין פול, די פערד זענען שוואַך, די בלאָטעס אויפן וועג גרויס... בן־ציון האָט געהאַט אַ חשד אַז ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט פון „סעניאָר דירעקטאָר", וואָלט זיך שוין ווי עס איז געפונען אַן אָרט, אָבער ער איז דאָך בלויז אַ יִדישער לערער און האָט נאָך געדאַרפט צוויי פּלעצער, פאַר זיך און פאַר זיין פאַניען, איז טאַקע געווען נישט גוט...

האָט זיך אָבער אָפּגעזוכט אַ קאָלאָניסט, אַ לאַנדסמאַן, דערצו אַ גוט־האַרציקער מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגערופן אויסלייען אַ פערד מיט אַ

צוויי־רעדערדיק וועגעלע (אַ סולקי), אויף צו פאָרן אין קאָלאָניע. ווייסט אָבער בן־ציון נישט דעם וועג; האָט מען אים דעם וועג אויסגעצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ מין פּלאַן מיט אַלע סימנים, אָנגעזאָגט אַז ער זאָל דאָס פערדל נישט יאָגן. עס וועט אים סיי ווי נישט העלפן, פאַר דריי שעה וועט אים „יאַוודאַשקע" — אַזאַ רוסישן נאָמען האָט געטראָגן דאָס פערדל — ממילא ברענגען אין קאָלאָניע. און אויף צו מאַכן עס שנעלער וועלן קיין שמיץ נישט העלפן, דאָס פערדל איז אַן „עומד על דעתו"... און נאָך האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז טאָמער דאַרף ער אַריבערפאָרן אַ בלאָטע, אָדער מור־ראַשקעס־בערגלעך וואָס מען טרעפט אָן ביי די זייטן וועג, זאָל ער דאָס פערדל לאָזן פריי, אָפּלאָזן די לייצעס און זאָל גאָר קיין מורא נישט האָבן ווען דאָס וועגעלע וועט זיך אַמאָל אַ צו־שטאַרקן וויג־טאָן פון איין זייט אויף דער צווייטער, דאָס פערדל וועט אים שוין ריכטיק אַרויספירן. עס איז אַ „באַדיאַזשנע סקאַטינע", ס'הייסט מען קאָן זיך אויף דעם פאַרלאָזן.

זונטיק קאַיאָר, עס איז נאָך נישט רעכט טאָג געוואָרן, האָט דעם קאָלאָ־ניסטס אַ זונדל צוגעבראַכט די איינגעשפּאַנטע סולקי. בן־ציון מיט זיין אשת־חיל האָבן זיך אַרויפגעזעצט, אַ צי־געטאָן מיט די לייצעס און דאָס פערדל האָט אַוועקגעהאָפּסלט אויפן וועג אין קאָלאָניע אַריין.

דער פרימאָרגן איז אַ ליכטיקער, אַ זוניקער, אַ פרישער און פריידיקער. די נאַטור אַרום האַלט אין רעכטן אויפוואַכן פון ביינאַכטיקן שלאָף, די טוי־טראָפּנס פינקלען נאָך אויף די גראָזן און בלעטער ווי אמתע ברילי־אַנטן, פיי־געלעך טראָגן זיך אין דער לופטן מיט אַ פריילן געשוויטשער, ווייזן קונצן און פליִען, פאַרשייטע, ליבע קונדייסים, פולע מיט לעבנס־פרייד.

כמעט דעם גאַנצן וועג איז מען געפאָרן צווישן ייִדישע פעלדער, אויף איין שטרעקע איז מען אַפילו געפאָרן דורך אַ פיינעם וועלדל, מיט נידעריקע גרינע ביימער, מיט שטעכיקע צווייגן און בלעטער וואָס האָבן דערפרישט מיט זייער אַראָמאַט.

דאָס פערדל האָט מקיים געווען דאָס וואָרט פון די באַלעבאַטים: פונקט צו די דריי שעה איז מען אָנגעקומען אויפן הויף וווּ בן־ציונס עלטערן האָבן געוווינט. איז געוואָרן אַ קושעניש, אַ שמחה, אַזאַ צייט נישט געזען זיך! אין פריידיקן געטומל האָט דאָך בן־ציון נישט פאַרגעסן אָפּצוגעבן דעם פערדל זיינס: אויסשפּאַנען עס, לאָזן עס אָפּרוען. ערשט דערנאָך אָפּפרישן מיט פריש וואַסער, סיי צום טרינקען, סיי צום אויסבאָדן, אַוועקשטעלן עס אין שאָטן און געבן צו עסן געפּרעסטע אַלפּאַלפּאַ. קורץ, זיין אַ באַלעבאָס.

האָט מען זיך אָפּגעטומלט אַ מאַרק־טאָג. דאָס ווייבל האָט געמאַכט די בייטיקע קניות, בן־ציון האָט באַקומען זיין געהאַלט, געווען אין קלוב פון די

לערער: די דרוקערײ און בוכהאַנדלונג פון דער קאָלאָניע, געשמועסט מיט חברים. מיטאָג האָט מען געגעסן בײַ די עלטערן און אַרום האַלב נאָך פיר נאָכמיטיק, נאָך אַ געשמאַקער גלאָז טײ מיט געבעקס האָט מען זיך אַרויס־געלאָזט אויף דער צוריק־רײַזע.

בן־ציון האָט מעשה בריה אײַנגעשפּאַנט דאָס פערדל, צונויפגעלײגט די פּעקלעך, אַרײַנגעזעצט זיך מיט זײַן אשת־חיל אין סולקי און הײדאַ. צו־ריק אין זײַן שולע אַרײַן. פאַרנדיק איבער די גאַסן פון דער קאָלאָניע האָט עפּעס בן־ציון באַמערקט אַז מען טײַטלט אים נאָך מיט די פינגער, מען שרײַט עפּעס פון דער װײַטנס, ער האָט קלאָר פאַרנומען דאָס װאָרט „מלמד״. אָבער, נישט װיסנדיק אין װאָס עס גײט, האָט ער זיך דערפון קײן װעזן נישט גע־מאַכט און איז זיך רויִק געפאָרן װײַטער. ערשט אָפּפאָרנדיק אַ פאָר קילאָ־מעטער פון דער קאָלאָניע, האָט ער זיך געכאַפּט אַז מען האָט אויף אים נישט אומזיסט געטײַטלט מיט די פינגער, אַז דער עפּיטעט „מלמד״ איז געװען כשר פאַרדינט; ער האָט בעמלעך אײַנגעשפּאַנט פאַרקערט. די שלײיע, ס׳הײסט דער כאָמעט מיט װעלכן דאָס פערד שלעפּט, האָט ער אײַנגעשפּאַנט מיט דער ברײטער זײַט אַרויף, מײנענדיק אַז דאָס פערד שלעפּט דאָך מיטן קאַרק, אָבער דאָס פערד שלעפּט מיט דער ברוסט, און דאָס דינע לעדערל װאָס איז גענוג אויף צו האַלטן די שלײיע איז נישט גענוג אויף צו שלעפּן די גאַנצע סילקי, האָט זיך עס צעריסן... װײַטער פאָרן קאָן מען נישט. װאָס־זשע טוט מען דאָ?

די זון האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט צו מערב, אין גיכן װעט צופאַלן דער אָװנט, קאָלאָניסטן פאָרן פאַרבײַ, שרײַען עפּעס, נאָר קײנער שטעלט זיך נישט אָפּ, מען אײַלט אַהײם. די לאַגע האָט אָנגעהױבן צו װערן אַנגסטלעך. מיט־אַמאָל איז פאַרבײַגעפאָרן אַ סולקי אויף װעלכער עס זענען געזעסן בלויז צװײ פּערזאָן: אַן עלטערע קאָלאָניסטקע און אַ בחור׳ל אַכט יאָר אַלט. דאָס בחור׳ל האָט אָנגעטריבן. דערזעען די סולקי בײַם זײַט װעג, האָט זיך דאָס יאַטל אָפּ־געשטעלט, זיך גוט אײַנגעקוקט אין בן־ציונען װאָס האָט זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעדרײט אַרום פערדל, נישט װיסנדיק װאָס צו טאָן. דאָס בחור׳ל האָט מיטאַמאָל אויסגעשריִען איבעראַשט: „זע נאָר! דער מאַעסטראָ!״, ס׳הײסט דער לערער. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס בחור׳ל איז גאָר בן־ציונס אַ תלמיד, איז ער באַלד אַראָפּ פון װעגעלע, העלפן דעם לערער. דערזען װי די שלײיע איז אָנגעטאָן קאַפּויער האָט זיך דאָס בחור׳ל פאַרקײַכט אין אַזאַ הילכיקן גע־לעכטער אַז עס האָט זיך געדוכט די גאַנצע סביבה לאַכט מיט. אויך בן־ציון איז אָנגעשטעקט געװאָרן מיטן געלעכטער, װען אַפילו ער האָט געװוּסט אַז עס איז געװען אויף זײַן חשבון...

— אַי, מאַעסטראָ! מאַעסטראָ! האָט דאָס יאָטל געמוסרט זיין לערער, ווי נאָר ער איז אַביסל צו זיך געקומען פון זיין ממש האַמערישן געלעכטער־אויסדרוק; אַזוי שפּאַנט מען איין?...

מילא, האָט שוין בן־ציון געמוזט מודה זיין אַז ער איז נישט אַזאַ בקי אין הלכות עגלה, אָבער וואָס טוט מען איצט? דאָס יאָטל האָט טראַציק גע־ענטפערט: אין אַ פּאָר מינוט מאַך איך עס אייך צורעכט. — ווי אַזוי וועסטו עס טאָן אַז דו האָסט נישט קיין רימען און קיין געצייג? — האָט בן־ציון געפרעגט. — ווער דאַרף רימען און צו וואָס געצייג? האָט דאָס יאָטל גע־ענטפערט. אויף וואָס האָט גאָט באַשאַפן דראָט?...

פלינק ווי אַ קאַץ איז ער אַרונטער אונטער דער סולקי, וווּ עס איז אַלע מאָל פאַראַן אַביסל דראָט צוגעבונדן צו דער אַקס, האָט אָפּגעדרייט אַ שטיקל דראָט, האָט איבערגעדרייט די שלייע ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט דער ברייטער זייט אַראָפּ, האָט צוגעדרייט דעם אויבערשטן רימען מיטן שטיקל דראָט, אַ פּאַטש־געטאָן דאָס פערדל, צוגעוואָרפן אַן אויסגעשריי: „פּגרן זאָלסטו, נבילה“ און געהייסן בן־ציונען פאָרן. דאָס וועגעלע האָט זיך אַוועקגעקייקלט, אַרויס פון אַ צרה.

פאָרן שוין צוויי סולקיס איינע אונטער דער צווייטער, ווערט עס היימ־לעכער צו פאָרן. דערווייל זענען אונטערגעפאָרן די פאַרשפּעטיקטע קאָלאָ־ניסטן. עס ווערט שוין אַ שטיקל קאַראַוואַנע, די טונקלקייט פון פריִען אָוונט האָט מער נישט געשראָקן, נאָר ווי איינגעוויעט אַ פרידלעכע ווען אַפילו אומעטיקע שטימונג. אויף אייניקע סולקיס האָט מען אָנגעהויבן זינגען. אויף אַנדערע האָט מען אונטערגעפייפט, מען איז געפאָרן פאַרביי יידישע גרופּעס, פון די הייזער האָבן פרידלעך געפינקלט די פייערלעך, עס איז געווען היימיש און אייגן, דאָס געמיט האָט זיך געבאָדן אין רויִקער זיכערקייט.

מען איז געקומען בשלום אַהיים, אָפּגעלייגט די קניות, אָפּגעשיקט די סולקי מיט „יאַוודאַשקען“, און בן־ציון מיט פאַניען האָבן לאַנג קאָמענטירט דעם טאָג, זיי האָבן גאָרנישט געפילט קיין מידקייט, כאָטש זיי זענען אָפּגע־פאָרן אַ קילאָמעטער 80—90. מען איז געווען אויפגעהייטערט: „מלמד“! — האָט דאָס ווייבל זיך גערייצט מיט בן־ציונען...

קאַפּיטל 14

מיט קאָלאָניסטן און זייער יוגנט

מיט דער צייט האָט דאָס לערער־פּאָרל אָנגעקניפּט פריינטשאַפט מיט אייניקע קאָלאָניסטישע משפחות. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז זיי זענען גאָרנישט אַזוי פרעמד אין דער קאָלאָניע ווי עס האָט זיך פון לכתחילה גע־קאָנט דוכטן.

קודם־כל האָבן דאָרטן געוווינט מחותנים: שווער און שוויגער, שוואָ־גערס און שוועגערינס פון בן־ציונס אַ שוועסטער. אין אַ נאָענטער גרופּע, אַ קילאָמעטער צוואַנציק פון דער שולע האָבן געוווינט פאַניעס ווייטע קרובים. דאָ און דאָרט האָבן זיך אָפּגעזוכט לאַנדסלייט. פלעגט מען פון צייט צו צייט אָפּשטאַטן אַ באַזוך ביי אַ קאָלאָניסטישער פאַמיליע, נעענטער באַקאַנט זיך מיט די קאָלאָניסטן און מיט זייער לעבן.

דאָס לעבן איז געווען אַ זאַטס, אַן איינגעפונדעוועטס, אַ באַלעבאַטיש. הייזער זענען מערסטנטייל געווען ציכטיק, נישט רייך אָבער פיין מעבלירט. אין אָוונט ווען דער רוסישער סאַמאָוואַר האָט געזשומעט אויפן טיש און דער אַרגענטינער בליץ־לאָמפּ האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט זיין אייגנאַרטיקן ניגון, האָט מען געפילט אַ גאָר וואַרעמע היימלעכקייט. עס האָבן זיך געפירט לאַנגע, האַרציקע שמועסן; מען האָט אַמאָל געזונגען צוזאַמען, געשפּילט אין ביינדלעך און אין אייניקע הייזער אַפילו אין שאַך.

די מערהייט קאָלאָניסטן זענען געווען פּראָסטאַקעס, אָבער געווען אויך אינטעליגענטערע פאַמיליעס. דער מחותן איז געווען אַ ייד אַ שוחט. נישט נאָר אַ געשיקטער פאַכמאַן, נאָר אויך אַ היפּשער למדן אַן אויפריכטיק־פרומער. אַנטקעגנאיבער דעם מחותנס הויז האָט געוווינט אַ קאָלאָניסט אַ זקן, וואָס האָט שוין געלאָזט די קאָלאָניזאַציע פאַר זיין זון און אַליין איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה. געווען אַ בקי אין ש״ס און געשריבן חיבורים מיט „חידושי־תורה“. ביים זייט האָט געוווינט דעם זקנס איידעם, אַן אינטעלי־גענטער ייד, אַ פּקח און אַן עסקן, אַ ברייט באַלעזענער מענטש וואָס האָט געלייענט גלייך יידיש און העברעיש, רוסיש ווי שפּאַניש. און אַקעגנאיבער דעם דאָזיקן אינטעליגענט האָבן געלעבט אַ פאַמיליע אינטעליגענטן פון מאָ־דערנעם שניט. די טעכטער האָבן נאָך נישקשה געקאָנט רוסיש, די זין האָבן שוין מער געלייענט שפּאַניש, ווען אַפילו זיי האָבן גערעדט אַ געשמאַקן

יִידיש. דער פאָטער פון דער משפחה וואָס איז אין רוסלאַנד אויסגעפאָרן אַ וועלט, האָט געקאָנט דערציילן עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון זיינע נסיעות, וואָס האָבן זיך ביי אים קיינמאָל נישט אויסגענומען. דאָס איז געווען דער מער לומדישער און אינטעליגענטער פירער (אַ גרופּע פון פיר הייזער) פון דער ליניע, אָבער דאָ און דאָרט האָט מען אויף דער ליניע געקאָנט טרעפן אינטעליגענטע משפחות פון פּאַרצייטיקן נוסח, אָדער מאָדערנעם שניט.

איז אַמאָל צו דער לערער הייזקע צוגעפאָרן אַ פיינע סולקי און אַ יונגע פריילין איז געקומען באַקאָנען זיך מיטן לערער־פּאָרל. זי האָט גערעדט אַ גוטן רוסיש, אויף יִידיש איז זי געווען אַביסל שטומפּיק. שפּאַניש האָט נאָך בן־ציון מיט זיין ווייבל נישט גוט געקאָנט, איז רוסיש געווען די פּאַרמיט־לערין צווישן יִידישע קינדער. מען האָט זיך קעגנזייטיק אויסגעליִען ביכער; צוזאַמען געזונגען רוסישע און אוקראַיִנישע לידער. ביסלעכווייז האָט זיך געשאַפן אַ היימיש קרייזל.

אין אַ שבת צו נאַכט, ווען דאָס לערער־פּאָרל איז געזעסן פאַרטיפט אין לייענען, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. ווען בן־ציון האָט די טיר געעפנט האָט ער געמוזט אָפּטרעטן אַ פּאָר טריט אויף צוריק אין אַן איבער־ראַשונג געמישט מיט שרעק. דורכן טיר האָבן זיך אַריינגעשטעלט צוויי פּאַרשוינען, איינער אַ קורץ־געוויקסיקער מיט קויל־שוואַרצע האָר און פּעך־שוואַרצע אויגן, אַ טיפּ פון אַ „גאַוטש", ווען אַפילו מאָדערן געקליידעט. און הינטער דעם „גאַוטש" איז אַריינגעקומען אַ מאַן פון כמעט ריזיקן וווקס און הערקולעסישן געבוי. זעלטן ווען מען קאָן זען אַזאַ פיגור. די געסט ווי די באַלעבאַטים האָבן פאַרלעגן געשמייכלט. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ פּייער־לעך שטילשווייגן וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע מינוט, ביז איינער פון די געסט איז אַרויס מיט אַ יִידישן „אַ גוטע וואָך" און אַלע פּחדים זענען פאַר־שווונדן, ווייבאַלד יִידן, איז דאָך נישט שייך... אַ גוטע וואָך — אַ גוט יאָר, — זיצט, וואָס וועט איר זאָגן גוטס?...

לאָזט זיך אויס אַז דער ריזיקער בחור איז פּאַניס אַ צווייטער קוזין; זיי האָבן זיך גוט געקאָנט אין דער פריִער קינדהייט, אָבער זי האָט פון אים גאָרנישט געהערט זינט ער איז מיט זיינע עלטערן אַוועק קיין אַרגענטינע אויף קאָלאָניזאַציע. איז הערסט אַ מעשה! דאָס איז דאָך ראובן דער מומע מלכהס איניקל! — קיין עין־הרע! — איז געוואָרן ששון ושמחה. מען האָט געמאַכט טיי און געשטעלט „לחיים" און אַוועקגעפּלוידערט ביז אין דער טי־פער נאַכט אַריין. געשמועסט וועגן אַמאָל — אַמאָל. און וואָס הערט זיך הייַנט? ראובן וווינט אין אַ צווייטער „ליניע", היפּש ווייט פון דער שולע, חוץ קאָלאָניזאַציע האַנדלט ער אַביסל אונטער מיט פי. עס גייט אים גאַנץ

גוט. טאַקע צוליב דעם פּי־מסחר איז ער געקומען אין קאָלאָניע. דאָ פאַר־בליבן ביז איבער שבת און דערוויסנדיק זיך אַז ער האָט דאָ זיין קרובה איז ער זיך געקומען זען.

דערציילט שוין בן־ציון מיט אַביסל פאַרשעמטקייט אַז לכתחילה האָט ער געמיינט אַז עס איז אַן איבערפאַל פון „גאַוטשאָס". פאַני האָט שוין גאָר־נישט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן... מאַכן די געסט דאָס גרעסטע געלעכ־טער. נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן פאַר „גאַוטשאָס". אַמאָליקע יאָרן האָבן טאַ־קע געטראָפן אַ פּאָר אומגליקן, אָבער איצט ווייסט מען נישט אין קאָלאָניע וואָס הייסט פאַרשליסן אַ טיר. מען שלאָפט מיט אָפענע פענצטער. אמת, עס טרעפט אַמאָל צווישן די „גאַוטשאָס" אַ מאָרד, אָבער דאָס איז נאָר אין שיכ־רות געמישט מיט צערייצטקייט, און אַפילו דאַן וועט אַ „גאַוטש" נישט אָנרירן קיין אומבאַוואָפנטן.

גייען אַוועק מעשיות וועגן „גאַוטשאָס". אַ מעשה מיט איינעם אַ גאַוטש וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט אַ צווייטן אויף מעסערס, און ביי יענעם איז דאָס מעסער אַרויסגעפאַלן פון האַנט, האָט זיך דער קעגנער איינגעבויגן, אויפגעהויבן דאָס מעסער, אים דערלאַנגט דעם בעל־דבר און פאַרגעזעצט דעם געפעכט. כל־זמן יענער איז געווען אומבאַוואָפנט האָט אים זיין קעגנער נישט אָנגעגריפן. בכלל שלאָגט זיך דער גאַוטש נישט אין שטוב, ער רופט אַרויס דעם וואָס זאָל אים האָבן באַליידיקט אין דרויסן. מאַכט אַ שטריך אויף דער ערד, אַ מין גרענעץ צווישןביידע פעכטער, און אַט איבער דעם שטריך, און נאָר איבער דעם שטריך, וועט מען זיך שלאָגן ביז בלוט און אַפילו ביז טויט.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיך עס בן־ציון געקענט איבערצייגן פון אייגענער דערפאַרונג. ער האָט שוין געקענט רעדן שפּאַניש, נישקשהדיק געריטן שוין, זיך איינגעשאַפט אַ רעוואָלווער און זיך אויסגעלערנט שיסן אין ציל. ער האָט שוין געהאַט אַ פּאָר באַקאַנטע צווישן די אַרומיקע גאַוטשאָס. האָט ער אַמאָל איז אַ זונטיק פרימאָרגן געריטן אויף אַביסל אַ צו ספּריטנעם פערדל אויפן וועג אין אַ צווייטער קאָלאָניע. מיטן וועג האָט ער אָנגעיאָגט אייניקע גאַוטשאָס, וואָס זענען געפאָרן לכבוד זונטיק אין אַ שענקל וואָס אַ קאָלאָניסטישער זון האָט אויפגעשטעלט אין מיטן וועג צווישן ביידע ליניעס. חברה גאַוטשאָס האָבן דערקענט אַז בן־ציון איז נישט קיין גאָר געשיקטער רייטער. האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן מיט אים שפּאַס, אָניאָגן פון הינטן מיט זיי׳ערע פערדלעך און מיט דער ברוסט פון פערד אַ שטויס טאָן בן־ציונס פערדל, וועלכער פלעגט אויף יעדן שטויס ענטפערן מיט אַ שאַרפן שפּרונג, אָדער מיט שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס ווי וועלנדיק אַראָפּוואַרפן

זיין רייטער. בן־ציון האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אויפן זאָטל. ער האָט אַ פּאָר מאָל אויף זיין נישט געוווינטלעכן שפּאַניש געבעטן מען זאָל אים לאָזן צורו, אָבער חברה איז געווען אויפגעלייגט און מען האָט נישט אויפגעהערט צו טרייבן מיט אים דעם גאַנץ געפערלעכן שפּאַס. אויף אָפּצושרעקן די גאַוטשאָס, האָט בן־ציון בכיוון פאַרהויבן זיין רעקל, בכדי זיי זאָלן זען אַז ער טראָגט ביי זיך אַ רעוואָלווער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן די „פּעטשאַסאָס" (שטויסן מיטן ברוסט פון פערד) אויפגעהערט. צו בן־ציונען איז צוגעפאָרן אַן עלטערער גאַוטש, אויסגעגלייכט דעם טראָט פון זיין פערד מיטן טראָט פון בן־ציונס, געזאָגט אַ גוטן מאָרגן און פאַרפירט אַ שמועס.

— עי, גרינגאָ, איך זע אַז דו האָסט אַ רעוואָלווער: איז ער געלאָדן? — יאָ. קאָנסטו שיסן? — יאָ. און טאַקע טרעפן אויף פון פערד אַראָפּ? — איך מיין אַז יאָ. — אַנו, שיס אַריין אַ קויל אין יענעם דרענגל אַ פופציק מעטער פון דאַנען. בן־ציונען איז עס שוין אַריין אין אַמביציע. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער, געצילט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג און... געטראָפן... צופעליק... דער אַלטער גאַוטש האָט ווייטער געפרעגט: און ווען דו דאַרפסט שיסן אויף אַ מענטש, וואָלסטו אויך געווען אַזאַ בריה? — איך גלייב אַז ניין. די האַנט וואָלט מיר אַ ציטער געטאָן, טויטן אַ מענטש... ביסט אַ כוואַט, האָט דער גאַוטש געזאָגט; איז הער זשע אויס מיין עצה. זאָלסט קיינמאָל מער נישט פאָרן מיט קיין רעוואָלווער. כל־זמן דו ביסט אומבאַוואָפנט וועט דיך קיינער נישט אָנרירן. אויב דו וועסט לכתחילה נישט אויפרייצן; קוים אָבער ציסטו אַ רעוואָלווער, מוזטו גלייך שיסן און טרעפן, אויב נישט ביסטו אַ פאַרפאַלענער. חברה וואַרפט אַ מעסער אויף צענדליקער מעטער, און דער שאַרף פון אַ מעסער איז פונקט אַזוי געפערלעך ווי אַ קויל.

ביסלעכווייז האָט בן־ציון געקענט באַמערקן ווי די קאָלאָניסטישע יוגנט האָט איבערגענומען היפּש די מנהגים פון די גאַוטשאָס. שוין אָפּגערעדט פון דער קליידונג וואָס אַ סך האָבן געזוכט נאָכצוטאָן: טראָגן ברייטע הויזן (באָמבאַטשאַס), אַ טיכל אַרום האַלדז וכו', האָבן זיי פון דעם אָרטיקן פעלד־מענטש איבערגענומען אַ סך פון זיינע פעיִקייטן און אויך נייגונגען. אין וואַרפן און פעכטן מיט אַ מעסער זענען זיי געווען היפּשע מאדימס. פאַרוואַרפן אַ שלייף (לאַסאָ) אויף דעם ווילדסטן שטיקל און דאָס אַ וואַרף טאָן אויף דער ערד, האָבן זיי געקענט אַזוי גוט ווי אַ גאַוטש. פון רייטן איז אָפּגערעדט. שיסן אין ציל איז אויך געווען פון די זאַכן וואָס מען האָט זיך שנעל אויסגעלערנט. פון דעם גאַוטש האָבן זיי אויך איבערגענומען אומדערשראָקנקייט, מוט (קאָ־

ראַכע), זעלבסטווירדע וואָס גרענעצט מיט שטאָלץ. בײַ דעם אַלעמען האָט די ייִדישע יוגנט אײַנגעהאַלטן אַ סך אייגנטלעכע ייִדישע מעלות, און עס האָט זיך באַקומען אַ מזיגה פון צוויי השפעות וואָס האָט געגעבן אַ טיפּ אַן אייגנ־אַרטיקן, מיט וועלכן מען קען זײַן שטאָלץ.

קאַפּיטל 15

אַ לעקציע פון אַ תלמיד

אין קאָלאָניע איז אָנגעקומען בן־ציונס אַ חבר פון דער אַלטער היים. אַ בחורל אַ ציוניסט וואָס האָט זיך געגרייט צו עליה קיין ארץ־ישראל, דערווייל אָבער, זענען זיינע אויסזיכטן און מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען אין ארץ־ישראל געוועזן זייער קליינע, קרובים פון אַרגענטינע האָבן גערופן, איז ער אַוועק אין דער ווייטער אַרגענטינע, נישט אין דער פיל נענטערער פּאַלעסטינע. דאָס האָט אים שטאַרק געערגערט, פון דער ערגערניש איז געוואָרן אַ מין צערייצטקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מין קעגנערשאַפט צו אַרגענטינע און צו אַלץ וואָס אין איר טוט זיך.

אַ קאָלאָניסטישער זון פון אַ יידישער קאָלאָניע אין דרום־רוסלאַנד, ווו מען באַאַרבעט אָרנטלעך די ערד, מען אַקערט, מען זייט, מען שניידט ווען עס איז דאָ וואָס, מען ווערט פאַרשוואַרצט ווען די נאַטור צעבונטעוועט זיך, אָבער מען „עסט ברויט מיטן שווייס פון געזיכט", ווי אין חומש שטייט געשריבן, האָט ער נישט געקענט באַגרייפן און אָננעמען די אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע, בעיקר פון דער געגנט ווו זיינע קרובים האָבן געוווינט. אַז אַלץ האַלט זיך אויף די... „ווויידלען פון די קי!". אַזוי האָט ער כאַראַקטעריזירט די העכערע פּי־צוכט מיט וועלכע די קאָלאָניסטן פון יענער געגנט האָבן זיך בעיקר פאַרנומען, און אויך דאָס איז נישט „פּאָ ליודסקי" — נישט ווי ביי לייטן, האָט איר שוין געזען אַז קי זאָלן גאָרנישט דאַרפן קיין שטאַלן? אַז מען זאָל זיי גאָרנישט דאַרפן באַזאָרגן מיט שפּייז, פאַרגרייטן פאַר זיי עסן? אַז אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר זומער און ווינטער פּאַשעט זיך עס אויף די אַל־פאַלפאַ־פעלדער! נישט מען טרייבט אַריין, נישט מען טרייבט אַרויס דעם „סקאָט"! נישט מען מעלקט קי! סיידן פון יוצא־וועגן! אַלץ שטייט אויף שיקן פי קיין בוענאָס איירעס און פון דאָרטן באַקומען געלט! טפו זאָל עס ווערן! נאַדיר אַ קאָלאָניזאַציע! אַ באַנדע ליידיקגייער! זעלטן ווען מען טוט עפּעס! אַזוי האָט ער אין זיין ביטער האַרץ געפּייערט אויף די קאָלאָניסטן.

אין זיין ביטער האַרץ האָט ער אָנגענומען פאַר גוט געלט אַלע מעשיות וואָס מען האָט דערציילט וועגן די גוואַלדטאַטן פון די גאַוטשאָס, רויבערייען, מערדערייען, וואָס זענען טאַקע באמת פאָרגעקומען אין אַ געוויסער צאָל אין די ערשטע יאָרן פון דער קאָלאָניע, ווען די גאַוטשאָס האָבן געמיינט אַז די

רוסאָס קומען אויף זייער לייב און לעבן, אַ סימן, אַז שטעלן זיי אָרום די פעל־דער דראָט־פאַרצוימונגען, מען פאַרשפּאַרט די וועגן... דער גאָוטש וואָס איז ביז דאַן געווען ווי דער ווינט אין פעלד, האָט נישט געקענט באַגרייפן וואָס הייסט מען פאַרצוימט אַ וועג און מען הייסט פאָרן אַרום און אַרום, דערצו האָבן די „גרינגאָס" נישט פאַרשטאַנען די שפּראַך, מען האָט זיך מיט זיי נישט געקענט צונויפרעדן, עפּעס ווילדע ברואים צו אַלדע שוואַרצע יאָר!... זענען טאַקע אייניקע ייִדישע קרבנות געפאַלן אין די ערשטע יאָרן צוליב מיס־פאַרשטענדענישן און אַמאָל טאַקע צוליב צעיושעטער רציחה... אָבער זינט די קאָלאָניע האָט זיך פאַרפעסטיקט און איר יוגנט האָט זיך איינגעפּאַסט אין דעם לעבן פון דעם פעלד־מענטשן, זענען די מיספאַרשטענדענישן געוואָרן קלענער, די גוואַלדטאַטן האָבן כמעט ווי אויפגעהערט, ווייל עס איז געווען אַ סכנה זיך אָנהייבן מיט די ייִדישע גאָוטשאָס, אָבער דערציילן וועגן דעם ווייטן אַמאָל האָבן ייִדן ליב געהאַט, און שמואליק האָט אַלץ אָנגענומען פאַר גוט־געלט, פאַר לעבעדיקע אַקטואַליטעט, און האָט זיך געפילט ווי טאַקע באמת אין אַ ווילדערניש.

דאַרף זיך מאַכן אַז פאַניע איז פאַרבליבן אין קאָלאָניע אַ וואָך נאָך פּסח, ווען די קליינע משפּחה איז געפאָרן אַהיים אויף יום־טוב, און בן־ציון האָט געדאַרפט נעכטיקן אַליין אין זיין שטוב וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פעלד, ווי אינדרויסן... האָט ער איינגעלאַדן שמואלן ער זאָל קומען צו אים נעכ־טיקן, וועט מען פאַרברענגען די אָוונטן, שמועסן, דערמאָנען די „אַמאָליקע" גוטע צייטן. שמואליק איז געקומען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, אַ ביקס אין האַנט, אַ רעוואָלווער אין גאַרטל. ער האָט אויך געפאָדערט אַז בן־ציון זאָל האַלטן זיין רעוואָלווער געלאָדן און אַוועקגעלייגט אויפן טיש, מען זאָל אים קענען נעמען ביי דער ערשטער נייטיקייט... ווייל, גאָוטשאָס זענען דיר גאָר קיין קלייניקייט נישט, דאָס זענען רוצחים און גזלנים, וואָס שרעקן זיך נאָר פאַר וואָפן! ליתר בטחון פלעגט ער אין מיטן דער נאַכט אַרויסגיין אין דרויסן און אויסשיסן אַ פּאָר מאָל, זאָל מען וויסן אַז דאָ אין דעם לערער־שטיבל שלאָפט מען נישט...

די שרעק האָט זיך אויך איבערגעגעבן צו בן־ציונען. ער איז שוין געווען צוגעוווינט צו זיין איינזאַמקייט אין פעלד, ער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דעם פּחד פאַר די גאָוטשאָס, כאָטש ער האָט זיך נאָך מיט זיי נישט געקענט גאָר לייכט צונויפרעדן, די אויפפירונג און די רייד פון שמואלן האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַ נייעם שווערן פּחד.

אין אַ נאַכט איז שמואל נישט געקומען נעכטיקן. בן־ציון איז געבליבן אַליין, די טומנעקייט און די איינזאַמקייט האָבן ביי אים אַרויסגערופן שרעק.

לכתחילה האָט ער זיך געמאַכט האַרץ, מאַלע וואָס שמואל האָט דאָרט גע־פּלוידערט, ער איז שוין דאָ אייניקע חדשים און קיין מכשול איז נישט פאָר־געקומען, ווער וועט אים דאָ באַפאַלן פון דער העלער הויט?... אָבער דער פּחד האָט נישט נאָכגעלאָזט. בן־ציון האָט זיך אַפילו נישט געקענט פאַרלייענען, ביי יעדן שאָרך פלעג ער אויפשפּרינגען אין אומרו. די גערוישן פון דער נאַכט צו וועלכע ער האָט זיך שוין געהאַט גוט צוגעוווינט, די געשרייען פון די נאַכט־פייגל, די קוויטשערייען פון די חיהלעך, וואָס ער האָט שוין געהאַט אויפגעהערט צו באַמערקן, האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנוואַרפן אויף אים אַ פינצטערע אימה...

אַרום אַזייגער עלף האָט ער שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן פון פּחד. ער האָט באַשלאָסן צולויפן אין דער נאָענטער גרופּע און בעטן אַ געלע־גער איבער נאַכט. גראָד האָט ער באַמערקט אַז ביי איינעם פון די קאָלאָניסטן איז נאָך דאָס ליכט נישט אויסגעלאָשן. איז ער האַסטיק אַוועק צו דער באַ־לויכטענער הויז, אָבער דאָרט האָט מען אים אָפּגעזאָגט אין נאַכטלעגער: נישטאָ ווו. מען האָט געפּרוווט אויסלאַכן זיין פּחד, אָבער געזען אַז עס העלפט נישט, האָט מען אים פאַרגעשלאָגן מיטשיקן מיט אים איינס פון זייערע קינ־דער, עס זאָל ביי אים איבערנעכטיקן. האָט זיך בן־ציון פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ווען מען האָט אים צוגעבראַכט זיין „שומר", אַ יאַטל פון אַ יאָר אַכט, וואָס האָט זיך אַביסל פאַרווירט געריבן די אויגן. מען האָט אים אויפגעוועקט פון סאַמע זיסן שלאָף. אָבער קיין ברירה איז נישט געווען. בן־ציון איז אַרויס מיטן בחורל אויף צוריקוועג אַהיים. די נאַכט איז געווען שטיל, בלויז ווען־נישט־ווען אַ געשריי פון אַ נאַכט־פויגל, אָדער אַ קוויטש פון אַ חיהלע. צו־ליב דעם קינד האָט מען געמוזט גיין לאַנגזאַם: צוזאַמען מיט דער נאַכט־שטילקייט האָט עס בן־ציונען אַביסל דענערווירט, אויף צו ברעכן דעם פּחד־כישוף האָט ער מיטן יאַטל פאַרפירט אַ שמועס:

— דו האָסט גאָר קיין מורא נישט?

— מורא? פאַר וועמען? — האָט דאָס יאַטל געענטפערט.

— וואָס הייסט פאַר וועמען? פאַר די גאַוטשאָס!

— וואָס וועלן זיי מיר טאָן?

בן־ציון האָט זיך שיעור נישט אַרויסגעכאַפּט אַז זיי קענען דאָך הרגע־נען. ער האָט זיך אָבער באַצייטנס באַהערשט בכדי נישט אָנצושרעקן דאָס קינד.

מען איז בשלום געקומען אין דער דירה פון לערער. דאָס בחורל האָט זיך גלייך געלייגט שלאָפן, אָבער בן־ציון האָט קודם־כל פאַרהאַקט אַלע פענצ־

טער, גוט פאַרריגלט די טירן; דאָס רויִקע אָטעמען פון קינד האָט אים אַביסל באַרויִקט, איז ער אויך געגאַנגען שלאָפן.

מיטאַמאָל הערט ער פון שלאָף, ווי עמיצער רופט אים: מײַסטראָ! מײַס־טראָ! ער האָט גאָר פאַרגעסן וועגן דעם יאַטל. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין אַ ווילדן פּחד:

— ווער איז עס? „קיען עס?״

— איך, שלמה...

בן־ציון האָט זיך דערמאָנט אין קינד און האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

— וואָס ווילסטו?

— עפנט די פענצטער, די טירן, עס איז מיר זייער הייס, איך קען נישט שלאָפן אין קיין פאַרמאַכטן צימער...

עפענען טירן און פענצטער? ער האָט דאָך זיי ערשט פאַרהאַקט! און טאָמער טרעפט עפּעס? ער האָט שוין חרטה געהאַט וואָס ער האָט מיטגענומען דאָס קינד. אָבער עס האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות. דאָס בחורל האָט נישט נאָכגעלאָזן. בן־ציון האָט געמוזט עפענען טירן און פענצטער. דאָס קינד איז גלייך איינגעשלאָפן, בן־ציונען האָט אויך באַהערשט דער שלאָף, טראָץ דעם פּחד,ביידע האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווען עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. די דערפאַרונג האָט ביי בן־ציונען אויף אַלעמאָל צוגענומען די מורא. דער „מײַס־טראָ״ האָט באַקומען אַ גוטע לעקציע פון זיין קליינעם תּלמיד.

קאַפּיטל 16

צוריק אין קאָלאָניע

אַ געזעלשאַפטלעך אַקטיווע נאַטור, האָט בן־ציון נישט געקאָנט בלייבן אָן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. פון צייט צו צייט פלעגט ער איינגעלאַדן ווערן אין קאָלאָניע אויף אַ פאָרטראַג, אָבער וואָס טוט מען אין דער פרייער צייט אין דער היים? לערנען שפּאַניש קאָן מען דאָך אויך נישט מער ווי עס לאָזט זיך, און לייענען איז נישט געווען וואָס. ביי דער סטאַנציע איז אַפילו געווען אַ קליינע ביבליאָטעק, אָבער אַלץ ביכער וואָס בן־ציון האָט שוין געהאַט גע־לייענט און איבערגעלייענט.

ווען ער האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַרן פעלדשער אין שטעטל ביי דער סטאַנציע, אַז ער האָט נישט וואָס צו לייענען, האָט זיך יענער אָנגעבאָטן צו געבן אים אַ גאַנצן שטויס רוסישע ביכער, וואָס ער קאָן אַפילו אַוועקגעבן במתנה. באַלד האָט מען געבראַכט די סחורה, היפשע ביכער, געדרוקט אויף גאָר פיין פּאַפּיר. מען האָט די גאַנצע „ביבליאָטעק" אַריינגעלייגט אין אַ זאַק, איבערגעבונדן אין צוויי טיילן, אַריבערגעלייגט הינטערן זאָטל פון בן־ציונס רייט־פערד און מיט שמחה האָט ער געבראַכט די מציאה אַהיים. ווען מען האָט זיך גענומען צום לייענען האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די מציאה איז גאָרנישט אַזוי גרויס: דאָס זענען געווען „ווערק" פון אַ סעקרעטאַר ביי אַ רוסישן גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן לעבן פון די פרעמדע פעלקערשאַפטן (אינאָראַדצי) און שבטים וואָס לעבן איז סי־ביר; האָט ער וועגן זיי געשריבן, געדרוקט האָט מען עס אויף די הוצאות פון דער רעגירונג, קיין ערשטקלאַסיקע ליטעראַטור איז עס נישט געווען, אָבער בן־ציון האָט שוין געוווסט דאָס שפּאַנישע ווערטל: „אַ בוען האַמברע, נאָ האַי פּאַן דוראָ" — פאַר אַ גוטן הונגער איז נישטאָ קיין האַרט ברויט. האָט ער זיך אויף די ביכער אַרויפגעוואָרפן ווי אַ הונגעריקער, פאַניע האָט מיטגע־האַלפן און אין אַ קורצער צייט אַרום זענען ביידע געוואָרן שטיקלעך מומחים אין דער פראַגע פון „אינאָראָדצעס", פרעמדשטאַמיקע פעלקערשאַפטן אין דער צאַרישער אימפּעריע...

אָבער אַלץ צוזאַמען האָט נאָך געלאָזט אַ ים מיט פרייע צייט. זעקס שעה אַ טאָג אַרבעט אין שולע, דרייסיק שעה אַ וואָך, ווייל שבת און זונטיק האָט מען נישט געלערנט, היינט ווו זענען ימים־טובים, חגאות, רעגן־טעג...

איז עס געװען צופיל פרײע צײט פאַר אַזאַ אַקטיװע נאַטור װי בן־ציון איז געװען. מען האָט געדאַרפט צוזוכן מיט װאָס אָנצופילן די צײט. האָט ער פאַרטראַכט גרינדן אַ לערער־פאַראײן, נישט אויף צו פאָדערן קורצערע שעהן און העכערן לוין אויפן פּאָסטן, נאָר בכדי משפיע צו זײן אויף דער אויס־בילדונג פון די לערער און אויפן קולטור־לעבן פון דער קאָלאָניע.

אין אַ פרײער שעה האָט ער אָװעקגעשריבן אַ בריװ צום ראַבינער אין בוענאָס־אײרעס, אים פאָרגעשלאָגן זײן פּלאַן און געבעטן זײן צושטי־מונג. דער ראַבינער האָט געענטפערט אַז צום פּלאַן איז ער געװיס מסכים, און ער, בן־ציון, זאָל זיך װענדן צו דעם און דעם לערער אין אַ צװײטער פּראָװינץ, װו עס עקזיסטירט שוין אַזאַ לערער־פאַרבאַנד פון װעלכן דער דער־מאָנטער לערער איז דער פאָרזיצער. איז גלײך אַװעק אַ בריװ צום אָנגע־װיזענעם לערער, און גיך איז באַקומען געװאָרן אַ תשובה אַז, אדרבא ואדרבא, עס איז זײער אַ גוטע איניציאַטיװ, אָבער זאָל זיך בן־ציון נישט לײגן קײן פײגעלעך אין בוזעם, עס װעט אָנקומען נישט גרינג, װײל לערער זענען גאָר נישט נוטה צו זעלבסט־פאַרפולקאָמונג, און האָבן בכלל מער אין זינען די פּראַקטישע ענינים פון דער װעלט...

בן־ציון איז פון די פּעסימיסטישע אינפאָרמאַציעס נישט נתפעל געװאָרן. האָט ער אָנגעהױבן אַקטיװיזירן דעם ענין און כאָטש אײניקע פון די עלטערע לערער האָבן זיך קעגנגעשטעלט, נישט װײל דער שידוך איז זײ נישט געװען געפעלן, נאָר װײל דער שדכן, בן־ציון, איז געװען אַ „גרינער", אַ נײער װאָס װיל שוין אויפטאָן זאַכן. דער לערער־פאַרבאַנד איז געגרינדעט געװאָרן, אײ־נער פון די עלטערע לערער איז געװאָרן פאָרזיצער, בן־ציון — סעקרעטאַר און עס איז צוגעקומען אַן ענין װאָס האָט פאַרנומען אַ ביסל צײט.

מיט אַ פּאָר װאָכן שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ שטיקל אַרבעט. אַן אָנגעזעענער קאָלאָניסט האָט פאַראינטערעסירט בן־ציונען מיט אַן ענין װאָס האָט געהאַט אַ שײכות צו קולטור. די יִיקאַ פלעגט אַלע יאָר געבן 500 פּעזעס אויף קויפן ביכער פאַר די ביבליאָטעקן אין קאָלאָניע, אָבער די קאָלאָניסטן האָבן דורך זײער קאָאָפּעראַטיװע געדאַרפט בײטראָגן אַן ענלעכן סכום. יע־נעם יאָר האָט זיך אָבער די קאָאָפּעראַטיװע געפונען אין אַ שװערן מצב, זי האָט נישט געקאָנט אַרויסנעמען אַזאַ סומע, האָט זי פאָרגעשלאָגן אַז די גרופּע װאָס װעט איר העלפן מיט אַ העלפט פון דעם סכום, ס׳הײסט 250 פּעזעס װעט באַקומען די גאַנצע טויזנט פּעזעס, װײל דער קאָלאָניסט אַז בן־ציון זאָל אים העלפן זאַמלען דעם נײטיקן סכום.

בן־ציון האָט אַװדאי מסכים געװען, ער האָט אָבער געהאַלטן אַז כּפי דאָס געלט געהער דער גאַנצער קאָלאָניע, דאַרף עס פאַרטאָן װערן אויף אַן

אופן וואָס איז ניצלעך פאַר דער גאַנצער קאָלאָניע, נישט בלויז פאַר אַ טייל פון איר. האָט ער פאַרגעשלאָגן צו גרינדן שול־ביבליאָטעקן ביי די שולן פון דער קאָלאָניע, מיט איין צענטראַלע פאַר ביכער־טויש.

דער קאָלאָניסט האָט מסכים געווען. בן־ציון האָט דורכגעזעצט אַז דער לערער־פאַרבאַנד זאָל רעקאָמענדירן זיינע מיטגלידער מיטצוהעלפן אין דער זאַמלונג. האָט זיך וויטער אָנגעהויבן אַ ויצעקו. אייניקע לערער האָבן זיך געערגערט קעגן דעם נייעם אויפטו: צו וואָס דאַרף מען עס?... בן־ציון האָט פיין אַריינגעכאַפּט פאַר זיין אומרויִקער טבע וואָס זוכט אַלץ נייעסן, אָבער די זאַמלונג איז געמאַכט געוואָרן, דאָס געלט איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין קאָאָפּעראַטיוו מיט דער אויסדריקלעכער אָנווייזונג אַז עס איז פאַר שול־ביבליאָטעקן, ווען אַפילו עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ בעלן אָנצושטעלן די פירער פון קאָאָפּעראַטיוו קעגן אַזאַ זאַך.

אין חודש אלול האָט אין דער צענטראַלער שולע פון דער קאָלאָניע אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן אַ לערער מיטן דירעקטאָר וואָס איז אויך געווען דער אינספּעקטאָר פון אַלע שולעס אין קאָלאָניע. האָט זיך צעפלאַקערט אַ מחלוקת, עס האָבן זיך געשאַפן צדדים, מען האָט זיך געקאָכט און געטומלט, אָבער אַ וואָך פאַר ראש־השנה איז אָנגעקומען אין קאָלאָניע דער ראַבינער וואָס איז געווען הויפּט־דירעקטאָר פון די יידישע לימודים אין די ייִקאַ־שולעס. ער האָט געפּלאַנט צו בלייבן אין קאָלאָניע ביז איבער אַלע ימים־טובים, אין די פרייע, נישט־יום־טובדיקע טעג וועט ער געבן אַ פאַרפולקאָמונג־קורס פאַר די לערער; עס פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט אויך דערליידיקן דעם סכסוך.

ווען אין די עשרת־ימי־תשובה האָבן זיך אָנגעהויבן די קורסן, האָט מען זיך ערשט אַרומגעזען ווי נייטיק זיי זענען געווען. צווישן די לערער זענען געווען יידן לומדים, געווען אַ פּאָר גוטע פּעדאַגאָגן, אָבער זיי אַלע צוזאַמען זענען געווען די מינדערהייט, גאָר היפּש לערער האָבן געדאַרפט האָבן הדרכה ווי צו פירן אַ קלאַס, אַפילו ווי צו פאַרטייטשן געהעריק אַ פסוק... דער פאַרפולקאָמונג־קורס וואָלט געווען אַ גאָר גרויסער ענין, ווען עס טרעפט נישט קיין אומגליק. אין דער נאַכט פון כל־נדרי איז דער ראַבינער פּלוצלונג געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַק... געווען אַ יונגער מענטש, אַ ליבלעכער, אַן עכטער ייִדישער אינטעליגענט, האָט זיין טויט געוואַלדיק אויפגערודערט די קאָלאָניע. מוצאי יום־כיפור זענען זיינע שטערבלעכע רעשטן אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ זייטיק שטיבל ביים גרויסן־בית־מדרש, אין שיל גופא האָבן יידן אַ גאַנצע נאַכט געזאָגט תהילים, רייטער זענען אַרויסגעפאָרן מודיע זיין אַלע קאָלאָניעס, הונדערטער און הונדערטער קאָלאָניסטן זענען געקומען צו דער לוויה, די געוויינען האָבן נישט אויפגעהערט, עס איז געווען אויפריכטיקער,

טיפער טרויער, „וי על האי שופרא דבלי בארעא״ — ווי אויף אַזאַ שיינקייט וואָס דאַרף פוילן אין דער ערד: דער סוכות איז שוין געווען אַ פאַרשטערטער, די קאָלאָניע האָט נישט אַזוי גיך געקאָנט קומען צו זיך.

אין אַ בריוו אָנגעשריבן ערב יום־כיפור, האָט דער ראַבינער דערליידיקט אַ פּאָר ענינים. דער לערער וואָס האָט געהאַט דעם קאָנפליקט מיטן דירעקטאָר זאָל איבערגעפירט ווערן אויף בן־ציונס אָרט, בן־ציון זאָל קומען אין דער צענטראַל־שולע, די יק״א־דירעקציע זאָל באַוויליקן שאַפקעלעך פאַר די געגרינדעטע שול־ביבליאָטעקן, וואָס דער ראַבינער האָט גוטגעהייסן. דאָס זענען געווען די לעצטע מצוות וואָס דער ראַבינער האָט געטאָן אויף זיין קורצן נאָר פרוכטבאַרן לעבן. די יק״א האָט אָנגענומען זיינע פאַרשלאָגן ווי אַ צוואה און פּינקטלעך אויסגעפירט. איין איניציאַטיוו וואָס דער ראַבינער האָט אונטערגענומען, צו שאַפן אַ ישיבה אויף אויסבילדן אָרטיקע כלי־קודש און לערער, איז טאַקע געבליבן נישט פאַרווירקלעכט, ווייל זי איז נאָך געווען אין פּראָיעקט־סטאַדיע.

מוצאי שמחת־תורה, ווען בן־ציון מיט זיין ווייבל האָבן זיך גענומען גרייטן צו פאָרן צוריק אין זייער שולע אויף דער „ליניע״, איז מען געקומען רופן בן־ציונען פון דעם שול־אינספעקטאָר, און עס איז אים מיטגעטיילט געוואָרן אַז ער דאַרף זיך אַריבערציִען אין קאָלאָניע און פאַרנעמען זיין פּאָסטן אין דער צענטראַלער שולע.

די ווייטע שולע וווּ בן־ציון האָט געאַרבעט אַ 7—8 חדשים איז שוין דעם פאָרפאָלק היפש נמאס געוואָרן. געווען טעג ווען מען איז געזעסן אָן ברויט און געשפּייזט זיך מיט לאַטקעס וואָס פאַניע איז געווען אַ בריה צו מאַכן. טעג איז מען געזעסן אָן פלייש, אָן מילך, אָפט געלעבט בלויז אויף הערינג, אייער און מאַסלינעס; איז דאָס אַריבערקומען אין קאָלאָניע געווען פאַר זיי ממש אַ רעטונג. מען וועט זיין צווישן מענטשן, נישט אינמיטן פון פוסטע שטחים וואָס שרעקן מיט זייער איינזאַמקייט, מען וועט אויך געניסן פון מער באַקוועמלעכקייטן.

איז מען גאַנץ פרי אַוועק אין דער ווייטער שולע, געדונגען אַ קאָלאָניסט ער זאָל צוריקפירן אין קאָלאָניע דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט, אַליין איז מען געפאָרן אַהין און צוריק מיט דער אייגענער סולקי. עס איז געווען אויפגעלייגט אויפן האַרצן.

נאָר ווען דער קאָלאָניסט איז שוין אַרויסגעפאָרן פון הויף און דאָס פאָרפאָלק איז אַרויס פון שטוב זיך זעצן אין סולקי, און געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויפן שטיבעלע וואָס פאַניע האָט געהאַלטן ווי אַ קוקלע, אויף די פּאָר ביימלעך וואָס בן־ציון האָט אַליין פאַרפלאַנצט, אויף דער שולע וווּ ער האָט

אַזויפיל שווערע און אויך פריידיקע מאָמענטן דורכגעלעבט, האָבןביידע דערפילט ווי פון די הערצער קייקלט זיך עפּעס אַ קנויל, וואָס צעגייט אין די אויגן... זיי האָבן ערשט דאַן דערפילט די טיפע צוגעבונדנקייט צום אָרט, און האָבן פאַרשטאַנען פאַרוואָס די סלאַוון געזעגענען זיך מיט אַ הויז ווו מען האָט געוווינט, מיט אַ קוש טאָן די שוועל...

קאַפּיטל 17

נייע שוועריקייטן

די שולע אין וועלכער בן־ציון איז איצט אַריין אַרבעטן איז געווען די גרעסטע פון די יי״קאַ־שולן אין לאַנד. זי האָט פאַרמאָגט 7 קלאַסן, 8 לערער און אַ 230 תּלמידים. דאָס איז געווען אַן אינטעגראַלע שולע, מיט אַ באַשטעטיקונג אַז מען איז דורכגעגאַנגען אַלע אירע קלאַסן האָט מען געקאָנט אָנגענומען ווערן אין דער מיטלשול פון דער נאָענטער הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ.

אַלס אַריבערגעפירטער אויף אַ נייעם אַרבעטס־אָרט נישט צוליב זיין שולד, האָט בן־ציון באַקומען אַ פאַרגיטיקונג אויף דירה־געלט, אין דער פאַריקער שולע האָט ער דאָך געהאַט אַ דירה פון דער „ביוראָ״. דירה־געלט איז צו יענער צייט געשטאַנען זייער הויך אין קאָלאָניע. די אימיגראַציע אין לאַנד איז געווען גאַנץ שטאַרק. אין קאָלאָניע איז געווען אַ דוחק אויף דירות, האָט בן־ציון באַקומען אַ קליינע הוספה, אַ טייל פון דירה־געלט. די סומע איז געווען אַ קליינע, אָבער זי האָט אַרויסגערופן אַ פאַרדרוס ביי אַנדערע לערערס: „פאַרוואָס קומט עס אים?״. האָט זיך געשאַפן אַ באַשטימטע אָנגעצויגנקייט.

דערצו איז פון בוענאָס־איירעס אָנגעקומען אַן אָנווייזונג, אַז לויטן לעצטן בריוו פון פאַרשטאָרבענעם ראַבינער, דאַרף בן־ציון האָבן די השגחה אויף די העברעישע לימודים, אַ מין אומאָפיציעלער וויצע־דירעקטאָר. האָט עס ווידער אַרויסגערופן פאַרדרוס. אין העכסטן גראַד האָט געלערנט די ייִדישע לימודים אַן אַלטער לערער, אַ גוטער פּעדאַגאָג ווען אַפילו פון אַלטן חדר, אַ משכיל און העברעער, האָט ער גלייך דערקלערט, אַז ער וועט דעם „שנעק״ אַפילו אין קלאַס נישט אַריינלאָזן. האָט מען געדאַרפט האָבן געדולד און טאַקט אויף נישט אָנצורירן דעם כבוד פון איינע און נישט צעפלאַמען דעם פאַרדרוס פון אַנדערע. ביי יונגע יאָרן און אַביסל אַ היציקן טעמפּעראַמענט איז עס בן־ציונען נישט לייכט אָנגעקומען. צום גליק איז דער סוף פון שול־יאָר געווען נישט ווייט, קוים עטלעכע וואָכן, האָט ער די צייט ווי עס איז דורכגעמאַכט, און נאָך די וואַקאַציעס וועט מען זען.

אין משך פון די וואַקאַציעס האָט בן־ציון נישט שלעכט פאַרדינט פון פּריוואַטע לעקציעס. פליייסיק געלערנט שפּאַניש, זיך אָנגעהויבן מישן אין די

קולטור־ענינים פון דער קאָלאָניע און איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ היימישער מענטש, אַן אייגענער.

אין אַ שבת־פאַרנאַכט האָבן אים עטלעכע חברים ציוניסטן איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר אויסער דער קאָלאָניע, אַזוי זיך בין מנחה למעריב. עס איז געווען סוף־זומער. די פעלדער האָבן שעמערירט אונטער דער מילדער פאַר־נאַכטיקער זון, ביימער האָבן געוואָרפן געדיכטע שאָטנס, פייגעלעך האָבן זיך שטיפעריש געטראָגן אין דער לופטן, די לופט איז געווען קיל און אַנגענעם, אויפן האַרצן איז געווען שבת־מנוחהדיק. בן־ציון האָט זיך געפילט האָפער־דיק; אַריין צווישן די „גרויסע". האָט מען לכתחילה געשמועסט סתם אַזוי זיך. געווען ווער עס האָט געוואָלט אַ טאָפּ־טאָן אין וואָגן, ווי האַלט עס מיט די קענטעניש פון דעם יונגנמאַן, זענען געפלויגן שווערע פּסוקים פון תנ"ך, האָט מען זיך געוואָרפן מיט מאמרי חז"ל. איינער האָט אַפילו אַ פרעג־געטאָן צי בן־ציון האָט אַמאָל געלערנט אַלגעבראַ... עס איז געווען אַן אומדירעקטער חברלעכער עקזאַמען, פון וועלכן בן־ציון איז ווי עס איז אַרויס בשלום.

ערשט אויף צוריקוועגס, ווען די זון האָט שוין געהאַלטן גאָר נידעריק,ביים סאַמע האָריזאָנט, און די שאָטנס האָבן זיך געלייגט משונה־לאַנג אויף די פעלדער מיט פעטער געדיכטער אַלפאַלפאַ, איז מען אַרויס מיטן עיקר הדבר. פאַראַן אַ האַרבער ענין וועגן וועלכן מען וואָלט געוואָלט הערן אויך בן־ציונס מיינונג. די ביבליאָטעק פון דער קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן אויפן יסוד פון אַ ציוניסטישער ביבליאָטעק וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אייניקע חברים ציוניסטן אָבער, לעצטנס, איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן פון בונדיסטן, אַ בונדיסט פון בוענאָס־איירעס האָט אַפילו פאַרפאַסט אירע סטאַטוטן, אייניקע חברים ציוניסטן האָבן זיך פון איר צוריקגעצויגן, איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אַלע ציוניסטישע חברים זאָלן אַרויס פון דער ביבליאָטעק און גרינדן אַ צווייטע, אַ ציוניסטישע, וואָלט מען געוואָלט הערן וואָס דענקט בן־ציון וועגן דעם.

בן־ציון האָט אָפּגעראַטן. פירוד איז קיינמאָל נישט ראַטזאַם. ער האַלט, אַז אַוועקגיין איז אַ טעות. מען טוט נאָר דערמיט אַ טובה דעם קעגנער, ווען מען דערווייטערט זיך און מ'שטעלט זיך מן־הצד. אדרבא, אַלע ציוניסטן וואָלטן געדאַרפט צוריק אַריינטרעטן אין דער ביבליאָטעק, קעמפן פון אינע־ווייניק פאַר זייער השפעה און האָבן געדולד ביזן נצחון.

האָט בן־ציון געכאַפּט אַ שאַרפן אָפּשניט פון אַ חבר וואָס איז אַן און פאַר זיך געווען אַ באַזונדער קאַפּיטל. אַ גוטער מוזיקער, איז ער געווען אַמאָל אַ קאַפּעלמייסטער אין דער צאַרישער אַרמיי, ער האָט עס געקאָנט באַשטעטיקן מיט פאָטאָגראַפישע בילדער, אויף וועלכע מען האָט אים געקאָנט זען צווישן

די אַפּיצירן פון פּאָלק, און נישט ווייט פון צאַר ניקאָלאַי, ווען יענער איז אַמאָל געקומען אויף אַ פּאָלק־אינספּעקציע. נאָך דער ערשטער רוסישער רע־װאָלוציע האָט דער קאַפּעלמייסטער עמיגרירט קיין אַרגענטינע, אייניקע יאָר זיך געדרייט אין בוענאָס־איירעס אַרום דעם יידישן טעאַטער, אָרנטלעך פאַרשוואַרצט געוואָרן, ביז ער איז אַוועק אין קאָלאָניע, ווו ער איז געוואָרן אַ מוזיק־לערער און האָט געהאַט פּרנסה, ווייל קאָלאָניסטן האָבן זיך שוין דאָן געקאָנט פאַרגינענען לערנען זייערע זין און בעיקר די טעכטער, מוזיק.

דער קאַפּעלמייסטער איז געווען אַ מענטש אַ האַרציקער, אַ סענטימענ־טאַלער, נאָר אויך אַ היציקער און באַפעלערישער; געווויינט אַז פאַר זיין די־ריזשאָר־שטעקעלע זאָלן ציטערן צאַרישע כלאַפּעס, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין נישט־איינשטימיקייט מיט זיין מיינונג, בפרט פון אַ יונגן שנעק וואָס איז ערשט אַראָפּגעקומען אין קאָלאָניע און ווער ווייסט אים דאָרט ווער און וואָס ער איז... רויקערע חברים האָבן געזוכט איינצושטילן דעם חבר קאַפּעלמייסטער וועלכער איז צום גליק געווען אַ לייכטער צו כעסן זיך און נאָך אַ לייכטערער צו איבערבעטן זיך. מען איז געקומען צוריק אין קאָלאָניע מיט אַ פעסטן באַשלוס אַז אַלע טרעטן צוריק אַריין אין דער ביבליאָטעק און מען וועט זיך באַמיִען אַז דאָס אַחדות אין קאָלאָניע זאָל נישט געשטערט ווערן.

צוזאַמען מיט אַנדערע חברים איז אויך בן־ציון געוואָרן אַ מיטגליד אין ביבליאָטעק און פאַר אים האָט זיך געעפנט אַ ניי טעטיקייטס־פעלד. ער האָט זיך גראָד באַפריינדעט מיטן ביבליאָטעקאַר, דעם בונדיסט, און בשותפות אָנגעהויבן פּלאַנעווען גרעסערע קולטור־אַרבעט. צווישן די פּלענער איז געווען אַ פּראָיעקט אַראָפּצוברענגען שלום־עליכמען ע״ה קיין אַרגענטינע. איז עס דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק נישט געווען צום האַרצן: וואָס פאַר אַ נייעסן? ווער ווייסט וואָס דאָס וועט דאַרפן אָפּקאָסטן?... אָבער כפי דער־ווייל האָט זיך עס בלויז געהאַנדלט פון אַ בריוו צום קלעצקין־פאַרלאַג אין ווילנע, אַז מען זאָל אָנפרעגן ביי שלום־עליכמען צי ער וואָלט געווען אַ בעלן צו באַזוכן אַרגענטינע, האָט מען געשוויגן. מער ווי איינער האָט געקוקט אויף דעם ענין מיט אַ קרומען בליק.

דער בריוו איז אַוועק און אין אַ 5—6 וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַפישער ענטפער: יאָ, שלום־עליכם איז גרייט צו פאָרן קיין אַרגענ־טינע. ער פאַרלאַנגט צוויי בילעטן ערשטע קלאַס, אַהין און צוריק, פאַר אים מיט זיין טאָכטער, אויסהאַלטונג פאַר דער צייט וואָס זיי וועלן ווײלן אין לאַנד און אַ האָנאָראַר פון כך וכך. אַרום און אַרום איז די סומע גאָרנישט געווען אַזוי גרויס, אָבער פאַר די השגות פון ליטווישע קאָלאָניסטן וואָס זע־

נען געווען די מערהייט אין דער פאַרוואַלטונג האָט עס אויסגעזען ווי אַ הונ־דערט, און באַלד איז אַוועק אַ בריוו, אַז ליידער מוז מען זיך פון דעם אָפּזאָגן, ווייל עס איז נישט פאַר די כוחות פון ישוב... די קאָלאָניעס האָבן זיך דאַן געהאַלטן פאַרן עיקר פון ישוב; בוענאָס־איירעס איז פאַר זיי געווען בלויז אַ מין צוגאָב...

דערווייל האָט דער ביבליאָטעקאַר און בן־ציון אַריינגעכאַפּט היפּש שטעך־ווערטלעך און ליצנות: אַ השגה פון יונגעלייטלעך! נישט ווייניקער ווי שלום־עליכם האָט זיך זיי פאַרגלוסט! געהערט אַן איינפאַל! נאָך ערגער איז געוואָרן די לאַגע ווען עס איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון דעם זעלביקן קלעצקין פאַרלאַג, אַז פּרץ הירשביין ע״ה איז גרייט צו פאָרן קיין אַרגענטינע, מען זאָל שיקן אויף די רייזע־הוצאות. דאָ האָט מען קלאָר געזען אַז די „יונגע־לייטלעך" האָבן פאַרקאָכט אַ קאַשע און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס אַלץ קאָן שמעקן! האָט דאָס פּאָרל ווידער אַריינגעכאַפּט שטעכווערטלעך און הלצות אויף זייער חשבון. קיין רייזע־הוצאות האָט מען פאַרשטייט זיך נישט געשיקט, אַפילו נישט געענטפערט אויפן בריוו.

נאָר דאָס איז שוין געווען אין אָנהייב פון אַ נייעם שול־יאָר און בן־ציון האָט געהאַט אַנדערע זאָרגן. דער דירעקטאָר אינספּעקטאָר האָט זיך דווקא פאַראינטערעסירט מיט בן־ציונען, וועלכער האָט שוין היפּש געכאַפּט די שפּראַך און האָט אים אָנפאַרטרויט אַן אָנפאַנג־קלאַס אויף לערנען שפּאַניש. בן־ציון האָט זיך געוואָלט פון דער טובה אָפּזאָגן, ער האָט זיך נאָך נישט געפילט גענוג פעסט אין דער שפּראַך און נישטאָ קיין ערגערס ווי ווען אַ לערער פילט זיך נישט זיכער אין קלאַס. חברה קליינוואַרג דערשנאַפּט עס גלייך און דעמאָלט איז אָך און וויי צום לערער! דער דירעקטאָר האָט אָבער געטענהט אַז אַזוי מוז עס זיין, ווייל אַזוי קומט עס אויס לויטן שעהן־פּלאַן. בן־ציון האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן.

מיט אַ ציטער אין געמיט האָט ער איבערגענומען די שפּאַנישע לעקציע פון אַ קלאַס. פאַרהערט חברה לייענען, גערעדט האָבן זיי די שפּראַך ווי אַ וואַסער. מיט אַמאָל האָט זיך בן־ציון געכאַפּט אַז די קינדער לייענען אויסנ־ווייניק; לויטן בילדל וואָס איז געווען ביי יעדער לעקציע, האָט שוין דאָס יאַטל געוווסט וואָס מען דאַרף לייענען. קוים אָבער האָט אים דער לערער געהייסן לייענען פון מיטן בלעטל, איז שוין געווען צרות.

אַ פאַרוואונדערטער האָט בן־ציון אַריינגערופן דעם לערער וואָס האָט גע־געבן די שפּאַנישע לעקציעס פאַריקן יאָר און געבעטן אים צו דערקלערן די קוריאָזע דערשיינונג. יענער האָט אים פּשוט אָפּגעזידלט: אַזאַ גראָבער יונג!

קאָן נישט קיין שפּאַניש און וויל זאָגן מבינות! האָט בן־ציון געמוזט פאַרבייסן אַ ליפּ, מאַכן אַ שווייג און זוכן אַליין אַרויסקריכן פון פּלאָנטער.

אָבער אויסער דער בערישער טובה פון מאַכן אים פּריצייטיק פאַר אַ לערער פון שפּאַניש, האָט דער דירעקטאָר־אינספּעקטאָר געטאָן בן־ציונען נאָך אַ טובה, טאַקע אַווירקלעכע. ער האָט אים אָנגעהויבן געבן פון צייט צו צייט לעקציעס אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. ביסלעכווייז האָט שוין בן־ציון געקאָנט דורכקריכן אַ פראַנצויזיש בוך. אַ ביבליאָטעק האָט דער דירעקטאָר געהאַט אַ פּרעכטיקע. צוליב דער נאָענטקייט צווישן פראַנצויזיש מיט שפּאַניש האָט בן־ציון לייכטער געקאָנט כאַפּן דעם אינהאַלט, כאָטש גרינטלעך האָט ער די שפּראַך נישט דערלערנט, איז ער באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך אַ ליטעראַטור, ווען נישט מיט נאָך קיין שפּראַך, און אויך דאָס ביסל איז געווען אַ מאָטיוו פון קנאה פאַר מער פון איין קאָלעגע...

קאַפּיטל 18

גאָלד שײַנט פֿון דער בלאָטע

אויף דער קאָלאָניע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אומגליק, פֿאַרפּלייצונגען. גאַנץ פֿרי פֿלעגט אויפֿגיין אַ ליכטיקע זון, אָבער כּמעט טעגלעך מיטאָג־צייט פֿלעגן דעם הימל פֿאַרשטעלן געדיכטע וואָלקנס פֿון וועלכע עס פֿלעגן אויס־ברעכן שלאַקס־רעגנס, וואָס האָבן געגאָסן ווי פֿון צעבערס. אַ שעה, צוויי, שפּעטער האָט ווידער געקאָנט שײַנען די זון. אָבער די גאַסן זענען געווען פֿאַרפּלייצט, די בלאָטע טיף, די באַן־ליניע האָט פֿאַרהאַלטן די וואַסערן און זיי האָבן נישט געהאַט וווּהין אָפּצולויפֿן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף די פֿעלדער, האָבן אויסגעווייקט די אַלפֿאַלפֿאַ. די נאָענטע „אָזיערע‟ איז אַרויס פֿון די ברעגעס און האָט נאָך פֿאַרגרעסערט די פֿאַרפּלייצונג. די פֿי זענען געבליבן אָן פּאַשע, מען האָט זיי געמוזט שפּייזן מיט טרוקענע אַלפֿאַלפֿאַ וואָס מען האָט געהאָפֿט צו פֿאַרקויפֿן. עס איז אַנטשטאַנען די סכּנה אַז מען זאָל בדיל־הדל ווערן. אין קאָלאָניע גופֿא האָט מען נישט געקאָנט ברענגען קיין סחורות פֿון דער נאָענטער באַן־סטאַנציע, נישט קיין מעל פֿון דער מיל וואָס איז געווען נאָך ווייטער פֿון דער באַן־סטאַנציע; האָט מען געמוזט שיקן אַ מחנה רײַטער וואָס האָבן די זעקלעך מעל צעטיילט אין צוויי קלומקעס, אי־בערגעוואָרפֿן איבערן רוקן פֿון פֿערד און אויף אַזאַ אופֿן אַרײַנגעבראַכט אין קאָלאָניע.

פּונקט אינמיטן פֿון דער בהלה איז אָנגעקומען די ידיעה אַז פּרץ הירש־ביין איז אין בוענאָס־איירעס און ער קלײַבט זיך קומען צופֿאָרן אין קאָלאָ־ניע. האָבן שוין ייִדן געהאַט גאַנצע טענות: אַ רעשטל צו די צרות, וואָס וועט מען דאָ קאָנען אויפֿטאָן אין אַזאַ אומגליק? אַז מען טרינקט זיך אין בלאָטע! אָבער קיין ברירה איז נישט געווען. אַ גאַסט איז אַ גאַסט, בפֿרט ווען ער קומט פֿון דער אַלטער היים. האָט מען געשאַפֿן אַן אויפֿנאַם־קאָמיטעט, זיך דורכגעשריבן מיטן חשובֿן גאַסט, אָפּגעשטעלט פּינקטלעך דעם דאַטום פֿון באַזוך און גענומען זיך גרייטן.

די קאָלאָניע האָט שוין דאַן געהאַט עלעקטרישע באַלײַכטונג, וואָס אַ ייִדישע פֿירמע האָט אײַנגעשטעלט. די ביבליאָטעק האָט מען אויסגעפּוצט, דעם ערשט־אויפֿגעבויטן פּריוואַטן זאַל האָט מען באַשטעלט פֿאַרן עפֿנטלעכן קבלת־פּנים. מ'האָט זיך נאָר געישובֿט וועגן דער צאָל פֿאָרטראַגן: צוויי צי

דרייַ און אין אַ שיינעם זונטיק איז מען אַרויסגעפֿאָרן צו דער באַן־סטאַנציע אָפּוואַרטן דעם גאַסט.

די ייִקאַ־אַדמיניסטראַציע האָט געגעבן איר קאַטש, חברה ייִנוואַרג האָט אָרגאַניזירט אַ רייַטער־אָפּטיילונג אויף צו באַגלייטן דעם צוג פֿון וועגענער און סולקיס וואָס האָבן אייַנגעשטעלט אַרויספֿאָרן צו דער באַן־סטאַנציע. מען האָט זיך באַזאָרגט מיט שטורקאַצן; טאָמער טרעפֿט עפּעס זאָל מען נישט בלייַבן אין דער פֿינצטער. אַ האַלבן קילאָמעטער פֿאַר דער קאַראַוואַנע האָט געדאַרפֿט פֿאָרן אַ סולקי געשפּאַנט צו צוויי שטאַרקע פֿערד, צו פֿאָרשן דעם וועג און אָריענטירן די קאַראַוואַנע.

צו דער באַן־סטאַנציע איז מען געקומען אין שפּעטן נאָכמיטאָג. די צוגן פֿלעגן צוליב דער פֿאַרפֿלייצונג אָנקומען מיט גרויסע פֿאַרשפּעטיקונגען, האָט מען געדאַרפֿט וואַרטן אַ לענגערע צייַט. די ווייניקער געדולדיקע האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ צוג וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון בוענאָס־איירעס און אַוועק פֿאָרויס אָפּצוגעבן דעם גאַסט אַ האַרציקן ברוך־הבא...

אַ פּאָר סטאַנציעס ווייַטער האָבן זיך די צוגן באַגעגנט, חברה האָט גלייַך אָפּגעזוכט דעם וואַגאָן אין וועלכן פּרץ הירשביין איז געפֿאָרן, און אָט איז מען שוין אין זייַן קאַבינע, מען שטעקט שלום־עליכמס, מען פֿרייט זיך מיטן גאַסט. אַביסל אַ פֿאַרטרוימטער דערקלערט פּ. הירשביין האַלב־איראָניש, האַלב־הומאָריסטיש, פֿאַרוואָס ער איז אַרויסגעפֿאָרן איידער ער האָט באַקומען אַן ענטפֿער אויף זייַן טעלעגראַמע; ער האָט פּשוט מורא געהאַט אַז עס וועט קומען אַ נעגאַטיווער ענטפֿער, און פֿאָרן אויף צו להכעיס איז דאָך קיין דרך נישט... דער דיכטער פֿאַרזשמורעט אַן אייגל, האַלב פֿאַרשייַט, האַלב נאַיִוו, נאָר גאַנץ גוטברודעריש, און קויפֿט דערמיט אָפּ די גאַנצע חברה.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַנציע, איז שוין געווען שטאָק־פֿינצטער, די פּאָר מאָגערע לאַמטערנעס און לאָמפּן וואָלטן דאָס חשכות נישט געקאָנט דורכברעכן. מען וואָלט זיך אַפֿילו נישט געקאָנט רעכט אָנקוקן, האָבן צוגעהאָלפֿן די אָנגעצונדענע שטורקאַצן. עס איז געווען אַן אומפֿאַרגעסלעך בילד. שטייט אַ געזעמל ייִדן אויף אַן אַרגענטינער באַן־סטאַנציע, באַלויכטן פֿון פֿייַער שטורקאַצן, און קלעפּן אַרום אַ דאַרן יונגערמאַנטשיק מיט אַ גרויסער שעוועליורע פֿון אַ פּאָעט, און אַן איידעלן געזיכט פֿון אַ תלמיד־חכם. דער עולם האָט זיך באַגריסט מיטן גאַסט, די מכובדים האָבן זיך אַרייַנגעזעצט מיט אים אין קאַטש, מען איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון האַלב־געפּלאַסטערטן באַנהויף, גלייַך אַריין אין טיפֿער בלאָטע און אַוועקגעלאָזט זיך אין דער געדיכטער חשכות אַריין. נאָכן קאַטש זענען געפֿאָרן די פֿורן מיט די סולקיס, אַרום האָבן געריטן די רייַטער, פֿאָרויס האָט „געבראָדזיעט" די

אויסשפּיר־סולקי. מען האָט זיך איבערגעשריִען און איבערגעפּייפט, מען זאָל זיך נישט אָנשטויסן איינער אין צווייטן. מיט גרויס פּאַראַד און האַרציקייט האָבן ייִדישע קאָלאָניסטן געפירט אַ ייִדישן שרייבער אין זייער קאָלאָניע אַריין.

ווען די פּייערלעך פון דער קאָלאָניע האָבן זיך אָנגעהויבן מיניען פון דערווייטנס און הירשביין האָט געפרעגט וואָס זענען עס פאַר אַ פּייערלעך, איז ער נשתומם געוואָרן צו הערן אַז דאָס איז די עלעקטריע פון דער קאָלאָניע. עלעקטריע אין אַ קאָלאָניע? ווי שיקט זיך עס? נאָך גרעסער איז געוואָרן זיין חידושן זיך, ווען ער איז צוגעפאָרן צו דער העל־באַלויכטענער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען פול מיט אַ יום־טובדיק־געקליידטן און פריידיק־געשטימטן עולם, און עס איז געשטאַנען גרייט אַ פיינער קבלת־פּנים־לאַנטש. די וואָס זענען געשטאַנען נענטער צום גאַסט, האָבן געהערט ווי ער מורמלט אַן אַנטציקטער: „גאָלד פון דער בלאָטע״.

האָט מען געמאַכט אַ „לחיים״, אָפּגעגעבן אַ ברוך־הבא. הירשביין האָט גלייך געפרעגט צי אין ביבליאָטעק זענען פאַראַן זיינע ביכער, מען האָט זיי אים צוגעטראָגן און ער איז גאָר צופרידן געווען (אַ סוד זאָל עס בלייבן, אַז אַ טייל פון די ביכער האָט מען אויסגעליִען ביי אַ לערער פון אַ נאָענטן שטעטל). האָט מען באַגריסט דעם גאַסט, און דער גאַסט האָט געענטפערט, און אַלס דאַנק פאַר דער אויפנאַמע האָט ער געגומען לערנען דעם עולם אַ לידל וואָס איז לאַנג פאַרבליבן אין קאָלאָניע ווי „אונדזער״ פּרצעס, אָדער „אונדזער״ הירשביינס ליד.

אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך,
איינגעדעקט מיט שינדעלעך.
און אין וויגל שלאָפט דאָס קינד
נאַקעט גאָר אָן ווינדעלעך.
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פון דאַך די שטרוי,
האָפּ, האָפּ... אָט אַזוי...

אינצווישן האָט מען שוין געשמועסט, אַז פּרץ הירשביין שטאַמט פון „אונדזערע מקומות״; לאַנדסלייט האָבן אין אים דערקאָנט ליפּע דעם מילנערס בחורל, איז די שמחה געוואָרן נאָך גרעסער: א ו נ ד ז ע ר פּרץ!...

באַגלייט דעם גאַסט ביזן הויז פון איינעם פון די חשובסטע קאָלאָניסטן איז זיך דער עולם צעגאַנגען אַהיים אַן אויפגעהייטערטער און דערמוטיקטער, גאָר פאַרגעסן אַז די עלעקטריע אַרבעט נאָר ביז איינס ביינאַכט. עס איז שוין געווען שטאַרק פינצטער, האָט מען געטיאַפּקעט אין דער טיפער געדיכטער בלאָטע און אונטערגעזונגען: „האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי״...

אויף צומאָרגנס האָט פּרץ הירשבײן אַרומגעשפּאַצירט איבער דער קאָ־לאָניע, איז אַרײַנגעקומען אין קאָאָפּעראַטיווע, אין בתי־מדרשים און שולן, באַ־געגנט זיך מיט לאַנדסלײַט, מיט אומבאַקאַנטע, זיך געהאַלטן עמך׳דיק, ייִדיש־לעך, חברלעך. אַ לאַנדסמאַן וואָס האָט בײַ אים געפרעגט וואָס עס מאַכט זײַן שוועסטער, האָט הירשבײן גוטברודעריש געענטפערט: „זי לעבט פון שרײַבן״...
— וואָס־זשע, האָט יענער געפרעגט, זי איז אַ שרײַבערין? — אָ, ניין, האָט הירשבײן געענטפערט; עס איז פיל פּשוטער: זי שרײַבט מיר בריוולעך און איך שיק איר געלט״...

און אין אָוונט איז געווען דער פײַערלעכער קבלת־פּנים. הירשבײן האָט געוואָלט אַז עס זאָל זײַן היימיש און חברלעך, אַז אַרטיקע „קרעפּטן״ זאָלן פאַרלײענען פון דער ייִדישער ליטעראַטור, מאַכט נישט אויס אַפילו נישט פון זײַנע ווערק. אַוודאי דאַרף מען אים פאָרשטעלן פאַרן עולם, ער וועט ענטפערן, עפּעס פאַרלײענען פון זײַן „מײַן בוך״, אָבער עס זאָל נישט זײַן קײן אָנגעצויגנקייט, קײן פאָרמעלע אָפיציאַליטעט, נאָר היימיש און ייִדישלעך.

האָט מען אַזוי געטאָן, מען האָט גערעדט וועגן הירשבײנס שאַפן, אַלס דראַמאַטורג און פּראָזאַיִקער, וועגן זײַנע פאַרדינסטן אַלס שעפער פון מאָ־דערנעם ייִדישן טעאַטער, מען האָט דעקלאַמירט, מען האָט געלײענט „דרײַ מתנות״ פון י. ל. פּרץ, הירשבײן האָט זיך אויך באַטײליקט אין פּראָגראַם, אָן פּאָזע, אָן מחיצות, אַט ווי ער וואָלט טאַקע געווען אײנער פון אַלע.

דאָס רעכטע געדיכטע איז ערשט געקומען אין די ווײַטערדיקע דרײַ אָוונטן, ווען הירשבײן האָט מיט אמתער מײַסטערשאַפט פאָרגעלײענט זײַנע דראַמעס: „דער תקיעת־כּף״, „פּוסטע קרעטשמע״, „גרינע פעלדער״. דער עולם איז נישט מיד געוואָרן צו קומען און הערן, ווען אַפילו דער אײַנ־טריט איז געווען אַ געצאָלטער.

אַ צען טאָג האָט זיך עס גערודערט אין קאָלאָניע מיט דעם חשובן און ליבן גאַסט. מען האָט שוין נישט אַזוי קרום געקוקט אויפן פּלאַן אַראָפּצובריגנ־גען שלום־עליכמען, ווײַל אַלס פּועל־יוצא דערפון איז געקומען דער באַזוך פון הירשבײנען, וואָס האָט ממש אַרײַנגעגעבן אין קאָלאָניע אַ נײַע נשמה, געהאָלפן אַראָפּטרײַסלען די בלאָטע וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן בײַ אַרײַנ־פרעסן אין דער סאַמע נשמה.

אַלס פּועל־יוצא פון הירשבײנס באַזוך אין אַרגענטינע איז געקומען זײַן ווערק „פון ווײַטע לענדער״, אין וועלכן ער האָט פאָרגעשטעלט די קאָלאָניעס און דעם ישוב, ווי ער האָט זײ געפונען און געזען. דאָס איז געווען אַ וויר־דיקע וויזיט־קאַרטע פון ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע פאַר דער גרויסער ייִדי־שער וועלט.

קאַפּיטל 19

צוויי טעותים

אין קאַלאָניע איז דערגאַנגען די ידיעה אַז י. ל. פּרץ איז נפטר געוואָרן. דאָס איז געווען היפּשע עטלעכע חדשים נאָך דעם באַזוך פון פּרץ הירשביין. אָבער דער עולם האָט אים אַזוי גוט געקענט, אַז דערהערנדיק דעם נאָמען פּרץ איז באַלד געוואָרן אַ שטיקל בהלה. „אונדזער" פּרץ! געשטאָרבן! אַזאַ יונגער מענטש! אַ שאָד! אַ שאָד!

שפּעטער, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז נישט „אונדזער" פּרץ, נאָר אַן אַנדערער, איז שוין דער קלאַפּ נישט געווען אַזוי גרויס: מילא, געשטאָרבן; אַ מענטש ווערט געבוירן אויף צו שטאַרבן, שטאַרבן איז אַ מוז־זאַך... ווער עס איז געווען י. ל. פּרץ און וואָס ער האָט באַטייט — האָט געוווּסט די אינטעליגענץ, נישט די מאַסן.

האָט די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק גלייך פאַררופן אַ טרויער־זיצונג, באַשלאָסן צו איינאָרדענען אַ הספּד און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע פון אַ רעדנער אויף... שפּאַניש. אין קאָלאָניע האָבן דאָן אַלע, מיטן אויסנאַם פון אפשר אַ פּאָר פּערזאָן, גערעדט און פאַרשטאַנען ייִדיש, דאָך האָט מען באַטראַכט פאַר אומבאַדינגט נייטיק צו האָבן אויך אַ שפּאַנישן רעדנער, בכדי צוציִען די „כוּווענטוד" (יוגנט), טאָ ווו נעמט מען אַזאַ רעדנער?

אין קאָלאָניע איז געווען אַ זייער געבילדעטער לערער, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ היפּשן ייִדישן און אַלגעמיינעם וויסן. ער פלעגט צוגרייטן תלמידים פאַר דער מיטלשולע פון דער פּראָווינציעלער הויפּטשטאָט און עס האָט נאָך נישט געטראָפן אַז זייַנער אַ שילער זאָל נכשל ווערן אין די עקזאַמענעס. ער האָט באמת גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון דער קאָלאָניע צווישן דער נישט־ייִדישער אינטעליגענץ פון שטאָט.

אַ משפחה האָט דער לערער געהאַט אַ גרויסע, זין און טעכטער, אַלע געראָטענע, מתמידים מיט שאַרפע קעפּ, וואָס האָבן פלייסיק שטודירט און האָבן מיט דער צייט באַרייכערט די רעפּובליק מיט אַרום אַ מנין פּראָפעסיאָנאַלן, אייניקע פון זיי מיט מער ווי איין אוניווערזיטעט־דיפּלאָם. האָט מען באַשטימט איינצולאַדן איינעם פון אָט די זין, אַן אוניווערזיטעט־סטודענט, ער זאָל האַלטן אַ הספּד אויף שפּאַניש. דער ייִדישער הספּד איז שוין געווען באַוואָרנט פאַר בן־ציונען, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען ווי גוטער רעדנער.

אין אָוונט פון הספד איז דער זאַל פון ביבליאָטעק געווען פול געפּאַקט. ער איז געווען ווינטער. מען האָט נישט געקענט עפענען קיין טירן און פענצ־טער, איז דאָס ענגשאַפט געווען זייער גרויס. ביז היינט געדענקט די קאָלאָ־ניע די איבערגעפּאַקטע זאַלן פון די „אַמאָליקע גוטע צייטן", און מען באַ־קלאָגט זיך אויף די היינטיקע טעג, ווען מען קען זעלטן־ווען אָנפילן דעם אָקטן־זאַל פון דער ביבליאָטעק. פון גרויס בענקשאַפט צום אַמאָל האָט מען פאַרגעסן אַז דער היינטיקער אָקטן־זאַל איז אַ צען מאָל גרעסער פון דעם אַמאָ־ליקן: אַן אַכט הונדערט פלעצער קעגן די אַמאָליקע 80—100...

סיי־ווי־סיי, עולם איז געקומען, אַ שטימונג איז געווען, דער גערעטע־נער סטודענט האָט גערעדט אויף שפּאַניש וועגן י. ל. פּרץ, ער האָט אָבער, מחילה, געמאַכט אַ קליינעם טעות און האָט דעם גאַנצן פּאָרטראַג איבער דער ליטעראַרישער שאַפונג פון י. ל. פּרץ געבויט אויף אַ דערציילונג פון ד. פּריש־מאַן: „שלושה שאכלו כאחד" — אַ מעשה מיט אַ רב און צוויי דיינים וואָס עסן אום יום־כיפור בפרהסיא אין שיל, בכדי צו פועלן ביי יידן אַז זיי זאָלן ברעכן דעם הייליקן תענית, עסן אום יום־כיפור, ווייל אין שטאָט האָט גע־בושעוועט די כאָלערע, פאַסטן איז געווען סכנות־נפשות און די תורה האָט בפירוש פאַרזאָגט: „ונשמרתם לנפשותיכם" — איר זאָלט היטן אייער לעבן.

דער עולם אין זאַל האָט זיך נישט אָריענטירט אין דעם טעות, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן, די מעשה איז אַ גאַנץ שיינע, איז מען געזעסן און גע־הערט. די פּאָר יידן וואָס האָבן זיך יאָ געכאַפּט וועגן טעות, האָבן זיך איבער־געקוקט מיט בן־ציונען, געקנייטשט מיט די פּלייצעס, געמאַכט פאַרוווּנדערטע מינעס, אָבער איבעררייסן דעם רעדנער האָט קיינער נישט געוואַגט. איז זיך דער אָוונט געגאַנגען אומגעשטערט.

אָבער אין מיטן פון שפּאַנישן הספד האָבן זיך אין זאַל, ממש מיט מסירת־נפש אַריינגעשטופּט דער לערער פון אַ נאָענטן שטעטל, באַגלייט פון צוויי קאָלאָניסטישע בחודים מיט זייערס אַ שוועסטער, אַלע פיר היפּשע בקי־אים סיי אין דער יידישער, סיי אין דער העברעישער ליטעראַטור. זיי האָבן גלייך תופס געווען וואָס דאָ איז פאַרגעקומען, און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן מיט צייכנס פון בן־ציונען וואָס איז געזעסן ביים טיש, אַז ער זאָל איבער־רייסן דעם הספד, אָפּשטעלן דעם בחור; נאָר גיי מאַך, מען קען דאָך נישט פאַרוואַנדלען דעם הספד אין אַ סקאַנדאַל. האָט בן־ציון געליטן און געשוויגן. צום גליק איז דאָס ענגשאַפט געווען אַזוי גרויס אַז די אויפגערייצטע פּראָ־טעסטירער האָבן זיך בשום אופן נישט געקענט דורכרייסן צום פּרעזידיום־טיש און דאָרט מאַכן „אָרדענונג". קיין עפנטלעכן סקאַנדאַל האָבן זיי דאָך אויך נישט געוואָלט מאַכן.

בן־ציון האָט געדאַרפט מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו האַלטן זיין הספד־רעדע און פאַרשווייגן דעם טעות וואָס דער שפּאַנישער רעדנער האָט געמאַכט. אין צווישן איז דער טעות יאָ באַוווּסט געוואָרן, די פיר פּראָטעסטירער האָבן עס אַריינגעשושקעט אין די אויערן וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו זיי. יענע האָבן עס איבערגעשושקעט ווייטער, דער זאַל איז פול געוואָרן מיט שושקערייען. בן־ציון האָט געמוזט מאַכן אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן דעם עולם, עס איז אים געלונגען, דער הספד איז פאַרענדיקט געוואָרן אין פולסטער אָרדענונג.

אָבער ווי נאָר דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, האָבן זיך די פיר פּראָטעסטירער אַ ריס געטאָן צום פּרעזידיום־טיש און בעיקר באַפאַלן בן־ציונען, ס׳טייטש: ווו איז עס געהערט געוואָרן! פאַרוואָס האָט מען עס דערלאָזט! אַזאַ סקאַנדאַל! אַ פאַרשוועכונג פון אָנדענק פון י. ל. פּרץ! עס איז דאָך ידוע אַז צווישן פּרצן מיט פרישמאַנען איז קיין גוט לעבן נישט געווען, איז ווי דערלאָזט מען אַז די גאַנצע גרויסקייט פון פּרצן זאָל כאַראַקטעריזירט ווערן לויט אַ נישט איבעריק געלונגענעם פעליעטאָן פון ד. פרישמאַן? עס איז ממש אַ חילול־השם! אַ בזיון הנפטר! „רבן־דקרו״...

בן־ציון האָט זיך פאַרטיידיקט ווי ער האָט געקענט. אים צו הילף איז געקומען אַן אָנגעזעענער סוחר פון קאָלאָניע, אַ ייִד אַ היפּשער למדן, אַ משכיל און אַ גרויסער פאַרערער פון דעם סטודענט און פון זיין משפחה. דער סוחר האָט געדרינגען אָנדערש: אַז ער האָט געזאָגט אַזוי, איז עס מסתמא אַזוי. ער וועט דאָך נישט באַלאַקען סתם אין דער וועלט אַריין... מען טשעפּעט זיך צום בחורל סתם פון קנאה.

זענען די פּראָטעסטירער נאָך מער אַרויס פון די כלים: מען באַשולדיקט זיי אין אַן אָנגריף צוליב קנאה! סתם אין דער וועלט־אַריין! „שומו שמים״! האָט מען גערופן דעם ביבליאָטעקאַר, אויפגעשלאָסן די שאַפע, אַרויסגענומען דעם געהעריקן באַנד פון דוד פרישמאַנס שריפטן, אָפּגעזוכט די דערציילונג: „שלושה שאכלו כאחד״ און געשטאָכן די אויגן: נאַט און זעט...

דער ייִד דער סוחר האָט זיך מטריח געווען, אַליין גענומען דעם בוך אין האַנט אַריין, אויפגעמישט די דערציילונג, אַן שוועריקייטן דורכגעלייענט אַ פּאָר שטעלן און געזען אַז חברה איז גערעכט, עס איז טאַקע פון ד. פרישמאַן... האָט ער לאַנגזאַם פאַרמאַכט דעם בוך, סקעפּטיש אַ קוק געטאָן אויף די פּראָטעסטירער און אַ זאָג געטאָן קאַלטבלוטיק:

— איז מה רעש? נו, האָט ער אַ טעות געהאַט...

דערמיט איז דער אינצידענט געווען אויסגעשעפּט.

קאַפּיטל 20

מען פאַרלייגט אַ גרונטשטיין

די ביבליאָטעק איז געווען דער לעבנס־צענטער פון דער קאָלאָניע, אָבער אויף דירה־געלט האָט זי אָפט נישט געהאַט. דער ביבליאָטעקאַר איז שוין גע־ווען געוווינט אַז מען זאָל אים אויסצאָלן זיינע שכירות לויטן שפּאַנישן ווערטל: „שפּעט, שלעכט אָדער קיינמאָל". אָבער דער באַלעבאָס פון דער דירה, אַ רייכער ליטוואַק און אַ האַרטער נוס, האָט מער ווי אַ שטיקל צייט נישט געוואָלט וואַרטן מיטן היפּשן חוב וואָס איז אָנגעוואַקסן, ער האָט גע־פאָדערט: באַצאָלט, אָדער ציט זיך אַרויס!...

אייגנטלעך האָט שוין די ביבליאָטעק פון לאַנג געקענט האָבן אַן אײי־גענע דירה. מיט יאָרן צוריק האָט די יִיקאָ פאַרקויפט אַ פּלאַץ אויף אַ ראָג און קעגנאיבער דעם קליינעם סקוועד אין צענטער פון דער קאָלאָניע. עס זענען געלעגן אויפן פּלאַץ עטלעכע צענדליק טויזנט ציגל, מען האָט שוין אַפילו געהאַט אָנגעצייכנט דעם פּלאַן פון דער צוקונפטיקער געביידע; האָט, אָבער, געטראָפן אַ מכשול. צוליב לעגאַלע טעמים איז דער פּלאַץ געווען גע־קויפט אויפן נאָמען פון איין מענטשן, אַ חבר און אַ טיכטיקער קולטור־טוער. האָט ער אָבער דעם פּלאַץ פאַרקויפט מיט אַ פיינעם ריווח, און מיט אַ טייל פונעם געלט האָט ער אָפּגעקויפט אַן אַנדער פּלאַץ פאַר דער ביבליאָטעק. טאַ־קע אַ דערבייאיקן פּלאַץ אָבער מער נישט אויפן ראָג. דעם ריווח האָט ער גענומען פאַר זיך שכר־טירחה; האָט ער פאַרמעל נישט גורם געווען קיין היזק פאַר דער ביבליאָטעק, אָבער דאָך האָט ער פאַרדינט ביים עסק. פאַרפירן אַ מחלוקת האָט מען נישט געוואָלט, איז דער פּלאַץ ווייטער געלעגן ליידיק, די ציגל האָבן זיך געוואַשן אין די רעגנס און געפרוירן אין די קעלטן, און די פראַגע פון דירה־געלט איז ווי אַ שווערער שטיין געלעגן אויפן האַלדז פון דער ביבליאָטעק.

ביז אַ פאַרוואַלטונג האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און באַשלאָסן זיך שטעלן בויען און פּטור ווערן פון דעם עול פון דירה־געלט. מען וועט זיך נישט פאַרנעמען גרויס. מען וועט דערווייל אויסבויען נאָר איין צימער, מעג זיין נישט אַזאַ גרויסער, מיט ווייניק באַקוועמלעכקייטן, אָבער אַרויס פון שכנות. דעם צימער וועט מען בויען אין הסכם מיטן אָנגענומענעם פּלאַן בכדי מען זאָל שפּעטער קענען צ ו ב ו י ע ן און נישט דאַרפן צעוואַרפן.

אין דער פאַרוואַלטונג איז נישט געווען קיין איינשטימיקייט. אַ טייל פון די מיטגלידער האָט געדרונגען אַז מען טאָר נישט איינשטעלן, מען קען בלייבן שטיין אין רעכטן מיטן פון די בוי־אַרבעטן און עס וועט זיין נישט אַהער און נישט אַהין. מען וועט ח"ו דעם שטערן אָפּשלאָגן און דעם הענג־לייכטער נישט דערלאַנגען. דאָס יאָר איז גראַד געווען זייער אַ ביטערס. די פאַרפלייצונגען האָבן אָנגעמאַכט גרויסע הזיקות. געלט איז אין קאַלאַניע גע־ווען זייער ווייניק, האָבן די טענות פון די בייך־זאָגער געקלונגען גאַנץ אי־בערצייגנדיק.

אָבער די מערהייט האָט געענטפערט מיט אַ צווייטן יידישן ווערטל: „אַז מען שטעלט נישט איין, נעמט מען נישט אויס". אַז מען וועט אָנהייבן וועט מען מ ו ז ן פאַרענדיקן, און קהל איז קיין גזלן נישט, יידן וועלן נישט לאָזן בלייבן שטיין אין מיטן.

האָט מען אָפּגעשטעלט דעם טאָג פון לייגן דעם גרונטשטיין. מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ באַשיידענע טריבונע פאַר מכובדים און רעדנער, מען האָט אויף נאָך דער צערעמאָניע באַשטעלט אַ באַשיידענעם לונטש, און... די רעזולטאַטן האָבן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. עס זענען אָריינגע־פלאָסן ביישטייערונגען נישט נאָר אויף אויסצובויען איין צימער, נאָר גאַנצע צוויי און אַזוי טאַקע האָט מען גלייך אָנגעזאָגט דעם עולם. צום יום־טוב איז געקומען אַ פאָרשטייער פון גובערנאַטאָר, דער אינספּעקטאָר פון די נאַציאָ־נאַלע אָנפאַנג־שולן, דער פּאָליציי־שעף און אַנדערע רעגירונגס־לייט, איז אין קאָלאָניע געווען ליהודים.

דער אינספּעקטאָר פון די נאַציאָנאַלע אָנפאַנג־שולן האָט זיך פאַראינ־טערעסירט מיטן מצב פון די ביבליאָטעקן אין דער קאָלאָניע. אין קאָלאָניע האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט געגרינדעט אַ צווייטע ביבליאָ־טעק, כפי דער אינספּעקטאָר איז געווען דער פאָרשטייער פון דער נאַציאָנאַ־לער קאָמיסיע פאַר עפנטלעכע ביבליאָטעקן, האָבן זיך ביידע ביבליאָטעקן גע־ווענדט צו אים, ער זאָל זיי אָרונטערנעמען אונטער דער דערמאָנטער קאָמי־סיע, אָבער לויטן געזעץ קען די קאָמיסיע שטיצן נאָר א יי ן ביבליאָטעק אין אַזאַ פּלאַץ. דערצו האָט דער אינספּעקטאָר סתם נישט פאַרשטאַנען צו וואָס דאַרף אַזאַ נישט גרויסע קאָלאָניע האָבן צוויי ביבליאָטעקן? גיי דערצייל אים אַז אין קאָלאָניע הערשט אַן אָנגעצויגנקייט צווישן ליטוואַקעס מיט פּוילישע, אַן אָנגעצויגנקייט צו וועלכער אַפילו די געמישטע חתונות צווישן די קינדער פון די צוויי שבטים האָבן נישט געקענט העלפן.

האָט דער אינספּעקטאָר פאַררופן אַ געמיינזאַמע זיצונג פון די פאַר־וואַלטונגען פון ביידע ביבליאָטעקן. מען האָט זיך מתווכח געווען ביז שפּעט

נאָך האַלבער נאַכט און, כנהוג, איז עס געבליבן ווי עס איז געווען. דעם גרונטשטיין פאַר אַ פאַראייניקונג איז נישט געלונגען צו פאַרלייגן, און ביז היינט פונקציאָנירן אין דער קאָלאָניע צוויי ביבליאָטעקן, יעדע איינע מיט איר פיינעם בנין, מיט איר פיינער קאָלעקציע ביכער. אָבערביידע מיט רע־לאַטיוו ווייניק לייענער...

דערמוטיקט פון דעם דערפאָלג ביים לייגן דעם גרונטשטיין, האָט די עלטערע ביבליאָטעק פאַרטראַכט צו דערעפענען פיליאַלן אין די אַרומיקע ישובים וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין ביבליאָטעקן. די ערשטע פון די פיליאַלן איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ באַן־סטאַנציע וואָס איז געלעגן אין צענטער פון געדיכטע קאָלאָניסטישע גרופעס. נאָר אַליין האָט זי פאַרמאָגט קוים אַ פּאָר הייזער, האָט מען זיך אַהין געדאַרפט צונויפפאָרן פון דער סביבה.

צו דער דערעפענונג פון דער אָפּטיילונג איז פון קאָלאָניע אַרויסגעפאָרן די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק. איז עס געווען אַ נסיעה וואָס פאַרדינט פאַרשריבן צו ווערן לזכרון.

אַרויסגעפאָרן איז מען מיט אַ היימישן באַלעגאָלע. אַ ייד אַ ליטוואַק. אַ שטיקל יודע ספר, וואָס פלעגט אַמאָל אַפילו דאַווענען פאַרן עמוד. פאַרזיכערט האָט ער אַז די העכער צוואַנציק קילאָמעטער פון דער קאָלאָניע ביז דער באַן־סטאַנציע וועט מען דורכמאַכן העכסטנס אין צוויי שעה. אַזוי אַז ווען מען וועט אַרויספאָרן נאָך הבדלה און נאָך די אליהוס און אַנדערע זמירות, וועט מען אָנקומען פונקט צו דער צייט, אַרום אַזייגער ניין אין אָוונט.

אָבער עטלעכע קילאָמעטער פון דער קאָלאָניע האָבן די פערדלעך אָנגע־הויבן צוצושטיין, זייער געלויף איז געוואָרן פּאַמעלעכער, נאָכהער האָבן זיי אָנגעהויבן גיין טריט ביי טריט און לסוף האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אָפּטער אָפּ־שטעלן בכדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אַלע טענות צום באַלעגאָלע און אַלע בייטשן וואָס ער האָט אַריינגעשמיסן אין די פערדלעך האָבן נישט געהאָלפן. אַנשטאָט צוויי שעה איז מען געפאָרן העכער פיר, אויף דער סטאַנציע איז מען אָנגעקומען אַרום האַלבע נאַכט, דער עולם האָט געוואַרט, מען איז שוין גע־ווען אומרויִק. מען האָט געוואָלט פאַרקירצן דעם פּראָגראַם, האָט דער עולם נישט מסכים געווען. דער באַלעגאָלע האָט אָגב פאַרזיכערט אַז וואָס מער די פערדלעך וועלן זיך אויסרוען, אַלץ בעסער וועט מען פאָרן צוריק... האָט מען בהרחבהדיק געפּראַוועט די דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק־אָפּטיילונג. מיט רעדעס און מיט אַ חברלעכער וועטשערע, און מיט לידער און שירים און מיט אַ ריקודל, און אַרום דריי פאַרטאָג איז מען למזל אַרויסגעפאָרן אויף דער צוריקרייזע. קאָלאָניסטן האָבן פאָרגעשלאָגן צוצושפּאַנען אַ פּאָר פרישע פערד, האָט דער באַלעגאָלע נישט מסכים געווען. וואָס ווייסט איר וואָס פאַראַ סו־

סים ער פֿאַרמאָגט: לייבן, נישט קיין פערד! בעיקר אויף צו פֿאָרן צוריק אַהיים, וועלן זיי לויפן „סקאָראָכאָד", ס'הייסט שנעלער פון שנעל; נישט געווען קיין ברירה, מען האָט געמוזט מסכים זיין.

אָבער אַ פּאָר שעה פֿאַר דער באַן־סטאַנציע האָבן די פערדלעך ווידער אָנגעהויבן צושטיין: האָט מען זיך לכתחילה געוויצלט: „הפּנים טאַקע לייבן, נישט קיין פערד, ווייל זיי ווילן דאָך נישט הולכן"... ביסלעכווייז האָט זיך דערוועקט דער „צער בעלי־חיים", אַ רחמנות אויף אָ לעבעדיקער באַשעפעניש, איז מען אַראָפּ פון קאָטש און געמאַכט די פערדלעך אַביסל לייכטער. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, נאָר אַ קאַלטע, ביים גיין צופוס האָט מען זיך אַביסל דערוואַרעמט, האָט מען באַשלאָסן, אַז מען וועט שוין אַזוי אָפּשפּאַנען ביז דער קאָלאָניע. אָבער וואָס פֿאַר אַ טעם האָט עס גיין שווייגנדיקערהייט? האָט אַ מיטגליד פון דער פֿאַרוואַלטונג פֿאָרגעשלאָגן, אויסלערנען דעם עולם אַ ישיבה־ליד, פון אַן אייגנאַרטיקן אחד מי יודע. ווער ווייסט איינס, צוויי, דריי, און אַזוי ווייטער ביז צוועלף, לויט די תלמודישע סוגיות. איינס איז „אחד החופר בור" — ווען איינער גראָבט אויס אַ גרוב; צוויי איז „שנים אוחזין בטלית" — ווען צוויי קריגן זיך איבער אַ געפונענעם קלייד, וועמען עס דאַרף געהערן; דריי איז „שלשה שאכלו כאחד" — דריי וואָס האָבן געגעסן צוזאַמען דאַרפן בענטשן מזומן; פיר איז „ארבעה אבות נזיקין" — פיר קאַרדינאַלע שאָדנברענגער, אאַ"וו. עברי האָט מען ברוך־השם געקענט אַלע, דאָס לידל האָט זיך געזונגען מיט אַ סאָלדאַטסקן מאַרש וואָס האָט אויפגעהייטערט און געהאָלפן גיין. באַלד האָט זיך געפונען איינער וואָס האָט דעם ניגון נישט געזונגען נאָר אויסגעפייפט. ווי דער וועג איז נישט געווען שווער, האָבן זיך יידן גאַנץ פיין צעיאַכמערט, אין באַלעגאָלע מיט זיינע לייבן האָט מען גאָר פֿאַרגעסן און אַזוי האָט מען אַריינגעמאַרשירט אין קאָלאָניע, שוין אַ שפּראָץ אויף טאָג, מיט אַ תלמודישן זמרל, געזונגען מיט אַ סאָלדאַטסקן ניגון.

קאַפּיטל 21

מיט דיסקוסיעס און אָן דיסקוסיעס

אין די פּאַר. שטאַטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַוועגונג פּאַר אַ ייִדישן קאָנגרעס. דעם געדאַנק האָט מען אויפגעכאַפּט אויך אין אַרגענטינע און מיט אַזאַ אייפער, אַז מען האָט דעם ייִדישן קאָנגרעס אין אַרגענטינע פאַררופן מיט אַ פּאָר יאָר איידער דער קאָנגרעס אין די פּאַר. שטאַטן איז פאַררופן געוואָרן.

דער הויפּט־כוח ביים פאַררופן דעם קאָנגרעס איז געווען די ציוניסטי־שע פעדעראַציע, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר פריִער געגרינדעט געוואָרן און האָט זיך געריסן צו ווערן די פירערין פון ישוב. איז אין קאָלאָניע אַראָפּגע־קומען דער געג. סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אַ שיינער יונגערמאַן, אַ גאַליציאַנער, אַ מענטש מיט פיינער ייִדישער און אַלגעמיי־נער קולטור און אַ גאַנץ סאָלידער רעדנער.

האָט מען אַנאָנסירט אַ פּאָרטראָג פון גאַסט אין דער ביבליאָטעק און כדי צוצוציִען מער עולם, האָט מען מודיע געווען אַז נאָכן פּאָרטראַג וועלן זיין פרייע דעבאַטעס.

די שטימונג איז געווען אַ מער אחדותדיקע, אין דער היגזיכט האָט גע־ווירקט דער באַזוך פון פּרץ הירשביין. נאָך שטאַרקער האָט געשטויסן צו פאַראייניקונג דער אומגליק פון די פּוילישע ייִדן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָס האָט שוין דאַן געדויערט אַרום אַ יאָר. אַלץ צוזאַמען האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. אויך דער צד שכנגד — אומעטום און אַלע מאָל איז דאָ אַ צד שכנגד — איז געקומען מיט דער האָפענונג צו באַטייליקן זיך אין דער דיסקוסיע.

דער אָוונט איז געווען אַ שיינער, אַ לבנהדיקער. די פּערזאָן פון גאַסט פון בוענאָס־איירעס האָט צוגעצויגן, די דיסקוסיע אויך, איז דער ביבליאָ־טעק־זאַל געווען פול געפּאַקט. און ווייל דער וועטער איז געווען אַ לינדער, האָבן אַ פּאָר צענדליק מענטשן געקענט שטיין אינדרויסן ביי דער אָפענער טיר און זיך צוהערן צו דער רעדע און צו דער דיסקוסיע.

דער פּאָרטראַג, געהאַלטן אין אַ פיינעם, ליטעראַרישן ייִדיש, מיט אַ גע־וויסן גאַליציאַנער אונטערטאָן, וואָס איז אַ סך ליטוואַקעס נישט געווען גע־פעלן, האָט דאָך אויסגענומען. עס איז געווען אַ געוויינלעכע ציוניסטישע

אַרגומענטאַציע וועגן דער מעגלעכקייט, נויטיקייט און וויכטיקייט פון אַ ייִדישער מדינה. באַקרעפטיקט מיט ראיות פון דער טראַגישערווירקלעכקייט וואָס די ייִדישע ישובים אין אייראָפּע האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט, האָט דער רעפעראַט געמאַכט אַ גאַנץ שטאַרקן איינדרוק. דער צד שכנגד האָט זיך געפּועגן פאַר אַ גאָר שווערער אויפגאַבע און האָט דערפאַר אין דער דיסקוסיע געמוזט באַנוצן איראָניע, סאַרקאַזם, שטעכווערטלעך, אַפילו בילבולים. דער עולם האָט געהערט און געדולדעט: פרייע דיסקוסיע; דער צד שכנגד איז געווען צופרידן. אָבער ווען עס איז געקומען צו דער רעפּליקע פון גאַסט האָט מען דערפילט אַז ער וועט אַרויס דער זיגער; ער רעדט שיין, ער רעדט דער לעצטער, ער איז דער גאַסט און אַ גאַסט אין אַרגענטינע בלייבט שטענדיק גערעכט.

די עלעקטרישע באַלייכטונג וואָס האָט געאַרבעט נאָר ביז האַלבער נאַכט, איז שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן, מען איז שוין געזעסן ביי אַ גרויסן נאַפט־לאָמפּ, און ווען איינער פון צד שכנגד האָט באַמערקט, אַז דער גאַסט האַלט ביים אַרויסקומען מיט אַ גרויסן נצחון פון דער דיסקוסיע, האָט ער מיטאַמאָל אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. דער עולם איז געבליבן אין דער פינצטער און דער רעדנער איז געבליבן מיט זיינע לעצטע ווערטער אין מויל. איז געוואָרן אַ שטיקל סקאַנדאַל. מען האָט זיך איינער דעם צווייטן גוט אַריינגעזאָגט, אָבער ביסלעכווייז איז מען אַרויס אויף דער גאַס, וואָס איז געווען געגוג העל באַלויכטן פון דער לבנה. מען האָט זיך צעטיילט אין גרופּקעס און קרייזלעך און ווייטער געפירט די דעבאַטע אַ היפּשע צייט. דער רעדנער, אַביסל אַ ברוגזער, איז אַוועק אויף זיין סטאַנציע, אָבער דער היימישער עולם האָט נאָך לאַנג געלופטערט די שפּראַך. מען האָט זיך געהיצט, דיסקוטירט, כמעט ביז אין ווייסן טאָג אַריין, און, כנהוג, איז יעדער איינער געבליבן ביי זיינס.

די דיסקוסיע האָט אַביסל דערווייטערט די צדדים איינער פון צווייטן, אָבער אַן אומדערוואַרטער צופאַל האָט זיי ווידער פאַראייניקט: עס איז נישט געווען קיין צייט פאַר פּירוד־לבבות, דער ייִדישער אומגליק אויף דער וועלט איז געווען צו גרויס אַז מען זאָל האָבן מוט און געמיט צו פירן מחלוקתן.

אין „טאָג" פון ניו־יאָרק איז דערשינען אַ האַרצרייסנדיקער אויפרוף פאַר הילף די ייִדישע מלחמה־קרבנות. געשריבן מיט טאַלאַנט און מיט האַרץ האָט דער אויפרוף אויפגערודערט די געמיטער, אַפּעלירט צו די הערצער. אַ נומער „טאָג" איז דערגאַנגען אין קאָלאָניע, איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין די הענט פון בן־ציונס פאָטער, וועלכער האָט זיך גאָרנישט געקענט באַרויִקן. ער האָט געדריקט אויף בן־ציונען, ער זאָל עפּעס טאָן. געוויס איז אין קאָלאָניע געווען אַ קאָמיטעט פאַר די מלחמה־ליידנדיקע, וואָס איז געווען אָנגע־

שלאָסן אין צ. ק. פון בוענאָס־אײרעס, אָבער עס איז געװען אין די הענט פון מענטשן אָן געלט און מיט װײניק השפּעה, און האָט געזאַמלט װײניק; װי פאַראינטערעסירט מען די רײכערע ייִדן אין דעם ענין? רופן סתם אַן אסיפה, װעט מען נישט קומען. װאָס זשע טוט מען?

בן־ציון האָט זיך דערמאָנט װאָס ער האָט אַמאָל געלײענט װעגן אַן אסיפה װאָס ייִדישע סטודענטן האָבן דורך אַ נישט־אונטערגעשריבענעם אױפרוף פאַררופן אין הױז פון אַ גרױסן ייִדישן מיליאָנער אָן זײן װיסן. און די אסיפה האָט זיך אײנגעגעבן. װײל װער װעט זיך אָפּזאָגן אַרײנצוקומען צו אַ נגיד אין הױז? האָט ער פאָרגעשלאָגן און מען האָט אָנגענומען אָפּצוטאָן דעם זעל־ביקן שפּיצל. באַלד זענען אַרױס געדרוקטע צעטעלעך צו די „גבירים" פון דער קאָלאָניע, אָן אַ חתימה, נאָר מיט דער צושריפט: „בסוד". מען האָט די ייִדן פאַררופן אין הױז פון אײנעם פון די גרעסערע נגידים, װאָס האָט װעגן דעם גאַנצן ענין אַפילו קײן אַנונג נישט געהאַט. אָבער װען ער האָט דערזען אַז די חשובסטע און רײכסטע ייִדן מיטן רב בתוכם קומען עפּעס צו אים אין הױז אַרײן, האָט ער זײ אױפגענומען בסבר פּנים יפות, געהײסן שטעלן כי־בוד. איז מען געזעסן און געשמועסט, געװאַרט אױפן עיקר־הדבר און נישט געװוּסט װאָס דער צוזאַמענקום מײנט. חברה האָט שױן געזאָרגט דערפאַר אַז מען זאָל פלוצלינג „געפינען" אַ טעקסט פון אױפרוף אין „טאָג", װאָס מען האָט איבערגעדרוקט אין דער דרוקערײ פון דער קאָלאָניע. עס האָט קײן סך נישט גענומען און אײנער פון די גבירים װאָס איז געװען אין דער פאַר־שװערונג, האָט איבערגעלײענט דעם אױפרוף פאַר די פאַרזאַמלטע. „גראַד" האָבן דעמאָלט אַרײנגעקוקט דורך אַ פענצטער דער ביבליאָטעקאַר מיט בן־ציונען, פּונקט אין דעם מאָמענט, װען מען האָט געענדיקט לײענען דעם אױפ־רוף און דער עולם איז געבליבן אין שטילשװײגן... אַװדאי האָט מען די פאַר יונגעלײטלעך אײנגעלאַדן אינעװײניק, געװיזן דעם אױפרוף, געפרעגט צי זײ װײסן עפּעס דערפון; װײסן זײ פון גאָרנישט, נאָר איבערגעלײענט דעם אױפרוף האָבן זײ, און געבליבן שװײגן װי אַלע אַנדערע. װאָס זשע טוט מען? האָט מען געבעטן בן־ציונען ער זאָל עפּעס זאָגן. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ער איז צו יונג צו רײדן פאַר אַזאַ חשובער אסיפה. ער האָט פאָרגעלײגט אַז דער רב זאָל עפּעס זאָגן... דער רב, אַ ייִד אַ טיפער זקן, שטאַרק באַליבט אין קאָלאָניע, האָט אָפּגעזיפצט, קױם געקענט אַרױסרײדן די װערטער: „װאָס איז דאָ פאַראַן צו זאָגן?" און האָט זיך צעכליפּעט װי אַ קלײן קינד...

דאָס איז געװען די שאַרפסטע דרשה. מען קײן רײד האָט מען נישט גע־ברױכט. דער רײכסטער ייִד און האַרטסטער געבער פון קאָלאָניע האָט גע־זאָגט: אַז כּפי די מלחמה קען דאָך דױערן און דױערן, האָט נישט קײן זין

צו מאַכן אַן איינמאָליקע זאַמלונג. מען דאַרף אַרויפּלייגן אויף יעדן איינעם אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די מלחמה קען דויערן. ער האָט גלייך אָוועקגעלייגט זיין ביישטייער אויפן טיש. די אַנדערע האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל, און אין משך פון לאַנגע חדשים פלעגט די קאָלאָניע זאַמלען טויזנט פּעזאָס. אַרום 350 דאָלאַר אַ מאָנאַט פאַר די מלחמה־ליידנדיקע, אָן דיסקוסיעס.

די דיסקוסיע האָט זיך אָבער ווידער צעקאָכט אין אַ פּאָר חדשים אַרום, ווען מען האָט געדאַרפט וויילן דעלעגאַטן צום ערשטן יידישן קאָנגרעס אין אַרגענטינע. די שטרייט־פראַגע איז געווען דער ענין ארץ־ישראל. אַלע צדדים האָבן מסכים געווען אַז מען דאַרף פאָדערן יידישע גלייכבארעכטיקונג אין אַלע לענדער, אויך צו נאַציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט האָט מען מסכים געווען. אָבער די פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל איז געוואָרן דער סלע המחלוקת. זאָל מען יאָ אָדער נישט שטיצן די דאָזיקע פאָדערונג? האָבן ציוניסטן געזאָגט יאָ, האָט דער צד שכנגד געזאָגט ניין; האָבן כתם יידן געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצוזאָגן.

די ביבליאָטעק האָט פאַרכאַפּט און באַשטימט איר קאַנדידאַט אויף דעלעגאַט טאַקע דעם ביבליאָטעקאַר, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו באַציִען זיך ביי־טראַל צו דער ארץ־ישראל פראַגע. בן־ציונען האָט דער גאַנצער ענין ווייניק אינטערעסירט. ער האָט געהאַלטן אַז דער ישוב איז נאָך נישט דערוואַקסן פאַר אַ קאָנגרעס. דאָס ווילן אַ פּאָר מנהיגים געווינען פּאָפּולאַריטעט. טומלט מען מיט אַ קאָנגרעס. האָט ער זיך געשטעלט מן הצד צום גאַנצן ענין. ווען מען האָט פאַררופן די גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אויף צו באַשטימען דעלעגאַטן, איז בן־ציון, ווי עס פאַרשטייט זיך, אויך געקומען, אָבער ער האָט זיך לכתחילה אין דער דעבאַטע נישט באַטייליקט. אָבער ווען דער קאַנדידאַט פון דער ביבליאָטעק האָט דערקלערט אַז ביים ענין פון דער נאַציאָנאַלער היים וועט ער שווייגן, און ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס האָט ער געענטפערט: „נו. און אַז די ציוניסטן וועט זיך פאַרגלוסטן פאַריז, דאַרף מען זיי נאָכגעבן?"... האָט זיך שוין בן־ציון נישט געקענט באַהערשן. ער האָט געבעטן אַ וואָרט, איז אַריין מיט צופּיל היץ אין דער דעבאַטע און האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם ביים צד שכנגד, אַז ער האָט אים נישט געלאָזט פאַרזעצן זיין רעדע. אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט זיך געוואָרפן צו דער טריבונע מיט געהויבענע פויסטן, מיט „רעבענקעס" (קורצע בייטשלעך מיט וועלכע מען טרייבט־אָן די פערד ביים רייטן), מען האָט געשריגן און געדראָעט, אָבער בן־ציון איז געשטאַנען קאַלטבלוטיק, איבערגעוואַרט אַלע געשרייען, אַלע דראָונגען, אויף צו קענען פאַרזעצן זיין רעדע. ער האָט גע־

קענט זײַן רו̇יק, אַרום דער טריבונע האָט זיך גלײַך אײַנגעשטעלט אַ רינג פון עמך־ייִדן: שמידן, אַ פּאָר קצבים. אַנדערע באַלעמעלאָכעס, אַלץ מענטשן וואָס קענען איבערטראָגן אַ „כמאַל" און ענטפערן מיט אַ קלאַפּ. אונטער אַזאַ שמירה האָט בן־ציון געקענט אָפּוואַרטן רו̇יק... ביז דער פאָרזיצער אַ חבר־ציוניסט, האָט זיך געכאַפּט אַז דער צד שכנגד מאַכט דאָ באמת אָבסטרוק־ציע, ער קען אַזוי אַוועקטומלען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן, בכדי אַרונטערצורײַסן די פאַרזאַמלונג, האָט ער בן־ציונען צוגענומען דאָס וואָרט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ פלאַנטער מיט דער אָפּשטימונג. דער צד שכנגד האָט געפילט אַז ער איז אַ קלײנע מינדערהייט, האָט ער נישט דערלאָזט צו קײן אָפּשטימונג. האָט מען געהייסן שטימען מיט אויפגעהויבענע הענט. האָט דער צד שכנגד געשטימט מיט ביידע הענט אין דער הויך, בכדי צו פאַר־פלאָנטערן די ציילער; האָט מען געהייסן אַז די יאָ־זאָגער זאָלן זיך שטעלן רעכטס און די ניין־זאָגער לינקס. האָט דער צד שכנגד געשיקט זײַנע מענטשן סטראַטעגיש: אַ דריטל אַהער, אַ דריטל אַהין און אַ דריטל האָט זיך אומגע־דרייט אין צווישן.

עס איז געווען אַ הייסע זומער־נאַכט. אין דרויסן האָט זיך דערווייל גע־גרייט אַ שטורעם וואָס האָט שפּעט בײַנאַכט אויסגעבראָכן מיט שאַרפע בליצן, שטאַרקע דונערן און אַ שלאַקס רעגן אַלס צוגאָב. דעמאָלט איז די פּרעזידענץ פון מיטינג געפאַלן אויף אַן המצאה. מען האָט געלאָזט אויסרופן אַז אַלע וואָס זענען פאַר אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל זאָלן אַרויס פון סאַלאָן אונטערן רעגן... די מערהייט האָט געפאָלגט. דער צד שכנגד איז געבליבן אין זאַל. זײַן קעגנערשאַפט צו דער נאַציאָנאַלער היים איז נישט געגאַנגען אויף אַזוי ווײַט ווי אויסצושטעלן דעם אייגענעם געזונט צו אַ פאַר־קילונג. איז קלאָר געוואָרן ווו עס איז די מערהייט און ווו די מינדערהייט.

חברה יאָ־זאָגער האָבן דערווייל געכאַפּט אַ ריקודל אין דער געדיכטער בלאָטע אונטערן שלאַקס רעגן. די דונערן האָט מען פאַרטויבט מיט געזאַנג און צו די בליצן האָט מען אַרויפגעשמייכלט מיט שמחה. עס איז געווען אַן אומפאַר־געסלעך בילד, אַ פונק פון מסירת־נפש וואָס האָט דערוואַרעמט און דערהויבן.

ווען מען איז צוריק אַרײַן אין זאַל און דער עולם האָט זיך אַביסל באַ־רו̇יקט, האָט מען אָפּגעשטימט די דעלעגאַטן, אַ גרויסע מערהייט ציוניסטן, אָבער אויך דעם ביבליאָטעקאַר, דעם קאַנדידאַט פון צד שכנגד, האָט מען נישט פאַרשעמט, פאַרט אַ היימישער מענטש, טאָר מען אים נישט מביש זײַן, און, אַגב, זאָל אויך דער צד שכנגד זײַן פאַרטראָטן. די קאָלאָניע האָט גע־שטימט פאַר אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל; מעג שוין אײַן דעלעגאַט שווײַגן בײַ דער אָפּשטימונג אויפן קאָנגרעס.

קאַפּיטל 22

אַ מעשה מיט אַ שטוב

אין קאָלאָניע האָט זיך געבויט דאָס ערשטע גרויסאַרטיקע הויז. קיין פײנע הײַזער האָבן אין קאָלאָניע נישט געפעלט; געווען הײַזער ממש גרויס־שטאָטישע, מיט געוואָקסטע דילן און געפאַרבטע סטעליעס, טירן און פענצטער אין פּערסישע לאָדנס (פּערסיאַנאָס), מיט אינסטאַלירטע באָד־צימערן. ווי אויך לויפנדיק וואַסער פון די ווינטמילן (מאָלינאָס).

אָבער אַ הויז פון אַזאַ פאַרנעם, מיט אַ שפּאַנישן גאָרטן, מיט אַ סאָ־זשעלקע אינמיטן און מיט אַ גרויסע צאָל צימערן אַרום און אַרום, מיט אַ טעראַסע איבערן גאַנצן גרויסן דאַך און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, האָט מען נאָך אין קאָלאָניע נישט געזען, איז מען טאַקע געגאַנגען קוקן אויף חידושים.

געלאָזט בויען דאָס הויז האָט אַ קאָלאָניסטישער זון, אַ פּי־סוחר, אַ קינד פון אַ גאַנץ חשובער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרנישט, אַבי „מאַכן אַ פּעזע״. געבויט האָבן דאָס הויז ייִדישע מוליאַ־רעס. אַן אַלטער פאָטער מיט צוויי יונגע פעסטע בנים, שטיקלעך קרובים פון דעם באַלעבאָס פון בנין. נו, בויט זיך אַ הויז; וועמען קען עס אַרן? אַדרבא, אַ סך טוט עס נאָך הנאה: אַזאַ פײנער בנין אין קאָלאָניע!...

מיטאַמאָל איז דאָס הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָבלעם. עס האָט אויסגעבראָכן אַ סיכסוך צווישן דעם באַלעבאָס און די מוליאַרעס. ביידע צדדים האָבן זיך קעגנזייטיק באַשולדיקט אין מיסברויכן. מען האָט אָפּגע־שטעלט די בוי־אַרבעטן. האָט מען אין קאָלאָניע היפּש געשמועסט אַרום דעם, אָבער ווער וויל זיך עס צופיל אַרײַנמישן אין פרעמדע עסקים, אַפילו אי־בעריקס טראַכטן וועגן זיי?

איז עס אַזוי געגאַנגען אַ פּאָר חדשים ביז ערב יום־כּיפּור, ווען עס האָט פּאַסירט אַן אומדערהערטע זאַך, שיעור נישט דערהרגעט אַ מענטשן... געשען איז אָט וואָס: אַז מען האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט זענען די דרײַ משפּחות פון די מוליאַרעס געבליבן אָן פּרנסה, קיין אַנדער אַרבעט האָט זיך נישט אַזוי שנעל געמאַכט, האָט מען פאַרצערט די פּאָר גראָשן וואָס מען האָט געהאַט אָפּגעלייגט אויף אַ „רעגנדיקן טאָג״. מען איז אַרײַן אין חובות און סוף־כּל־סוף אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן: עס איז געווען ממש באו מים עד נפש.

ערב יום־כּיפּור האָט דער אַלטער מוליער אָפּגעשטעלט דעם באַלעבאָס

פון דער געביידע און מיט תחנונים געבעטן ביי אים אַ פּאָר פּעזעס: נישטאָ מיט וואָס צו פאַרפּאַסטן זיך, ס'וועט נישט זיין מיט וואָס זיך אָפּצופּאַסטן, און עס איז דאָך עפּעס דער יום־הקדוש. יום־כיפור ביי ייִדן; איין קלייניקייט!

דער בעל־דבר האָט זיך אָבער נישט געלאָזט ריידן. ער האָט זיך גאָר געלאָזט אַוועקגיין. האָט אים דער זקן אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן, ער וועט אים נישט אָפּלאָזן ביז וואַנען ער וועט אים נישט געבן כאָטש אַ צען פּעזעס. דער באַלעבאָס האָט דעם אַלטן אַ לייכטן שטופּ געטאָן פון זיך, אָבער אַזוי אומ־גליקלעך אַז יענער איז אומגעפאַלן, און צו אַלע צרות איז עס נאָך געווען נעבן אַ שמידעריי, ווו עס זענען געלעגן עטלעכע קאַלאָניסטישע באָראָנעס מיט די ציינער אַרויף. דער אַלטן איז מעשה שטן געפאַלן אויף איינער פון די באָראָנעס און אירע ציינער האָבן דורכגעשטאָכן זיין ברוסטקאַסטן, צע־בראָכן אַ פּאָר ריפּן, אָנגערירט די לונגען. עס איז געווען גאָר שלעכט.

אין קאָלאָניע איז געוואָרן אַ בהלה. ווער עס איז געלאָפן און האָט גע־איילט אָנצוזאָגן די קינדער. ייִדן האָבן זיך געקאָכט: סטייטש! אַזאַ נבלה! און ווען? ערב יום־כיפור! וואָס איז עס? הפקר אַ וועלט?! די זין וואָס האָבן גע־איילט צום אָרט פון דעם אַקצידענט, האָבן באַוויזן אַריינצווואַרפן דעם באַ־לעבאָס פון בנין אַ היפּשע פּאָרציע פּעטש. פּאָליציי איז אונטערגעקומען, די שלעגער האָבן באַצייטנס אָפּגעצויגן, דעם געשלאָגענעם האָט מען אַרעסטירט, דעם פאַרווּנדעטן האָט מען פאַרנומען אין שפּיטאָל. די קאָלאָניע איז אַריינ־געפאַלן אין אַ מין עצבות. אַזוינס זאָל טרעפן צווישן ייִדן? וואָס איז עס, סדום? אַזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן!...

דאַרף זיך מאַכן אַז גראָד צו יענער צייט זאָל אין קאָלאָניע נישט זיין קיין קאָמיסאַר, וואָס איז כמעט שטענדיק געווען עמיצער פון די קאָלאָניסטישע משפחות, מיט וועלכן מען וואָלט געקענט ווי עס איז דורכקומען. אָבער פון דעפּאַרטאַמענט איז געשיקט געוואָרן אַ פּאָליציי־אָפיציר ווי אַ צייטווייליקער קאָמיסאַר; ער האָט געטראָגן די פולע פּאָליצייאישע אוניפאָרעם. אפשר צום ערשטן מאָל האָט די קאָלאָניע געזען אַן אמתן „קנעפּל“. האָט מען פאַר אים געהאַט מער דרך־ארץ און אַביסל אויך מורא. אַ פרעמדער מענטש, וואָס לאָזט זיך מיט אים טאָן?...

דאָך זענען אַ פּאָר חשובים אַוועק צום קאָמיסאַר אויסבעטן, ער זאָל באַ־פרייען דעם אַרעסטירטן ביז איבער יום־כיפור. ווי עס איז, האָט מען אים דערקלערט וואָס דער טאָג מיינט פאַר ייִדן. דער בחור האָט זיך דווקא גע־לאָזט ריידן, אָבער, ליידער, קען ער דאָ גאָרנישט טאָן. ער האָט שוין פאַרטיק דעם פּראָטאָקאָל און מאָרגן מיטן ערשטן צוג מוז ער דעם אַרעסטירטן אָפּ־שיקן אין דעפּאַרטאַמענט, ווייל עס איז אַ קרימינאַל־ענין און מען קען נישט

מאַכן קיין פאַרלייכטערונגען. איז טאַקע געוואָרן גאָר שלעכט. די חשובים זענען אַוועק צום דאָקטער, צו וויסן ווי האַלט עס מיטן פאַרוווּנדעטן. דער דאָקטער האָט דערקלערט אַז עס איז ווייט פון לעבנס־געפאַר. דער אַלטער איז אַ פעסט־געבויטער מענטש, אַ בעסאַראַבער, ער וועט אַרויס בשלום. איז מען שוין צוזאַמען מיטן דאָקטער אַוועק צוריק אין דער פּאָליציי און מען איז דאָרט פאַרט געקומען צו אַ שטיקל טאָלק. אויב דער ענין וועט בלייבן אין די גרענעצן פון דער קאָלאָניע און וועט נישט דערגרייכן דעם געריכט, איז דער קאָמיסאַר גרייט מסכים צו זיין צו באַפרייען דעם אַרעסטירטן; אין קעגנפאַל, אויב פון דעם אַקצידענט זאָל ווערן אַ פּראָצעס, מוז ער עס איבער־געבן דער העכערער מאַכט.

האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן צו די מוליאַרעס, זיי זאָלן איינגיין אויף אַ בוררות. לכתחילה האָבן זיי נישט געוואָלט מסכים זיין. זיי מוזן אָט דעם רוצח אָנלערנען, אָפּצאָלן פאַר זיין ברוטאַלער האַנדלונג, אָבער לסוף האָט מען זיי איבערגעצייגט. דער טאָג האָט זיך גערוקט נענטער צום אָוונט, קיין שהיות האָט מען נישט געטאָרט מאַכן, יום־כּיפּור איז גאָרנישט קיין שפּאַס. האָבן די מוליאַרעס סוף־כּל־סוף מסכים געווען אויף אַ בוררות, אָבער איין תנאי האָבן זיי געשטעלט: בן־ציון זאָל זיין דער בורר פון זייער צד. איז מען געקומען צולויפן צו בן־ציונען. ער האָט געהאַט ווייניק חשק זיך אַריינצו־פּלאָנטערן אין דעם גאַנצן ענין, אָבער — יום־כּיפּור! גיי זאָג אָפּ... בפרט ווען פאָטער און מוטער האָבן צוגעדריקט, געוואָלט צושאָרן זייער נישט גאָר פרומען זון אַזאַ גרויסע מצווה. אויך פאַניע האָט מסכים געווען ער זאָל אָנ־נעמען דאָס בוררות. איז מען אַוועק אַלע אין פּאָליציי, שנעל האָט מען גע־שריבן פּאַפּירן, געלייגט חתימות, געמאַכט די נויטיקע באַוואָרענישן און צום פאַרפאַסטן זיך איז שוין דער אַרעסטירטער געזעסן מיט זיין משפּחה; עס פאַרשטייט זיך אויך. אַז די מוליאַרעס האָבן שוין געהאַט מיט וואָס צו פאַר־פאַסטן און אָפּפאַסטן זיך. די קאָלאָניע האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

האָט זיך אָנגעהייבן אַ לאָדעניש, וואָס איז געווען היפּש פאַרפּלאָנטערט. מצד דעם אַרבעטס־געבער איז געשטאַנען אַ גערייבענער סוחר, אַ האַרטער נוס, אַ פּקח און אַ חרוץ. בן־ציון האָט געהאַט מיט אים צו זינגען און צו זאָגן, אָבער נישט געלאָזט זיך שפּייען אין דער קאַשע. מען האָט אויסגעציילט די ציגל פון דער געביידע, די קאַכלען און די מאָזאַיקן פון דאַך, הויף, באָד־צי־מער אאַ״וו. מען האָט זיך דערגראָבן ביז די פונדאַמענטן, מען האָט געמוזט נעמען אַ שליש, ס׳הייסט אַ נייטראַלן בורר וואָס דעצידירט, מען איז געזעסן לאַנגע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט אויסגעטרונקען אַ ים מיט טיי, אָבער דער אמת איז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער. עס איז קלאָר גע־

וואָרן, אַז שולדיק איז דער אייגנטימער, בשעת ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ פּאָר פּעזעס אויף יום־כיפּור איז ער באמת געווען שולדיק די אַרבעטער שווערע הונגדערטערס. אויך דער בורר פון דעם אַרבעטער־געבערס צד האָט געמוזט אָנערקענען די אויסגערעכנטע סומעס, חוץ די אויסגאָבן פאַר דער קוראַציע פון פאַרוואונדעטן זקן, וואָס איז ביסלעכווייז געקומען צו די כוחות.

אָבער בן־ציון האָט געפאָדערט אַ קנס מצד דעם אייגנטימער פון בנין, ווייל עס איז געווען קלאָר אַז ער האָט געהאַנדלט מיט שלעכטן ווילן. ער האָט דאָך געוווּסט, אַז באמת איז ער שולדיק... מוז ער צאָלן קנס. האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן דינגענישן, פריער פאַר פעסטשטעלן דעם פרינציפּ פון קנס, שפּע־טער ביים אָפּשטעלן זיין באַטרעף. צוזאַמען אַרום און אַרום איז עס געווען אַ גאַנץ שיינע סומע. בעיקר פאַר יענע צייטן, ווען אַ פעזע איז געווען אַ פּעזע און דריטהאַלבן פּעזעס אַ דאָלאַר.

עס איז געווען אַ פייערלעכער מאָמענט ווען די בוררים האָבן אַריינגעג־רופןביידע צדדים און זיי פאַרגעלייענט דעם פּסק־דין. עס איז געווען שוין שפּעטלעך אין אָוונט, אין צימער האָט געברענט אַ בליך־לאָמפּ, עס איז גע־ווען ליכטיק ווי ביי טאָג. אויפן טיש איז געשטאַנען כיבוד, אַ לחיים מיט צו־בייסן. בן־ציון האָט פאַרגעלייענט דעם באַשלוס פון דער בוררות. די צדדים האָבן אונטערגעשריבן זייער הסכמה. דער אייגנטימער האָט גלייך אַרויסגע־נומען דאָס טשעקן־ביכל, אויסגעשטעלט דעם טשעק, זיך פאַרנייגט און מיט אַ שטילן „אַ גוטע נאַכט", פאַרלאָזט דעם צימער...

אַביסל האָט ער געטראָגן פאַרדרוס אויף בן־ציונען, עס איז געווען באַ־וווּסט ווער עס האָט אויפגעטאָן דעם ענין מיטן קנס. אָבער וויפל קען דויערן אַ פאַרדרוס אין אַ קאָלאָניע ווו אַלע זענען אייגן און היימיש: אחינו בני ישראל?...

קאַפּיטל 23

אין קאַלטע ווינטער־נעכט

אַקטיוו זענען געווען די טעג אין קאָלאָניע. פאַרנומען מיט זיין אַרבעט אין שולע, מיט אַ פּאָר פּריוואַטע לעקציעס, מיט פאַרזעצן שטודירן שפּאַניש, האָט בן־ציון ניט באַמערקט ווי די צייט לויפט. אין די פרייע פאַרנאַכטיקע שעהן פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן אין גאַס. אַריינגיין אין ביבליאָטעק, כאַפּן אַ שמועס מיט חברים און נאָכן אָוונט־ברויט איז נאָך דער טאָג נישט געווען לחלוטין פאַרענדיקט. עס איז געבליבן דער נחת פון יונגע טאַטע־מאַמעשאַפט. דער פאַרגעניגן פון אַ גוטן בוך, פון באַלערנדיקן שמועס מיט טאַטע־מאַמע, און ווען נישט ווען אויך אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, אַ ליטעראַרישער אָוונט; פון צייט צו צייט פלעגט מען זיך אויך צונויפקומען אין הויז פון בן־ציונען, ווען אַפילו נישט אַזוי אָפט. צוויי אַזעלכע אָוונטן האָבן זיך אַריינגעשניטן אין זכרון און עס איז כדאי צו דערציילן וועגן זיי.

עס איז געווען אַ קאַלטער, ווינטערדיקער תשעה־באָב אָוונט. אין הויז האָט זיך געפילט דאָס עצבות פון נאָך קינות. בן־ציון איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ ספר וואָס האָט געמאָלט דעם חורבן, פאַניע האָט געלייגט שלאָפן די צוויי פּיצעלעך. עס איז שוין געווען אַרום צען אַזייגער, שפּעטלעך לויט די באַגריפן פון דער קאָלאָניע, ווען אין טיר האָט זיך דערהערט אַ דיסקרעטער קלאַפּ. ווער קען עס זיין אין אַזאַ שפּעטער עצבותדיקער אָוונט־שעה.

געעפנט די טיר. האָט זיך אין שטוב אַריינגעשטעלט אַ חברה יונגעלייט, באַקאַנטע, אַ פּאָר באַאַמטע פון דער יק״אָ, אַ יונגער סטודענט און אַן אומ־באַקאַנטער, וועמען בן־ציון האָט געזען צום ערשטן מאָל. חברה איז געווען גוט אויפגעלייגט. זיי האָבן שפּאַצירט איבער די גאַסן, איז זיי געוואָרן קאַלט, האָט מען זיך דערמאָנט אין יונגן לערער־פּאָרל, ווו מען קען באַקומען אַ גלעזל טיי מיט צובייסן און אַ וואַרעמען שמועס ווי אַ צוגאָב... אָבער... אין אַזאַ אָוונט? — טאָקע ווייל אין אַזאַ אָוונט, ווען מ׳קען אין קאָלאָניע שווער באַ־קומען אַ ביס וועט מען זיך גראָד דאָ קענען לאָזן ווילגיין. די טענות, אַז בן־ציון געהערט נאָך צו די וואָס פאַסטן תשעה־באָב, האָבן נישט געהאָלפן. ער מעג זיך טאָן וואָס ער וויל, זיי ווילן טיי מיט קיכעלעך פון דער יונגער באַ־לעבאָסטעס געבעקס וואָס האָט געהאַט אַ שם.

מילא. וואָס טוט מען נישט צוליב היימישער חברה? האָט מען אויפגע־

קאַכט טיי, אַרויפגעשטעלט כיבוד, מען האָט פאַרפירט אַ שמועס און דווקא אַ תשעה־באָבדיקן. בלויז איינער פון דער חברה האָט נישט געוווּסט מיט וואָס מען עסט עס... דערפאַר האָט דער אומבאַקאַנטער פאַרשוין, וואָס האָט מיט אייפער אויפגעהיט זיין איקאָגניטאָ, געוווּסט צו דערציילן, נישט נאָר פון אַמאָליקן חורבן, נאָר אויך פון היינטצייטיקן אויפקום. עס איז געווען — ווי בן־ציון האָט זיך שפּעטער דערוווּסט — אַן אָנגעזעענער יידישער שרייבער וואָס איז אַ שטיקל צייט געווען אַ חלוץ אין ארץ־ישראל, צוליב דער מלחמה איז ער אַוועק פון לאַנד, דערשלאָגן זיך ביז אַרגענטינע, געאַרבעט ווי אַ געהילף פון אַ פעלד־מעסטער און זיך צוגעקוקט צום אָרטיקן לעבן.

געווען איז עס אַ קרעפטיק־געבויטער יונגערמאַן, מיט אַ געזונטע פּאָר ידים. מיט אַ שאַרפן בליק, מיט ברייטע פּלייצעס, אין ארץ־ישראל האָט ער געהערט צום „השומר"; האָט ער אַ גאַנצן אָוונט דערציילט וועגן לעבן אין די קבוצות, געוואָי פון שאַקאַלן, פייפעריי פון באַנדיטן, געראַנגל פאַר א טאָג אַרבעט, פרייד פון אויפבוי וואָס גייט אויף פון פילן אייגענעם באָדן אונטער די פיס. ער האָט דערציילט און דערציילט. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ער שוין געהאַלטן ביים כותל־מערבי, וואָס ווערט אין אַזאַ נאַכט ווי תשעה־באָב באַזוכט פון יונג און אַלט, פון פרומע און פרייע, וואָס קומען און זיצן אין שטילשווייגן אָדער אין שטילן געפּליסטער פון קינות, ביי דער וואַנט פון וואַנען, לויטן מדרש, די שכינה האָט זיך קיינמאָל נישט גערירט.

עס איז געווען אַ מאָדנע מסיבה: טיי מיט צובייסן און תשעה־באָבדיקע דערציילונגען. אָבער נישט קיין מיש־מאַש, נאָר דווקא עפּעס ווי אַ מין סינטעז צווישן אַלטן און נייעם לעבנס־סטיל. צווישן דעם ווייטן אַמאָל און דעם היינט וואָס זאָגט אָן אַ נייעם מאָרגן.

און אין אַ צווייטן קאַלטן ווינטער־אָוונט האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר אַן איינזאַמער גאַסט, אַ פרעמדער, אַ פיין געקליידטער יונגערמאַן מיט אינטעליגענטישע פּענסנע אויף דער יידישלעכער נאָז. ער האָט גערעדט רוסיש און דערפאַר האָט מען אים פון דער באַן־סטאַנציע גלייך צוגעפירט צו בן־ציונס הויז, ער איז פון זיינע לייט... ער איז אַ יונגער רוסישער פּראָפעסאָר, געווען אויף אַ שטודיום־רייזע אין אינדיע, אויף צוריקוועגס האָט אים פאַרכאַפּט די מלחמה, איז ער געבליבן נישט אַהער, נישט אַהין, האָט ער באַשלאָסן אַוועק אין די ווייטע אַמעריקעס. וואָס ווייטער פון אומגליק.

אין אַרגענטינע האָט ער זיך דערוווּסט וועגן די יידישע קאָלאָניעס און וויל זיך מיט זיי באַקענען; איז ער געקומען. ער איז גרייט צו געבן אַ פאָרטראָג וועגן זיינע רייזעס. יידן האָבן דאָך אינטערעס פאַר אַזעלכע זאַכן. הכלל, פּראָפ' נ. איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אויף אַ פּאָר טעג שפּעטער איז

איינגעאָרדנט געוואָרן זיינער אַ רעפּעראַט מיט ליכט־בילדער. קוואַרטיר האָט ער געהאַט ביי בן־ציונען און האָט זיך גאָר פֿאַסמאַקעוועט מיט די ייִדישע פֿיש און רוסישן באָרשט וואָס פֿאַניע האָט מייסטערהאַפֿט געקאָכט. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען אין הויז גערעדט מער רוסיש ווי ייִדיש, אין די אָוונטן פֿלעגט מען זאַלבעדריט זינגען רוסישע און אוקראַיִנישע לידער. אין וועלכע דאָס יונגע ווייבל איז געווען אַ גאָר גרויסע ווירטועזין. אַוודאי האָט מען געשמועסט פּאָליטיק. בשעת בן־ציון האָט געהאַלטן פֿאַר די פֿאַרבינדעטע און ממילא שוין אויך רוסלאַנד, ווייל ער האָט געפֿילט די סכנה וואָס אַ זיג פֿון דער ווילהעלמישער דייטשלאַנד וואָלט באַדייט פֿאַר דער וועלט, האָט זיין גאַסט דווקא געהאָפֿט אויף אַ מפּלה פֿון רוסלאַנד, פּטור צו ווערן פֿון צאַריזם, דאָס איז דער עיקר, די רעשט וועט שוין קומען פֿון זיך אַליין. וועגן צאַריזם האָט ער גערעדט מיט אַ פֿאַרביסענער שנאה. ווען בן־ציון האָט אים אַמאָל אַ פֿרעג געטאָן: ווי קומט עס וואָס ער איז אַזאַ שונא פֿון צאַרישן רוס־לאַנד, ער איז דאָך סוף־כל־סוף אַליין אַ רוסישער מענטש, האָט פּראָפֿ׳ ב. געענטפֿערט: — איך האָב פֿיינט דאָס צאַרישע רוסלאַנד דאָפּלט, סיי אַלס ליבעראַל, סיי אַלס אַן אָפּשטאַמיקער פֿון ייִדן...

דער פּאָרטראַג פֿון פּראָפֿ׳ ב. איז געווען אין רוסיש, אין קאָלאָניע זענען נאָך געווען גענוג מענטשן וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען די שפּראַך. פֿאַר די וואָס האָבן דאָס לשון נישט פֿאַרשטאַנען האָט בן־ציון איבערזעצט די הויפּט־שטעלן. דער גאַסט האָט אויפֿן וועג קיין אינדיע באַזוכט ארץ־ישראל, האָט ער דער־ציילט אַ פּאָר עפּיזאָדן פֿון דאָרטיקן לעבן, צווישן זיי דעם מאָדנעם פֿאַקט, אַז צו דער פֿאַרש־מיסיע איז געקומען אַן עלטערער ייִד און האָט געבעטן אַז אויף דער צוריקרייזע פֿון אינדיע זאָלן זיי אים ברענגען אַ יונג־לייבעלע, ווייל ער האַלט אַז מען קען איבערדערציִען אַ לייב אַז ער זאָל נישט זיין בלוט־דורשטיק, ער זאָל נישט עסן קיין פֿלייש, נאָר פֿאַשע, היי, שטרוי, ווי עס זאָגט זיך אין דער נבואה פֿון ישעיהו הנביא: „ואריה כבשר יאכל תבן" — דער לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי.

ווען מען איז אַרויס פֿון פּאָרטראַג איז די קאָלאָניע געווען איינגעהילט אין אַ דיקן מאַנטל פֿון ווייסן שניי. אפֿשר דאָס איינציקע מאָל פֿאַר דער גאַנ־צער צייט וואָס זי עקזיסטירט. דער הימל איז נאָכן קורצן שניי־שטורעם גע־ווען לויטער־בלוי, שטערן האָבן געפֿינקלט. עס האָט אַראָפּגעשיינט אַ פֿולע ליכטיקע לבנה. עס איז געווען עפּעס ווי אַ מין אַקאָמפּאַנימענט צום רוסישן פּאָרטראַג: רוסישער שניי, אַ לבנה וואָס זעט אויס אַנדערש ביים שימער פֿון שניי — אַ רוסישע לבנה! ווי געשטויסן פֿון אַן אינסטינקט האָבן ביידע נייע

פרײנט, דער ייִד און דער אָפּשטאַמיקער פון ייִדן, זיך צעזונגען איבער דער שלאָפנדיקער קאָלאָניע מיטן באַקאַנטן רוסישער זמר:

אַידאַ טראַיקאַ, סניעג פושיסטי!...

אין דער היים האָט בן־ציון אַ זאָג געטאָן צו זײַן גאַסט, אַז ער קען אים אָפּמאָלן דעם מענטשן, וואָס האָט באַשטעלט אַז מען זאָל אים ברענגען אַ לײַבעלע פון אינדיע, ער קען אים אַפילו זאָגן דעם נאָמען פון דעם מאָדנעם באַשטעלער.

— אַדרבא, — האָט דער גאַסט מסכים געווען, — לאָמיר הערן.

בן־ציון האָט גענומען באַשרײַבן דעם מענטשן און דער גאַסט האָט צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ווען בן־ציון האָט געזאָגט אַז דעם מענטש רופט מען מיכאַל האַלפּערין, האָט אים דער גאַסט געפרעגט: פון וואַנען ווייסט איר עס? בן־ציון האָט דערקלערט אַז ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט און אָנגעלײענט וועגן מיכאַל האַלפּערין, אַזוי פיל מאָל געזען זײַנע בילדער אַז ער האָט געמוזט דרינגען אַז דאָס איז דער „טשודאַק" וואָס האָט געמאַכט די קוריאָזע באַשטעלונג.

דער גאַסט האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און שפּעטער געזאָגט: אָט האָסטו אַ מענטשן מיט אַ מאָזאַיִק־נשמה, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידע־נע שטיקלעך, וווינט אין אַרגענטינע, עס ציט אים צו ארץ־ישראל. און אַמאָל פאַרבענקט ער זיך גאָר נאָך „מאַטושקאַ ראָסיאַ" (מוטערל רוסלאַנד), נאָר ייִדן קענען זײַן אַזוי! ווייסט איך אַ גוט יאָר, וואָס פאַר אַ פאָלק איר זענט באמת...

קאַפּיטל 24

טאַלאַנטן און קונסט

פון צייט צו צייט פלעגט אין קאַלאַניע אַראָפּקומען אַ טרופּע פון דער הויפּטשטאָט און שפּילן יידיש טעאַטער. איז עס געווען יום־טוב אין קאַלאַניע, יוגנט פון אַלע ריכטונגען האָט זיך געדרייט אַרום די אַרטיסטן, רייכע הייזער פלעגן זיי אויפנעמען, אייניקע אַפילו איינקוואַרטירן; איין קלייניקייט, קינסטלער פון בוענאָס איירעס!

גאָר געהויבן איז עס געווען ווען אַ טרופּע האָט מיטגעבראַכט אַ סטאַר פון די פּאַראַייניקטע שטאַטן. דעמאָלט איז די קאָלאָניע ממש געגאַנגען אויף רעדלעך. די זאַלן זענען געווען צו קליין אַריינצונעמען דעם עולם. דער רעפּערטואַר האָט מערסטנטייל געמוזט זיין אַ בעסערער: גאָלדפאַדן, גאָרדין, קאָברין וכ׳. אַמאָל פלעגט מען אַריינכאַפּן טאָקע אַן עכט ליטעראַרישע פּיעסע: פּרץ, פּינסקי, אַש, שלום־עליכם. די „שטיק” פון פּראָפ׳ הורוויץ האָט די קאָלאָניע נישט גערן אָנגענומען, געווען אויף דער סחורה וויניק בעלנים, געווען געשמאַק אין קאָלאָניע.

אָבער וואָס טויג דער גאַנצער ענין אַז דער באַזוך איז געווען אויף אַ וואָך, העכסטנס אויף צוויי. ס׳איז געווען בלויז אַ מין אַפּעריטיוו, אָנרעגן דעם אַפּעטיט; נאָכן אָפּפאָרן פון די אַרטיסטן פלעגט זיך פילן אַ מין פוסטקייט, אַ מין אָפּהענטיקייט, אַ גוטע פּאָר וואָכן נאָכדעם פלעגן די אָרטיקע טעאַטראַלן אַרומגיין ווי אין בענקשאַפט נאָך אַ זיסן חלום.

ביסלעכוויז האָט מען דערטראַכט צו גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז פון ליבהאָבער, שפּילן טעאַטער אויף אייגענער האַנט. „כוחות” זענען געווען, בחורים און מיידלעך פון קאָלאָניע און אַרומיקע גרופּעס האָבן אַרויסגעוויזן סיי היפּש טאַלאַנט, סיי נייגונג צו טעאַטער, עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אַ פּאָר יאָטן מיט רעזשיסאָרישע פעיִקייטן, און עס איז אַוועק אַ גאַנג. פריִער לאַנגע וואָכן רעפּעטיציעס וואָס זענען געווען ווי אַ מין פאַרגעשמאַק צו דער פאָרשטעלונג און צו וועלכער עס פלעגן קומען אַ היפּשע צאָל זייטיקע צושויער, און לסוף טאָקע די פאָרשטעלונגען אַליין, וואָס פלעגן ציִען גרויסע זאַלן מיט עולם.

אינגאַנצן אויף די אייגענע כוחות האָט מען זיך נישט פאַרלאָזט. מען האָט גענומען צו הילף די מחברים, געשפּילט כמעט בלויז אָנערקענטע לי־

טעראַרישע פּיעסן, װען־נישט־װען אַ זאַך פון מרדכי אַלפּערסאָן אָדער שמואל גלאַזערמאַן, די היימישע דראַמאַטורגן, קינדער פון די קאָלאָניעס, און אַמאָל סתם אַ לייכטערע פּיעסע. מען האָט זיך צום ענין אָפּגעגעבן מיטן פולסטן ערנסט, יעדער איינער האָט געפונען זיין „אמפלוא״. מען האָט זיך איינגע־שפּילט פּערזענלעך און צונויפגעשפּילט קאָלעקטיוו. דער ליבהאָבער־קרייז איז געוואָרן אַ שם־דבר. ער פלעגט װען־נישט־װען אַרויספאָרן אויף פאָרשטע־לונגען אין די װייטערע גרופּעס, װו געשפּילט האָט מען אין אַ „גאַלפּאָן״ (אַ מין בודע פון בלעך); די בינע איז געװען אַ פלאַטפאָרמע־װאָגן, אָדער צװיי, און דער עולם איז געזעסן אויף פּעקלעך געפּרעסטע „אַלפאַלפאַ״. נישט זעלטן האָט געטראָפן אַז אויך נישט־ייִדן פלעגן קומען צו די פאָרשטעלונגען. די „פּראָזע״ האָבן זיי טאָקע נישט פאַרשטאַנען, אָבער ייִדישע פריינט פלעגן זיי איבערגעבן דעם אינהאַלט, האָבן זיי שוין געקענט נאָכפאָלגן די פאָרשטעלונ־גען. אין גיכן איז צוגעקומען אַ „קאָנקורענט״ — אַ דראַמקרייז וואָס האָט געפּרוווט שפּילן אויף שפּאַניש, אָבער מיט װייניק דערפאָלג, די צייט איז נאָך נישט געװען רייף דערפאַר, די קאָלאָניע איז נאָך געװען פולע הונדערט פּראָצענט ייִדיש.

צװישן איין פאָרשטעלונג און דער צװייטער פלעגט מען אין די שבת־צונאַכטן פאַראַנשטאַלטן ליטעראַרישע אָװנטן: דעקלאַמאַציע, רעציטאַציע, פאָרלעזונגען, מוזיק. צװישן יונגװאַרג זענען געװען היפּשע כוחות פאַר קלײנ־קונסט. אַ דעקלאַמאַטאָרין איז געװען אַן אויסגעצייכנטע. אַ הויכע, אַ שטאַל־טנע, אַ שיינע, מיט פיינע באַװעגונגען און אַ שטימע װאָס האָט זיך געלאָזט ביזאַנסירן פאַר די פאַרשיידנסטע טענער, פלעגט זי דעקלאַמירן פּאָעזיע, און כאָטש אין קאָלאָניע איז שוין דערגאַנגען דער נאָמען פון דער היינט װעלט־באַרימטער בערטאַ זינגערמאַן, האָט מען דאָך געװאָגט צו גלייבן אַז צו „אונ־דזער גיטלען״ קומט זי נישט... אַ צװייטע בחורטע איז געװען װי געבוירן צו רעציטירן שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט שאַרפע באַ־װעגונגען, מיט אַ מענה־לשון װאָס האָט פולקאָם האַרמאָנירט מיט דער פּראָ־זע, פלעגט זי ממש ענטוזיאַזמירן דעם עולם מיט אירע שלום־עליכם מאָנאָ־לאָגן. אַ בחור פון אַ גאָר חשובער פאַמיליע, אַ שטיקל בן־תורה און זייער אַ געלאַסענער, האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פאָרלייענען אָדער פאָרשטעלן די קורצע דערציילונגען פון שלום־עליכם, אַ „װען איך בין ראָטשילד״ וכו׳. גע־װען נאָך אַנדערע טאַלאַנטירטע װאָס האָבן מיט שטימע, באַװעגונגען, פּאָס־טעמקעס, געזאַנג, געקענט באַלעבן די פיגורן און געדאַנקען פון די װערק פון אונדזערע גרויסע טאַלאַנטן: ביאַליק, פרוג, יהואש, ראָזענפעלד לייוויק, פּרץ, אַש, בעיקר שלום־עליכם. דער עולם פלעגט גאָר אַנקװעלן פון דער איי־

געגער חברה, וואָס האָט באַוויזן פעיִקייטן און נטיות זיך אויסצולעבן אין יִידיש.

דאָס בלויז געדעדטע קינסטלערישע וואָרט איז נישט געווען גענוג צו שטילן די קינסטלערישע אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג, דערהויפּט פון דער יוגנט. מען האָט געמוזט „צוקנעלן" מיט מוזיק און געזאַנג. אַ געלעגנהייט איז געווען אַ גוטע, אין קאָלאָניע איז געווען אַ גוטער מוזיקער וואָס האָט געהאַלטן אַ מוזיק־שול און האָט מסכים געווען צו שאַפן אַ כאָר און אַן אָרקעסטער.

האָט זיך עס ווידער גענומען קאָכן און טומלען אַרום די נייע קונסט־אינטערעסן. שטימען פאַר אַ כאָר האָט מען לייכט באַקומען, שווערער איז שוין געווען מיט אינסטרומענטן פאַרן אָרקעסטער. האָט די ביבליאָטעק געמאַכט אַ שטילע זאַמלונג, מען האָט אַראָפּגעבראַכט די כלים און אין לאַנגע ווינטער־נעכט האָבן זיך ביז שפּעט געטראָגן אין דער לופטן די טענער פון די אינסטרומענטן אויף וועלכע חברה האָט זיך געלערנט שפּילן, פריִער ביחידות, שפּעטער אין גרופּעס, נאָך שפּעטער אין פולן צוזאַמענשטעל פון אָרקעסטער וואָס האָט זיך געגרייט צו זיין ערשטן אויפטריט.

דער געמיינזאַמער אויפטריט פון כאָר און אָרקעסטער איז פאָרגעקומען ביי גאַר אויסטערלישע אומשטענדן. אין דער ליטוויש־מתנגדישער שיל וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען האָט מען מיט כאָר און אָרקעסטער געבענטשט דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל; און ווער עס האָט נישט געזען די צעשיינטע פּנימער פון די זקנים פון חברה ש״ס, בשעת זייערע קינדער און אייניקלעך האָבן מיט מוזיק־באַגלייטונג אויסגעזונגען דעם „הנרות הללו" און „מעוז צור", מיט אַ רייע יִידישע לידער און העברעיִשע שירים אַלס צוגאָב, האָט קיינמאָל נישט געפילט דעם ריכטיקן באַדייט פון וואָרט „המשך". „ממש ווי אין בית־המקדש", האָבן אַלטע לעפצן געמורמלט, כאָרן זינגען, מוזיק שפּילט, אַ געדיכטע יִידישע מאַסע שטייט און הערט. עס איז „לויים בדוכנם וישראל במעמדם", ב״ה, אונדזער בלוט ווערט נישט פאַרפרעמדט ח״ו.

שבת פאַרנאַכט פלעגט דער אָרקעסטער אויפטרעטן מיט אַ וועכנטלעכן קאָנצערט, עס איז געווען שפּאַציר־שעה. יוגנט האָט געמאַכט הקפות אַרום דעם עוקאַליפּטן־וועלדל אין צענטער פון קאָלאָניע. כאָטש עס איז נאָך געווען היפש פאַר שקיעה און פרומע יִידן זענען נאָך געזעסן ביי דער דריטער שבתדיקער סעודה, האָט מען נישט פּראָטעסטירט פאַרוואָס דער אָרקעסטער שפּילט אַזוי פרי. עס זענען דאָך געווען יִידישע ניגונים. איז וואָס פאַר אַ שענערע אַרויסבאַגלייטונג פאַר דער מלכה־שבת קען מען צוטראַכטן פאַר איִרע לעצטע שעהן וואָס זענען אַזוי פול מיט יִידישער בענקשאַפט, מיט לעכ־

צונגען נאָך עפּעס העכערס וואָס קומט פון גאָר אַנדערע וועלטן? און ווען ייִדישע מאַמעס האָבן שפּעטער פרום געשעפּטשעט דעם „גאָט פון אברהם", האָט זיך זייער שעפּטשען צונויפגעגאָסן מיט די טענער פון בלאָז־אָרקעסטער אין איין האַרציקער ייִדישער סימפאָניע. דער דיריגענט פון אָרקעסטער פלעגט שוין מוזן זען, אַז אַן ערך אין דער צייט ווען פרומע ייִדן מאַכן הבדלה, זאָל דער אָרקעסטער שפּילן אַן „המבדיל", וואָס אַלע האָבן געקענט. איז ווידער געוואָרן אַ רעליגיעז־קינסטלערישער סימפאָזיום, וואָס גיסט צונויף פאַרשיי־דענע און דאָך אידענטישע וועלטן.

קאַפּיטל 25

תורה און וויסן

עלטערע קאַלאַניסטן פון די גרופּעס האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַריינצוּיען אין קאַלאַניע אַריין. די נחלות האָט מען געקאָנט לאָזן אויף די הענט פון זין און איידעמס וואָס זענען שוין אַליין געווען טאַטעס פון היפּשע קינדער. האָט מען אויף דער עלטער געוואָלט זיין „צווישן ייִדן", האָבן מנין אַלע טאָג, נישט בלויז שבת און יום־טוב, און בכלל אויסלעבן זיך ווי אין דער אַלטער היים.

צווישן די ניי־אַריינגעפאָרענע קאַלאַניסטן זענען געווען היפּש ייִדן לומ־דים, אין קאַלאַניע גופא זענען אויך געווען ייִדן יודעי־תורה. האָבן עטלעכע ייִנגערע מענטשן, בן־ציון צווישן זיי, אויפגעהויבן די איניציאַטיוו פאַר א חברה ש״ס, וואָס האָט לכתחילה אָנגעהויבן אויף צו פלייסן און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פעסטער קרייז פון היפּשע עטלעכע מנינים. פון אָנ־פאַנג האָט מען געלערנט בלויז אין די שבתים, שפּעטער אויך אַלע טאָג ביז מנחה למעריב. ביים טיש זענען געזעסן ייִדן טיפע לומדים, שאַרפע מוחות, אַנדערע גרויסע בקיאים אין די הוויות פון אביי און רבא. דער רבי איז כמעט אַלעמאָל געווען אַ חריף ובקי צוזאַמען, איז עס געווען אַ נחת־רוח צו זיצן ביים שיעור, מפלפל זיין זיך, אַפּפרישן און אויסשאַרפן די ידיעות וואָס מען האָט מיטגעבראַכט פון דער היים. מיט באַזונדערן אינטערעס פלעגט בן־ציון באַטראַכטן די ייִדן לומדים וואָס זענען נאָך געבליבן אין די גרופּעס, און פלעגן פון צייט צו צייט זיך אַראָפּכאַפּן אין קאַלאַניע, קומען צום שיעור און „אָפּכאַפּן די נשמה", מיט אַ געוויסער האַסטיקייט, ווי זיי וואָלטן וועלן אַריינ־כאַפּן וואָס מער. פלעגן זיי זיך אַריינוואַרפן אין די כוואַליעס פון ים־התלמוד, ווי געניטע שווימער פלעגן זיי אים קרייצן אין אַלע ריכטונגען. אָט געלייגט שטורמישע קלאַפּטער, און אָט געגאַנגען געהיטע טריט־וואַסער. בן־ציון פלעגט זיך איינקוקן אין זייערע אויפגעשיינטע, פאַרייִנגטע געזיכטער, זיי האָבן גע־האַט אַ כמעט פיזישע הנאה פון דעם לערנען וואָס זיי האָבן שוין געהאַט אַביסל פאַרלאָזט, און אַוועק פון שיעור פלעגן זיי אָפּגעפרישטע און דערמונ־טערטע. ביים שיעור פלעגן זיך אַמאָל פאַרפירן וויכוחים איבער אַ האַרבן תוספות אָדער אַ שאַרפן מרש״א, צי גאָר אַ רמב״ם, וואָס פלעגן פאַרגעזעצט ווערן אין פּריוואַטע וויכוחים, טעג און וואָכן. האָט זיך אין בן־ציונס זכרון

אײנגעשניטן אַזאַ מין בילדל. עס איז אַ קאַלטער װינטער־טאָג; אױפֿן װעג פֿון שולע אַהײם טרעט בן־ציון אָפּ אין יאַטקע מיטצונעמען פֿלײש אַהײם. ער מוז װאַרטן, װײל דער קצב האַלט אין מיטן אַרױסגעבן פֿלײש פֿאַר אַ „קאַלײקע" (ס'הײסט אײנער, פֿון אַ גרופּע, יעדער טאָג אַן אַנדערער, װאָס קומט נעמען פֿלײש פֿאַר זײַן גאַנצער גרופּע), און טאָר נישט מפסיק זײַן דורך אַרױסגעבן אַ קילאָ פֿלײש אַן אָרטיקן. שטײט בן־ציון בײַ דער טיר, װאַרעמט זיך אין די שטראַלן פֿון דער זון װאָס האָט זיך שױן היפּש גענײגט צו מערב און באַטראַכט אַ פֿיגור פֿון אַ ייִדישן פּױער װאָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין װאַנט פֿון דער יאַטקע און װאַרט געדולדיק אױף זײַן „קאַ־לײקע".

די פֿיגור פֿון קאַלאַניסט איז אַ הױכע, אַ ברײטע, אַ פֿעסטע, דאָס פּנים אַביסל מגושם, די האָר — געלע, די באָרד שױן לאַנג נישט געגאָלט, סטאַר־טשען די האַרטע האָר װי פּענקעס בײַ אַ שלעכט־געפּליקטן גאַנער, די אױגן צוגעזשמורעט, דאָס פּנים אַרױסגעשטעלט צו דער זון, װאַרעמט ער זיך װי אַ קאַץ. בײַ בן־ציונען האָט די פֿיגור פֿון קאַלאַניסט אַרױסגערופֿן מחשבותן װעגן מגושמדיקײט, פֿאַרגרעבטקײט, עם־הארצות װאָס האָבן אַרױסגעקוקט פֿון די פּראָסטע בגדים און פֿון די קאַרענע שטיװול...

מיט אַמאָל איז צוגעקומען אַ קלײן ייִדל, אַ זשװאַװעס, אַ לופּטיקס, מיט אַ שיטער בערדל און פֿלינקע באַװעגונגען, און האָט זיך צעשריִען אױפֿן מגושמדיקן ייִדן:

— הער נאָר דו, ביסט דאָך גאָר אינגאַנצן געגאַרט אין יענעם און יענעם רמב"ם, האָסט דאָך מיר אַראָפּגעפּירט פֿון װעג, קאָנסט דאָך דאָרט פּשוט קײן פּשט נישט...

דער ריזיקער קאַלאַניסט האָט פֿויל געעפֿנט אַ שפּעלטל אין זײַנע אױגן, קאַלטבלוטיק אַ קוק־געטאָן אױף זײַן מיטשמועסער און כלאחר־יד געענט־פֿערט: גײ שױן גײ, ליפּע, רעדסט דאָך ממש װי אַן עם־הארץ, דו פֿאַרשטײסט נישט דעם פּשט און טשעפּעסט זיך צו מיר.

ליפּע איז אױפֿגעשפּרונגען, נערװעז געדרײט זיך אַרום זײַן חבר, האָט געשאָטן מיט רײד, געדרײט מיטן פֿינגער, געבראַכט ראיות, געװאָרפֿן מיט מאמרים, אָבער יענער איז געשטאַנען װי נישט אים מײנט מען, געזשמורעט די אױגן אױף דער זון, געשמײכלט און פֿון צײַט צו צײַט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט צוגעבנדיק אַ ביטולדיקן עט!... דעם סוף פֿון דעם װיכוח האָט בן־ציון נישט געקאָנט צוזען, װײל מען האָט אים אַרײַנגערופֿן אין יאַטקע צו אױסטײלן אים פֿלײש. װען ער איז פֿון דאָרט אַרױסגעקומען זענען שױן די

צוויי קאַלאַניסטישע לומדים צווישן זיך דורכגעקומען, דער רמב״ם איז קלאָר געוואָרן, אוןביידע האָבן פרידלעך געשמייכלט.

אין קאָלאָניע איז אַריבערגעפאָרן אַ לערער פון אַ נישט־ווייטער גרופּע, אַ ייִד אַ משכיל, האָט ער אָנגעהויבן געבן פאַרטראַגן איבער ייִדישער געשיכטע, טאַקע אין דער ליטווישער שיל ווו עס איז געווען די חברה ש״ס. צו די לעקציעס פלעגט קומען היפשער עולם, אַ טייל פון חברה ש״ס און אַ טייל סתם ייִדן וואָס האָבן געהאַט אינטערעס צו הערן וועגן ייִדישן עבר; דער לערער איז געווען אַ גרויסער בעל־הסברה, ער האָט איינגעקנעלט מיט די צוהערער גרעצן, אויסגעברייטערט פון שפ״ר, ייִדן האָבן געהאָרכט און אָנגעקוואָלן...

אין דער שיל האָט זיך מתקנא געווען די ביבליאָטעק, אין משך פון אַ דריי ווינטערס האָט מען דאָרט אין די ווינטער־אָוונטן איינגעאָרדנט קורסן פאַר דערוואַקסענע, געלערנט ייִדיש, העברעיִש, שפּאַניש, חשבון, אַביסל וועלט־געשיכטע און געאָגראַפיע. תורה און בילדונג האָבן זיך דערגענצט; איינער ביים צווייטן האָט גאָרנישט אויסגעכאַפּט, מען האָט נישט געפירט קיין דיסקוסיעס און מחלוקת וועגן דעם וואָס איז בילכער, מען האָט געטאָן וואָס עס האָט זיך געלאָזט אויף צו דערהאַלטן דעם קולטור־ניוואָ פון ישוב. אויך אַנדערע שילן האָבן זיך מתקנא געווען אין דער ליטווישער שיל ווו מען האָט געלערנט ש״ס, האָט מען אין איינער געלערנט פאַרנאַכט משניות, אין אַ צווייטער — פשוט חומש מיט רש״י; די קאָלאָניע איז געווען אַ מקום תורה.

אין אַ הייסן זומערדיקן אָוונט, ווען אין קאָלאָניע האָט מען געפּראַוועט אַ חנוכה־אָוונט און אינדרויסן האָט זיך געקליבן אַ שטורעם, וואָס האָט טאַקע שפּעטער אויסגעבראָכן מיט דונערן און בליצן און אַ שלאַקס־רעגן, האָט זיך אין סאַלאָן ווו דער אָוונט איז פאָרגעקומען, אַריינגעשטעלט אַ ייִנגערמאַן, וואָס האָט גערעדט נאָר לשון־קודש; קיין ייִדיש, האָט ער געזאָגט, נישט ער רעדט, נישט אַפילו ער פאַרשטייט. איז עס געווען אַ ווונדער סיי פאַר די וואָס האָבן יאָ געקאָנט, סיי פאַר די וואָס האָבן נישט געקאָנט קיין העברעיִש. די ערשטע האָבן זיך געחידושט וואָס ער רעדט מיט דער אשכנזישער הברה. די אַנדערע האָבן סתם נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען האָט זיך אַזאַ איינער גענומען און ווי אַזוי האָט ער זיך בכלל דערשלאָגן אין קאָלאָניע.

דער יונגערמאַן האָט געקראָגן אַ פּאָר העברעיִשע לעקציעס, באַזעצט זיך אין קאָלאָניע און אָנגעהויבן שפּילן די ראָלע פון אַן אָרטיקן בן־יהודה. ער האָט גערעדט נאָר לשון־קודש, אויף אַ פראַגע אין ייִדיש האָט ער נישט געענטפערט, ער פאַרשטייט נישט. אויף דורכרעדן זיך מיט אים האָט מען געדאַרפט אַ דאָלמעטשער. אַפילו צום איינציקן אוניפאָרמירטן פּאָליציסט, אַ פעסט־

געבויטן רעספּעקטפֿולן גאָוטש, פֿלעגט ער רעדן אין העברעיִש, און יענער פֿלעגט אים געדולדיק אויסהערן און ענטפֿערן: „אָסי סעראָ״ — מסתּמא איז עס אַזוי...

ביסלעכווייז האָט זיך אַרום דעם יונגנמאַן געשאַפֿן אַ קרייזל. אין די שבת בייטאָגן האָט מען זיך אָנגעהויבן פֿאַרזאַמלען אין דעם לאָקאַל פֿון דער ציוניסטישער אגודה און פֿירן שמועסן אויף העברעיִש. עס איז אָנגעקומען נישט לייכט, מען האָט זיך היפּש געבראָכן די צונג, אָבער מען האָט אָפּגעפֿרישט האַלב־פֿאַרגעסענע ידיעות, וואָס מען האָט נישט געקאָנט זאָגן מיט ווערטער, האָט מען די ערשטע צייט פֿאַרענדיקט מיט תּנועות, אָדער גאָר באַנוצט יידישע ווערטער. מען האָט זיך געכאַפּט אַז קענען העברעיִש איז איין זאַך, און רעדן העברעיִש — אַ צווייטע. מיט דער צייט זענען פֿאַרט די שוועריקייטן לייכטער געוואָרן, און אין קולטור־לעבן פֿון קאָלאָניע איז צוגעקומען נאָך אַ פֿאַקטאָר: העברעיִש.

קאַפּיטל 26

נייע האָריזאָנטן

פאַני האָט געהאַט קרובים אין די קאָלאָניעס פון אַ צווייטער פּראָווינץ. פון זינט מען איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, האָט זי געשטרעבט צו באַזוכן אירע פעטערס, מומעס און שוועסטערקינדער. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט איינעם פון די קרובים, אַ קאָלעגע, אַ העברעיִשער לערער פֿון די בעסטע. מען האָט זיך איבערגעשריבן אין העברעיִש און בן־ציונס שרייבן האָט געמאַכט אַ שטיקל רושם, אַזוי אַז מען האָט שוין פון אים געוווּסט אין די לערער־קרייזן. האָט ער אויך שטאַרק געוואָלט פאַרן, זיך באַקאָנען מיט אַ נייער סביבה.

אין קילאָמעטערס איז דער מרחק צווישןביידע קאָלאָניעס געווען נישט אַזוי ווייט, אָבער די רייזע איז געווען נישט קיין דירעקטע, נאָר אַ געפּלאָנטערטע: פור, צוג, שיף, ווידער באַן און ווידער פור. איז עס געווען אַביסל שווערלעך דורכצומאַכן מיט צוויי קליינע חברה אויף די הענט, אָבער דער חשק צו זען קרובים און נייע האָריזאָנטן האָט גובר געווען, און אין די שול־וואָקאַציעס איז מען אַרויסגעפאָרן אויף דער נסיעה.

געקומען צופאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון דער צווייטער פּראָווינץ, האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע אַז מען האָט דאָרט געדאַרפט בלייבן אַ פּאָר טעג, די צוגן פלעגן גיין נאָר דריי מאָל אין וואָך. האָט מען זיך איינקוואַרטירט אין אַ האָטעל און געוואַרט אויף איבערמאָרגן. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע פון סורפּריזן. קודם־כל האָט זיך פאַניען געדוכט אַז אָט יענער הויכגעוויקסיקער פאַרשוין אין די מיטעלע יאָרן, איז איר שוועסטערקינד, יאַנקל דעם פעטער יאָסלס, וואָס איז צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אַוועק קיין אַרגענטינע מיט אַ פופצן יאָר צוריק; זי איז נאָך דאַן געווען אַ קינד, אָבער זי וואָלט געקאָנט שווערן אַז דאָס איז יאַנקל; זי געדענקט אים גלייך ווי זיי וואָלטן זיך ערשט נעכטן געזעגנט. האָט זיך בן־ציון אויסגעלאַכט: ווער קען דערקענען אַ מענטשן נאָך אַזאַ לאַנגער צייט! דער מאַן האָט עפּעס אויך אַ פּאָר מאָל צו שאַרף אַ קוק־געטאָן אויף פאַניען, אָבער מאַלע וואָס איינער קוקט, זאָל ער.

האָט מען גענומען די צוויי קינדערלעך ביי די הענטלעך און מען איז אַוועק באַקוקן די שטאָט. גייענדיק פון גאַס צו גאַס האָט מען מיטאַמאָל

דערזען איבער אַ געשעפט אַ שילד מיט אַ מגן־דוד, — מוז דאָך עס זײַן אַ ייִדיש געשעפט! דאַרף מען אַרײַנגײן. עס איז נישט געװען קײן טעות: די באַלעבאַטים פון קראָם זענען טאַקע געװען ייִדן. צעשמועסט מען זיך: װיפל ייִדן איז פאַראַן אין שטאָט? — אַ פערציק משפחות; מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט מען געגרינדעט אַ פאַראײן, געדונגען אַ דירה פאַר אים. אויב די געסט װעלן צוקומען אַהין אין אָװנט װעלן זײ קאָנען בײַזײַן אַ רעפּעטיציע פון אַ „ספּעקטאַקל" אויף ייִדיש װאָס מען גרײט זיך שטעלן צו גונסט פון אַ שולע װאָס מען װיל גרינדן. הכלל, אַן אָנהײב פון אַ ייִדישן לעבן װאָס מאַכט זײַנע ערשטע שריט, איז דאָך עס סתּם אינטערעסאַנט.

אַװדאי האָבן זיך די געסט נישט געלאָזט לאַנג בעטן, פאַרשריבן דעם אַדרעס פון פאַראײן, און אין אָװנט איז מען אַהין צוגעקומען, געטראָפן דעם פאַרװאַלטער, און ביז דער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען האָט מען זיך צע־פרעגט װער די געסט זענען, פון װאַנען און װוהין זײ פאָרן, גאָר ייִדישלעך. דערהערט פאַניעס מײדלשן פאַמיליען־נאָמען האָט מען זיך גאָר דערפרײט. כטײטש! דאָ אין שטאָט װױנט דאָך אירער אַ קוזין, אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויס געשעפט, אָט גײט מען אים שױן אָנקלונגען אין טעלעפאָן...

עס האָט נישט געדױערט קײן האַלבע שעה און אין סאַלאָן פון פאַראײן זענען אַרײַנגעקומען צװײ פּערזאָן, אײנער אַן עלטערע. דער צװײטער אַ ייִנגערער; דער עלטערער איז טאַקע געװען די פּערזאָן װאָס פאַני האָט באַ־מערקט אין האָטעל, טאַקע יאַנקל דעם פעטער יאָסלס, דער צװײטער איז גע־װען דער ייִנגערער ברודער, יצחק, אַ יוגנט־חבר פון פאַניען, איז די שמחה געװען גרויס, מען האָט אַפילו געלאָזט אַ טרער, כאָטש מאָדערנע מענטשן, מען האָט זיך ייִדישלעך צעקושט. יוסף האָט געפינען זײַנע ברידער. נאָך דער רעפּעטיציע איז מען אַװעק אין קאַפע, דעם מאָרגנדיקן טאָג האָט מען שױן פאַרבראַכט מיט די קרובים און נײַע פרײַנט, די נסיעה איז פאַרװאַנדלט גע־װאָרן אין אַן אינטערעסאַנטער עקסקורסיע. אויפן דריטן טאָג איז מען אַרויס־געפאָרן װײַטער.

די געגנט איבער װעלכער מען איז געפאָרן איז געװען גאָר אַנדערש װי די אין װעלכער די רײַזנדע האָבן געװױנט. זי איז נישט געװען אַזױ האָ־פענונגסלאָז פלאַך, נאָר, אדרבא, געבערגלט, געכװאַליעט און געפּאַלדעװעט, און האָט שטאַרק דערמאָנט אין דער געגנט װוּ דאָס פּאָרל האָט געלעבט אין דער אַלטער הײם. האָט מען זיך דערפילט הײמיש, אַן אילוזיע האָט זיך גע־שאַפן, אַז מען פאָרט אַהײם...

פאָרן האָט מען געדאַרפט אַ שעה צען, דער טאָג איז געװען אַ הײסער. אָבער די רײַזנדע האָבן עס נישט געפילט, זײ האָבן נישט אָפּגעריסן די אויגן

פון פענצטער, געקוקט און געקוקט, אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם פּייזאַזש וואָס האָט געוועקט זכרונות און געמאָניעט מיט פּאַנאָראַמעס וואָס האָבן זיך אויסגעדוכט באַקאַנט.

מיטאָמאָל האָבן זיך מאַן און ווייב איבערגעקוקט, זיי האָבן דערזען עפּעס אומגלייבלעכס: ביים וועג וואָס איז געלאָפן פּאַזע דער באַן־ליניע איז געלעגן אַ נבלה פון אַ געפאַלנער קו, אַרומגערינגלט מיט אַ געזעמל רייטער וואָס האָבן געשניטן שטיקער נבלה־פלייש, אַרויפגעלייגט אויף זייערע פערד און צעפאָרן זיך אין פאַרשידענע זייטן. עסן נבלה! אין אַ לאַנד וואָס האָט אַזויפיל פי! עס איז געווען מאָדנע ווילד און לאַנג האָט דאָס פּאָרל נישט געקאָנט קומען צו זיך פון דעם אָפּשיילעכן און אומבאַגרייפלעכן בילד.

שפּעט נאָך מיטיק איז מען אָנגעקומען צו אַ קליינער באַן־סטאַנציע, וווּ עס האָט געוווינט פאַניעס אַ קוזין, און די רייזנדע זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ האַרציקער פריינטשאַפט וואָס האָט דערמאָנט אין דער אַלטער היים. דאָס שטעטעלע ביי דער סטאַנציע איז באַשטאַנען פון אַ קליינער צאָל הייזקעס וואָס זענען געווען צעוואָרפן אויף אַ גאַנץ גרויסן שטח, ווייט איינע פון דער צווייטער; מען האָט נאָך נישט געקאָנט באַמערקן קיין אָרדענונג פון גאַסן, עס איז נאָך געווען סאַמע בראשית פון אַ שטעטעלע, אַ שטיקל תוהו ובוהו, אַלץ האָט אויסגעזען נעבעכדיק, פון די נידעריקע הייזקעס ביז דעם פּאָליציסט אין זיין אָפּגעטראָגענעם אוניפאָרם מיט אַ שווערד ביי דער זייט און באָרוועס.

פאַניעס קוזין האָט געפירט אַ פיינע יידישע שטוב, מיט כשר פלייש וואָס מען האָט געבראַכט פון דער נאָענטער קאָלאָניע, מיט שבתים און ימים־טובים, מיט קידוש און סדרים און הכנסת־אורחים לויטן גאָר אַלטן יידישן שטייגער. היונה האָט מען געצויגן פון אַ געוועלב וואָס האָט געהאַט פון כל־טוב, אויך דעם ביטערן טראָפּן, וואָס איז געווען אַן עיקר אין דער מחיה... בן־ציון האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט; אויך דאָ, אין די נייע היימען, דאַרפן יידן ציִען היונה פון שכרות און מוזן ציִען פרנסה פון אַנשיכורן אַנדערע...

קיין צופיל צייט אַריינצוטראַכטן זיך אין אַזאַ פילאָסאָפיע איז נישט געווען. מען האָט זיך געדאַרפט אַרומוואַשן פון וועג, עפּעס נעמען אין מויל אַריין נאָך אַזאַ לאַנגער נסיעה. באַלד איז אָנגעקומען אַ פאָרפאַלק, ביידע פאַניעס קוזינען, וואָס האָבן געוווינט מיטן מאַנס עלטערן אויף אַ יִיקאַ־נחלה, אַ פופצן־צוואַנציק קילאָמעטער די ווייט, האָט מען שוין געשמועסט צוזאַמען, ביזן פריִען אָוונט ווען מען איז אַרויסגעפאָרן צו דער נחלה פון פאַניעס פעטער בנימין, ווו די געסט וועלן האָבן זייער הויפּט־קוואַרטיר.

די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ ליכטיקע, די פעלדער זענען געשטאַנען

אין פולער רײפקײט פון שניט, די שאַרפע ריחות פון די צײטיקע תבואות, פון די פאַרשידענע פעלד־גראָזן און פעלד־בלומען האָבן ממש פאַרשיכורט. עס האָט זיך געגלוסט שװײגן, אַרײנאָטעמען די שאַרפע אַראָמאַטן, אָנזעטיקן זיך מיט דער שטילקײט פון דער נאַכט אין װעלכער, װי עס האָט זיך געדוכט, דער װאָגן קײקלט זיך װי פון זיך אַלײן, און די פּאַסאַזשירן שװעבן אין אַ ליכטיקער אַראָמאַטישקײט װאָס איז אױפן גרענעץ פון דאָ און דאָרט...

דעם פּעטערס שטוב איז געשטאַנען װי פאַרלױרן אין מיטן פון אומענד־לעכע האָריזאָנטן, װאָס האָבן זי אַרומגערינגלט פון אַלע זײטן, בלױז פון אײן זײט האָט געשימערט אַ פײערל פון דעם הױז פון אײנציקן שכן. צװײ ייִדישע הײזער אין מיטן פון אַזעלכע אומענדלעכקײטן, װי עלנט מוז מען זיך אין זײ פילן...

די אָפּגעזונדערטקײט פון די הײזער איז געװען אַ פּועל־יוצא פון די עקספּערימענטן װאָס סײ די ייִקאַ, סײ די קאָלאָניסטן האָבן געמאַכט אױפן געביט פון באַזעצן ייִדישע ערד־אַרבעטער. לכתחילה האָט מען אױפגעשטעלט קלײנע דערפלעך, אַ לאַנגע גאַס, פון בײדע זײטן קאָלאָניסטישע הײזקעס, נעבן די הײזער „קינטעס״ (גערטנער־פעלדער) און הינטער זײ די ברײטע צעװאָרפנקײט פון די תבואה־פעלדער. נו, פלעגן פּאַסירן סכסוכים צװישן שכנים. אַ הון פון אײנעם איז אַרײן אין הױף פון צװײטן; אַ קעלבל איז אַרײן אין גאָרטן און אָנגעמאַכט אַ חורבן, וכדומה. פלעגט מען זיך אָפּט קריגן, אַמאָל אױך זיך פײַן אױסזידלען, עס האָט זיך אָנגעהױבן שאַפן קנאה־שנאה. דערצו האָט אַזאַ אײנאָרדענונג גורם געװען אַז די תבואה־פעלדער זענען געבליבן װײט פון די װױנונגען און בײם אַקערן אָדער שנײדן האָט מען אַמאָל גע־דאַרפט נעכטיקן אין פעלד, װײל ניט געװען קײן צײט צו פאָרן אַהין און צוריק, איז עס געװען ניט באַקװעם. האָט מען געביטן דעם סיסטעם: אָנ־שטאָט קאָנצענטראַציע, — צעשפּרײטקײט. דער קאָלאָניסט באַזעצט זיך אין סאַמע צענטער פון זײן נחלה װאָס רינגלט אַרום זײן הױז פון דרײ זײטן, בלױז מיט דער פערטער זײט קומט זי אַרױס צום הױז פון אַ צװײטן קאָלאָ־ניסט, װײל װי קאָן מען לאָזן מענטשן אין פרײען פעלד גאָר אײנזאַם? אָט אין אַזאַ פּאָזיציע איז געשטאַנען דעם פּעטערס שטוב.

די געסט האָט מען אױפגענומען זײער האַרציק, די שטוב איז געװען אַ פײַן באַלעבאַטישע, עס האָט געפינקלט אין יעדן װינקעלע. פון דער גאַנצער גרױסער משפּחה איז מיט די עלטערן פאַרבליבן בלױז דער ייִנגסטער זון, װאָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ קוזינע, און איז שױן געװען אַ פאָטער פון אַ קלײן מײדעלע, און די ייִנגסטע טאָכטער, אַ פרײלין. אַלע אַנדערע זין זענען זיך צעפאָרן, באַזעצט זיך אין די אַרומיקע גרעסערע שטעט און שטעטלעך,

זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשידענע פּרנסות, בעיקר מסחר, ווייל איין נחלה האָט בישט געקאָנט שפּייזן אַזאַ פאַמיליע בלי עין־הרע. פון די טעכטער האָט בלויז איינע חתונה געהאַט פאַר אַ קאָלאָניסט, די יינגסטע איז נאָך אַ כלה־מיידל, ווער ווייסט ווען זי וועט הייראַטן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך געפירט אַ געמיטלעכער שמועס. די שטילקייט פון אַרום האָט נאָך גרעסער געמאַכט די אינטימקייט. עפּעס האָט זיך געדוכט אַז מען געפינט זיך אויף אַן איינזאַמען אינדזל און אפשר גאָר אין סאַמע מיטן פון אַ פאַרגליווערטן ים, די פאַנטאַזיע האָט געהאַט אַ פיינעם פעלד ווו צו צעשפּילן זיך. מידע פון וועג זענען די געסט איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטן שלאָף אין דער האָפענונג מאָרגן נאָך נענטער צו באַקאָנען זיך מיט דער נייער אומגעבונג אונטער נייע האָריזאָנטן.

קאַפּיטל 27

שניט־צייט אין אַ יידישער קאָלאָניע

אויף מאָרגן, ווען די געסט האָבן זיך אויסגערוטע אויפגעכאַפּט פון טיפן רויִקן שלאָף, האָט די זון געשיינט מיט אַלע אירע זיבן חנען, און די טוי־טראָפּנס האָבן אונטער אירע שטראַלן געשימערט ווי עכטע איידלשטיינער. די לופט איז געווען קיל און פריש, לויטער און אַראָמאַטיש, אַלץ אַרום האָט אויסגעזען ווי ערשט געבוירן. מען האָט געקאָנט הערן דאָס פריידיקע טשווי־טשערן פון די פייגעלעך און פאַרנעמען די שירה פון גאַנצן באַשאַף וואָס האָט באַגריסט דעם נייעם טאָג.

דער טיש איז געווען געדעקט. דער פרישטיק איז געווען אַ זאַטער און געשמאַקער, אַלץ ברכת הבית: פרישע אייער, סמעטענע, גוטער ברויט, הייסע פּעטע מילך, אַ מאכל מלכים, ביים פרישטיק האָט מען געמיטלעך געשמועסט, דערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט, די אַלטע היים, נאָכגעפרעגט זיך אויף קרו־בים; אויפן געמיט איז געווען רויִק און פריידיק.

דעם פּעטערס זון איז אָוועקגעפאָרן צו דער נאָנטער סטאַנציע בכדי איינ־צוקויפן דאָס נייטיקע פאַרן שניט וואָס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אין גע־ציילטע טעג אַרום. האָט דער פּעטער איינגעלאַדן בן־ציונען אויף אַ שפּאַציר, באַטראַכטן דעם „פּאָסיעוו" (פּאַרזיי). האָט מען זיך אָוועקגעלאָזט אויף שמאָלע שטעגעלעך צווישן די פעלדער מיט הויכער תבואה, געגאַנגען געלאַסן, געמיט־לעך געשמועסט; צוויי מענטשן צווישן ימים מיט זאַנגען...

דער פּעטער איז שוין געווען אין די עלטערע יאָרן, פעסט געבויט, מיט אַ קלאָר ווייס פּנים מיט ראָזע באַקן, איינגעראַמט אין אַ שניי־ווייסער באָרד און געקרוינט מיט אַ קאָפּ מילכווייסע האָר, אַן אמתער הדרת־פּנים. אַ ייִד אַ יודע־ספר האָט ער פאַרפירט אַ שמועס וועגן אַ פּסוק, אַ מאמר, געוואָלט בדרך־אגב פאַרהערן דעם נייעם פּלימעניק, און איז, הפּנים, געבליבן צופרידן.

בן־ציון איז אינגאַנצן געווען פאַרכאַפּט פון דער אַרומיקער נאַטור מיט אירע פּייזאַזשן און פּאַנאָראַמעס. כוואַליען זיך אומענדלעכע זאַנגען־ימים, די כוואַליעס אַנטלויפן ווייט, ווייט ביזן סאַמע האָריזאָנט; צווישן די פעל־דער שלענגלען זיך טייכלעך, וואָס מורמלען שטיל, קייקלענדיק זייערע וואַ־סערן אין אַ געהיימניספולן געפּליסטער. איבער די פעלדער זענען צעוואָרפן ביימער־גרופּעס, ווו די פּי קאָנען געפינען שוץ פון די שטראַלן פון דער זון

זומער און פון די קאַלטע רעגנס אין ווינטער. די זאַנגען זענען געשטאַנען אין טיפן שווייגן, נישט געוואָלט מפסיק זיין דעם פּראָצעס פון וואַקסן וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דורכפירן. אָסור להפסיק, מען גרייט חיונה פאַר אַ גאַנצער וועלט... ווען נישט ווען פלעגט אַ שטיפעריש ווינטעלע אַ פליסטער־טאָן צווישן זיי, פלעגן זיי ווי צו אַ תפילה בלחש אָנבייגן זייערע קעפּ פולע מיט כמעט צייטיקע קערנער, און ווידער בלייבן שטיין אין שטילער פאַרגאַ־פונג. דאָס פעלד האָט אויסגעזען ווי אַ העל־געלער טעפּיך באַשפּרענקלט מיט מאַלערייען פון כלערליי קאָלירן, בלומען און פעלד־געוויקסן וואָס חנען זיך קעגן די בלויע לויטערע הימלען, ווי פרעגנדיק: אַנו, ווער פון אונדז איז שענער?

אויף צוריקוועגס איז מען בכיוון פאַרגאַנגען צום איינציקן שכן; אַ היי־מישער מענטש נאָך פון דער אַלטער היים, דאַרף מען אים פאַרשטעלן דעם גאַסט. האָט מען מכבד געווען מיט קרישטאָל־ריינע וואַסער מיט היימיש־געמאַכטן סאָק, האָט מען דערמאָנט עפּיזאָדן פון אַמאָליקן לעבן אין דער אַל־טער היים, געביטן זיך מיט אַ וויץ, אַ ווערטל, אַ גוט־וואָרט, די צייט וואָס מען האָט פאַרבראַכט ביים שכן איז שנעל פאַרלאָפן.

אין שטוב האָט שוין געוואַרט דער מיטיק; די מומע מיט דער פלימעניצע האָבן אויסגערעדט זייערע מענער: ווו איז מען עס פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן פרימאָרגן? וואָס פאַר אַ דרך איז עס?... די מומע, אַ רבנישע טאָכטער און פיינע מלומדת האָט דערוויילן פאַרפירט מיט בן־ציונען אַ שמועס וועגן גייסט־ענינים, ליטעראַטור, וועלט־זאַכן, זאָל ער זען אַז מען איז נישט איב־גאַנצן פאַרפוילערט, חס־ושלום. דערווייל איז צוריקגעקומען דער זון וואָס איז געפאָרן צו דער סטאַנציע, האָט מען זיך געזעצט צום מיטיק, פריִער געמאַכט אַ לחיים, ביים עסן געטרונקען ווייַן, אַ סגולה צו אַ נאָכמיטיקדיקן דרימל, אַלץ בכדי אָנצוזאַמלען כוחות צו דער שווערער מיזאַמער שניט־צייט, וואָס קומט באַלד אָן.

די זון האָט שוין געהאַלטן היפּש אין מערב־זייט, ווען דער פעטער האָט נאָכאַמאָל איינגעלאַדן בן־ציונען באַקוקן דעם שניט. בן־ציון האָט איינגע־ווענדעט: מען איז דאָך ערשט פאַרמיטיק געווען דאָרט, וואָס־זשע פאַר אַ נייעס קען מען איצט זען דאָרט? דער פעטער האָט אין אַ הלצה דערקלערט, אַז אַ קאָלאָניסט דאַרף באַקוקן זיין פעלד דריי מאָל אַ טאָג. ווען ער פירט דעם סוחר ביי וועמען ער וויל באַקומען קרעדיט אויף אַראָפּצונעמען דעם שניט, דאַרף ער אים פירן גאַנץ פרי, ווען דער טוי שייַנט, די פייגעלעך זינגען, די זאַנגען בייגן זיך ממש אונטער דער משא פון די פון טוי נאָך נישט אויסגע־טריקנטע קערנער, דאָס אַלץ דאַרף איבערצייגן דעם סוחר אַז ער וועט האָבן

פון וואַנען אָפּצונעמען דעם קרעדיט און ווען נאָך האָבן פיל ריווח פון דער תבואה; טאָמער, אָבער, דאַרף דער קאָלאָניסט גיין מיטן סוחר, וועמען ער איז געבליבן שולדיק פאַראַיאָרן און קאָן אים נישט באַצאָלן, דאַרף ער אים פירן אין פעלד מיטיק־צייט, ווען די זון האָט צוגעבאַקט, דער טוי איז שוין אויסגעטריקנט, די זאַנגען שטייען פאַרחלשטע מיט געבויגענע קעפּ און עס דוכט זיך אַז די קערנער זענען דאַר און קוואַר. דאַן קאָן דער קאָלאָניסט אײַ־בערצייגן דעם סוחר. פון וואַנען זאָל איך צאָלן? איר זעט דאָך אַליין! נאָר ווען דער קאָלאָניסט וויל אַליין וויסן ווו ער האַלט אין דער וועלט מיטן שניט, זאָל ער גייט פאַרנאַכט, ווען די זון באַקט נישט, נאָר וואַרעמט ליבלעך, ווען די פרישע אָוונט־קילקייט פרישט־אָפּ די זאַנגען און זיי ווײַזן זיך אין זייער ריכטיקן מצב.

האָט מען נאָכאַמאָל געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר איבער די פעלדער. די ייִנגערע מענטשן, פּאַניע מיט איר קוזין און קוזינעס זענען געווען נישט־צו־פרידן מיט דעם וואָס בן־ציון שענקט זיי נישט קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט. זיי זענען אָבער געווען זייער צופרידן פון דעם וואָס דער פעטער און פלימעניק זענען געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן איינער צום צווייטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט. בן־ציון האָט זיך אַרויסגערופן צו אַרבעטן ווי אַ געהילף ביי דער שנייד־מאַשין. האָט מען אוודאי געלאַכט פון אַזאַ איינפאַל, אָבער מען האָט אים נאָכגעגעבן. האָט זיך בן־ציון אָנגעטאָן אַ פּאָר לייכטע הויזן, אַ העמדל מיט קורצע אַרבל, אַ שטרויענעם הוט מיט ברייטע ראַנדן, און האָט זיך דערפילט מעשה קאָלאָניסט, אַ פּויער אויף ייִדישע פעלדער, אַ פאַנטאַזיע וואָס האָט אים געשמייכלט. געשניטן האָט מען מיט אַ דאַן מאָדערנער מאַשין וואָס שניידט און בינדט די גאַרבן. די פערד גייען פון הינטן און שטופּן די מאַשין וואָס פּרעסט די זאַנגען און פאַר־וואַרפט דאָס פעלד מיט געבונדענע גאַרבן (סנאָפּעס), וואָס מען דאַרף צו־נויפלייגן אין קליינע סטויגן (מאָנטאָנעס), מיט דער מאַשין האָט אָנגעפירט דער קוזין. די גאַרבן האָבן צונויפגעטראָגן געדונגענע אַרבעטער און בן־ציון האָט, איבערגעפּולט מיט פרייד, זיי געהאָלפן אין דער אַרבעט. אַזוי האָט מען אָפּגעאַרבעט אַ טאָג און צוויי. אָבער אויפן דריטן טאָג האָט זיך די מאַשין פאַרהאַקט און נישט געוואָלט זיך מער דרייען ווי געהעריק. די אַרבעטער האָבן דערצו נישט געקאָנט העלפן, אָבער דער יונגער קאָלאָניסט האָט זיך אונטערגענומען צענעמען די טיילן פון דער מאַשין און דערוויסן זיך וואָס איז דאָרט קאַליע געוואָרן, פאַרריכטן, אויב מען וועט קאָנען, און איינשפּאָרן אַ מעכאַניק. אין דער אַלטער היים האָט ער אַמאָל שטודירט אין אַן אַגריקול־טור־שולע פון דער ייִקאַ, האָט ער אַ שטיקל באַגריף אין מאַשינעריע. ווי אַזוי

זשע אָבער זאָל ער געדענקען די אָרדענונג פון די טיילן פון דער מאַשין, וואָס ער וועט צענעמען? האָט אים בן־ציון געגעבן אַן עצה. ער וועט נומערירן מיט קרייד די פאַרשידענע טיילן, וועט מען שוין וויסן ווי זיי צוזאַמענשטעלן.

האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט. דער קוזין צענעמט די טיילן און בן־ציון באַצייכנט זיי מיט קרייד. פאַרנומען מיט דער אַרבעט האָט מען אפילו קיין מיטיק נישט געגעסן, ביז מען האָט זיך מיט מזל דערשלאָגן צו דער טייל וואָס איז קאַליע געוואָרן, און גראָד האָט עס דער קוזין שנעל צערעכט געמאַכט און מען האָט זיך גענומען צוריק צוזאַמענשטעלן די מאַשין. אַלץ איז געגאַנגען גוט, אָבער די מאַשין האָט פאַרט נישט געאַרבעט. האָבן זיך ביידע אָוועקגעזעצט טראַכטן וואָס דאָס קאָן באַדייטן. נישט געווען קיין אַנדער בריה ווי צוריק צענעמען די מאַשין און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איין וויכטיקן טייל האָט מען טאַקע געלייגט אויף זיין פלאַץ לויט נומעראַציע, נאָר קאַפּויער; האָט מען פאַריכט דעם פעלער און נאָך באַוויזן צו ענדיקן דעם שניט, ווען אַפילו ערשט אויף מאָרגן מיטיקצייט.

פאַרענדיקט דעם שניט האָט מען פון די קלענערע סטויגן געמאַכט גרעד־סערע און געוואַרט ביז די דרעש־מאַשין וועט קומען. מען איז געווען אומרו:ק, טאָמער פאַלט אויס אַ רעגן... דער אומרו איז געווען נישט קיין אומזיסטער: עס איז געפאַלן אַ קליינער רעגן, אָבער די סטויגן זענען געווען גוט געלייגט, עס האָט זיי ווייניק געשאַדט.

און אָט איז געקומען די פריידיקע צייט פון דרעשן, וואָס בן־ציון האָט איבערגעלעבט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. עפּעס אַ קלייניקייט? דרעשן תבואה פון יידישע פעלדער. מען האָט געדראָשן און גלייך געפירט אין שפּייכ־לער, אַלץ מורא געהאַט פאַר אַ רעגן. עס האָט אָפּגעגליקט, דאָס וועטער איז געווען גוט. אָבער פונקט דעם לעצטן טאָג האָבן די הימלען זיך באַדעקט מיט וואָלקנס. עס האָט זיך געקליבן אַ שטורעם. מענטשן האָבן געאַרבעט מיט אַלע כוחות, מען האָט פון זיך ממש געזעצט דעם אָטעם, מען האָט געאַרבעט און געקוקט אויף דרום, פון וואַנען דער שטורעם האָט זיך גערוקט. די נאַכט איז צוגעפאַלן. דאָס דרעשן איז געווען פאַרענדיקט, אָבער נישט אַלע זעק אַריבערגעפירט, און דאָ איז דער שטורעם אַזוי נאָענט; האָט מען די אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט, מען איז געלאָפן אַ וועט־געלויף מיטן שטורעם, ווער וועט פרי:ער פאַרטיק ווערן?

בן־ציון האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, אָבער ער האָט נישט געפילט קיין מידקייט. האָט ער געשלעפּט זעק, געהאָלפן אָנלאָדן, אויסלאָדן, אינמיטן פון חשכות, אונטערן פייף פון שטורעם וואָס האָט סוף־כל־סוף אָנגעיאָגט, האָט מען באַוויזן אַריבערפירן די לעצטע זעקלעך. ווען דער שלאַקס רעגן האָט סוף־

כל־סוף אויסגעבראָכן, איז שוין דאָס לעצטע זעקל תבואה געלעגן אונטער אַ דאַך און מען האָט זיך געקאָנט זעצן צום טיש עסן אַ שפּעטן אָוונטברויט. בן־ציון איז געווען אויפגעלייגט, ווייל ער איז געווען טיכטיק און מונטער ביים העלפן אַראָפּנעמען דעם שניט פון יידישע פעלדער.

„ער איז דאָך גאָרנישט קיין מלמד״ — האָט דער פעטער באַמערקט אין אַ געמיש פון צופרידנקייט מיט אַ קליין ביסל סאַרקאַזם; בן־ציון האָט ביידע אָנגענומען פאַר ליב.

קאַפּיטל 28

איבער קאָלאָניסטישע ישובים

אָפּגערוט אַביסל פון דער שווערער אַרבעט אין שניט־צייט, האָט בן־ציון אָנגעהויבן באַזוכן די אַרומיקע קאָלאָניסטישע ישובים, צוקוקן זיך צום לעבן פון יידישע אַקערבויער און האַרעפּאַשניקעס.

די קאָלאָניסטישע באַלעבאַטישקייט איז אין דער פּראָווינץ געשטאַנען אויף גאָר אַן אַנדער יסוד ווי אין דער געגנט ווו בן־ציון האָט געלעבט. פּי־צוכט איז געווען רעלאַטיוו ווייניק אַנטוויקלט, דאָ איז קיין אַלפאַלפאַ נישט געוואַקסן און די נאַטירלעכע פעלד־גראָזן זענען געווען נישט גענוג נאַרהאַפט. האָט מען זיך בעיקר אָפּגעגעבן מיט קולטיווירן תבואות, איבערהויפּט ווייץ, איז מען געווען צופיל אָפּהענגיק פון „אוראזשאַי״ (גערעטעניש). איז געווען אַ גוט גערעטעניש, האָט מען געקאָנט אָפּצאָלן חובות און אַפילו אָפּשפּאָרן אַ פּאָר פּעזעס, אין קעגנטייל איז טאַקע געווען נישט גוט. ביי אַ שלעכט גע־רעטעניש איז מען נאָך מער געזונקען אין חובות: צו דער יי״קאַ, צו די סוח־רים, אין די קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס, אין די בענק.

דערפאַר האָבן דאָ די קאָאָפּעראַטיוועס געשפּילט אַ גרעסערע ראָל אין קאָלאָניסטישן לעבן. די יידישע קאָלאָניסטן האָבן, אינספּירירט פון דער יי״קאַ־אַדמיניסטראַציע, געגרינדעט די ערשטע קאָאָפּעראַטיוון אין לאַנד, און די קאָאָפּעראַציע האָט אין דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל און האָט אַפילו באַאיינפלוסט די יידישע ישובים אין שטאָט, וואָס האָבן אַנטוויקלט אַ מעכטיקע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע. אין די קאָלאָניעס האָט מען זיך שוין דאַן אָנגעהויבן אַרומקוקן אַז מען טאָר נישט אויסשטעלן אַלץ אויף מאָנאָקולטיוו, בלויז ווייץ, מען האָט געמוזט ענדערן דעם יסוד פון קאָלאָניזאַציע, איינפירן געמישטעווירטשאַפט. הינער־צוכט, מעלקערייען, פאַרזיי פון פיטער־גראָזן וואָס זאָל דערלויבן אַנטוויקלען פּי־צוכט. אַרום די דאָזיקע שטרעבונגען האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער לעבן, מיט פּראָפּאַגאַנדע, מינדלעכע און שריפטלעכע, מיט פאַרזאַמלונגען, מיט צייטשריפטן, עס האָבן זיך געשאַפן צדדים, עס האָבן נישט געפעלט קיין מחלוקתן.

בן־ציון האָט געזוכט אַריינצודרינגען אין די אַלע אַזוי פאַרשידנאַרטיקע פּראָבלעמען, ער פלעגט באַזוכן קאָלאָניסטישע ישובים, די נענטערע פשוט

צופוס, די ווייטערע — רייטנדיק אויף אַ פערד, אָדער אַריבערגעכאַפּט זיך אויף אַ קאָלאָניסטישער אגב־פור. קודם־כל האָט ער געזוכט צו שאַפן זיך אַ געאָגראַפישע פּאַנאָראַמע פון די ייִדישע קאָלאָניעס אין דער געגנט, אַ היפּ־שער בלאָק, וואָס איז געווען דער גרעסטער און וויכטיקסטער אין דער ייִדי־שער קאָלאָניזאַציע פון לאַנד.

די קאָלאָניעס זענען געווען צעוואָרפן פון ביידע זייטן פון דער הויפּט באַן־ליניע וואָס האָט פאַרבונדן די פּראָווינץ ישובים צווישן זיך און מיטן לאַנד. ביי דער באַן־סטאַנציע פון געגנט זענען אויסגעוואַקסן שטעטלעך, וואָס זענען געוואָרן די צענטערן פון ייִדישן לעבן, קאָלאָניסטישן און אַלגעמיינעם. געוועזענע קאָלאָניסטן וואָס האָבן פאַרלאָזט די קאָלאָניזאַציע, קאָלאָניסטישע זין וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף די נחלות וואָס זענען אָפּט גע־ווען צו־קליין פאַר צו־גרויסע פאַמיליעס, קאָלאָניסטן וועמענס נחלות זענען געווען נאָענט צו די באַן־סטאַנציעס, האָבן אין די שטעטלעך אַנטוויקלט מסחר.

די קאָלאָניעס גופא זענען געווען געבויט פאַרשידן, אין קליינע דערפלעך, אין לאַנגע ליניעס מיט גרופּעס פון צוויי, דריי און פיר הייזער, אין איינצלנע צעוואָרפענע באַלעבאַטישקייטן וואָס מען האָט טאַקע גערופן ׳דעספּאַררַאמאַ־דאָס״, ס׳הייסט צעוואָרפענע. אינמיטן פון די קאָלאָניסטישע גרופּעס זענען אויך געווען אַ פּאָר שטעטלעך פאַר האַנדל־וואַנדל, כאָטש זיי האָבן קיין באַן־סטאַנציעס נישט פאַרמאָגט. די קאָלאָניעס זענען געווען צעוואָרפן אויף אַ גוואַלדיקן שטח, די ייִקאַ־אַדמיניסטראַציע האָט אין זיי געמוזט איינשטעלן מערערע אַדמיניסטראַטיווע צענטערן, די קאָלאָניסטן האָבן געשאַפן מערערע קאָאָפּעראַטיוועס. עס זענען געווען שולעס, אַ פּאָר שפּיטאָלן, הכלל, ס׳איז געווען ווי אַ קליינע ייִדישע טעריטאָריע.

בן־ציונס אויפמערקזאַמקייט האָבן געצויגן די העברעיִשע נעמען פון אַ סך קאָלאָניסטישע ישובים אין דער געגנט, עס איז געווען ניכר אַז ייִדן זע־נען דאָ ענגער פאַרבונדן מיט דער בענקשאַפט נאָכן לאַנד פון די אָבות, און זיי וואָלטן דאָ וועלן האָבן אַ קליין ארץ־ישראל, כאָטשבי אין די נעמען. אַ גע־וויסע השפּעה אין דער הינזיכט האָט געמוזט האָבן איינער פון די ערשטע ייִקאַ־דירעקטאָרן, אַן ענגלישער ייִד, קאָלאָנעל גאָלדסמידט, דערצויגן ווי אַ קריסט איז ער שפּעטער צוריקגעקומען צו זיין שטאַם, געוואָרן רעליגיעז, געווען אַ חובב־ציון און האָט געהאָפט אַז די קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע וועט זיין אַן אַריינפיר צו דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. ער פלעגט אָפּט זאָגן: „מיר האָבן אָנגעהויבן מיט א. (אַרגענטינע), בכדי צו ענדיקן מיט זעט (ציון, וואָס שרייבט זיך אין ענגליש מיט אַ זעט). אַן אייגנאַרטיקע מיינונג פון אַן אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט פון וועלכער מען קאָן פיל אָפּלערנען...

בן־ציון האָט זיך צוגעהערט צו די שמועסן צווישן קאָלאָניסטן, מיט אַ סך פון זיי געשמועסט פערזענלעך, געוואָלט אָנטאָפּן דעם דופק פון ייִדישן לעבן, וואָס ער האָט עפּעס געפילט אַז ער איז אַנדערש ווי אין דער קאָלאָניע ווו ער לעבט. אין באַצוג צו דער קאָלאָניזאַציע איז דער ישוב אין פּראָווינץ געווען געטיילט אין מענטשן וואָס האָבן געהאַט דערפאַרונג ביי ערד־אַרבעט אין די קאָלאָניעס פון כערסאָן, בעסאַראַביע און שטעטלעך פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, ווו די ייִקא האָט געטאָן אַ באַשטימטע אַרבעט פאַר אָריענטאַציע אין עבודת־האדמה און קאָאָפּעראַטיוויזם. אַנדערע האָבן געהאַט ווייניק דערפאַרונג אין ענין ערד־אַרבעט. האָבן זיך ערשט דאָ גענומען לערנען פון אלף־בית. האָבן אָבער גאַנץ גיך געכאַפּט דעם שניט און געוואָרן איינס מיט דער אַלגעמיינער קאָלאָניסטישער מאַסע.

אין באַצוג צו דער ייִקאַ זענען די קאָלאָניסטן געווען געטיילט אויף אַ באַלעבאַטישן, קאָנסערוואַטיוון עלעמענט וואָס איז געווען ציוניסטיש געשטימט און האָט געהאַלטן אַז מיט דער ייִקאַ דאַרף מען דורכקומען מיט גוטן. עס איז דאָך אַ ייִדישע אָרגאַניזאַציע, אירע מנהיגים פירן דאָך דורך די מיסיע וואָס דער באַראָן הירש ז״ל האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, מוז מען זיי אויפקלערן די ענינים, דיווירקלעכע נויטן און פּראָבלעמען פון דער קאָלאָניזאַציע בכלל און יעדן קאָלאָניסט בפרט, און אַבי מען וועט עס געהעריק אויפקלערן, וועט זיך די לאַגע ענדערן צום בעסערן: מען האָט דאָך פאַרט צו טאָן מיט ייִדן בני רחמנים. אָבער געווען אַ צווייטער שיכט, אַסימילאַטאָריש געזאָנט, סאָציאַליסטיש געשטימט, וואָס האָט אויפגענומען די קאָלאָניסטישע פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט. עס איז אַ פּשוטער געראַנגל פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, די ייִקאַ־ עקספּלואַטירט, די קאָלאָניסטן דאַרפן קעמפן. זיי האָבן געפאָדערט אַ שותפות מיט די אַלגעמיינע ערד־אַרבעטער אין לאַנד, וואָס האָבן אויך געהאַט גענוג טענות צו זייערע קאָלאָניזירער. קעמפן דאַרף מען נישט מיט קיין פּעטיציעס קיין בוענאָס־איירעס (אָרטיקע ייִקאַ־דירעקציע), און דעלעגאַציעס קיין פּאַריז, (הויפּט־דירעקציע פון דער ייִקאַ), נאָר מיט לעגאַלע מיטלען, אין הסכם מיט די געזעצן פון לאַנד: פּעטיציעס צו דער מאַכט, שטרייקן, אַגראַר־געזעצגעבונג, אַלץ זאָל אָפּגעשפּיגלט ווערן אין דער גרויסער לאַנד־פּרעסע, בכדי צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג און רופן די אויפמערקזאַמקייט אויף די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן אַרבעטס־מענטשן. אַלע איינוווענדונגען אַז די לאַגע פון די ייִדישע קאָלאָניסטן לגבי דער ייִקא איז אַ ספּעציפישע און פאָדערט דערפאַר ספּעציעלע מעטאָדן, האָט מען פאַרשריִען ווי רעאַקציע, אָבסקוראַנטיזם, פאַרראַט, און אַנדערע עפּיטעטן פון סאָציאַליסטישן לעקסיקאָן אין יענער צייט.

די קאָלאָניעס פון יענער געגנט האָבן געגעבן זייער בייטראָג צו דער אַנטוויקלונג פון אַרגענטינער סאָציאַליזם. צוויי קאָלאָניסטישע טעכטער האָבן געהייראַט צוויי פירער פון דעם סאָציאַליזם וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין לאַנד. צוויי קאָלאָניסטישע זין פון יענע קאָלאָניעס זענען געווען צווישן די ערשטע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אין אַרגענטינער פּאַר־לאַמענט. בכלל האָט זיך די יוגנט פון יענער געגנט שנעלער איינגעלעבט אין דער אַרומיקע סביבה, בעסער איבערגענומען די לאַנד־שפּראַך און מנהגים, דערנענטערט זיך צום פאָלק פון לאַנד בפועל ממש. און געמישטע חתונות זענען געווען, ווען אַפילו גענוג זעלטן. פּונקט אין דער צייט ווען בן־ציון מיט זיין פאַמיליע האָבן געוויילט אין דער געגנט האָט געטראָפן אַ פאַל ווען אַ יידישע טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן קיין בוענאָס־איירעס און דאָרט חתונה געהאַט פאַר אַ קריסט, האָט עס אַוודאי געקאָכט אין גאַנצן געגנט, אָבער מיט יאָרן שפּעטער, שוין אין בוענאָס־איירעס, האָט זיך בן־ציון דערוווּסט אַז נישט די יידישע טאָכטער האָט זיך ח״ו געשמדט, נאָר דער קריסט האָט זיך מגייר געווען... און טאַקע אויף אַן אמת.

נאָך שטאַרקער איז אָנגעגאַנגען די אַסימילאַציע אין די ווייטערע קלע־נערע פּונקטן ווו קאָלאָניסטישע זין האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם פאָטערס נחלה, ווייל זי האָט נישט געקאָנט שפּייזן די גאַנצע משפּחה, און די ייקא האָט אַ צייט נישט געוואָלט קאָלאָניזירן קיין זין אָדער איידעמס פון קאָלאָ־ניסטן. פלעגן אַזעלכע זין אַוועק פון קאָלאָניע און אָפּגעבן זיך מיט מסחר. עקאָנאָמיש איז זיי גראָד געגאַנגען גאַנץ גוט, אַ סך פון זיי זענען רייך געוואָרן, אָבער פון יידישן לעבן האָט מען זיך אָפּגעריסן, מען האָט זיך מער אידענטי־פיצירט מיט דער סביבה, ווען אַפילו אָנגעהאַלטן די צוגעצונדנקייט צום שטאַם.

די מער־געראָטענע און יינגערע קינדער האָבן אין יענער צייט אָנגעהויבן אויסצוואַנדערן קיין בוענאָס־איירעס, שטודירן אין די מיטלשולן און שפּע־טער אין די הויכשולן, די קאָלאָניעס האָבן געגעבן דעם לאַנד די ערשטע יידי־שע פּראָפעסיאָנאַלן און היינט צו טאָג איז שווער צו געפינען אַ באַזעצטן פּונקט אין אַרגענטינע ווו עס זאָל זיך נישט געפונען קיין איינער אָדער מע־רערע יידישע אוניווערזיטאַריער. וואָס די קאָלאָניע האָט נישט דערגעבן דעם לאַנד אין ערד־אַרבעט, האָט זי דערגעבן אין טיכטיקע וויסנשאַפטלער, אַ זאַך, וואָס איז נאָך דאַן נישט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן און ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט מען געהעריק באַגריפן די באַדייטונג פון דעם פאַקט.

קאַפּיטל 29

מיט לערער, מלמדים און לומדים

נאָך אַ פּאָר וואָכן אויסקאָכן זיך אין קאָלאָניסטישער סביבה, אין שטוב און אין פעלד, אין גאָרטן און אין קאָאָפּעראַטיוו, נאָכן אָנהערן זיך אַ ים רייד און באַקענען זיך מיט אַ ריי גאַנץ נייע פּראָבלעמען, זענען די געסט אָפּגעפאָרן עטלעכע סטאַנציעס טיפער אין פּראָווינץ. אין אַ צווייטן צענטער פון די יידישע קאָלאָניעס, צו פּאַניעס אַ קוזין וואָס איז געווען אַ לערער, אַ גרויסער העברעער און פיינער בעל־דקדוק, מיט וועמען בן־ציון איז שוין גע־שטאַנען אין אַ לעבעדיקן בריוו־טויש.

דאָס פאָרן דורך די עטלעכע סטאַנציעס איז געווען ביז גאָר אַנגענעם. דער בליק האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן אויסזען פון די ערשט אָפּגעשניטענע ברייטע, געכוואַליעטע פעלדער, בפרט אַז דער באַוווסטזיין האָט אונטערגעזאָגט אַז די מערסטע פון זיי זענען יידישע; מען איז געפאָרן איבער יידישער טעריטאָריע.

אויף דער באַן־סטאַנציע האָבן די געסט אָפּגעוואַרט צוויי בחורימלעך, קינדער פון דער משפּחה צו וועלכער מען איז געפאָרן, וועלכע האָבן זיי באַ־גריסט אין העברעיש, איז עס געווען אַן אַנגענעמער סיורפּריז. אין דאָרף וווּ דער קוזין איז געווען לערער איז מען אָנגעקומען פאַרנאַכטלעך, ווען פון די אַרומיקע פעלדער האָט געבלאָזן אַ קיל אָוונט־ווינטל, די ביימער האָבן זיך וועגן עפּעס געשושקעט, קי האָבן אומעטיק געריעוועט, קעלבלעך האָבן טרויע־ריק געמעקעט, און אין דער לופטן האָט זיך געפילט דער גרויסער וועלט־שמערץ פון דער שקיעה־שעה.

אויפגענומען די געסט האָט מען גאָר פריינטלעך. געלאָזט זיך אַביסל אָפּרוען פון וועג, האָט מען גערופן צום אָוונטברויט.ביים טיש זענען געזעסן אַ פּאָר מנינים מיילער אָן עין־הרע, מערסטנטייל קליינוואַרג. די געסט האָבן געוווסט אַז די פאַמיליע איז אַ צאָלרייכע, אָבער אויף אַזאַ עולם האָבן זיי זיך כלל נישט גערעכט. לאָזט זיך אויס אַז צווישן דער חברה זענען פאַראַן אייניקע קעסט־קינדער. ווייל, כאָטש עס איז געווען וואַקאַציעס, און די שולע איז געשטאַנען געשלאָסן, האָט דער לערער געהאַלטן ביי זיך אַ גרופּע על־טערע און בעסערע תלמידים, מיט וועלכע ער האָט פאָרגעזעצט די לימודים. און זיי האָבן אויך געהאַט קעסט ביי דער פאַמיליע פון לערער. עס איז געווען

אַ מין ספּעציעלער זומער־קורס. איז בײם טיש געװען רױשיק, אַפילו טומל־דיק, אָבער גאַנץ אַנגענעם. חברה האָט געבליצט מיט הומאָר. מען האָט היל־כיק געלאַכט. מען האָט געשטיפט אָן דרך־ארץ פאַר די געסט און טראָץ די שאַרפע בליקן װאָס דער לערער האָט געװאָרפן אױף זײַנע קינדער און תלמידים.

באַלד נאָכן עסן איז דאָס װײַבער־פאָלק אַװעק אין הױז פלוידערן און בן־ציונען האָט זײַן קוזין אײַנגעשפּאַנט ער זאָל פאַרהערן די תלמידים. איז אַװעק אַ שמועס אױף אַ לאַנגע פאַר שעה; אַ שװערער פסוק, אַ פראַגע פון דקדוק, אַ װאָרט־שפּיל, אַ המצאה און אַן אײַנפאַל; בן־ציון האָט געפּרװוט שטעלן הינטערפּיסלעך, חברה האָט זיך נישט געלאָזט, זײ האָבן גלײך דער־פילט אין דעם יונגנמאַנטשיק װאָס האָט אױסגעזען װי אַ בחורל אַ „חברה־מאַן" פון זײער קלאַס, װאָס האָט ליב אַ הלצה, קװעלט פון אַ המצאה, שעמט זיך נישט צו לאַכן הױך אױפן קול מיט זײ באַגלײַך. בײדע צדדים זענען גע־בליבן צופרידן.

ערשט אַרום האַלבער נאַכט האָט דער לערער אַרױסגערופן זײַן גאַסט אױף אַ קורצן שפּאַציר װאָס האָט זיך פאַרצױגן ביז שפּעט פאַרטאָג. מען האָט שפּאַצירט איבער דער אײַנציקער גאַס פון דערפל, װען נישט װען אַרױס אין פרײַען פעלד. פון צײַט צו צײַט צוגעזעצט זיך אָפּרוען און אױף קײן רגע נישט איבערגעריסן דעם שמועס. בן־ציונס קוזין איז געװען אַ לערער אַן אידעאַליסט, איבערגעגעבן צו זײַן מיסיע מיט לײַב און לעבן, אײן קלײני־קײט! — מרביץ תורה זײַן פאַר יידישע קינדער! און תורה האָט פאַר אים געמײנט, תנ"ך, משנה, ליטעראַטור און בעיקר דקדוק. אין העברעיש איז ער געװען פאַרליבט װי אַ חתן־בחור אין זײַן יונגער כלה װאָס װעט קײנמאָל נישט אַלט װערן אין זײַנע אױגן. אַלס אַ משכיל האָט ער נאָך געהאַלטן בײ „השרידה היחידה", די איבערגעבליבענע, די אײנציקע, װי משכילים האָבן גערופן לשון־קודש...

די נאַכטיקע שפּאַצירן האָבן זיך אײַנגעשטעלט װי אַ מין ריטואַל: נאַכט נאָך נאַכט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געלעבט אין משפחה־קרײַז, באַזוכט קאַ־לאָניסטן, געשמועסט מיט די תלמידים פון זומער־קורס, דעם לערערס קעסט־קינדער, בכלל געהאַװעט. אָבער נאָכן אָװנט־ברױט פלעגט מען אַביסל שמועסן מיט די פרױען און זיך גלײַך אַרױסגעלאָזט אױף די אומענדלעכע נאַכט־שפּאַצירן. מיט זײערע אומענדלעכע שמועסן װאָס האָט נאָך הײסער אױס־געשמידט די פרײַנטשאַפט צװישן בײדע קוזינען.

אין אײנער אַ נאַכט, װען די לבנה האָט געלױכטן און מען האָט געקאָנט מײנען אַז עס איז גרױסער טאָג, האָבן די שפּאַצירער, בײם צוריקקערן זיך פון אײן ברעג דערפל דערזען אַז אין צװײטן עק דאָרף פאָרט אַרײַן אַ סולקי

געשפּאַנט צו צוויי פערד. בן־ציונס מיטשמועסער איז ממש אויפגעשפּרונגען פון שמחה. פּרויקע פּאַרט! —ביידע האָבן זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן אַנט־קעגן דעם נייעם גאַסט און אים אַריינגעפּירט מיט פּאַראַד אויפן הויף פון שולע.

דאָס איז געווען אַ ייד אַ שוחט פון דער סביבה, אַ למדן און אַ פּיקח, אַ ווערטל־זאָגער און אַ שטיק דענקער, אַ גוטער שוחט און אַ געשיקטער מוהל, וואָס האָט צו ביידע פּרנסות נאָך אַביסל אינטערגעמסחרט. אַ ידיד נפש פון דעם דאָרפס־לערער, איז ער, פאַרנדיק פון אַ ברית־מילה אַהיים, פאַרפאָרן אויף אַ קורצן באַזוך צו זיין חבר, פאַראייגוועגס געוואָר ווערן זיין זינדל, אַ טשעקאַווע בחורל, וואָס האָט געלערנט אויפן זומער־קורס און געהאַט קעסט ביים לערער.

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, די שטוביקע זענען פעסט געשלאָפן. האָבן זיך די דריי יידן אַוועקגעזעצט אַביסל ווייטער פון שטוב, דער לערער האָט אין דער שטיל „געמאַכט אַ מאַטע", און עס האָט זיך פאַרפירט אַ שמועס, אַ פרייער, אַ געמיטלעכער, אַ האַרציקער, וואָס איז ווי אַ פייער־פלעמל גע־שפּרונגען פון הויכע ענינים צו הלצות און קונדסערייען, געשמועסט האָט מען מאַמע־לשון, אָבער געדיכט באַזאַלצן און באַפעפערט מיט העברעישע פּסוקים און תלמודישע מאמרים. ווען דער שמועס האָט שוין געהאַלטן ביי אויסגע־לאָשן ווערן, האָט דער שוחט פאָרגעשלאָגן: לאָמיר גאָר עפּעס זינגען פון אונ־דזער קלמנען. און האָט גלייך פאַרצויגן אַ ניגון פון אַ תפילה. דער לערער האָט אונטערגעהאַלטן, ביידע זענען נעבעך געווען שוואַך אין נגינה. בן־ציון איז אויך געווען אַ קליינער ווייסער אין דעם, דאָך האָט ער דערפילט אַז דער קאָמפּאָזיטאָר וועמענס „שטיקלעך" מען זינגט דאָ מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט נשמות פאַרטראָגן אין עולמות, האָט געפיל און טאַלאַנט און רייסט זיך צו יידישער נגינה; כאָטש אין אייניקע ניגונים האָבן זיך בולט געפילט טענער פון רוסישע לידער וואָס בן־ציון האָט דערקענט. לאָזט זיך אויס אַז דער קלמן איז פון אַ ווייטער קאָלאָניע, אַ ייד אַ קאָמפּאָזיטאָר, איז אַ קאָלאָ־ניסט אַ וויל־לערנער, מוזיקאַליש געשולט, דאַוונט ער אין די ימים־נוראים אַלס אַ חזן אין אַ שיל אין דער הויפּטשטאָט. דערצו איז ער סתם אַ ליבער מענטש, אַ גרויסער וויצלער, אַ פריילעכער לונג־און־לעבער וואָס האָט ליב און קאָן משמח זיין.

בדרך־אגב דערציילט מען שוין בן־ציונען אַז אויך אין דעם דערפל לעבט אַ קאָלאָניסט אַ חזן, אַ מנגן וואָס דאַוונט מיט אַ כאָר לויט נאָטן און איז אויך אַ פיינער קאָמפּאָזיטאָר. פאַר איינוועגס רעדט שוין דער שוחט וועגן דער חברה ש״ס וואָס קומט זיך צוזאַמען אין זיין הויז, וועגן יידן וואָס האָבן גע־

שריבן ספרים און חיבורים, און בן־ציון חידושט זיך: וואָס אַלץ עס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין די דאָזיקע ייִדישע קאָלאָניעס פון דער ווייטער אַרגענטינע? ביז טאָג איז מען אָפּגעזעסן און געשמועסט. און דער שוחט איז אַוועקגע־פאָרן אַהיים מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגענומען אַ גרוס פון זיין „בנאָק״, ווי ער האָט אים גערופן.

אין אַ זונטיק איז מען געפאָרן אין דער קאָלאָניע ווו עס האָט געוווינט דער שול־אינספּעקטאָר פון דער זאָנע און אין אַ שטעטל וווהין די לערער פלעגן זיך צונויפפאָרן בכדי צו זיין אויף פּאָסט, טרעפן זיך מיט מענטשן וכדומה. האָט זיך בן־ציון באַקאַנט מיט זיינע קאָלעגן פון יענער געגנט. גע־ווען צווישן זיי ייִדן טיפּע לומדים פון אַלטן שניט, „מלמדים להועיל״, גע־ווען משכילים וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אויף העברעיִש און דקדוק, און געווען ייִדן וואָס האָבן קוים־קוים געקאָנט דורכקריכן אַ פּרשה חומש אָדער אַ קאַפּיטל תנ״ך. אָבער דער מאַנגל אין לערער איז געווען גרויס און מען האָט גענומען וועמען עס האָט זיך געמאַכט צום האַנט.

דער געראַנגל צווישן די דירעקטאָרן און לערער פון ייִדישע קעגנשטאַנדן איז אויך אָנגעגאַנגען. לערער האָבן געשטרעבט צו ווערן דירעקטאָרן. דאָס גליק האָט זיי צוגעשפּילט, ווייל אויך אין די אַלגעמיינע שולן פון דער פּראָ־ווינץ האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין לערער און די פּראָווינץ־רעגירונג האָט אָרגאַניזירט שנעלע קורסן פאַר דאָרפס־לערער. די ייִקאַ האָט אויסגעווירקט אַז אויך אירע לערער זאָלן צוגעלאָזט ווערן צו די קורסן, וואָס ווי רודימענ־טער זיי זאָלן נישט האָבן געווען, האָבן זיי דאָך געגעבן אַ באַגריף וועגן אַ רייע קעגנשטאַנדן, צווישן זיי פּעדאַגאָגיק און מעטאָדיק. אמת, עס איז גע־ווען פאַר אַלגעמיינע קעגנשטאַנדן, אָבער ווער עס קאָן באַקן ווייס ברויט קאָן אויך באַקן זעמל... איז די צאָל שפּאַניש־קענער צווישן די ייִדישע לערער פון דער פּראָווינץ געווען גרעסער, און זייער פּעדאַגאָגישער ניוואָ עטוואָס העכער, ווי ערגעץ אַנדערשוו.

דאָס האָט נישט געשטערט אַז דער אינספּעקטאָר פון דער זאָנע, זאָל נאָך אַ פּאָר שמועסן מיט בן־ציונען, אים פאָרשלאָגן אַ דירעקטאָר־שטעלע אין זיין זאָנע. האָט דער פאָרשלאָג זייער געלאָקט. דער געהאַלט איז געווען גרעסער, אויך דער אָנזען אין דער געזעלשאַפט. פּאַניע האָט געוואָלט זיין נענטער צו אירע קרובים, אָבער אין וועג איז געשטאַנען אַ שטערונג פון עטישן כאַראַק־טער. עס וואָלט געווען נישט פיין אַז איין אינספּעקטאָר זאָל אויסכאַפּן אַ לערער ביים צווייטן אָן זיין צושטימונג, איז גלייך אַוועק אַ בריוו צום אינס־פּעקטאָר אין וועמענס שולע בן־ציון האָט געאַרבעט און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ נעגאַטיווער ענטפער מיט אַ פּאָזיטיוון מאָמענט. דער

אינספּעקטאָר איז נישט מסכים מוותר צו זיין אויף בן־ציונען, וואָס ער באַטראַכט ווי זיין תלמיד, דערצו האָט ער אים פאָרגעשלאָגן אַלס קאַנדידאַט אויף אַ דירעקטאָר־שטעלע, צום נייעם שול־יאָר, און אין איינע פון די שולעס וואָס דאַרפן דערעפנט ווערן אין אַ נאָענטער קאָלאָניע וואָס וועט זיך אויך געפונען אונטער זיין אינספּעקציע, וועט קיינער נישט פאַרלירן, דער אינספּעקטאָר וועט בלייבן ביי זיין לערער, און בן־ציון וועט למזל ווערן אַ דירעקטאָר. עס איז נישט געבליבן קיין ברירה, מען האָט געמוזט אָננעמען דעם פאָרשלאָג.

קאַפּיטל 30

אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון צוריקפאָרן; די וואַקאַציעס האָבן געהאַלטן ביים סוף. מען האָט נאָך אָבער באַדאַרפט צו פאָרן אין צווייטן עק פון דער פּראָווינץ, צו פּאַניעס אַ ייִנגערן פעטער, און ערשט פון דאָרט צוריק־פאָרן אַהיים. האָט מען זיך געזעגנט מיט קרובים און פריינט און מען איז אָוועקגעפאָרן אויף אַ ווייטערדיקער באַן־סטאַנציע, וווּ דער פעטער האָט גע־דאַרפט אָפּוואַרטן די געסט.

דערווייל האָט זיך צעלאָזט אַ שפּריי־רעגנדל און ווען מען איז געקומען אויף דער געהעריקער באַן־סטאַנציע האָט שוין גערעגנט גאָר־גאָר קיין מעשה נישט. דער פעטער איז געקומען אין אַ הויך פיר־רעדערדיק וועגעלע, געשפּאַנט צו אַ גרויסן קרעפטיקן פערד. מען האָט זיך ווי עס איז אַריינגעזעצט, דעם באַגאַזש צוגעבונדן אויף הינטן, מען האָט זיך איינגעדעקט מיט אַזעלכע אַר־טיקע שאַלן (פּאָנטשאָס), בכדי נישט פאַרנעצט ווערן פון רעגן, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

מיטן וועג האָט מען געשמועסט. דער פעטער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דער אַלטער היים, אַפּגענומען גרוסן פון דער גאַנצער משפחה, עס מאַכט נישט אויס וואָס דער גרוס איז שוין אַלט געווען אַ יאָר דריי־פיר. דער פע־טער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס נייגעריקייט, ווי ער וואָלט געווען אַ פרישער, ערשט פון דאָרט געקומען, אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן איז נאָך געווען די אַלטע היים און די פאַרבינדונג מיט משפחה.

דערנאָך האָט דער פעטער גענומען דערציילן פון זייער לעבן און אָט דעם פאַררוקטן ווינקל פון דער פּראָווינץ. שווער געווען דאָס איינאָרדענען זיך אין דער ווייטער געגנט. מען האָט געדאַרפט קעמפן מיט ווילדע פּי, ווילדע פערד, און האַלב־ווילדע מענטשן. אָבער מ׳האָט זיך סוף־כל־סוף ווי עס איז איינגעאָרדנט. מען לעבט באַלעבאַטיש, נישט רייך, אָבער נישט צו פאַרזינ־דיקן. גראָד האַלט ער איצט אין בויען אַ ניי הויז, פון דאַרפישן סטיל, נאָר מיט שטאָטישע באַקוועמלעכקייטן.

מען איז אַריינגעפאָרן אין אַ געדיכטן וואַלד מיט נידעריקע שטעכיקעביימעלעך, עס איז געוואָרן אַביסל סמוטנע, אַמאָל האָבן זיך דאָ געהאַלטן באַנדיטן...

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער וווינונג פון אַ וואַלד־מענטש, דעם פּעטערס אַ ידיד, געכאַפּט מיט אים אַ לייכטן שמועס. ווי האָט ער עס גאָר קיין מורא נישט צו לעבן „אין ווילדן וואַלד אַליין"? ער דרינגט אָבער פּונקט דעם היפּוך, ערשט אין וואַלד קאָן מען פילן אַז מען לעבט אויף דער וועלט, וואָס ווייטער פון מענטשן און נענטער צו דער נאַטור, אַלץ נענטער צו גאָט... ער וואָלט זיין לעבן אין וואַלד נישט פאַרביטן פאַר קיין געלט און אַלע תענוגים פון דער גרויסער וועלט: אַ פילאָסאָפיש־געשטימטער פרימיטיווער גאַוטש.

פאַרנאַכטלעך איז מען געקומען אין קאָלאָניע, צוגעפאָרן צום פּעטערס הויז, אַביסל אָפּגערוט פון וועג, באַקאַנט זיך און געשמועסט מיט דער משפחה. אָבער די מידקייט פון אַ טאָג נסיעה, דער רעגן וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין דאַך און רוישן צווישן די ביימער, האָבן געצוווּנגען מען זאָל גיין פרי שלאָפן, מאָרגן וועט מען זיך ערשט אַרומקוקן ווו מען איז דאָ אין דער וועלט.

אויף מאָרגן האָט זיך געשטעלט אַ פּרעכטיקער זוניקער טאָג, די גאַנצע געגנט איז געווען פאַרפלייצט מיט ליכט און האָט זיך געבאָדן אין זונען־שטראַלן, לינדע ווינטעלעך האָבן צעטראָגן די אַראָמאַטן פון די אַרומיקע פעלדער און וועלדער. נאָ, בן־אָדם און האָב הנאה. די קאָלאָניע האָט זיך געטונקען אין גרינס. כמעט ביי אַלע קאָלאָניסטישע הייזער זענען געווען סעדלעך מיט ביימער און בלומען, די ווייס־געקאַלכטע הייזער מיט זייערע פאַרביקע לאָדנס האָבן געמאַכט אַ גאָר פיינעם איינדרוק. די בנינים פון דער באַן־סטאַציע, וואָס מען האָט געקאָנט זען פון דערווייטנס, האָבן עדות געזאָגט אַז דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל איז פאָרט נישט קיין העק, אַ פּופּציק קילאָמעטער פון דער סטאַנציע געפינט זיך אַ גאַנץ גרויסע שטאָט, צוגן גייען הין און צוריק, מען איז פאַרבונדן מיט דער גרויסער וועלט.

נישט ווייט פון דער קאָלאָניע, נענטער צום טייך, זענען געווען ברייטע זאַמד־שטחים אויף וועלכע עס זענען געוואַקסן אָרטיקע פּאַלמען־ביימער; עס האָט אַריינגעטראָגן אַביסל עקזאָטישקייט. קאָלאָניסטן פלעגן פאָרן אין די פּאַלמען־וועלדלעך אויף פּיקניקן, יוגנט פלעגט זיך דאָרט פאַרווילן. עס איז געווען גאָר אַן אַנדער פּייזאַזש ווי אין די קאָלאָניעס וואָס בן־ציון האָט ביז דאַן געקאָנט. דער טיף־געפאַלדעוועטער באָדן האָט יעדע פאַר קילאָמעטער צוגעשטעלט נייע פּייזאַזשן. דער געמיש פון טייך, פעלד און וואַלד, האָט געשאַפן אַ ראָמאַנטישן איינדרוק. עס האָט זיך געדוכט אַז מען איז ערגעץ פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַן אויסטערלישער אַרקאַדיע.

עס איז שוין געווען אַ היפּשע פאָר וואָכן נאָכן שניט, די אַרבעט אויף די פעלדער איז שוין געווען פאַרענדיקט, דאָס אַקערן האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, האָבן די פעלדער גערוט און געשפּרייט אַרום זיך אַ נחתדיקע מנוחה.

די הויז־ און הויף־אַרבעטן האָט מען געקאָנט אָפּפּאַרטיקן אין אַ פּאָר שעה־טעגלעך, איז געשטאַנען אין קאָלאָניע אַ מין לאַנגער חול־המועד, האַלב יום־טוב, האַלב וואָך, מען איז געפאָרן צו־גאַסט איינער צום צווייטן, מען האָט פאַרבראַכט, בן־ציון האָט זיך געפילט ווי ערגעץ אויף אַ גליקלעכן אינדזל ווו מען לעבט פריידיק אַ געזונטן, נאָרמאַלן נאַטור־לעבן.

נעבן דעם פעטערס שטוב איז געשטאַנען די שיל, אַ גאַנץ פיינער בנין, ווו מען פלעגט דאַוונען שבת און יום־טוב. אויף דער באַן־סטאַנציע, קוים אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער, איז געווען אַ צווייטע שיל, אויך אַ ביבליאָטעק און אַ קולטור־פאַראיין. די סטאַנציע־מענטשן האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער, סוחרים און קאָלאָניסטן זענען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן, וואָס יעדערער האָט זיך געדאַכט אַז זי ווערט באַעוולהט פון דער צווייטער. געווען נאָך אַ פּאָר שילן אין די ווייטערע ווינקלען פון קאָלאָניע. דער עולם איז נישט געווען פאַרפרומט, אַפילו נישט פרום, אָבער: וואָס צו גאָט איז צו גאָט.

לכבוד די געסט איז דעם שבת געווען אין שיל אַביסל אַ גרעסערער עולם. דער בעל־תפילה, אַ ייִד אַ פיינער יודע־ספר, האָט אַביסל מער מאריך געווען ביים דאַוונען. בן־ציון האָט געקראָגן מפטיר. ייִדן קאָלאָניסטן האָבן געהערט און פאַרהערט. געדענקט בן־ציון ביז היינט צו טאָג, ווי עס האָט אין זיינע אויערן געקלונגען דער האָפערדיקער טראַדיציאָנעלער ניגון פון „לכה דודי“, ווי ער האָט אָפּגעקלונגען פון די אין טונקלקייט איינגעהילטע ייִדישע פעלדער. דער הימן איז דאָך פאַרפאַסט געוואָרן אויף די ווייט־נאָענטע פעלדער צווישן די בערג אַרום צפת, ווהין דער אר״י מיט זיינע תלמידים פלעגן אַרויסגיין מקבל שבת זיין. אויפן שוים פון ייִדישע פעלדער איז דער „בואי כלה, בואי כלה, שבת מלכתא“, — קום דו, כלה, קום דו, כלה, מלכה־שבת“, — נישט סתם קיין פוסטע פּאָעזיע. עס זענען ווערטער פול מיט ייִדישן אינהאַלט. מיר האָבן דאָך געגעבן דער וועלט דעם וועכנטלעכן רו־טאָג. געדאַוונט האָט מען נוסח ספרד, און דער פסוק פון זהר, וואָס ווערט געזאָגט פרייטיק צו־נאַכטס: „וכלהון מתעטרין בנשמתין חדתין“ — און אַלע ווערן באַקרוינט מיט נייע נשמות, — האָט זיך דאָ געפילט נישט ווי אַ רעטאָרישער אויסדרוק, נאָר ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ממשותדיקער ווירקלעכקייט אין אַ ייִדישער קאָלאָניע, ווו אַלץ און אַלע האָבן אויסגעזען שבתדיק.

אַ דרייסיק קילאָמעטער פון דער קאָלאָניע, אין אַ שטעטל וואָס איז געווען דער צענטער פון אַ צווייטער קאָלאָניע, האָט געוווינט פאַניס אַ צווייטער קוזין, און אַ קוזינע פון דער מוטערס צד. דער קוזין איז געווען אַ פּשוטער שניידער, און דעם פעטער איז נישט אָנגעשטאַנען אַז ז יי נ ע פּלימעניקעס זאָלן פאָרן באַזוכן אָט דעם קרוב זייערן. האָט בן־ציון געקענט באַ־

מערקן ווי אויף די אומענדלעכע פעלדער האָבן זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן די קליינשטעטלדיקע קאָנפליקטן פון דער אַלטער היים. בן־ציונס שווער און שוויגער האָבן געשטאַמט פון צוויי שכנישע ייִדישע קאָלאָניעס פון דרום־רוסלאַנד, איינע מיט אַ מערהייט ליטוואַקעס, די צווייטע מיט אַ מערהייט אוקראַיִנער ייִדן, פון וואָלין און פּאָדאָליע. איז צווישן ביידע קאָלאָניעס געווען אַ שטענדיקע אַנגעצויגנקייט. ביידע משפחות זענען געווען גלייך אין יחוס־אָבות, ביידע אָבות פון די משפחות זענען געווען ייִדן לערנער. אָבער אין דעם יחוס פון די קינדער האָט מען זיך שוין נישט געקענט אויסגלייכן. איז געווען אַ סאָציאַלער קאָנפליקט צווישן ביידע משפחות, אַ קאָנפליקט וואָס האָט זיך געפירט אין דער שטיל, אָן סקאַנדאַלן ח״ו, אָבער מען האָט שטענדיק געדענקט ווער מ י ר זענען און ווער ז יי זענען. און דאָס אַלץ האָט אָפגעהילכט אין דער שטיל אויף ווייטע פעלדער אין אַרגענטינע.

ווען די געסט האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג צוצופאָרן צו זייערע קרובים פון דער מוטערס צד, האָבן דער פעטער מיט דער מומען געהאַלטן אין איין אָפּציִען: עס וועט נישט אַנטלויפן, ס׳איז דאָ צייט. אָבער פאַניע האָט אַרויסגעשטעלט אַ גאָר פעסטע טענה. זי איז געווען קוואַטערין ביים עלטסטן זון פון אירע קרובים, וויל זי פאָרן זען וואָס עס מאַכט דאָס „קינד" און זיינע עלטערן. קעגן אַזאַ טענה האָבן שוין קיין מענות נישט געהאָלפן. מען איז צוגעפאָרן אין נאָענטן שטעטל, געזען זיך מיט קרובים און געקענט אַריינבליקן ווי עס לעבט זיך אַ ייִדישן באַלמעלאָכע אין אַ ייִדישער קאָלאָניע: דאָס שטיבעלע איז געווען אַ קליינס, נאָר ריין און ציכטיק און די בעסטע טראַדיציעס פונעם דרום־רוסישן ייִדנטום. אין יעדן ווינקעלע, כאָטש גאָלד צו לייגן. נישט געווען קיין רייכקייט אין שטוב, אָבער אויך נישט קיין אָרעמקייט. די פרוי איז געווען אַ בריה, דער מאַן אַ פריילעכער לונג־און־לעבער, וואָס האָט געוווסט אַ ים ייִדישע אַנעקדאָטן, געקענט אַ שלל ייִדישע לידלעך. האָט מען פיין פאַרבראַכט, געמאַכט אַ „לחיים", פאַרביסן מיט געשמאַקן געבעקס, און בן־ציונען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נישט ביי קיין אַנדערן, זוי נאָר ביי טוביה דעם מילכיקן בכבודו ובעצמו, אַן עכטער כתריאלעווקער, אַן אָרעמס און אַ פריילעכס, וואָס האָט אויך אין אַרגענטינע נישט אָנגעוואָרן זיין הומאָר.

דער לוח האָט זיך דערווייל געטאָן זיינס, האָט מען זיך געמוזט צעאיילן, ווידער דורכשניידן די פראָווינץ פון ברעג צו ברעג, ווידער פור, צוג, שיף, צוג און פור. און אַ פאָר טעג פאַרן דערעפענען די שולעס איז שוין די לערער־משפחה געווען אין דער היים. עס האָט געקאָסט היפש די נסיעה, אָבער עס איז כדאי געווען. מען איז באַרייכערט געוואָרן מיט ידיעות וואָס זענען וויכטיק און מיט עמאָציעס וואָס זענען אומפאַרגעסלעך.

קאַפּיטל 31

אויף אַ דירעקטאָר-פּאָסטן

עס האָט געדויערט העכער אַ חודש ביז בן־ציונס באַשטימונג אויף זיין נייעם פּאָסטן פון אַ דירעקטאָר אין אַ שולע פון אַ יזק״אַ־קאָלאָניע איז אָנגעקומען. ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דירעקטאָר און לערער פון אַלגעמיינע לימודים אין איינער פון די שולעס אין אַ קאָלאָניע וואָס איז געלעגן אַ הונדערט קילאָמעטער פון זיין וווינאָרט.

דאָס איז געווען אַ שטאַרק געליטענע קאָלאָניע. צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָט זי געליטן פון פאַרפּלייצונגען. קאָלאָניסטן זענען אויסגעשטאַנען צרות צרורות, מען האָט ממש געליטן הונגער, מען האָט זיך געראַטעוועט אויף די דעכער פון די הייזער, וואָס זענען געשטאַנען טיף אין וואַסער. געווען אין קאָלאָניע קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף די דעכער.

אָבער קאָלאָניסטן האָבן זיך געהאַלטן פעסט. זיי האָבן אַריינגעלייגט אין די פעלדער אייגענעם קאַפּיטאַל, אויסער די קרעדיטן פון דער יזק״אַ. זיי זענען געווען ענטוזיאַסטישע ערד־אַרבעטער, אידעאַליסטן, — זענען זיי אַלץ אויסגעשטאַנען און מיט דער הילף פון דער פּראָווינץ־רעגירונג און פון דער יזק״אַ, איבערגעטראָגן די פאַרפלייצונגען.

געווען אין קאָלאָניע פיר שיינע שולע־בנינים מיט פיינע הייזער פאַר די לערער. דריי שולעס זענען דערעפנט געוואָרן נאָך פאַר די פאַרפלייצונגען, די פערטע שולע איז געשטאַנען געשלאָסן, און אויף בן־ציונען איז אויסגעפאַלן דער זכות זי צו דערעפענען.

פאָרן פון איין קאָלאָניע אין דער צווייטער איז געווען נישט אַזוי גלאַטיק. עס איז געווען אַ גאַנצע נסיעה: אַכצן קילאָמעטער מיט דער פור ביז דער באַן־סטאַנציע, אַ זעקס־זיבן סטאַנציעס מיטן צוג. און פון דער לעצטער סטאַנציע אַ דרייסיק קילאָמעטער ביז צו דער שולע. דער צוג איז פאַרבייגעגאַנגען אין די שפּעטע נאָכמיטיק־שעהען, ביז ער וועט קומען צו דער לעצטער סטאַנציע וועט שוין זיין שקיעה־צייט — ווו וועט מען קריגן אַ פור? ווו וועט מען באַקומען אַ נאַכטלעגער. עס האָט אַביסל געשמעקט מיט אַוואַנטורע, וואָס בן־ציון האָט גראָד פון אַלעמאָל ליב געהאַט; איז ער געפאָרן אויף גאָטס באַראָט.

אויף דער סטאַנציע ווו בן־ציון האָט געדאַרפט נעמען דעם צוג, איז צו

אים צוגעקומען אַ הויכער ברייטפּלייציקער און פולבוּיכיקער ייִד, פּיין צע־שמייכלט זיך, אָפּגעגעבן אַ שלום־עליכם און זיך פאָרגעשטעלט ווי דער אייַנ־ציקער קרעמער וואָס איז פאַראַן אין דער קאָלאָניע, טאָקע נעבן דער אַדמי־ניסטראַציע, עטלעכע קילאָמעטער פון דער שולע וווּהין בן־ציון איז באַשטימט געוואָרן. מען וועט אים קומען אָפּוואַרטן, לאָדט ער איין בן־ציונען צו פאָר־פאָרן צו אים, דאָרט איבערנעכטיקן און מאָרגן וועט שוין די אַדמיניסטראַ־ציע זאָרגן פאַר אַלעס.

בן־ציונען איז ממש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן; אָט האָט ער שויז גע־לייזט זיינע ערשטע פּראָבלעמען, צווישן ייִדן ווערט מען נישט פאַרפאַלן. האָט מען שוין דעם גאַנצן וועג פריינטלעך געשמועסט. בן־ציון האָט זיך צע־פרעגט וועגן דער קאָלאָניע. דער קרעמער, ר׳ מתתיהו, האָט זיך צעפרעגט וועגן בן־ציונען. מען איז געוואָרן חברים.

צו דער לעצטער סטאַנציע איז מען אָנגעקומען ווען די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. נעבן דער סטאַנציע איז געווען אַ געדיכט עוקאַ־ליפּטוס־וועלדל, מיט הויכע שטאַמיקע ביימער, וואָס האָבן געוואָרפן לאַנגע, געדיכטע, קילע שאָטנס און האָבן מיטן רויִקן גערויש פון זייערע צווייַגן און בלעטער אָנגעהויכט אַ מין זאַנפטע געמיטלעכקייט; עפּעס ווי אַ קליין גן־עדן ווינקל.

אויף דער זייער ברייטער גאַס, וואָס האָט צווישן צוויי שיטערע רייען הייזער געפירט צו דער באַן־סטאַנציע, האָט זיך באַוויזן אַ סולקי וואָס האָט געאײַלט צו דער סטאַנציע. דאָס איז מען געקומען אָפּוואַרטן דעם קרעמער. פון סולקי (אַ וועגעלע אויף צוויי רעדער) איז אַרויסגעשטיגן אַ שיינע וווּקסיקע פריילין, דעם קרעמערס עלטסטע טאָכטער. זי האָט זיך צעקושט מיט פאָטער, פריינטלעך באַגריסט דעם גאַסט. ליבלעכקייט און אומשולד, חן און צוגעלאָזנקייט האָבן אַרויסגעשטראַלט פון איר גאַנצן וועזן. איר קרעפטיקע שטאַלטנע פיגור, באַ־קרוינט מיט אַ שוועוועליורע קאַשטאַן־האָר, האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ געזונטן, רויִקן נאַטור־לעבן, וואָס חכמהט זיך ווייניק, זוכט נישט קיין חלומות אין הימל, נאָר לעבט מיט פולן לעבנס־פּולס און ריטעם. עס איז געווען אַ נחת אָנצו־טרעפן אַזאַ פרעכטיקע ייִדיש קינד, און בן־ציון האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גוטן סימן, אַז ער וועט מצליח זיין אויף זיין נייעם פּאָסטן.

מען האָט געמוזט אָפּוואַרטן ביז דאָס פערדל האָט זיך אַביסל אָפּגערוט, און מיט די ערשטע שאָטנס פון דער נאַכט איז מען אַרויסגעפאָרן אין קאָלאָ־ניע. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, די געגנט האָט געשמעקט מיט אַראָ־מאַטן פון שפּעט־זומערדיקן שניט, עס האָט זיך געאָטעמט פריי. בן־ציון האָט מער געשוויגן ווי גערעדט, ער האָט אין זיך געוואָלט אייַנזאַפּן די שטילקייט

פון אַרום וואָס איז נאָך מער בולט געוואָרן דורכן ריטמישן קלאַפּן פון די קאָפּיטעס פון פערדל און שטילן גערויש פון די רעדער.

מען איז בשלום אָנגעקומען צום קרעמער. אין סאַמע צענטער פון קאָ־לאָניע. די קראָם איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ רחבותדיקער פּוסטקייט, אַן איינציקע שטוב, אַן אָנזאָג אויף אַ שטעטל וואָס וועט מיט דער צייט אויפ־קומען. אַ הונדערט מעטער ווייטער האָבן זיך געשאָטנט די אַדמיניסטראַ־ציע־ביימער, פון צווישן וועלכע עס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען אַ צאָל בנינים. אויף דער צווייטער זייט האָבן פון ווייטן געוווּנקען שיטערע פייערלעך אין קאָלאָניסטישע הייזער, אַ לופט־מיל פאַר וואַסער שעפּן האָט גערוישט מיט איר לופט־ראָד און פון צייט צו צייט ווי אונטערגעקרעכצט. אַלץ איז געווען יונג, ניי, בראשיתדיק, בן־ציונען איז עס געפעלן געוואָרן.

אין דירה פון קרעמער האָט בן־ציונען אויפגענומען די הויז־פרוי, אַ גאַנצע דאַמע, מיט אַ פיינער קולטור. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַ היפּש באַלעזענע און אַ חכמה. דער טיש איז געווען געגרייט, אַ זאַטע ווע־טשערע כיד המלך. דערנאָך איז מען געזעסן אין קילן דרויסן און געמיטלעך געשמועסט. בן־ציונען האָט אָנגעהויבן באַאומרויִקן אַ פראַגע: ווו וועט ער דאָ שלאָפן, קיין צופיל צימערן האָט די דירה נישט געהאַט. עס איז אָבער באַלד ווי פון זיך אַליין פאַרענטפערט געוואָרן: אויפן צאַל־באַנק אין קראָם... ווו דאָס געלעגער איז שוין געווען אויסגעבעט. איז עס בן־ציונען אויסגעקומען אַביסל מאָדנע, אָבער קיין ברירה איז נישט געווען; אַרויפגעקראָכן אויפן גע־לעגער וואָס איז געווען אַביסל צו הויך, האָט ער נישט באַוויזן רעכט אָוועק־צולייגן דעם קאָפּ אויפן טיש, ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ געזונטן, טיפן שלאָף. די אַרומיקע רויִקייט, די טיפע שטילקייט, די קילקייט פון דער לופט, די מידקייט פון וועג, אַלץ צוזאַמען האָט געווירקט אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט ווי די נאַכט איז אַריבער: דאַכט זיך ערשט אַוועקגעלייגט זיך און שוין קלאַפּט מען אין טיר, מען דאַרף עפענען די קלייט, עס זענען געקומען קונים...

אין דרויסן האָט אויף בן־ציונען געוואַרט אַ גרויסע ליכטיקע זון, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין טוי פון די אַרומיקע פעלדער. די פרימאָרגן־לופט איז געווען קיל און שאַרף, אָנגעזאַפּט מיט אַראָמאַטן. אַרומגעוואַשן זיך מיט קאַלט וואַסער פון ברונעם, האָט זיך בן־ציון דערפילט פריש און מונטער. איז ער קודם־כל אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער די אַרומיקע נאָך נישט פאַרצוימ־טע פעלדער, דערנאָך געגעסן מיט אַפּעטיט אַ זאַטן פרישטיק; ביים פרישטיק האָט ער זיך באַקאַנט מיט די דריי יִנגערע קינדער פון דעם קרעמער, וואָס האָבן שוין געוווּסט ווער ער איז און האָבן אים אַדרעסירט מיט אַ „סעניאָר

דירעקטאָר״. מען קען נישט זאָגן אַז דאָס האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין געוויסן אָנגענעמען רושם.

נאָך פרישטיק איז בן־ציון אַוועק אין דער אַדמיניסטראַציע, זיך פאָר־שטעלן פאַרן אַדמיניסטראַטאָר און באַקומען מיט וואָס צוצופאָרן צו זיין שולע. דער אַדמיניסטראַטאָר איז געווען אַ דייטשישער ייִד, אַ פעדאַנט און אַ שלומיאל. ער האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן אויסגעניצן זיך און האָט לכת־חילה נישט תופס געווען וואָס מען וויל פון אים האָבן. ערשט, ווען בן־ציון האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו פון דער הויפט־דירעקציע, האָט דער „סעניאָר אַדמיניסטראַדאָר״ גענומען פאַרלייגן תירוצים: דער קאַטש איז קאַליע, מיט דער „סולקי״ דאַרף ער אַליין גלייך אָפּפאָרן אין אַ צווייטן ברעג קאָלאָניע, איז סיידן בן־ציון וויל פאָרן רייטנדיק... שנעל האָט מען געזאָטלט אַ פערד. דער וועג צו דער שולע איז געווען אַ לייכטער; פריִער אַביסל קווער ביז דער ערשטער גאַס, נאָכהער גלייך מיט דער גאַס ביז אַ ווינקל ווו עס קרייצט זיך דורך אַ צווייטע גאַס, פון דאָרט פאַרנעמען זיך רעכטס ביז צו דער שולע.

דאָס פערדל איז געווען אַ ספּריטנעס, דער זאָטל אַ ווייכער, דער פרי־מאָרגן אַ ראָמאַנטישער, דאָס געמיט אויפגעלייגט — האָט בן־ציון אונטער־געברומט אַ ניגונדל, געוואָרפן בליקן אויף די קאָלאָניסטישע הייזער וואָס ער איז פאַרבייגעריטן, געכאַפּט אַ בליק אויף די פעלדער, געזען אַז זיי זענען כמעט פּוסט, זעלטן ווו מען זעט אַ פּאָר „שטיקלעך״ פּי, האָט ער זיך אַליין אַ פרעג געטאָן: פון וואַנען ציט מען דאָ חיונה?

אָבער אָט זעען זיך שוין די שולע־בנינים. די שולע — אַ שיינער בנין פון ציגל, פענצטער מיט רויטע לאָדנס, אַ בלעכערנער דאַך. אַרום דער שולע — דריי הייזער פאַר די לערער, שטיבלעך פאַר באַדערפעניש, אַלץ סאָליד געבויט. און אויף דעם אַלעמען ווערט ער באַלעבאָס!? עס האָט אים זייער שטאַרק געשמייכלט.

צוגעפאָרן און אָפּגעבונדן דעם טויער פון דראָט, איז בן־ציון אַריין ריי־טנדיק אין שולע־הויף. דאָס פערד האָט שווער געטראָטן צווישן די הויכע גראָזן און האַרטע קוסטעס (טשילקעס) וואָס האָבן פאַרדעקט דעם גאַנצן הויף. איז בן־ציון אַרומגעפאָרן די בנינים. אַלץ איז אין אָרדענונג, נאָר די גראָזן מוז מען אויסהאַקן און פאַרברענען. איז ער אַרויסגעפאָרן פון הויף, צוריק פאַרבונדן דעם טויער, צוגעפאָרן צו דער ערשטער שטוב פון ערשטן קאָלאָניסט נעבן דער שולע. דאָרט האָט ער געטראָפן אַ פּאָר בחורים וואָס האָבן געמיטלעך געטרונקען מאַטע. ער האָט זיי אַ פרעג געטאָן, צי זיי וואָלטן געקענט און געוואָלט אָפּרייניקן דעם שולע־הויף פון די גראָזן. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו ענטפערן, איז פון שטוב אַרויסגעקומען זייער מוטער

און האָט פּאָר אַלעמען געוואָלט וויסן ווער דער יונגערמאַן איז, און ווען זי האָט דערהערט אַז דאָס איז דער נייער דירעקטאָר וואָס איז געקומען עפענען די שולע, האָט זי פריידיק אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריִען: — „דער נייער מאַעסטראָ! (מאַעסטראָ — לערער), איז וואָס־זשע זיצט איר אויפן פערד? קומט אַראָפּ, וועלן מיר אַריינגיין אין שטוב, וועט איר טרינקען אַ מאַטע־לעטשע מיט מילך...״

דערהערט דעם אויסדרוק: „מאַטע לעטשע מיט מילך״ (לעטשע מיינט דאָך מילך), האָט בן־ציון אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער וואָס האָט ווייט אָפּגעקלונגען אין שטילן פרימאָרגן. די קאָלאָניסטקע האָט אים אַנגעקוקט פאַרוווּנדערט: וואָס האָט זי דען געזאָגט אַזעלכעס? אַ מאָדנער, פריילעכער פאַרשוין... דאָך איז דער סעניאָר דירעקטאָר אַראָפּ פון פערד. קיין מאַטע־לעטשע מיט מילך האָט ער טאַקע נישט געטרונקען, אָבער מיט די צוויי זין פון דער קאָלאָניסטקע (געוועזן אַן אלמנה) האָט ער אָפּגעמאַכט וועגן אויסרייניקן דעם שולע־הויף אַזוי גוט ווי נאָר מעגלעך.

אויף צו מאָרגנס זענען שוין אין אַדמיניסטראַציע און אין קראָם געהאַנגען מודעות, אַז די שולע ווערט דערעפנט, אַז מען קען קומען פאַרשרייבן תלמידים אין די און די טעג, אין די און די שעהען. די מודעות זענען געווען אין יידיש און דאָס האָט אַרויסגערופן קאָמענטאַרן. אַ דירעקטאָר, און שרייבט יידיש: טאָ וואָס־זשע פאַר אַ דירעקטאָר איז ער?... אָבער בן־ציון איז שוין אַריין אין דער אַרבעט. קיין ברירה איז נישט געווען, די קאָלאָניסטן האָבן פאַרשריבן זייערע קינדער אין דער ניי־דערעפנטער שולע.

קאַפּיטל 32

אין אַן אָרעמאַנסקער שולע

פון דער קאָלאָניע ווו בן־ציון האָט פריער געוווינט איז אַראָפּגעקומען זיין יונג ווייבל מיט די צוויי קינדערלעך. פון בוענאָס־איירעס האָט די ייק״א־דירעקציע צוגעשיקט אויסשטאַטונג פאַר דער שולע: אַ פיינעם וואַנט־זייגער, אַ גלאָק, געאָגראַפישע און אַנדערע קאַרטעס, קרייד, מעקערס, אַ פּראָשעק צו מאַכן טינט, מכשירים פאַר ערד־אַרבעט אאַ״וו. אויף דער סטאַנציע האָט מען איינגעקויפט טרוקענעם פּראָוויאַנט אויף אַ פּאָר וואָכן, ביז מען וועט זיך אַרומקוקן. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט געשיקט טיפער מאַכן דעם וואַסער־פּלומפּ. הכלל, אַלץ האָט זיך איינגעאָרדנט, אויסער... ברויט. אין קאָלאָניע איז קיין בעקעריי נישט געווען, קאָלאָניסטן פלעגן באַקן אַליין, אָבער נישט געוואָלט פאַרקויפן. ווו־זשע נעמט מען ברויט פאַר דער קליינער משפחה? איז עס געווען אַ שאַרפער פּראָבלעם. אָבער אַ גוטהאַרציקער קאָלאָניסט, טאַקע מיטן נאָמען גוטהאַרץ, האָט דערוויילֿ אויסגעהאַלטן מיט ברויט, און אין אַ פּאָר טעג אַרום צוגעשיקט אַ קאָלאָניסט פון אַ ווייטערער גרופּע, וואָס האָט זיך אָנגעבאָטן צוצושטעלן פרישן גוטן ברויט פאַרן לערער מיט זיין פאַמיליע, אַפילו קוילעטשן אויף שבת און אַנדערע געבעקסן, אַבי דער לערער זאָל צושטעלן מעל פאַר אים מיט זיין פאַמיליע. איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט וואָס בן־ציון מיט זיין פאַמיליע זענען געווען אין קאָלאָניע. דער קאָלאָניסט איז אין דער אַלטער היים געווען אַ בעקער אַ ספּעציאַליסט, איז זיין ברויט געווען זייער גוט: אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ.

ווען אַלץ איז שוין געווען פיקס און פאַרטיק, האָט אין אַ טאָג געקלונגען דער גלאָק, חברה קליינוואַרג וואָס איז געקומען צופוס, רייטנדיק, אָדער מיט פורלעך, האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייען, גרייט אַריינצוגיין אין שולע. אַלס לערערין פון יידישע לימודים איז באַשטימט געוואָרן פאַניע, אַזוי אַז אין שולע איז אַוועק די גאַנצע משפחה, ווייל ס׳איז נישט געווען ביי וועמען צו לאָזן די קינדער, שווער געווען צו קריגן אַ דינסט.

אויסגעשטעלט די חברה אין רייען, האָבן די לערער דורכגעפירט די ערשטע אינספּעקציע: געזונט און ריינקייט. אַלע קינדער האָבן גוט אויסגעזען, זענען געווען ריין אויסגעוואַשן, פיין פאַרקעמט, די בגדימלעך אַלטע, ערטער־

ווײַז פּאַרלאַטעטע, זענען געווען ציכטיק און אַפילו אויסגעפּרעסט. אָבער באַלד איז אויפגעקומען אַ פּראָבלעם: שיך! די גרעסטע טייל פון די תלמידים, ייִנגלעך ווי מיידלעך, זענען געגאַנגען באָרוועס. ווי לאָזט מען אַרײַן באָרוועסע קינדער אין אַ שולע? די גיריקייט אָנצוהייבן די לימודים האָט דערווייל אָפּגערוקט די שיך־פראַגע אויף אַ צווייטן פּונקט. מען האָט אָנגעהויבן אײַנטיילן די קינדער אין גראַדן, און דאָ שווימט אַרויף נאָך אַ שווערע הלכה — פון 83 שילער האָבן בלויז אַ 15 געקענט עטוואָס לייענען און שרײַבן, די רעשט זענען געווען פולקאָמע אַנאַלפאַבעטן — נישט קיין ייִדיש, נישט קיין שפּאַניש. אין ביידע גרופּעס זענען געווען קינדער פון פאַרשידענעם עלטער: פון 6 ביז 14־15 יאָר. ווי מאַכט מען דאָ אַ טאָלק? נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָבן די לערער באַשלאָסן צו צעטיילן די גראַדן לויטן עלטער. פיר גראַדן: פאַרן עלטער פון 6־7, 8־9, 10־11 און11־13 יאָר. מען איז אַרײַן אין די קלאַסן, די לימודים האָבן זיך אָנגעהויבן: קיין ביכער, קיין העפטן, קיין בלײַפעדערס זענען נישט געווען. פון וואָס הייבט מען אָן? ווי קריכט מען דאָ אַרײַן? איז די ערשטע שעה אַוועק אויף מאַכן די רעגיסטערס: אויספרעגן נעמען, פאַמיליע־נעמען, עלטער, און אַזוי אַרום שאַפן די פּראָוויזאָרישע קלאַס־רעגיסטערס. בשעת דער פּויזע, ווען די קינדערלעך האָבן פאַרהילכט דעם הויף און אומגעבונג מיט פריידיקע קולות און געלעכטער, מיט דער שמחה וואָס מען גייט שוין אין שולע, האָבן די לערער באַשלאָסן אַז דערווייל זאָל מען אָנהייבן פון... לידלעך. אויפשרײַבן די לידלעך אויף די טאָוולען. די, וואָס קענען לייענען וועלן זײַן די ערשטע אויסצולערנען די, וואָס קענען נאָך נישט לייענען, נישט שרײַבן. אײַנזינגען וועט מען עס אַלע צוזאַמען.

די קינדער האָבן דעם דאָזיקן סדר־הלימוד אָנגענומען מיט פריידי. בכלל איז עס געווען אַ טײַערע חברה: פלײַסיק, געהאָרכזאַם, דיסציפּלינירט, באַגער צו לערנען. דער ערשטער טאָג איז פון זיך אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין שול־יום־טוב. מען האָט געשמועסט אָנשטאָט לערנען, דערצו געזונגען — איז די שמחה געווען גרויס.

אָבער וואָס טוט מען מיט שיך? ווי דערלאָזט מען אַז קינדער זאָלן קומען אין שולע אַרײַן באָרוועס? האָט בן־ציון פאַרן אַפּלאָזן די תלמידים אַהיים זיי נאָכאַמאָל אויסגעשטעלט אין רייען, געהאַלטן פאַר זיי אַ גאַנצע רעדע וועגן דער חשיבות פון דער שולע, געלויבט זייער ריינקייט און ציכטיקייט, זייער פלײַסיקייט און געהאָרכזאַמקייט, אָבער גלײַכצײַטיק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז באָרוועס קען מען אין שולע נישט אַרײַנגיין און געבעטן איבערצוגעבן זייערע עלטערן די בקשה, אַז ביז אַ וואָך צײַט זאָלן זיי קויפן פאַר די שילער שיך און זאָקן. בן־ציון מיט פאַניען זענען אַוועק אַהיים רויִקע און צו־

פרידענע, אָפּגעגעסן דעם אַביסל שפּעטן פּיסנעם מיטיק, פאַרטרונקען מיט טיי און לאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען זייערע קינדערלעך זענען שוין געשלאָפן מיט אַ טיפן קינדערשן שלאָף, האָט נאָך דאָס לערער־פּאָרל געפּלאַ־ בעוועט זייער ווייטערדיקע טעטיקייט, וואָס זיי וועלן אַלץ אויפטאָן פאַר און מיט זייערע תלמידים.

די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן גלייך אויף מאָרגן. קאָלאָניסטן האָבן אָנ־ געהויבן צו קומען און דערקלערן, אַז זיי זענען נישט בכוח צו קויפן פאַר זייערע קינדער קיין שיך מיט זאָקן, קיין הכנסה פון די פעלדער איז דערווייל נישטאָ. מען איז ערשט אַרויס פון דער פאַרטרינקעניש, מען וועט ערשט פאַרזייען אַלפאַלפאַ מיט ליאָן, אָבער ביז צום שניט איז נאָך ווייט; קי זענען פאַראַן נאָר בלויז פאַר אַביסל מילך פאַר די קינדער. די קאָאָפּעראַטיווע וואָס די יק״אַ האָט געהאָלפן גרינדן איז כמעט ווי אונטערגעגאַנגען, די קרעמער ביי דער סטאַנציע ווילן מער נישט געבן אויף באָרג; מען איז זיי שולדיק צופיל. פון וואַנען זשע זאָל מען נעמען אויף שיך און זאָקן פאַר די קינדער? זיי פאַר־ שטייען אַז דער „סעניאָר דירעקטאָר“ איז גערעכט, — אָבער פון וואַנען זאָל מען נעמען?

האָט בן־ציון געפּרוווט זיין שטרענג: אָן שיך וועט ער די קינדער אין שולע נישט אַריינלאָזן. האָבן קאָלאָניסטן געטענהט: סטייטש, קוים דערלעבט מען זאָל עפענען די שולע, וועלן איצט זייערע קינדער בלייבן אין דרויסן? ווי קען עס געמאָלט זיין? אָבער בן־ציון איז געבליבן אומבויגזאַם, מער ווי נאָך אַ וואָך וועט ער נישט דולדן. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז ער פאָדערט דאָס אוממעגלעכע, האָט ער אַביסל אַראָפּגעלאָזט פון דער פאָדערונג: אָנ־ שטאָט שיך פון לעדער זאָל זיין אַלפּאַרגאַטן פון ברעזענט מיט פּאָדעשוועס פון שטריק, וואָס קאָסטן בסך־הכל 70 סענט אַ פּאָר, צוזאַמען מיט צוויי פּאָר זאָקן איז עס אַ פראַגע פון אַן אַנדערהאַלבן פּעזעס. שיקט זיך, אַז קאָלאָניסטן זאָלן אַפילו אַזאַ קליינעם סכום נישט האָבן? די קאָלאָניסטן האָבן אָבער גע־ טענהט: אין לי, מיר האָבן נישט. און בן־ציון האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די דראָונג אַרויסצושיקן צום סוף פון דער וואָך אַלע קינדער וואָס וועלן נאָך אַלץ קומען באָרוועס.

דערווייל איז אין קאָלאָניע געקומען אויף אַן אינספּעקציע אַ גענעראַל־ דירעקטאָר פון דער יק״אַ, און די קאָלאָניסטן האָבן זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף דער גזירה פון אַלפּאַרגאַטן, וואָס זיי קענען נישט ביישטיין. אויף זיין באַזוך אין שולע האָט דער גענעראַל־דירעקטאָר געפּרוווט איבערצייגן בן־ ציונען, אַז ער מוז נאָכלאָזן, אויפגעבן זיין פאָדערונג. בן־ציון איז פעסט גע־ שטאַנען אויף זיינס: מיט קיין באָרוועסע קינדער וועט ער נישט לערנען. ווען

דער דירעקטאָר האָט גענומען אַביסל אַ שטרענגערן טאָן, מעשה נאַטשאַלניק, האָט אים בן־ציון מוטיק געענטפערט, אַז ער קען זיך אָפּזאָגן פון פּאָסטן, אָבער צווינגען אים לערנען מיט באָרוועסע קינדער — קען ער נישט.

בן־ציון האָט זיך אָבער פאַרטראַכט: פון וואַנען זאָלן די קאָלאָניסטן בכלל לעבן? די פעלדער גיבן דערווייל גאָרנישט, קיין פּי זעט מען נישט, ווו נישט ווו אַ מאָגער קי׳עלע מיט אַ קאַלב, נו, איז פאַראַן אַביסל מילך, אָבער חוץ מילך?... ער האָט באַזוכט די קאָלאָניסטישע הייזער און געזען, אַז זיי האָבן ביי די הייזער אַ היפּש ביסל עופות: גרויסע אַרגענטינער קאַטשקעס, הינער, גענדז — דאָס איז דער הויפּט מקור פון חיונה. מען עסט זייער פלייש, אייער. דערפאַר זעען די קינדער אַזוי גוט אויס, טראָץ דעם דלות. אַמאָל איז מען מצליח צו פאַרקויפן אַ פּאָר עופות אָדער עטלעכע צענדליק אייער, זענען אָבער די פּרייזן קליינע, כמעט אומזיסט, איז שווער איינצוהאַלטן אַ מזומענעם גראָשן.

דער „סעניאָר דירעקטאָר" האָט פאַרשטאַנען אַז מיט שטרענגקייט וועט ער דאָ גאָרנישט מאַכן, איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה. ער איז צוגעפאָרן אויף דער באַן־סטאַנציע, אין אַ יידישער קראָם איינגעקויפט די נייטיקע צאָל אַל־פאַרגאַטעס און זאָקן, פאַרטיילט צווישן די שילער, אויף איינצוקאַסירן דעם באַטרעף אויף לכשירחוב, און... אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ. די קינדער האָבן שוין געקענט אַריינגיין אין שולע.

קאַפּיטל 33

אַ מאָדנער דירעקטאָר

דאָס לעבן האָט זיך ביסלעכווייז נאָרמאַליזירט. די לימודים אין שולע זענען אַוועק גלאַטיק. אויך די הויז־פּראָבלעמען זענען ביסלעכווייז געלייזט געוואָרן. די הויפּט־פּראַגע איז אָבער פאַרבליבן — דאָס מיטיק עסן. פאַרן אַריינגיין אין שולע איז געווען גענוג צייט צוצוגרייטן און אָפּצועסן אַ זאַטן פרישטיק. נאָכן אַרויסגיין פון שולע איז געווען צייט פאַר מאַכן פאַרנאַכטיקן טיי און אָוונט־ברויט. אָבער ווי גרייט מען צו דעם הויפּט מאָלצייט פון טאָג — דעם מיטיק, בשעת ביידע זענען פאַרנומען אין שולע און קיין דינסט איז נישט צו קריגן? און איין מאָל אין טאָג מוז מען דאָך עסן געקעכטס, בפרט די קינדערלעך.

אויך פאַר דעם פּראָבלעם האָט זיך געפונען אַ לייזונג. אַ קאָלאָניסט האָט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן יעדן טאָג אַ הון אָדער אַ קאַטשקע גרייט צו לייגן אין טאָפּ אַריין, וואָס זאָל זיך לאַנגזאַם אָפּקאָכן ביז מען קומט פון שולע צום מיטיק עסן. בן־ציון האָט אויסגענומען אַ ריי תנאים: מען זאָל דאָס עוף לאָזן שעכטן ביים שוחט, ווייקן און זאַלצן לויטן ייִדישן דין; טאָמער מאַכט זיך עפּעס אַ שאלה, זאָל מען קוילען אַ צווייט עוף. הכלל, אין קאָלאָניע איז באַוווסט געוואָרן, אַז ביים נייעם דירעקטאָר עסט מען כשרס.

האָבן קאָלאָניסטן געצוקט מיט די פּלייצעס. עפּעס אַ מאָדנער דירעקטאָר, גאָרנישט ווי די אַנדערע דריי קאָלעגן זיינע. אין קאָלאָניע זענען געווען נאָך דריי שול־דירעקטאָרן: איינער אַ ספרדי, וואָס האָט דורכגעמאַכט די נאָרמאַל־שולע פון דער „אַליאַנס” אין פּאַריז; די אַנדערע צוויי זענען געווען מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, אָבער זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם לערער־סעמינאַר פון בערלין. איינער פון זיי, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, האָט פאַרמאָגט אַ היפּשן ייִדישן וויסן, אָבער אַלע דריי זענען געווען גאַנץ ווייט פון ייִדישער אויפפירונג — האָבן געגעסן טרפות, האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס פון די קאָלאָניסטן, ווי עס פאַסט זיך פאַר מענטשן פון העכערן קלאַס, וואָס קענען נישט קיין ייִדיש און רעדן פראַנצויזיש, שפּאַניש אָדער לכל הפחות, דייטש...

בן־ציון, אָבער, איז געווען אַ נאַש־בראַט. זיך נישט געהאַלטן פון דערווייטנס. גערעדט מיט די קאָלאָניסטן מאַמע־לשון. זיין ווייבל איז די העב־

רעזשע לערערין, און דערצו פירט מען אַ כשרע שטוב... עפּעס מאָדנע ברור־אים! אין קאָלאָניע האָט מען אָנגעהויבן מורמלען, אַז בן־ציון איז נישט קיין אמתער דירעקטאָר, ער איז הפּנים נאָר צייטווייליק. דער אמתער די־רעקטאָר דאַרף ערשט קומען...

דערווייל האָט געטראָפן עפּעס אַ גאָר מאָדנע פּאַסירונג. די יק״אַ האָט אַראָפּגעשיקט אין קאָלאָניע אַ נייעם אַדמיניסטראַטאָר, אַן אַגראָנאָם, אַראָפּ־געבראַכט אַזש פון אַמעריקע. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט גערעדט אַביסל יידיש, אָבער ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט שפּאַניש. איז גראָד בן־ציון באַשטימט געוואָרן צו לערנען אים די לאַנד־שפּראַך. אַלע טאָג, אויסער שבת, אַפילו זונטיק פאָרט בן־ציון רייטנדיק אויף אַ פערד וואָס די אַדמי־ניסטראַציע האָט אים געגעבן. פאָרט געבן דעם הער אַדמיניסטראַטאָר זיין שפּאַנישע לעקציע, איז ער דאָך שוין אַ שטיקל מקורב צו דער אַדמיניסטראַ־ציע, כמעט איינער פון אירע לייט, און אַזאַ איינער פאַרגינט זיך אָפּצוהיטן כשרות. אַ מאָדנער מענטש, זייער אַ מאָדנער.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט געטראָפן נאָך אַ גרעסערער וווּנדער. צוליב אַ געוויסן ענין האָט בן־ציון געדאַרפט האָבן אַ משניות סדר נזיקין. האָט ער צוגעשיקט אַ העברעיש צעטעלע צו איינעם פון די שוחטים פון דער קאָלאָ־ניע, ער זאָל אים אויסלייען דעם ספר. דער שוחט האָט גלייך צוגעשיקט דעם ספר מיט אַ צעטעלע. אויך אין העברעיש, וואָס אין יידישער איבערזעצונג האָט זיך עס געלייענט אַזוי: „ווער וואָלט עס גאָר געגלויבט אַז אַ שפּאַנישער לערער זאָל דאַרפן און וועלן אַריינקוקן אין אַ משניות!״ דער ענין איז נישט געבליבן קיין סוד, און אין קאָלאָניע האָט מען זיך נאָך מער געחידושט און טראַץ אַלעם כמעט איינשטימיק באַשלאָסן, אַז בן־ציון איז אַ במקום דירעק־טאָר, ווייל אַן אמתער דירעקטאָר פירט זיך נישט אַזוי און גיט זיך נישט אָפּ מיט אַזעלכע זאַבאַבאָנעס.

אין גיכן איז אָנגעקומען אַ היסטאָרישע דאַטע, וואָס האָט גאָר אינגאַנצן צערודערט די געמיטער. די שולע ווו בן־ציון איז געווען דירעקטאָר, איז דער־עפנט געוואָרן אין העלפט מערץ, און דעם 9טן יולי האָט מען געפייערט דעם ערשטן יאָרהונדערט פון דער זעלבשטענדיקייט פון דער רעפּובליק. האָט בן־ציון באַוויזן צוצוגרייטן אַ פייערונג, מיט וועלכער די קאָלאָניע האָט ממש געקאָכט.

קודם־כל איז געווען די פראַגע פון דער פאָן. די יק״אַ האָט צוגעשיקט אַן אַרגענטינער נאַציאָנאַלע פאָן. אָבער לכבוד דעם יום־טוב איז געווען דער־לויבט פאַר אַלע אויסלענדער אַרויסצוהענגען אויך זייערע נאַציאָנאַלע פע־נער, צוזאַמען מיט דער אַרגענטינער. „די אידישע צייטונג״ פון בוענאָס־איי־

רעס האָט דאַן געפּרעדיקט, אַז מען זאָל אַרויסהענגען אויך די ייִדישע פאָן און האָט אַפילו אָפּגעדרוקט ווי אַזוי די פאָן דאַרף אויסזען. אָבער די שולע האָט קיין ייִדישע פאָן נישט געהאַט. איז בן־ציון געפאָרן צו דער באַן־סטאַנציע איינקויפן די בויטיקע סחורה. פאַניע האָט צוגעשניטן די פאָן, די עלטערע מיידלעך האָבן זי אויפגענייט אויף די לעקציעס פון האַנט־אַרבעט. אָבער אופין שול־בנין איז געווען אַ געשטעל נאָר פאַר איין פאָן, אַ פלאַגשטאָק; פאַר דער ייִדישער פאָן איז קיין אָרט נישט געווען. די ייִק"אַ־דירעקציע האָט וועגן דעם קיין אינסטרוקציעס נישט צוגעשיקט, האָבן די אַנדערע דירעקטאָרן פאַרקוקט דעם ענין, אָבער בן־ציון האָט נישט מותר געווען און צוגעטראַכט אַן אופן ווי אַזוי די ייִדישע פאָן זאָל פלאַטערן צוזאַמען מיט דער אַרגענטינער. דער קינדער־כאָר האָט שוין געקענט זינגען ביידע הימנען — דעם נאַציאָנאַלן און די „התקוה". האָט זיך עס געררודערט אין קאָלאָניע. ווער עס האָט געדרשנט לגנאי, די מערהייט האָט עס דווקא אָנגענומען צום גוטן.

עס איז געקומען דער אָוונט פון 9טן יולי. אין גרויסן שול־זאַל איז אימפּראָוויזירט געוואָרן אַ נישקשהדיקע בינע; מען האָט געזונגען ביידע הימנען; די קינדער האָבן דעקלאַמירט אין שפּאַניש און ייִדיש; געווען אַ פּאָר מאָנאָלאָגן. בן־ציון האָט געהאַלטן ביי דער דערעפענונג אַ רעדע אויף שפּאַניש מעניני־דיומא און געשלאָסן דעם פּראָגראַם מיטן פאָרלייענען אַ דערציילונג פון שלום־עליכם אויף ייִדיש, און נאַכהער איז געווען אַ באַל ביזן ווייסן טאָג אַריין. געשפּילט האָבן היימישע כלי־זמר. קינדער האָבן געזונגען די ייִדישע און העברעיִשע און שפּאַנישע לידער וואָס זיי האָבן שוין געקענט. און אַרומיקע קריסטן וואָס אַ פּאָר קאָלאָניסטן האָבן מיטגעבראַכט, זענען אַוועקגעפאָרן באַגייסטערטע און פיל מאָל באַדאַנקט בן־ציונען פאַרן נחת־רוח וואָס דער אָוונט האָט זיי פאַרשאַפט. האָבן שוין קאָלאָניסטן אָנגעהויבן קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף בן־ציונען. וויבאַלד די קריסטן זענען אַרויס צופרידן מיט דער פייערונג, איז שוין בן־ציון נתעלה געוואָרן. קאָלאָניסטן האָבן שוין געמוזט אָנערקענען, אַז הפנים — ער איז פאָרט אַן אמתער דירעקטאָר...

נאָך דער דערפאָלגרייכער פייערונג האָט אַרום דער שולע אָנגעהויבן קלעפּן די יוגנט. קאָלאָניסטישע בחורים און פריילינס האָבן אָנגעהויבן באַזוכן דאָס לערער־פּאָרל, באַקלאָגן זיך אויף אייגענער איגנאָראַנץ — נישט געהאַט קיין צייט און קיין געלעגנהייט צו לערנען דאָס סאַמע נויטיקסטע; זיי קענען שוואַך שפּאַניש און ווייניק ייִדיש, אאַ"וו. פון די שמועסן זענען אַרויסגעקומען אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע. דריי מאָל אין וואָך פלעגן זיך צונויפקומען אַ 30 ־ 40 תלמידים, לערנען שפּאַניש, ייִדיש, חשבון, פירן שמועסן וועגן אַרגענטינער און ייִדישער געשיכטע, געאָגראַפיע, וכו'. איז די

שבת־אָונטן פלעגט מען אָפט איינאָרדענען פאַרווײַלונגען. אין דער טייל פון קאָלאָניע ווו די שולע איז געשטאַנען, איז געוועז אַ משפחה קלעזמער: אַ פאָטער מיט זיינע בנים, וואָס האָבן געשפילט אויף חתונות פון דער קאָלאָניע און אומגעגנט. די בחורים האָבן באַזוכט די אָונט־קורסן. פלעגט מען אָפט אימפּראָוויזירן טאַנץ־אָונטן. בן־ציון האָט גאָר אָנגעקוואָלן. ער האָט זוכה געווען צו דעם וואָס ער האָט אַלעמאָל געשטרעבט: זיין אַ לערער און קול־טור־פאַרשפּרייטער ביי ייִדן.

אויף די טאַנץ־אָונטן פלעגט מען אויך זינגען בחברותא, דעקלאַמירן, פאַרלייענען פון דעם וואָס מען האָט שוין געלערנט. די קאָלאָניע איז נישט געווען ציוניסטיש, אָבער בן־ציון איז עס יאָ געווען. האָט ער געזוכט פאַר־בייגייענדיק אַריינצושמוגלען אַביסל ציוניזם.

איין פּאָעזיע „די ייִדישע פרייהייט" פון ס. מ. ראַסקין, האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען. מען פלעגט זי זייער אָפט זינגען אויף די קורסן און אין דער היים. די ווערטער האָבן אַפּעלירט:

מיר האָבן גענוג שוין פאַר פרעמדע געשאַפן
און זעען גאַנץ גוט וואָס עס איז אונדזער לוין.
מיר ווילן אויף לענגער נישט בלייבן קיין שקלאַפן
און רייך מאַכן פרעמדע און בעטלען אַליין...

די ווערטער האָבן גערופן און געמאָנט, געוועקט מחשבות און געפילן און דאָס איז דערווייל גענוג געווען.

מיט דער צייט איז אויפגעשוואומען דער געדאַנק פון שאַפן אַ ליבהאָבער־קרייז און שפּילן טעאַטער. מיט די אייננאַמעס פון די פאָרשטעלונגען לייגן דעם יסוד פון אַ ביבליאָטעק. האָט מען אויסגעקליבן דווקא אַ ליטעראַרישע פּיעסע, „די מוטער" פון דוד פּינסקי. בן־ציון האָט זיך פאָרשטעלט פאַר אַ רעזשיסאָר. ער האָט עס געפירט מעשה לערער. קודם־כל שטודירט די פראַזע, געגעבן צו פאַרשטיין דעם אַלגעמיינעם גייסט פון דער פּיעסע ווי אויך דעם ריכטיקן מיין פון יעדער רעפּליק. ערשט ווען דער חברה איז געוואָרן קלאָר דער טעקסט ווי אַ וואַסער, האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציעס. און אין קאָלאָניע איז צוגעקומען אַ נייער אינטערעס — די פאָרשטעלונג. פון די הכנ־סות פון דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט מען געגרינדעט אַ ביבליאָטעק.

בן־ציונען איז אַפילו געלונגען צו דערליידיקן די סאַמע האַרבסטע פראַגע: ביכער און מכשירים צו שרייבן, העפטן וכו'. אין דעם שטעטל ביי דער באַן־סטאַנציע איז עס געווען שווער צו קריגן; דערצו האָט עס געקאָסט טייער. איז בן־ציון געוואָרן אַ מוכר־ספרימניק. אָוועקגעפאָרן אין דער קאָלאָניע ווו

ער האָט פריִער געוווינט, איינגעקויפט אַלע נויטיקע זאַכן ווי אַן אַגראָסיסט (אַל פּאַר מאַזשאָר). האָט עס געקאָסט ביליק שבביליק; פאַרטיילט עס צווישן די תלמידים פון דער שולע און פון די קורסן, אויף אויסצוצאָלן אָדער אָפּצאָלן מיטן מילך, אייער, עופות וכו׳. קיין בוכהאַלטעריע האָט ער נישט געפירט...

דאָך האָבן נישט געפעלט קיין „קלוגע״ קעפּ, וואָס האָבן זיך דערטראַכט אַז דער „סעניאָר דירעקטאָר״ טאַרף ביים דעם מסחר עפּעס פאַרדינען, ווייל סתם פון דער העלער הויט זיך פאַרנעמען מיט באַזאָרגן מאַטעריאַלן פאַר דער שולע, לייגט זיך עס עפּעס נישט אויפן שכל... צו די מאָדנע אויפפירונגען פון בן־ציונען איז צוגעקומען נאָך אַן אומפאַרשטענדלעכקייט.

קאַפּיטל 34

די „שפּיגל־שאַפּע"

די גאַנצע צייט האָט בן־ציון אַריינגעטראַכט אין דער האַרבער פּראַגע, פון וואָס אייגנטלעך ציִען די קאָלאָניסטן זייער חיונה? אין דער קאָלאָניע פון וואַנען ער איז געקומען איז עס קיין פּראַגע נישט געווען. אַלפאַלפאַ־פעלדער האָבן געגרינט, אויף זיי האָבן זיך געפּיטערט גאַנצע סטאַדעס פי, די קי האָבן געבוירן קעלבלעך, די קעלבלעך האָט מען געשיקט קיין בוענאָס־איירעס. פון בוענאָס־איירעס איז געקומען געלט. אַזוי האָט עס אויך געשילדערט פּרץ הירשביין אין זיין בוך „פון ווייטע לענדער".

אָבער דאָ, אין דער נייער, יונגער און אַזוי פיל געפּלאָגטער קאָלאָניע, זענען די פעלדער געווען ערשט פאַרזייט, ביזן שניט האָט מען געדאַרפט וואַרטן היפּשע חדשים, אויף די פעלדער האָט מען געזען ווייניק פי, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויפן גראָז, ווייל די אַלפאַלפאַ איז ערשט פאַרזייט געוואָרן. האָבן די קי נישט געקענט געבן אַפילו גענוג מילך. מילא, פליש האָט מען געהאַט פון עופות, וואָס זענען געווען לרוב אין קאָלאָניע. געווען אויך אַ קצב, וואָס האָט געביטן פליש פאַר פי צום שעכטן. אָבער, ברויט, פון וואַנען נעמט מען? אונדזער טעגלעך ברויט? און חוץ דעם לעבט דאָך נישט דער מענטש מיט ברויט אַליין: אַ קלייד, אַ שוך, אַנדערע הצטרכותן, פון וואַנען נעמט מען עס?

אומדערוואַרטעט האָט זיך בן־ציון אַ טאָג אָנגעשטויסן אויף דעם האַרבן פּראָבלעם. געקומען אַמאָל אין אַדמיניסטראַציע צו באַקומען זיין געהאַלט, האָט ער געטראָפן זיין קאָלעגע דעם ספרדי פאַרפּלאָנטערט אין אַ היציקן וויכוח מיט אַ מאָגערן, אָפּגעריסענעם קאָלאָניסט, וואָס האָט עפּעס געבעבעט אויף אַ געבראָכענעם שפּאַניש, געמאַכט מיט די הענט און געקוקט מיט טרערן אין די אויגן אויף זיין „סעניאָר דירעקטאָר". כּפי דער לערער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין ייִדיש און דער קאָלאָניסט האָט געקאָנט ווייניק שפּאַניש איז בן־ציון איינגעלאַדן געוואָרן ווי אַ דאָלמעטשער און פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פיינלעכער אַספּעקט פון שווערן קאָלאָניסטישן לעבן.

אויף איינצושאַפן זיך אַ זעקל מעל, פלעגן די קאָלאָניסטן פאַרקויפן זייערע ערשט־געבאָרענע קעלבער צו די לערער אָדער צו די ווייניקע קאָלאָניסטן וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ מזומענעם גראָשן. דער פּרייז פאַר אַזאַ קעלבל

איז געווען צען פּעזעס, אָבער דער קאָלאָניסט האָט עס געדאַרפט האַלטן ביי זיך אַ יאָר צייט, האָדעווען עס, ביז עס וועט איבערגעגעבן ווערן צום קונה. די קונים האָבן אַפילו געהאַט בראַנד־מאַרקעס מיט וואָס צו באַצייכענען די געקויפטע קעלבער, ווי זייער אייגנטום. נו, האָט דער קאָלאָניסט פאַרקויפט דעם דירעקטאָר אַ קעלבל, אָבער כפי די קו האָט קיין סך מילך נישט געהאַט אין דער קאָלאָניסט האָט זי דאָך געמוזט מעלקן בכדי צו האָבן אַביסל מילך פאַר זיינע קינדער, האָט דאָס קעלבל געהאַט ווייניק צו זויגן און עס איז געוואָרן דאַן און קוואַר, אַ „גואַטשאַ" ווי מען רופט עס אויף שפּאַניש. פאָדערט דער לערער, אַז דער קאָלאָניסט זאָל נישט מעלקן די קו בכדי דאָס קעלבל זאָל האָבן מער צו זויגן און זאָל אַרויספנעמען לייב, און דער קאָלאָניסט טענהט אַז ער מוז האָבן מילך פאַר זיינע קינדער, און קינדער זענען בילכער פון קעלבלעך.

אין משך פון שמועס האָט זיך בן־ציון דערוווּסט אַז פאַרן יאָר וואָס דער קאָלאָניסט האָדעוועט דאָס קעלבל, שטייגט איר ווערט פון 10 ביז 50־60 פּעזעס. עס הייסט מען באַגזלט פּשוט דעם האָרעפּאַשניק. בן־ציון האָט זיך דערמאָנט אין דער „כבשת הרש" — דעם אָרעמאַנס שעפעלע פון תנ"ך און ער האָט זיין קאָלעגע אַריינגעזאָגט יענע פאַרציע מוסר, יענער איז געוואָרן געוואָרן אַז מען זאָל אים אָפּגעבן דאָס צענערל און אַרויסלאָזן פון עסק. בן־ציון האָט דאָס צענערל באַצאָלט, אויסגעלייזן דעם קאָלאָניסט ביז לכשירחיב...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז צו בן־ציונען געקומען אַ קאָלאָניסט פון זיין געגנט מיט אַ פאָרשלאָג, אַז בן־ציון זאָל ביי אים קויפן אַ קעלבל: ער פאַרקויפט עס פאַר אַ צענערל, ער וועט עס האָדעווען אַ יאָר צייט, און דאַן וועט עס בן־ציון קענען פאַרקויפן פאַר פינף אָדער זעקס מאָל אַזוי פיל... בן־ציון האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האַנדלט נישט מיט קיין קעלבלעך. אָבער דער קאָלאָניסט איז נישט אָפּגעשטאַנען, מען האָט געזען אַז עס גייט אים אין לעבן צו פאַרקויפן דאָס קעלבל. ווען בן־ציון האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט האָט ער זיך „מודה" געווען. ער מוז אַריינברענגען אין שטוב אַ זעקל מעל... עס קאָסט צוואַנציק פּעזעס און ער האָט נאָר צען, מוז ער פאַרקויפן דאָס קעלבל... האָט דער קאָלאָניסט אָנגעקוקט בן־ציונען ווי אַ שטיקל צעדרייטן, ווען בן־ציון האָט אַרויסגענומען אַ קנאַקנדיקן צענערל און האָט עס אים אויסגעליִען ביז ער וועט עס קאָנען אָפּצאָלן. דער קאָלאָניסט איז אַוועק אַ ציפּריידענער און אַ צערודערטער. עפּעס איז דער לערער „נישט מיט אַלעמען". אַ שטיק מטורף וואָס וואַרפט זיך מיט געלט...

ביסלעכווייז האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ביים נייעם לערער קאָן מען קריגן אַ גמילת־חסד אָן צו פאַרקויפן אים אַ קעלבל. קיין בעלנים האָבן נישט

געפעלט און בן־ציון האָט געליִען צענערלעך װיפֿל נאָר ער האָט געקאָנט, אָבער װיפֿל פרײַע געלט האָט עס פֿאַרמאָגט אַ לערער? האָט בן־ציון גענומען טראַכטן, אַז מען מוז גרינדן אַ לײַ־קאַסע. יעדער קאָלאָניסט האָט דאָך עפּעס מזומן װאָס ער באַהאַלט אויף אַ זעקל־מעל, זאָל ער עס אַרײַנלײגן אין אַקציעס פֿון דער לײַ־קאַסע, װעט ער קאָנען לײַען פֿון די גראָשנס פֿון אַנדערע און אַנדערע װעלן קאָנען לײַען פֿון זײַנע, נישט אַלע דאַרפֿן דאָך אײַנצײַטיק אַ זעקל מעל — דאָס איז געװען דער שװערסטער ענין, װאָס די קאָלאָניסטן פֿלעגן הומאָריסטיש רופֿן אַ „שפּיגל־שאַפֿע“ — װעט מען אפשר קאָנען אָפּשטעלן דעם פֿאַרקויף פֿון קעלבלעך.

געטראַכט און געטאָן. בן־ציון האָט פֿאַרופֿן עטלעכע מקורבים, אַ פּאָר פֿאַרמעגלעכע קאָלאָניסטן, פֿאָרגעשלאָגן זײ דעם פּלאַן, װאָס איז אָנגענומען געװאָרן; האָט מען פֿאַרופֿן אַ גענעראַל־פֿאַרזאַמלונג, געגרינדעט די קאַסע, אַרויסגעלאָזט אַקציעס, פֿינף פּעזעס אַן אַקציע, עס איז גלײַך געװאָרן אַ קלײנער סכום במזומן, האָט מען אויסגעקליבן אַ „דירעקטאָריום“. בן־ציון איז באַשטימט געװאָרן קאַסיר־בוכהאַלטער און די לײַ־קאַסע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקײַט.

אַ פּאָר חדשים איז עס געגאַנגען גלאַטיק. מיט דער צײַט זענען אַרויפֿגעשװומען שװעריקײַטן. אויף יעדער הלװאה האָט מען געדאַרפֿט ברענגען אַ גאַראַנטיע. די קאָלאָניע איז געװען צעװאָרפֿן אויף אַ גרויסן שטח. אַמאָל האָט דער ערב געװױנט װײַט, אַמאָל האָט מען אים נישט געטראָפֿן אין דערהײם. פֿאָרן הין און צוריק איז געװען אַ הכבדה פֿאַר די פֿערדלעך און אַ צײַט־פֿאַרלוסט פֿאַר די קאָלאָניסטן. האָט בן־ציון אין געװיסע פֿאַלן אָנגעהויבן אַרויסגעבן הלװאות אויך אויף אײן אונטערשריפֿט, אויף דערװײַל, ביז דער קאָלאָניסט װעט קאָנען ברענגען די חתימה פֿון ערב.

דער ענין איז דערגאַנגען צום דירעקטאָריום, צװישן װעלכן עס זענען געװען אַ פּאָר ייִדן װאָס האָבן זיך געכאַפּט אַז די לײַ־קאַסע שטערט זײ אין דעם אויפֿקויף פֿון ערשט־געבוירענע קעלבלעך. װײַבאַלד קאָלאָניסטן קאָנען באַקומען אַן הלװאה, פֿאַרקויפֿן זײ װײניקער קעלבער מאַכן דערפֿאַר די װאָס האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט פּי קלענערע געשעפֿטן. האָט מען אַרויפֿגעבראַכט דעם ענין בײַ אַ זיצונג, דער דירעקטאָריום האָט געװאָלט זען צי אַלע װעקסלען זענען געהעריק אונטערגעשריבן. בן־ציון האָט אַרויסגעבראַכט די דאָקומענטן און עס האָט אויסגעבראַכן אַ שטיקל שטורעם: ס׳טײַטש, אויף דער אײגענער האַנט! אַרויסגעבן געלט אָן גאַראַנטיעס! אָן צושטימונג פֿון דירעקטאָריום! די װײניקער פֿאַרמעגלעכע, װאָס האָבן צום ענין נישט דערלײגט, האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר בן־ציונען, װעלכער האָט זיך אין דער דעבאַטע

נישט באַטייליקט, נאָר איז געזעסן ביי זיין ברעג טיש און עפּעס געקראַצט דאָרט מיט דער פעדער. ווען דער פּרעזידענט פון דירעקטאָריום האָט אים געפרעגט וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דעם ענין, האָט בן־ציון תמעוואַטע געפרעגט. וועגן וועלכן ענין? — וואָס הייסט, וועגן די וועקסלען אָן גאַראַנטיעס? — נישטאָ אַזעלכע! — וואָס הייסט נישטאָ? מיר האָבן דאָך אַליין געזען מיט די אייגענע אויגן! — טאָ, זייט אַזוי גוט און קוקט איבער נאָכאַמאָל. מ'האָט זיך ערשט דאַן געכאַפּט אַז פאַר דער צייט וואָס דער דירעקטאָריום האָט דעבאַטירט, האָט בן־ציון אונטערגעשריבן אַלע וועקסלען, וואָס האָבן קיין גאַראַנטיעס נישט געהאַט, און מען האָט אים געמעגט טרויען. ער האָט געהאַט אין דער קאָסע אַ שיינע עטלעכע הונדערט פּוזעס, כמעט מער ווי דער גאַנצער קאַפּיטאַל.

אויף אַ יום־טוב איז בן־ציון געפאָרן מיט דער משפחה צו זיינע עלטערן, האָט ער מיטגענומען אַ באַשלוס פון דירעקטאָריום וועגן אַרויסלאָזן אַ סעריע אַקציעס, טאָקע געדרוקטע ווי עס באַדאַרף צו זיין און פאַרקויפן וויפל עס וועט זיך לאָזן. פאַרשטייט זיך, אַז דער דרוקער האָט געדרוקט די אַקציעס אומזיסט, וואָס־זשע, ביי אַ ליי־קאָסע פון אָרעמע קלאָניסטן וועט ער נעמען געלט? ער האָט באַקומען געצאָלט... אין אַקציעס. ידידים האָבן געקויפט אַקציעס, ווער איינע און ווער צוויי, ווער פינף און ווער גאַנצע צען. בן־ציון איז געקומען צוריק מיט אַ היפּשער אַפּטיטיקע, די קאָסע האָט זיך פיין אַנטוויקלט; שפּעטער איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָאָפּעראַטיווע וואָס איז בייגעשטאַנען די קלאָניסטן אין אַ סך שווערע מאָמענטן. דער מסחר אין קעלבלעך וואָס מען קויפט פאַר צען און מען פאַרקויפט פאַר פופציק האָט אויפגעהערט. די „שפּיגל־שאַפע“ איז שוין נישט געווען אַזאַ יחסנטע, אַ דאַנק דער ליי־קאָסע האָט מען זי געקאָנט אַריינשטעלן אין שטוב צו יעדער צייט, קאָלאָניסטן האָבן אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט.

קאַפּיטל 35

ימים-נוראים אין קאָלאָניע

די קאָלאָניע איז געווען נישט איבעריק פֿרום. געווען מער פֿון איין קאָלאָניסט וואָס האָט געאַרבעט אום שבת. געאַקערט, געזייט, געפּאָרן. נישט אַלע זענען געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין כשרות, ווען אַפּילו עס זענען געווען עטלעכע שוחטים, קאָלאָניסטן און נישט־קאָלאָניסטן. די ייִדישע ימים טובים האָבן זיך ווייניק וואָס אָנגעזען, אָבער אין די ימים־נוראים פֿלעגט מען איינאָרדענען מנינים אין די שולעס.

כל־זמן די שולע אין וועלכער בן־ציון האָט געאַרבעט, איז געשטאַנען געשלאָסן, פֿלעגן קאָלאָניסטן גיין אין די ימים־נוראים דאַוונען אַ 5־6 קילאָמעטער פֿון דאָרט. אָבער איצט, אַז זיין ליבער נאָמען האָט דערפֿרייט און די שולע איז דערעפֿנט געוואָרן, קאָן מען דאָך אַליין מאַכן אַ מנין. נישט דאַרפֿן גיין צופֿוס אַזוי ווייט, די וואָס ווױנען ווייט, טאַקע אַרום גאַנצע צען קילאָמעטער.

זענען אַ פּאָר פֿון די חשובע קאָלאָניסטן געקומען צו בן־ציונען, ער זאָל זיי דערלויבן איינצואָרדענען אין שולע אַ מנין אויף ימים־נוראים. בן־ציון האָט גאָרנישט געוווסט, אַז אַליין האָט ער קיין רעכט נישט אַזעלכעס צו דערלויבן, אַז ער דאַרף פֿריִער אָנפֿרעגן ביי דער הויפּט־דירעקציע אין בוענאָס־איירעס. האָט ער אָן שהיות געגעבן די דערלויבעניש, און די קאָלאָניסטן האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דאַווענען אין אייגענעם מנין.

אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז די דעלעגאַציע ווידער געקומען און זייער אַ דערשלאָגענע: דער מנין וועט נישט קאָנען געמאַכט ווערן. פֿאַר־וואָס? ווייל מען דאַרף ברענגען אַ ספֿר־תורה, מיט אַ שופֿר, בעט מען דער־פֿאַר אין דער גרויסער קאָלאָניע אַ פּופּציקער נוצגעלט און אַ גאַראַנטיע פֿון אַ באַקאַנטן מענטשן. צו דעם דאַרף מען דאָך די תשמישי קדושה אַריבער־שיקן אַהין און צוריק, דאַרף דאָס אויך קאָסטן, וועט זיך אָננעמען אַ 60־70 פּעזעס הוצאות, און די קאָלאָניסטן האָבן צווישן זיך צונויפֿגעקליבן 32 פּע־זעס, איז וואָס לאָזט זיך דאָ טאָן?

די ייִדן זענען געזעסן פֿאַראומערטע. מען וועט ווידער גיין צום מנין אין אַ פֿרעמדער שולע, ברעכן די פֿיס אַזאַ מהלך. איינער האָט זיך סאַר־קאַסטיש אַ וויצל־געטאָן: אוי דלות! דלות! בן־ציון, אָבער, האָט דעם עניין

געגומען לייכט, כמעט שפּילעוודיק. ער האָט פאַרזיכערט אַז דער מנין וועט זיין. אַ ספר־תורה וועט מען קריגן. אַ שופר אויך. קיין נוץ־געלט וועט מען נישט צאָלן. די הוצאות פון אַריבערשיקן הין און צוריק, וועט ער דעקן, די 32 פּעזעס זאָל מען צוריק אָפּגעבן די מנדבים, און לאָמיר אַלע האָבן אַ גוט יאָר.

האָבן קאָלאָניסטן געקוקט פאַרוואונדערט. וואָס האָט אַ שול־דירעקטאָר צו קריכן אין אַזעלכע ענינים? די אַנדערע 3 דירעקטאָרן שמעקן אַפילו נישט אַריין אין מנין, סיידן אויף אַ רגע צו כל־נדרי. איינער פון זיי איז זיך אַפילו נוהג צו האַקן האַלץ ניט ווייט פון מנין, און דאָ קומט עפּעס אַ מאָדנער פאַר־שוין און אַזוי פאַראינטערעסירט אַז אַ מנין זאָל דווקא זיין. הפּנים, פאָרט נישט קיין דירעקטאָר. בן־ציון האָט דערפילט אַז זיין פּרעסטיזש אַלס דירעק־טאָר האָט זיך נאָכאַמאָל היפּש אַ וואַקל־געטאָן, ווי צו אַ פּריינט איז ער היפּש געשטיגן...

און אַזוי איז עס געווען. גלייך איז אַוועק אַ בריוו צום פאָטער, ער זאָל אַרויסשיקן אַ ספר־תורה מיט אַ שופר, וואָס זענען גאָר איינגיכן אָנגעקומען, נאָך פאַר די ערשטע סליחות, און די שמחה אין קאָלאָניע איז געווען גרויס. עלטערע יידן האָבן באַשלאָסן, אַז מען זאָל נישט וואַרטן ביז ראש־השנה, נאָר אָנהייבן פון די ערשטע סליחות, ווי ביי יידן פירט זיך. די אָוונטן זענען נאָך געווען היפּש קאַלטע, די סוף חודשדיקע נעכט היפּש פינצטער, אָבער עס האָבן זיך געפונען בעלנים וואָס זענען אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צו סליחות, און אַפילו אָן אַ קלאַפּ אין לאָדן פון שמש; און ווי האָבן זיי זיך געחידושט ווען זיי האָבן דערזען אַז אויך דער דירעקטאָר איז אויפגעשטאַנען צו סליחות. זיין מיט יידן, צווישן יידן, עס איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַז סיי זיי, סיי דער דירעקטאָר ווערן געטריבן פון זכרונות, וואָס האָבן ביז אַהער טיף גע־דרימלט אין זייער אונטערבאַוווסטזיין, און האָבן איצט דערוואַכט. ווער פון די מענטשן פון עלטערן דור געדענקט נישט דעם קלאַפּ אין לאָדן: „שטייט אויף צו סליחות!". דער געדרודער אין הויז, דאָס אויפשטיין פון שלאָף, דאָס אייליקע איינוואַשן זיך, דאָס גיין האַלב־פאַרשלאָפענע איבער האַלב־פינצ־טערע גאַסן פון דעם שטעטל צו דער העל־באַלויכטענער שול, וואָס איז שוין געווען פול געפּאַקט. עס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע מאָביליזאַציע אין דינסט פון מלך מלכי המלכים, און דערפאַר איז עס פאַרבליבן אַזוי טיף אין זכרון.

אין קאָלאָניע איז עס נאָך געווען ריינדיקער, ווי פאַרלוירן איז געשטאַנען די איינזאַמע שולע אין מיטן פון ווייט צעוואָרפענע פעלדער, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל זינט בריאת־העולם פאַרנומען דעם קלאַנג פון זאַנפט טרויעריקן, אָבער גלייכצייטיק מאַיעסטעטיש ערנסטן ניגון פון סליחות. אונטערטענער

דורכגעזאָפּט מיט אומעט און בענקשאַפט, וואָס האָבן געפונען זייער אָפּקלאַנג אין דעם פּאַרטאַגיקן געפליסטער פון גראָזן, ביימער און אַנדערע געוויקסן אין פרייע יידישע פעלדער.

האָט מען ערנסט פרום געזאָגט סליחות, נאָכהער געדאַוונט שחרית במנין. פאַניע האָט אונטער דער השפּעה פון דער אַלגעמיינער שטימונג סער־ווירט אַ לחיים מיט צובייסן, האָט מען זיך באַצייטנס געווונטשן אַ גוט גליק־לעך יאָר, מען איז געווען אויפגעלייגט, מען האָט זיך געפילט דערהויבן, ווען אַפילו קיינער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן גענוי פאַרוואָס.

די ערשטע נאַכט ראש־השנה איז אַריבער בשלום. פאַרן עמוד האָט גע־דאַוונט אַן עלטערער קאַלאָניסט, וואָס האָט געקאָנט צו־ביסלעך, סיי עברי, סיי נוסח, איז עס געווען גאָר פיין. אָבער אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, האָט גע־טראָפן אַ שטיקל מכשול, וואָס וואָלט זיך געקאָנט צעוואַקסן אין אַ סקאַנדאַל. די מעשה איז וואָס אין קאַלאָניע איז געווען אַ קאַלאָניסט אַ שטיקל מנגן, אָבער, לא עלינו, אַ היפּשער שיכור, האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס חזנות קומט אים. אָבער דערזען אַז מ׳נעמט אים גאָרנישט אין חשבון, איז ער דעם ערשטן טאָג ראש־השנה געקומען צום מנין היפּש פאַרשנאַשקעט און דערקלערט אַז מוסף דאַוונט ער, און אויב עמעצער וועט וואַגן צוגיין צום עמוד, וועט ער אים פּלעטן דעם קאָפּ...

בן־ציון האָט פאַרנומען דעם גערודער אַרום דעם ענין, און געמאַכט זיך נישט וויסנדיק. מילא, זאָלן זיך קאַלאָניסטן אַליין אַן עצה געבן. אָבער ווען ער האָט דערהערט, אַז מען קלייבט זיך שיקן אַ רייטער בכדי צו ברענגען דעם קאָמיסאַר, וואָס האָט געוווינט אין דער אַדמיניסטראַציע, האָט ער זיך שוין געמוזט אַריינמישן מען זאָל נאָכן קאָמיסאַר נישט שיקן. דער האַלב־בגילופינ־דיקער קאַלאָניסט וועט קיין סקאַנדאַלן נישט מאַכן. ווען קאַלאָניסטן האָבן געפרעגט פון וואַנען האָט ער אַזאַ זיכערקייט, האָט בן־ציון געענטפערט פשוט: איך וועל דאַווענען מוסף און דער האַלב־שיכורער וועט אויף מיר קיין האַנט נישט לייגן, און אויב יאָ וועלן מיר זיך אַליין אַן עצה געבן און נישט גורם זיין קיין חילול־השם דורך ברענגען דעם קאָמיסאַר אום ראש־השנה צום מנין.

זענען קאַלאָניסטן געבליבן געפּלעפט: וואָס הייסט? אַ שול־דירעקטאָר וועט גאָר דאַווענען פאַרן עמוד, ווי אַ חזן? ווי שיקט זיך עס גאָר? עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. בן־ציון האָט געדאַוונט מוסף. דער פאַרשנאַשקעטער קאַלאָניסט האָט נישט פּראָטעסטירט. וויבאַלד דער „מאַיסטראָ" (לערער) דאַוונט פאַרן עמוד, האָט ער קיין שום פּאַראיבל נישט: אַלץ איז אַדורך בשלום.

אַזוי זענען אַריבער די ימים־נוראים, פּאָלקסטימלעך יידישלעך, ווען נישט פּאַנאַטיש־פרום. יום־כּיפּור האָבן אַ סך געפּאַסט. אייניקע, אפשר צום ערשטן מאָל זינט זיי זענען אין קאָלאָניע, אַז מען האָט געזען אַז ביידע לערער פּאַסטן, האָט מען עס געהאַלטן פאַר אַ כבוד נאָכצוטאָן. דערפאַר האָבן דער לערער מיט דער לערערקע אַביסל פאַרהאַלטן דעם עולם נאָכן יום־כּיפּורדיקן „לשנה הבאה בירושלים". מכבד געווען מיט אַ לחיים און צובייסן. מען האָט זיך אָפּגעפּאַסט בציבור. געווונטשן זיך אַלדאָס גוטס, צעיאַכמערטע יידן האָבן נאָך געכאַפּט אַ ריקודל, די פּולע לבנה האָט פון אויבן געקוקט ווי פאַרוווּנדערט: צום ערשטן מאָל זעט זי אַזעלכעס אין די מקומות...

נאָך סוכות, ווען בן־ציון האָט זיך צוריקגעקערט פון דער נסיעה וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט זיינע עלטערן אין דער קאָלאָניע ווו בן־ציון האָט אַמאָל געוווינט, האָבן קאָלאָניסטן געהאַט צו דערציילן, ווי מען האָט געפּראַוועט סוכות, ווי מען איז זיך געגאַנגען מיט הקפות, ווי מען האָט געהוליעט לכבוד דער תורה. מען איז אויך פון וווייטערע גרופּעס געקומען אין שולע אַריין. מען האָט געוווסט אַז דאָ וועט זיין פריילעכער.

דער ספר־תורה איז געבליבן אין קאָלאָניע די גאַנצע צייט וואָס בן־ציון מיט פאַניען זענען דאָרטן געווען לערער. אַלע שבת האָט מען געהאַט מנין, און ווען פון דער דירעקציע אין בוענאָס־איירעס איז אָנגעקומען אַ פאַרוווּרף, פאַרוואָס בן־ציון האָט דערלויבט אין שולע אַ מנין אָן דער דערלויבעניש פון דער דירעקציע, האָט בן־ציון אָפּגעשריבן אַזאַ ענטפער, אַז דער מנין איז גוט־געהייסן געוואָרן אויף אַלע צייטן.

קאַפּיטל 36

באַלעבאַטישקייט

צוזאַמען מיט אַלעם נייטיקן פאַר דער שולע, האָט די יִיקאַ־דירעקציע פון בוענאָס־איירעס, אַריינגעשיקט שפּאַדלען, גראַבאייזנס און אַנדערע מכ־שירים פאַר ערדאַרבעט ווי אויך זריעה פון פאַרשידענע מינים. צוויי מאָל אַ וואָך האָט מען דאָ צוויי שעה געדאַרפט לערנען די יִינגלעך אַגריקולטור, בשעת די תלמידות פלעגן באַקומען לעקציעס פון האַנט־אַרבעט; נייען, העפטן, שטריקן וכ׳.

בן־ציון האָט שוין געהאַט אַ שטיקל דערפאַרונג אין דעם לימוד פון אַג־ריקולטור, אַביסל האָבן אויך געוווּסט די עלטערע תלמידים. אַלע האָבן גע־לעכצט צו האָבן אַ גאָרטן, פאַרפלאַנצן ביימער, דער אויסבליק פון דער שולע זאָל נישט זיין אַזוי גרוי, טרוקן און טרויעריק.

איז אָבער געווען אַ צרה. צו דער שולע האָט געהערט אַ שטח פון אַ דריי העקטאַר אויף וועלכן מען האָט אָפּגעלאָזט די פערד אויף וועלכע די תל־מידים פון די ווייטע גרופּעס פלעגן קומען צופאָרן. דאָס פעלד האָט געדאַרפט זיין אָפּגעטיילט פון דעם שול־הויף און געביידעס, מיט אַ דראָט־פאַרצוימונג, בכדי די פערד זאָלן זיך נישט אַרויסדרייען ווו מען דאַרף זיי נישט. האָט מען אָבער, ווייזט אויס, „פאַרגעסן״ איינצושטעלן אָט די דראָט־פאַרצוימונג, די פערד האָבן פראַנק און פריי אומגעבלאָנקעט איבערן שול־הויף, אַרום די גע־ביידעס; ווי־זשע לאָזט זיך ביי אַזעלכע אומשטענדן מאַכן אַ גאָרטן? די פערד וועלן דאָך אויפעסן אָדער צעטרעטן יעדן סימן פון געוויקס.

האָט בן־ציון געשריבן קיין בוענאָס־איירעס, געבעטן מען זאָל פאַראָרדע־נען איינשטעלן די דראָט־פאַרצוימונג, וועט ער קאָנען מאַכן אַגריקולטור. אָבער פון דאָרט איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז אין באַריכט וועגן פאַרענ־דיקן די שול־בנינים פיגורירט אויך די דראָט־פאַרצוימונג; איי, וואָס זי עק־זיסטירט נישט? איז פאַרפאַלן. דערווייל איז נישטאָ קיין בודזשעט, אפשר צום נייעם שול־יאָר וועט מען פאַרלאַנגען און באַקומען אַ ספּעציעלע סומע פון פאַריז... (די הויפּט־דירעקציע פון יִיקאַ).

האָט זיך בן־ציון געווענדעט צו זיין שילער, דעם אַדמיניסטראַטאָר פון קאָלאָניע. נאָך די פאַרפלייצונגען האָבן אייניקע קאָלאָניסטן פאַרלאָזן די קאָ־לאָניע. די דראָט־פאַרצוימונגען פון זייערע נחלות זענען צעשלעפּט געוואָרן

פון קאָלאָניסטן פאַרבייפאָרער, און ווער נאָר עס האָט געהאַט די געלעגנהייט און דעם ווילן עס צו טאָן: זאָל מען דערלויבן בן־ציונען אַז ער מיט זיינע תלמידים זאָלן אַרויסנעמען פון אַ פאַרלאָזענער „טשאַקרע” (נחלה) אַ דראַט־פאַרצוימונג, און זי אַריבערטראָגן אויפן שול־הויף, אָפּטיילן אים פון שול־פעלד און קאָנען אָנהייבן פּראַקטיש צו לערנען אַגריקולטור. דער אַדמיניס־טראַטאָר האָט געענטפערט, אַז ער קאָן נישט דערלויבן מען זאָל צעשלעפּן דעם פאַרמעגן פון דער יק״א, די וואָס טוען עס און מען כאַפּט זיי נישט, איז פאַרפאַלן, אָדער לכתחילה דערלויבן אַזוינס איז נישט ער מעג, נישט ער וויל. קיין טענות האָבן נישט געהאָלפן. עס איז געבליבן ווי דער אַדמיניסטראַטאָר האָט געזאָגט. אַ האַרטער ליטוואַק.

בן־ציון האָט אָבער פיינט געהאַט זיך לאָזן שפּייען אין דער קאַשע, האָט ער שוין געפונען אַ וועג. די דראַט־פאַרצוימונג איז איינגעשטעלט געוואָרן, דווקא אַ געגוג געדיכטע און פעסטע. דער שול־הויף איז באַפרייט געוואָרן פון די פערד, מען האָט זיך גענומען גראָבן דעם גאָרטן, פלאַנצן אַ פּאָר ביי־מער, חברה האָט געאַרבעט פלייסיק.

פּאַראַלעל מיט דעם האָט זיך געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן אַ צווייטן ענין. די יק״א־שולעס זענען געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּראָווינציעלן שול־ראַט. ווען בן־ציון האָט געעפנט די שולע, האָט ער וועגן דעם אינפאָר־מירט דעם דערמאָנטן שול־ראַט. איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ער זאָל קומען פערזענלעך און מיטברענגען זיינע אָפיציעלע דאָקומענטן. בן־ציון האָט געלאָזט די שולע אויף פאַנין, מיטן ערשטן צוג איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ, דאָרט דורכגעפירט אַלע פאָרמאַליטעטן, איז באַשטעטיקט געוואָרן אין זיין אַמט און איז צוריקגעפאָרן אַהיים. האָט ער באַריכטעט קיין בוענאָס־איירעס וועגן דעם אַלעמען און אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז די דירעקציע וועט גוטהייסן זיין נסיעה, וואָס ער האָט אויף איר נישט געקאָנט באַקומען קיין פאָרויסיקע דערלויבעניש צוליב דער דרינגלעכ־קייט פון דער איינלאַדונג פון שול־ראַט, און ער האָפט אויך אַז מען וועט אים אומקערן די הוצאות פון דער רייזע. איז אָנגעקומען אַ זייער ליבלעכער ענט־פער. אוודאי האָט ער גוט געטאָן וואָס ער האָט נישט פאַרצויגן מיטן דער־לייריקן דעם ענין; וואָס שייך די הוצאות וועלן זיי באַצאָלן, שטענדיק ווען זיי וועלן זיין געהעריק דערוויזן און נישט איבערגעטריבן”... פון די פּאָר ווערטער פון פאַרמעלן נוסח האָט זיך בן־ציון דערפילט באַליידיקט. וואָס מיינען זיי דערמיט, די יק״א־אדונים. ער וועט זיך קוואָפּען אויף אַ פּאָר אי־בעריקע פּעזעס? אָבער ווען ער האָט צוגעשטעלט זיין אָרעמאַנסקע־שפּאָרזאַ־מען חשבון אין אַדמיניסטראַציע, האָט זיך דער אַדמיניסטראַטאָר צעקייכט

פון געלעכטער. אַט אַ יאַלד! האָט ער געזאָגט צו בן־ציונען: האָסט געקאַרגט אין הוצאות, ווי דו וואָלסט געווען עפּעס אַן אָרעמער בחור... מען וועט אין דער דירעקציע לאַכן פון אַזאַ חשבון. אַט האָב איך פּאָר עטלעכע וואָכן צוריק געמאַכט אַן ענלעכע נסיעה האָט עס געקאָסט אַ פיר־פינף מאָל מער פון דיין קבצנישן חשבון. אַט לאָז מיך, איך וועל אויפשטעלן אַ חשבון און טאָקע גלייך באַצאָלן... בן־ציון האָט פאַרשטאַנען, אַז עס טאָר נישט זיין קיין צו גרויסער חילוק צווישן די צוויי חשבונות, האָט ער מסכים געווען. אָבער וואָס טוט מען מיטן איבעריקן געלט? נאָך לאַנגע טראַכטענישן איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה. ער וועט דאָס איבעריקע געלט פאַרטאָן אויף שול־ענינים. ער האָט שוין פון פריִער געוואָלט שאַפן אַ שטיקל שול־ביבליאָטעק. אויך האָט ער געהאַט חשק צו קויפן פאַר דער שול אַ קליינעם פּראָזשעקטאָר אויף נאָפט־באַלייכטונג, דורך וועלכן מען וועט קאָנען ווייזן די קינדער לעבעדיקע בילדער און אַביסל פאַרווײַלן זיי. וועט ער אויף דעם פאַרטיילן דאָס געלט.

האָט ער אַזוי געטאָן. פאַר די נישט גאָר כשרע מזומנים זענען איינגעשאַפט געוואָרן די דערמאָנטע חפצים. אין שולע איז צוגעקומען נאָך אַן איבערעס. אין די שבת אָוונטן פלעגט מען זיך צונויפקומען אויף אַ פרימיטיוון סינע־סעאַנס. פאַר דאָרפס־קינדער איז עס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. די עלטערע תלמידים האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען ביכלעך צו לייענען. ס׳איז געווען נאָך וואַרעמער אַרום דער שולע. די פּאָר פעזעס פון דער יִקאָ זענען נישט אַוועק אין ניוועץ.

עס איז געווען אַ הייסער שבתדיקער טאָג. שוין פון אַ צייט אַז די זון האָט געגליט אָן רחמנות. איז דער טאָג געווען אַ שטיקנדיק־הייסער, ממש גהינומדיק. מען האָט זיך נישט געהאַט ווּ אַהינצוטאָן. צום גליק איז דאָס עלטערע קינד, דאָס טעכטערל, אַוועקגעפאָרן אויף שבת צום קרעמער וואָס ביי דער אַדמיניסטראַציע. און דאָס קלענערע קינד, אַ ייִנגעלע, האָט מען געהאַלטן אין איין באָדן, אָדער באַשפּריצן מיט וואַסער, ער זאָל אַזוי נישט ליידן פון דער היץ. פאַרנאַכט־צו האָט זיך אויפן דרום באַוויזן אַ דיקע שוואַרצע וואָלקן־וואַנט, וואָס האָט אָנגעזאָגט שטורעם. האָט מען באַשלאָסן אָפּעסן פאַרפרי אָוונטברויט, בכדי נאָך פאַר זון־זעצן קאָנען זיין צוריק אין הויז, ווּ עס האָבן זיך געפונען די וווינצימערן. די קיך און עסצימער, זענען געווען אין אַ צווייטער דירה, ווּ עס האָט געדאַרפט וווינען דער ייִדישער לערער. אָבער דאָ איז דאָך פאַני געווען די ייִדישע לערערקע, האָט מען זיך איינגעאָרדנט איןביידע דירות. אינמיטן עסן, ווען בן־ציון איז אַרויסגעגאַנגען אַריינברענגען אַביסל פריש וואַסער פון פּלומפּ, האָט ער באַמערקט אַז דער שטורעם יאָגט־אָן... אין איילעניש איז ער אַריין צוריק, אויפגיך האָט מען באַזאָרגט

די כלים, גענומען דאָס קינד אויף די הענט און איילִיק געלאָזט זיך צו דער דירה, ווו עס זענען געווען די וווינצימערן. דער מרחק צווישןביידע דירות איז געווען אַ מעטער 30, אָבער אינמיטן וועג האָט פאַרכאַפּט דער שטורעם. עס איז געוואָרן פינצטער, אַז מען האָט נישט געקענט זען ווו מ׳גייט. דער ווינט האָט געפייפט מיט אַזאַ וווט אַז עס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. ער האָט געשמיסן אין פּנים מיט כוואַליעס שטויב און זאַמד, אַז מען האָט נישט גע־קאָנט האַלטן אָפן די אויגן. מען האָט געדאַרפט טרעפן דעם וועג. צוליב די וואַסערן איז די שטוב געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גענוג הויכן טראָטואַר. האָט מען געדאַרפט גיין לאַנגזאַם, בכדי מען זאָל אין איילעניש נישט פאַלן איבער אים. מען איז געגאַנגען האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, אָבער גאָר נאָענט דער שטוב, האָט מען זיך פאַרלאָרן. פאַני האָט גענומען אַביסל מער רעכטס און איז בשלום אַרויף מיטן קינד אויף די הענט אויף דער זייט שטוב ווו די טיר איז געווען אָפן. אָבער בן־ציון האָט אַביסל פאַרבלאָנדזשעט. ער איז אויך בשלום אַרויף אויפן טראָטואַר, אָבער ער איז צוגעקומען צו אַ צווייטער טיר, וואָס איז געשטאַנען געשלאָסן. אויף אַריינצוקומען אין שטוב האָט ער גע־דאַרפט אַרומגיין די קיך וואָס איז געשטאַנען צווישן ביידע טירן. גראַד אין דעם מאָמענט האָט דער שטורעם אָנגענומען אַ הוראַגאַנישן כאַראַקטער. ער האָט בן־ציונען ממש געוואָרפן פון די פיס. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ גוואַלדיקער בראַזג. איבערן קאָפּ זענען געפלויגן ציגל, בלעכן. בן־ציון האָט זיך געלאָזט פאַלן אויפן טראָטואַר און אַזוי פויזנדיק איז ער סוף־כל־סוף צוגעקומען צו דער אָפענער טיר. אינעווייניק איז געווען פינצטער. ער האָט געפונען פאַנין מיטן קינד, לויט די קולות פון דעם זונעלע וואָס האָט גערופן דעם טאַטן. גיך האָט ער אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, אָבער די שטוב איז געווען פול מיט שטויב, וואָס דער שטורעם האָט אָנגעטראָגן. מען האָט זיך געזען ווי דורך אַ טומאַן... שנעל האָט מען זיך אַריינגעשטעלט אין אַ ווינקל, אַז טאָמער רייסט דער הוראַגאַן אַראָפּ דעם דאַך, זאָל מען זיין זיכער. אָבער גאָר גיך איז דער הוראַגאַן אַריבער. מען האָט געקענט אַרויס אין דרויסן, ווו אַלץ איז שוין צוריק געווען שטיל און רויִק, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט. דער קליינער רעגן וואָס דער שטורעם האָט מיטגעבראַכט, האָט איינגענעצט דעם שטויב, גערייניקט די לופט און מ׳האָט ווידער געקאָנט פריי אָטעמען. פון דערווייטנס האָט מען געקאָנט זען אויפן גרויסן שול־הויף אַ הורבע, וואָס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען. צוקומענדיק נעענטער האָט מען דערזען אַז דאָס איז דער דאַך פון דעם שול־גאָניק, וואָס דער שטורעם האָט אַראָפּגעריסן, צונויפגעקנאָדערט די בלעכן, באַוואָרפן זיי מיט אַביסל ציגל, וואָס ער האָט אַראָפּגעריסן פון די הויכע טיילן פון די ווענט, קיין אַנדערע היזקות זענען נישט געווען.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרייבעניש וועגן פאַרריכטן דעם דאַך. די אַדמי־ניסטראַציע האָט געשריבן קיין בוענאָס־איירעס. די דירעקציע האָט געענט־פערט. מען האָט געבעטן ביודזשעטן, ביז סוף־כל־סוף, מען האָט געפונען אַ בעל מלאכה וואָס האָט געקאָנט מאַכן די אַרבעט און פאַר אַ פּאַסיקן פּרייז. האָט ער אָבער געדאַרפט אַ פּאָר געהילפן. בן־ציון מיט אַ פּאָר עלטערע תלמידים האָבן זיך אַרויסגערופן אים מיטצוהעלפן. אָבער נישט אומזיסט, נאָר פאַר געצאָלט. מען איז ווי עס איז דורכגעקומען, און די פּאָר פּעזעס, וואָס מען האָט פאַרדינט זענען אַוועק אויף צו קויפן ביכער פאַר דער שול־ביבליאָטעק.

קאַפּיטל 37

דער קאַלאָניע געשעט אַן עולה

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אין קאַלאָניע געמאַכט אַ קליינעם רושם. ציוניסטן זענען אין קאַלאָניע געווען ווייניק. דערצו איז מען געווען טרוד מיט דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, פון וועלכער מען האָט קוים אָנגעהויבן אַרויסקריכן. איז דער גאַנצער ענין אַדורך כמעט ווי אומבאַמערקט, ווו־נישט־ווו האָט מען געפּראַוועט אַ היימישן קערמעשל אָבער קיין פייערונגען זענען נישט געווען. עס איז נישט געלעגן אין קאָפּ.

אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען אין לאַנד איז אָנגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער שליח, אַן אויסגעצייכנטער רעדנער וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען, האָט זיך אין קאַלאָניע אַ רודער־געטאַן, מען דאַרף זען אַז דער שליח זאָל די קאַלאָניע נישט דורכלאָזן.

כל־זמן דער שליח איז אַרומגעפאָרן איבער די ווייטערע געביטן פון לאַנד, האָט די קאַלאָניע געדולדיק געוואַרט. אָבער ווען ער איז אָנגעקומען אין דער נאָענטער גרויסער קאַלאָניע ווו בן־ציון איז פריער געווען אַ לערער, האָט מען זיך גענומען גרייטן אויפן גאַסט. איז גלייך אַוועק אַ בריוו מיט אַן איינלאַדונג, מען זאָל למען־השם נישט פאַרגעסן אין דער אָרעמער פיל־געפּלאָגטער קאַלאָניע וואָס וויל אויך האָבן די זכיה אויפצונעמען אַ גאַסט. באַלד איז דערהאַלטן געוואָרן אַן ענטפער אַז דער גאַסט וועט זיין אין קאַלאָניע אין אַ פּופצן טעג אַרום, און מען האָט זיך גענומען פיבערהאַפט גרייטן.

פון די צייטונגען האָט מען שוין געוווּסט אַז אין דער גרויסער קאַלאָניע איז דער גאַסט אויפגענומען געוואָרן ביי דער באַן־סטאַנציע פון אַ רייטער־גרופּע, וואָס האָט באַגלייט דעם קאַטש אין וועלכן דער שליח איז געפאָרן ביז אין צענטער פון דער קאַלאָניע. האָט מען אין דער יונגער אָרעמער קאַלאָניע אויך פאַרטראַכט דורכצופירן אַזאַ אויפנאַמע. נאָר, גיי־מאַך, אַז אין דער גאַנצער קאַלאָניע איז נישטאָ קיין איין קאַטש, די פערדלעך זענען מאַגער, די זאָטלען אָפּגעריסן... דאָך האָט מען נישט געוואָלט מוותר זיין אויף דעם פּונקט פון קאָלאָניסטישן צערעמאָניאַל: אַ רייטער־גרופּע מוז זיין.

האָבן קאָלאָניסטישע בחורים צורעכט־געמאַכט זייערע רייט־געשפּאַנען, גענומען פּוצן זייערע פערדלעך, זיך צוגויפגעפאָרן אויף איבונגען און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פיינע רייטער־גרופּע פון אַרום דריי

מנינים רייטער. אַ קאַטש האָט מען באַקומען ביי אַ נאַענטן פריץ. פערד און אַנטרייבער זענען געווען אייגענע. דער פּאַראַד פון דער אויפנאַמע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַלע איינצלהייטן. דער גאַסט וועט איינשטיין אין דער אַדמיניסטראַציע, די פאַרזאַמלונג וועט פאַרקומען אין דער גרעסטער שולע. די רייטער וועלן באַגלייטן דעם גאַסט אין זיין טור איבער דער קאָלאָניע. דאָ וועט מען עסן מיטיק, דאָרט — טרינקען טיי אאַז״וו. הכלל, די קאָלאָניע איז געווען פריידיק אויפגעהייטערט.

דער אויפנאַמס־קאָמיטעט האָט געהאַט אַפּטע זיצונגען, עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט די פאַרנעמסטע קאָלאָניסטן, אייניקע לערער. סוף־כל־סוף איז מיטגעטיילט געוואָרן דער פינקטלעכער דאַטום פון באַזוך, אין דעם און דעם טאָג, מיטן צוג, אין באַגלייטונג פון די און די הערן... און דאָ איז אַרויס אַ צרה. צווישן די באַגלייטער איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט עפּעס געהאַט אַ קאָנפליקט מיט אַ טייל פון דער קאָלאָניע, און אים האָט די קאָלאָניע נישט געוואָלט אויפנעמען. איז גלייך אַוועק אַ טעלעגראַמע: די קאָלאָניע פאָדערט אַז פלוני בן פלוני זאָל נישט איינגעשלאָסן ווערן אין דער דעלעגאַציע, דער יונגערמאַן האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע דעה אין טיש, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ טעלעגראַמע אַז אָן דעם יונגנמאַן וועט דער שליח נישט פאָרן... קיין טעלעגראַף איז אין קאָלאָניע נישט געווען. אויף דער באַן־סטאַנציע איז די טעלעגראַמע אָנגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. די קאָלאָניע האָט זיך דערוויַיל געגרייט און אין דער זיכערקייט אַז איר פאַרלאַנג וועגן יונגנמאַן וועט דערפילט ווערן, איז מען אַרויסגעפאָרן אָפּוואַרטן דעם שליח און... מען האָט אָפּגענומען די טעלעגראַמע.

איז מען צוריק געפאָרן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט פאַרביטערטע הערצער און אויפגעברויזטע געמיטער: ס׳טייטש! אָפּטאָן אַזעלכעס! מבייש זיין אַ קאָלאָניע! מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שולע, ווו עס האָט געזאָלט פאַרקומען דער ערשטער קבלת־פּנים. דער עולם האָט געוואַרט, זיך דערווּסט, אַז דער גאַסט איז נישט געקומען האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל רעאַגירן. מען טאָר נישט אָפּשווייגן, דער אויפנאַמס־קאָמיטעט איז אַוועק אויף אַ באַראַטונג און מען האָט באַשלאָסן, אַז מאָרגן זאָל אַרויספאָרן אַ דעלעגאַציע פון דריי. דער אַדמיניסטראַטאָר, בן־ציון און אַ דירעקטאָר פון אַ צווייטער שולע, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געלערנט מיטן שליח אין איין ישיבה, וועט דאָך יענער נישט קאָנען אָפּזאָגן קיין אַלטן חבר.

דער עולם האָט זיך נישט געוואָלט צעפאָרן. מען איז געקומען פון אַזוי וויַיט, וועט מען אַוועק מיט גאַרנישט?! האָט מען אימפּראָוויזירט אַ קולטור־אָוונט, אַ פּאָר ייִדן האָבן געהאַלטן רעדעס, פּראָטעסטירט קעגן דער האַנדלונג.

בן־ציון האָט געהאַלטן אַ פּאַרטראַג, מען האָט געזונגען בציבור, דער עולם האָט זיך אַביסל באַרויִקט, מען איז זיך פּרידלעך צעפאָרן יעדערער אין זיין זייט.

אויף מאָרגן איז די דעלעגאַציע אַרויסגעפאָרן אין דער גרויסער קאָלאָניע. אָנגעקומען איז מען פאַרנאַכטלעך אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן טאָג. מען איז צוגעפאָרן צום הויז וווּ דער שליח איז געשטאַנען סטאַנציע. מען האָט זיך צו אים געמאָלדן. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט געקאָנט אָנקומען צום גאַסט. אַרום אים זענען געזעסן אייניקע „יושבים״, ווי ביי אַ חסידישן רבין. צווישן זיי דער פאָטער פון דעם יונגנמאַן וואָס צוליב אים האָט זיך פאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע. די דעלעגאַציע האָט מען אויפגענומען מיט אייז־קאַלטקייט: וואָס זענט איר געקומען? מען האָט דאָך אייך טעלעגראַפירט. עס איז אַזאַ באַשלוס! דער שליח האָט גאָר געשפּילט דעם קראַנקן. אַ ייִד וואָס האָט גערעדט אַ פּרעכטיקן פאָלקסטימלעכן ייִדיש, האָט ער מיטאַמאָל גענומען רעדן דייטש־מעריש... „איש בין קראַנק, נוטה למות, מען האַבט מיר הויטע דעם האַלדז געפינדזלט״... דער אַמאַליקער חבר האָט געפּרוּווט ווייכער מאַכן זיין האַרץ. דערמאָנט אַמאָליקע יאָרן. עס האָט נישט געהאָלפן. ווען דער אַדמיניסטראַטאָר האָט אויף זיין האַרטן ליטווישן ייִדיש גענומען רעדן אַביסל שטרענגער, האָט זיך דער שליח אויפגעהויבן, איז אַריין אין צווייטן צימער, פאַרהאַקט מיט רוגזה די טיר און מער האָט מען אים נישט געזען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך די דעלעגאַציע מתווכח געווען מיט די אָרטיקע ציונים. בן־ציון ווי אַ היימישער און חבר האָט גערעדט האַרבע רייד, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דער שליח איז געבליבן פאַרעקשנט. די ציוניסטישע טוער זענען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען, די דעלעגאַציע איז אַוועק מיט דעם וואָס זי איז געקומען.

האָט מען זיך אין קאָלאָניע געערגערט. ערשטנס, די בזיונות; צווייטנס, די אַנטוישונג; דריטנס, די שמחה פון די נישט־ציוניסטן; אַט האָט איר אייך אייערן אַ שליח, פרייט זיך מיט אים!... דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, אַז די קאָלאָניע זאָל זיך קאָנען רעוואַנשירן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע, אַז דער שליח וועט פאַרבייפאָרן די נאָענטע באַן־סטאַנציע, און איז גרייט צו באַזוכן אויך די קאָלאָניע. מען זאָל ענטפערן טעלעגראַפיש. האָבן זיך די מיינונגען צעטיילט. כנהוג, ווער עס האָט געהאַלטן אַז מען זאָל אַפילו נישט ענטפערן. און ווער עס האָט געהאַלטן, אַז מען זאָל ענטפערן מיט איין וואָרט: ניין!... די צווייטע מיינונג איז אָנגענומען געוואָרן. ייִדן קאָלאָניסטן האָבן זעלבסטווירדע און לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע...

קאַפּיטל 38

דער סוף פון אַן אידיליע

אין דער משפּחה האָט פּאַסירט אַ גרויס אומגליק. בן־ציונס איינציקער ברודער איז פּלוצלינג אַוועק פון צווישן די לעבעדיקע. די אַלטע טאַטע־מאַמע זענען געבליבן צעבראָכענע און עלנטע אין דער קאָלאָניע וווּ בן־ציון האָט פריִער געוווינט. האָט פּאַני מיט די קינדערלעך, שוין געוועזן דריי, זאָלן לעבן, געמוזט אַריבערפאָרן צוריק אין יענער קאָלאָניע, בכדי צו זיין מיט בן־ציונס עלטערן און די אייניקלעך זאָלן קאָנען מילדערן זייער צער און טרויער.

אָבער נישט אַזוי גיך טוט זיך ווי עס ווילט זיך. דאָס אַריבערציִען זיך האָט געמוזט נעמען צייט. מען האָט באַדאַרפט באַקומען אַ שטעל־פּאַרטרעטערין פאַר דער לערערקע, מען האָט געדאַרפט אויספאַרקויפן דאָס ביסל מעבל, און דאָס האָט גענומען צייט, און אָט איז געקומען דער פרימאָרגן, ווען פּאַני מיט די קינדערלעך האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן. די שולע איז יענעם טאָג געווען געשלאָסן; בן־ציון האָט דאָך געדאַרפט אָפּפירן זיין פאַמיליע צו די עלטערן, אָבער אַלע תלמידים זענען זיך געקומען געזעגענען מיט דער „סעניאָראַ", אַזוי האָבן זיי גערופן זייער ייִדישע לערערקע, זענען געווען היפּש קינדערשע, אויפגעריכטיקע טרערן, אויפן שול־הויף איז געווען ממש תשעה־באָב, תלמידים האָבן שטאַרק ליב געהאַט די לערערקע און זיי איז שווער געווען צו שיידן זיך פון איר. בן־ציון האָט געפילט אַז עס נעמט אַ סוף צו זיין אידיליע פון אַ ייִדישן לערער און קולטור־טוער אין אַ ייִדישער קאָלאָניע. מען האָט שוין דעמאָלט געשמועסט אַז די יִק״א גייט איבערגעבן אירע שולן דער רעגירונג וואָס איז דאָך מחויב צו באַזאָרגן אַלגעמיינע אונטערריכט פאַר אירע צוקונפטיקע בירגער. מיטן ייִדישן אונטערריכט זאָלן זיך די קאָלאָניסטן באַזאָרגן אַליין. מען האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט דער גזירה, מען האָט אַפּעלירט קיין פּאַריז, אָבער, דער אַלגעמיינער געפיל איז געווען אַז עס וועט נישט העלפן. דער הויפּט־דירעקטאָר פון יִק״אַ אין בוענאָס־איירעס, האָט עס געפאָדערט; די יִק״אַ, וואָס האָט שטאַרק געליטן פינאַנציעל פון ערשטן וועלט־קריג, האָט עס געדאַרפט. מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט פאַקטן.

צום טרויער נאָכן איינציקן ברודער וואָס איז אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן, איז נאָך צוגעקומען די איינזאַמקייט, אָן דער פאַמיליע, און אַ גאַנצע רייע אַנדערע פראַגן האָבן פאַראומערט דאָס געמיט. ווי טוט מען זיך אַהין?

בלייבן אַליין אין די שול־בנינים האָט דאָך קיין זין נישט, און ווי וועט עס זיין מיטן עסן? די גוטסקייט פון נאָענטן שכן האָט געלייזט די פראַגן. אַ קאַ־לאָניסטישע משפחה האָט אָפּגעטראָטן בן־ציונען אַ באַזונדערן צימער, האָט אים געגעבן קעסט, האָט געשטעלט אַ צוגענגלעכן פּרייז און דער קנויל פּראָ־בלעמען איז געווען געלייזט.

נישט אַזוי לייכט איז, אָבער אָנגעקומען צו געפינען אַ שטעלפאַרטרע־טער פאַר דער ייִדיש־העברעיִשער לערערין. אין קאָלאָניע איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל קאָנען איבערנעמען דעם אַמט. האָט זיך בן־ציון געמוזט קליגלען. ער האָט גענומען אַ געהילפין אויף די שפּאַנישע לימודים, טאַקע זיינס אַ שילערין, וואָס האָט געלעבט מיט אירער אַ שוועסטער אין איינער פון די שול־דירות, בשעת אַ דריטע שוועסטער מיט אַ ברודער האָבן געלערנט אין שול. די קינדער האָבן געוווינט ווייט, נישט געקאָנט פאָרן אַלע טאָג, דערצו האָבן די עלטערע געהאַט זייערע לעקציעס נאָך די שול־שעהן. פלעגט עס אַמאָל אַריינציִען אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. האָט מען געמוזט לעבן אין אַ הויז ביי דער שול. די פיר קינדער האָבן זיך היפּש געפּלאָגט, אָבער זייער באַגער צו לערנען האָט גובר געווען אַלע מיכשולים. האָט בן־ציון אי־בערגעגעבן זיין עלטערער שילערין די שפּאַנישע לימודים אין די נידעריקערע קלאַסן און די ייִדישע לימודים האָט ער געגעבן. איז עס געווען שווער. מען האָט געמוזט צוגעבן שעהן. אָבער ווי עס איז האָט עס געקלאַפּט, אגב, זענען דאָך די ימים נוראים און דער שול־איבעררייס ביז נאָך סוכות געווען נישט ווייט, איז מען ווי עס איז איבערגעקומען די עטלעכע וואָכן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אָוונט־קורסן, וואָס מען האָט דאָך געמוזט אָנ־האַלטן, האָבן אויך געליטן אַביסל. פון דער אַרבעט האָט זיך אָפּגעטאָן די שכינה, עס איז אָוועק דער ענטוזיאַזם, עס איז געווען נישט גוט.

אויף די ימים־נוראים איז בן־ציון געפאָרן צו זיין משפּחה, און אויף מאָרגן נאָך ראש־השנה איז ער אַרויסגעפאָרן קיין בוענאָס־איירעס, פערזענ־לעך בעטן די דירעקטאָרן מען זאָל אים איבערפירן צוריק אין דער קאָלאָניע ווו ער איז געווען פריִער, בכדי ער זאָל קאָנען זיין צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און עלטערן.

אויף מאָרגן נאָך זיין אָנקומען קיין בוענאָס־איירעס האָט אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון די אייזנבאַנער, וואָס האָט געדויערט אַ חודש־צייט און בן־ציון האָט געמוזט בלייבן אין דער הויפּטשטאָט, ווו ער האָט זיך אויפגע־האַלטן אין דער הויז פון זיינער אַ שוועסטער און איז אַריין אין די ציוניִס־טישע קרייזן פון וואַנען ער האָט געקאָנט כאַפּן אַ בליק אויפן ייִדישן לעבן

אין דער הויפּטשטאָט. קיין סך נחת האָט ער דערפון נישט געהאַט, די שטאָט האָט פאַר אים נישט געקאָנט פאַרבייטן די קאָלאָניע.

די יקאַ־דירעקציע האָט מסכּים געווען צו אַריבערפירן בן־ציונען אויף אַן אַנדער פּאָסטן, נענטער צו די עלטערן. אָבער דערווייל איז דאָך שוין גאָענט צום סוף שול־יאָר. מוז ער פאַרענדיקן דאָס יאָר אויף זיין איצטיקן פּאָסטן און נאָך די וואַקאַציעס, צום נייעם שול־יאָר, וועט מען זען. בן־ציון האָט געמוזט צוריקפאָרן אין קאָלאָניע אין זיין שולע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט געפּלאַצט אַ צווייטע אילוזיע, אַ ווייטע אין מרחק און אַ נאָענטע צום האַרצן. אין רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער־קריג. אויף דער טאָג־אָרדענונג זענען געשטאַנען אומאָרדענונגען און האָט זיך געשטעלט דער פּחד פאַר פּאָגראָמען אויף יידן. האָט זיך בן־ציון דערמאָנט ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער דערפרייט געוואָרן מיט דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דעם זעלבן טאָג וואָס עס איז געבאָרן געוואָרן זיין דריט קינד. די רעוואָלוציע האָט געשטירצט דעם צאַר, האָט געגעבן יידן גלייכע רעכט, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. ער איז דעמאָלט ספּעציעל געפאָרן אין דער גרעסערער קאָלאָניע צו האַלטן אַ רעדע אויף דער פייערונג פון דער רעוואָלוציע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דעם סקווער פון קאָלאָניע. עס זענען דאָן געווען גרויסע ליכטיקע אילוזיעס, און דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז די צווייטע רעוואָלוציע מאַכט אַ סוף צו די אַלע אילוזיעס. עס קומט אַ ביטערע, האַרטעווירקלעכקייט, די אילוזיעס זענען צעשוווּמען, אין זיין פּערזענלעכן לעבן ווערט אָפּגעשלאָסן אַן אידיליע וואָס האָט שוין געדויערט אַ יאָר פינף. בן־ציונס געמיט איז געווען זייער באַטריבט.

די עטלעכע וואָכן ביזן סוף שול־יאָר זענען ווי עס איז אַריבער, די וואַקאַציעס האָט בן־ציון פאַרבראַכט מיט זיין משפּחה. צום סוף איז אָנגעקומען די מיטטיילונג פון דער יקאַ־דירעקציע אַז כּפי דאָס איבערגיין פון די שולעס צו דער רעגירונג איז אַ פראַגע פון געציילטע פאַר חדשים, קאָן די דירעקציע איצט נישט בייטן די פּאָזיציע פון זיין פּאָסטן, זאָל ער דערווייל פאָרן צוריק אין זיין שול. און נאָכדעם ווי ער וועט זי איבערגעבן אין די הענט פון רעגירונגס־אינספּעקטאָר וואָס דאַרף אַהין אינגיכן אָנקומען, וועט ער קאָנען איבערנעמען אַ צווייטן פּאָסטן אין די שולעס וואָס וועלן נאָך דערווייל בלייבן ביי דער יקאַ, ווען אַפילו צייטווייליק.

אַ פאַרביטערטער איז בן־ציון אָפּגעפאָרן אין דער שולע, וואָס ער האָט שוין מער נישט געקאָנט באַטראַכטן ווי ז יי נ ע. פאָרנדיק מיטן צוג האָט ער זיך דערמאָנט ווי האָפערדיק און פול מיט ענערגיע און האָפענונג ער איז

געפאָרן אין דער זעלביקער קאָלאָניע מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. וויפל אילוזיעס ער האָט זיך דאַן געשאַפן, וויפל פון זיי ער האָט פאַרווירקלעכט אין די צוויי יאָר וואָס ער איז געווען אין קאָלאָניע, איצט איז סוף־פּסוק, נישט נאָר צו זיין טעטיקייט אַלס לערער אין די קאָלאָניעס, נאָר צום שול־וועזן איז די קאָלאָניעס בכלל. עס וועט זיין אַ צעריסן געמיט: אַלגעמיינע לימודים באַזונדער, די שול־דירות גייען אַריבער צו דער רעגירונג. די קאָלאָניסטן וועלן פאַר די יידישע שולעס דאַרפן אויפשטעלן באַזונדערע בנינים, וועד קאָן פאַראויסזען וואָס עס וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען?... אויפן האַרצן איז געווען ביטער.

שוין אין קאָלאָניע האָט זיך געשטעלט אַ נייע שוועריקייט. די קאָלאָניסטישע פאַמיליע ווו בן־ציון האָט געהאַט קעסט צום סוף פון פאַריקן יאָר, האָט אים מער נישט געקאָנט האַלטן אויף קעסט. די קאָלאָניסטקע איז געווען שווער קראַנק. מיט אַ לערער פון אַ צווייטער שול וואָס האָט זיך געפונען אין די זעלבע באַדינגונגען וואָס בן־ציון, האָט מען זיך געווענדעט צום קרעמער. אפשר וועט מען פאַרט קאָנען האָבן קעסט. האָט אָבער יענער פאַרבעטן אַ פרייז, וואָס ביידע לערער, וועלכע האָבן דאָך געהאַט די פאַמיליעס אין דער גרויסער קאָלאָניע, האָבן נישט געקאָנט צאָלן. דערוויל האָט מען צוגעשיקט פאַר בן־ציונס שול אַ העברעישע לערערין און אויך זי האָט נישט געהאַט ווו צו קוואַרטירן. וואָס טוט מען דאָ?

האָט מען געשאַפן דאָס וואָס מען האָט אין שפּאַס אַ נאָמען געגעבן „די קאָאָפּעראַטיווע פון די היימלאָזע לערער". זאַלבעדריט האָט מען זיך באַזעצט אין בן־ציונס שול, בשותפות איינגעקויפט שפּייז און פּראָדוקטן, בשותפות געקאָכט, בשותפות געגעסן, עס האָט אויסגעטראָגן שפּאָט־ביליק אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס דער קרעמער האָט געבעטן. ביסלעכווייז האָט זיך דער שול־הויף אָנגעהויבן באַלעבן אין די אָוונטן. עס פלעגט קומען יוגנט. קיין רעגלמעסיקע קורסן האָט מען נישט געקאָנט פירן, אַז אַ ליאַדע מינוט קאָן אַראָפּפאַלן דער רעגירונגס־אינספּעקטאָר און מאַכן אַ סוף צום גאַנצן שפּיל... האָט מען געפירט שמועסן, געזונגען לידער, דעקלאַמירט, געזוכט צו פאַרטרייבן דעם אומעט וואָס האָט געדריקט סיי די לערער, סיי די יוגנט. די לערערין האָט געגעסטיקט ביי אַ שכנישער פאַמיליע און ביידע לערער פלעגן פאַרבלייבן איינזאַם און באַטריבט אינמיטן פון דעם שול־הויף, וואָס האָט זיך אויסגעדוכט נאָך פוסטער ווי ער איז געווען.

אין אַ טאָג איז דער אינספּעקטאָר געקומען. אַ סימפּאַטישער, לוסטיקער פאַרשוין, אַ געוועזענער דירעקטאָר פון אַ נאָרמאַל־שול. האָט ער זיך באַצויגן חברלעך. מיט אים איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע וואָס

האָט געדאַרפט אין נאָמען פון דער יי״קאָ אונטערשרייבן דעם אַקט פון איבערגעבן די שולע וואָס דער אינספּעקטאָר האָט מיטגעבראַכט פאַרטיק, נאָר דעם דאַטום צושטעלן. האָט מען געמאַכט אינווענטאַרן, איבערגעשריבן יעדע באַנק, יעדע שול־איינריכטונג, יעדן חפץ, יעדעס בוך, מאַפּע אאַז״וו. אויך די אַגריקולטור־מכשירים האָט מען אַריינגעשריבן. ביים אָנרירן יעדן קעגנשטאַנד וואָס איז ביז אַ מינוט פריִער געווען ז יי נ ס און וועט מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער ווערן נ י ש ט ־ ז יי נ ס, האָט בן־ציון געפילט פיזישן ווייטיק. ער האָט אין דער שול אַריינגעוועבט זיינע בעסטע האָפענונגען און אילוזיעס. ער האָט דאָ געלעבט אידילישע, געהויבענע צוויי יאָר, און אָט, מיטאַמאָל, אויס!...
דער אינספּעקטאָר האָט באַמערקט אַז מיט בן־ציונען קומט עפּעס פּאָר. און ער האָט אַ פרעג־געטאָן: „קע לע פּאַסאַ, כאָווען?״ — וואָס פּאַסירט מיט דיר, יונגערמאַן. בן־ציון האָט גענומען ענטפערן, אָבער טרערן האָבן דערשטיקט זיין קול. ער האָט געמוזט איבערהאַקן און אַנטשוויגן ווערן.

און אָט זענען שוין די פּאַפּירן פאַרענדיקט, אונטערגעשריבן, אַריינגעלייגט אין אַ טעקע, בן־ציון פילט ווי מען וואָלט די לעצטע לאָפּעטעס ערד געוואָרפן אויף אַ קבר פון אַ נאָענטן און ליבן... צוזאַמען מיטן אַדמיניסטראַטאָר האָט ער באַגלייט דעם אינספּעקטאָר אין דער אַדמיניסטראַציע, ווו דער אינספּעקטאָר האָט געגעכטיקט. אַליין איז ער געקומען צוריק איבערנעכטיקן אין זיין שולע וואָס איז שוין פון אים אָפּגעפרעמדט געוואָרן... און עס געווען אַ ביטערע שלאָפלאָזע נאַכט, כאָטש ביז גאָר שפּעט האָט מען פאַרבראַכט מיט יוגנט און מיט תלמידים וואָס זענען זיך געקומען געזעגענען.

פאַרן פאַרלאָזן די שול איז בן־ציון אַרומגעגאַנגען פון דרויסן אַלע בניגים, זיי זענען שוין געווען געשלאָסן און ער האָט מער נישט געהאַט די שליסלען צו זיי. ער האָט זיך שטום געזעגנט מיט די געביידעס, מיטן גאָרטן וואָס ער מיט זיינע תלמידים האָבן געפלעגט, מיט די פּאָר ביימער וואָס זיי האָבן געפלאַנצט, אין דעם ביישטידל פון דער איינציקער טיר וואָס איז געבליבן נישט פאַרשלאָסן, אין דעם צימער ווו ער איז געשלאָפן האָט ער אויסגעקריצט די דאַטעס, ווען ער איז אין שול געקומען און ווען ער איז פון איר אַוועק. מיט יאָרן שפּעטער, אין אַ קורצן באַזוך אין דער קאָלאָניע, האָט ער די איינקריצונג געזוכט און געפונען. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זיך בן־ציון אַריינגעזעצט אין דער סולקי מיט וועלכער אַ יוגנטלעכער פון זיינע תלמידים האָט אים אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע. געפאָרן איז מען אין שטילשווייגן, ווי פון אַ לוויה ח״ו און ווען דער צוג איז אָנגעקומען און לערער און תלמיד האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט ביים געזעגענען זיך, האָבן בייביידן אין די אויגן געפינקלט טרערן.

קאַפּיטל 39

צוריק אויפן אַלטן פּלאַץ

אין אייניקע טעג אַרום איז אָנגעקומען די ידיעה אַז בן־ציון איז באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון דער שול ווו ער איז אַמאָל געווען אַ ייִדישער לערער, זיין אשת־חיל, פּאַני, איז באַשטימט געוואָרן אַלס ייִדיש־העברעיִשע לערערין. דאָס האָט באמת נישט געהייסן בלייבן מ י ט די עלטערן, נאָר נ אָ ע נ ט צו זיי. און בלית־ברירה האָט מען עס געמוזט אָננעמען פאַר גוט. סיי־ווי־סיי האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען אַז אויך די שולעס פון דער קאָלאָניע וועלן אינגיכן אַריבערגיין צו דער רעגירונג, עס איז אַ פראַגע פון מאָנאַטן, נישט מער.

געקומען אין דער שולע וואָס מען האָט מיט אַ יאָר פינף צוריק פאַרלאָזט, האָט מען זיך באַזעצט אין דעם הויז ווו עס האָט פריִער געוווינט דער פאָריקער דירעקטאָר, וואָס איז געווען גרעסער און באַקוועמער פון דעם פון ייִדישן לערער. אויך די באַציִונג פון די קאָלאָניסטן איז געווען גאָר אַן אַנדערע; ערשטנס — אַלטע באַקאַנטע, צווייטנס האָט שוין בן־ציון געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן דירעקטאָר און פאַני פאַר אַ גוטער לערערין. האָט מען זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. צוריק איינגעלעבט זיך.

אָבער אין מוח האָט נישט אויפגעהערט פּיקן דער געדאַנק, וואָס וועט זיין די צוקונפט? ווהין אָריענטירט מען זיך ווען די שולעס וועלן איבערגיין צו דער רעגירונג? אמת, בן־ציון האָט געהאַט אַן אָנבאָט צו איבערגיין צו דער רעגירונג, אָבער דער פּראָווינץ־אינספּעקטאָר פון די נאַציאָנאַלע שולעס האָט אים מגלה־סוד געווען, אַז מען וועט אים נישט האַלטן אין קיין ייִדישער קאָלאָניע, נאָר מען וועט אים אַוועקשיקן אין די ווייטע אַרגענטינער געגנטן: „דאָרטן וועט איר קאָנען פּרעדיקן אייער ציוניזם פאַר די גאַוטשאָס” — האָט זיך דער אינספּעקטאָר געוויצלט, און דאָס האָט בן־ציון פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אָננעמען. לעבן וויל ער נאָר צווישן ייִדן...

דערווייל האָט פאַני אָרגאַניזירט אין שטעטל און אין קאָלאָניע אַ דאַמען־פאַראיין וואָס עקזיסטירט ביז היינט. פאַרנאַכט, נאָך דער שול־אַרבעט האָט זי אָפטער געדאַרפט פאָרן צו דער סטאַנציע, אויף זיצונגען, רעדאַגירן סטאַטוטן, באַהאַנדלען ענינים. דאָס פאָרן הין און צוריק איז געווען נישט לייכט, אָבער, פליכט, געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז אַ מוז־זאַך.

די אַרבעט אין שולע איז שוין געווען צערודערט, ווי מען האָט זיך ניִשט געשטאַרקט און באַמיט צו פירן זי רעגלמעסיק, אַז די אײנציקע פּערספּעק־טיוו איז געווען סוף־פּסוק, ווי קאָן מען אָנגײן מיט דער אַרבעט גלײך ווי קײנמאָל גאָרנישט? דערצו האָט זיך שאַרף געשטעלט די פראַגע פון „פּרנסה“. נאָך פון דער אַלטער הײם איז בן־ציון אַרויסגעפאָרן מיט דער שטרעבונג צו זײן אַ לערער אין די ייִקאַ־שולן; אָבער אַז מיטאַמאָל הערן זײ אויף צו עק־זיסטירן; וואָס־זשע בלײבט צו טאָן? מען קאָן געוויס ווערן אַ ייִדישער לערער אין אַ שטאָט, אָבער בן־ציון האָט גוט געדענקט זײן ערשטע דערפאַרונג אויף דעם געביט, וואָס איז באַשריבן געוואָרן אין אַ פאַריקן קאַפּיטל, און האָט גאָרנישט געהאַט קײן חשק איבערצוחזרן אַזאַ דערפאַרונג.

אָבער פּרנסה איז ניִשט קײן קלײניקײט. ניִשט געווען קײן אַנדער ברירה ווי אָנשרײבן קײן בוענאָס־אײרעס אין די „רעליגיעזע קורסן“ און פרעגן וועגן אַ מעגלעכקײט פון אַ שטעלע אין אַ שולע אין אַ שטאָט. בן־ציון האָט געוווסט אַז ער וועט דאָרט קײן האָניק ניִשט לעקן, אָבער אים האָט געלאָקט אַ צווײ־טער ענין. ער האָט באַשלאָסן אָנצוהײבן צו שטודירן. האָט מען אים אוודאי אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם: אַ טאַטע פון דרײ קינדער — וועט ער מיטאַמאָל ווערן אַ סטודענט; נאָר בן־ציון האָט פאַר זיך קײן אַנדער וועג ניִשט געזען. עס וועט זײן שווער, אָבער מען וועט עס קאָנען באַווײזן. ער האָט זיך באַקאָנט מיט אַ קאָלעגע פון אַ נאָענטער שול, אַ ספרדי פון בולגאַריע, אַ שילער פון דער אַליאַנס־שול אין פּאַריז, און בײדע האָבן זיך גענומען גרײטן צו אַוועק שטודירן. דערווײל האָט מען זיך גענומען צום לימוד. אָפּפרישן אַ רײע ידי־עות וואָס מען האָט שוין געהאַט אַביסל פאַרגעסן. דאָס לערנען האָט אַביסל געהאָלפן צו איבערטראָגן די דערוואַרטונג פון דעם מאָמענט ווען די שולעס וועלן איבערגעגעבן ווערן דער רעגירונג, דאָס וואַרטעניש האָט געצויגן דעם מאַרך פון די בײנער און ניִשט אײנמאָל האָבן בײדע פרײנט זיך געווונטשן: זאָל עס שוין קומען און אַ סוף זאָל עס האָבן!

מיטאַמאָל האָט זיך געשטעלט אין וועג אַ „גוואַלדאָוונע“ שטרויכלונג. בײדע זענען געווען דיפּלאָמירטע לערער פון אויסלאַנד, בײדע זענען געווען אָנערקענטע לערער אין לאַנד, בײדן האָט די רעגירונג פאַרגעלײגט אָנהאַלטן זײערע פּאָסטנס, אָבער אויף אָנהײבן שטודירן האָבן בײדע פאַר אַלעמען גע־דאַרפט אָפּגעבן עקזאַמען... פון די זעקס גראַדן פאָלקס־שול. וואָס פאַראַ בײ־זער חלום איז דאָס? האָבן זיך בײדע פרײנט געפרעגט. בײ וועמען קאָן מען פרעגן וועגן אַזאַ „האַרבן“ עקזאַמען? אין אַ גרעסער שטעטל ניִשט ווײט פון די קאָלאָניעס איז געווען אַ זעקס־גראַדיקע פּראָווינציעלע שול, האָבן זיך די פרײנט אַוועקגעלאָזט אַהין. דאָרט האָט מען זײ גאָר פרײנטלעך אויפגענו־

מען. דער דירעקטאָר, אַ כאַפּטע לערער מיט לערערקעס, מען האָט פּיין פאַר־בראַכט, אָבער לעצם הענין, ווייסן זיי נישט ווי אַזוי מען באַלייגט עקזאַמען פּאַראַמאַל אויף אַלע זעקס גראַדן, כאָטש נעם און הייב־אָן פון ערשטן גראַד.

האָט מען זיך געוואָנדן קיין בוענאָס־איירעס ווו בן־ציון האָט געהאָט קרובים, חברים, גוטע פריינט; אָבער ווער עס האָט גאַרנישט געענטפערט, און ווער עס האָט געענטפערט אַז אַזאַ עקזאַמען קאָן מען נישט באַלייגן. אַזוי האָט מען אים געזאָגט אין סאַמע „קאָנסעכאָ נאַסיאָנאַל דע עדוקאַסיאָן", פון דעם וואָס כמעט אַלע האָבן געעצהט אַז מען זאָל זיך אָפּלאָזן פון אַזאַ נאַרישקייט, אַז דערוואַקסענע מענטשן דאַרפן נישט שטודירן, האָבן די צוויי פריינט פאַרשטאַנען, אַז הינטער דעם ענטפער ליגט אַ היפּשע מאָס נישט פאַרגינעריי, און דאָס האָט דווקא צעצונדן די אַנטשלאָסנקייט פוןביידע חברים און קאָלעגן: דווקא שטודירן!...

שפּעטער, ווען מען איז געקומען אין שטאָט, האָט בן־ציונען געקאָסט דער עקזאַמען פאַר די זעקס גראַדן, דאָס טראַמוויי־געלט צופאָרן צו דער שול, דער עקזאַמען אַליין האָט געדויערט אַ „גאַנצע" שעה צייט און ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם וואָס עס איז לויט די רייד פון „גוטע פריינט" געווען אוממעגלעך צו באַקומען. בן־ציונס חבר איז אָבער אַריינגעפאַלן שלעכט: ער איז אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס פונקט אין דער בלוטיקער יאַנואַר־וואָך פון 1919, און נישט וויסנדיק ווי אַ טיר עפנט זיך איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ „צוגרייטער", וואָס האָט פאַר גאַרנישט טאָן ביי אים געקראָגן אַ היפּשע מטבע.

דערווייל איז אונטערגעקומען דער רעגירונג־אינספּעקטאָר, האָט באַפרייט בן־ציונען פון דער אָנגעצויגנקייט וואָס האָט אים באַהערשט, מיט זיין צוויי־טער שולע האָט זיך שוין בן־ציון נישט געזעגנט מיט קיין סענטימענטן. ער האָט דאָ, ביידע מאָל, נישט איבערגעלעבט קיין אידיליעס, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט ווען ער האָט די שול־געביידעס געלאָזט הינטער זיך. פּטור גע־וואָרן...

אין קאָלאָניע האָט אויף בן־ציונען געוואַרט אַ בריוו מיט אַ ידיעה, אַז ער קאָן האָבן אַ לערער־שטעלע אין אַ יידישער שולע פון בוענאָס־איירעס, אָבער דאָס געהער שוין צו אַן אַנדער קאַפּיטל פון זיין לעבן. זיין ערשטע תקופה, זעקס יאָר לערעריי אין די יק״אַ־שולעס אין די קאָלאָניעס, וויל ער דווקא פאַרענדיקן מיט אַ פּאָר עפּיזאָדן פון קאָלאָניסטישן לעבן, איינע פון אָרטיקער, די צווייטע פון אַלגעמיינער באַדייטונג, וואָס ווערן אַרויסגע־בראַכט אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל 40

אַנטלאָפן און צוריקגעקומען

אין שטעטל ביי דער באַן־סטאַנציע וואָס האָט געפירט פון דער קאָלאָניע אין דער גרויסער וועלט אַריין, האָט געטראָפן אַן אומגליק. אַ שיין יידיש מיידל, אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם סוחר, האָט זיך באַפריינדעט מיטן שפּאַנישן לערער פון דער אָרטיקער רעגירונגס־שול. פון דער פריינדשאַפט איז געוואָרן אַ שטילע ליבע וואָס די עלטערן האָבן נישט באַמערקט, אדער נישט געוואָלט באַמערקן. ביז אין אַ טאָג ווען אַ נאָענטער גוטבאַזיצער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם ערשטן אויטאָמאָביל אין דער געגנט איז דער לערער צוגעפאָרן מיט זיין פריינט דעם גוטבאַזיצער און איינגעלאַדן זיין פריינדין אויף אַ לענגערן שפּאַציר. די עלטערן האָבן גאָרנישט געהאַט קעגן; אדרבא, זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ כבוד און זאָל זיך דאָס קינד דורכפאָרן. די טאָכטער איז פון דעם שפּאַציר נישט צוריקגעקומען. דער גוטבאַזיצער האָט זי צוזאַמען מיט איר פריינד דעם לערער אַוועקגעפירט איבער דער גרענעץ פון אַ נאָענטער פּראָווינץ, און דאָרטן האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק געווענדעט צום ריכטער, דערקלערט, אַז זיי ווילן הייראַטן און כּפי די פרייַלין איז נאָך מינ־דעריעריק און די עלטערן זענען נישט מסכּים צום שידוך, זאָל דער ריכטער אַרויסגעבן אַ דערלויבעניש, אַז זיי מעגן חתונה האָבן.

אין קאָלאָניע און אין דעם גאַנצן רונד און אַרום האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל: סטייטש! אַזאַ זאַך! היינטיקע קינדער! עס האָט נישט געפעלט ווער עס זאָל וואַרפן די שולד אויף די עלטערן: אַז מען דערציט די קינדער אָן אַ ברעקל יידישקייט, איז „ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען”... דער פּראָצעס פאַרן ריכטער האָט זיך פאַרצויגן. די עלטערן האָבן אָנגעווענדעט זייער פולע אָפּאָזיציע צום שידוך, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דער ריכ־טער האָט די הייראַט גוטגעהייסן, דאָס פּאָרל האָט חתונה געהאַט ציוויל. אָן קיין שום רעליגיעזער צערעמאָניע, די כּלה האָט זיך ח״ו נישט געשמדט, אָבער די עלטערן האָבן געהאַט בזיונות וואָס זיי האָבן שווער איבערגעטראָגן.

אין אַ טאָג, ווען בן־ציון איז געזעסן אין וואַרט־זאַל פון דעם א־נס־פּעקטאָר פון נאַציאָנאַלע אָנפאַנג־שולן, ווענן זיינעם אַן ענין, איז אַהין אַריינ־געקומען דער פאָטער פון דעם מיידל, אין באַגלייטונג פון דעם אַדמיניסטראַ־טאָר פון דער קאָלאָניע. זיי זענען געקומען בעטן ביים אינספּעקטאָר ער זאָל

דעם לערער אַריבערפירן אין אַן אַנדער שול. זאָל כאָטשבי די חרפּה נישט זיין פאַר די אויגן... צו בן־ציונען האָבן זיי געהאַט צוויי בקשות. ערשטנס, ער זאָל זיי אָפּטרעטן זיין טורנע, זיי ווילן רעדן מיטן אינספּעקטאָר פאַר אים. און צווייטנס, זאָל ער שפּעטער פאַרוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַר זייער בקשה. ער איז דאָך אַ גוטער־ברודער מיטן אינספּעקטאָר. בן־ציון האָט צוגעזאָגט, ווייל ווי קאָן מען אָפּזאָגן אין אַזאַ פאַל?

ווען בן־ציון האָט נאָך זיין געשעפּטלעכן שמועס מיטן אינספּעקטאָר באַרירט דעם ענין, האָט אים יענער, בדרך־כלל אַ זייער ליבעראַלער מענטש, אָנגעקוקט אַביסל ברוגזלעך, ווי איינער זאָגט: דו אויך?... ווען בן־ציון האָט נישט נאָכגעלאָזן און האָט דווקא געוואָלט אַ צוזאָג אַז מען וועט דעם לערער בייטן אויף אַ צווייטן פּאָסטן, האָט אים דער אינספּעקטאָר געזאָגט: „איך וואָלט נישט וועלן מען זאָל מיך אָננעמען פאַר אַן אַנטיסעמיט, אָבער איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין אייך, יידן. נעם אָן אַז ביי אייך איז עס אַ גאַנצע טראַגעדיע ווען אַ יידיש מיידל האָט חתונה פאַר אַ נישט־יידישן בחור, אָבער פאַרוואָס ווילט איר אַז אויך א י ך זאָל עס אַזוי זען. אין מיינע אויגן איז דאָ גאָרנישטאָ קיין שרעקלעכעס, איז פאַרוואָס זאָל איך באַשטראָפן דעם בחור מיט אַריבערפירן אים אויף אַן אַנדער פּלאַץ. וואָס איז אַ שטיקל פּלעק אין זיין דינסט־פאָרמולאַר? ער איז אַ פיינער, אָנשטענדיקער יאָט, איך זע נישט קיין עוולה אין דעם וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל, אדרבא, מיר אַרגענטינער שטרעבן צו געמישטע הייראַטן וואָס זאָלן אויסשמידן פון דעם גאַנצן אַזוי פאַרשידנאַרטיקן עטנישן געזעמל אַן איינהייטלעך אַרגענ־טיניש פאָלק. ביי אונדז זענען אַלע מענטשן גלייך. דאָך פיל איך, אַז איך וועל מוזן נאָכגעבן. ווייל איר וועט מיר אַזוי לאַנג דולן אַ קאָפּ ביז איך וועל קיין אַנדער ברירה נישט האָבן; איר זענט די גרעסטע עקשנים וואָס דער מענטשלעכער מין פאַרמאָגט". און אַזוי איז עס דאָך געוועזן: מען האָט דעם לערער מיט זיין יונג ווייבל אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער שול.

אָבער דאָס קאָכעניש אין שטעטעלע ביי דער באַן־סטאַנציע האָט זיך נישט איינגעשטילט. די באַפעלקערונג פון שטעטעלע איז געוועזן אַ געמישטע, יידן און קריסטן, כמעט העלפט אויף העלפט, קיין גוט לעבן איז צווישןביידע גרופּעס נישט געוועזן, פאַרוואָרפן אין צענטער פון אַ יידישער קאָלאָניע האָבן זיך די קריסטן געפילט ווי אין גלות. אויך זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַסי־מילאַציע מצד זייערע קינדער, און אויף צו שטאַרקן זייער אָפּגעזונדערט־קייט האָבן זיי אין שטעטעלע אָנגעהויבן בויען אַ קירכע. ווען עס האָט גע־טראָפן דער פאַל מיטן לערער און דער יידישער מיידל, האָבן קריסטן אָנגע־הויבן צואיילן דעם בוי פון דער קירכע. מיט די יידן האָט מען זיך גערייצט,

אַז ווי נאָר די קירכע וועט פאַרטיק ווערן, וועלן אַהין אַראָפּקומען דער לערער מיט זיין ייִדיש ווייבל, זי וועט זיך שמדן און די ערשטע קריסטלעכע חתונה אין קירכע וועט זיין פון דעם געמישטן פּאָרל... קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי די על־טערן פון מיידל האָבן געפילט, דער גאַנצער קליינער ישוב האָט זיי מיטגעפילט.

מיטאַמאָל איז דאָס יונגע ווייבל אַראָפּגעקומען אין שטעטעלע אַריין. זי איז שוין געווען אין די הויכע מאָנאַטן. די עלטערן האָבן זי אויפגענומען גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט. אין הויז האָט מען זיך גענומען גרייטן צום נאָענטן קימפּעט. האָבן זיך ייִדן געערגערט: סטייטש און סטייטש! אַנדערע האָבן מלמד זכות געווען: כרחם אָב, עלטערן האָבן אַלעמאָל איינזען מיט קינ־דער, בפרט אַז זי האָט זיך דאָך נישט געשמדט, און אַ קינד פון אַ ייִדישער מאַמען איז דאָך אַ ייִד...

מיטאַמאָל איז אַרום דעם גאַנצן ענין שטיל געוואָרן. און האָט מען אַמאָל יאָ געשמועסט וועגן דעם פאַל, איז עס געווען מער אויפן ווונק ווי מיט ווער־טער. עפּעס ווי דאָ וואָלט געווען פאַרוויקלט אַ טיפע געהיימניש. די גע־שפּאַנטקייט איז נאָך געוואָרן גרעסער, ווען דער פאַריקער לערער איז מיט־אַמאָל צוריקגעקומען אין שטעטעלע. ייִדן האָבן מורא געהאַט אַז דאָ וועט דערפילט ווערן וואָס די קריסטן האָבן געזאָגט, די קירכע איז שוין געווען פאַרענדיקט, דאָס פאָרפאָלק איז געקומען אין שטעטעלע, הייסט עס, אַז דאָס ווייבל וועט זיך טאַקע שמדן און מען וועט פראַוווען אַ קריסטלעכן שלוב.

איניקע ייִדן מיט לאַנגע ווייסע בערד, פלעגן רעטזעלהאַפט שמייכלען ווען זיי פלעגן הערן אָט די שמועסן. עפּעס האָט מען געפילט אַז זיי פאַרבאַהאַלטן דאָ עפּעס אַ סוד, אָבער זיי פלעגן אויף אַלע פראַגעס ענטפערן: עט, מאַלע וואָס מען באַלבעט... זי וועט זיך נישט שמדן...

עס האָט לאַנג נישט גענומען און די אַל איז אַרויס פון זאַק. זי האָט זיך טאַקע נישט געשמדט, אָבער ער, דער לערער, דער קריסט, האָט זיך מגיר גע־ווען. אין גרויס געהיימניש האָט מען פאַרזאַמלט אַ מנין אין הויז פון דעם שוחט וואָס האָט געוווינט אין שטעטעלע, דאָרטן האָט מען דעם נייעם ייִדן אַריינגעפירט בבריתו של אברהם אָבינו, ווען די אָפּעראַציע האָט זיך פאַר־היילט איז ער אויך אין געהיים געקומען אין קאָלאָניע צו האָבן טבילה. און איז געוואָרן אַ פאָלנער ייִד. אברהם בן אברהם.

האָט שוין דעם ווייבלס פאָטער געמוזט ווידער פאָרן צום אינספּעקטאָר און בעטן מ׳זאָל דעם אײדעם זיינע אַריבערפירן צווישן ייִדן, אויב נישט אין שול פון דעם שטעטעלע איז, לכל הפחות, אין אַ שול פון ייִדישער קאָלאָניע; ייִקאָ־שולן זענען שוין דאַן אַריבער צו דער רעגירונג. און דער אינספּעקטאָר האָט נאָכגע־געבן, אַ ברירה האָט ער געהאַט? גיי פאַרטשעפּע זיך מיט ייִדישע עקשנים...

קאַפּיטל 41

צוויי „נוֹעווע דע כוליאָס"

די אַרגענטינער נאַציאָנאַלע ימים־טובים; פינף און צוואַנציקסטער מאַי און ניינטער יולי, פלעגן אין קאָלאָניע געפייערט ווערן מיט געהעריקן גלאַנץ און מיט פיל התלהבות. אַ געוויסן יאָר האָבן בעלנים אַפילו געוואָלט איינפירן אַ דריטן יום־טוב „קאַרנאַוואַל", האָבן זיי געקראָגן אַן אָפּשניט וואָס זיי האָבן געהאַט לאַנג צו געדענקען, פּאַטריאָטיזם — אדרבא ואדרבא. מיר זענען דאַנקבאַר דעם לאַנד וואָס האָט אונדז אַזוי פריינטלעך אויפגענומען און מיר פרייען זיך אין די טעג פון זיינע נאַציאָנאַלע ימים־טובים, אָבער איבערנעמען פרעמדע פירונגען, דאָס נישט! מיר בלייבן וואָס מיר זענען: ייִדן!

דער עיקר פאַראַד פלעגט פאָרקומען דעם ניינטן יולי, דער יאָרטאָג ווען עס איז אויסגערופן געוואָרן די אַרגענטינער זעלבסטשטענדיקייט. די שולן, שוין געווען דריי אין קאָלאָניע, פלעגן זיך קאָנצענטרירן אויפן קליינעם סקווער, מען האָט געזונגען דעם נאַציאָנאַלן הימן, קינדער האָבן דעקלאַמירט, געזונגען, געטאַנצט, געווען פאַרווילונגען פאַר דערוואַקסענע, פאַרווײַלונגען פאַר פעלד־מענטשן. וועט־געלויפן מיט די פיס אין אַ זאַק, פערד־געיעגן אויף אַראָפּצונעמען אַ רינגעלע וואָס איז געהאַנגען גאַנץ הויך איינגעקלעמט אין אַ שפּאַלט פון אַ קאָרקע וואָס איז געווען צוגעבונדן צום הויכן באַלקן פון אַ טריומף־טויער, סתם פערד־געיעגן אַאַז"וו. די געווינער פלעגן באַקומען פּרייזן: אַ פלעשעלע פּאַרפיום, אַ זיידן טיכל, אַנדערע קלייניקייטן. די קינדער פון קאָלאָניע האָבן זיך באַטייליקט אין די פאָלקס־שפּילן באַגלייך מיט אַלע. אַז „גאַוטשאָס" זענען זיי געווען אויסגעצייכנטע, האָבן געקענט אַלץ, פון איינברעכן אַ ווילדן אָגער ביז רייטן אויפן פלינקסטן פערד, פאַרוואַרפן אַ שלייף איבער אַ קאַלב אָדער יונגע קו וואָס לויפט העגדום־פּענדום, וואַרפן אַ מעסער, שיסן פון אַ רעוואָלווער און טרעפן אין ציל. הכלל „גאַוטשאָס"!

האָט בן־ציון פאַרגעדענקט צוויי אַזעלכע פייערונגען וואָס איז כדאַי צו דערציילן וועגן זיי.

אין קאָלאָניע איז געווען אַ יאַטל פון אַ יאָר פופצן. אַ „גאַוטש" אַ שם דבר. כאַטש ער האָט געטראָגן דעם עכט־ייִדישן נאָמען יאָסעלע. דאָס איז געווען אַ בחור אַ כוואַט, פלינק און פעיִק צו אַלץ, און אַזאַ איינער וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע. דאַרף זיך מאַכן אַז ער לויפט אין דעם

ניינטן יולי דעם וועט־געלויף פון רינגעלע און האָט אַלע שאַנסן עס אַראָפּ־צונעמען. אַז אַליין איז ער הויך און אויסגעשטרעקט ווי אַ טאָפּאָל־בוים, און רייט אויף אַ פערד אַן אַלאַסאַן, וואָס איז הויך, שטאַרק און פלינק, און איבּ־טערהייבן זיך אין פולן געלויף אויפן זאָטל איז ביי אים אַ שפּילעכל, מוז ער געווינען דעם רינגעלע־געלויף.

דאַרף זיך אין יאָסעלען אַנטשעפּען אַ קליין־געוווקסיקער גאַוטשל, וואָס האָט געריטן אויף אַ כפּריטנעם שוואַרצן פערדל, און אים איז נישט אַזוי גע־גאַנגען אין אַליין געווינען די קאַרעראַ, נאָר אין נישט דערלאָזן אַז יאָסעלע זאָל זי געווונען. פּונקט איז ער געפּאָרן אונטער יאָסעלען און אַלעמאָל ווען מען איז געלאָפן דורכן טריומף־טויער און יאָסעלע פלעגט אַ שפּרינג טאָן אַנ־צוטאָן ס׳רינגעלע אויפן שטעקעלע וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט, פלעגט אים דאָס „גאַוטשל״ געבן אַ שטויס הינטערווײַלעכץ מיט דער ברוסט פון זיין פערדל, דאָס רינגעלע פלעגט פון שטויס אַראָפּפאַלן און ס׳פלעגט זיך פאַרפירן אַ וויכוח ווער האָט באמת אַראָפּגענומען דאָס רינגע־לע, יאָסעלע ציי דער גאַוטש. די שפּיל האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, דער גאַוטש איז אַריין אין אַזאַרט און די זשורי האָט, בכדי אויסצומיידן מעג־לעכע קאָמפּליקאַציעס, באַשלאָסן אַז די פרעמיע קומט דעם גאַוטש.

יאָסעלע האָט עס נישט געקענט פאַרטראָגן. ווי אַ בליץ איז ער אַראָפּ פון פערד, באַלד האָט דאָס מעסער געפינקלט אין זיין רעכטער האַנט און מיט באַנומענע קולות האָט ער געשריגן: „מיינס וועל איך קיינעם נישט אָפּ־טרעטן!״ — וויפל די זשורי האָט זיך נישט באַמיט צו באַרויקן יאָסעלען, האָט עס נישט געהאָלפן. אפילו די רייד פון אַדמיניסטראַטאָר האָבן נישט געווירקט. אָבער עס איז געגנוג געווען איין געשריי פון פאָטער, אַז דער צע־יאַכמערטער יאָסעלע זאָל נאָכגעבן און זאָל פון פאַרדראָס אַוועק אין גאַלאָפּ אויטער דער קאָלאָניע אויף אויסצולאָזן זיין ווּט אין די אַרומיקע פעלדער. אין קאָלאָניע האָט מען לאַנג נאָכדעם קאָמענטירט די אויפפירונג פון יאָ־סעלען, טאָקע אַ „גאַוטש״ — אָבער דרך־ארץ פאַרן טאַטן: פאַרט אַ ייִדיש קינד.

בן־ציונען האָט זיך אויך שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון דער לעצטער „בוועוע דע כוליאַ״ וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאָלאָניע, וווהין ער איז געקומען צופאָרן פון דער שול ווו ער האָט געאַרבעט און וואָס האָט שוין גע־דאַרפט איבערגיין אין רשות פון דער רעגירונג. דער טאָג איז געווען אַ זו־ניקער נאָר אַ קאַלטער, נאָכן פאַראַד אויף דעם סקוועך פון קאָלאָניע איז דער עולם מער געזעסן אין דער היים. ס׳איז געווען צו קאַלט צו זיין צופיל צייט אין דרויסן.

פאַרנאַכטלעך־צו איז אין קאָלאָניע געוואָרן אַביסל אומרויִק. אין איין ווינקל פון קאָלאָניע האָבן גאַוטשאָס אָנגעהאַלטן זייערע פערד־געלויפן, דערביי איז געווען אַ שענקל. צוליב דער קעלט ווי צוליב דעם יום־טוב האָט חברה רעכט אַריינגעטרונקען און עס האָבן אויסגעבראָכן געשלעגן, די פּאָר פּאָליציסטן האָבן נישט געקענט איינשטעלן די צעיאַכמערטע שיכּורים. איינער אַ טויט־שיכּורער גאַוטש האָט זיך צעשריגן אַז מען זאָל זיך אַ שפּיל טאָן מיט די ייִדן, די עקספּלאָטאַטאָרס. מערסטנטייל זענען די גאַוטשאָס געווען אַרבעטער אויף ייִדישע פעלדער. ווי אַ בליץ האָט זיך די ידיעה צעטראָגן פון שטוב צו שטוב. מ'האָט אָנגעהויבן אַריינפּאַלן אין פּחד, עטלעכע צענדליק צעיושעטע גאַוטשאָס קענען אָנמאַכן צרות, אַז די פּאָליציי איז הילפלאָז. ווען די ידיעה האָט דערגרייכט צו בן־ציונען, איז ער אַרויס פון שטוב זען וואָס עס טוט זיך, קיין מורא האָט ער נישט געפילט, עס איז דאָך עפּעס ביי אונדז אין קאָלאָניע...

ביי דער פאַרגייענדיקער זון האָט ער דערזען פאַר זיך אַזאַ מין בילד: פון אַלע זייטן קאָלאָניע האָבן געאיילט ייִדישע בחורים אויף הויכע, פלינקע פערד. באַלד איז די גרופּע גאַוטשאָס אַרומגערינגלט געוואָרן ווי מיט אַן אייזערנעם רינג. בלויז איין זייט וואָס האָט געצייגט צום אַרויספאָר פון דער קאָלאָניע איז געווען אַביסל אָפן. אַ הילכיקע שטימע פון אַ קרעפּטיקן בחור האָט געלאָזט וויסן: חברה גלייך זאָלט איר פאַרלאָזן די קאָלאָניע! פאַרנעמט אייך פון דאַנען! וואָס פריִער אַלץ בעסער פאַר אייך. די האַלב־שיכּורע גאַוטשאָס האָבן געפּרוּווט זיך אויסטענהן; זיי מיינען דאָך נישט קיין בייז, עס איז יום־טוב, פאַרברענגט מען אַביסל. אָבער ווען די ייִדישע בחורים האָבן זיך צוגערוקט נענטער און אַ פּאַך געטאָן מיט די „רעבענקאַס" (קורצע רייטבייטשן) אויף דער חבריא, האָבן די גאַוטשאָס געמוזט נאָכלאָזן, שנעל איז מען אַרויף אויף די פערדלעך, מיט אַ הוק און פייף אַרויס פון קאָלאָניע און אַוועק אַהיים. אין קאָלאָניע איז שטיל געוואָרן.

און דאָס בילד פון דער מוטיקער ייִדישער זעלבסטשוץ אויף אַרגענטינער ערד איז אַזוי געבליבן איינגעקריצט אין זכרון ביי בן־ציונען, אַז דערמיט וויל ער שליסן זיינע זכרונות ווי אַ ייִקאַ־לערער.

אינהאַלט

הקדמה פון מחבר — 5

ערשטע טייל
ווילדגראָז אין סטעפּ

קאַפּיטל 1: ייִדישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד — 9
„ 2: „דאָלגאָזשדאַניק" — 13
„ 3: מעשה לאַנדע — 17
„ 4: חדר־יאָרן — 23
„ 5: איינער צום „איבעריקן" — 26
„ 6: דאָס פאַרהערן — 29
„ 7: „זינגער" — 32
„ 8: געזאַנגען — 37
„ 9: אין ישיבה אַריין — 42
„ 10: אין קאָלאָניע — 46
„ 11: ערשטע פאַרדינסטן — 50
„ 12: חורבן בית המקדש און חנוכת הבית — 54
„ 13: דער זיידע אברעמקע (אברהם) — 59
„ 14: דער רב ר' אליהו — 65
„ 15: אַ קאָפּיקע אַ הער — אַ קאָפּיקע אַ קוק — 70
„ 16: שרעק און פחדנים — 74
„ 17: ייִדישע גבורה — 80
„ 18: נאָך אַמאָל ישיבה — 87
„ 19: אַ נאַכט פון גרוילן אין רבינס קלויז — 91
„ 20: אומהיימלעכקייט אין דער פרעמד — 95
„ 21: אין די פריַע פאַרטאָגן — 99
„ 22: בר מצווה — 103
„ 23: פיליפּ פיליפּאָוויטש — 107
„ 24: רעוואָלוציע און קאָנסטיטוציע — 112
„ 25: קאַליגראַפיע און בוכהאַלטעריע — 117
„ 26: צום פעטער אין דאָרף — 121
„ 27: אין סאַד פון „פּאָפּעטשיטיעלסטוואָ" — 128
„ 28: ווינטער אין דאָרף — 133
„ 29: דאָס בערגל פון ליבע — 138
„ 30: מיכאַיל — 143
„ 31: משומדים — 149
„ 32: וועניאַמין גריגאָריעוויטש — 155
„ 33: פעלצלעך און טולעפּלעך — 160
„ 34: אויף אַ ציוניסטישער טריבונע — 164

קאַפּיטל 35: איבער גבירישע סאַליעס — — — — — — — — — — — — 171
„ 36: דיסקוסיעס — — — — — — — — — — — — — — — — — 176
„ 37: יידיש טעאַטער — — — — — — — — — — — — — — — — 182
„ 38: ביי שטילע וואַסערן — — — — — — — — — — — — — — 186
„ 39: סדר נשים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 192
„ 40: אַ חתונה אין דאָרף — — — — — — — — — — — — — — — 196
„ 41: אַן אַנטוישטע — — — — — — — — — — — — — — — — — 202
„ 42: אַ פריילעכער שבת אין קאָלאָניע — — — — — — — — — 207
„ 43: פון שבת נאָך שבועות ביז שבת נחמו — — — — — — — — 212
„ 44: אַ גוטער פריינט גאַרײַעט אַ שטעלע — — — — — — — — 218
„ 45: וואָלף אָסיפּאָוויטש — — — — — — — — — — — — — — 222
„ 46: „אונדזער יונה" — — — — — — — — — — — — — — — — 226
„ 47: אַ חנוכה־אָוונט מיט ש. ש. פרוג — — — — — — — — — — 230
„ 48: מיט קאָלאָניסטישער יוגנט — — — — — — — — — — — — 235
„ 49: יוסטע באַלעבאַטים — — — — — — — — — — — — — — — 239
„ 50: „מיר זענען אויף דיר גוזר" — — — — — — — — — — — — 243

צווייטע טייל

אַ לערער אין די יקאַ־קאָלאָניעס

קאַפּיטל 1: די שרעקלעכע נאַכט — — — — — — — — — — — — — — — 251
„ 2: ערשטע וואַנדערונגען — — — — — — — — — — — — — — 256
„ 3: אונטער ליכטיקע הימלען — — — — — — — — — — — — — 261
„ 4: ערשטע שווערע טריט — — — — — — — — — — — — — — 265
„ 5: דער „שווינדל" — — — — — — — — — — — — — — — — — 270
„ 6: דער גובערנאַטאָר און דער רב — — — — — — — — — — — — 276
„ 7: עס ווייזט זיך פּרנסה — — — — — — — — — — — — — — — 281
„ 8: אויף אַ לערער־שטעלע ביי דער יקאַ — — — — — — — — — — 286
„ 9: אין אַ נייעם ווינאָרט — — — — — — — — — — — — — — — 291
„ 10: דאָס טעגלעכע ברויט — — — — — — — — — — — — — — — 296
„ 11: שבת אויף דער „ליניע" — — — — — — — — — — — — — — 300
„ 12: סעניאָר דירעקטאָר — — — — — — — — — — — — — — — — 304
„ 13: די ערשטע נסיעה אין קאָלאָניע — — — — — — — — — — — 308
„ 14: מיט קאָלאָניסטן און זייער יוגנט — — — — — — — — — — — 312
„ 15: אַ לעקציע פון אַ תלמיד — — — — — — — — — — — — — — 317
„ 16: צוריק אין קאָלאָניע — — — — — — — — — — — — — — — 321
„ 17: נייע שוועריקייטן — — — — — — — — — — — — — — — — 326
„ 18: גאָלד שיינט פון דער בלאָטע — — — — — — — — — — — — 331
„ 19: צוויי טעותים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 335
„ 20: מען פאַרלייגט אַ גרונטשטיין — — — — — — — — — — — — 338
„ 21: מיט דיסקוסיעס און אָן דיסקוסיעס — — — — — — — — — — 342
„ 22: אַ מעשה מיט אַ שטוב — — — — — — — — — — — — — — — 347
„ 23: אין קאַלטע ווינטער־נעכט — — — — — — — — — — — — — 351
„ 24: טאַלאַנטן און קונסט — — — — — — — — — — — — — — — 355
„ 25: תורה און וויסן — — — — — — — — — — — — — — — — — 359
„ 26: נייע האָריזאָנטן — — — — — — — — — — — — — — — — 363
„ 27: שניט־צייט אין אַ יידישער קאָלאָניע — — — — — — — — — 368

קאַפּיטל 28: איבער קאָלאָניסטישע ישובים — — — — — — — — — — — — 373

„ 29: מיט לערער, מלמדים און לומדים — — — — — — — — — — — 377

„ 30: אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל — — — — — — — — — — — — 382

„ 31: אויף אָ דירעקטאָר־פּאָסטן — — — — — — — — — — — — 386

„ 32: אין אַן אָרימאַנסקער שולע — — — — — — — — — — — — 391

„ 33: אַ מאָדנער דירעקטאָר — — — — — — — — — — — — — 395

„ 34: די „שפּיגל־שאַפע" — — — — — — — — — — — — — 400

„ 35: ימים נוראים אין קאָלאָניע — — — — — — — — — — — — 404

„ 36: באַלעבאַטישקייט — — — — — — — — — — — — — — 408

„ 37: דער קאָלאָניע געשעט אַן עוולה — — — — — — — — — — — 412

„ 38: דער סוף פון אַן אידיליע — — — — — — — — — — — — 416

„ 39: צוריק אויפן אַלטן פּלאַץ — — — — — — — — — — — — 421

„ 40: אַנטלאָפן און צוריקגעקומען — — — — — — — — — — — — 424

„ 41: צוויי „נועווע דע כוליאָס" — — — — — — — — — — — — 427

קיום
פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

פארלאג־אדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים-דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ-ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות-יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף וויץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן (אויספאַרקויפט)
20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)
22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן
23. חיים גרינבערג — ייד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן
25. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (באַנד 2)
26. שלמה ביקל — רומעניע
27. לייב שפּיזמאַן — געשטאַלטן.
28. מ. שענדעריי — דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי.

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia

אין גיכן דערשיינען:

מענדל מאַן — על נהרות פּוילן.
לעאָן וויינער — געזאַנגען פון גערעאַנגל און נצחון.
חיים גרינבערג — בלעטלעך פון אַ לעבן.

Moisés Hess: Roma y Jerusalem (Versión castellana y estudio preliminar de LEON DUJOVNE).

Este libro se terminó de imprimir en el mes de abril de 1962, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
M. SENDEREY
Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones **"KIUM"**

M. SENDEREY

VICISITUDES DE UN HOMBRE COMUN (B. DOBRIANSKY)

BUENOS AIRES

1962